STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04608

IN GERANGL

Ichak Lew

*Permanent preservation of this book was made possible
by George & Gertrude Sladnick
in honor of their daughters,
Terrie Raphael and Carolyn Sladnick & their families*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק לעוו

אין געראנגל

געקליבענע שריפטן

רעדאַקציע: ז. אַבראַמאָוויטש, י. זרבבל, דניאל לייבל (אלכסנדר)

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ביבליאָטעק
תל־אביב, ישראל

1958

צוגעגרייט צום דרוק דורכן רינגעלבלום־אינסטיטוט
דערשינען אין פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק

Ichak Lew
IN GERANGL — GEKLIBENE SHRIFTN
Publishing I. L. Peretz Library,
31 *Allenby Str. Tel-Aviv, Israel.*

נדפס בישראל
Printed in Israel 1958

©

יצחק לעוו / אין געראַנגל — געקליבענע שריפטן
אַרויסגעבער: פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק
תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

דפוס „אורלי״, רח׳ יסוד המעלה 27, תל־אביב.



יצחק לעוו

פון די אַרויסגעבער:

אין די ווייטערדיקע בלעטער וועט דער לעזער־עולם געפינען אַ טייל פון די כתבים, וואָס יצחק לעוו האָט געשריבן אין משך פון זיין אימפעט־פולן פּאַרטיי־לעבן — בלויז אַ געקליבענער טייל פון די הונדערטער מאמרים אין יידיש און אין העברעיש, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַלע לענדער, ווו ס'איז דערשינען אַ פּועלי־ציוניסטישע שריפט. לעוו האָט רעאַגירט אויף אַקטועלע דער־שיינונגען אין יידישן און אַלגעמיינעם אַרבעטער־לעבן. אַ צאָל אַרטיקלען זענען געווען אויסגערעכנט אויפן לויפנדיקן מאָמענט, אַדער זענען געווען כאַראַקטע־ריסטיש פאַר אַ באַשטימטן אָרט. דאָ זענען געבראַכט געוואָרן אַרבעטן פון אַ מער זויערנדיקן ווערט.

צו אַ צאָל אַרבעטן האָבן מיר נישט געקאָנט דערגרייכן, נישט געקוקט אויף די אָנשטרענגונגען פון די אַרויסגעבער.

אויך אין דער ביבליאָגראַפיע פון זיינע אַרטיקלען, וועלכע מיר ברענגען צום סוף, פעלן אַ סך פון זיינע אַרבעטן, פאַרעפנטלעכטע אין פאַרשידענע אויס־גאַבן פון דער פועלי־ציון וועלט־באַוועגונג.

מיר זענען זיכער, אַז אין די אָפּגעקליבענע מאמרים איז פאַראַן דאָס באַזונדערע און אייגנאַרטיקע, וואָס האָט אויסגעצייכנט לעווס פּובליציסטיק, סיי בנוגע טעמאַטיק, סיי בנוגע דעם אופן און כאַראַקטער פון זיין רעאַגירן אויף דערשיינונגען, און סיי בנוגע זיין ספּעציפישן סטיל.

דער דאָזיקער באַנד כתבים ברענגט אַרויס שאַרף און קלאָר לעווס גייסטיקע געשטאַלט, דעם קרייז פון זיינע אידעאישע אינטערעסן און דעם אינערלעכן פלאַם פון זיין ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט.

אָפּגעקליבן די אַרטיקלען און אויסגעשטעלט אין קאַפּיטלען האָט ח' דניאל לייבל און מיר דריקן אים אויס דערפאַר אונדזער פולע אָנערקענונג.

מיר פאַרצייכענען דאָ דעם חברשן אויסהעלף מצד דעם ארכיון העבודה הן דורך מאַטעריאַלן און הן דורך פאָטאָגראַפיעס.

זאָלן די כתבים דינען ווי אַ גייסטיק דענקמאָל דעם אומדערמידלעכן קעמפער, און ווי אַ סטימול פאַר די יידישע אַרבעטער צו פירן ווייטער דעם געראַנגל פאַר דער וויזיע פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, פאַר וועלכן יצחק לעוו האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן.

אין גערּאַנגל

די וואָרצלען פון דער פועלי־ציוניסטישער באַוועגונג זענען נישט געווען די אָדער אַנדערע אייגנשאַפטן פון אויסדערוויילטע יחידים, ווי גרויסע אויך זייער קעגנזייטיקע מעלות עס האָט נישט געזאָלט אויפשטראַלן זייער אינדיווידועלע התגלות און באַצויבערן די מיטצייטלער. די יידישע ווירקלעכקייט, ווי זי ווערט פאַרענדערט אין איר געשיכטלעכער אומאויפהערלעכקייט — זי איז פון תמיד געווען אונדזער שפרודלדיקער מקור; פון איר האָבן מיר געזויגן אונדזערע זאַפטן, דעם חיות פון דער באַוועגונג, איר פרישקייט און דינאַמישקייט.

צום גליק האָבן זיך אין אונדזער ראשונים־משפחה גריילעך פאַרזאַמלט און צונויפגעטראָפן יחידים, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אייגנאַרטיקע מעלות, און אינעם שותפותדיקן שאַפן האָבן זיי מזכה געווען דעם קאָלעקטיוו מיט אַן אוצר אייגנס — אַנאַליטישע פעיקייטן, טעאָרעטישע בקיאות, עליישע חריפות, עטישע זויבערקייט און אינדיווידועלער אידעאַליזם. אין סך הכל האָט זיך דורך דעם באַרייכערט דער גייסטיק־פסיכישער פאַרמעג פון דער באַוועגונג.

אודאי האָט יעדער יחיד פאַרמאָגט אויך זיינע ספעציפישע שוואַכקייטן און אפשר אויך פאַרדריסלעכע קליינלעכקייטן. האָבן זיי זיך אינעם קאָלעקטיוו אויסגעמישט, דורכגעזיפּט און געלייטערט אומגערן, כמעט אָן ווייטיק. אין פּראָצעס פון אָרגאַנישן אָפּקלייב איז באַזייטיקט געוואָרן די סרח־העודפדיקע אינדיווידועלע פסולת און ס'האָט זיך אויסגעקוואַלט דער קאָלעקטיווער אמת, ס'האָבן זיך אויסגעשמידט די לוחות־הברית פון דער פועלי־ציוניסטישער תורה, ווו ס'איז פאָרמולירט די אידעע און געצייכנט די טאַט פון רעוואָלוציע אין יידישן לעבן, אין וועלכער עס איז געשיכטלעך פאַרוועבט דער גורל פון יחיד און כלל.

ווינציקע, געציילטע, האָבן ווי אַקושערן זיך מטפל געווען ביי דער געבורט פונעם פּראָלעטאַריש־ציוניסטישן פענאָמען אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. צו זייער ערשטן מנין האָבן זיך אין גיכן מצטרף געווען יונגערע, וואָס האָבן פאַרמאָגט העזה און רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, און אַזוי איז אויפגעריכט געוואָרן ציגל נאָך ציגל, שטאַפּל נאָך שטאַפּל דער בנין פון דער באַוועגונג. זי האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט געדאַנק, אַבסטראַקטע נוסחאות און טעאָרעטישע קאָנסטרוקציעס. ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע נאָך אָ ר ג אַ נ י־

זאַציע, קאָנצענטרירטע אין ראַיאָנען, ביז ס׳האָט זיך צעמענטירט אַ געשלאָסענע סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט דערצויגן דעם יידישן אַרבעטער צו קלאָרן קלאַסן־באַוווסטזיין און רעאַלן פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם אין געראַנגל פאַר פולע רעכט און גלייכווערט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער אַרמיי.

יאָרן פון שטייגנדיקע און צוריקגעפאַלענע רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס, יאָרן פון טייכן יידיש בלוט און טרערן דורך אַנטיסעמיטישע רדיפות און כוליגאַנישע פּאָגראָמען, יאָרן פון בהלה׳דיקער וואָגלעניש און מאַסן־וואַנדערונג אין אַלע עקן וועלט און פון אידעאַליסטישער פּיאָנערן־עליה קיין ארץ ישראל. אַ געווירבל פון דערשיינונגען און פאַרענדערונגען האָבן געפאָדערט פון דער יונגער באַוועגונג טיפערן אַנאַליז פון געשיכטלעכע פּראָצעסן און דיקטירט די נויטווענדיקע פּראָגנאָזן פון ווייטערער אַנטוויקלונג, כדי צו האָבן אַן אָריענטיר־ליניע פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס ביים פעסטשטעלן זיינע אויפגאַבן אין דער טאָג־טעגלעכקייט אין הסכם מיט זיין היסטאָרישן אידעאַל.

יצחק לעוו איז געווען צווישן די געציילטע, וואָס האָבן זוכה געווען צו פאַרנעמען אַ צענטראַלן אָרט אין דער באַוועגונג צוליב זיינע מעלות און הגולות; צוזאַמען מיט אַנדערע אויסדערווײלטע האָט ער איר צוגעגעבן קאָלאָריט און אימפּעט, בעת זי האָט אין פּוילן אויפגעוויקלט אירע פליגל צום געוואַגטן אַרויספלי אין די אומבאַקאַנטע ספערן פון יידישער און נישט־יידישערווירקלעכקייט.

לעוו האָט געהאַט די זכיה צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין געשטאַלטן און רעגולירן דעם פּראָצעס פון רייפקייט פונעם פּועלי־ציוניזם פאַר רעאַלע מעשים און פּאָליטישער טעטיקייט. ער האָט געהערט צו דער ענגער גרופּע, וואָס האָט אין פּוילן מאַניפעסטירט דעם אָרגאַנישן וווקס פון דער פּאַרטיי, געהאָלפן איר שטעלן זיך אויף די פיס, געמאַכט זיכער און פעסט איר טראָט, ביז זי האָט אַליין זיך דערקענט און געצוווּנגען אַנדערע צו אָנערקענען זי ווי אַ זעלבשטענדיקן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן פאַקטאָר אין דער אַרבעטער מחנה און אין דער יידישער פרייהייטס־באַוועגונג.

יצחק לעוו איז געווען די פאַרקערפּערונג פון דער באַוועגונג אין פּוילן. אין איר אויפגעוואַקסן, זיך פאַנאַנדערגעבליט, אויסגעטראָגן אַלע אירע דאגות און צרות, אויפגעגאַנגען מיט איר אויפשטייג און רעפּרעזענטירט איר פאַרוואָרצלטקייט אין דער שוואַרץ־ערד פון דער יידישער גרויער פאָלקס־מאַסע.

אַ געזונטע יאָדערדיקע נאַטירלעכקייט איז געווען זיין יידישקייט, פּונקט ווי זיין פּראָלעטאַרישקייט האָט נישט געשטאַמט פון ביכער און לעקציעס, נאָר זיך גענערט פון דער האָרעפּאַשנער יידישער וואַרשע, וועמענס טריי קינד און פאַרטרעטער ער איז געווען ביז צו זיין לעצטן טאָג.

ס׳איז געווען צו באַוווּנדערן זיין אַרבעטסזאַמקייט און אומדערשראָקנקייט אין די געפערלעכסטע סיטואַציעס פון פּראָלעטאַרישן קאַמף אין די ספּעציפישע פּוילישע באַדינגונגען. אומבויגזאַם אין זיינע איבערצייגונגען, שטאָלץ אויף זיין

נאַציאָנאַלן שטאַט, איז ער געווען דער ווירדיקער שליח־ציבור פון דער ייִדישער אָרעמשאַפט און אַרבעטערשאַפט אין מאָמענטן, ווען ס׳איז געשטאַנען אין קאָן זייער קיום און גורל. ער האָט זיך תמיד שנעל אָריענטירט אין קאָמפּליצירטע לאַגעס און געהאַנדלט אַנטשידן און פעסט.

קיינמאָל זיך נישט געהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך פון פּראָבלעמען, נאָר טיף זיך געגרונטעוועט אין זייער תוך און זיך נישט פאַרשטייפט אויף אָנגענומענע דאָגמעס. ס׳האָבן אים נאָכאַנאַנד געמאַטערט ספקות און ער האָט נישט פאַרמאַכט די אויגן אויף ווידערשפּרוכן אין לעבן און צווישן טעאָריע אוןווירקלעכקייט; געקוקט דעם אמת אָפן אין די אויגן און אים אָנגענומען אַפילו אין זיין ווייטיקלעכער אַנטפּלעקעניש.

ער איז געווען פאַרליבט אין דער באַוועגונג מיטן גאַנצן פייער פון זיין שטורמישער נאַטור, איר זיך אָפּגעגעבן מיט אַלע זיינע פעיקייטן און כחות, אָבער קיינמאָל נישט באַטראַכט זיך אַלס איר קרבן, נאָר הויך געשעצט דאָס גליק, וואָס זיין פּאַרטיי־אַרבעט האָט אים צוגעטיילט פולע הויפנס דורך זיין פאַרהיימישן זיך מיט די עכטע בויער און שאַפער פון נייעם טריומפירנדיקן לעבן.

לעוו האָט פאַרמאָגט אויג און אויער אויך פאַרן יחיד אין דער באַוועגונג, פאַר זיינע נויטן און באַדערפענישן. ער האָט נישט מחלל געווען דעם באַגריף חבר, נאָר אים אָנגעפילט מיט שיינעם קערנדיקן לעבנס־תוכן.

*

יצחק לעוו איז געבענטשט געוואָרן מיטן אימפּעט און דינאַמיק פון אַ בויער. ער האָט געבויט אָרגאַניזאַציעס, פּראָפ.־פאַריינען, קאָאָפּעראַטיוון, שולן, ספּאָרט־קלובן, אַרבעטער־היימען,ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, איז אין דעם געווען סיסטעם, פּלאַן, ציל־אויסגערעכנטקייט, אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקע וויזיע, אַ ווייטערע פּערספּעקטיוו. אין יעדן אויפטו זיינעם איז געווען פאַרנעם און פאַרמעסט, דער אָטעם פון אַ היסטאָרישן אידעאַל. ס׳זענען געווען רינגען פון איין גורלדיקן ווערק, דאָס ווערק פון איבערבויען אין סאַמע יסוד דאָס ייִדישע לעבן. לעוו האָט נישט געוואָלט וויסן פון שטערונגען, פון אָפּהאַלטן, און ס׳האָבן אים נישט צעטומלט און געמאַכט אָפּהענטיק שטרויכלונגען און דורכפאַלן. ער האָט ריזיקירט און איינגעשטעלט, נישט געוואָלט צוריקטרעטן, ווייל אין אים האָט געלעבט די זיכערקייט אין ענדגילטיקן נצחון פון זיין אידעע.

ער איז געווען אַ מענטש פון העזה און וואַגעניש. האָט ער כסדר געשטויסן פאָרויס, אַליין זיך געשפּאַרט אין די שמאָלע געסלעך, געהאַקט אין פאַרמאַכטע טויערן און געשריגן צו טויבע ווענט. לויט זיין אינערלעכן מהות אַ מאַן פון שטרענגסטער דיסציפּלין, האָט לעוו נישט זעלטן איבערראַשט מיט איניציאַטיוו אויף פערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, געשטעלט אין קאָן אייגענעם פּרעסטיזש, ווען ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז די באַוועגונג גרייזט און מאַכט אַ פאַטאַלן פעלער, וועלכן ס׳וועט אוממעגלעך זיין צו פאַרריכטן שפּעטער.

ער האָט נישט געקאָנט סובל זיין פּאַסיווקייט און לאַנגזאַמקייט. ער האָט געבראַוזט מיט אומאויסשעפּלעכער דינאַמיק און געקעמפט עקשנותדיק פאַר זיינע מיינונגען; ווי אַ טיף גלויביקער זיך געראַנגלט פאַר זיינע אמתן, וואָס וועלן, לויט זיין איבערצייגונג, סוף כל סוף אָנגענומען ווערן אויך דורך דער מערהייט. האָט ער געהאַט דאָס גרויסע גליק און באַפרידיקונג, וואָס כמעט תמיד האָט ער זוכה געווען צו דעם הכשר און הסכם פון דער באַוועגונג אויך אין פאַלן, ווען ער האָט זיך געזען אויף אַ מאָמענט געצוווּנגען צו זיין אין אָפּאָזיציע צו דער אָנפירונג.

לעוו האָט זיך אויסגעקענט אין ציפּערן און זיך גוט פאַרשטאַנען אויף דער שפּראַך פון עקאָנאָמישע פּראָצעסן. האָט ער אויפגעציטערט פאַר די אויסזיכטן, וואָס די יידישע ווירקלעכקייט האָט צוגעזאָגט אין די גלות־לענדער; ער האָט דייטלעך זיך אויסגעמאָלן די פּערספּעקטיוון פון יידישער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפטלעכער אָנמעכטיקייט און פּאָליטישער אומבאַהאָלפנקייט, טראָץ מאָמענטאַלע דערפאָלגן און געוויסע פּאָזיציעס פון יחידים און גרופּעס. ער האָט פאָרויסגעזען בחוש, ווי די דערגרייכונגען וועלן זיך פּאַטאַל ארויסגליטשן פון די הענט, ווי נאָר עס וועט זיך ענדערן די גינסטיקע קאָניונקטור.

פון דאַנען האָט געשטאַמט לעווס כלומרשטער דואַליזם אין זיין פּאָליטישער טעטיקייט. ער דערשיינט ווי דער שטענדיקער קעמפער פאַר פולע רעכט אין גלות. מיט ענטוזיאַזם און מסירת נפש איז ער אַקטיוו ביים אויפשטעלן סאָציאַלע און קולטורעלע פּאָזיציעס אין די וווין־לענדער, און אין דערזעלבער צייט טרעט ער אויף מיט לייב און לעבן ווי אַ פּלאַמיקער אומקאָמפּראָמיסלעכער „פּאַלעסטינינעץ״, וואָס פאָדערט אַלץ ברייטערע ראַמען פאַר באַלדיקער „פּאַלעסטינע־אַרבעט״.

אין פולער טריישאַפט צו זיין לעבנס־דעוויז: אומר ועושה, האָט ער נישט געוואָלט וואַרטן קיינמאָל אויף אַ שעת הכושר, נאָר באַשטאַנען אויף באַלדיקער פּראַקטישער רעאַליזאַציע פון דער אידעע, שטענדיק און אומעטום.

אַליין דורכגעדרונגען ביז אין די טיפסטע טיפעניש פון זיין כאַראַקטער מיטן גייסט פון חלוציזם, האָט ער נישט געוואָלט וואַרטן ביז עס וועלן צוגעגרייט ווערן אין אַ ספּעציעלער הכשרה יוגנטלעכע פון גלות, כדי צו עולה זיין אַלס חלוצים קיין ארץ־ישראל. ער האָט געקעמפט מיט פאַרביטערונג און פאַנאַטיזם פאַר די רעכט פון פאַראַנענע אַרבעטער אויף עליה. זיי פאַרמאָגן „מבטן ומלידה״ דעם באַפרייונגס־אידעאַל. אין זיין נאָענטער אינטימער באַרירונג מיט מאַסן יידישע אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס האָט לעוו דערקענט דעם אומגעצוימטן פאַרלאַנג זייערן צו עולה זיין קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרט איבערגעשמידט צו ווערן סאָציאַל און איבערגעשטאַלטן זייער לעבן אויף אַ נייער באַזע, אויף דעם יסוד פון דער נאָרמאַלער סטראַטעגישער באַזע פון אַן אייגענער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט.

לעוו האָט געשטורעמט די פאַרהאַקטע טויערן פון די אָפיציעלע ציוניס־

טישע פּאַלעסטינע־אַמטן, ווו מ׳האָט נישט געוואָלט געבן קיין סערטיפיקאַטן פאַר לינקע פּועלי ציון. אָבער ער האָט זיך נישט באַגנוגנט דערמיט און אַליין אויס־געפונען אומוועגן פאַר אומלעגאַלער פּועלי־ציוניסטישער עליה; אַליין, כמעט אויף אייגענער אחריות, אָן לכתחילהדיקע באַשלוסן פון די אָפיציעלע פּאַרטיי־אינסטאַנצן, געפירט הונדערטער חברים מיט עליה ב׳ קיין ארץ־ישראל.

אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד געפינען זיך אַרבעטער, וואָס זענען אַהער געקומען נאָר אַ דאַנק לעווס איניציאַטיוו און ריזיקע. זיין אידעישע גראַדליניקייט און אָרגאַניזאַציאָנעלע אומדערשראָקנקייט האָבן פאַרשריבן אַ פּרעכטיק בלעטל פון לינקע פּועלי־ציון אין דער עליה קיין ארץ־ישראל אין די שווערסטע צייטן פון בריטישן מאַנדאַט.

*

יצחק לעוו איז געווען אַ קעמפער אויך מיט וואָרט און פעדער. עטלעכע צענדליק יאָר האָט לעוו אַטאַקירט די פעסטונגען פון פּוילישער רעאַקציע און יידישער אַסימילאַציע דורך זיינע אַרויסטרעטונגען אין וואַרשעווער שטאָט־ראָט, אַרבעטער־ראָט און יידישער קהלה, אויף קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן פון יידישע און פּוילישע אַרבעטער. ער איז געווען אימפּעטיק און ניכטער, שניידיק און אָנגרייפעריש אין זיין פּאָלעמיק. נישט געניצט קיין זיידענע הענטשקעס לגבי חוצפּהדיקע קעגנער און נישט געווען איבערקלייבעריש אין אויסדרוק לגבי פאַלסיפיצירער פון פּראָלעטאַרישע ווערטן. ער האָט געהאַט גערן דעם פּשוטן פאָלקס־מענטש, דעם געזונטן חי־וקיים, זיך פאַרשטאַנען אויף זיין לשון און אַפּעלירט צו זיין געמיט.

לעוו האָט געשריבן אַ סך איבער אַלע ברענענדיקע פּראָבלעמען פון יידישן און אַרבעטער לעבן. זיינע אַרטיקלען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַקטועלקייט און גרינטלעכקייט. ער האָט נאָכאַנאַנד געשטודירט די פראַגן, וואָס האָבן געזאָלט לויט זיין מיינונג, אינטערעסירן די יידישע אַרבעטערשאַפט, און זיין השפּעה אויף די לייענער איז געווען שטאַרק.

ער איז געווען באַליבט ביי די חברים, ביי די יידישע פאָלקס־מענטשן אין פּוילן און אין ארץ ישראל, ווו ער האָט געלעבט די לעצטע יאָרן. מ׳האָט אין אים געפילט דעם אויפריכטיקן אַרבעטער־טוער און קעמפער, וואָס ווייסט נישט פון האַלבקייטן און פּשרות. מ׳האָט אים געטרויט, מ׳האָט זיך אויף אים פאַרלאָזט.

האָט ער אַ גאַנץ לעבן אויסגעפירט שליחותן: פון דער פּאַרטיי און פון דער פראָפ.־באַוועגונג, פון דער שול־אָרגאַניזאַציע און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין לאַנד און אין חוץ לארץ, אומעטום האָט ער געוווּנען חברים און פריינט, מיטגייער און מיטקעמפער.

לעוו האָט די לעצטע יאָרן שטאַרק געליטן פסיכיש: ס׳האָט געדריקט אויף זיין געמיט די געשאַפענע אַטמאָספער אין דער „פאַראייניקטער״ פּאַרטיי. ער איז נישט געווען געוווינט אין משך פון צענדליקער יאָרן צו ליגנערן מיטן אייגענעם

געווען. פאַר אים איז די באַוועגונג געווען אַ כח, וואָס דערציט מאָראַליש, דער־הויבט גייסטיק דעם חבר און לערנט אים צו אויפנעמען קריטיש מיינונגען און דערשיינונגען, נישט פאַרלאָזנדיק זיך בלינד אויף דעם, וואָס „דער רבי האָט געהייסן". ער האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט אויספּאָלגן דיקטאַטן, וועלכע זענען פּוגע די עטישע שטאַנדהאַפטיקייט פון דער יוגנט און צעשאָקלען איר אידע־אישע אויסגעהאַלטנקייט.

האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט שטייגנדיקער פאַרביטערונג, און פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעפינקלט די עצבות פון אומבאַפרידיקטקייט גראָד אין ארץ־ישראל, ווו ס'האָט זיך אויפגעוויקלט די מעגלעכקייט צו ווערן דער פירנדיקער כוח פון דעם אויפגעקומענעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אין אייגענער מדינה. לעוו איז געווען דורכגענומען מיט אומגעשטילטן אומרו פאַר דעם גורל פון דער באַוועגונג, און דער מוטיקער קאַמפּסמאַן האָט מורא געהאַט פאַר די שקיעה־שטראַלן, וואָס ציען זיך צו דער פאַרטיי צוליב די אויפגעבלאָזענע כלומרשט רעוואָלוציאָנערע אילוזיעס, אין סתירה צו די האַרטע קלעפּ, וואָס די פאַרשטייער פון דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרגן האָבן געהאַגלט איבערן קאָפּ פון יידישן פאָלק און זיין באַפרייונגס־אַוואַנגאַרד.

נישט אַנדערש, אַז אָט די שטימונג זיינע האָט צוגעאיילט זיין טויט געציילטע טעג נאָך דעם, ווי ס'איז אַוועקגעריסן געוואָרן יוסף ראָזען. אינעם קאָלעקטיוו האָט ער אויפגעבליט מיט זיין פול גייסטיק לעבן — און דאָ, אינעם קאָלעקטיוו האָט ער זיך אָנגעבראָכן.

יצחק לעוו האָט זיך קיינמאָל נישט מייאש געווען, נישט אונטערגעגעבן דער שטימונג פון פאַרצווייפלונג. ער איז געווען אַ טיפער מאמין, געגלויבט אין יידישן אַרבעטער, אין יידישן פאָלק, אין אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס, אין דעם אמת פון סאָציאַליסטישן אידעאַל, וואָס וועט סוף כל סוף זיגן און דורכדעם אויך גאַראַנטירן דעם קיום פון דער סאָציאַליסטישער מדינה ישראל.

ער איז אַוועק צו פרי. ער האָט נאָך פאַרמאָגט כוחות צו לעבן. עס האָבן נאָך געוואַרט אויף אים אויפגאַבן און אַרבעטן, וואָס דוקא ער איז געווען מסוגל זיי דורכצופירן.

וואַקסט אַזוי אונדזער אייגענער, סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער בית־עולם. איינער נאָכן אַנדערן ווערן געבראַכט צו אייביקער רו, די פירער־לערער, די קעמפער, וואָס האָבן פאַרקערפּערט אין זיך דעם אומרו פון דער באַוועגונג.

וועט די באַוועגונג איינזאַפּן אין זיך זייער אומרויקן גייסט און זיי וועלן לעבן ווייטער אין איר. זי מוז פול אויסלעבן זייער לעבן, ווי זיי האָבן פול געלעבט אין איר לעבן.

י. זרבבל

לעבן און קאַמף פון יצחק לעוו

(ביאָגראַפישע שטריכן)

יצחק לעוו איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע דעם 20־טן יולי 1891. זיין פאָטער איז געווען אַ העברעישער לערער, אַ משכיל, האָט ער געשיקט דעם זון לערנען אין אַ „חדר מתוקן" — די איינציקע מעגלעכקייט פון אַ מער מאָדערנער יידישער דערציִונג אין יענע יאָרן. ווילנדיק פאַרזיכערן דעם זון מיט אַ בעסערער פּאָזיציע אין לעבן, האָט ער אים געשיקט אויך אין אַ האַנדלס־שולע, וועלכע לעוו האָט געענדיקט. אָבער דער יונגער יצחק האָט נישט געהאַט קיין איבעריקע נטיה צום האַנדל.

זייענדיק אויסגעבונדן מיט דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט, איז ער באַלד אַריין אין דער אַטמאָספערע פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג און פרי געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער אונטערערדישער פועלי־ציון־באַוועגונג. אין עלטער פון 21 יאָר, אַלס מיטגליד פונעם וואַרשעווער „קאַמף־פאַריין", וואָס איז געווען אַ פעסטונג פון אַסימילאַציע, טרעט ער אַריין אין דער פּאַרטיי פועלי־ציון, און ווערט באַלד אַרויסגערוקט אין דער ערשטער ריי פון איר אַקטיוו.

דאָס זענען געווען יאָרן פון דער שווערסטער רעאַקציע אין דער צאַרישער אימפּעריע, נאָך דער דערמאָרדונג פון סטאָליפּין אין קיעוו אין יאָר 1910. מיליטער־געריכטן און טויט־אורטיילן אויף שריט און טריט. פאַרשיקונגען קיין סיביר און לאַנגיאָריקע תפיסות האָבן געדראָט יעדן איינעם, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן ביי סאָציאַליסטישער טעטיקייט, און די אַמאָל ברויזנדיקע סאָציאַליסטישע מאַסן־באַוועגונג איז שטאַרק איינגעשרומפּן געוואָרן. די אינטעליגענץ, וואָס פלעגט אין די רעוואָלוציע־יאָרן שטראָמען אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגערוקט, אַוועק אין אויסלאַנד אָדער אין טיף רוסלאַנד. דער קאָנ־טאַקט פון די פּאַרטייען מיט די מאַסן איז פאָרגעקומען אויפן גאַס, אויף די אַזוי גערופענע „בירזשעס", וואָס פלעגן אָפט באַפאַלן ווערן פון פּאָליצײ, אָדער אויף געהיימע גרופּן־פאַרזאַמלונגען, „סכאָדקעס".

דאָך האָט אין יידישן לעבן ווייטער געברויזט: עס איז געקומען דער בלוט־בלבול אויף בייליסן, דער ענדעקישער „באָיקאָט" אויפן יידישן מסחר און די מרידה פון די יידישע מאַסן קעגן דער געזעלשאַפטלעכער אַפּוטרופּסות פון דער אַסימילאַציע, וואָס האָט באַהערשט די יידישע קהילה און אַנדערע וויכטיקע אינסטיטוציעס.

יצחק לעוו איז באַלד אַריינגעצויגן געוואָרן אין די אַלע קאַמפן. זיין ערשטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע דערפאַרונג האָט ער געהאַט אין „קאָמי פּאַריין״, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אין צענטער פון דער עפנטלעכער מיינונג צוליב זיינע בולטע אַסימילאַטאָרישע אַרויסטרעטונגען, און — אין אים איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף פון אַלע ריכטונגען קעגן אַלע — סתם אַסימילאַטאָרן, פּ.פּ.ס., ס.ד.ק.פּ.ל (שפּעטער קאָמוניסטן), בונד און פּועלי־ציון. איז יצחק לעוו גיך געוואָרן פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער און אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּאַרטיי און געווען באַקאַנט אויף דער אַרבעטער־בירזשע אַלס משה בעקער, אַ פּסעוודאָנים, וועלכן ער האָט לאַנגע יאָרן געהאַלטן אין זיין זשורנאַליסטישער פּאַרטיי־טעטיקייט.



יצחק לעוו מיט זיין ערשטן אייניקל

אין יאָר 1913 איז ער געשיקט געוואָרן דורך דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין רוסלאַנד אַלס איינער פון די דעלעגאַטן צו דער פערטער וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון אין קראָקע, און פון דאַנען איז ער גערופן געוואָרן קיין ווין צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן פונעם סעקרעטאַר פון צ. ק. פון דער רוסישער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, און געהילף־סעקרעטאַר פון דעם פאַרבאַנדס־ביוראָ. אין ווין האָט לעוו דערגענצט זיין בילדונג אַלס הערער פון לעקציעס אויפן אוניווערזיטעט און גלייכצייטיק געפירט די פּאַרטייאישע אַרבעט אונטער דער אויפזיכט פון בער באָראָכאָוו.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, און באַראַכאָוו מיט לעוון האָבן באַוויזן באַצייטנס אַריבערצוקומען קיין מילאַן אין איטאַליע, איז לעוו צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע, ווו ער האָט תיכף באַנייט זיין טעטיקייט צווישן די מאַסן. אַפּריל 1915 האָט ער פאַרטראָטן דעם פּוילישן ראיאָן אויף דער באַראַטונג פון דער רוסישער פאַרטיי אין פּינסק, וואָס האָט אָנגענומען אַן „אינטערנאַציאָנאַ־ליסטישע" שטעלונג לגבי דער מלחמה, ענלעך צו דער, וואָס איז אין סעפּטעמבער פון יענעם יאָר אָנגענומען געוואָרן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ אין צימערוואַלד.

ווען עס איז געקומען די דייטשע אָקופּאַציע מיט איר אויסהונגערונג פון די ברייטע מאַסן, איז לעוו געשטאַנען אין די ערשטע רייען פונעם קאַמף, באַטייליקט זיך אין הילף־קאָמיטעטן, אָרגאַניזירט קינדער־היימען און אַרבעטער־קיכן, אָרגאַ־ניזירט הונגער־דעמאָנסטראַציעס, אַרויסגעגעבן אויפרופן קעגן דער פּאָליטיק פון דער דייטשער מאַכט, און איז פאַר דעם חטא עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן און איינגעזעצט אויף לאַנגע חדשים מיט אַנדערע חברים אין דער פעסטונג מאָדלין.

ווען ער איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן פונעם לאַגער האָט ער זיך מיט פאַר־שטאַרקטער ענערגיע גענומען אויסברייטערן די פאַרטיי אין ביידע שטחים פון דער אָקופּאַציע (די דייטשע און עסטרייכישע), אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ, געגרינדעט די „אַרבעטער־היים" אין וואַרשע, קאַרמעליצקע 23, און דעם פּאַרלאַג „אַרבעטער־היים" (צו ערשט אין לובלין, צוליב באַקוועמערע אָקופּאַציע־באַדינגונ־גען). און אין דער נאַכט ווען די דייטשן האָבן פאַרלאָזט וואַרשע, אַרויסגעגעבן און רעדאַגירט אויפן אָרט דעם ערשטן נומער „אַרבעטער־צייטונג" אין דער דרוקעריי פון דעם פּראָ־דייטשן „יידישע טאָגעבלאַט" פון „שלומי אמוני ישראל", וואָס איז פאַרנומען געוואָרן דורך אַ „קאַמף דרוזשינע" פון פּועלי־ציון. די אַרבעטער, הגם צום מיינסטן נישט קיין חברים פון דער פאַרטיי, האָבן אָן ווידער־שטאַנד זיך אונטערגעגעבן דעם דרוק, און פלייסיק מיטגעהאָלפן פאַרענדיקן די אַרבעט, איידער די מאַכט וועט זיך אַריינמישן.

סוף 1918, ווען פּילסודסקי, אַ באַפרייטער פון דער פעסטונג אין מאַגדע־בורג, איז געקומען קיין וואַרשע און האָט גערופן די פאַרשטייער פון די פאַרטייען צו קומען דעקלאַרירן זייערע פאָדערונגען בנוגע דער צוקונפטיקער רעגירונגס־פאָרעם אין לאַנד, איז יצחק לעוו געווען אין דער פּועלי־ציון־דעלעגאַציע צוזאַמען מיט ל. האָלענדערסקי און מ. יאַרבלום. ווען עס איז אויסגעקליבן געוואָרן דער אַלגעמיינער וואַרשעווער „אַרבעטער־ראַט" און עס איז געשאַפן געוואָרן דער אַלפּוילישער אַרבעטער־ראַט, איז לעוו געווען צווישן די וויכטיקסטע פאַרשטייער פון פּועלי־ציון אין זיי, ביז צו דער ליקווידאַציע אין זומער 1919, נאָכן אַרויסטריט פון פ.פּ.ס.

אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער פאַרטיי אין אומאָפּהענגיקן פּוילן (דעצעמבער 1918) איז לעוו אויסגעקליבן געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט און אָנגעפירט מיט דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט פון דער פאַרטיי (צענטראַל־ביוראָ

יצחק און פּאַיע לעוו ; אין דער זייט די זין : ישראל און דויד.

פון פראָפעסיאָנעלע פאַריינען), געווען אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פונעם ניי־געגרינדעטן האַנדלס־אַנגעשטעלטן־פאַריין, געווען רעדאַקציע־מיטגליד און שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער „אַרבעטער־צייטונג", „פּראָפעסיאָנעלע וועלט", „דער האַנדלס אַנגעשטעלטער", „קאָאָפּעראַציע" א.א.

בעת די וואַלן צום קאָנסטיטואירנדיקן סיים האָט ער באַזונדער אָנגעפירט מיט דער וואַל־אַקציע פון פּועלי־ציון אין כעלם, אין דער אַפּוועזנהייט פונעם פּאַרטיי־קאַנדידאַט ד"ר מאַקס ראָזענפעלד, וועלכער איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן, אָבער נאָך זיין פריצייטיקן טויט איז אַריין אין סיים, דער צווייטער אויף דער קרייז־ליסטע ד"ר יצחק שיפּער.

פון יאָר 1919 איז לעוו געווען, צוזאַמען מיט ח' ניר, מיטגליד אינעם שטאָטראַט, נאָכדעם ווי מ. יארבלום איז אַוועק קיין פּאַריז. זיינע מוטיקע און שטאָלצע אַרויסטרעטונגען אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט קעגן דער ענדעקישער אַנטיסעמיטישער מערהייט, אין פאַרטיידיקונג פון די יידישע און אַרבעטער־אינטערעסן, האָבן אים פאַרשאַפט גרויס פּאָפּולאַריטעט, נישט בלויז אין וואַרשע, נאָר אין גאַנץ פּוילן. באַזונדער דאַרף דערמאָנט ווערן די רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין יידיש אין וואַרש. שטאָטראַט, אַרויסרופנדיק אַ סקאַנדאַל מצד דער מערהייט, וואָס האָט דערין געזען אַ חילול הקודש. עס איז אָבער געווען אַן אָנזאָג, אַז די יידישע מאַסן זענען גרייט צו קעמפן פאַר זייערע רעכט. אין יאָר 1926, נאָכדעם ווי עס איז איינגעפירט געוואָרן אַלגעמיינע וואַל־רעכט צו די קהילות, איז לעוו אויסגעקליבן געוואָרן אין דער וואַרשעווער קהילה צוזאַמען מיטן חבר זרובבל, און געפירט דאָרט גלייכצייטיק דעם קאַמף קעגן דער פּאָליטיק פון דער בירגערלעכער מערהייט און קעגן דער אַנטי־ציוניסטישער איינשטעלונג פונעם בונד. לעוו איז אויך געווען דער, וואָס האָט אין דער פּאַרטיי ענערגיש געקעמפט קעגן „באַיקאָטיסטישע" איינשטעלונגען לגבי דער „רעליגיעזער קהילה", וועלכע איז אָבער געווען די איינציקע מעגלעכקייט פון ווירקונג אויפן גאַנצן יידישן לעבן.

אַ סך ענערגיע האָט יצחק לעוו אַריינגעלייגט אין אויפשטעלן און פעסטיקן די יידישע וועלטלעכע שולן פון דער פּאַרטיי אין וואַרשע און אין דער פּראָווינץ. אין דער ציש"אָ איז לעוו געווען אין פּרעזידיום פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג.

אַ באַזונדערן פּלאַץ אין זיין טעטיקייט האָט פאַרנומען די פּאַרטייאישע ארץ־ישראל־אַרבעט (קאָנגרעסן פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, אין בערלין און אין וואַרשע, די גרינדונג פון דער געזעלשאַפט „פריינט פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל"). אין די יאָרן 1932־35, ווען עס זענען נאָך שווערער געוואָרן די באַדינגונגען פון עליה פאַר חברים פּועלי־ציון, האָט ער אונטערגענומען און דורכגעפירט, ביי די שווערסטע באַדינגונגען, אַ ברייטע אַקציע פון אומלעגאַלער עליה און איין גרויסע גרופּע אפילו אַריינגעבראַכט אין א"י מיט דער יבשה איבערן לבנון. אין יענער צייט האָט ער צוויי מאָל באַזוכט דאָס לאַנד.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה איז ער צופוס אַנט־

לאָפן מיט דער משפּחה און אָנגעקומען אין לאַנד אָנהויב 1940 איבער ווילנע, שוועדן און פּאַריז. דאָ איז ער דורך דער פּאַרטיי געשיקט, געוואָרן אין דער „רעפּרעזענטאַנץ פון פּוילישע יידן“, אין וועמענס פּרעזידיום ער איז געווען צוזאַמען מיט יצחק גרינבוים, און אינעם „מוסד פאר עליה ב׳“. ביי דער פאַראייניקונג געוואָרן מיטגליד פון מרכז פון דער פּאַרטיי „לאחדות העבודה — פּועלי־ציון“ און שפּעטער פון מרכז מפ״ם. אויסגעקליבן געוואָרן אין ועד הפועל פון דער הסתדרות, געווען דעלעגאַט אויפן 23־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים און אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מיטגליד אין ציוניסטישן אַקציאָנס קאָמיטעט. אין יאָר 1950 האָט ער באַזוכט פּריוואַט די פאַראייניקטע שטאַטן און אַקטיוו געהאָלפן דער אָרטיקער פּאַרטיי־אַרבעט. 1952 איז ער געווען אין שליחות אין דרום־אַמעריקע און באַטייליקט זיך אין דער אַרבעט פאַרן „פאַראייניקטן יידישן קאַמפּיין“.

די לעצטע טעג האָט ער באַזונדער ענערגיש געאַרבעט פאַרן אויפשטעלן דאָס „באַראַכאָוו הויז“ אין משמר הנגב.

מיט זיין פילזייטיקער, רייכער זשורנאַליסטישער טעטיקייט, — אָנגעהויבן אין דעם ערשטן לעגאַלן פּראָפעסיאָנעלן אָרגאַן אין יידיש „דער האַנדלס אָנגע־שטעלטער“ (1913), איז ער אָנגעגאַנגען ביז אין די לעצטע טעג — אין דעם נומער „נייוועלט“ צום אָנדענק פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד איז געדרוקט זיין לעצטער אַרטיקל.

חבר יצחק לעוו האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי, חברטע פייע, און צוויי זין, ישראל און דוד, ביידע אַקטיווע אָנטיילנעמער אין אונדזער באַפרייונגס־מלחמה.

שטענדיק אַקטיוו

זיי זענען פֿאַרשפּרייט אין די טויזנטער אין אַלע יידישע ישובים, די תלמי־דים און חברים פון יצחק לעוו, איינער פון די ערשטע, איינער פון די קעפּ פון דער גרופּע, וואָס האָט אויספאַרמירט די פּועלי־ציון־באַוועגונג אין פּוילן און אין דער גאַנצער וועלט. דערשלאָגענע, אויפגעטרייסלטע פון דעם האַרטן קלאַפּ, וואָס האָט זיי מיטאַמאָל געטראָפן, האָבן די קעפּ זיך געבויגן אין שווערן טרויער און די הערצער האָבן זיך פאַרקראַמפּט אין ברענענדיקן שמערץ, וואָס נעמט נישט אָן קיין טרייסט. ווי אַזוי איז דער מענטש אונטערגעהאַקט געוואָרן, אַז ער איז געווען אַזוי ברויזנדיק, וויטאַל, פול מיט אויסערגעוויינלעכער ענערגיע, שטענדיק אָנגע־שטעלט צו קאַמף, אונטערצושטעלן אַ פּלייצע, און אַלץ מיט אַזאַ יוגנטלעכער קראַפט, ווי די יאָרן וואָלטן איבער אים קיין שליטה נישט געהאַט.

יעדער באַריר מיט יצחק לעוון האָט עדות געזאָגט, אַז ער מאַכט צו נישט דעם כלל אז: „אפילו פון יאָרן ווערט מען עלטער". יצחק דער 63־יעריקער איז געווען ווי יצחק דער 25־יעריקער מיט זיין וואַכזאַמקייט, פרייִלעכקייט, טראָגן דעם עול, ווי מ׳האָט פון אים געפאָדערט און ווי ער האָט פון זיך געפאָדערט און טאָקע געטאָן.

ווי אַזוי איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און אַרויפגעלייגט אויף אונדז אַזאַ יתומדיקייט וואָס מען קען זי קוים דערטראָגן.

ווער האָט נישט געקענט יצחק לעוון אין דער גאַנצער ברייט — נישט בלויז אין זיין באַוועגונג, — נאָר אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע שאַטירונגען און ניואַנסן, אין גאַנצן יידישן ישוב אין פּוילן, מיט אַלע זיינע פּאַרטייען און שטרעמונגען? יאָ, עס האָט אים געקענט די פּוילישע געזעלשאַפט־לעכקייט. ווי אַ שטאָלצן ייד, ווי אַן אומדערשראָקענעם קעמפער פאַרן כבוד פון זיין פאָלק אין קאַמף קעגן יעדן שונא און העצער: אין עפנטלעכע דעמאָנסטראַ־ציעס, אין פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט, אין געזעלשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס, אויף שטורמישע זיצונגען און געשפּאַנטע צונויפטרעפן. ווייל עס איז נישט געווען קיין שטח פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט, וווּ יצחק איז נישט געווען אַריינגעצויגן אַלס איינער פון די הויפּט־אַקטיווע און אָרגאַניזאַ־טאָרן, פאַרמירער און קעמפער: צי אין ענינים פוןווירטשאַפט און עקאָנאָמיק, צי אין ענינים פון אַרבעט און פראָפ.־באַוועגונג, קאָאָפּעראַציע און סאָציאַלן דינסט,

אין קולטור־אַרבעט און דערציונג פאַרן פאָלק און פאַרן אַרבעטער, און אין שטענ־דיקער באַמיונג צו דעראָבערן מאַסן פאַרן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק און טאַט. ווי אַ לעבעדיקער גייסט האָט ער זיך געטראָגן איבער די אַלע פראָנטן, אַן אַנגעצונדענער און באַגייסטערטער, וועגווייזער און פירער, און תמיד אין „עמך", מיט „עמך", אַן אומאָפּטיילבאַרער צוגעהעפט צו זיי.

און דאָס איז די ביאָגראַפיע פון יצחק לעוו: נעם די געשיכטע פון דער באַוועגונג, איר קאַמף, איר רודערן קעגן דעם שטראָם, איר באַרג־אַרויף אויף אַ וועג, וואָס איז באַזייט מיט שטרויכל־שטיינער און מינעס — דאָן האָסטו פאַר זיך דאָס גאַנצע לעבן פון יצחק לעוו.

ווו די פּאַרטיי האָט געקעמפט — איז ער געווען דערביי און בראָש. ווו ס'איז געווען אַן אָנגריף אויף דער פּאַרטיי — האָט ער אים געטראָפן. קעגן יעדן קעגנער — ער. אַלע קעגן אים. די ענדעקעס אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט פירט ער אַרויס פון די כלים מיט זיין שטורעם קעגן פּאָליטישער רעאַקציע און אַנטיסע־מיטיזם, מיט זיין רעדע אין יידיש אין שטאָט־ראַט; די בונדיסטן מיט וועלכע ער פירט ביד רמה דעם קאַמף פאַרן ציוניזם, און די יידישע קאָמוניסטן, וועמענס נאַציאָנאַלן ניהיליזם ער רייסט אַראָפּ אָן רחמנות. יצחק לעוו בלייבט קיינמאָל נישט קיין „בעל־חוב" און ווייסט ווי אַזוי צו סטעמפּלען „די קנעכטשאַפט אין דער פרייהייט".

אָבער דער ברען־פונקט אין לעבן און אויפטו פון יצחק לעוו איז תמיד געווען דער ארץ־ישראל־פונקט. אים האָט ער איבערגעגעבן זיין גאַנצע נשמה, זיין לייב, און נישט מורא געהאַט זיך „איינצושטעלן" מיט „סענטימענטאַלישקייט", וואָס אַ פּאַרטיי־מענטש פלעגט געוויינלעך פאַרבאַהאלטן ווי אַ „פגם". ארץ־ישראל איז פאַר אים געווען נישט בלויז אַ „פונקט" אין דער פּראָלעטאַריש־ציוניסטישער תורה, זאָל זיין דער צענטראַלער פונקט, אויף וועלכן עס האַלט זיך דער גאַנצער בנין. דאָס איז אויך געווען אַ „תורה שבלב", וואָס דאַרף שוין נישט קיין ראיות און מאָטיווירונגען. איך ווייס נישט צי זיין פאָטער אָדער זיידע זענען ווען עס איז געווען פאַרכאַפּט פון חסידות, אָבער יצחק לעוו איז אין ענין ארץ־ישראל געווען אינגאַנצן אַ חסיד און איז נישט מיד געוואָרן צו קעמפן מיט דער תפיסה פון די „מתנגדים", וואָס זעען אַלץ בלויז „על דרך העיון" (טעאָרעטיש), מיט טרוקענעם שכל. פון דאַנען האָט זיך גענומען זיין קאַמף פאַר אַ פּאָזיטיווער באַציונג צום קאָנסטרוקטיוויזם, — „אַקטיוויזם" לויט דער דעמאָלטיקער טערמינאָלאָגיע, — ציטער און פרייד איבער יעדן פונק פון שאַפונג, פון טאָן, פון בויען, נישט אָנקו־מענדיק צו דער פאַרפירערישער קאָנצעפּציע, אַז בלויז שאַפונג וועט זיין דער שפרונג צו אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אָן וויטיקן פון קלאַסן־קאַמף. אויך דאָ האָט לעוו נישט פאַרטראָגן קיין פאַרטושן און פאַרנעפּלען.

ער, יצחק לעוו, איז געווען דער הויפּט־אָנפירער פונעם „ארץ־ישראלדיקן אַקטיוויזם" פון דער פּאַרטיי: דורך אָרגאַניזירן און אָנשפּאַרנען די עליה, דורך דער באַקאַנטער „טוריסטיק", וואָס האָט געבראַכט אין לאַנד פיל הונדערטער

חברים, וועלכע ס'איז צוגענומען געוואָרן דאָס רעכט צו גענ‌יסן פון סערטיפיקאַטן, דורך אָרגאַניזירן קאָנפערענצן פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, דורך מאָביליזירן הילף פאַר דער פאַרטיי אין לאַנד און אירע אינסטיטוציעס, פאַר דער הסתדרות און אירע אונטערנעמונגען.

עס איז אויסגעבראָכן די שוידערלעכע וועלט־מלחמה. לעוון האָט צוגעשפּילט דאָס זעלטענע מזל: ער האָט באוויזן צו קומען אין לאַנד מיט זיין משפּחה. ער האָט נישט געוווּסט קיין יסורים פון אַקלימאַטיזאַציע. ער איז באַלד געווען אין דער היים פון דער ערשטער מינוט אָן. אויך קיין יסורים פון אויסדרוק האָט ער כמעט נישט געהאַט. איך בין זיכער, אַז קיינער פון אונדז האָט נישט געשפּירט ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרשאַפט די קענטעניש פון העברעיש, ווי ער האָט אויסגעגליטן די שפּראַך, אַזוי אַז זי איז ביי אים לעבעדיק געוואָרן.

זיין פּרנסה האָט ער באַקומען פון ארבעט אין אַרבעטער־באַנק, אָבער די נשמה האָט ער געזעטיקט ווי אַ דורשטיקער אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ווי פריער, האָט ער אויך דאָ גענומען אויף זיך יעדע שליחות: אין צ. ק. פון דער פאַרטיי, אין דער פרעסע, אין מוסד פאַר עליה ב׳, אין דער רעפּרעזענטאַנץ פון די פּוילישע יידן, אין ועד הפּועל פון דער הסתדרות, אין ציוניסטישן אַקציאָנס קאָמיטעט.

אַלעמאָל גרייט צו טראָגן, און אָט האָט ער זיך אָנגעצונדן פאַר אַ נייעם אויפטו: אויפשטעלן דאָס באַראַכאָוו־הויז אין משמר־הנגב. און ער האָט עס טאַקע דערפירט צו דער שוועל פון אויספירונג. און די שוועל איז ער נישט אַריבער: מיט אַ פּלוצימדיקער אכזריות איז ער אַרויסגעריסן געוואָרן פון צווישן אונדז אַזוי פאַר דער צייט, און האָט צעטרייסלט די וועלט איבער אונדז, זיינע חברים, נאָענטע האַרציקע פריינט, און איבער דער משפּחה.

מיר וועלן טראָגן זיין אָנדענק אין האַרצן, אין אונדזערע מעשים, אין ליבע און ווייטיק ביזן סוף פון אונדזערע טעג.

מ. ערעם

די טרייב-קראַפט פון דער פּאַרטיי

יצחק לעוו איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע ביי אָרעמע עלטערן. זיין פאָטער איז געווען אַ העברעאישער לערער. יצחק איז געווען אַ גוטער שילער. ער איז זייער פרי געקומען צו דער באַוועגונג. אויך אַלע זיינע ברידער און שוועסטער זענען געווען אין דער פּאַרטיי אָדער נאָענט־שטייענדיקע צו דער פּאַרטיי. ער איז געקומען צו דער פּאַרטיי אין 1908 און גלייך האָט ער פאַרנומען אַן אַקטי־ווע פּאָזיציע אין דער אומלעגאַלער אַרבעט, האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן פאַרשידענע פאַכן און האָט אָנגעפירט מיט אומלעגאַלע פּועלי ציון קרייזן.

אין 1913 האָט ער זיך באַטייליקט אין קראָקעווער צוזאַמענפאָר אַלס דעלעגאַט פון דער פּוילישער פּאַרטיי. זיין הויפּט־טעטיקייט איז דאַן געווען אין פאַריין פאַר האַנדלס־אָנגעשטעלטע. צוזאַמען מיט אַנדערע חברים האָט ער דאַן געפירט דעם קאַמף קעגן אַסימילאַציע־גייסט פון פאַריין. ער איז שפּעטער געווען אַ לענגערע צייט אין ווין, וווּ ער האָט געענדיקט די האַנדלס־אַקאַדעמיע. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער כסדר פאָרגעזעצט זיין אַרבעט אין אומלעגאַלע באַדינגונגען. די דייטשן האָבן אים פאַרשיקט אין האָפּעלבורגער לאַגער און אין 1917 האָבן זיי אים צוזאַמען מיט נאָך חברים פאַרשיקט אין ציטאַדעל און פון דאָרט אין מאָדלינער פעסטונג, וווּ עס זענען געווען פאַרשיקט אַ גרויסע צאָל פירער און טוער פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

גלייך ווי ער איז באַפרייט געוואָרן האָט ער זיך ווייטער געשטעלט אין רשות פון דער באַוועגונג און האָט איבערגענומען אַ פירנדיקע ראָל אין דער אַרבעט.

יצחק לעוו האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט, געשריבן, געהאַלטן פאָרלעזונ־גען, אַרויסגעטראָטן אויף מיטינגען און זיך געלערנט. ער האָט פאַרטיפט זיין טעאָרעטיש וויסן, פאַרפולקאָמט זיך אין זיין סאָציאַליסטישער אַרבעט און אויסגע־וואַקסן, — געוואָרן אַ פּאָליטישער פירער און טאָן־געבער פון דער פּאַרטיי.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים באַגעגנט אין יאָר 1917. איך בין צוזאַמען מיט נאָך 2 חברים אַנטלאָפן פון אונדזער שטעטל, ווענגראָוו, און אָנגעקומען צו־פוס קיין וואַרשע. לעוו האָט דער ערשטער אונדז אויפגענומען מיט ליבשאַפט, וואַרעמקייט, געזאָרגט פאַר אונדז ווי פאַר ברידער, ווי פאַר אייגענע קינדער.

נענטער האָב איך זיך באַקאַנט מיט אים אין 1918, אין די פריילינג־טעג פון

ווידערגעבורט פון דער פוילישער אומאָפּהענגיקייט. די פּ.פּ.ס. — די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געשטאַנען בראש פון דער רעגירונג. די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען אין איר פולן בלי. די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז געווען אויפן שוועל פון אייראָפּע, אונדזער פּועלי־ציון־באַוועגונג איז אויך געוואַקסן אין דער ברייט און אין דער טיף. אין יעדער שטאָט און שטעטל זענען אַנטשטאַנען אָרגאַניזאַציעס. אין די גרעסטע אַרבעטס־צענטערס זענען געווײלט געוואָרן אַרבעטער־ראַטן. מ׳האָט געבויט די לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, שולן, קינדער־היימען, אָוונט־קורסן, קולטור־צענטערן.

יצחק לעוו איז געווען אומעטום דער ערשטער. ביי יעדער צענטראַלער אינסטיטוציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן איז ער געווען אין דער אָנפירונג, געווען די נשמה פון דער אַרבעט. ער איז געווען דער אַרכיטעקט פון דעם גאַנצן פּאַרטיי־אישן אַפּאַראַט, פון די טאָן־געבער פון יעדער פּאָליטישער אַקציע, פון די הויפּט־פירער פון דער פּועלי־ציון־פראַקציע אין אַרבעטער־ראַט, וואָס האָט געקעמפט קעגן די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון די קאָמוניסטן און פּ.פּ.ס.

לעוו ווערט געווײלט אינעם וואַרשעווער שטאָט־ראַט אַלס ראַטמאַן אין נאָמען פון פּועלי־ציון. דעם אַמט האַלט ער אַן צענדליקער יאָרן. די דאָזיקע טריבונע ווערט דורך לעוון אויסגענוצט צו קעמפן קעגן דער פינצטערער רעאַקציע, קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן באַגרענעצונגען פאַר יידן, פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פון די יידישע מאַסן. זיינע אַרויסטרעטונגען אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט דערמוטיקן שטאַרק דעם יידישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש; זיינע פּאָליטישע, ווירטשאַפטלעכע און פינאַנציעלע פאָרשלאָגן, וואָס פירן צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די פוילישע און יידישע אַרבעטער־מאַסן, ווערן דורך אַלע אונדזערע ראַטמענער איבערן לאַנד אויפגענומען ווי אַן אָנווייזונג און ביישפּיל פאַר זייערע אויפגאַבן און זייער קאַמף. לאַנגע יאָרן פירט ער אָן מיטן צענטראַל־ביוראָ פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין וואַרשע, וואָס זענען אונטער דער השפעה פון פּועלי־ציון.

אין 1920 אַרבעט איך שוין אונטער זיין אָנפירונג. יעדן צווייטן טאָג האָבן מיר אַ זיצונג פון אַלע סעקרעטאַרן פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אונטערן פאַרזיץ פון חבר לעוו. ער פירט די אַרבעט אונטערן צייכן פון כסדרדיקן אָנגריף פאַר נייע פּאָזיציעס. אין דער זעלבער צייט איז ער דער הויפּט־פירער פון דער ווירטשאַפט־צענטראַלע, פון די קאָנסום־פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, קיכן, טיי־האַלעס, אַרבעטער־היימען.

ער אַרבעט אַקטיוו ביים אויפבוי פון דער שול־באַוועגונג, איז אַ מיטגליד פון באַראַכאָוו שול קוראַטאָריום און גלייכצייטיק איז ער אין דער פירערשאַפט פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (ציש״אָ). ער איז אויך איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון דער גרויסער ספּאָרט־באַוועגונג — „שטערן“, ווו עס ווערן אָרגאַניזירט טויזנטער און טויזנטער יוגנטלעכע און העלפט זיי אין זייער פיזישער אַנטוויקלונג. ער איז לאַנגע יאָרן פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע. ער איז מיטרעדאַקטאָר פון דער אַרבעטער־צייטונג, אָרגאַן פון דער פּאַר־



פון רעכטס: יצחק לעח, ישראל קינא און גרשון דוא אין דייטשן לאַגער האפעלבערג אין 1916.

טיי. ער באַטייליקט זיך מיט גרעסערע אַרטיקלען אין דעם טעאָרעטישן זשורנאַל „פּראָלעטאַרישער געדאַנק", וואָס העלפט פאַרטיפן דעם סאָציאַליסטישן, נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון דעם ייִדישן אַרבעטער. צוזאַמען מיט די חברים ד"ר אייזנשטאַט, ד"ר רינגלבלום, א. פריינד, שעניצקי א. אנד. העלפט ער אויסבויען די געזעלשאַפט אוונט־קורסן פאַר אַרבעטער, וואָס גיט וויסן און בילדונג צו טויזנטער יוגנטלעכע איבערן לאַנד.

דורך זיין מי און איניציאַטיוו ווערט אויפגעבויט די געזעלשאַפט „פריינט פאַרן אַרבעטנדיקן ישראל", וואָס צעוואַקסט זיך אין אַ וויכטיקער אינסטיטוציע איבער דער ברייט און לענג פון פוילן: די געזעלשאַפט פאַרשפּרייט ידיעות וועגן ארץ־ישראל און אָרגאַניזירט אומלעגאַלע עליה פון טויזנטער חברים און סימפּאַטיקער קיין ארץ־ישראל. אין יענער צייט ווערט אויך דורך זיין איניציאַטיוו אָרגאַניזירט דער גראַנדיעזער פּראָ־פּאַלעסטינע־קאָנגרעס, וואָס ווירקט ווי אַן אָפּפרישונג פאַרן דערשלאָגענעם פוילישן ייִדנטום און שטאַרקט דעם גלויבן אין דעם נאַציאָנאַלן מלוכהשן אויפקום פון דעם ייִדישן פאָלק.

יאָרן־לאַנג איז ער פאָרזיצער פון וואַרשעווער קאָמיטעט, מיטגליד פון צענטראַלן פאַרטיי־סעקרעטאַריאַט און אָפט אַליין דער גענעראַל־סעקרעטאַר, מיטגליד פון דער העכסטער אָנפירונג פון דער אָרגאַניזירטער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד־ראַט.

לעוו איז געווען די טרייב־קראַפט פון דער פאַרטיי, אַ ווירדיקער קעמפער, אַ באַשיצער און פאַרטיידיקער פון פוילישן ייִדנטום. ווו ער איז געקומען האָט ער אַריינגעבראַכט האַרץ, חברישקייט און גוטמוטיקייט. אָפט, אין די צייטן ווען מיר האָבן שאַרף דיסקוטירט, ווען מיר האָבן זיך קעגנזייטיק באַקעמפט צוליב באַזונדערע אידעיש־פּאָליטישע מיינונגען, האָבן מיר געפילט, געוווסט, אַז לעוו איז אַ מענטש מיט אַ סך אחריות און האָט ליב די באַוועגונג און אַז די באַוועגונג איז זיין לעבן, אַז יעדער צער פון דער פאַרטיי איז זיין ווייטיק און יעדע פרייד איז זיין שמחה. לעוו איז געווען דאָס קינד פון דער פוילישער פאַרטיי און די פוילישע פאַרטיי, זיין מוטער.

די וואָס האָבן אים געקענט האָבן געוווסט, אַז ער איז אַ זייער האַרציקער, סענטימענטאַלער מענטש, אָבער ווען עס איז געקומען צו פּאָליטיש־טעאָרעטישע דיסקוסיעס האָט ער געקעמפט ווי אַ לייב. זיין דעוויז איז געווען אַקטיוויטעט אויף אַלע געביטן און באַזונדערס אויפן געביט פון ארץ־ישראל. ער האָט פיינט געהאַט האַלבקייטן, געפּאַדערט פולע האַרמאָניע פון פּרינציפּ און פּראַקטיק. זיין באַציונג צו דער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער באַוועגונג האָט ער געמאָסטן מיט דעם פּרוּוו־שטיין פון זייער פּאַקטישער באַציונג צו די נויטן און באַדערפענישן פון דעם דורות לאַנגן, געפּלאָגטן ייִדישן פאָלק. ער האָט דערפאַר ביזן לעצטן אָטעם־צוג פון זיין לעבן געקעמפט קעגן די עלעמענטן אין דער באַוועגונג, וואָס זענען אין נאָמען פון דער וועלט־רעוואָלוציע גרייט געווען זיך אָפּצוזאָגן פון ציוניזם, גרייט געווען צו פאַרשווייגן די גייסטיקע ליקווידאַציע פון ייִדישן לעבן.

ער האָט מיט דער זעלבער שאַרפקייט געקעמפט קעגן רעפאָרמיזם, וואָס מיינט קאַפּיטולאַציע פאַרן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, צום שאָדן פון די אַרבעטער און פאָלקס אינטערעסן.

צו פרי האָט זיין האַרץ אויפגעהערט צו קלאַפּן. ער איז מער נישטאָ צווישן אונדז. ער וועט אונדז שטאַרק פעלן; ס׳וועט פעלן לעווס האַרציקייט, אינטימקייט, גוט־ברודערישקייט; עס וועט פעלן זיין נשמהדיקייט, זיין זאָרג פאַר אייגענע און פאַר פרעמדע. עס וועט פעלן זיין טאָן פון פריינטשאַפט און נאָענטקייט.

חיים בראַנד

א י ן י ש ר א ל

פון רעכטס — עס זיצן : מוליע, זרבבל, ז. אבראַמאָװיטש, מ. ערעם ;
עס שטייען : גרשוני, טארנאָפּאָלער, לעװ, בן־אפרים, לוריע, ד. לייבל.

אַ חבר, פריינד און קעמפער

יצחק לעוו איז ביי פועלי־ציון געווען איינער פון די ווינציקע מיט פערציק יאָר צוריק, און איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן געהאַט אַ חוש און פאַרשטענ־דעניש פאַרן גייענדיקן לעבעדיקן טאָג און זיינע באַדערפעניש און פאָדערונגען. פועלי־ציון זענען אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס געווען די איינציקע, וואָס האָבן געהאַט חוש און פאַרשטענדעניש פאַר טעאָרעטישער דורכאַרבעטונג פון דער יידישער אַרבעטער־פראָבלעמאַטיק. דער בונד האָט געלעבט אויפן גרייטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. נישט געקוקט אויף זיין פאַרוואָרצלט־קייט אין דער טאָג־טעגלעכקייט פון דעם יידישן אַרבעטער, האָט ער נישט באַוויזן צו באַרייכערן די מאַרקסיסטישע טעאָריע מיט וואָס עס זאָל נישט זיין, אויפן יסוד פון דער ספעציפישער ווירקלעכקייט פון יידישן פראָלעטאַריאַט. פועלי־ציון האָבן געהאַט דאָס פולע רעכט צו זיין שטאָלץ אויף דעם, וואָס זיי האָבן געשאַפן און אויסגעבויט די איינציקע טעאָריע פון קלאַסן־קאַמף און נאַציאָנאַלן באַפרייונגס־קאַמף ביי יידן. דאָס האָט אָבער אויך געשאַפן ביי די פירנדיקע חברים אַ נטיה נאָכצוגיין דער טעאָריע און איר פאַרשפרייטונג, אָפטמאָל אויפן חשבון פון דער פראַקטישער אַרבעט.

יצחק לעוו האָט געפילט און פאַרשטאַנען, אַז מיט אַבסטראַקטן מאַרקסיזם און באַראָכאָוויזם קען מען אויסבילדן קרייזלעך, קולטיווירן פרוכטבאַרע קערנער, אָבער די דאָזיקע קערנער דאַרפן אויך פאַרזייט ווערן אינעם ברייטן פעלד פון אַרבעטער און פאָלקס־לעבן, כדי צו דערגיין צו זייער פולן ווערט. דעריבער האָט ער נישט געשפאָט פון דער בונדישער פראַקטישקייט נאָר איז איר, פאַרקערט, נאָכגעגאַנגען פוס־טריט: אין קאָאָפעראַטיוון געוועלב און אין שול, אין פאַך פאַריין ווי אין קולטור־קלוב, אין פאַרלאַג און אין פראָדוציר־קאָאָפעראַטיוו, אין ביבליאָטעק און ספאָרט־קלוב, אין דער אָפרו־קאָלאָניע און אין שטאָט־ראָט. זיין דעוויז איז געווען: אָנפירן און מיטגיין, גיין פאַר דער מאַסע, מיט דער מאַסע און אין דער מאַסע. ער האָט פאַרשטאַנען אַז אַ באַריערע קעגן שונאי ציון אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, קען מען אויפשטעלן נישט בלויז דורך אידעאָלאָגישן וויכוח, נאָר דורך אַריינדרינגען אומעטום אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, נישט לאָזנדיק אויף הפקר פאַרן קעגנער זייערע גרויע וואָכעדיקע זאָרגן. אַ דאַנק זיין וועג, יצחק לעווס וועג, זענען טויזנטער, צענדליקער טויזנטער אָרגאַניזירטע

יידישע אַרבעטער געוואָרן געזיכערט קעגן דעם סם פון „בונד" און „יעווסעקציע", און זענען טריי מיטגעגאַנגען דעם געשיכטלעכן וועג פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם.

אויך לגבי דער פּראָלעטאַריש־ציוניסטישער אַרבעט, האָט ער זיך געווערט מיט אַלע מיטלען קעגן אומבאַרירלעכע דאָגמעס און אייביקע אומפּאַרענדערלעכע אויסגעטראָטענע וועגן. נאָך איידער די פּאַרטיי האָט רעווידירט איר באַציונג צום ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט לעוו געשטויסן די באַוועגונג צו פּראַקטישער ארץ־ישראל אַרבעט, און איז אפילו געקומען אין אַ שאַרפן קאָנפליקט מיט דער פּאַרטיי, ווען ער האָט געהאַלטן, אַז עס קומט פאַר אַ פאַרגליווערונג אויף דעם געביט.

אין משך פון צענער יאָרן איז יצחק לעוו געווען אַ שפּרודלדיק־אַקטיווער הענטעס אויף אַלע געביטן פון דעם פילפאַרביקן לעבן פון פּוילישן יידנטום. זיין נאָמען איז געווען ענג פאַרפלאָכטן מיט פּראָפּעסיאָנעלן קאַמף, מיט אַרבעטער־בילדונג, מיט קאָמונאַלער פּראָבלעמאַטיק, מיטן יידישן קהילה־לעבן, מיט הילפס־אַקציעס פאַר דער א״ידיקער אַרבעטערשאַפט, מיט שול־טעטיקייט און ספּאָרט, מיט קאָאָפּעראַציע, מיט מאַניפעסטאַציעס פאַרן ציוניזם און ארץ־ישראלדיקן ישוב, מיטן פּאָליטישן און סאָציאַלן געראַנגל פון יידישן אַרבעטער און האַרעפּאַש־ניק, מיט שולונג פון חלוצישע קאַדרען, מיט לעגאַלער און אומלעגאַלער עליה.

יצחק לעוו איז דערשינען אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס אין פּוילן, ווען זי איז נאָך געווען אין קאָנספּיראַציע. אין יענע שווערע באַדינגונגען האָט ער מיט ליידנשאַפט און ברען זיך איינגעצן איבערגעגעבן דער זאַך פון אַרבעטער ציוניזם און איז פול און טריי געדינט ביז אין די לעצטע שעהען פון זיין לעבן.

זיין לענגסטער טעטיקייטס־עטאַפּ איז געווען אין פּוילן, וואַרשע, קאַרמע־ליצקע 23.

אין משך פון 20 יאָר איז זיין נאָמען געווען סימבאָליש צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער דאָזיקער „אַרבעטער־היים" — דער ווינקל פאַר פלאַמיקע וויכוחים צווישן פּועלי־ציון און קעגנער, די היים פאַר טויזנטער יידישע אַרבעטער און יוגנט פון דער גרויסער פּראָווינץ, פּאַרוואָגלטע אַהער אין קאַמף פאַר חיונה, די טריבונע, אויף וועלכער יידישע שרייבער, אַרטיסטן און קינסטלער האָבן געשטעלט זייערע ערשטע טריט, דאָס אָרט, וווּ עס האָבן זיך אונטער די פּאָנען פון פּועלי־ציון געזאַמלט טויזנטער יידישע אַרבעטער, צום אויפמאַרש פאַר זייער נאַציאָנאַ־לער און סאָציאַלער באַפרייונג, דער קלוב־לאָקאַל, וואָס איז טיילמאָל פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַן אַמבולאַטאָריע פאַר צעמזיקטע און צעשלאָגענע — פאַרן מוט צו דעמאָנסטרירן און פאָדערן, דאָס אָרט פון באַנקעטן און פייערונגען פון פּועלי־ציון דערפאָלגן און נצחונות. בפירוש: קאַרמעליצקע 23 אָן דעם פלאַמיקן יצחק לעוו איז פון ערשטן ביזן לעצטן טאָג אירן, אוממעגלעך געווען זיך פאָר־צושטעלן.

יצחק לעוו איז געווען באַקאַנט ווייט מחוץ די ענגע קרייזן פון פּועלי־ציון. זיינע אַרטיקלען אויף די שפּאַלטן פון דער פּרעסע, זיינע מוטיקע אַרויסטרעטונגען

אויף דער טריבונע פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט, פון צענטראַלע פּראָפעסיאָנעלע און ספּאָרט־אינסטאַנצן און באַזונדערס פון לאַנד־ראַט, האָבן זיין פּאָפּולאַריטעט אַרויסגעפירט פון פּאַרטיי־גרענעצן, געמאַכט אים באַליבט צווישן מאַסן יידישע פאָלקס־מענטשן.

אַלס מענטש, האָט יצחק לעוו מיט זיין פּשטות, מיט זיין עמך־דיקייט, מיט זיין טאָג טעגלעכער מענטשלעכער און חברישער זאָרג פאַרן גורל פון חבר און פריינט, פאַרוואַנדלט זיין שטוב אין אַ נאָענטער, היימישער און אייגענער היים פאַר אַלע.

אַרויסבאַקומענדיק זיך פון דער מלחמה־שריפה קיין ארץ־ישראל, האָט ער־דאָ מיטן זעלבן ברען און ענערגיע ממשיך געווען זיין פאַרצווייגטע אַקטיוויטעט אין פּאַרטיי, אין הסתדרות, יידישער אַגענץ, אין אינסטאַנצן פון פּוילישע יידן, אַלס פּובליציסט, און אויף פאַרשידענע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע געביטן.

די לעצטע צוויי יאָר האָט ער געווידמעט אַ סך מי פאַר אויפשטעלן אַ לעבעדיקן מאָנומענט אויפן נאָמען פון בער באָראָכאָוו — דעם אינספּיראַטאָר פון זיין אַקטיוון, שטורמישן געזעלשאַפטלעכן לעבן — דאָס קולטור־הויז אויפן נאָמען פון ב. באָראָכאָוו אין קיבוץ משמר הנגב, וווּ אויך זיין אייגענער נאָמען וועט איצט פאַראייביקט ווערן.

מיטן טויט פון יצחק לעוו איז אַוועק נאָך איינער פון דעם דור פון רעוואָלט, וואָס האָט געבראַכן ערשטע צוימען, געבאַנט נייע וועגן פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און מיטגעשאַפן די געשיכטע צו מדינת ישראל.

ש. ראָזנבערג

אין ברען פון אונדזער געלויף

ווען איך האָב בסך־הכל אַ פּאָר טעג פאַר זיין טויט באַגעגנט יצחק לעוון אין תל־אביב, זענען זיינע גוטמוטיקע אויגן געווען פאַרצויגן מיט אַ נעפּל פון טרויער. נאָר וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן יוסף. יוסף איז מער נישט געווען. לעוו איז געווען טיף דערשיטערט. „דער וואלד ווערט שיטערער", האָט ער ווי צו זיך אַליין געזאָגט. כ'האָב נישט געהאַט קיין וואָרט פון טרייסט, נישט פאַר זיך, נישט פאַר אים. עפּעס האָט זיך געקנוילט אין האַלדז. מיר האָבן זיך געקוקט אין די אויגן און געשוויגן. מיר האָבן זיך שטום געדריקט די הענט, און יעדערער איז זיך אַוועק זיין וועג, אַן אינערלעכער גענדלד צו גיין. אַזוינס איז דאָך דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס. אַלעמאָל איין געלויף, ביז מען פאַלט אין מיטן — אַזוי איז יצחק לעוו געפאַלן אין סאַמע ברען פון אונדזער געלויף, און דער שכל וויל נישט משלים זיין, אַז לעוו איז שוין אויך נישטאָ. אַוועק אין דער אייביקייט, איין וואָך נאָכן בן־יקיר פון אונדזער באַוועגונג, יוסף ראָזען. יוסף איז אַוועק ערב דעם ערשטן מאַי — יצחק איסרו חג פון יום העצמאות. און ווי זאָל מען אַ רגע טראַכטן פון יוספן און נישט פאַרבינדן זיין ליכטיקן זכרון מיט יצחקן, און פאַרקערט, בעת ביידעס אויגן קוקן דיר כסדר אריין אין דער נשמה?

יצחק לעוו איז קיינמאָל נישט געווען „אַרבעטסלאָז" אין דער באַוועגונג, פון דעמאָלט אָן, ווען ער ווי איינער פון די ראשונים, האָט געהאָלפן שאַפן, אויפבויען אידעאיש און אָרגאַניזאַציאָנעל אויספורעמען אונדזער וועלט־באַוועגונג אין משך פון איבער פערציק יאָר צייט, אָן אַ רגע מנוחה אָדער איבעררייס. באמת, אין אַזעלכע מענטשן ווי יצחק לעוו האָט אונדזער פועלי־ציוניסטישע באַוועגונג געפונען איר אַלזייטיקן אויסדרוק! דורך אַלע אידעאָלאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע לאַבירינטן פונעם באָראָכאָוויזם־פועלי־ציוניזם, אין בראשית אויף די אַזוי גערופענע „בירזשעס" ביז „אחדות־עבודה־פועלי־ציון" — איז יצחק לעוו אַלע זיינע באַוווסטזיניקע יאָרן געווען אי דער „ספרא", אי דער „סייפא", — בוך און שווערד, שווערד און בוך אינאיינעם. פּשוטער בוי־מייסטער און גרונט־און ציגל־לייגער פון דער באַוועגונג, שרייבער, רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר, — פון דער אַמאָליקער „סכאָדקע" ביזן ציוניסטישן קאָנגרעס, פון זיין אַ גרויער מיט־גליד, אָן אַרבעטס־בין, אין אַזאַ וואַרשעווער „קאָמי־פאַריין" ביזן פאַרבאַנדס־ביוראָ, ביזן ועד הפועל פון הסתדרות; פון די צ. ק.־ען פון פועלי־ציון אין רוס־

לאַנד, פּוילן און ארץ־ישראל, ביזן צ. ק. מפ״ס; פון אַ דעלעגאַט אויף דער וועלט־קאָנפערענץ אין קראָקע ביז זיין לעצטער ציוניסטישער שליחות אין דרום־אַמעריקע.

יאָ, היינט זענען מיר „כולנו חכמים ונבונים״, היינט האָבן מיר אַ הסתדרות מיט איר ריזיקןווירטשאַפטלעכן, קולטורעלן און סאָציאַל פּאָליטישן שטח, מיט פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, מיט קאָנסום־ און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, מיט אַ קופּת חולים און סולל בונה, מיט אַ הסתדרותישער אינדוסטריע, מיט אַ פּרעסע און ביכער־פאַרלעגעריי, מיט אינסטיטוטן און שולעס, מיטל־ און פּראָפ.־שולן. יאָ, היינט האָבן מיר די יידישע מדינה. אָבער דאָס אַלץ איז דאָך נישט אַראָפּגע־פאַלן פון הימל. דאָס אַלץ איז דאָך געשאַפן און אויסגעפורעמט געוואָרן דורך לעבעדיקע מענטשן, דורך יידישע אַרבעטער. טוט מען אָבער אַ טראַכט און קוק אויף צוריק, ווי אַזוי ס׳האָבן אויסגעזען אָט די, וואָס האָבן דאָס אַלץ געשאַפן — דעמאָלט, ווען אַזאַ ווי יצחק לעוו האָט אָנגעהויבן זיין לעבנסוועג אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, מוזן מיר נישט נאָר שטוינען נאָר טיף באַגייסטערט ווערן, שטאָלצירן מיטן דור פון די ערשטע. ווי יצחק לעוו איז כמעט פון זיין אָנהייב אָן געשטאַנען אין די ערשטע רייען, אַ קעמפער פון ברייטן פאַרנעם, אַן אַרבעטער־טוער פון גרויסן שניט, אַן אמתער אַרבעטער מאַרשאַל, וואָס האָט מיט פּערזענלעכן מוסטער און אינוועסטיציע פון אַן אַ ברעג כוחות געהאָלפן אויספאָרמירן דעם דור און אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן דויערהאַפטיקס אין נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן זין.

פון די וואָס האָבן מיט שטורעם אַריינגעבראַכט דעם באַראַכאָוויזם אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון פּוילן, צונעמענדיק ביים אַנטי־ציוניסטישן רעפאָרמיסטישן „בונד״ די קרוין פון „איינציקן פאָרשטייער״, האָט ער צוזאַמען מיט יוסף ראָזען, שכנא זאַגאַן און אַלע יענע באַראָכאָוויסטישע דעמבעס, וואָס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן בעת דעם לעצטן חורבן, פאַרמאָגט גענוג כאַראַקטער און כוח אידעאיש און אָרגאַניזאַציאָנעל אַרויסצוהייבן די באַוועגונג אין די קריי־טישסטע צייטן נאָך דער 5־טער וועלט־קאָנפערענץ פון אידעאָלאָגישער פאַרווי־רונג און ליקווידאַטאָריש ווילדקרויט, אַרויסגעפירט די פּועלי־ציון שיף פון די שטורמישע וואַסערן, און איבערגעוואָרפן דעם קאַמף אויף אַ צווייטן פראָנט, וואָס איז אויפגעמאַכט געוואָרן קעגן פּועלי־ציון פון רעכטס. אָט דער קאַמף פון רעכטס איז גאָרנישט געווען שוואַכער קעגן אונדז, ווי דער קאַמף פון דער לינקער ליקווידאַציע, אין אָט דעם קאַמף זענען דאָך קעגן לינקע פּועלי־ציון אָנגעווענדט געוואָרן מיטלען, וואָס זענען שוין איצט באַלד נישט צו גלויבן: פאַרשלאָסן פאַר זיי די טויערן פון ארץ־ישראל מיט טאָפּלטע שלעסער, — פון דער בריטישער אָקופּאַציע־מאַכט און פון די ציוניסטישע „פּאַלעסטינא־אַמטן״. לאָמיר־זשע אויפן פרישן קבר פון יצחק לעוון אָוועקלייגן אַ קראַנץ פון די ערשטע מאַסן־מעפּילים אין ארץ־ישראל, פון די ערשטע אומלעגאַלע עולים מחנות, וואָס יצחק לעוו האָט נאָך אָנהויב די דרייסיקער יאָרן אַריינגעבראַכט אומלעגאַל קיין ארץ ישראל,

אַ גרויסן טראַנספּאָרט אומלעגאַלע עולים דורך מדינת לבנון, אין אַראַבישע אויטאָמאָבילן, געפירטע פון אַראַבישע שאָפערן! איך האָב געהאַט דעם זכות זיך פּערזענלעך צו באַקענען מיטן צעשטראַלטן חבר יצחק לעוו, וואָס האָט געיובלט און צוזאַמען מיט אונדז געטאַנצט פון פרייד אויף די פייכטע זאַמדן ביינאַכט אויפן ים־פּאַס צווישן חיפה און עכו. אַ געוואַגטער שריט, נישט געשטיצט דורך קיינעם וואָס האָט אמבולטסטן כאַראַקטעריזירט לעווס דינאַמישע פּערזענלעכקייט, מוט, זיין בטחון, ווו די אידעאָלאָגיע און וויזיע איז תמיד געווען פאַרבונדן מיט מעשים, מיט רעאַליזירונג!

יצחק לעוו איז געווען פון די וויניקע צווישן אונדז, וואָס האָט געהאַט צייט און געניטשאַפט נישט נאָר צו אָרגאַניזאַציאָנעלער נאָר אויך צו גייסטיקער און שרייבערישער אַרבעט. ער האָט גלענצנד גערעדט און גלענצנד געשריבן, געווען איינער פון די בויער און שעפער פון דער אַרבעטער־פּרעסע און פון מאָדערנעם פּובליציסטישן אַ ר ב ע ט ע ר ־ ס ט י ל. דאָס שרייבן האָט ביי אים משלים געווען די תורה שבעל פה. און ביידע פונקציעס צוזאַמען האָבן משלים געווען זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעטן. איך מאַך נאָר פאַר זיך אַ קליינע רשימה, נישט נאָר פון די טריבונעס, וואָס ער האָט געהאָלפן גרינדן, נאָר אויך פון די שריפטן און צייטונגען, ווו ער האָט מיטגעאַרבעט: „האַנדלס אַנגעשטעלטער", „אַרבעטער־צייטונג", „יונגער דור", „פרייע יוגנט", „קינדערוועלט", דער טעאָרעטישער זשורנאַל „פּראָלעטאַרישער געדאַנק", „אַרבעטער־פּאַלעסטינע", „פּראָפ־וועלט", „קאָאָפּעראַציע", „פועלי ציון אַלמאַנאַך", „פנקס" פון פועלי־ציון — דאָס אַלץ אין פּוילן, „נייוועלט" אין ארץ־ישראל, „אונדזער וועג" ניו־יאָרק, „אונדזער וואָרט" בוענאָס איירעס און אין טאָג פון זיין טויט איז צו מיר דערגאַנגען אַ נייע פועלי־ציון־אויסגאַבע פון מאָנטעווידעאָ (אורוגווײַ) — „די אומאָפּהענגיקע יידישע טריבונע". אין דער אויסגאַבע איז געווען געדרוקט לעווס אַן אַרטיקל, און אין ז׳ער צייטונג צוגעלייגט אַ בריוועלע פאַר לעוון מיט אַ דאַנק פאַר זיין ד י ר ע ק ט ע ר הילף און מיטאַרבעט אין יענער ווייט פאַרוואָרפענער פועלי ציון צייטונג... און ווו זענען זיינע צאָלרייכע אַנדערע אַרבעטן אין איינמאָליקע אויסגאַבן, וואָס איך האָב נישט דערמאָנט. און ס׳פרעגט זיך באמת ווו האָט דער מענטש גענומען אויף אַלץ צייט?

לעווס כמעט דרייסיק יאָריקע אומדערמידלעכע אַרבעט אין פּוילן איז אָרגאַניש פאַרוועבט און פאַרבונדן מיט דער געשיכטע, מיטן קאַמף און לעבן פון די ל ע צ ט ע ד ר ײ ס י ק י אָ ר י י ד י ש פּ ו י ל ן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־שריפה און קיין היסטאָריקער פון לעצטן יידישן לעבן אין פּוילן וועט נישט קענען איבערהיפּערן די ליכטיקע געשטאַלט, וואָס איז געווען באַליבט און באַקאַנט ביי צענדליקער טויזנטער — וואָס לעוו איז געווען זייער אויסדרוק, זייער טריבון, זייער קעמפער און טרייסטער, באַגייסטערער און וועג־ווייזער אין דער גרויסער ערב־מלחמהדיקער פינצטערניש, וואָס האָט אין זיך געטראָגן דעם חורבן. לעוו האָט נישט נאָר שכלדיק פאָרויסגעפילט דעם שטורעם און קומענדן חורבן פון פּוילישן יידנטום, נאָר אויך מיט אַלע זיינע חושים. און די לעבן־געבליי־

בענע קטנען נאָר דערציילן ווי אַזוי לעוו האָט נישט נאָר געוואָרנט, נאָר אויך געטאָן אַלץ צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי צו ראַטעווען וואָס און וויפל עס לאָזט זיך — קיין ארץ־ישׂראל.

יצחק לעוו האָט נאָך מיטגעמאַכט אַ שטיק פון יענעם אומקום־גרויל, און מיט זיין משפחה זיך געראַטעוועט און געקומען קיין ארץ־ישׂראל, ווו ער האָט שוין אין טאָג פון זיין עליה זיך געוואָרפן מיט זיין כאַראַקטעריסטישן ברען און פייער אין דער אַרבעט. זיינע לעצטע 14 יאָר לעבן און קאַמף אין ישׂראל זענען אַ קאַפּיטל פאַר זיך, וואָס וועט נאָך מוזן באַשריבן ווערן. עס איז אָבער שווער אויפן פרישן קבר. פאַר אונדז, אין אונדז לעבט נאָך לעוו, ווי ס׳לעבט נאָך יוסף ראָזען. דער רוסישער דיכטער נאַדסאָן האָט אַמאָל געזונגען: „דער מזבח איז צעבראָכן — אָבער דאָס פייער ברענט”, „דאָס ליד איז איבערגעריסן — אָבער דער ניגון זינגט ווייטער”. ביידנס גייסטער לעבן פאַר אונדז איצט, ווי ביידע וואָלטן נאָך געאָטעמט. זיי ביידע זענען ווייטער מיט אונדז ביז מיר וועלן זיך באַהעפטן מיט זיי. זייער גייסט און זכרון איז מיט אונדז ווי מיט זייערע פאַר־בליבענע.

„דער מזבח איז צעבראָכן — אָבער דאָס פייער ברענט”.

זייער ליד איז איבערגעריסן — אָבער דער ניגון פון ליד וועט זינגען ווייטער ביז דער ענדגילטיקער פאַרווירקלעכונג פון דער אידעע פון יוספן און יצחקן.

ל. שמעוני

דער פריינד פון משמר הנגב

בלויז אַ קליינעם טייל פון אונדזערע פריינט, פריינט פון משמר הנגב, קענען מיר פון פערזענלעכע צוזאַמענטרעפן; די מייסטע זענען פאַר די חברים באַגריפן אָן קאָנקרעטער געשטאַלט. אָבער ווי טרויעריק און ביטער איז אונדז, ווען מיר דאַרפן פאַרצייכענען די געשטאַלט פון יצחק לעוו, ווען זיין נאָמען קוקט צו אונדז אַראָפּ פון אַ שוואַרצער ראַם אויף דער וואַנט.

בלויז מיט צוויי־דריי טעג צוריק בין איך מיט אים געזעסן אין מזכירות פון הקיבוץ המאוחד אויף אַ זיצונג וועגן דעם באַראַכאָוו־הויז. אויף פרייטיק, דעם טראַגישן פרייטיק, האָט ער זיך מיט מיר באַשטימט צו זען וועגן דעם ענין אין ועד הפועל פון דער הסתדרות. דעם קומענדיקן דינסטיק האָבן מיר זיך ווידער געדאַרפט טרעפן. אַזוי כמעט יעדן טאָג. נישט אומזיסט, און מיט רעכט, האָט יצחק לעוו געקעמפט איבער דער איניציאַטיוו־בכורה אויפצושטעלן דעם דענקמאָל פון אונדזער גרויסן באַראָכאָוו, וועלכן ער האָט אַזוי טיף פאַרערט. ער איז פאַקטיש געווען די נשמה פון דער דאָזיקער אַקציע.

פאַראַן אַ נטיה נאָכצוזאָגן שבחים אַ טויטן, ווען מען דאַרף זיך שטאַרק אָנשטרענגען זיי צו געפינען. אָבער וועגן יצחק לעוו, וויפיל איך זאָל נישט רעדן, וועט דאָס זיין נאָר אַ קליינער ברוך־טייל פון דעם וואָס מיר ווייסן וועגן אים צו דערציילן.

אַ מענטש פון צווייטן ציוניסטישן דור, פון די ערשטע אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פון די וועלכע האָבן אויסגעשמידט די פועלי־ציון־אידעע, פון אירע טיכטיקע פאַרווירקלעכער.

זיין ווירקונג האָט איבערגעשטיגן ווייט די גרענעצן פון פוילן מיט אירע מיליאָניקע יידישע מאַסן. פיל צענדליקער חברים, נישט געקוקט אויף זייערע פאַרשידענע שטאָט־לענדער, טראָגן אין זיך טיילן פון זיין גייסט און לערע. ווייל יצחק לעוו איז געווען אַ מענטש פון דער פועלי־ציון וועלט־באַוועגונג.

צווישן דער פלעיאַדע לינקע פועלי־ציון פירער איז לעוו געווען פון די ערשטע וואָס האָבן אין דער פולער מאָס אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון אַקטיווער חלוצישער אַרבעט און וואָס האָבן דערפאַר געשטרעבט צו באַנייען די צוגעהערי־קייט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ער איז געווען געבענטשט מיט צוויי וויכטיקע אייגנשאַפטן, וועלכע טרעפן

זיך נישט אָפּט צוזאַמען : אייגנשאַפטן פון אַ פירער אין איינעם מיט אוממיטלבאַרער הבֿרישקייט. שטענדיק גרייט צו פּרוּוון העלפן.

און פון דאַנען זיין טיפע פאַראינטערעסירונג מיט יעטוועדער געשעעניש אין משמר הנגב. נישט איינמאָל פלעג איך פּשוט שטוינען איבער זיינע פראגן, וועלכע האָבן געהאַט דעם כאַראַקטער פון טיפער אינטימער באַציִונג צו אונדזער קיבוצישער היים. ער האָט געוויטיקט יעדן קריזיס, און זיין פּנים האָט געשיינט הערנדיק פריידיקע ידיעות וועגן גרעסערע אָדער קלענערע עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פון אונדזער קיבוץ.

אַ ריזיקער פאַרלוסט פאַר אונדז חברים פון משמר הנגב און פאַר דער באַוועגונג.

אַן אומפאַרטרעטבאַרע אבֿידה.

י. זשאַמסקי



פון רעכטס : מ. פעדערמאַן (קאַנאַדע), ל. חיין, י. זרבבל, י. פעטערזייל, מוליע, י. לעוו

יצחק לעוו — דער פּראָטאָטיפּ פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין פּוילן

ווי אַן איוב־בשורה איז אָנגעקומען די ידיעה פון תל־אביב, פּלוצים, אומדערוואַרטעט אַז יצחק לעוו איז שוין אויך נישטאָ.

אומגלויבלעך, פּיינלעך און דערשיטערנדיק איז געווען די ידיעה, זי איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ דונער. קיינער האָט זיך גאָרנישט געריכט, קיינער האָט זיך אפילו פאָרשטעלן נישט געקאָנט, אַז דער דינאַמישער, לעבנסלוסטיקער, ענער־גישער יצחק לעוו וועט אַזוי פרי אַרויסגעריסן ווערן פונעם לעבן. די פינצטערע ידיעה האָט אַלעמען טיף צעוויייטיקט. זי האָט פאַר די אייגענע, פאַר די נאָענטע, וואָס האָבן יצחקן געפילט אַזוי אייגן, ווי ברידער, אָפּגעקלונגען אין מוח און אין דער נשמה מיטן ווידערקול פון דער אַלטער איוב־דראַמע.

מען דאַרף קענען די באַציִונגען צווישן דער גוואַרדיע פּועלי־ציון־וועטע־ראַנען אין ישראל; מען האָט געדאַרפט זען פון דער נאָענט אָט די משפּחהדיקע חברישע פאַרבינדונג צווישן די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן במשך העכער פערציק יאָר צוזאַמען געלעבט און געאַרבעט צוזאַמען, געחלומט און געקעמפט צוזאַמען; מענטשן וואָס האָבן זיך פאַרבונדן דורך אַן אידעע און פאַר אַן אידעע, און מיט איר צוזאַמען איין גורל געשמידט; מענטשן וואָס האָבן זיך אַזוי פולשטענדיק אידענטי־פיצירט מיטן אידעאַל און מיט דער באַוועגונג, אַז זיי זענען אַליין אויך ריין מענטשלעך, פּערזענלעך, אינעם געדאַנק און אין דער טאַט געוואָרן אידענטיפי־צירט און פאַרוועבט איינער מיטן צווייטן; מען דאַרף דאָס אַלץ זען און פאַרשטיין, כדי צו באַנעמען און דערפילן אין דער גאַנצער טיף, ווי גרויס עס איז דער ווייטיק און ווי גרויס די אבידה, וואָס הילט איין אין טרויער אַלע חברים און פריינט, אַלע פּאַרטייען פון פּועלי־ציון פון דער וועלט, די גאַנצע יידישע אַרבעטערשאַפט און אַלע די וואָס האָבן אין יצחק לעוון געזען דעם מוטיקן און ווירדיקן פאָנען־טרעגער פון די שענסטע אידעאַלן פון דעם יידישן אַרבעטס־מענטש.

יצחק לעוו איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, דעם 20־טן יולי 1891. זיין ערשטע דערציִונג האָט ער באַקומען אין חדר. דערנאָך האָט ער פאַרענדיקט אַ האַנדלס־שול. צו 21 יאָר איז לעוו אַריינגעטראָטן אין דער פּועלי־ציון פּאַרטיי. זייער גיך איז ער געוואָרן אַן אָנגעזעענער טוער און איז כסדר מיטגעוואַקסן צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי. פון סאַמע אָנפאַנג אָן האָט ער פאַרנומען אַ צענטראַלן אָרט

און איז טאַקע שנעל געוואָרן איינער פון אירע וויכטיקע און אָנגעזעענסטע פירער.
יצחק לעוו האָט צוזאַמען מיט דער פועלי־ציון פּאַרטיי דורכגעמאַכט די
שטורמישע יאָרן פון צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה. אין די דאַ־
זיקע יאָרן פון פּאָליטישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן אויפשוווּנג פון דער יידישער אַרבע־
טער־באַוועגונג אין פּוילן, איז יצחק לעוו געשטאַנען אין צענטער פון פּאָליטישן
קאַמף. נישט געווען קיין איין געביט פון יידישן אַרבעטער־לעבן אין וועלכן יצחק
לעוו זאָל זיך נישט באַטייליקן. אומעטום ווו יידישע אַרבעטער זענען פאַראַן — איז
אויך לעוו דאָ. אין דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג, אין דער קאָאָפּע־
ראַטיווער באַוועגונג, אינעם יידישן שול־וועזן. יצחק לעוו האָט אַריינגעשריבן
אַ פּרעכטיק בלאַט אין דעם קאַמף פאַר יידישע רעכט אין דעם אומאָפּהענגיקן
פּוילן. ווי אַ ראַטמאַן פון דער פועלי־ציון פּאַרטיי אין דעם וואַרשעווער שטאָט־
ראַט האָט ער אויפן סאַמע ווירדיקסטן אופן פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דער
יידישער אַרבעטערשאַפט און פון די אָרעמע שיכטן צווישן די פּוילישע יידן בכלל.
ער איז געווען דער מוטיקער קעמפער פאַר דער יידישער שפּראַך און פאַר דער
יידישער דערציִונג און האָט מיט זיינע אַרויסטריטן אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט
דערהויבן די חשיבות פון יידן אין פּוילן, און גאָר באַזונדערס די חשיבות פון דעם
יידישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט מער ווי אַלע אַנדערע סאָציאַלע שיכטן אויס־
געטראָגן דעם קאַמף פון פּוילישן יידנטום.

יצחק לעוו האָט געהאַט די זכיה צו שטיין ביים וויגעלע פון דער „אַרבעטער
צייטונג“ — דער אָרגאַן פון דער פועלי־ציון פּאַרטיי אין פּוילן, וועלכער האָט
אָנגעהויבן צו דערשיינען אין נאָוועמבער 1918. זינט דאַן איז לעוו כסדר געווען
איינער פון אירע רעדאַקטאָרן און וויכטיקסטע מיטאַרבעטער. ער האָט געשריבן
איבער ווירטשאַפט־פּראָבלעמען, איבער סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראגן, איבער
פּאָליטישע ענינים. און גאָר באַזונדערס אָנזעעוודיק איז געווען זיין מוטיקער
קאַמף קעגן די שונאים פון ציוניסטישן געדאַנק. ער האָט דעם ציוניזם באַנומען
נישט בלויז אינטעלעקטועל, אידעאיש, נאָר ער האָט אים ממש געפילט. ער איז
געווען דער פאַרליבטער אין דעם אויפבוי־ווערק פון ישראל און איז דעריבער
געווען איינער פון די מענטשן וואָס האָבן געפירט די פּאַרטיי אויף דעם וועג פון
ישראל צענטריזם. ער האָט זיך אַליין באַטייליקט אין דער עליה־אַרבעט און האָט
מיט זיין וואָרט, מיט זיין פעדער און מיט זיין טאַט געמוטיקט און באַווירקט
הונדערטער און טויזנטער יוגנטלעכע און דערוואַקסענע עולה צו זיין און זיך
איינצוגלידערן אין דעם נייעם שאַפונגס־פּראָצעס פון דעם אויפשטייענדיקן ישראל.

זיין אַרבעט און ווירקונג אין דער פועלי־ציון־פּאַרטיי איז אַרויס ווייט פון
די גרענעצן פון מדינת פּוילן. זייענדיק נאָך גאַנץ יונג איז ער געוואָרן אַ וויכטיקע
פיגור אין דער וועלט־באַוועגונג. לעוו האָט געהאַט די זכיה צו אַרבעטן צוזאַמען
מיטן גאוניאַלן בער באָראָכאָוו אין דעם וועלט־פאַרבאַנד און איז זינט אַ סך יאָרן
אַ מיטגליד אינעם פאַרבאַנד־ביוראָ פון דער פועלי־ציון וועלט־באַוועגונג. ער האָט
זיך באַטייליקט אין פאַרשטייערשאַפט פון דער פּאַרטיי אין פאַרשידענע אינטער־

נאַציאָנאַלע קאָנגרעסן און אויך אין אַלוועלטלעכע יידישע קאָנגרעסן, ווי דער קאָנגרעס אין בערלין פאַרן אַרבעטנדיקן ישראל און אין די לעצטע ציוניסטישע קאָנגרעסן, ווו ער איז אויך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון ציוניסטישן אַקציאָנס קאָמיטעט.

בעת דעם נאַציישן איבערפאַל אויף פוילן, איז לעוו, לויט דער פאַראָרדע־נונג פון די אָנפיר־אינסטאַנצן פון דער פאַרטיי, אַריבער קיין ישראל. אין ישראל

אהרן און אסתר מלכה לעוו, די עלטערן פון יצחק לעוו און זיין עלטסטע שוועסטער, טשארנע.

האָט יצחק לעוו פאָרגעזעצט זיין אַרבעט מיטן זעלבן אימפעט און ברען ווי פריער. אויך אין ישראל איז ער פון די ערשטע טעג אָן געווען איינער פון די צענטראַלסטע פירער פון דער פועלי־ציון־פאַרטיי און שפּעטער פון דער פאַרייניקטער אַרבע־טער־פאַרטיי מפ״ם. און פּונקט ווי פריער פון פוילן אַזוי האָט יצחק לעוו דערנאָך פון ישראל געווירקט אויף דער אַרבעט פון די פאַרטייען אין חוץ לארץ און באַווירקט, אין גאַר אַ גרויסער מאָס, דעם אינהאַלט און כאַראַקטער פון דער באַוועגונג. אין שליחות פון דער הסתדרות, ווו ער איז געווען אַ מיטגליד אין ועד הפועל, און פון קרן היסוד, האָט ער די לעצטע יאָרן באַזוכט צפון־אַמעריקע און

דערנאָך אויך דרום־אַמעריקע. זיין באַזוך אין דרום־אַמעריקע, און גאָר באַזונדערס אין אַרגענטינע, איז סיי פאַר אים און סיי פאַר דער פּאַרטיי געווען פון אויסערגעוויינלעכער באַדייטונג. די דערינערונגען פון די שטורמישע יאָרן האָבן אויפגעטויכט אין זכרון פון די הונדערטער און טויזנטער חברים און פריינט. יצחק לעוו האָט סימבאָליזירט די פּועלי־ציון פּאַרטיי אין פּוילן, ער האָט מיט זיך דערמאָנט איר וואונדערבאַרע פאַרגאַנגענהייט, דעם העראָישן קאַמף אירן אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן. ער האָט דעריבער מיט זיין באַזוך געשטאַרקט ביי חברים דעם ווילן און באַגער צו ווייטערדיקע גרויסע מעשים פאַר די אידעאַלן פון דער פּאַרטיי.

יצחק לעוו איז געווען דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער פּראָטאָטיפּ פון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי אין פּוילן. ער איז מיט דער פּאַרטיי אויפגעוואַקסן צוזאַמען. ער האָט זי באַווירקט מיט זיין פּערזענלעכן ביישפּיל און דורך זיין איבערגעגעבענער און געטרייער אַרבעט. און זי האָט אים באַווירקט, נישט בלויז אידעאיש, פּאָליטיש, נאָר אפילו ריין פּערזענלעך.

אַ מענטש קען טון אַ סך זאַכן, אָבער אידענטיפיצירן קען ער זיך נאָר מיט איינער. און לעוו איז געווען אינגאַנצן אידענטיפיצירט מיט דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין פּוילן און מיט אַלץ וואָס די פּאַרטיי האָט געטון און געשאַפן צווישן און פאַרן פּוילישן יידנטום.

דער חורבן פון פּוילישן יידנטום האָט דעריבער אויך געבראַכט צום גרויסן אָן סופיקן חורבן פון לעוו דעם מענטש.

יעדער ייד, און אוודאי יעדער פּוילנדיקער און דענקענדיקער ייד, האָט פּערזענלעך דורכגעוויטיקט דעם אומקום פון פּוילישן יידנטום. לעוו האָט דעם חורבן דורכגעפילט און דורכגעליטן מיט דער גרעסטער שאַרפקייט. פאַר אים איז פּוילן געווען די שיף אויף וועלכער ער איז געפאָרן זיין גאַנץ לעבן; די שיף וועלכע ער האָט אַליין אויך געפירט, זייער אָפט — קעגן אַלערליי שטורעמס און געפאַרן. און אַז די שיף זיינע מיט אַלע אירע פּאַסאַזשירן — די יידן אין פּוילן — איז אונטערגעגאַנגען, וואָס זשע פאַרבלייבט אים צו טאָן דעם ערנהאַפטן קאַפּיטאַן, אָן דער שיף און אָן די פּאַסאַזשירן אירע?

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן זיין טראַגעדיע, וועלכע האָט אים באַגלייט ביזן סוף פון זיין לעבן.

אין ישראל האָט לעוו פּראָבירט זיך באַפרייען פונעם קאָשמאַר. זיין ליבשאַפט צו ישראל האָט מאָמענטנווייז געווירקט ווי באַלזאַם אויף זיין צעוויייטיקט האַרץ, אָבער היילן די טיפע וווּנד האָט עס נישט געקענט. ער האָט זיך געפרייט מיט ישראל, מיט יעדן נייעם יידן אינעם לאַנד, מיט יעדן שפּאַן ניי־באַאַרבעטן באָדן, מיט יעדן בוים און בלום. אָבער יעדע שמחה האָט נאָך מער פאַרשאַרפט אין אים דעם טרויער און דעם ווייטיק פאַר די וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן; פאַר די וואָס זענען נישטאָ און וואָלטן געקענט זיין צווישן די וואָס לעבן, בויען און שאַפן אינעם יידישן לאַנד.

די וואָס האָבן געקענט לעוון פון די פריערדיקע יאָרן, די האָבן געוווּסט אַז דער איצטיקער לעוו איז נישט דער זעלבער. ער איז אַ שאָטן פון יענעם לעוו, וואָס גייט נאָך זיין פאַרגאַנגענהייט.

נישט איין מאָל האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז אפילו ווען לעוו האָט גערעדט, ווען ער האָט געאַרבעט, איז דער דמיון זיינער געווען פאַרטראָגן ערגעץ ווייט, אין דער וועלט פון די פאַרשניטענע, דאָרט צווישן די שיפּברוכיקע פּאַסאַזשירן זיינע, וואָס וועלן זיך שוין מער קיינמאָל נישט אומקערן...

איינמאָל נאָר האָב איך געזען לעוון צוריק אויפגלאַנצן אין מדינת ישראל. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיטן אויפבוי פונעם באָראָכאָוו־הויז אין משמר הנגב. לעוו האָט אין דעם באָראָכאָוו־הויז געזען אַ גרויסן טרוים; ער האָט אין דעם געזען מאַטעריאַליזירט אַ קאָלאָסאַלע מעגלעכקייט צו פאַרטיפן די באָראָכאָוויסטישע לערע, וואָס וועט פון אָט דער געדענק־פעסטונג ווערן אַ פעסטונג פון געדאַנק. דווקא אין דעם נגב פון ישראל, מיט וועלכן עס איז פאַרבונדן די האָפענונג און די צוקונפט פון דער מדינה; דווקא אין דעם נגב, וווּ די שווערקייטן זענען די גרעסטע, דאַרפן געשאַפן ווערן די מיטלען וואָס זאָלן מאָראַליש און גייסטיק שטאַרקן דעם בויער פון לאַנד, און גלייכצייטיק זאָלן זיי באַלייכטן דאָס לעבן פון יידישן פאָלק אין דער וועלט מיט דעם ליכט פון אַרבעטנדיקן און קעמפנדיקן ישראל.

*

לעוו האָט זיך פאַר דער דאָזיקער אַרבעט געווידמעט טאַקע בלב ונפש. ער איז געווען דער נערוו פון דער אַרבעט, דער אָרגאַניזירער און אויספירער, דער וועקער און רופער. דאָס מאָל האָט ער ווידער אויפגעגלאַנצט מיט זיין יוגנטלעכער אָרגאַניזאַטאָרישער קראַפט, מיט זיין אימפּעט, מיט זיין אומרו און באַגייסטערונג, וואָס איז אַמאָל געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים.

ווער זאָל אָבער וויסן, אַז דאָס איז זיין לעצטער גלאַנץ? ווער זאָל איינפאַלן, אַז יצחק לעוו וועט נישט דערלעבן צו זען דאָס באָראָכאָוו־הויז אויפגעשטעלט.

פּונקט צו דער וואָך, אין אַ פינצטערן פרייטיק, דעם 7־טן מאַי אין דער פרי, איז ער געשטאָרבן מיט דעם זעלבן טויט וואָס זיין חבר און פריינט יוסף ראָזען. און אויך אין אַ זונטיק, ווי יוסףן, האָט מען אים געבראַכט צו זיין אייביקער רו, אויפן בית־עולם, און אים מקבר געווען זייט ביי זייט מיט יוסף ראָזען.

יוסף ראָזען און יצחק לעוו זענען געווען צוויי אַנדערע כאַראַקטערן. יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט זיין אייגענעם גאַנג, זיין אייגענעם נוסח, דאָך האָבן זיי זיך ביידע זייער ליב געהאַט, זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען און אין זייער פאַרשידנקייט האָבן זיי זיך קעגנזייטיק זייער פיל דערגאַנצט. ליידער האָט זיי אויך דער טויט צו שנעל פאַראייניקט. ביים לעבן האָבן זיי ביידע געדינט דער באַוועגונג. ביידע זענען יאָרן־לאַנג געשטאַנען ווי פעסטע זיילן, אויף וועלכע עס האָט זיך אָנגעשפּאַרט דער אידעישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער בנין פון דער פּאַרטיי. ביידע

האָבן איר צוגעגעבן גלאַנץ און חשיבות. דערפאַר איז זייערביידנס פּלוצלינגער טויט אַזאַ טיפער, נישט פאַרגייענדיקער ווייטיק פאַר אַלע וועלכע האָבן זיי ביידן פּערזענלעך געקענט פון דער נאָענט און פאַר אַלע וואָס זענען מיט זיי געווען פאַרבונדן אין דער געמיינזאַמער באַוועגונג און אין דער געמיינזאַמער טאַט פאַר די געמיינזאַמע גרויסע, ליכטיקע אידעאַלן.

ה. פינקעלשטיין

1937 ירושלים; דעלעגאַציע פון פוילן אויף דער צענטער וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון; עס שטייען פון רעכטס: י. לעוו: לאָלאַ קובלאַנאָוו, פּעטערזייל, סטאָלאַרסקי, וראָנסקי;

עס זיצן: ש. זאַגאַן, נ. בוקסבוים, מוליע, קובלאַנאָוו.

צווי „ערשטע באַגעגענישן"

א

מיט יצחק לעוון האָב איך געהאַט צווי „ערשטע באַגעגענישן". די ערשטע אין זומער 1912 אין קראָקע, די צווייטע אין דער נאַכט פון 31־טן דעצעמבער 1917, אין לובלין.

ווי אַזוי זענען מעגלעך צווי „ערשטע" באַגעגענישן? דאָס וויל איך דאָ דערציילן.

אין אויגוסט 1912 איז פאַרגעקומען אין קראָקע די פערטע וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון. גראַד דעמאָלט האָב איך מיך געגרייט צום עקסטערניסטן־עקזאַמען אין אַכטן גימנאַזיאַל־קלאַס אין מיין געבורט־שטעטל דעמביץ. אַזוי לאַנג די וועלט־קאָנפערענץ האָט געדויערט, אַכט טאָג צייט, איז „דער יידישער אַרבעטער", די צייטונג פון פועלי־ציון אין עסטרייך אַרויסגעגאַנגען יעדן טאָג — מיט די רעפעראַטן און דיסקוסיעס און ידיעות וועגן דעם פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ. דער רעדאַקטאָר איז געווען יעקב קענער. איינמאָל אין דער פרי, ס'איז געווען דריי טעג פאַרן עקזאַמען, קומט אָן „דער יידישער אַרבעטער" מיט דער ידיעה, אַז דעם טאָג וועט פאַרקומען די דעבאַטע צווישן ש. קאַפּלאַנסקי און ב. באָראָכאָוו וועגן אַפּענהיימערס פּלאַן פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. ביז דעמאָלט בין איך געזעסן רויק אין שטעטל און געמאַטערט זיך איבער דער אומגליקלעכער מאַטעמאַטיק, וואָס איז מיר דעמאָלט געווען אַזוי פרעמד ווי היינט. אָבער די ידיעה אַז באָראָכאָוו וועט רעדן, און דאָס געפיל, אַז אויב איך וועל אים דאַסמאָל נישט הערן, וועל איך אים אפשר קיינמאָל מער נישט הערן, האָט מיך אינגאַנצן אויפגערודערט. טאַקע געווען די סכנה, אַז דער איינער טאָג קאָן מיך קאָסטן נאָך אַ פאַרלוירן יאָר אויסער די פריערדיקע, וואָס איך האָב „פאַרתכלעוועט" צוליב פּאַרטייאישע עסקים — אָבער וואָס פאַר אַ חשיבות האָט דען דאָס געהאַט אַנטקעגן דעם ווילן צו הערן באָראָכאָוון? איז אומר ועושה, נישט אַ סך געקלערט בין איך אָוועק אויף דער באַן און מיטן ערשטן צוג געפאָרן קיין קראָקע. איך בין אָנגעקומען אינמיטן דער נאָכמיטאָג־זיצונג. קאַפּלאַנסקי האָט שוין געהאַט געהאַלטן זיין רעפעראַט. באָראָכאָוו האָט געהאַלטן זיין קאָרעפעראַט. די אַטמאָספער איז געווען אַ געשפּאַנטע. מ'האָט זיך צוגעהערט צו באָראָכאָווס רייד מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם. פאַר אַ גרויסן טייל פונעם עולם איז עס געווען סתרי־תורה, לויטער נייעסן, שווער תופס צו זיין מיטאָמאָל. פאַר מיר אויך.

„גאַליציע“ האָט זיך געהאַט איר אייגענעם גאַנג, און קאַפּלאַנסקי אונדזער פּירער, איז אויך נישט געווען קיין קטלא קניא. אפילו ער, דער רויקער, „אייראָפּעאישער“ דזשענטלמען, איז נישט איינגעזעסן שטיל, ער האָט געמאַכט אַ צווישנרוף און נאָך איינעם. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז באַראַכאָוו האַלט ערשט אין דער מיט. אָבער קאַפּלאַנסקיס אַ צווישנרוף האָט אים אַרויסגעפירט פון די כלים, און אומגעריכט, פאַר מיר און פאַר אַנדערע, האָט ער געענדיקט.

די דיסקוסיע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ דערקלערונג פון דער פּוילישער דעלעגאַציע, אַז נאָך באַראַכאָווס אויסשעפּנדיקן רעפעראַט, וואָס האָט אַרויסגע־בראַכט קלאָר די שטעלונג פון דער רוסישער פּאַרטיי, וועט זי זיך נישט באַטייליקן אין דער דאָזיקער דעבאַטע. די דערקלערונג האָט אָפּגעגעבן אַ מאָגערער הויכער יונגערמאַן, נישט עלטער פון מיר, חבר משה. זיין פעסטער טאָן, און די חשיבות מיט וועלכער ער האָט געזאָגט די עטלעכע זאַצן, האָבן אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון גרויסער פּאָלעמיסטישער און פּאַרטיי־פּאָליטישער דערפאַרונג.

מאָדנע ווי עס האָבן אויף אונדז „גאַליציאַנער“ געווירקט די אַרויסטרעטונ־גען פון די רוסישע חברים, — מיר האָבן זיך אָלעמאָל געשפּירט הינטער־שטעליק אַנטקעגן זיי, סיי אין דער פּאַרטייאישער דערפאַרונג, סיי אין דער זיכערקייט פון אַרויסטרעטן. זיי האָבן הינטער זיך געהאַט אַ רעוואָלוציע מיט אַ פאַרצווייגטער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט, מיט פּאָליציייאישע רדיפות און אַרעסטן. ביי אונדז האָט איינער געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלן „מזל“ כדי אַריינצופאַלן כאָטש אויף אַ טאָג צוויי אין אַ פּאָליציי־אַרעסט. האָבן טאַקע מיר אַלע יונגע גאַליצישע פּועלי־ציון ווי פליגן אַרום האָניק זיך געזאַמלט אַרום די דעלעגאַטן פון רוסלאַנד און פּוילן, וואָס זענען אַלע געווען אַזוי אַלט ווי מיר, אָדער צוממיינסטן עטלעכע יאָר עלטער. איינער פון זיי איז געווען יענער חבר „משה“, וואָס ערשט יאָרן שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז געווען יצחק לעוו — „משה בעקער“.

דרך אגב, יענעם אָוונט האָט באַראַכאָוו אין דעם אייגענעם זאַל געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן „400 יאָר יידיש“, און ווידער זענען עס געווען לויטער נייעסן. ביז דעמאָלט האָבן מיר געקענט באַראַכאָוון אַלס פּאַרטיי־טעאָרעטיקער. איצט האָבן מיר זיך באַקענט מיט באַראַכאָוון דעם פילאָלאָג. אָן אַ דיסקוסיע האָט עס זיך, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט באַגיין, און איינער אַ זש.פ.ס.־ניק, גאָר נישט קיין גרויסער ווייסער, און ערשט רעכט נישט קיין פילאָלאָג, האָט זיך אָוועקגע־שטעלט „דיסקוטירן“ מיט באַראַכאָוון... געווען קלאָר, אַז די תשובה אויף דער דאָזיקער פּאָלעמיק וועט געבן נישט באַראַכאָוו. אָבער ווער? געריסן זיך צום רעדן האָבן אַלע יונגסטע, צווישן זיי אָט יענער חבר משה פון פּוילן, שכנא זאַגאַן, אנכי הקטן א.א. — אָבער געענטפערט האָט בערל לאָקער, וואָס איז דעמאָלט געווען דער רעדאַקטאָר פון „יידישן אַרבעטער“ און פּאַרטיי־סעקרעטאַר.

נאָך באַראַכאָווס רעפעראַט איז פאָרגעקומען אין דעם אייגענעם זאַל דער באַנקעט. הונדערטער חברים ביי געדעקטע טישן. אָבער דאָ איז שוין די רוסישע דעלעגאַציע נישט געווען דער צענטער פונעם אינטערעס. דאָ האָט אַלעמענס אויפ־

מערקזאַמקייט צוגעצויגן די דעלעגאַציע פון ארץ־ישראל מיט אירע חברים פונעם „השומר", וועלכע האָבן דעם גרויסן עולם צום ערשטן מאָל באַקענט מיטן דעמאָלטיקן שטייגער. מיט זייער גוזאַנג און „קאָנצערט" פון גאָפּל־מעסער־לעפל־טעלער האָבן זיי אויפגעשטעלט אַלעמען פון די פּלעצער און פאַרזאַמלט דעם גאַנצן יונגן עולם אַרום זיך. דאָס איז געווען פאַר אונדז אַלעמען די ערשטע באַגעגעניש מיט ארץ־ישראלדיקן שטייגער, אַזוי אַנדערש פון אונדזער רויקייט. און אפילו די „געניטע", „פּאָליטישע" און „טעאָרעטישע", רוסישע דעלעגאַטן האָבן נישט געקאָנט בלייבן אויסער דער האָרע, וואָס די שומרניקעס האָבן אויפגעפירט נאָכן באַנקעט... צווישן זיי אויך יצחק לעוו, דעמאָלט חבר משה.

ב

מיין צווייטע „ערשטע באַגעגעניש" מיט לעוון איז געווען אונטער דער עסטרייכישער אָקופּאַציע אין לובלין בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. דעם 31־טן דעצעמבער 1917 בין איך אַרויסגעפאָרן פון פּילעוו אין פּוילן, ווו איך האָב געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמיי אַלס „ק. אונד ק. טראַנספּאָרט־מיטעל־מוסטערונגס־קאָמיסיאָנס־שרייבער", אין דער אָפיציר־שולע אין מעהריש־אָסטראַו. אין פּילעוו האָב איך זומער 1917 אין דעם דאָרטיקן גאָר־יונגן אַרבעטער־פאַריין געהאַלטן דעם ערשטן רעפעראַט וועגן פּועלי־ציוניזם. דאָס איז געווען אויפן הויף, ווו עס איז געווען דער פּאָסטן פון דער אָרטיקער זשאַנדאַרמעריע, און אויף די פאַרזאַמלטע אַרבעטער האָט עס געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק, אַז איך האָב גערעדט אין מילי־טערישן אוניפאָרם. קיין קאָנטאַקט מיט חברים אין די אַנדערע שטעט פון פּוילן האָב איך נישט געהאַט, כאָטש איך האָב שוין פון אַ באַזוך אין לובלין געוווּסט, אַז דאָרט האָט מיינער אַ נאָענטער חבר פון טאַרנע עלי זעלינגער, דינענדיק אין אָרטיקן מיליטער־שפּיטאָל באַוויזן אויפצושטעלן אַ פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע. פאַרנדיק אין דער אָפיציר־שולע בין איך דעריבער אָפּגעטראָטן אין לובלין כדי צו זען די אָרגאַניזאַציע. דער קלוב און אַרבעטער־קיך איז געווען אויף רינעק 10. אַז איך בין אַהין געקומען אין אָוונט, האָב איך געטראָפן אַ פול אָנגעשטאָפּטן לאָקאָל — ס׳איז גראָד פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג מיט צוויי וואַרשעווער רעדנער — י צ ח ק ל ע ו ו און י ש ר א ל ב י י ן.

לעוו איז דאָ געווען אין זיין עלעמענט. ער האָט גערעדט ווי אַ געניטער פּאָפּולאַריזאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר אינאיינעם, מיט רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַ־מענט און זאַכלעכער צילבאַוווּסטקייט. דאָס איז געווען אַזוי ווייט פון דעם אופן רעדן צו וועלכן איך בין געווען געוווינט פון גאַליציע, און ס׳איז מיר גאָרנישט געווען אָנגענעם ווען מ׳האָט אויך מיך מכבד געווען מיט אַ וואָרט. איך ווייס, אַז מיין קורצע רעדע האָט גאָרנישט באַגייסטערט די צוויי וואַרשעווער חברים... דערפאַר בין איך געווען באַגייסטערט פון זיי. מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז איך האָב מיך געפילט ווי אייזן. פיל מער האָב איך זיי געפילט ווי שטאָל. דאָס האָב איך מיך דורך לעווס רעדע און אָרגאַניזאַטאָרישער אינסטרואירונג אויף דער פאַרזאַמלונג

צום ערשטן מאָל באַקענט מיט דעם גייסט פון דער פוילישער פּאַרטיי, מיט איר ציל־געוועודקייט און רעוואָלוציאָנערן עלאַן, וואָס איך האָב שפּעטער באַוווּנדערט אין משך פון יאָרן אין פּוילן, און דערנאָך אין נייע באַדינגונגען אין ארץ־ישראל.

אין מערץ 1919, שוין נאָך דער מלחמה, בין איך אַריבערגעקומען קיין וואַרשע און גענומען אַרבעטן אין דער פּאַרטיי־פּרעסע. דאָ האָב איך ערשט געהאַט די געלעגנהייט צו זען באַשטעטיקט אויף אַ ברייטן פאָרום דאָס בילד וואָס איך האָב מיר געשאַפן פון לעוון אַלס דעם כאַראַקטעריסטישן פּועלי־ציוניסטישן טוער אין פּוילן.

קיין שום ווינקל פון דער פּאַרטיי־אַרבעט האָט נישט געקענט זיין אָן זיין כמעט טאָג־טעגלעכער אַקטיווער ווירקונג און אַריינמישונג. אַלס רעדנער, שרייבער, אָרגאַניזאַטאָר, פּאַרוואַלטער איז ער אַלעמאָל געשטאַנען אין דער ריי פון די עטלעכע ערשטע. אומעטום מיט טעמפּעראַמענט, פּרינציפּנפעסטיקייט און אויסגע־רעכנטער טאַקטישער ליניע.

ער האָט געווירקט אַלס ביישפּיל פאַר הונדערטער אַקטיווע חברים, און נישט איינמאָל אויף דער פּוילישער פּראָווינץ האָב איך באַמערקט אין דעם אופן רעדן פון חברים אויף דער טריבונע, אויף זיצונגען כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון לעווס אופן, וועלכע זיי האָבן איבערגענומען פון אים, ווייל אין אַ סך ערטער איז ער געווען דער ערשטער רעדנער פון פּועלי־ציון, און מ׳האָט פון אים איבער־גענומען שיטות פון אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט. ביז היינט הער איך נאָך דעם טאָן פון התפּעלות פון חברים און נאָענטע ווען זיי האָבן אַרויסגעזאָגט דעם נאָמען לעוו. געווען אַזעלכע וואָס האָבן אין דעם נאָמען געזען אַ פּסעוודאָנים, וואָס איז דער טייטש: לייב, לעוו, לייב, לייבמאַן — אַזוי האָבן זיי אים געזען.

דניאל לייבל

פון יידישן לעבן אין פוילן

(צווישן צוויי מלחמות)

א. קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם (1923)

ב. צום קאָנגרעס פאַר רעכט אויף אַרבעט (1926)

ג. קאָנגרעס פון אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל (1927)

ד. דיסקוסיע אינעם „בונד" (1928)

ה. וואַל־דורכפאַל פון די „רויטע" (1930)

ו. די יידישע מאַסן און די אַרבעטסלאָזיקייט (1930)

ז. דער קריזיס פון דער יידישער עמיגראַציע אין פוילן (1932)

ח. די ראָל פון דער עמיגראַציע אין יידישן לעבן (1936)

ט. בונדישע סטאַטיסטיק (1937)

י. דאָס אַגראַר־פּראָבלעם אין פוילן און... די יידן־פּראַגע (1938)

קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם

אַנטיסעמיטיזם און יידן־העצע זענען איצט ביים פוילישן בירגערטום פון די גאַנגבאַרסטע פּאָליטישע קאַמף־לאָזונגען — נישט בלויז אַ מיטל צו פאַרפעסטיקן זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, נאָר אַ וועג צו דערגרייכן די פּאָליטישע מאַכט.

דער אַנטיסעמיטיזם ביים פוילישן בירגערטום האָט שוין הינטער זיך אַ לאַנגע, פיל־יאָריקע טראַדיציע. דער לאָזונג פון „אָרגאַנישער אַרבעט" נאָכן נישט געלונגענעם אויפשטאַנד פון 1863 יאָר האָט זיך פאַרבונדן מיטן לאָזונג פון „סוואָי דאָ סוועגאָ" און זיך אויסגעגאָסן אין אַ באָיקאָט־באַוועגונג קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד. קיין שום בירגערלעכע פוילישע גרופּירונג איז פון אַנטיסעמיטיזם נישט פריי — צי זענען דאָס די ענדעקעס מיט זייער טראַדיציאָנעלן און ווילדן יידן־האַס, צי די כלומרשטע פּראָגרעסיסטן מיט זייער פּראָגראַסיוון אַנטיסעמיטיזם. יידן־שנאה איז פון קדמונים אָן אַ וויכטיק כלי־זיין פון דער פוילישער בורזשואַזיע אין קאַמף פאַר עקאָנאָמישע און פּאָליטישע צילן. דאָס פירט נישט בלויז צום פאַרנעמען נייע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, ס'איז אויך דאָס באַקוועמסטע און ווירקזאַמסטע מיטל אָפּצווווענדן די אויסגעהונגערטע און עקספּלאָאַטירטע מאַסן פון זייערע אייגענע „נאַציאָנאַלע" באַדריקער אויף אַן אַנדערן נאַציאָנאַלן עלעמענט, אָראָפּפירן די מאַסן פון קלאַסן־וועג און פאַרנאַרן זיי אויפן וועג פון נאַציאָנאַלן קריג.

וואָס שאַרפער ס'ווערן די קלאַסן־קעגנזאַצן, וואָס בולטער דער קלאַסן־קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס, אַלץ פאַרביסענער רוקט אַרויס די בורזשואַזיע דעם לאָזונג פון אַנטיסעמיטיזם. און מ'מוז מודה זיין, אַז די דאָזיקע העצע האָט אַ קענטיקע פּעולה אויף די פוילישע אַרבעטער־מאַסן, וואָס זענען צוליב די 125 יאָר נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג נאַציאָנאַל שטאַרק עמפּינדלעך.

אָבער שולדיק דערין זענען נישט בלויז די אָביעקטיווע אומשטענדן: אַ גרויסן חלק שולד טראָגן אויף זיך אויך די פוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע האָבן ביז איצט נישט בלויז גאָרנישט געטאָן כדי אַנטקעגנצווווירקן דעם אַנטיסעמיטיזם, נאָר, פאַרקערט, מיט זייער האַנדלונג, ווען אפילו אומגערן, געבּרענגט צו זיין פאַרשטאַרקונג.

לאָמיר נעמען די פּ.פּ.ס.

די „כיענע״ האָט, כידוע, איר דעצעמבער־פאַשיסטן־פּוטש געפּרוּווט דורכ־פירן אונטערן לאָזונג פון „פּוילן פאַר פּאָליאַקן״. זי שטייט כסדר שטאָל און אייזן פאַר אַ נאַציאָנאַל פּוילן און נישט קיין נאַציאָנאַליטעטן־פּוילן, ווייל נישט הערן פון נאַציאָנאַלע רעכט פאַר מינדערהייטן. צי שטעלט איר די פּ.פּ.ס. אַנטקעגן אַנדערע קעגנזעצלעכע לאָזונגען?

פּונקט ווי די „כיענע״, איז אויך די פּ.פּ.ס. קעגן פולע רעכט פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, און אויב זי גייט איין אויף הנחות לגבי די טעריטאָ־ריאַלע מינדערהייטן, שטעלט זי, אין דער זעלבער צייט, זיך אַנטקעגן די נאַציאָ־נאַלע רעכט פאַר דער עקסטעריטאָריאַלער יידישער מינדערהייט אין לאַנד. צי האָבן דען די פּ.פּ.ס. פּראָטעסטירט און אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן דער הימלשרייענ־דער פאַרגוואַלטיקונג פון די „דעמאָקראַטישע פּרינציפּן״ דורכן ענדעקישן לאָזונג פון אַ „ריין פּוילישער״ סיים־מערהייט? חס וחלילה. פּרינציפּיעל האָבן זיי צוגע־שטימט צום ענדעקישן לאָזונג, און בלויז געמאַכט דערביי אַן אַנדערע אַריטמע־טישע אויסרעכענונג. זיי זענען געווען פאַרן פּרינציפּ פון אַ פּוילישער מערהייט, אָבער בלויז אַ רעלאַטיווע און נישט אַן אַבסאָלוטע, ווי די ענדעקעס.

און אפילו ווען זיי האָבן שוין באַוויליקט אַריינצונעמען אין רעגירונגס־בלאָק אַ טייל פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — האָבן זיי נישט ווידער דורכגע־פירט דעם פּרינציפּ פון „קראָמיע יעוורעיעוו״? די סלאַווישע טיילן פונעם מינ־דערהייטס־בלאָק זענען כשר, דער יידישער טייל איז טריף.

אויף שריט און טריט ווייזן זיי, אַז צו דער יידישער באַפעלקערונג האָבן זיי אַ באַזונדערע באַציאונג. אין די מוחות און הערצער פון די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן ווערט דורך זיי פאַרפּלאַנצט די איבערצייגונג, אַז יידן זענען בירגער פון אַ צווייטער מדרגה, אַז זייער שפּראַך איז קיין שפּראַך נישט, אַז יידן זענען בכלל אַ פאַלק פון לויטער קאַפּיטאַליסטן און בלוטזויגערס, מיט אַ קליין הייפל אַרבעטער אויף אַ רפואה; טאָר מען דערפאַר זייערע פאָדערונגען נישט באַפרידיקן. צי איז דען אַזאַ באַציאונג צו די יידישע מאַסן מסוגל אַנטקעגנצווווירקן דער אַנטיסעמי־טישער השפּעה פון דער ענדעציע?

געוויס איז אין דעם פּרט אַנדערש די מאַרקסיסטישע פּוילישע אַרבעטער־שאַפט. אָבער אויך אויף איר ליגט דער חטא פון גאָר נישט טאָן אַנטקעגן דער שטייגנדיקער כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם. אויך זי איז, פּונקט ווי די פּ.פּ.ס., געווען פילבאַר אויף די בירגערלעך־קאָסמאָפּאָליטישע מסירה׳לעך פון די אַסימי־לירטע פירער און קאַריעריסטישע רענעגאַטן אויף דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. בעת אַ פּאָליטישער וואַל־קאַמפּאַניע רוקט מען אַ מאָל אַרויס אַ לאָזונג פון מינדערהייט־רעכט. שעמעוודיק גיט מען דאַן די הסכמה אויף די רעכט פון

יידיש אין די עלעמענטאַר־שולן — אָבער אויך ביי זיי איז נישטאָ קיין קלאָרע, אויסגעשפּראָכענע און געַרעכטע שטעלונג צום יידישן אַרבעטער־פּראָבלעם.

פאַר דער פוילישער בורזשואַזיע איז דער אַנטיסעמיטיזם אַ קאַמף־מיטל אויף שטענדיק. שווער צו געפינען אַן ענדעקיש בלאַט, צי אַן ענדעקישע דרשה, וואָס זאָל זיין „יידן־ריין״. פון דער זייט ווערט געפירט אַ ציל־באַוווסטע קאַמפּאַניע, וואָס נוצט אויס אַלץ; אין דער פוילישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט מען, אָבער, בדרך כלל, מורא צו באַרירן די פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם.

לאַנד־צוזאַמענפלי פון „גוויאַזדאַ — שטערן״, אָרגאַניזאַציע פאַר ספּאָרט און פיזישער דערציונג אין פוילן, אונטער דער השפּעה פון פועלי־ציון.

פון אויבן: יצחק לעוו און י. זרבבל; ערשטע רייע אונטן פון רעכטס: א. ווערבע, אהרן שעניצקי, מ. ציטרינאָווסקי, שטאַטמאַן, גזשיוואַטש, טיטעלמאַן, ערדעפּעל, פּערלמאַן, ראוואַנסקי.

דער רעזולטאַט דערפון איז, אַז גאָר גרויסע טיילן פון דער פוילישער אַרבעטערשאַפט, אפילו פון דער מאַרקסיסטישער, זענען ליידער אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם.

אָט איז לעצטנס אין אַ פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע פאָרגעקומען אַ זאַך, וואָס ווייזט בולט די געפערלעכע פרוכטן פון אַזאַ פּאַסיוויקייט אָדער גאָר נעגאַטיווער באַציאונג צו די באַדערפעניש פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. אינעם איין

און איינציקן פּראָפ.־פּאַריין, ווו די יידישע און פּוילישע אַרבעטער זענען פּאַקטיש פאַראייניקט שוין אַ יאָר צייט — אין לעדער־פּאַריין אין וואַרשע, איז נישט לאַנג פאַרגעקומען אַ כאַראַקטעריסטישער אינצידענט אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. בעת דער יידישער סעקרעטאַר פון פּאַריין האָט גענומען רעדן אויף יידיש, האָט אַ גרויסער טייל פון די פּוילישע אַרבעטער אָנגעהויבן שרייען „דאָ פּאַלעסטינע״ און אַלס פּראָטעסט, הלמאי ער רעדט יידיש, פאַרלאָזן דעמאָנסטראַטיוו דעם זאַל.

דאָס איז נישט געווען קיין פּראָטעסט פון סתם אומבאַוווסטזיניקע מאַסן, אויך נישט קיין אויסערלעכער, מעג זיין נישט פּאַסיקער, אויסדרוק פון פּאַרטיי־אישן קאַמף — אין דעם דאָזיקן פּאַריין שטייען כמעט אַלע פּוילישע און דער ג־עסטער טייל יידישע אַרבעטער אונטער דער השפעה פון די רויטע. דאָס דאַרף, הייסט עס, זיין דער בעסערער, מער פאַרשטענדיקער טייל פון דער אַרבעטערשאַפט. מ׳האָט אויסגעפּייפט אַ סעקרעטאַר וואָס איז אַליין אַן אידעען־חבר, וועלכער קעמפט פאַר די זעלבע אידעאַלן. מ׳האָט אים געזידלט בלויז דערפאַר וואָס ער איז אַ יידישער אַרבעטער, וואָס ער האָט געהאַט די „חוצפה״ צו רעדן עפנטלעך אין זיין שפּראַך.

דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער גלייכגילטיקער באַציאונג מצד די פירער פון דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג צום אַנטיסעמיטיזם, אַ פּועל־יוצא פון זייער פיינטלעכער שטעלונג צום יידישן אַרבעטער־פּראָבלעם. דאָס זענען די פּרוכטן פון דער „אויפקלערנדער״ אַרבעט, וואָס די רעגנעגאַטן און איבערלויפערס פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פירן צווישן די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן.

די פּוילישע אַרבעטערשאַפט ווערט סיסטעמאַטיש גאַנגרעניזירט דורך דער בסדרדיקער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע, וואָס ווערט צווישן איר געפירט דורך די אַגענטן פון דער פּוילישער בורזשואַזיע, דורך איר פּרעסע, דורכן קלער א.אז.וו. — די פּוילישע אַרבעטער־באַוועגונג ווירקט נישט קעגן דעם. די פּוילישע בורזשואַזיע געווינט אַ דאַנק דעם, זי דערגרייכט איר ציל — זי שוואַכט אָפּ די אַרבעטער־באַוועגונג, ווענדט־אָפּ די אַרבעטער־אויפמערקזאַמקייט פונעם קלאַסן־קאַמף און לענקט איר אויף דער ליניע פון נאַציאָנאַלער שנאה. אַ דאַנק דעם ווערט אָפּגעשוואַכט סיי ביי די פּוילישע, סיי ביי די יידישע אַרבעטער־מאַסן, דאָס געפיל פון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט און זיין אָרט פאַרנעמט דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלן האַס.

פאַר דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג איז דער אַנטיסעמיטיזם אַ גרויסע געפאַר, אַ שווערע מניעה אויפן וועג פון פּראָלעטאַרישן באַפרייאונגס־קאַמף. צווישן די יידישע אַרבעטער ווערט ביי אַזאַ סיטואַציע פאַרשטאַרקט די נאַציאָנאַליסטישע השפעה, לייכטער געמאַכט און געבאַנט דער וועג פאַר אַזעלכע געשעענישן ווי לעצטנס די בונדישע שפּאַלטונג אין לעדער־פּאַריין.

אין די אינטערעסן פון דער פוילישער, ווי פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג מוז אויפגעהויבן ווערן אַן ענערגישע קאַמפּאַניע קעגן אַנטיסעמיטיזם און שאָוויניזם אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס דאַרף זיין אַ סיסטעמאַטיש־געפירטע טאָג־טעגלעכע קאַמפּאַניע, ביי וועלכער די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן מוזן אויפגעקלערט ווערן וועגן גאַנצן מהות פון יידישן אַרבעטער־פּראָבלעם.

ס'מוז פאַר זיי קלאָר ווערן, אַז דער קאַמף פאַר באַפרידיקן די באַזונדערע באַדערפעניש פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, דער קאַמף פאַר נאָרמאַליזירן דאָס יידישע אַרבעטער־לעבן, ליגט אין די אינטערעסן פון דער גאַנצער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפט און אויך פונעם פוילישן פּראָלעטאַריאַט.

ס'איז אַן אַקטועלע אויפגאַבע, וואָס מוז תיכף אויסגעפילט ווערן.

„אַרבעטער־בלאַט" נומ' 4, 29 אַפּריל 1923.

צום קאָנגרעס פאַר רעכט אויף אַרבעט

יאָרן־לאַנג האָבן פּועלי־ציון געקעמפט פאַר דעם, אַז אין הסכם מיט דער באַזונדערער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידישע מאַסן, זאָלן די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אַריינגעמען אין סכום פון זייער טעטיקייט אויך אַזעלכע סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבן, וואָס זאָלן שטרעבן צו באַפרידיקן די באַזונדערע, אייגנאַרטיקע עקאָנאָמישע באַדערפענישן פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. סיי דער בונד, וואָס האָט זיך אַרומגעגרעניצט מיט די ענגע ראָמען פון אויסשליסלעכע קולטור־אויפגאַבן, סיי די רויטע און זייערע פאַרגייער, די יידישע פ.פ.ס. און די יידישע ס.דעקעס, וואָס האָבן בכלל געלייקנט די נויטיקייט פון וועלכע נישט איז באַזונדערע אויפגאַבן ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט — האָבן דעם דאָזיקן פּועלי־ציוניסטישן בליק באַקעמפט אויפן שאַרפסטן אופן. מוז באַצייכנט ווערן אַלס אַ נצחון פון אונדזער אידעאָלאָגיע, ווען אונטער די שווערע קלעפּ פון דער ווירקלעכקייט זענען אי דער בונד אי די רויטע געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייערע אידעישע פּאָזיציעס. דער לאָזונג פון „קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט" שטייט אין אַ שרייענדיקער סתירה צום בונדישן קולטוריזם, ווייל ער פירט אַרויף דעם יידישן אַרבעטער־קאַמף אויף אַן אויסגעשפּראָכן־עקאָנאָמישער ליניע. און אויך די רויטע זענען געצוווּנגען צו אידעאישער קאַפּיטולאַציע. אין זייערער אַ רעזאָ־לוציע וועגן „רעכט אויף אַרבעט" („די וואָך" נומ' 6) ווערט געזאָגט: „דער

ווירטשאַפטלעכער קריזיס האָט זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ באַזונדערן כוח אויף דער קליינער אינדוסטריע, אין וועלכער ס׳איז באַשעפטיקט די ווייטגרעסטע מערהייט פון די יידישע אַרבעטער״ — דערמיט איז מען מודה, אַז די יידישע אַרבעטער־מאַסן לעבן אין אייגנאַרטיקע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, אָבער גראָד אָט דעם געדאַנק האָט מען פון תמיד אָן פאַרשריגן אַלס נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם! דער קאָנגרעס פאַר רעכט אויף אַרבעט, וואָס קומט זיך צונויף דעם 1־טן אַפּריל, איז דעריבער אַ פרישער באַוויז פאַר דער אידעאישער צעפאַלונג פון אונדזערע קעגנער.

אָבער די בונדישע טוער וואָלטן קיין בונדיסטן נישט געווען, ווען זיי זאָלן וועלן אַרויסציען די פולע קאָנסעקווענצן פון דעם שריט, וואָס זיי האָבן זיך דעצידירט צו מאַכן, און ס׳איז דורכאויס אין פולן איינקלאַנג מיטן בונדישן אָפּאָרטוניזם, ווען פון דעם גאַנצן קנויל עקאָנאָמישע און פּאָליטישע יידישע אַרבעטער־פּראָבלעמען, וואָס פאַרלאַנגען היינט צוטאָג אַזוי דרינגענד און באַפּעלעריש אַן ענטפער, איז אַרויסגעריסן געוואָרן אייִן איינציקע פראַגע. געוויס האָט זי אַן אומגעהויערע באַדייטונג פאַר די יידישע מאַסן. זי אַליין, אָבער, פאַר זיך איז נישט מסוגל צו ברענגען קיין באַדייטנדע רעזולטאַטן אין דער סאַנירונג פון יידישן אַרבעטער־לעבן.

קאַמף צו געווינען נייע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פאַר די יידישע מאַסן איז נישט קיין לאָקאַלע פראַגע, נאָר אַ פּראָבלעם, וואָס רירט אָן די יידישע מאַסן אין גאָר דער וועלט. דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט איז דאָס פּראָבלעם פון דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטערשאַפט און קאָן ראַדיקאַל געלייזט ווערן נאָר דורך דער אָנשטרענגונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין גאָר דער וועלט. דער קאַמף פאַר דער נאָרמאַליזירונג פון דער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור פון די יידישע מאַסן קאָן נישט פאַרענטפערט ווערן בלויז מיט קאַמף פאַר נייע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס דאָרט ווו די מעגלעכקייטן זענען באַגרעניצט; ס׳מוז קומען אין באַטראַכט אויך דאָס פּראָבלעם פון יידישער מאַסן־עמיגראַציע אין די פאַרשידנסטע איינוואַנדערונגס־לענדער, און בפרט אין ארץ־ישראל, ווו נישט געקוקט אויף אַלע מניעות, וואַקסן כסדר די איינוואַנדערונגס־מעגלעכקייטן פאַר די אַרויסגעשטויסענע מאַסן און עס שאַפט זיך דער יסוד פאַר אַ געזונטן טעריטאָריאַלן יידישן אַרבעטער־צענטער. אַנטקעגן דעם שמאָל־פאַרשטאַנענעם בונדישן לאָזונג, וואָס איז שעדלעך, מחמת ער פרוווט צו פאַרטונקלען די עצם־פּראָבלעמען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און איז אויסן צו פאַרלאָטען די בונדישע אידעענלאָזיקייט און גייסטיקע אומפּרוכטבאַרקייט, מוז די באַוווסטזיניקע יידישע אַרבעטערשאַפט אויפן קאָנגרעס פאַרבינדן דעם קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט דאָ, מיט אַלע איבעריקע פראַגן, וואָס פירן צו דער געזונט־מאַכונג פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די יידישע מאַסן. דער געפּלאַנטער קאָנגרעס דאַרף זיך

פאַרוואַנדלען אין אַ יידישן אַרבעטער־קאָנגרעס, וואָס באַהאַנדלט די וויכטיקסטע פראַגן, וועלכע שטייען פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

פונקט אַזוי מוז באַטאָנט ווערן, אַז דער איצטיקער קאָנגרעס איז נאָר אַן אָנהייב, און טאַקע פון זיין טריבונע דאַרף פּראָקלאַמירט ווערן די נויטווענדיקייט צונויפצורופן אַן אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קאָנגרעס, ווו ס׳זאָלן באַהאַנדלט ווערן די אַלע אַרבעטער און קאַמף־פּראָבלעמען, וואָס זענען נוגע דער יידישער אַרבעטערשאַפט פון גאַר דער וועלט.

די בונדישע מערהייט פונעם „ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט" באַמיט זיך נישט בלויז אַרויסצוטרייבן פונעם איצטיקן קאָנגרעס אַלע אַנדערע יידישע אַרבעטער־פראַגן, נאָר גרייט זיך אויך אָפּצוצוימען אים פון אַ גאַנצן קאָמפּלעקס פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד. ס׳איז דאַכט זיך, קלאָר, אַז דער קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט איז ענג פאַרבונדן מיט דער פראַגע וועגן דער פּאָליטיק פון די באַזיצנדע קלאַסן לגבי דער אַרבעטערשאַפט און באַזונדערס מיט זייער פּאָליטיק לגבי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די בונדישע מערהייט קוקט אָבער דערפון אַוועק און וויל אָפּוועגדן די אויפמערקזאַמקייט פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן פון די סיבות, וואָס זענען גורם צו דער פאַרשטאַרקטער אַרויסשטויסונג פון די יידישע מאַסן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. דאָ ווייזט זיך אַרויס דערזעלבער אָפּאָרטוניזם וועלכן די בונדיסטן ווייזן אַרויס אין דער באַהאַנדלונג פונעם יידישן אַרבעטער־פּראָבלעם.

די רויטע האָבן צו דעם ביז־איצטיקן קאַמף פאַר „רעכט אויף אַרבעט" זיך באַצויגן פיינטלעך. זיי האָבן דעם לאָזונג פאַרשריגן אַלס אַ נאַציאָנאַליסטישן. ס׳איז אויך נישט קיין וווּנדער, זיי זענען פרעמד און אָפּגעריסן פון יידישן אַרבעטער־לעבן און האָבן נישט קיין אינטערעס און נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר די באַדערפענישן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. יעדע פראַגע וואָס דערוועקט זיך ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט פאַסן זיי אויף נישט פונעם ברייטן פּאָליטישן שטאַנדפּונקט פון דיווירקלעכע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן, נאָר אויסשליסלעך פונעם ענגן שטאַנדפּונקט, אויף וויפל דאָס קאָן פאַרשטאַרקן זייער פּאַרטייאישע פּאָזיציע. דערפון שטאַמט זייער צופּאַסונג, זייערע פאַרשידענע אידעאישע און טאַקטישע גלגולים און דערמיט דערקלערט זיך אויך דער פאַקט, וואָס אויך זיי זענען איצט געצוווּנגען צו אָנערקענען דעם פּאָליטישן לאָזונג פון קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט, הגם אין לעבן באַקעמפן זיי אים נאָך ווייטער.

דעם קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט ווילן די רויטע פאַרשטעלן ווי אַ פּראָבלעם פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס רוקט, אָבער, נישט אַרויס קיין שום באַזונדערע אויפגאַבן פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַזאַ שטאַנדפּונקט מוז אין דער פּראַקטיק דערפירן צום משונהדיקן אַנטי־פּראָלעטאַרישן סאַבאָטאַזש פונעם קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט. דאַן פאַלט

צוזאַמענפאָר פון פועלי־ציון־ראַטמענער אין פוילן, 1928 ;

דערעפענונג אין זאַל פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט ; אין פּרעזידיום פון רעכטס : מ. רייז (קאָוועל), ל. האָלענדערסקי (לאָדזש), י. לעוו (וואַרשע), זרבבל, ד״ר שיפּמאַן (לאָדזש), ד״ר מילער (קאַליש) ; ביים שטענדער : נ. בוקסבוים.

דאָך די הויפּטלאַסט פונעם קאַמף דווקא אויף דער יידישער אַרבעטערשאַפט, ווייל זי איז דאָך פאַרט אין אים פאַראינטערעסירט דירעקט און ביי איר איז עס אַ לעבנס־פראַגע.

די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג ליגט נישט איר גאַנץ געוויכט אויפן וואָגשאָל פון דעם דאָזיקן קאַמף, זי שטיצט אים נאָר. דער קאַמף פון די יידישע אַרבעטער קאָן אָבער נישט זיין איזאָלירט; די פּראָלעטאַרישע דערפאָלגן אויפן געביט פון פּאָליטישן קאַמף זענען אַ וויכטיקער פאַקטאָר אָפּצושוואַכן די אויסראָטונגס־פּאָליטיק פון די באַזיצנדע קלאַסן לגבי די יידישע מאַסן.

די בונדישע מערהייט פונעם ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט לייגט צו ווייניק אַכט אויף דעם דאָזיקן פּונקט. אין שייכות צו רעכט אויף אַרבעט זענען די בונדיסטן בבחינת בעלי־תשובה, און אַזעלכע זענען געוויינטלעך די גרעסטע פאַנאַטיקער. דעריבער באַגאַטעליזירן זיי די באַדייטונג פונעם פּאָליטישן קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט און לענקען זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט כמעט אויס־שליסלעך אויף דער מעגלעכקייט פון תיכפדיקע דערגרייכונגען. דעריבער שטעלן זיי זיך נישט אָפּ פאַר דער שתדלנות־פּאָליטיק, דעריבער נעמט זייער אַרבעט אָפּטמאָל אָן אַן אויסגעשפּראָכן נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער.

אַנטקעגן דעם פאַקטישן סאַבאָטאַזש פון די רויטע און אָפטמאָל נישט־פּראָלעטאַרישע האַנדלונגען פון בונד, מוזן מיר אַרויסשטעלן אונדזער אויסגע־שפּראָכן־פּאָזיטיווע באַציאונג צו דעם דאָזיקן קאַמף, וואָס קאָן אָבער געפירט ווערן נאָר מיט פּראָלעטאַרישע מיטלען, און באַמיען זיך צו געווינען די אונטער־שטיצונג פונעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט אין לאַנד.

די אויפגאַבע פון דער באַוווסטזיניקער יידישער אַרבעטערשאַפט אויפן קאָנגרעס פון רעכט אויף אַרבעט וועט זיין: באַקעמפן, פון איין זייט, די אויסגע־שפּראָכענע הפקר־באַציאונג פון די רויטע, וועלכע ס'אינטערעסירט נישט דער גורל פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, און פון דער צווייטער זייט די אָפּאָרטו־ניסטישע שטעלונג פונעם בונד צו דער עצם־פראַגע און בנוגע די מיטלען פונעם קאַמף.

די בונדישע מערהייט פונעם ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז דער קאָנגרעס זאָל נישט געבן קיין ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פון די כוחות־פאַרהעלטענישן ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט. ממילא וועלן מיר אויפן קאָנגרעס זיין דער איינציקער כוח וואָס פאַרמאָגט אַ קלאָר און אויס־געשפּראָכן פּראָגראַם, וואָס איז אין הסכם מיט די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן און ווייזט אָן דעם פּראָלעטאַרישן וועג צו דער פולער לייזונג פונעם יידישן אַרבעטער־פּראָבלעם.

„נייע אַרבעטער־וועלט“ נומ׳ 11 (60), 8 מערץ 1926.

קאנגרעס פון אמסטערדאמער אינטערנאציאנאל

1

דעם 1־טן אויגוסט האָט זיך אין פּאַריז געעפנט דער קאָנגרעס פון אמסטערדאַמער פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל.

דער אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל איז נישט די איינציקע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פון דער ארבעטערשאַפט. פון די בערך 40 מיליאָן פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטע אַרבעטער זענען אין אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל אָרגאַניזירט ביז 13 און אַ האַלב מיליאָן ארבעטער, ד. ה. בערך אַ דריטל. דער אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל איז אפילו נישט די איינציקע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, וואָס אָנערקענט דעם פּרינציפּ פון קלאַסן־קאַמף, ווייל ס׳עקזיסטירט אויך דער רויטער פּראָפאינטערן. פונדעסטוועגן איז דער קאָנגרעס פון דעם דאָזיקן אינטערנאַציאָנאַל אַ וויכטיקע דערשיינונג, ווייל אין אים זענען אָרגאַניזירט די אַרבעטער פון ענגלאַנד און דייטשלאַנד, די צוויי שטאַרקסטע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות אין אייראָפּע.

דער קאָנגרעס קומט זיך צונויף אין אַ צייט פון פאַרשטאַרקטן אָנגריף פון קאַפּיטאַל. ס׳פאַרשטאַרקט זיך כסדר דער קאַמף פון קאַפּיטאַל קעגן דעם 8־שעהדיקן ארבעטס־טאָג און אַנדערע סאָציאַלע דערגרייכונגען פון אַרבעטער־קלאַס. אין א ריי לענדער ווערט לעצטנס דורכגעפירט די אַזויגערופענע ראַציאָנאַליזירונג פון דער פּראָדוקציע, וואָס באַדייט פאַקטיש פאַרגרעסערטע עקספּלאָאַטאַציע פון די אַרבעטער־מאַסן און וווקס פון אַרבעטסלאָזיקייט. אין ענגלאַנד, דעם שטאַרקסטן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, פּרוווט דער קאַפּיטאַל באַדייטנד צו באַגרענעצן דאָס רעכט פון די אַרבעטער צו שטרייקן און פּראָפעסיאָנעל זיך צו אָרגאַניזירן. אין דער גאַנצער וועלט פירט דער אַרבעטער־קלאַס אַ פאַרביטערטן קאַמף פאַר זיינע עלעמענטאַרע רעכט.

דער אַמסטערדאַמער פּראָפעסיאָנעלער אינטערנאַציאָנאַל האָט גאָרנישט נישט געטאָן צו אָרגאַניזירן דעם אינטערנאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד פון פּראָלעטאַריאַט קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער אָפענסיווע פון קאַפּיטאַל. דער אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל האָט נישט געהאַלטן זיינע מינימאַלע התחייבותן לגבי דער ארבעטערשאפט און נישט אַרויסגעוויזן קיין שום הילף די אַרבעטער־מאַסן אין די לענדער וווּ זיי איז אויסגעקומען צו פירן אַ באַזונדערס שווערן קאַמף. און אַנדערש האָט אויך נישט געקאָנט זיין. דער אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל איז געשאַפן געוואָרן מיט אַכט יאָר צוריק, בעת דער קאַפּיטאַל איז געווען זייער ערנסט באַדראָט אין זיינע יסודות, און דאָך האָט ער נישט נאָר נישט געטאָן גאָרנישט כדי אונטערצוגראָבן דעם וואַקלדיקן קאַפּיטאַליזם, נאָר פאַרקערט,

געטאָן אַלץ, כדי אונטערצוהאַלטן דעם באַדראָטן בנין פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט־אָרדנונג. דערפאַר טאַקע האָט זיך דער אַמסטערדאַמער פּראָפאַינ־טערן פאַרבונדן נישט מיט די נייע אויפוואַכנדיקע כוחות פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר מיט די וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל ווידער אויפצובויען דעם קאַפּיטאַליזם. פאַר אַמסטערדאַם איז די קאַפּיטאַליסטישע פעלקער־ליגע געוואָרן אַ פונדאַמענט־שטיין פון זיין פּאָליטיק און דאָס אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטס־אַמט ביי דער פעלקער־ליגע די וויכטיקסטע אַרבעטער־פּאָזיציע. אָנשטאָט צו אָרגאַני־זירן די אַרבעטער־מאַסן צום קאַמף פאַר זייערע רעכט, האָט ער געלייגט דאָס הויפּט־געוויכט אויף דער דיפּלאָמאַטישער אַקציע אין די באַזונדערע לענדער דורכצופירן די ראַטיפיקאַציע פון דער וואַשינגטאָנער קאָנווענץ, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דער הויפּט־ציל פון פּראָלעטאַריאַט.

איז אויך נישט קיין וווּנדער, וואָס דער אמסטערדאַמער פּראָפאַינטערן האָט גאָרנישט געטאָן, כדי מיטצוהעלפן די ענגלישע ארבעטער אין זייער פאַראַיאָריקן אימפּאָזאַנטן קאַמף. די ענגלישע קוילן־אַרבעטער, וואָס זענען העכער אַ האַלב יאָר געשטאַנען אין אַ פאַרצווייפלטן קאַמף קעגן די קוילן־מאַגנאַטן, האָבן זיך באמת געווענדט נאָך הילף צו זייער אינטערנאַציאָנאַל — צום אַמסטערדאַמער פּראָפאַינטערן, אָבער זייער ווענדונג איז געבליבן ווי אַ קול קורא במדבר. עס זענען נישט פּראָקלאַמירט געוואָרן קיין סימפּאַטיע־שטרייקן און אַפילו די ווענדונג נאָך אַ הלוואה פאַרן פּראָפ. פאַרבאַנד פון די שטרייקנדיקע איז נישט באַפרידיקט געוואָרן. די דייטשע און האָלענדישע פּראָפ. פאַריינען האָבן מסכים געווען צו געבן די הלוואה, אָבער אויף אַזעלכע שווערע באַדינגונגען און ביי אַזעלכע צינזן, אַז די ענגלישע אַרבעטער האָבן געמוזט אָפּוואַרפן די „הילף" פון זייערע האָלענדישע און דייטשע „ברידער". אָט אַזוי האָט זיך אין אַ קאָנקרעטן פאַל אַרויסגעוויזן, וואָס פאַר אַ ווערט ס'האָט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט ביים אַמסטערדאַמער פּראָפאַינטערן!

ס'איז דעריבער אויך נישט קיין וווּנדער, וואָס זייט דער גרינדונג איז די צאָל מיטגלידער פון אַמסטערדאַמער פּראָפאַינטערן געפאַלן כמעט אויף אַ העלפט. דאָס זעלבע ווייזט זיך אַרויס אויך אין די באַזונדערע לענדער. אין ענגלאַנד איז די צאָל אָרגאַניזירטע מיטגלידער געפאַלן פון 5.283.676 אויף 4.365.619, אין דייטשלאַנד פון 7.338.000 אויף 4.182.511, דאָס זעלבע אין עסטרייך, בעלגיע, פוילן, שווייץ, קאַנאַדע א. אנד. דאָס איז אַ רעזולטאַט נישט בלויז פון אַלגעמיינע כיבות, פון דער אָפּהענטיקייט און אַפּאַטיע וואָס הערשן איצט צווישן די אַרבע־טער, נאָר אויך פון דעם, וואָס דער אַמסטערדאַמער פּראָפאַינטערן און זיינע אָרגאַניזאַציעס האָבן אַ דאַנק דער אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק פאַרלוירן דעם צוטרוי פון גרויסע טיילן פון די אַרבעטער־מאַסן.

2.

אויפן סדר־היום פון פאַריזער קאָנגרעס שטייען פראַגן פון ערשט־קלאַסי־קער באַדייטונג פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפט, ווי דער קאַמף פאַרן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, די אָרגאַניזירונג פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלי־דאַריטעט אין פאַל פון אַ שטרייק, דער קאַמף קעגן מיליטאַריזם און מלחמה. ס'שטייען אויך וויכטיקע אָרגאַניזאַטאָרישע פראַגן, ווי די פראַגע וועגן ענדערונ־גען אין דער סטרוקטור פונעם אינטערנאַציאָנאַל.

מיר קאָנען נישט דערוואַרטן, אַז אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס זאָל פאַרקו־מען אַ באַדייטנדע ענדערונג צום בעסערן אין די דאָזיקע ערשטקלאַסיקע פראַגן. דאָס וואָלט געווען מעגלעך נאָר דאַן, ווען די לינקע אָפּאָזיציע אינעם אַמסטער־דאַמער אינטערנאַציאָנאַל וואָלט געווען שטאַרקער, און דער עיקר אַנטשלאָסע־נער. אָבער אַזוי איז עס נישט. די לינקע אָפּאָזיציע באַשטייט הויפּטזעכלעך פון די ענגלישע טרייד־יוניאָנס, און ווי שטאַרק ס'איז זייער לינקקייט, וויפל מ'קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן, באַווייזט אויסגעצייכנט די האַנדלונג פון די פירער פון דער ענגלישער פראָפ. באַוועגונג, וועלכע האָבן פאַראַטן די קוילן־אַרבעטער אין זייער קאַמף, ליקווידירט דעם גענעראַל־שטרייק אין זיין אָנהייב, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ ווייטערדיקער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. ווידער די אַזויגערופענע מינדערהייט־באַוועגונג, וועלכע איז מער ראַדיקאַל, וועלכע איז די אייגנטלעכע לינקע אָפּאָזיציע אין אַמסטערדאַמער פראָפ־אינטערן, איז צו שוואַך, זי זאָל באַדייטנד קענען משפיע זיין אויף דער אַרבעט פונעם קאָנגרעס.

איז קלאָר, אַז קיין ראַדיקאַלע ענדערונגען האָבן מיר נישט צו דערוואַרטן. דעם קאַמף פאַרן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג וועט אַמסטערדאַם ווייטער קאָנצענ־טרירן אין אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעט־ביוראָ. הגם דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אַנטוישונג אפילו ביי די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן. אַזוי למשל זאָגט איינער פון די פירער פון דער האָלענדישער פראָפ. באַוועגונג, סטענהויס, אין אַן אַרטיקל, „אַז דער אינטערנאַציאָנאַל האָט נישט אויסגעפירט זיין אויפגאַבע אין דער פראַגע פון 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. ער האָט זיך צופיל געלאָזט משפיע זיין פון די רעגירונגען און אָפיציעלע קאָנפערענצן". דאָס וועט אָבער נישט שטערן די אָפּאָרטוניסטישע פירער זיך ווייטער צו האַלטן אַן דעם זעלבן קורס אויף די רעגירונגען און אָפיציעלע קאָנפערענצן. ווייל אויב נישט וואָלט מען געדאַרפט אָנווענדן מעטאָדן פון קאַמפּראָמיסלאָזן קלאַסן־קאַמף, און דאָס איז דאָך פאַר די רעכטע נישט אָננעמבאַר.

פונקט אַזוי האָט דער פּראָלעטאַריאַט גאָרנישט צו דערוואַרטן פונעם אַמסטערדאַמער פראָפאינטערן אין דער פראַגע פון קאַמף קעגן מלחמה. מיר

קענען די דאָזיקע לייט, וואָס דער „פּאַטריאָטיזם" איז זיי פיל בילכער, איידער די פּראָלעטאַרישע קלאַסן־אינטערעסן. זיי זענען נישט פעיק צו אָרגאַניזירן וועלכן נישט איז ערנסטן קאַמף קעגן מיליטאַריזם, פונקט ווי דערצו איז נישט פעיק געווען, און איז אויך איצט נישט פעיק דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל. ווייל ווי קען מען דען פון זיי דערוואַרטן אַן ערנסטן קאַמף קעגן מיליטאַריזם, ווען זיי זענען ענג פאַרבונדן מיט זייערע רעגירונגען, ווען זיי האַלטן זיך אָן דער פּאָליטיק פון דער פעלקער־ליגע. כדי צו כאַראַקטעריזירן, ווי די אַמסטערדאַמער פאַרשטייען דעם קאַמף קעגן מלחמות, איז גענוג צו ציטירן אַ זאַץ פון דער רעזאָלוציע, וואָס די ענגלישע דעלעגאַציע, ד. ה. שוין די מער לינקע, האָט אַריינגעטראָגן צו דעם פונקט אויפן קאָנגרעס. דאָרט זאָגט זיך: „דער קאָנגרעס באַגריסט אַלע שריט, וואָס זענען אונטערגענומען געוואָרן אין דער פראַגע פון אַנטוואָפענונג, און אויך פאַרבאָט פון דער קריגס־פאַבריקאַציע. ער לענקט די אויפמערקזאַמקייט אויף דער נויטווענדיקייט צו פאַרשנעלערן די אַרבעטן פון דער אַנטוואָפענונגס־קאָמיסיע". די אָפּאָרטוניסטן ווילן נאָך אַלץ איינרעדן די אַרבעטער־מאַסן, אַז מצד די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות קאָן מען דערוואַרטן דאָס אָפּשאַפן די באַוואָפענונגען. זיי האָבן נאָך ביז איצט נישט געלערנט פון די אַלע פּיאַסקאַס פון די פאַרשידענע אַנטוואָפענונגס־קאָנפערענצן. און די נאַיווע ענגלישע דעלעגאַציע, וועמענס רעגירונג האָט איצט אַזוי ציניש אָפן געהאַנדלט אויף דער זשענעווער אַנטוואָפענונגס־קאָנפערענץ, פאַרלייגנדיק באַדייטנד צו פאַרגרעסערן די ים־באַוואָפענונגען, לייגט פאָר, „אַז די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס זאָלן ווירקן אויף זייערע רעגירונגען, זיי זאָלן פירן אַ מענטשלעכע פּאָליטיק, וואָס זאָל פירן צו אַזעלכע אָפּמאַכן, וואָס זאָלן פּאַקטיש לייזן דאָס אַנטוואָפענונגס־פּראָבלעם". וואָס איז דאָס — צביעות, צי נאַיוויטעט?

אַן ענלעכן סוף וועט אויך האָבן די פראַגע וועגן אָרגאַניזירונג פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט אין פאַל פון אַ שטרייק. וואָס דער אמסטערדאַמער פראָפ. אינטערנאַציאָנאַל מיינט דערמיט האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו זען מיט אַ יאָר צוריק, בעתן ענגלישן קוילן־שטרייק, און אַז די באַציאונג צו דער פראַגע האָט זיך וויניק געביטן באַוויזט אפילו דער פאַקט, וואָס די פראַגע וועגן שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלן שטרייק־פאָנד ווערט אָפּגעלייגט ביז צום צווייטן קאָנגרעס.

די וויכטיקסטע פראַגע, וואָס שטייט איצט פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, די פראַגע וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרייניקונג פון דער פּראָפ.־באַוועגונג, די פראַגע וואָס קאָן דעצידירן וועגן דער מעגלעכקייט פון אָפּשלאָגן דעם אָנגריף פון אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, וועט אויפן פאַריזער קאָנגרעס זיכער פאַרנעמען וויניקער פּלאַץ, איידער אויף די פריערדיקע פּלענומס פון אַמסטערדאַמער פּראָפאינטערן. די פירער פון דער ענגלישער פּראָפ. באַוועגונג,

וואָס זענען ברוגז אויף די פּראָפ.־פאַריינען פון ראַטנפאַרבאַנד פאַר זייער שטיצן די ענגלישע קוילן־אַרבעטער און פאַר זייער שאַרפער קריטיק לגבי דער האַנד־לונג פון די אָפּאָרטוניסטישע פירער, האָבן אָפּגעלאָזן דעם קאַמף פאַר דער פאַרייניקונג פון דער פּראָפ.־באַוועגונג. און דער רעזולטאַט איז, אַז זיי לייגן בלויז פאָר, דער קאָנגרעס זאָל אויסוויילן אַ קאָמיסיע פון 4 מיטגלידער וואָס זאָלן האָבן די אויפגאַבע צו שטודירן, פאַרוואָס געהערן נאָך נישט די רוסלענדישע פּראָפ.־פאַריינען צום אמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל. אָט ווי אַזוי די ענגלענ־דער שטעלן זיך פאַר דעם קאַמף פאַר איינהייט פון דער פּראָפ.־באַוועגונג!

פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָפ.־באַוועגונג שטייען גאָר וויכטיקע אויפגאַבן. די אַרבעטערשאַפט מוז צוזאַמענעמען אַלע אירע כוחות, כדי צו פאַר־טיידיקן אירע בלוטיקסטע אינטערעסן, אירע עלעמענטאַרע רעכט. אין קאָן שטייט איצט אפילו דאָס רעכט פון שטרייקן, ווייל נאָכן ענגלישן קאַפּיטאַל וועלן דאָס זעלבע פּרווון טאָן אויך די קאַפּיטאַליסטן פון אַנדערע לענדער. ביי די איצטיקע פאַרהעלטענישן קאָן מען נישט דערוואַרטן פון אמסטערדאַמער אינ־טערנאַציאָנאַל, אַז די וואָס שטייען אין זיין שפּיץ זאָלן אימשטאַנד זיין צו אָרגאַ־ניזירן די אַרבעטער־מאַסן אין קאַמף פאַר זייער רעכט. דאָס וועט געשען נאָר דאַן, ווען דער אָפּאָרטוניזם וועט פון דאָרט אַרויסגעטריבן ווערן און אויף זיין אָרט וועט אַריינדרינגען אַ נייער גייסט פון אויסגעהאַלטענעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף.

„אַרבעטער־צייטונג", 5 אויגוסט 1927.

דיסקוסיע אינעם „בונד"

די דיסקוסיע, וואָס קומט איצט פאָר אין „בונד" ערב דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, האָט ענדגילטיק אַנטפּלעקט דעם אָפּאָרטוניסטישן פּרצוף פון דער דאָזיקער פּאַרטיי. די רעכטע פירער דעקן ביסלעכווייז אויף די קאָרטן. איצט זאָגן זיי שוין אָפן, אַז זייער ציל איז אַריינצוציען דעם „בונד" אין צווייטן אינ־טערנאַציאָנאַל און צו ברענגען צו אַ פאַרייניקונג מיט דער פּ.פּ.ס. איצט ווייזט זיך קלאָר אַרויס, אַז די פריערדיקע אָריענטאַציע אויפן קאָמאינטערן איז געווען אַ פּשוטער שווינדל; אַז דאָס אַזוי גערופענע פאַריזער ביורא פון די „סאָציאַליס־טיש־רעוואָלוציאָנערע" פּאַרטייען איז געווען אויסגערעכנט ווי אַ פּאָדערצימער צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. אַנשטאָט דער ביז איצטיקער כלומרשט סאָציאַ־

ליסטיש־רעוואָלוציאָנערער אָריענטאַציע, גייט מען איצט אַנטשידן אַרויף אויפֿן וועג פֿון אָפֿענעם סאָציאַל־רעפֿאָרמיזם.

איז דאָס אַ צופֿאַל? ניין. דער דאָזיקער וועג פֿון „בונד" איז די קאָנסעקווענץ פֿון זיין פּאָליטישער ליניע פֿאַר, בעת און בפֿרט נאָך דער מלחמה.

ווען די רוסלענדישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן דיפֿערענצירן אויף אַ קליינבירגערלעך־דעמאָקראַטישער און פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע, האָט זיך דער „בונד" געשטעלט אָן פֿאַרבאַהאַלטן אויף דער זייט פֿון די קליינבירגערלעך־דעמאָקראַטישע עלעמענטן. פֿאַרביטערט און אַנטשידן האָט ער באַקעמפֿט דעם רעוואָלוציאָנערן פֿליגל און פֿולשטענדיק אונטערגעשטיצט די מענשעוויקעס.

שפּעטער איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה און דאַן האָט זיך ערשט רעכט אַרויסגעוויזן דער אָפּאָרטוניזם פֿון „בונד". דער „בונד" איז אָרגאַניזאַציאָנעל צעריסן געוואָרן. זיינע טיילן האָבן זיך געפֿונען אונטער פֿאַרשידענע הערשער, און מערקווירדיק, ווי איין און דער זעלבער גייסט האָט געהערשט אין די באַזונדערע חלקים זיינע. אומעטום דער גייסט פֿון צופּאַסונג צו די הערשנדיקע פֿאַרהעלטענישן, דער גייסט פֿון פּשרה מיט יעדן הערשער באַזונדער. אין יעדן לאַנד האָט ביים „בונד" געגאָלטן אַן אַנדערע אָריענטאַציע: אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע — די פּראָ־דייטשע, אונטער דער רוסישער ווידער — די פּאַרקערטע, אָבער אין ערגעץ נישט די אָריענטאַציע אויף דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, אויפֿן קלאַסן־קאַמף קעגן וועלט־אימפּעריאַליזם, קעגן דעם וועלט־קריג.

די בונדיסטן האָבן ליב צו פֿאַרגעסן וועגן זייערע מעשים אין יענע צייטן. זיי זענען ברוגז, ווען מען דערמאָנט זיי די זינד וואָס זיי זענען באַגאַנגען בעתן וועלט־קריג. די בונדישע קעגנוואַרט איז דאָך אַזוי וואָכעדיק, אויסגעטאָן פֿון יעדן אידעאישן אינהאַלט, — באַמיען זיך די בונדישע פֿירער אויסצושפּינען פֿון דער בונדישער פֿאַרגאַנגענהייט אַ רעוואָלוציאָנערע לעגענדע, וואָס זיי זאָלן זי קענען איבערגעבן דעם שפּעטערדיקן דור פֿון „בונד", ער זאָל האָבן פֿון וואָס צו שעפּן באַגייסטערונג. צו דעם צוועק פֿעלשן די בונדישע „טעאָרעטיקער" די געשיכטע פֿון זייער אייגענער פּאַרטיי.

אויך ביי דער דיסקוסיע, וואָס ווערט איצט געפֿירט אין „בונד", פֿעלשט מען גאַנץ געשמאַק די בונדישע געשיכטע, בפֿרט פֿון דער מלחמה־צייט. אין דעם פּרט איז נישט פֿאַראַן קיין חילוק צווישן דעם אָפֿענעם רעכטן ערליך און דעם „לינקן" י. כמורנער. אָט שרייבט ה. ערליך אין זיין אַרטיקל „צוליב וואָס האָבן מיר געוויטיקט און געבלוטיקט?" („פֿאָלקסצייטונג", נומ' 273): „די פּאָליטיק גופֿא פֿון 4־טן אויגוסט האָט קיינמאָל די מינדסטע חילוקי־דעות אין אונדזערע רייען נישט אַרויסגערופֿן. מיר האָבן זי אַלע צוזאַמען פֿאַראורטיילט, סיי פֿאַר־

1918, סיי נאָכדעם". און י. כמורנער שרייבט אין זיין אַרטיקל, אין דער „פאָלקס־צייטונג" נומ' 267, „די פראגע אינטערנאַציאָנאַל": „דעמאָלט (דאָס הייסט בעתן וועלט־קריג) האָבן מיר זיך אַלע אָריענטירט אויף דעם איינזאַמען ליבקנעכט און נישט אויף דעם דייטשן „אַרבעטער־קלאַס אַזוי ווי ער איז", אויף די „איינזאַמע" אין יעדן לאַנד, און נישט אויף די פּאַרטייען, וואָס האָבן זייער סאָציאַליסטישע נשמה פאַרקויפט דעם אימפּעריאַליסטישן טייוול. מיר האָבן געגלויבט, אַז די צוקונפט געהערט אָט די „איינזאַמע".

מילא, כמורנערן איז דערלויבט נישט צו וויסן די דעמאָלטיקע שטעלונג פון „בונד", ער האָט זי דאָך נישט מיטגעמאַכט. אָבער ערליך? פאַרוואָס געדענקט ער נישט די שטעלונג פון דעם טייל פון „בונד", וואָס איז פאַרבליבן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע און אין וועמענס שפּיץ עס זענען געשטאַנען נישט עפּעס קיין יינגלעך, וועמען מען קאָן פיל מוחל זיין צוליב זייער אומדערפאַרנקייט, נאָר אַזעלכע אַלטע און אויסגעפּרוּווטע טוער פון „בונד" ווי וו. מעדעם און נח? צי קאָן דאָס טאַקע זיין אמת, אַז ער, ערליך, זאָל נישט האָבן געלייענט דעם פּראָגראַם־אַרטיקל פון אָפיציעלן אָרגאַן פון „בונד" אין פּוילן „לעבנספראַגן" (4 פעברואַר 1916, „דער אינטערנאַציאָנאַל און די מלחמה"), ווו מ'שרייבט: „עס איז נאָך נישט געקומען די צייט צו פאַרענטפערן די פראַגע, צי איז אַזאַ פּאָליטיק פון די אַרבעטער־פּאַרטייען (פון אונטערשטיצן די מלחמה, פון בורגפרידן) געווען נויטווענדיק און ריכטיק". ווו איז דאָ דאָס „פאַראורטיילן" די פּאָליטיק פון 4־טן אויגוסט, וועגן וועלכן עס שרייבט ה. ערליך? אָדער ס'זאָגט עדות וועגן דער אָריענטאַציע אויף דעם „איינזאַמען" ליבקנעכט דער וויטערדיקער ציטאַט פון די זעלבע „לעבנספראַגן": „אין אַזאַ לאַנד, ווי למשל דייטשלאַנד, ווו די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט איר מיליאָן מיטגלידער און העכער 4 מיליאָן לייענער שטעלט פאַר אַ קאָלאָסאַלע מאכט, וואָלט אַזאַ נייטראַלע האַלטונג, אַזאַ אָפּזאָגן זיך פון העלפן קעמפן מיטן אויסערלעכן שונא, געבראַכט צו אַ זייער באַדייטנדער אָפּשוואַכונג פון אייגענעם לאַנד, וואָלט גאַנץ שטאַרק פאַרקלענערט די שאַנסן אויף אַ נצחון, גרעסער געמאַכט די סכנה פון מפּלה. מיט אַנדערע ווערטער: דאָס אָפּזאָגן צו העלפן זיין לאַנד, וואָלט פאַקטיש באַדייט אַ שטיצע, הילף דעם פיינטלעכן לאַנד". איז דען דער דאָזיקער ציטאַט נישט קלאָר גענוג, כדי צו כאַראַקטעריזירן דעם דעמאָלטיקן אָפּאָרטוניזם פון „בונד" און צו דעמאַסקירן די יעניקע, וועלכע ווילן איצט פאַרשענערן די געשיכטע פון „בונד", אַלס פעלשער פון דער בונדישער פאַרגאַנגענהייט?

נישט בעסער איז אויך געווען די שטעלונג פון דעם טייל פון „בונד", וואָס איז געבליבן אונטער דער הערשאַפט פון צאַריזם. די רעזאָלוציע פון דער כאַרקאָווער באַראַטונג ביים צ.ק. פון „בונד" אין אַפּריל 1916 רעדט וועגן דעם, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז „געצוווּנגען געווען אין אַלע לענדער צו נעמען אָן

אַנטייל אין באַשיצן דאָס לאַנד״, אַז „ערשט, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט אָנקומען דער מאָמענט צו באַשליסן די פראַגע וועגן דעם, אין וועלכער מאָס זענען געווען ריכטיק די טאַקטישע שריט פון די באַזונדערע סעקציעס פון אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל״. זאָל דאָס אפשר הייסן „פאַראורטיילונג״ פון דער פּאָליטיק פון 4־טן אויגוסט 1914? און ווער, ווער, נאָר ה. ערליך, וועלכער איז אין יאָר 1917 געפאָרן אין דער באַקאַנטער שליחות קיין לאָנדאָן און האָט גענו־מען אַ גאַנץ אַקטיוון אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן אין רוסלאַנד פון מערץ ביז נאָוועמבער 1917, דאַרף דאָך אוודאי געדענקען, וויפל פון די פירער פון „בונד״ זענען געווען די הייסטע אָנהענגער פון דער אַזוי גערופענער „אָבאָראָנטשעסטוואָ״ (פאָטערלאַנד־פאַרטיידיקונג) און זענען געשמאַק אַרומגעפאָרן איבערן פראָנט, כדי צו אַגיטירן די סאָלדאַטן, זיי זאָלן ווייטער קעמפן פאַרן רוסישן פאָטערלאַנד.

ה. ערליך איז גערעכט, ווען ער פרעגט כמורנערן: „ווען האָט אונדזער פּאַרטיי געוויטיקט און געבלוטיקט צוליב דער פּאָליטיק פון 4־טן אויגוסט? ווער און ווען האָט צוליב דעם אין אונדזערע רייען געפירט אַ שטרייט, ווער מיט וועמען האָט זיך צוליב אָט די אַלע פּראָבלעמען אין אונדזערע רייען אַרומ־געריסן? ערליך קען בעסער דעם „בונד״ און ער דערציילט גאַנץ אויפריכטיק, אַז צוליב „אָט די אַלע פּראָבלעמען״ האָט מען זיך אין „בונד״ קיינמאָל נישט „אַרומגעריסן״. אָבער דאָס איז גראָד אַ בולטע כאַראַקטעריסטיק פאַר דעם גרע־ניצלאָזן אָפּאָרטוניזם פונעם „בונד״, וועלכער האָלט נישט דערפון, אַז צוליב אַזעלכע „פּראָבלעמען״ זאָל מען האָרפן „ווייטיקן און בלוטיקן״.

אמת, אין יאָר 1918, נאָכן סוף פון דער וועלט־מלחמה, האָט דער „בונד״ „פאַראורטיילט״ די פּאָליטיק פון 4 אויגוסט 1914. דער „בונד״ האָט זיך אויסער־געוויינלעך שנעל „ראַדיקאַליזירט״. פון סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם איז ער שנעל אַריבער צו דער שיעור־נישט קאָמוניסטישער פראַזעאָלאָגיע. דער „בונד״ האָט זיך גיך דעקלאַרירט פאַרן דריטן אינטערנאַציאָנאַל. אָבער דאָס איז ווידער אַמאָל געווען בלויז קאָניונקטור־פּאָליטיק, דאָס איז געווען אַ דערשיינונג פונעם טיפּישן בונדישן אָפּאָרטוניזם. דער דאָזיקער שריט פון „בונד״ איז געווען נישט קיין אויפריכטיקער, נאָר בלויז אַ מאַנעווער, כדי איינצוהאַלטן אין „בונד״ די רעוואָ־לוציאָנער־געשטימטע יידישע אַרבעטערשאַפט. און אַז אַזאַ איז געווען די כוונה פון די בונדישע פירער האָט באַלד באַוויזן די האַנדלונג פון דער בונדישער דע־לעגאַציע, בפרט דער באַקאַנטער פאָרפאַל מיט לאַרמאַנען. שפּעטער האָבן זיך שוין די געשעענישן אַנטוויקלט אויף אַ „באַטירלעכן״ אופן: ווען די רעוואָלוציאָ־נערע שטימונג האָט נאָך אָנגעהאַלטן ביי די יידישע מאַסן, האָט מען נאָך אַלץ קאָקעטירט מיטן קאָמינטערן. מ׳האָט אָבער דערביי אַזוי מאַנעווורירט, אַז פון דעם פלירט זאָלן קיין ערנסטע פּאָלגן נישט אַרויסקומען. דערפאַר האָט מען געגעבן די הסכמה בלויז צו 16 אָדער אפילו צו גאַנצע 19 און אַ האַלב באַדינגונגען, אָבער,

אַז מען דאַרף זיך נישט אָריענטירן אויסשליסלעך אויפן קאָמאינטערן האָט צו יענער צייט געהערשט אין „בונד" אַ פולשטענדיקע „איינשטימיקייט", נישט אויסגענו־מען פון כלל די לינקסטע. דער ווייטערדיקער צוזאַמענפאַר האָט געמאַכט אַ ווייטערן טריט — שוין אינגאַנצן איבערגעריסן מיטן מאַרקסיסטישן אינטערנאַ־ציאָנאַל, אָבער נאָך אַלץ איינגעהאַלטן די לינקע פראַזעאָלאָגיע און אָנגענומען אַ באַשלוס צוזוטרעטן צום פּאַריזער ביוראָ פון די אַזוי גערופענע „סאָציאַליס־טיש־רעוואָלוציאָנערע" פּאַרטייען. דאַן האָט נאָך קיינער נישט געוואַגט צו שטעלן אַפילו בלויז די פראַגע וועגן אָנשלוס אינעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, איצט אָבער רעדן שוין די בונדישע פירער אָפן וועגן דעם.

מיט גאַנצע פיר יאָר צוריק האָבן מיר געשריבן וועגן דעם אָנשלוס פון „בונד" אין פּאַריזער ביוראָ אַט וואָס: „איצט האַלטן זיי (די בונדישע פירער), אַז די געמיטער האָבן זיך שוין אָפּגעקילט, אָבער נאָך נישט אויף אַזוי פיל, אַז מען זאָל אָפן אַריבער אין לאַגער פון סאָציאַלן פּאַרראַט. מיט אַ „פּערעסאַדקע" — — ווייסן זיי — — וועט עס דאָסמאָל גיין. און האָבנדיק פאַר די אויגן די דערפאַ־רונג פונעם צוויי און אַ האַלב אינטערנאַציאָנאַל, וויסנדיק, אַז דער דאָזיקער וועג פירט אומפאַרמיידלעך קיין לאָנדאָן — — קלויבן זיי אויס אַט דעם לענ־גערן, אָבער זיכערן וועג" (אַרב־צייטונג" פון 14 נאָוועמבער 1924: „אַ נייער גלגול און אַלטע מעטאָדן"). איצט באַשטעטיקט זיך דאָס אין דער פולער מאָס. דאָס איז דער לאַנגיאָריקער ציל פון די רעכטע פירער, דער „בונד" קאָן זיך איצט דערלויבן, פונקט ווי פאַר דער מלחמה און בעת איר, אויף אָפענעם סאָציאַל־פּאַרראַט און נישט־מאַסקירטן אָפּאָרטוניזם.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 49, 11 נאָוועמבער 1928.

וואַל־דורכפאַל פון די „רויטע"

1

די באַדינגונגען אין וועלכע די „רויטע" איז אויסגעקומען צו פירן דאָס מאָל זייער וואַל־קאַמפּאַניע, זענען אָביעקטיוו געווען אויסערגעוויינלעך גינסטי־קע. אין לאַנד הערשט זינט אַ צייט אַ מוראדיקער עקאָנאָמישער קריזיס. די אַרבעטסלאָזיקייט האָט אין דער לעצטער צייט ווידער אָנגעהויבן שנעל צו וואַקסן. די נויט ביי די אַרבעטער און קליינבירגערלעכער באַפעלקערונג איז אומגעהייער — אַ סיטואַציע וואָס מוז אַרויסרופן אומצופרידנקייט און פאַרביטערונג ביי די

ברייטסטע מאַסן און דאַרף ווירקן פאַר זייער רעוואָלוציאָניזירונג. און נאָך מער האָט געדאַרפט וואַקסן די פאַרביטערונג צוליב דער באַקאַנטער וואַל־אַטמאָספער, וואָס די סאַנאַציע האָט געשאַפן. אַז אַזוי טאַקע האָבן די „רויטע" אָפּגעשאַצט די פאַרהעלטעניש אין פוילן באַוויזט די רעזאָלוציע, וואָס עס האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק אָנגענומען זייער צוזאַמענפאַר, און עס רעדט זיך אין איר וועגן „קריזיס פון פאַשיזם" און וועגן אַ „רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע אין פוילן". און דאָס איז דאָך קלאָר: אויב אין לאַנד „הערשט אַ רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע", האָט דאָס געדאַרפט קומען צום אויסדרוק בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע דורך אַ נצחון פון „רויטע".

פון דער צווייטער זייט האָבן די „רויטע" געפירט אַ וואַל־קאַמפּאַניע, וואָס איז געווען אויסגערעכנט אויף צו פאַנגען וואָס מער שטימען. זיי האָבן נישט שטאַרק מדקדק געווען צו זיין פּרינציפּיעל אויסגעהאַלטן אין זייער וואַל־אַגיטאַציע. זיי האָבן אַפּעלירט צו די נידעריקסטע אינסטינקטן פון די מאַסן. זיי האָבן אַרויסגעגעבן אויפרופן, וווּ זיי האָבן געשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אַז „ווער עס וויל דינען נאָר 6 חדשים אין מיליטער און דורכמאַכן דערביי זיין מיליטער־דינסט אין זיין וווין־אָרט, דער זאָל שטימען פאַר דער ליסטע 22", און נאָך אַזעלכע לאָזונגען. זיי האָבן, פּונקט ווי די פּאַרטייען פון צענטראַלעוו און „בונד", זיך אומעטום באַנוצט מיטן אַרגומענט וועגן „שאַנסן" און דערמיט געהאָלפן פאַרשפּרייטן גאַרנישט קיין רעוואָלוציאָנערע אילוזיעס. זיי האָבן אויך, אין הסכם מיט זייער שטענדיקער פּראַקטיק געפירט די העסלעכסטע הצעה קעגן זייערע פּאָליטישע קעגנער אין אַרבעטער־לאַגער. זייער גאַנצע שטרעבונג איז געווען צו געווינען שטימען פאַר יעדן פּרייז.

דערביי דאַרף, אגב, אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דאַמאָלס זענען רדיפות אָנגעווענדט געוואָרן נישט נאָר קעגן די „רויטע" ליסטעס. צוליב אירע סטראַטעגישע אויסרעכענונגען האָט די סאַנאַציע דאָמאָלס טעראָריזירט און שיקאַנירט אויך אַ ריי אַנדערע גרופּירונגען, אפילו בירגערלעכע און רעפאָרמיסטישע. כאַראַקטעריסטיש, וואָס די דאָזיקע סטראַטעגישע טעמים האָבן באַוויגן דעם הויפּט־וואַל־קאָמיסאַר זיך איינצושטעלן אין דער הויפּט־וואַל־קאָמיסיע פאַר דעם, אַז מ'זאָל די מלוכה־ליסטע פון דער אַזוי גערופענער „אַרבעטער און פּויערים איינהייט" נישט פּסלען. אויך איז כדאי צוצוגעבן, אַז אין טאָג פון די וואַלן האָבן די „רויטע" אַגיטאַטאָרן אין די גרעסערע שטעט, ווי וואַרשע, לאָדזש, א. אַנד. פריי געפירט זייער וואַל־אַגיטאַציע, אַז פון די אָנפאַלן פון די סאַנאַטאָרישע און פּראַקישע באָיוווקעס האָבן געליטן נישט נאָר די „רויטע" אַגיטאַטאָרן, נאָר אויך אַגיטאַטאָרן פון אַנדערע ליסטעס, און אין אַ גרעסערער מאָס פון די „רויטע" — די אַגיטאַטאָרן פון פּועלי־ציון.

ביי דער דאָזיקער סיטואַציע האָבן די „רויטע" געדאַרפט געווינען פיל

שטימען נישט נאָר פון דער סאַנאַציע, וועמענס הערשאַפט איז אַזוי שטאַרק אַריינגעקראָכן אין די ביינער די אַרבעטנדיקע מאַסן, נאָר אויך אויפן חשבון פון די רעכטע אַרבעטער און פויערים־גרופירונגען, וועמענס טאַקטיק האָט געמוזט אַנ־טוישן די ברייטע מאַסע. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז די „רויטע" ליסטעס האָבן נישט נאָר גאַרנישט געוווּנען בעת דער איצטיקער וואַל־קאַמפּאַניע, נאָר פאַרקערט — אין גאַנצן געליטן אַ שטאַרקע מפּלה.

דער „צענטראַלעוו" האָט פאַרלוירן ביי 2 מיליאָן שטימען פון די אַרבעטנ־דיקע מאַסן. אָבער די דאָזיקע שטימען זענען אַוועקגעגעבן געוואָרן נישט פאַר די „רויטע" ליסטעס, נאָר באַקומען האָט זיי די סאַנאַציע. און די דאָזיקע שטימען זענען געוווּנען געוואָרן דורכן פאַשיזם, נישט געקוקט אויפן שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, נישט געקוקט אויפן איצט הערשנדיקן פּאָליטישן רעזשים. די „רויטע" ליסטעס האָבן, פאַרקערט, פאַרלוירן זייער פיל שטימען, דער עיקר אין די אַרבעטער־צענטערן. אין וואַרשע האָבן די „רויטע" פאַרלוירן 25 טויזנט שטימען אין פאַרגלייך מיט די וואַלן אין יאָר 1928, אין זאַגלעמביע 40 טויזנט. אין די צוויי קרייזן צוזאַמען האָבן זיי פאַרלוירן אַ העלפט פון זייערע פריערדיקע שטימען. אין וואַרשע האָבן זיי איצט באַקומען איין מאַנדאַט אַנשטאָט די פריערדיקע צוויי, אין זאַגלעמביע איינעם אַנשטאָט דריי. בלויז אין לאָדזש זענען זיי אַרויס מיט גאַנצע ביינער און דערהאַלטן די פריערדיקע צאָל שטימען און מאַנדאַטן. ווען מען נעמט אָבער אין אַכט, אַז אין לאָדזש האָט די פּ.פּ.ס. פאַרלוירן אירע פריער־דיקע דריי מאַנדאַטן און, אַז געוואַקסן אויפן חשבון פון פּ.פּ.ס. זענען נישט די „רויטע", נאָר די סאַנאַציע, איז קלאָר, אַז אויך דאָ איז דער דורכפאַל פון די „רויטע" אַ געגנוג שטאַרקער.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אופן ווי די „רויטע" האָבן ביז איצט געפירט זייער „קאַמף קעגן פאַשיזם", האָט דעם פאַשיזם נישט געברענגט קיין שום שאָדן, נאָר אים געשטאַרקט. אין וואַרשע, אין לאָדזש, אין זאַגלעמביע און אין אַנדערע ערטער זענען אַלע די שטימען פון די אַרבעטער און אַרבעטנדיקע מענטשן, וואָס זענען אָפּגעפאַלן פון די רעכטע פּאַרטייען און פון די „רויטע", דעראָבערט געוואָרן פון דער סאַנאַציע. דער פאַשיזם האָט זיך געשטאַרקט סיי אויפן חשבון פון די רעכטע אַרבעטער־ און פויערים־פּאַרטייען, סיי אויפן חשבון פון די „רויטע".

2

די פּאָליטיק פון די „רויטע" האָט קאָנסעקווענט געמוזט דערפירן צו אַזאַ מפּלה.

אַדאַנק זייער פאַלשער טאַקטיק האָבן די מאַסן באַגאַטעליזירט די סכנה פון פאַשיזם. נישט ווייל די „רויטע" האָבן צו ווייניק גערעדט, געשריבן, אַגי־

טירט קעגן פאַשיזם, ניין! זיי האָבן גראָד ביי יעדער פּאַסיקער און נישט פּאַסי־קער געלעגנהייט געליאַרעמט וועגן דעם. אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי נישט באַוויזן איינצופלאַנצן אין די מאַסן דאָס באַוווסטזיין פון דער געפאַר, וועלכע שטעקט אין דער הערשאַפט פון פאַשיזם פאַרן לעבן און עקזיסטענץ פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. אויב זיי האָבן אידענטיפיצירט מיטן פאַשיזם אַלע אַנדערע אַרבעטער־גרופּירונגען חוץ זיך, אפילו אונדז פּועלי־ציון, וועלכע בילדן דעם לינקן פליגל פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט; אויב פאַר פאַשיסטן אָדער סאָציאַל־פאַשיסטן זענען פאַרשריגן געוואָרן אַ ריי אייגענע פירער זייערע, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין אומחן, נישט צוליב פּרינציפּיעלער אפּיקורסות, נאָר בלויז צוליב טאַקטישע חלוקי־דעות, ווי טראַצקי, בוכאַרין, וואַרסקי א.א. — האָט דאָס געמוזט ביי די מאַסן שאַפן דעם איינדרוק, אַז דער פאַשיזם איז בכלל נישט שרעקלעך. אַזויאַנאָך האָבן די „רויטע" דערפירט דערצו, אַז די אַרבע־טער־מאַסן זאָלן גרינגשעצן די סכנה פון פאַשיזם און עס זאָל אויך פאַלן דער פּאָליטישער צוטרוי צו זיי.

ס'איז פאַראַן נאָך אַ ריי אַנדערע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען צו אַזאַ טרויעריקן וואַל־רעזולטאַט פאַר די „רויטע" ליסטעס. מיר וועלן בלויז אָנווייזן אויף עטלעכע. איינע פון די וויכטיקסטע איז די צופעליקע, נישט שטאַנדהאַפטי־קע, אָפּגעריסענע פּאָליטיק פון די „רויטע". דער האַרט פאַר די וואַלן אָפּגעהאַל־טענער 5־טער צוזאַמענפאַר פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי דערציילט אין זיין רעזאָלוציע וועגן די „ערנסטע דערפאָלגן פון דער פאַרטיי" פאַר דער לעצטער צייט, און ווייזט דערביי אָן אויף דער „מאַסן־וואַל־קאַמפּאַניע צום סיים אין 1928 יאָר", אויף „דער קאַמפּאַניע בעת די וואַלן צום סיים אין אויבערשלעזיע, דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־פּויערישן בלאָק בעת די איבער־וואַלן צום סיים אינעם לידער קרייז און אין וואַלין, באַזונדערס אין קאָוועלער קרייז". דאָס איז געוויס ריכטיק. די אַלע אויסגערעכנטע אַקציעס האָבן זיך דאַן געענדיקט מיט אַ דערפאָלג פאַר די „רויטע". ס'איז אָבער אויך ריכטיק, אַז איצט האָבן זיך די זעלבע פּאָליטישע אַקציעס אויף די זעלבע געביטן געענדיקט מיט אַ מיאוסן דורכ־פאַל פאַר זיי. בעת די סיים־וואַלן אין יאָר 1928 האָבן די „רויטע" געהאַט אַ שיינעם דערפאָלג אין וואַרשע, אָפּגעהאַלטן אַ גלענצנדיקן נצחון אין זאַגלעמ־ביע — איצט אַ מפּלה; בעת די איצטיקע וואַלן צום אויבערשלעזישן סיים האָבן זיי פאַרלוירן אַלע מאַנדאַטן, וואָס זיי האָבן געהאַט דעראָבערט אין יאָר 1929; מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָבן זיי „בעת די איבערוואַלן צום סיים אין וואַלין, באַזונדערס אין קאָוועלער קרייז", געוווּנען צענדליקער טויזנטער שטימען און אין אַ ריי ערטער מאַנדאַטן — איצט איז דאָס אַלץ פאַרלוירן געגאַנגען לטובת דעם פאַשיזם. דאָס באַווייזט, אַז די „רויטע" פאַרמאָגן מיטלויפער, אָבער נישט קיין מיטקעמפער. אַז זייערע דערפאָלגן זענען אָפטמאָל אַ רעזולטאַט פון שטימונגען,

אָבער נישט פון באַוווסטזיין, וואָס קומט אַלס פועל־יוצא פון האַרטער, אָנגע־שטרענגטער, טאָגטעגלעכער פּאָליטישער אַרבעט. דאָס באַווייזט אויך, אַז די „רויטע" זענען נישט אימשטאַנד צו פאַרפּעסטיקן די פאַראַנענע שטימונגען און זיי צו סטאַביליזירן.

די פּאָליטישע אַרבעט פון די „רויטע" גייט מן הצד פונעם ווירקלעכן, ממשותדיקן לעבן פון די מאַסן און פון זייערע באַדערפעניש. זיי פּראָקלאַמירן אָפּטמאָל אין תוך ריכטיקע פּאָליטישע אַקציעס, אָבער זיי באַוויזן זיי קיינמאָל נישט צו פאַרבינדן מיטן טאָג־טעגלעכן קאַמף פון די מאַסן. זיי באַציען זיך בכלל מיט גרינגשעצונג און אָפּטמאָל מיט שנאה צו דער פּראָלעטאַרישער קליין־אַרבעט, צו די טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן פון דער אַרבעטנדיקער מאַסע, בפרט פון דער יידישער, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין דער באַציאונג צום יידישן וועלטלעכן שול־וועזן, צום קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט. דאָס ווייזט זיך זייער בולט אַרויס אין זייער פּראָפ. אַרבעט, אין דער קאָמונאַלער פּאָליטיק און אויף אַנדערע געביטן.

זיי באַגאַטעליזירן די קליין־אַרבעט און יאָגן זיך דער עיקר נאָך אויסער־לעכע, מעג זיין צייטווייליקע, עפעקטן, מיט וועלכע מ׳זאָל קענען פּראַלן וועגן זייער ריזיקן כוח. זייער דערמאָנטער לעצטער צוזאַמענפּאַר איז דערפאַר געווען געצוווּנגען אָנצווייזן „אויף דעם דראָענדיקן ריס צווישן דעם איינפלוס פון דער פּאַרטיי און דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן אַרומכאַפּ (די מאַסן)".

אָבער אפילו דער צוזאַמענפּאַר קאָן זיך נישט באַפרייען פון דער פּוסטער פּראַלעריי און נאַרישער באַרימעריי און ווייזט אָן אַלס „ערנסטע דערפּאָלגן פון דער פּאַרטיי פאַר דער (לעצטער) צייט" „די קאַמפּאַניע פון ערשטן אויגוסט פון 1929 יאָר, די מערץ־קאַמפּאַניע אין 1930 יאָר מיטן 5־טן קאָנגרעס פון פּראָפאַינ־טערן" א.א.וו. מיר אַלע געדענקען דאָך וואָס פאַר אַ דורכפאַל די „רויטע" האָבן געליטן ביים דורכפירן די דערמאַנטע אַקציעס. בעת די אַקציעס פון 1 אויגוסט און 6 מערץ האָבן זיי נישט באַוויזן אַרויסצופירן אין גאַס קיין גרעסערע מאַסן, וועגן דער „מאַסן־קאַמפּאַניע אין צוזאַמענהאַנג מיטן 5 קאָנגרעס פון פּראָפאַינ־טערן" האָט בכלל קיינער נישט געהערט. און פונדעסטוועגן זענען דאָס „ערנסטע דערפּאָלגן"!

די צעבערעכונג און שפּאַלטונגס־פּאָליטיק פון די „רויטע", זייער נידער־טרעכטיקער קאַמף קעגן די אַלע, וועלכע ווילן נישט צובאַמקען צו דער לעצטער ווענדונג, וואָס איז זיי אָנגעוויזן געוואָרן, — די דאָזיקע טאַקטיק, וואָס דריקט זיך אויס אין אָרגאַניזירן שטרייק־ברעכעריי לגבי פאַריינען, וועלכע שטייען נישט אונטער דער השפעה פון די „רויטע", און פאַרשפּרייטן באַוווסטזיניק און קאַלט־אויסגערעכנט העסלעכע בילבולים און שמוץ אויף די, וועלכע שטייען נישט אין זייערע רייען, אין כוליגאַנישע אָנפאַלן קעגן אַנדערע אַרבעטער און

אַרבעטער־אינסטיטוציעס, דאָס טאָלערירן אין די אייגענע רייען כלערליי אויס־וווּרפן — דאָס אַלץ מוז קאָנסעקווענט ברענגען דערצו, עס זאָל פאַרלוירן ווערן דער צוטרוי צו זיי און מ׳זאָל אויפהערן צו נעמען ערנסט זייערע אַרגומענטן קעגן פּאָליטישע קעגנער, און זיך אָפּקערן פון זיי גופא.

די פאַלשע און שעדלעכע פּאָליטיק פון די „רויטע" האָט זיך איצט אין זיי נוקם געווען. דער דורכפאַל איז געקומען אין דער אַממייניסטן אומדערוואַרטער צייט פאַר זיי, ווען זיי זענען געווען זיכער אין זייערס אַ גרויסן נצחון, ווען די אָביעקטיווע באַדינגונגען האָבן גערעדט דערפאַר, אַז אַזאַ נצחון זאָל קומען. זייער מפּלה איז אַזוי גרויס, אַז ביי דער גאַנצער אומגעהייערער חוצפּה, וואָס זיי פאַרמאָגן, קענען זיי דערין נישט לייקענען און די „פּריִע טריבונע" איז געצוווּנגען אָפּן צו רעדן וועגן זייער דורכפאַל. זאָל דעריבער די דאָזיקע מפּלה עפענען די אויגן זייערע אָנהענגער אויף דער שענדלעכער פּאָליטיק פון די פירער, — דאָס וואָלט געווען אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַרן דערפאָלגרייכן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט קעגן פאַשיזם, קעגן זיינע קלאַסן־שונאים.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ׳ 49, 5 דעצעמבער 1930.

די יידישע מאסן און די ארבעטסלאזיקייט

די פּלאָג פון אַרבעטסלאָזיקייט האָט אויפן טיפסטן אופן אָנגערירט די אַרבעטער־באַפעלקערונג אין לאַנד. עס וואַקסט אָן אויפהער די אַרמיי אַרבעטסלאָזע. די אָפיציעלע עקאָנאָמיסטן האָבן געהאַט אָנגעזאָגט די פריילעכע בשורה, אַז לויט זייערע אויסרעכענונגען דאַרף די אַרבעטסלאָזיקייט אין מיטן פעברואַר דערגרייכן איר קולמינאַציע־פּונקט. פונדעסטוועגן האָט זיך די צאָל אַרבעטסלאָזע אין דער צווייטער העלפט פון פעברואַר ווידער פאַרגרעסערט מיט 15 טויזנט. אַ דריטל בערך פון דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט אין פוילן ליידט פון דער אַרבעטסלאָזיקייט.

זייער שווער זענען איצט די לעבנסבאַדינגונגען פון די אַרבעטער־מאַסן. הונגער, נויט און פּיין זענען דער גורל פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג אין רעזולטאַט פון דער מאַסן־אַרבעטסלאָזיקייט. אָבער פיל שווערער און שרעק־לעכער איז די לאַגע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. אין דער יידישער אַרבעטער־סביבה האָט זיך דער עקאָנאָמישער קריזיס אָפּגערופן באַזונדערס

פיינלעך. דאָ האָט די אַרבעטסלאָזיקייט דערגרייכט אַן אומגעהויערן פאַרנעם, וואָס שטייגט ווייט־ווייט אַריבער דעם פאַרנעם פון דער אַרבעטסלאָזיקייט אין גאַנצן לאַנד. אויב די לאַגע פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַפעלקערונג אין לאַנד איז שרעקלעך, איז דער מצב פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט ממש קאַטאַסטראָפאַל.

די דאָזיקע באַזונדערס טראַגישע לאַגע פון דער יידישער אַרבעטער־באַפעלקערונג נעמט זיך פון צוויי מאָמענטן — פון דער אַנטיסעמיטישער באָי־קאָט־פּאָליטיק אין די מלוכהשע און קאָמונאַלע אַנשטאַלטן לגבי יידישער אַרבעט און פון דער באַזונדערער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די יידישע מאַסן.

געגוג אַנצוּווייזן בלויז עטלעכע ציפערן, כדי עס זאָל קלאָר קומען צום אויסדרוק, ווי ווייט דער באָיקאָט פון יידישער אַרבעט מוז זיך פאַטאַל אָפּרופן אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידישע אַרבעטער, בפרט אין די צייטן פון מאַסן־אַרבעטסלאָזיקייט. די מלוכה און די קאָמונאַלע אַנשטאַלטן באַשעפטיקן אַן ערך אַ פערטל מיליאָן בלויז באַאַמטע; אין די באַנען און אַנדערע מלוכהשע און שטאָטישע קאָמוניקאַציע־מיטלען זענען פאַרנומען העכער צוויי הונדערט טויזנט מענטשן. חוץ דעם באַשעפטיקן די איבעריקע מלוכהשע און שטאָטישע אונטער־נעמונגען פיל צענדליקער טויזנטער מענטשן. די דאָזיקע קאַטעגאָריעס אַרבעטער און באַאַמטע זענען דורך דער אַרבעטסלאָזיקייט זייער ווייניק אַנגערירט געוואָרן — די מלוכה און קאָמונאַלע באַאַמטע זענען ווייטער אויף זייערע פּאָסטנס; אויף די באַנען האָט די רעדוקציע אַרומגענומען בלויז אַ קליינע צאָל אַרבעטער, וואָס זענען צוגענומען געוואָרן צו ספּעציעלע אַרבעטן. דער אַרבעטס־באַשטאַנד אינעם טאַבאַק־מאָנאָפּאָל, אין די איבעריקע מלוכהשע אונטערנעמונגען, אין די שטאָטי־שע אַנשטאַלטן, ווי ביי די טראַמווייען, עלעקטראָווניעס, וואַסער־לייטונג־ און גאַז־אַנשטאַלטן וכדומה, איז אָדער אין גאַנצן נאָרמאַל אָדער כמעט נאָרמאַל.

די דאָזיקע קאַטעגאָריעס פּראָלעטאַריער — די מלוכהשע און שטאָטישע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע, האָבן פון דער מאַסן־אַרבעטסלאָזיקייט כמעט נישט געליטן. זיי ווערן פאַקטיש אַרויסגענומען פון דער דירעקטער ווירקונג פונעם עקאָנאָמישן קריזיס. אָבער צווישן זיי זענען יידן כמעט נישט בנמצא. דערפאַר איז פאַרשטענדלעך, אַז אויב אַזאַ דערשיינונג ווי באָיקאָט פון יידישע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע דורך מלוכהשע און קאָמונאַלע אונטערנעמונגען, מוז זיך לאָזן פילן אפילו אין עקאָנאָמיש־נאָרמאַלע צייטן, מוז עס זיך שוין פאַטאַל אָפּרופן אין צייטן פון ווירטשאַפטלעכע קריזיסן. דאָס אַליין וואָלט געגוג געווען, אַז די אַרבעטסלאָ־זיקייט ביי די יידישע מאַסן זאָל פאַרהעלטנישמעסיק איבערשטייגן דעם מצב פון אַרבעטסלאָזיקייט אין לאַנד בכלל.

ס׳וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דער באָיקאָט פון יידישער

אַרבעט איז די איינציקע סיבה, וואָס איז גורם צו אַ באַזונדערס גרויסער אַר־בעטסלאָזיקייט ביי די יידישע אַרבעטער. זייער שטאַרק ווירקט דאָ אויך די באַזונדערע עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די יידישע מאַסן, דער פאַקט וואָס די אַרבעטער זענען פאַרנומען אין ספּעציעלע צווייגן פון דער פּראָדוקציע — די, וואָס זענען אממיינסטן דערוויטערט פון דער נאַטור, וועלכע אַרבעטן דירעקט פאַרן קאָנסומענט, וועלכע זענען דער עיקר באַשטימט אויף צו באַפרידיקן די פּער־זענלעכע באַדערפעניש פון די געברויכער. און גראָד די צווייגן פון דער פּראָ־דוקציע — נאָדל, טעקסטיל, לעדער א.ד.גל. ליידן אַממייסטן פון עקאָנאָמישע קריזיסן, די באַגרענעצונג פון דער פּראָדוקציע אין די צווייגן קומט פאַר ביי די ערשטע סימפּטאָמען פון אַ קריזיס און ענדיקט זיך ערשט דאַן, ווען דאָס עקאָנאָ־מישע לעבן איז שוין צוריק אַריין פולשטענדיק אין זיין נאָרמאַלן גאַנג. דערפאַר איז אויך די אַרבעטסלאָזיקייט אין די אַזוי גערופענע פאַכן פאַרהעלטענישמעסיק פיל שטאַרקער איידער אין די איבעריקע צווייגן פון דער אינדוסטריע. די אומ־נאָרמאַלקייט פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די יידישע מאַסן איז זיך באַזונדער שווער נוקם אין די צייטן פון עקאָנאָמישע קריזיסן. ערשט דאַן ווערט קלאָר, אַז דאָס איז נישט קיין אַקאַדעמיש פּראָבלעם פאַר ספּעצן, נאָר אַז די דאָזיקע דערשיינונג רירט אָן די בלוטיקסטע אינטערעסן פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, אַז די ברייטסטע יידישע מאַסן זענען בלוטיק פאַראינטערעסירט אין נאָרמאַליזירן די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון יידישן אַרבעטער־לעבן.

אַרבעטסלאָזיקייט איז אַן אינטערנאַציאָנאַל פּראָבלעם. עס איז אַ דערשיי־נונג, פון וועלכער עס ליידן די אַרבעטער פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די פאָדערונג פון די אַרבעטער־מאַסן אויפן געביט פון קאַמף קעגן אַרבעטסלאָזיקייט זענען אומעטום די זעלבע, און זיי ווערן אויך אויפגענומען דורך יידישע אַרבע־טער־מאַסן. דאָס יידישע אַרבעטער־לעבן רוקט אָבער גלייכצייטיק אַרויס לאָזונ־גען, וואָס זענען אַ פועל־יוצא פון די באַזונדערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין וועלכע ס׳לעבן די יידישע מאַסן. קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט, הייסט ביי יידישע אַרבעטער קאַמף קעגן אַרבעטסלאָזיקייט. דערפאַר מוזן די יידישע אַרבעטער־מאַסן אַריינפלעכטן אין זייער קאַמף קעגן אַרבעטסלאָזיקייט דעם קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט. אין די צייטן פון די ווירטשאַפטלעכע קריזיסן טרעטן באַזונדערס שאַרף אַרויס די פאַטאַלע רעזולטאַטן פון דער נישט־נאָרמאַלער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די יידישע מאַסן. עס ווערט באַזונדערס פאַרשטענד־לעך די נויטיקייט צו שטיצן די פּראָצעסן פון פּראָדוקטיווירונג און איבערשיכ־טונג אין יידישן לעבן.

די דאָזיקע מאָמענטן, וואָס זענען אַ רעזולטאַט פון די באַזונדערע פאַרהעל־טענישן אין וועלכע עס לעבן די יידישע מאַסן און זיי באַווייזן נאָכאַמאָל די ריכ־

יצחק לעוו

טיקייט פון די לאָזונגען, וועלכע מיר פּועלי־ציון רוקן אַרויס, דאַרפן דורך אונדז אריינגעברענגט ווערן אין דעם קאַמף פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן קעגן דער אַרבעטסלאָזיקייט.

„אַרבעטער־צייטונג“ נומ׳ 11, 14 מערץ 1930.

דער קריזיס פון דער יידישער עמיגראַציע אין פּוילן

1

דער איצטיקער עקאָנאָמישער וועלט־קריזיס קומט צום אויסדרוק אין די פאַרשידנסטע דערשיינונגען פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן. ער האָט אויך אַרויס־גערופן ווייטגייענדיקע שינויים אויפן געביט פון דער וואַנדערונג.

אין נאָרמאַלע צייטן האָט די וואַנדערונג געהערט צו די וויכטיקסטע פּראָ־צעסן אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן פון דער וועלט. ביי אַ טייל פעלקער און לענ־דער האָט דאָס פּראָבלעם פון וואַנדערונג געשפּילט אַ באַזונדערס גרויסע ראָל און אין אַ גרויסער מאָס דעצידירט וועגן דער געשטאַלטונג פון זייערע סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, געוואָרן אַן ערשטקלאַסיקער פאַקטאָר.

מיטן אָנקום פונעם קריזיס איז אָט דער פּראָצעס פאַרהאַלטן געוואָרן אין לויף און ביסלעכוויז כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן. דערמיט זענען נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן די קאָמפּליקאַציעס, וואָס דער וועלט־ווירטשאַפטלע־כער קריזיס האָט אַרויסגערופן.

דער פאַקט, וואָס דער וואַנדערונגס־קריזיס איז אַרויסגערופן געוואָרן אין דער צייט פון עקאָנאָמישן קריזיס, האָט זיך באַזונדערס שמערצלעך אָפּגערופן אויף די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן פון די אויסוואַנדערונגס־לענדער. די אויסוואַנדערונגס־באַדערפענישן זענען טאַקע, אין שייכות מיטן קריזיס, קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסן און דאָ איז גאָר אָפּגעשטעלט געוואָרן די מעגלעכקייט פון אויס־וואַנדערונג בכלל. פּוילן איז איינס פון די באַדייטנדסטע אויסוואַנדערונגס־לענדער. יאָר־איין יאָר־אויס וואַנדערן אויס פון איר סיי אין אייראָפּעאישע לענדער (אויף סעזאָן־אַרבעט און אויף באַזעצן זיך), סיי מעבר־לים הונדערטער טויזנטער, צווישן וועלכע עס פאַרנעמט אַ באַזונדערס גרויסן פּלאַץ די יידישע באַפעלקערונג. מיטן אויסברוך פונעם קריזיס האָט זיך אָבער די אויסוואַנדערונג קאָלאָסאַל פאַרקלע־נערט.

אין יאָר 1930 האָט די אַלגעמיינע צאָל אויסוואַנדערער פון פּוילן סיי

אין די אייראָפּעאישע, סיי אין די אויסער־אייראָפּעאישע לענדער אויסגעמאַכט 218,387, אָבער אין משך פון יאָר 1931 איז די דאָזיקע צאָל געפאַלן אויף 76.005, הייסט דאָס געפאַלן אויף גאַנצע צוויי דריטל. דערביי האָט די צאָל צוריקגעקומענע אויסגעמאַכט אין יאָר 1930 — 101.084, זענען אַזוי אַרום פון די עמיגראַנטן געבליבן אין די אויסוואַנדערונגס־לענדער 117.303! אָבער אין יאָר 1931 האָט די צאָל רעעמיגראַנטן באַטראָפן 87.678 — — — דאָס הייסט, אַז די צוריקוואַנדערונג האָט איבערגעשטיגן די אויסוואַנדערונג מיט 11.673! אָט אין וואָס פאַר אַ פאַרנעם עס דריקט זיך אויס דער וואַנדערונגס־קריזיס. דער קריזיס איז היי־יאָר, אין יאָר 1932, נאָך פיל שאַרפער: ווען אין די ערשטע 3 חדשים 1931 האָט די אַלגעמיינע צאָל אויסוואַנדערער אויסגעמאַכט 13.418 פערזאָן, איז די צאָל עמיגראַנטן פאַר די זעלבע דריי חדשים פון יאָר 1932 געפאַלן ביז 3.446. אין משך פון די ערשטע 6 חדשים פון היי־יאָר איז די צוריקוואַנדערונג כמעט דריי מאָל איבערגעשטיגן די אויסוואַנדערונג — — — אויסעמיגרירט האָבן 9.917 פערזאָן, צוריקגעקומען רעעמיגראַנטן 28.498 !

זייער שטאַרק איז אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָר געפאַלן די עמיגראַציע אין די אייראָפּעאישע לענדער: אין יאָר 1930 זענען אַהין געפאָרן 171.853 עמי־גראַנטן, אין יאָר 1932 בלויז 64.235 (37 פראָצענט). עס האָט זיך באַדייטנד פאַרקלענערט די סעזאָן־אויסוואַנדערונג קיין דייטשלאַנד (77.540 אין 1930, 32.302 אין 1931). די אויסוואַנדערונג קיין פראַנקרייך (86.500 אין יאָר 1930, 28.396 אין יאָר 1931), קיין בעלגיע (4.893 אין יאָר 1930, 868 אין יאָר 1931). מ׳דאַרף דערביי נעמען אין אכט, אַז אין די דריי לענדער (דייטשלאַנד, פראַנק־רייך, בעלגיע) איז אין יאָר 1930 געגאַנגען כמעט די גאַנצע אייראָפּעאישע אויס־וואַנדערונג פון פוילן (168.933 פון 171.853). צוריקגעקומען זענען 180.455 — מיט 11.522 מער, ווי אויסגעוואַנדערט. פאַר די ערדלאָזע פוילישע פויערים און באַטראַקעס, פאַר די אַרבעטסלאָזע יידישע און פוילישע אַרבעטער — באַדייט דאָס געצווונגענע אָפּשטעלן די וואַנדערונג אין די לענדער ממש אַ קאַטאַסטראָפע.

פאַרהעלטנישמעסיק אָבער, איז די אויסוואַנדערונג אין די נישט־אייראָפּעאי־שע לענדער געפאַלן נאָך פיל שטאַרקער, ווי אין די אייראָפּעאישע. אין יאָר 1929 האָט די אַלגעמיינע צאָל אויסוואַנדערער אין די נישט אייראָפּעאישע לענדער אויסגעמאַכט 65.310 פערזאָן, אין יאָר 1930 איז די צאָל געפאַלן אויף 46.534, אין יאָר 1931 אָבער קאָנען מיר פאַרצייכענען אַ רעקאָרד־ירידה — 11.770. דאָס הייסט, אַז לגבי דעם יאָר 1930 איז די מעבר־לים־וואַנדערונג אין יאָר 1931 געפאַלן מיט 75 פראָצענט! אָבער, נישט געקוקט דערויף, איז אין יאָר 1932 פאַר־געקומען אַ ווייטערדיקע שטאַרקע ירידה: אין די ערשטע דריי חדשים פון יאָר 1931 האָט די צאָל פון דער קאַטעגאָריע אויסוואַנדערער באַטראָפן 4.390, און אין דיזעלבע חדשים פון היינטיקן יאָר בלויז 1.912 :

ווי ווייט עס האָט זיך פאַרקלענערט די עמיגראַציע פון פוילן אין די נישט־אייראָפּעאישע לענדער וועט אונדז ווייזן די ווייטערדיקע טאַבעלע:

יאָר	1929	1930	1931	1932
פאַרייניקטע שטאַטן	6.309	6.909	1.353	340
קאַנאַדע	21.703	16.940	1.326	236
מעקסיקע	285	358	56	—
קובאַ	445	306	128	9
אַרגענטינע	21.116	13.804	4.423	531
בראַזיל	8.732	3.430	1.111	309
פּערו	23	159	17	—
אורוגוויי	929	1.351	1.283	142
פּאַלעסטינע	1.883	2.379	1.553	165
אַנדערע	885	898	538	180
סך־הכל:	65.310	46.534	11.770	1.912

די דאָזיקע טאַבעלע אילוסטרירט בולט דעם וואַנדערונגס־קריזיס. די פאַרייניקטע שטאַטן נעמען אויף אין יאָר 1931 קוים 1.353 אימיגראַנטן לגבי 6.309 מיט צוויי יאָר פריער; קאַנאַדע קוים 6 פּראָצענט לגבי דעם יאָר 1929, אַרגענטינע קוים 20 פּראָצענט, בראַזיליע נאָר 12 פּראָצענט. בלויז אין די פיר לענדער זענען אין יאָר 1929 אַריין 60.860 איינוואַנדערער פון פוילן, אין יאָר 1931 אָבער נישט מער, ווי 8.213, נישט קיין גאַנצן 14 פּראָצענט.

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. אין יאָר 1931 מערקט זיך פון די לענדער אַ כוואַליע פון רעעמיגראַציע. עס זענען צוריקגעקומען פון די פריער־אויסגע־וואַנדערטע: פון פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע 1024 פּערזאָן, דער אויסוואַנדערונגס־עודף פאַרן יאָר 1931 באַטרעפט אַלזאָ נאָר 331 פּערזאָן; פון קאַנאַדע 2.326 — דאָס הייסט, אַז טויזנט מער זענען צוריקגעקומען, ווי אַהין אַרויסגעפאָרן. פון אַרגענטינע זענען צוריקגעקומען 2.365 עמיגראַנטן, דער סאַלדאָ באַטרעפט אַלזאָ 2.058 פּערזאָן. די קלענסטע צוריקוואַנדערונג גיט ארץ־ישראל — לגבי 1.535 עמיגראַנטן באַטרעפט די צאָל צוריקגעקומענע 191 — ד. ה. העכער 12 פּראָצענט. בכלל באַטרעפט הער עודף פון דער וואַנדערונג אין די נישט־אייראָפּעאישע לענדער 4.547 (11.770 עמיגראַנטן, 7.223 רעעמיגראַנטן).

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז די ירידה פון דער אויסוואַנדערונג אין די אויבנדערמאָנטע לענדער איז אַ רעזולטאַט אויסשליסלעך פון די פאַר־

שאַרפטע איינוואַנדערונג־באַגרענעצונגען. ניין — דער עיקר שפּילט דאָ אַ ראָל דער עקאָנאָמישער קריזיס, וועלכער ווירקט זייער שטאַרק אויך אין די לענדער, און די כסדרדיקע רעוואָלוציעס אין די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער, וועלכע זענען ווידער אַ רעזולטאַט פון דער קריטישער עקאָנאָמישער סיטואַציע. עס איז, למשל, כאַראַקטעריסטיש, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע זענען אין משך פון 1931 אריינגעפאָרן 35.756 אימיגראַנטן, אַרויסגעפאָרן 103.295 — אַזאַ פאַל פּאַסירט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער צפון־אַמעריקאַנישער רעפּובליק.

אומאָפּהענגיק, אָבער, פון די סיבות, וואָס האָבן די דערשיינונג אַרויסגערופן, ווירקט זי פאַטאַל אויף די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון פוילן. דער איבערפלוס פון מענטשן, אפילו אין די יאָרן פון גוטער קאָניונקטור, ווערט אומגעהייער פאַרגרעסערט. עס קומט צו נאָך איין באַדייטנדער פאַקטאָר אין פאַרערגערן די עקאָנאָמישע סיטואַציע.

2

די יידישע אויסוואַנדערונג פון פוילן האָט אין יאָר 1931 אויסגעמאַכט 8.632 פּערזאָן פון 76.005 עמיגראַנטן בכלל, ד. ה. העכער 11 פּראָצענט — אביסל העכער פון דעם פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. עס איז אָבער פאַראַן אַן עיקרדיקער חילוק אינעם כאַראַקטער פון דער יידישער און נישט־יידישער עמיגראַציע.

אין וואָס קומט צום אויסדרוק דער דאָזיקער חילוק?

1. די נישט־יידישע עמיגראַציע גייט אין אַ ווייט־גרעסערער מאָס אין די אייראָפּעאישע לענדער, די יידישע אין מעבר־לים. אין יאָר 1931 האָט די יידישע עמיגראַציע אויסגעמאַכט 11 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער פּוילישער אויסוואַנדערונג אין דעם יאָר; אָבער אין די אייראָפּעאישע לענדער האָט די יידישע אויסוואַנדערונג אויסגעמאַכט קוים 2 און אַ האלבן פּראָצענט (1.509 פון 64.235), אין די נישט־אייראָפּעאישע, אָבער, גאַנצע 60 פּראָצענט (7.123 פון 11.770).

2. די יידישע אויסוואַנדערונג איז דער עיקר אַ פּאַסיווע. מיר האָבן, אמת, נישט קיין סטאַטיסטיק וועגן דער צאָל פּראָפעסיאָנעל אַקטיווע און פּאַסיווע עלעמענטן, אָדער מענער און פרויען, ספּעציעל בנוגע דער יידישער עמיגראַציע פון פוילן. אָבער דאָס קען לייכט פעסטגעשטעלט ווערן דורך דעם, וואָס אין דער אויסוואַנדערונג, וועלכע גייט אין די אייראָפּעאישע לענדער אין יאָר 1931) מאַכן אויס די פּראָפעסיאָנעל־אַקטיווע עלעמענטן 86 פּראָצענט, אין די נישט־אייראָפּעאישע לענדער, אָבער, ווו עס איז פאַראַן אַן איבערגעוויכט פון יידישע איבערוואַנדערער, נאָר 49 פּראָצענט.

צווישן די נישט־יידישע עמיגראַנטן איז פאַראַן אַ גרויסער טייל סעזאָן־אַרבעטער — פון זיי באַשטייט כמעט אין 100 פּראָצענט די איינוואַנדערונג קיין דייטשלאַנד, וועלכע מאַכט אויס 50 פּראָצענט פון דער פּוילישער איינוואַנדערונג אין די אייראָפּעאישע לענדער בכלל. אָבער אויך די מערהייט פון די, וועלכע פאָרן קיין פראַנקרייך, זענען קאָנטראַקט־אַרבעטער, וועלכע קומען אין אַ גרויסער צאָל צוריק. די נישט־יידישע אויסוואַנדערונג איז, אַזוי אַרום, אין איר מערהייט אַ צייטווייליקע. די יידישע עמיגראַציע, אָבער, איז כמעט אויסשליסלעך אַ שטענ־דיקע — יידן פאָרן אין די נייע איינוואַנדערונגס־לענדער זיך צו באַזעצן און נישט צוליב צייטווייליקן פאַרדינסט.

ווי זעט אויס די יידישע עמיגראַציע לויט באַזונדערע לענדער? פון דער אייראָפּעאישער עמיגראַציע אין יאָר 1931 (1.509 פּערזאָן) זענען 646 געגאַנגען קיין פראַנקרייך און 531 קיין בעלגיע, די רעשט 332 אין אַלע אַנדערע לענדער. עס איז אָבער קלאָר, אַז די פּאַקטישע צאָל איז גרעסער, ווייל די ציפערן נעמען אַרום בלויז די, וועלכע זענען אַרויסגעפאָרן אָפיציעל אַלס עמיגראַנטן. אַ היפּשע צאָל איז אָבער אויך אַרויסגעפאָרן אַלס טוריסטן און אויף אַנדערע אופנים. כדי צו אילוסטרירן די יידישע אויסוואַנדערונג פון פּוילן אין די נישט־אייראָפּעאישע לענדער, ברענגען מיר די ווייטערדיקע טאַבעלע:

יידישע עמיגראַציע פון פּוילן

	1930	1931	1932
פאַריינ. שטאַטן פון צפון־אַמעריקע	3.241	193	205
קאַנאַדע	3.051	42	44
מעקסיקע	354	15	—
קובאַ	293	46	8
אַרגענטינע	4.882	1.111	314
בראַזיליע	1.163	237	286
פּערו	19	3	—
אורוגוויי	808	321	119
פּאַלעסטינע	2.378	585	165
אַנדערע לענדער	744	105	128
סך־הכל:	16.938	7.123	1.548

די דאָזיקע טאַבעלע כאַראַקטעריזירט אויף אַ בולטן אופן דעם קריזיס פון דער יידישער עמיגראַציע. די אויסוואַנדערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע האָט זיך כמעט אָפּגעשטעלט (פון 3.241 אין יאָר 1929 אויף 649 אין יאָר 1930). דעסגלייכן אין אַרגענטינע — אין יאָר 1931 איז די יידישע עמיגראַציע אַהין געפאַלן אויף דער העלפט; דאָס ריכטיקע בילד באַקומט מען אָבער ערשט, ווען מען פאַרגלייכט די אויסוואַנדערונג אין די ערשטע דריי חדשים פון די לעצטע צוויי יאָר — 314 (1932) לגבי 2476 (1931). פולשטענדיק קאַטאַסטראָפאַל שטעלט זיך פאַר די וואַנדערונג קיין קאַנאַדע — 3.051 אין יאָר 1930 און 141 אין 1931. אויך אין די איבעריקע לענדער, ווי מעקסיקע, קובאַ, בראַזיליע א.א.וו. איז די אויסוואַנדערונג שטאַרק געפאַלן. אומעטום ווערן גע־שלאָסן די טויערן פאַר דער יידישער אײנוואַנדערונג. נעמט מען אין אַכט די עקאָנאָמישע קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע מאַסן אין פוילן, דעם חורבן פון זייערע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, קען מען ערשט פאַרשטיין די שרעקלעכע פאָלגן פון דער דערשיינונג.

3

ווי זעט אויס דער אָנטייל פון פּאַלעסטינע אין דער יידישער אויסוואַנדע־רונג פון פוילן?

אין יאָר 1929 האָבן אויסגעוואַנדערט קיין פּאַלעסטינע 2.378 יידן, וואָס מאַכט אויס 14 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער מעבר־לימדיקער עמיגראַציע פון פוילן. אין יאָר 1930 האָבן עמיגרירט קיין פּאַלעסטינע 1.535 יידן, וואָס מאַכט שוין אויס קנאַפּע 22 פּראָצענט פון דער מעבר־לימדיקער עמיגראַציע.

דער פּראָצענט יידישע אויסוואַנדערער לגבי דער עמיגראַציע אין די נישט־אייראָפּעאישע לענדער בכלל מאַכט אויס אין פאַרשידענע לענדער: פאַר־אייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע — 1930 — 19 פּראָצענט, 1931 — 9 פּראָצענט, קאַנאַדע: 1930 — 18 פּראָצענט, 1931 —2 פּראָצענט, אַרגענטינע: 1930 — 29 פּראָצענט, 1931 — 34 פּראָצענט. פון דעם ווייזט זיך אַרויס, אַז פּאַקטיש האָבן אין יאָר 1931 נאָר צוויי לענדער — פּאַלעסטינע און אַרגענטינע — איינגעהאַלטן זייער באַדייטונג פאַר דער יידישער וואַנדערונג.

קוקט מען זיך אָבער צו נעענטער, זעט מען באַלד די וואַקסנדיקע באַדיי־טונג פון פּאַלעסטינע אַלס איינוואַנדערונגס־לאַנד אפילו לגבי אַרגענטינע. פון אַרגענטינע זענען אין יאָר 1931 צוריקגעקומען העכער 50 פּראָצענט עמיגראַנטן (אַרויסגעפאָרן 4.423, צוריקגעקומען 2.365). נעמען מיר אָן דאָס פאַרהעלטעניש אויך לגבי דער יידישער וואַנדערונג, מאַכט דער עודף פון דער יידישער אויס־וואַנדערונג קיין אַרגענטינע אויס אין יאָר 1931 אַרום 1.200 פּערזאָן. פון

פּאַלעסטינע אָבער זענען צוריקגעקומען קוים 191 רעעמיגראַנטן — מאַכט אויס דער עודף דאָ 1.344 — העכער ווי אין אַרגענטינע. פּאַלעסטינע איז אין יאָר 1931 געוואָרן דער וויכטיקסטער איינוואַנדערונגס־צענטער פאַר די יידישע מאַסן פון פוילן. אין יאָר 1932 וועט דאָס זיין קענטיק נאָך אין אַ פיל גרעסערער מאָס. און דאָס אַלץ קומט פאַר נישט געקוקט אויף די שווערע באַגרעניצונגען מצדן ענגלישן אימפּעריאַליזם.

דאָס יאָר 1931 איז אין דעם פּרט נישט קיין אויסנאַם יאָר. אין יאָר 1930 האָט די רעעמיגראַציע לגבי דער עמיגראַציע אויסגעמאַכט: אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע 16 פּראָצענט, אין קאַנאַדע 11, אין אַרגענטינע 18, אין בראַזיליע 10, אין פּאַלעסטינע נישט קיין גאַנצע 8 פּראָצענט (179 לגבי 2.378).

אין די יאָרן 1925—29 האָבן אויסגעוואַנדערט פון פוילן 829.400 פּערזאָן, דערפון האָבן זיך צוריק אומגעקערט אַן ערך 61 פּראָצענט. פון די קנאַפּע 24 טויזנט יידן, וועלכע האָבן אויסגעוואַנדערט פון פוילן קיין ארץ־ישראל אין די יאָרן 1925—29 האָבן זיך אומגעקערט אַן ערך 6 טויזנט — דאָס הייסט 25 פּראָצענט. די אַלע פאַקטן האַלטן פונדעסטוועגן נישט אָפּ די קעגנער פון פּאַלעסטיניזם צו טומלען און צו רעשן וועגן „אַנטלויפן פון לאַנד", וועגן „פאַר־לאָזן עס אין בהלה" א.אַ.וו. דערביי דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז די יאָרן זענען געווען נישט נאָר אַ צייט פון שטאַרקער עליה, נאָר אויך פון אַ זייער שווערן קריזיס, ממילא איז אויך די צוריקוואַנדערונג געווען העכער פון נאָרמאַל.

מ'מוז דערביי נאָך נעמען אין אַכט, אַז אויב בנוגע אַלע אַנדערע נישט־איירָאָפּעאישע לענדער קען מען אָננעמען פאַר ריכטיק די אָפיציעלע סטאַטיסטיק פונעם עמיגראַציע־אַמט, זענען די ציפערן פון עמיגראַציע־אַמט לחלוטין נישט מאַסגעבנדיק בנוגע ארץ־ישראל. אין אַלע מעבר־לים לענדער — אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע, בראַזיליע, מעקסיקע א.אַ.וו. פאָרן עמיגראַנטן אויסשליסלעך אַלס עמיגראַנטן, די אָבער וועלכע פאָרן קיין פּאַלעסטינע זיך באַזעצן, פאָרן אָפיציעל נישט נאָר ווי עמיגראַנטן נאָר אויך אויף פאַרשידענע אופנים, אַלס טוריסטן וכדומה. עס איז, למשל, כאַראַקטעריסטיש, וואָס לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק פון עמיגראַציע־אַמט זענען אין די ערשטע דריי חדשים פון יאָר 1932 אַרויסגעפאָרן קיין ארץ־ישראל 165 מענטשן, ווען בלויז אין איין חודש מערץ זענען אַלס טוריסטן אַריינגעפאָרן אַהין מינדעסטנס טויזנט יידישע עמיגראַנטן. די אָפיציעלע סטאַטיסטיק וועט ווייטער רעגיסטרירן אַלס עמיגראַנטן בלויז די, וועלכע וועלן פאָרן אויף סערטיפיקאַטן, זי וועט אָבער נישט נעמען אין אַכט די טויזנטער און טויזנטער יידישע אַרבעטס־מענטשן, וועלכע וואַנדערן אויף פאַרשידענע אופנים אַרויס קיין פּאַלעסטינע און געפינען דאָרט זייער היים.

ארץ־ישראל באַקומט וואָס ווייטער אַן אַלץ גרעסערע באַדייטונג אַלס אײנ־וואַנדערונגס־לאַנד פאַר די געפּייניקטע און געפּלאָגטע יידישע מאַסן — דאָס זאָגט עדות די ווירקלעכקייט. קיין שום חקירות פון קעגנער פון פּאַלעסטיניזם, קיין שום דעמאַגאָגיע פון זייער זייט וועלן נישט ענדערן אַט־אָ דעם פאַקט.

„אַרבעטער־צייטונג“ נומ׳ 39, 1932.

די ראָל פון דער עמיגראַציע אין יידישן לעבן

די אומפאַראַנטוואָרטלעכע אַרויסטרעטונג פון י. גרינבוים און בפרט דער שענדלעכער עוואַקואַציע־פּלאַן פון זשאַבאָטינסקין האָבן מיט רעכט אַרויסגערופן די שטאַרקסטע עמפּערונג מצד די ברייטסטע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקע־רונג. די שאַרפע און אַנטשלאָסענע רעאַגירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען האָט זיך אַרויסגעוויזן פולשטענדיק באַרעכ־טיקט. מיט זייערע אַרויסטרעטונגען האָבן גרינבוים און זשאַבאָטינסקי געגאָסן וואַסער אויף דער מיל פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם און געגעבן די מאָראַלישע סאַנקציע דעם עוואַקואַציע־פּלאַן, מיט וועלכן די אָפיציעלע פּוילישע דעלעגאַציע איז אַרויסגעטרעטן פאַרן פאָרום פון דער פעלקער־ליגע. פּרוווט דער „בונד“ אין שייכות דערמיט, צוזאַמען מיטן פּאָליטיש־קאָמפּראָמיטירטן בר־מינן נח פּרי־לוצקי, אויסנוצן די דאָזיקע עמפּערונג פון די יידישע מאַסן, כדי צו אַנטוויקלען אַ ווילדע העצע קעגן דעם ציוניזם בכלל, כדי צו פאַרפעסטיקן זיין אַמאָליקע, דורך אים אַליין שוין פאַרוואָרפענע פּאָזיציע, וועלכע לייקנט לחלוטין די עקזיסטענץ פון אַ וואַנדערונגס־פּראָבלעם ביי די יידישע מאַסן. פּרוווט דער „בונד“, ווידעראַמאָל צוזאַמען מיט זיין געראָטענעם שותף — נח פּרילוצקי, דער וואָס איז אָקאָרשט באַכגעלאָפן דער סאַנאַציע און דער אגודה, צו קאָנסטרויִרן די אַבסורדאַלע טעזע, אַז ווער עס אָנערקענט די באַדייטונג פונעם וואַנדערונג־פּראָבלעם פון די יידישע מאַסן און בויט אויף די טעריטאָריאַליזירונג־טענדענצן, וואָס קומען צום טייל אין זיי צום אויסדרוק — שטעלן זיך אין איין לאַגער מיט די אַנטיסעמיטן אין קאַמף קעגן יידישע רעכט אין לאַנד.

ס׳איז אמת, און דאָס האָבן מיר פון אָנהייב אָן אָנגעוויזן, אַז גרינבוימס און זשאַבאָטינסקיס אַרויסטרעטונגען האָבן געמוזט שטאַרקן די פּאָזיציע פון די, וועלכע קעמפן קעגן די רעכט פון די יידישע מאַסן אין לאַנד. ס׳איז אויך פאַלש,

ווען מען וויל אַריינטייטשן אַ בייזע כוונה די וואָס שטעמפּלען די דאָזיקע אַרויס־טרעטונגען. ביי גרינבוים און זשאַבאָטינסקי איז עס געקומען נישט צופעליק נאָר אין רעזולטאַט פון זייער אינטעגראַל־עמיגראַציאָניסטישער אידעאָלאָגיע, אַז די יידישע מאַסן מחוץ ארץ־ישראל זענען פאַרמשפּט אויף עקאָנאָמישן אונ־טערגאַנג און נאַציאָנאַלער פאַרטיליקונג. באָראָכאָוו האָט נאָך מיט 25 יאָר צוריק געשריבן וועגן אָט די אינטעגראַלע עמיגראַציאָניסטן: „פיל טעריטאָריאַליסטן מיינען, אַז די עמיגראַציע איז דער איינציקער אַנטוויקלונג־פאַקטאָר אין יידישן לעבן... אַז דורך עמיגראַציע און נאָר דורך איר קענען געלייזט ווערן אַלע פראַגן, וואָס מאַטערן און פּייניקן אונדזערע מאַסן... ווען זיי טראַגן אַריבער דעמזעלבן קוק אויף דער קעגנוואַרט, באַלד ווי זיי שטרעבן צו קאָנצענטרירן די גאַנצע פאָלקס־ענערגיע אויף די פראַגן פון עמיגראַציע, באַלד ווי זיי פּרעדיקן אינדיפערענטיזם צו אַלע לעבעדיקע אינטערעסן, ווו יידן וווינען, ווערט זייער אוטאָפּיזם איינזייטיק און בפירוש שעדלעך".

קלאָר און אומצווייטייטיק!

ס'איז אוטאָפּיש און שעדלעך צו זען אין דער עמיגראַציע די איינציקע רפואה צו אַלע צרות אוןליידן פון די יידישע מאַסן. ס'איז אָבער פּונקט אַזוי שעדלעך און אומזיניק צו איגנאָרירן בכלל די עקזיסטענץ פון דער עמיגראַציע, נישט צו זען אין איר אַ מעכטיקן, ביי באַשטימטע באַדינגונגען, פאָרשריט־פאַקטאָר אין יידישן לעבן.

צי איז די עמיגראַציע אַ מעכטיקע דערשיינונג אין יידישן לעבן? גענוג אָנצווייזן, אַז אין דער לעצטער צייט איז אַ דאַנק דער וואַנדערונג געשאַפן גע־וואָרן דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט (צפון־אַמעריקע מיט 4 און אַ האַלבן מיליאָן יידן); אַז ס'זענען אַנטשטאַנען נייע וויכטיקע יידישע צענטערן, ווי אַרגענטינע א. אנד.; אין משך פון 15 יאָר האָבן קיין ארץ־ישראל איינגעוואַנ־דערט אַן ערך 300 טויזנט יידן. און אויב עס האַנדלט זיך קאָנקרעט מכוח די יידן אין פּוילן, איז זייער חלק אין דער וואַנדערונג אַ באַזונדערס גרויסער.

די עמיגראַציע האָט אַריינגעבראַכט באַדייטנדע ענדערונגען אין די באַ־שעפטיקונגען פון די יידישע מאַסן. פיל פון די איינגעוואַנדערטע, וואָס זענען געווען לופט־מענטשן ביי זיך אין דער היים, זענען אַריבערגעגאַנגען צו פּראָדוק־טיווער אַרבעט; קליינע שניידער, שוסטער און האַלץ־וואַרשטאַטלעך זענען אין צפון־אַמעריקע פאַרביטן געוואָרן אויף גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען; אין אַרגענטינע און צפון־אַמעריקע איז אַ טייל יידן, אמת אַ גאָר קליינער, אַריבער צו לאַנדווירטשאַפט. דאָס אַלץ באַדייט נאָך נישט קיין ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור, אָבער פאָרט אַ גרויסן שריט פאָרויס. אָבער אין ארץ־ישראל קומט שוין אויך פאָר אין רעזולטאַט פון דער יידישער איינוואַנדע־

רונג, דער ראַדיקאַלער איבערבוי פון יידישן מאַסן־לעבן אויף נאָרמאַלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע יסודות.

נאָר אַ קאָמפּלעטער עם־הארץ קען בכלל אָפּלייקענען די אומגעהויער־וויכטיקע עמיגראַציע־דערשיינונג אין יידישן לעבן, אָדער אפילו אָפּפרעגן איר פּאָזיטיווע באַדייטונג פאַר יידישע מאַסן.

וואַנדערונג איז נישט קיין ספּעציעל יידיש פּראָבלעם. אין די פאַרייניקטע שטאַטן זענען פאַראַן נישט נאָר 4 און אַ האַלבער מיליאָן יידן, נאָר אויך 3 מיליאָן פּאָליאַקן, חוץ דעם מיליאָנען איינגעוואַנדערטע דייטשן, איטאַליענער, אירלענדער א.א., אַזוי אויך אין אַנדערע לענדער. ביי די יידישע מאַסן רוקט זיך אָבער דאָס וואַנדערונגס־פּראָבלעם אַרויס אויף אַ באַזונדערס־וויכטיקן פּלאַץ, חוץ די אַלגעמיינע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיבות, וועלכע פאַרשאַרפן די דאָזיקע דערשיינונגען, און דאָס איז די אומגעזונטע עקאָנאָמישע סטרוקטור פון יידישן לעבן און די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ, וועלכע קומט צום אויסדרוק אין דער עקאָנאָמישער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק און רעכטלאָזיקייט, אין אַנטיסעמיטישער העצע און עקסצעסן.

אַט־אָ די דערשיינונגען האָבן נאָך פאַר דער גרויסער וועלט־מלחמה גורם געווען צו פאַרשאַרפן די פראַגע פון יידישער וואַנדערונג און אַרויסגערוקט זי אַלס איינעם פון די הויפּט־פאַקטאָרן אין יידישן לעבן. אויסערגעוויינלעך פאַרשאַרפט האָבן זיך די דאָזיקע דערשיינונגען אין דער איצטיקער תקופה — אין דער תקופה פון צעפאַלונג פונעם קאַפּיטאַליזם, באַזונדערס אָבער אין דער צייט פונעם שאַרפן קריזיס. זעלטן ווען האָט די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ אָנגענומען אַזעלכע באַרבאַרישע פאָרמען, ווי איצט. זעלטן ווען האָבן די יידישע מאַסן געהאַט אויסצושטיין אַזעלכע רדיפות. די אַזוי אויך שוואַכע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די יידישע מאַסן טרייסלען זיך אין זייערע יסודות. ווער ס׳זעט דאָס נישט, דער איז מיט בלינדקייט געשלאָגן. און פונקט אַזוי בלינד איז מען, ווען מ׳זעט נישט, אַז די דאָזיקע טראַגיש־פאַרשאַרפטע פּראָצעסן אין יידישן לעבן, מוזן אַרויסרופן פאַרשטאַרקטע עמיגראַציע־טענדענצן און וואַנדערונגס־נויט.

דאָס וואַנדערונגס־פּראָבלעם עקזיסטירט נישט נאָר פאַר די יידישע מאַסן, נאָר פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג אין פוילן. אין נויט און הונגער לעבן נישט נאָר די יידישע מאַסן נאָר אויך מיליאָנען פוילישע און אוקראַאינישע פויערים, אויך זיי זענען גרייט אויסצוּוואַנדערן. דערפאַר איז טאַקע אַן אומזין צו פאַרלייקענען בכלל די עקזיסטענץ פון אַזאַ פּראָבלעם, און דער אומזין ווערט געשטאַרקט, ווען מ׳פּרוּווט עס פאַרלייקענען, ספּעציעל ביי דער יידישער מאַסע, ווייל דאָ ווירקן נאָך גאַנץ באַזונדער, ספּעציפישע סיבות, וועלכע פאַרשאַפן דאָס וואַנדערונגס־פּראָבלעם.

דער „בונד" פּרוּווט אויף אַ דעמאַגאָגישן אופן ארגומענטירן: אויב עמי־

צער שטעלט פּעסט די גויטוועגדיקייט פון אויסוואַנדערן, דאָקומענטירט ער אויך דערמיט, אַז יעדנפאַלס אַ טייל יידן אין לאַנד זענען איבעריק און גיט דערמיט אַן אַרגומענט אין די הענט די אַנטיסעמיטן. ווילן מיר די זאַך אוועקשטעלן קלאָר און אָפן: יאָ, מיר האַלטן טאַקע, אַז ביי די איצטיקע פאַרהעלטענישן פון קריזיס

אָטוואָצק 1934, פון לינקס: לעוו, זרבבל, גרשוני.

פון קאַפּיטאַליזם, ביי די באַזונדערע באַדינגונגען פון דער אַנטוויקלונג פון קריזיס אין פוילן — איז אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אַרויסגעשטויסן געוואָרן פונעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, דאָס הייסט, אַז ער איז געוואָרן איבעריק, פונקט ווי אויך באַדייטנדיקע טיילן פון דער פוילישער באַפעלקערונג זענען געטראָפן געוואָרן פון דעם זעלבן גורל.

פאַראַן אָבער אַ חילוק צווישן דער לאַגע פון דער יידישער און נישט־יידישער באַפעלקערונג. פאַראַן מיליאָנען הונגעריקע (לויטן קאַפּיטאַליסטישן לעקסיקאָן) איבעריקע פויערים, אָבער די לאַנדווירטשאַפט — זייער באַשעפטיקונג — איז נישט געוואָרן איבעריק. דערפאַר אָבער זענען יידישע באַשעפטיקונגען, דער עיקר אין האַנדל — געוואָרן טיילווייז איבעריק אין רעזולטאַט פון דער אַנט־וויקלונג פון די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין לאַנד. ס׳איז אַ פּראָצעס וואָס קומט פאַר לאַנגזאַם אָבער אומאָפּהענגיק פון דער איינשרומפונג פון דער עקאָנאָמישער טעטיקייט, אַלס רעזולטאַט פון קריזיס, אומאָפּהענגיק אויך פון דער עקאָנאָמישער עקסטערמינאַציע, וואָס איז געווענדט קעגן דער יידישער באַפעל־קערונג און פאַרוואַנדלט די סיי ווי שווערע לאַגע פון די יידישע מאַסן אין אַ מצב פון קאַטאַסטראָפע.

שטעלט מען אַוועק דאָס פּראָבלעם אַבסטראַקט: צי קען בכלל אַ מענטש, וועלכער וויל און איז פעיק צו אַרבעטן, זיין איבעריק פאַר דער געזעלשאַפט, פאַר דעם לאַנד, וווּ ער וווינט — מוז מען ענטפערן: ניין! אין דער קומענדיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט יעדער מענטש געפינען זיין פּלאַץ און זיין נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט, קיינער וועט דאַן נישט זיין איבעריק! מיר לעבן אָבער אין די קאָנקרעטע פאַרהעלטענישן פון קאַפּיטאַליזם און איצט, אין דער תקופה פון זיין צעפאַלונג און ירידה. קען מען דען לייקענען, אַז די איצטיקע אומזיניקע ווירטשאַפט־פאַרהעלטענישן האָבן ריזיקע מחנות געזונטע און אַר־בעטס־פעיקע מענטשן געמאַכט פאַר איבעריק? ס׳איז דעריבער אַן אומזין זיך צו שרעקן פאַרן וואָרט איבעריקע און מען טאָר אויך דעם דאָזיקן טראַגישן פּראָ־צעס נישט פאַרהוילן, ווייל דערמיט פאַרהוילט מען איינע פון די גרעסטע פּלאָגן פון קאַפּיטאַליזם, וואָס טרעט באַזונדערס בולט אַרויס אין דער היינטיקער צייט.

מען מוז אויך אַרויסציען די קאָנסעקווענצן פון די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון דער איצטיקער עפּאָכע. מיר לעבן אין דער תקופה פון קריזיס פון קאַפּיטאַ־ליזם, פון שטענדיקע אויפטרייסלונגען, ווו פולע נאָרמאַליזירונג אָדער אויפשטייג פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן איז אומדענקבאַר. אויפן יידישן מאַסן־לעבן מוזן די דאָזיקע צעפאַלונגס־טענדענצן זיך באַזונדער פאַטאַל אָפּרופן. ס׳איז דערפאַר קלאָר, אַז די עמיגראַציע־נויט וועט נישט שוואַכער נאָר נאָך שטאַרקער ווערן. ווער עס איגנאָרירט דאָס — דער פאַרזעט איינע פון עיקר־דיקסטע דערשיינונגען אין יידישן לעבן און באַגייט דערמיט אַ פאַרברעך לגבי די לעבנס־אינטערעסן פון די יידישע מאַסן.

די אַנטיסעמיטן נוצן אויס די וואַנדערונגס־נויט פון די יידישע מאַסן אַלס אַרגומענט אין זייער קאַמף פאַר אַנטרעכטן די יידישע באַפעלקערונג. ריכטיק! אָבער צי איז דאָס דער איינציקער אַרגומענט, וואָס די אַנטיסעמיטן און פאַשיסטן



קאָנפערענץ פון אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון אין פּוילן, 1923 ;
צווישן אַנדערע געפינען זיך אין דער ערשטער שורה פון רעכטס : ה. זעמעלמאַן (4), רויזמאַן־האלענטשיק (5), ש. זאַגאַן (6), מוליע (7) ; צווייטע שורה : וואסער (2), פריינד (3), לעוו (4), האַלענדערסקי (5) ; דריטע שורה : באָרקאָווסקי (2) ; פערטע שורה : פעטערזייל (2).

באַנוצן אויף אַ שענדלעכן און דעמאַגאָגישן אופן פאַר זייער פאַרברעכערישער אַגיטאַציע? אַט האָט אין דייטשלאַנד קיין וואַנדער־פּראָבלעם ביי דער יידישער באַפעלקערונג נישט עקזיסטירט פאַר דער היטלער־איבערקערעניש, — האָט עס דעם פאַשיזם געשטערט צו אַנטוויקלען אַ יידן־פרעסערישע וואַקכאַנאַליע? אַט ווערט דורך דער רעאַקציע, פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם אין פוילן הויפּטוויז באַנוצט דער אַרגומענט, אַז די יידישע באַפעלקערונג שטעלט צו דעם הויפּט־קאַדער פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און מען מאַכט דערפון דעם אויספיר, אַז מ׳דאַרף די יידן פאַרטרייבן פון פוילן, כדי פטור צו ווערן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ווען עס אַ פּאָליטישער בר־דעת נעמען ערנסט און ווען ער דערפון מאַכן דעם אויספיר, אַז יידן דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון סאָציאַליסטישן קאַמף, אים אויסמיידן ווי אַ מגפה, פונקט ווי דער „בונד” מאַכט אין ענלעכע באַדינגונגען דעם אויספיר בנוגע דער עמיגראַציע?

פאַרן פאַשיזם איז דער יידישער אַרגומענט אויסערגעוויינלעך באַקוועם אַלס קאַמף־מיטל פאַר דער פאַרפינצטערונג פון די מאַסן און דער רעאַליזירונג פון זיינע צילן — אין אַ גרויסער מאָס טאַקע צוליב דער באַזונדערער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג, צוליב איר אומגעהויער הויכן אַנטייל אין האַנדל, צוליב דער עקזיסטירנדיקער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ — דאָס אַלץ פאַרלייכטערט דעם פאַשיזם אויסצונוצן דעם יידישן אַרגומענט.

די יידישע פראַגע בילדעט דעם אָביעקט פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַר־אינטערעסירונג אין רעזולטאַט פון די שוידערלעכע יידן־רדיפות אין דייטשלאַנד, פון דער אויסגעוואַקסענער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אין אַ ריי לענדער און פון דעם אַלץ קלאָרער זיך אַנצייכענענדיקן טעריטאָריאַליזירונג־פּראָצעס אין ארץ־ישראל. דערפאַר איז אויך דער פוילישער פאַרטרעטערשאַפט אין דער פעלקער־ליגע באַקוועמער געווען צו מאַניפּולירן מיטן יידישן אַרגומענט ביי דער שטרע־בונג צו אַלגעמיין־פּאָליטישע צילן — צו דעראָבערן קאָלאָניעס.

אויב אָבער די פוילישע פאַרטרעטערשאַפט האָט אין גענף געקענט קו־מען מיט אַ פּלאַן פון אַ גירוש, פון עוואַקואירן אַ טייל פון דער יידישער באַפעל־קערונג, איז עס דער פאַרדינסט פון זשאַבאָטינסקין, וועלכער האָט מיט זיין עוואַקואַציע־פּלאַן צוגעגרייט דעם באָדן פון די ה״ה ראַזאַ און קאָמאַרניצקי.

מיר פאַראורטיילן שאַרף די אַרויסטרעטונגען פון גרינבוים און זשאַבאָ־טינסקי, וועלכע ליפערן שטאָף דעם אַנטיסעמיטיזם אין זיין קאַמף קעגן די יידי־שע רעכט. אָבער מיר זעען אויך דעם אומזין פונעם אַרגומענט פון פרילוצקי־ערליך, אַז דער פאַקט פון עמיגראַציע בילדעט אַזאַ מין געווער אין די הענט פון אַנטיסעמיטיזם. דאָס הייסט זיין פונקט אַזוי דעמאַגאָגיש און באַגיין דעם זעלבן פּאָליטישן שווינדל, ווי דער „וואַרשאַווסקי דזשיעננִיק” נאַראָדאָווי”, צי „טשאַס”. די אויסוואַנדערונג פאַרלייכטערט די לאַגע פון דער איבערגעבליבענער

יידישער באַפעלקערונג, און די שטאַרקע עקאָנאָמיש־פּאָליטישע פּאָזיציע, וועלכע די יידישע מאַסן שאַפן זיך אין פּאַלעסטינע, העלפט אויך בפירוש דער פּאָליטישער באַפעסטיקונג פון די יידישע מאַסן אין פוילן און פאַרלייכטערט זיי דעם קאַמף פאַר זייערע רעכט. נישט אומזיסט האָבן די אַנטיסעמיטן און פאַשיסטן אין דער גאַנצער וועלט זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צום אַנטי־יידישן קאַמף פון דער אַראַבישער פעאָדאַל־רעאַקציאָנערער באַוועגונג אין פּאַלעסטינע און פלעגן מיט טריומף פּראָקלאַמירן: אַט קומט שוין דער סוף צו די האָפענונגען פון די יידישע מאַסן אויך בנוגע ארץ־ישראל. און אונדזערע היימישע ענדעקעס פלעגן דאָך כסדר אויסנוצן די געשעענישן אין פּאַלעסטינע פאַר זייערע אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען דאָ אין פוילן. אַט אַזוי זעט מען, ווי ס׳בינדט זיך אָרגאַניש צונויף דער דאָ און דער דאָרט, ווי זיי באַווירקן זיך קעגנזייטיק, פּונקט, ווי די לאַגע פון די יידישע מאַסן ווערט אויך באַווירקט פונעם אַלגעמיינעם באַפרייאונגס־קאַמף אין די לענדער, ווו מיר וווינען און אין דער וועלט.

מיר שטרעבן צו פאַרענטפערן אַלע נויטן פון דער יידישער אַרבעטנדיקער מאַסע, אָרגאַניזירן זי אומעטום, ווו זי וווינט, פאַרפעסטיקן איר פּאָזיציע אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, קעמפן איבעראַל פאַר אירע רעכט צו לעבן, צו עקזיסטירן און זיך צו אַנטוויקלען. דערפאַר טרעטן מיר אַרויס מיט דער גרעסטער אַנטשידנקייט קעגן די אינטעגראַלע עמיגראַציאָניסטן, פאַר וועלכע עמיגראַציע איז די איינציקע פּערספּעקטיוו פאַר די יידישע מאַסן, און זיי איגנאָרירן דערפאַר זייער קאַמף פאַר מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט דאָרט ווו זיי וווינען. דערפאַר שטעמפּלען מיר ווי אַ פאַרברעך די אַרויסטרעטונג פון אַ גרינבוים און די שענדלעכע עוואַקואַציע־פּלענער פון אַ זשאַבאָטינסקי. אָבער טאַקע דערפאַר, ווייל מיר שטרעבן צו פאַרענטפערן אַלע נויטן פון די יידישע מאַסן, ווייל מיר פירן דעם פאַרביטערטן קאַמף פאַר זייער רעכט, מוזן מיר אַנטשידן אַרויסטרעטן קעגן די פּרווון פון דער אַנטי־עמיגראַציאָניסטישער פאָלקיסטישבונדיסטישער קאָאַליציע צו איגנאָרירן די דערשיינונג פון וואַנדערונג, וועלכע שטעלט מיט זיך פאַר אַ פאַקטאָר פון פאַרשריט אין יידישן לעבן און טראָגט אויך אין זיך קערנדלעך פון געזונט־ווערן און נאָרמאַליזירונג פון יידישן לעבן — דורך דעם טעריטאָריאַליזירונג־פּראָצעס אין ארץ־ישראל.

„אַרבעטער־צייטונג״ נומ׳ 19, 23 אָקטאָבער 1936.

בונדישע סטאַטיסטיק

בונדישע פּובליציסטן (פּראָפ׳ הערש און וויקטאָר אלטער) האָבן לעצטנס געפּרוווט דערווייזן, אַז ס׳איז פון גרונט אויס פאַלש די באַהויפּטונג, אַז די עקאָנאָמישע באַזע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן און איר סאָציאַלע סטרוקטור זאָלן זיך האָבן פאַרערגערט. סיי אַלטער, סיי הערש באַהויפּטן, אַז די יידישע באַפעלקערונג גיט זיך אַן עצה אין דעם שווערן קאַמף, וואָס זי האָט אויסצושטיין, דערמיט וואָס „אין איר סטיכישן ווירטשאַפטלעכן זעלבסטשוץ, ווייזט זי אַרויס די טענדענץ זיך צו קאָנצענטרירן אין אַלץ גרעסערע מאַסן אין די גרעסערע שטעט", און אַז גלייכצייטיק קומט פאָר „די סטיכישע פּראָפּעסיאָנעלע איבערשיכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן" צו פּראָדוקטיוויזירונג און פּראָלעטאַריזירונג.

אויפן יסוד פון די פאַרעפנטלעכטע רעזולטאַטן פון דער פאָלקס־ציילונג פון יאָר 1931 בנוגע דער שטאָט וואַרשע, האָט וו. אַלטער געמאַכט די ווייטערדיקע אויספירן: 1) „יידן זענען דער פּראָדוקטיווסטער טייל פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג", 2) „אין פאַרלויף פון די 10 יאָר (1931 — 1921) איז פאָרגעקומען אַ באַדייטנדיקע ווירטשאַפטלעכע איבערשיכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע". דערביי האָלט ער, אַז די דאָזיקע טענדענץ, וואָס עס ווייזט אַרויס, לויט זיין מיינונג, די יידישע באַפעלקערונג אין וואַרשע, קאָן מען פאַראַלגעמיינערן אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַנצן לאַנד.

ס׳איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די אַלע אויסרעכענונגען און באַהויפּטונגען זענען געמאַכט געוואָרן מיט איין איינציקן צוועק — צו דערווייזן, אין קעגנזאַץ צו דער טענה פון פּועלי־ציון, אַז די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אַ געזונטע און אַז די עמיגראַציע שפּילט נישט אין יידישן לעבן קיין באַזונדערע ראָל, ווייל דאָ אויפן אָרט קומט פאָר די „פּראָדוקטיוויזירונג און פּראָלעטאַריזירונג פון די יידישע מאַסן" און די איבעריק געוואָרענע פון די שטעטלעך ווערן אַבסאָרבירט פון די גרעסערע שטעט.

אַזוי ווי די רעזולטאַטן פון דער פאָלקס־ציילונג פון יאָר 1931 ווערן ערשט ביסלעכווייז פאַרעפנטלעכט, איז נאָך נישט מעגלעך צו אָפּערירן מיטן גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס די פאָלקס־ציילונג האָט געגעבן. אָבער אויך די טיילווייזע פּובליקאַציעס מאַכן מעגלעך צו דערווייזן ווי פאַלש די באַהויפּטונגען פון די בונדישע פּובליציסטן זענען.

צי קומט פאָר ביי דער יידישער באַפעלקערונג די „טענדענץ זיך צו קאָנצענטרירן אין אַלץ גרעסערע מאַסן אין די גרעסערע שטעט"? יאָ, זי קומט פאָר. אָבער דאָס איז אַן אַלגעמיינע טענדענץ אין לאַנד. אלא וואָס? ביי דער יידישער

אַפּריל 1925, צווייטער צוזאַמענפאָר פון די יידיש־וועלטלעכע שולן („ציש"א") אין פוילן;
אויף דער לינקער זייט די פועלי־ציון־פראַקציע. עס זיצן: 1־טע רייע — ל'עוו, 2־טע רייע פון רעכטס — יוסף ראָזען.
4־טע רייע פון רעכטס — ש. ראָזענבערג, א. שעניצקי, ח. גוטמאַן—ראָזענבערג, א. שייקאָ; 5־טע רייע פון רעכטס — יהודית טאפּטשא.

באַפעלקערונג קומט זי פאַר אין אַ שוואַכערן טעמפּאָ, ווי אין לאַנד בכלל. נעמען מיר אַלס ביישפּיל די זיבן גרעסטע שטעט אין פוילן: וואַרשע, לאָדזש, לעמבערג, פּויזן, קראָקע, ווילנע און קאַטאָוויץ. אין די אַלע שטעט האָט די אַלגעמיינע באַפעלקערונגס־צאָל אויסגעמאַכט אין יאָר 1921 2 מיליאָן 136 טויזנט, דערפון יידן 640 טויזנט ד. ה. 30 פּראָצענט. אין יאָר 1931 האָט די צאָל איינוווינער אין די זיבן שטעט באַטראָפן 2 מיליאָן 876 טויזנט, דערפון יידן 774 — 27 פּראָצענט. דער אַנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די גרעסערע שטעט אין פוילן, זעט מען, איז נישט געוואַקסן, נאָר געפאַלן!

די דאָזיקע טענדענץ ווייזט זיך אַרויס אין אַלע גרויסע שטעט צוזאַמען און אין יעדער באַזונדער. אין וואַרשע, למשל, איז דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג געפאַלן פון 38 אין יאָר 1921 אויף 30 אין יאָר 1931; אין לאָדזש — פון 34 אויף 33, אין לעמבערג פון 35 אויף 32; אין פּויזן איז די צאָל יידן געפאַלן נישט נאָר פאַרהעלטענישמעסיק, נאָר אויך אַבסאָלוט. פון די אויסגערעכנטע שטעט האָט די יידישע באַפעלקערונג באַוויזן איינצוהאַלטן איר פאַרהעלטעניש בלויז אין קראָקע.

ווי מיר זעען, איז טאַקע פאָרגעקומען אין משך פון די 10 יאָר 1921 — 1931 אַן אַבסאָלוטער וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די גרעסערע שטעט. אָבער דער דאָזיקער וווּקס האָט נישט דעריאָגט דעם וווּקס פון די שטעט בכלל און אין רעזולטאַט איז דער אַנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די גרעסטע שטעט — געפאַלן. איבעריקנס מערקט זיך די דאָזיקע טענדענץ נישט נאָר אין די גרעסערע שטעט, נאָר אין גאַנץ פוילן. אַזוי האָט דער פּראָצענט יידן אין די שטעט אין יאָר 1921 אויסגעמאַכט 10,9 און אין יאָר 1931 קוים 9,8. די ירידה־טענדענץ איז, ווי מען זעט, אַן אַלגעמיינע.

ל. הערש האָט אין אַן אַרטיקל אין דער „פאָלקסצייטונג" געפּרוּווט אויפקלערן דעם דאָזיקן פאַקט דערמיט, וואָס דער נאַטירלעכער צוּוווּקס איז ביי דער יידישער באַפעלקערונג קלענער ווי ביי דער נישט־יידישער, ווייל יידן שטייען אויף אַ העכערער קולטורעלער און עקאָנאָמישער מדרגה. אָבער גראָד אין ארץ־ישראל, ווו דער לעבנס־שטייגער פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אָן שום ספק אַ העכערער, איידער ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן, איז דער נאַטירלעכער צוּוווּקס מער ווי אויף טאָפּלט גרעסער, איידער ביי די פוילישע יידן. דאָס באַווייזט, אַז די סיבה פון דער ירידה־טענדענץ, וואָס עס ווייזט אַרויס די יידישע באַפעלקערונג אין פוילן, דאַרף מען זוכן נישט אין דער „העכערער קולטורעלער און עקאָנאָמישער מדרגה", נאָר אין דער שווערער סיטואַציע פון די יידישע מאַסן, וואָס האָט פון איין זייט געבראַנגט צו דער פאַרקלענערונג פונעם נאַטירלעכן צוּוווּקס, פון דער צווייטער זייט צום דראַנג צו עמיגרירן, וואָס האָט

ביי דער יידישער באַפעלקערונג אָנגענומען פיל ברייטערע פאָרמען, איידער ביי דער נישט־יידישער.

באַהאַנדלענדיק דאָס פּראָבלעם פון פאַרשטאַרקטן עקאָנאָמישן קאַמף קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין דאָרף און שטעטל, מאַכט וו. אַלטער אַזאַ אויס־פיר: „די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן ציט זיך צוריק פון אירע ווירטשאַפט־לעכע פאַרבינדונגען מיט די לאַנדווירטשאַפטלעכע געביטן און פאַרשטאַרקט אירע פאַרבינדונגען מיט די אינדוסטריעלע צענטערן".

פון דער דאָזיקער פאָרמולירונג פון וו. אַלטער קען מען דרינגען, אַז „די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן ציט זיך צוריק פון אירע ווירטשאַפטלעכע פאַר־בינדונגען מיט די לאַנדווירטשאַפטלעכע געביטן" פון איר אייגענעם ווילן, ווייל ס'לוינט איר בעסער צו פאַרשטאַרקן „אירע פאַרבינדונגען מיט די אינדוסטריעלע צענטערן". אָבער הינטער דעם וואָס אַלטער רופט אָן אַזוי דעליקאַט דאָס „צוריק־ציען זיך פון די ווירטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען מיט די לאַנדווירטשאַפטלעכע געביטן", ליגט באַהאַלטן די שוידערלעכע טראַגעדיע פון אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן, וואָס איז קאָנצענטרירט אין די שטעטלעך און האָט ביז איצט געלעבט דער עיקר פונעם דאָרף. דער דאָזיקער גאַנץ היפּשער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן לעבט אין די שוידערלעכסטע פאַרהעלטענישן און וועגעטירט אין בוכשטעבלעכן זין פונעם וואָרט.

אין לעצטן נומער פונעם זשורנאַל „די יידישע עקאָנאָמיק", אַרויסגעגעבן דורך ייוו"אָ, זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן רעזולטאַטן פון אַן אויספאָרשונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַ ריי שטעטלעך פון ביאַליסטאָקער ראַיאָן; און דאָרט ווייזט זיך אַרויס אַ קאַטאַסטראָפאַלע ירידה פון יידישן האַנדל און אַ באַדייטנדער אויפשטייג פון נישט־יידישן. דער דאָזיקער פּראָצעס ווייזט זיך אַרויס באַזונדערס בולט אין דער לעצטער צייט פון פאַרשטאַרקטן באָיקאָט און טעראָר־אַקטן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. אָבער די זעלבע אויספאָרשונג באַווייזט, אַז דער דאָזיקער ירידה־פּראָצעס פונעם יידישן האַנדל איז פאָרגעקו־מען אויך די פריערדיקע יאָרן, הגם אין אַ פיל לאַנגזאַמערן טעמפּאָ. דאָ קומט פון איין זייט צום אויסדרוק דער נאַטירלעכער און אין תוך פּראָגרעסיווער דראַנג פונעם דאָרף צו זעלבסט־טעטיקייט און זעלבסט־אָרגאַניזירונג אויך אויפן עקאָנאָ־מישן געביט, וואָס דריקט זיך אויס, צווישן אַנדערע, אין אויפשטעלן פאַרקויף־און איינקויף־קאָאָפּעראַטיוון און פירט צו דער כסדרדיקער אָפּשוואַכונג פון דער עקאָנאָמישער באַזע פון יידישן שטעטל, וואָס שטיצט זיך דער עיקר אויפן דאָרף. פון דער צווייטער זייט מערקט זיך ביי דער פּוילישער באַפעלקערונג די טענדענץ צו אורבאַניזירונג, וואָס נעמט ביי געוויסע שיכטן אָן די פאָרם פון שטרעבן צום האַנדל, אינדוסטריע און מלאכה. אין די ערשטע יאָרן נאָכן סוף פון דער מלחמה איז דער דאָזיקער פּראָצעס נישט געווען אַזוי קענטיק מחמת

דעם, וואָס דער ניי־געשאַפּענער מלוכה־אַפּאַראַט האָט אבסאָרבירט גרויסע טיילן פון די דאָזיקע פוילישע שיכטן. שפּעטער זענען געקומען יאָרן פון עקאָנאָמישן פונאַנדערבוי און די צייט פון גוטער ווירטשאַפטלעכער קאָניונקטור. אָבער אין די יאָרן פון קריזיס איז דער אָנגריף אויפן האַנדל און מלאכה, די צווייגן, וואָס בילדן די זיילן פון דער יידישער עקזיסטענץ אין פוילן, מצד טיילן פון דער פוילישער באַפעלקערונג אַלץ שטאַרקער געוואָרן, וואָס מער ס׳האָט זיך געלאָזט פילן די ווירקונג פון קריזיס.

אָט־אָ די דאָזיקע צוויי טענדענצן, וואָס איינע פון זיי איז אַ נאַטירלעכע און אומפאַרמיידלעכע, די צווייטע, ווידער, אַנטוויקלט זיך אין שויס פונעם קריזיס — צילן אין די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די יידשע מאַסן, שוואַכן זיי אָפּ און ווייזן אַרויס די אָממיינסטן פאַטאַלע ווירקונג אויפן שוואַכסטן און אָמווייניקסטן ווידער־שטאַנדפעיקן אָפּשניט פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן — דאָס יידישע שטעטל.

וו. אלטער, וואָס גיט אזא הויך־דיפּלאָמאַטישע באַצייכענונג פאַר דעם דאָזיקן שווערן און אָנגעוויטיקטן פּראָצעס, טרייסט זיך מיט חלשות־טראָפּנס, אז „אין דער זעלבער צייט קומט פאַר אַ געוויסע איבערוואַנדערונג פון יידן אין די מערב־טיילן פון פוילן" — דאָס זאָל זיין די רעקאָמפּענסאַטע פאַרן אַרויסשטוי־סונגס־פּראָצעס אינעם שטעטל. וואָס־זשע ווייזט זיך אַרויס? אַז אין פּויזנער וואָיעוואָדזטווע איז דער פּראָצענט יידן געפאַלן פון 5,0 אין 1921 אויף 3,0 אין 1931; אַז אין פּאָמאָזשער וואָיעוואָדזטווע איז דאָס פּאַרהעלטעניש פון יידן אין 1921 און 1931 אומגעענדערט — 3,0 פּראָצענט; און אין שלעזיע איז דער פּראָצענט יידן געפאַלן פון 5 פּראָצענט אויף 1,5! אָט אַזוי זעען אויס די כלומרשטע געווינסן פון וו. אַלטער.

יעדנפאַלס איז פשוט לעכערלעך זיך צו טרייסטן מיט געווינסן צוליב דער „געוויסער איבערוואַנדערונג פון די יידן אין די מערב־טיילן פון פוילן", לגבי דעם קאָלאָסאַלן שאָדן וואָס עס ברענגט דער אונטערגאַנג פון יידישן שטעטל. די דיספּראָפּאָרץ איז אַזוי שרייענדיק, אַז זי רייסט ממש די אויגן.

און איצט וועגן די רעזולטאַטן פון דער פאָלקסציילונג בנוגע דער שטאָט וואַרשע, אויף וועלכע וו. אַלטער בויט דער עיקר זיינע באַהויפּטונגען וועגן דער באַדייטנדער ווירטשאַפטלעכער איבערשיכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, נישט נאָר אין וואַרשע נאָר אין גאַנץ פוילן.

— וואָס ווייזן אונדז די רעזולטאַטן פון די צוויי לעצטע פאָלקסציילונגען — 1921 און 1931 — בנוגע דער וואַרשעווער באַפעלקערונג?

אין יאָר 1921 האָבן אין וואַרשע געלעבט פון באַשעפטיקונג אין דער אינדוסטריע: יידן 115.707, נישט־יידן 206.731; אין יאָר 1931 — יידן — 162.206, נישט־יידן — 337.312. ווי מען זעט, האָט דער וווקס ביי יידן באַטראָפן 40 פּראָצענט, אָבער ביי נישט־יידן — 63 פּראָצענט. דאָס הייסט, אַז די צאָל פון

די, וועלכע לעבן פון באַשעפטיקונג אין דער אינדוסטריע איז ביי נישט־יידן געוואקסן 50 פּראָצענט שנעלער, ווי ביי יידן. נאָך ערגער וועט זיך אַרויסווייזן דאָס פאַרהעלטעניש ביי די באַשעפטיקטע אין דער אינדוסטריע, ווייל ביי דער יידישער באַפעלקערונג איז דאָס פאַרהעלטעניש פון פּערסאָנעל־אַקטיווע קלענער, ווי ביי דער נישט־יידישער.

אין יאָר 1921 האָבן יידן אויסגעמאַכט 35,9 פּראָצענט פון אַלע די אין וואַרשע, וואָס לעבן פון דער אינדוסטריע. אין יאָר 1931 איז דער דאָזיקער פּראָצענט געפאַלן ביז 33,8. אין יאָר 1921 האָבן יידן אויסגעמאַכט 59,9 פּראָצענט פון אַלע, וואָס דערנערן זיך פון האַנדל, אין יאָר 1931 — 51,4 פּראָצענט, הייסט דאָס, דער אַנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געפאַלן סיי אין דער אינדוסטריע סיי אין האַנדל. אין האַנדל מערער — ווייל דאָ האָט דער עקסטערמינאַציע־קאַמף געווירקט שטאַרקער. דערביי דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז זינט 1931 זענען אין די פאַרהעלטענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג פאָרגעקומען באַדייטנדע ענדערונגען. און נישט צום בעסערן נאָר צום ערגערן. קיינער וועט נישט צווייפלען דעריך, אַז אין יאָר 1937 זענען די דאָזיקע פאַרהעלטענישן באַדייטנד ערגער ווי אין יאָר 1931.

ביי וו. אַלטערן איז די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג, בפרט אין וואַרשע, שוין אינגאַנצן, אָדער כמעט, אַ נאָרמאַלע. אָבער אָט ווייזט אונדז די פאָלקסציילונג פון יאָר 1931, אַז אין די גרעסערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (פון דער ערשטער ביז דער דריטער קאַטעגאָריע) זענען יידן געווען באַשעפטיקט 3 פּראָצענט, אין די מיטעלע (6־טע 7־טע קאַטעגאָריע) — 14 פּראָצענט. אין די קלענסטע, אָבער, (8־טע קאַטעגאָריע) גאַנצע 33 פּראָצענט, און צווישן כאַלופּניקעס שוין 61 פּראָצענט! אָט אַזוי באַשטעטיקט די אָפיציעלע סטאַטיסטיק, אַז די סאָציאַלע סטרוקטור פון די יידישע מאַסן האָט זיך לחלוטין נישט געביטן צום בעסערן. אַזוי ווי פריער, זענען יידן כמעט אינגאַנצן באַשעפטיקט אין דער קליין־פּראָדוקציע, אין די ראַנד־צווייגן פון דער אינדוסטריע, אין אירע שוואַכסטע געביטן.

ווי זעט עס אויס מיטן פּראָלעטאַריזירונגס־פּראָצעס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע, וואָס לויט וו. אַלטערן קומט ער גראָד פאָר אין אַ גאַנץ באַדייטנדער מאָס? דערויף ווייזן די פאַרהעלטענישן אין האַנטווערק, וואָס זענען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אַמיינסטן כאַראַקטעריסטיש. די צאָל זעלבשטענדיקע אין דער מלאכה האָט באַטראָפן:

		יידן	ניט־יידן	% פון יידן
אין יאָר	1921	16.243	19.836	45
	1931	29.348	33.088	47

אַט אַזוי ווערט ליקווידירט די ווייטערדיקע באַהויפּטונג פון וו. אַלטערן מכּוח דעם פּראָלעטאַריזירונגס־פּראָצעס.

אַזוי זעען אויס אין ליכט פון ציפערן די טעאָריעס און באַהויפּטונגען וואָס ווערן פּרעפּאַרירט פון די בונדישע פּובליציסטן, כּדי צו באַקעמפן דעם ציוניזם. ד׳ערבײַ איז קלאָר, אַז די סיטואַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג איצט, אין יאָר 1937, איז פיל טרויעריקער, ווי אין יאָר 1931, און אַז די אומנאָרמאַלע אײַנגנשאַפטן אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג טרעטן איצט אַרויס נאָך בולטער און שאַרפער.

„אַרבעטער־צײַטונג" נומ׳ 33, 13 אויגוסט 1937.

דאָס אַגראַר־פּראָבלעם און... די יידן

1

מיר האָבן פעסטגעשטעלט אין פריערדיקן נומער *), אַז די סטרוקטור פון דער פּוילישער אַגראַר־ווירטשאַפט איז אַן אומנאָרמאַלע און אַז די אומנאָרמאַל־קייט נעמט זיך פון דער ריזיקער, איבערוועגנדיקער צאָל קליינינקע צווערג־ווירטשאַפטן, וואָס זענען נישט אימשטאַנד צו דערנערן זייערע אייגנטימער; אַז דער פּראָצעס פון צעברעקלונג פון די קליינע פּויערישע ווירטשאַפטן קומט פאָר כּסדר, נישט געקוקט אויף דער פּאַרצעלאַציע־אַקציע, וואָס עס פירט דורך דאָס מיניסטעריום פאַר לאַנדווירטשאַפט און אַגראַר־רעפאָרם, און זי ווייזט זיך אַרויס אַלס ווייט נישט גענוג. ווען פון 55,2% באַדן מוזן זיך דערנערן 23 מיליאָן פּויערן, ווען די איבעריקע 44,8 געהערן צו 200.000 מענטשן, באַדט זיך ממילא דאָס פּוילישע דאָרף אין נויט און הונגער, ס׳אַנטשטייט אַ ריזיקע „איבער־באַפעלקערונג", און די דאַזיקע לאַגע שלאָגט זיך אָפּ פאַטאַל אויף אַלע געביטן פונעם לעבן אין לאַנד. גלײַכצײַטיק האָבן מיר באַוויזן, ווי די פּריצים און זייערע קאַפּיטאַליסטישע פאַרבינדעטע, באַמיענדיק זיך אָפּצוווענדן די פּויערן־מאַסע פון דער נויטיקייט דורכצופירן אַ נייע ראַדיקאַלע אַגראַר־רעפאָרם, לענקען זיי זייער אויפמערקזאַמקייט אויף דער יידישער באַפעלקערונג, פאַרשטעלנדיק דאָס פאַרכאַפּן דעם יידישן סטראַגאַן און דעם יידישן האַנדל ווי דעם אײנציקן רעאַלן

*) „איין פּראָבלעם — צוויי אויסוועגן..."

אויסוועג צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון איבערבאַפעלקערונג אין דער פּוילישער לאַנדווירטשאַפט.

לאָמיר אויף אַ ווייל אַבסטראַהירן פון אַלע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און הומאַניטאַרע מאָמענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צום פּראָבלעם פון דער עקאָנאָמישער אַרויסשטויסונג פון דער יידישער באַפעלקערונג; לאָמיר אויך לאָזן אין אַ זייט די פראַגע וועגן דעם גורל פון די עווענטועל אַרויסגעשטויסענע יידישע הענדלער און סטראַגאַן־אייגנטימער. לאָמיר זיך איצט מיט דער פראַגע נישט באַשעפטיקן, און בלויז באַטראַכטן, אויף וויפל אַזאַ לייזונג איז אימשטאַנד צו דערליידיקן דאָס פּראָבלעם פון דער פילמיליאָניקער „איבעריקער" לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג; אויף וויפל די אַרויסשטויסונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פון אירע פּאָזיציעס איז אימשטאַנד צו פאַרזיכערן דער פּוילישער „איבערבאַפעלקערונג" אַן עקאָנאָמישע עקזיסטענץ אויסערן דאָרף.

די פראַגע וועגן די סטראַגאַנעס אַלס עקספּאַנסיע־געביט פאַרן פּוילישן פּויער האָב איך שוין געהאַט באַהאַנדלט מיט אַ צייט צוריק. איך וועל דערמאָנען, אַז אין גאַנץ פּוילן זענען פאַראַן בסך הכל 70 טויזנט סטראַגאַנעס; דערפון אין די מערב־געביטן (פּויזן און פּאָמאָזשע), ווו יידן זענען כמעט נישט בנמצא — 15 טויזנט; פון די איבעריקע 55.000 סטראַגאַנעס געהערן צו יידן אַרום 60%. ד. ה. אַז בסך הכל קען זיך אין גאַנץ פּוילן האַנדלען וועגן 33.000 מאַרק־ביידלעך, פון וועלכע אַ גרויסער טייל שטעלט מיט זיך פאָר פאַרקויף־שטעלעס פאַר די אייגענע אויסאַרבעטונגען פון די יידישע בעלי־מלאכות, וועלכע קענען צוליב דעם דאָזיקן כאַראַקטער זייערן נישט זיין דערגרייכבאַר פאַרן פּוילישן פּויער. אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט זיך דער אַנטיסעמיטישער אָנגריף קאָנצענטרירט גראַד אויפן יידישן סטראַגאַן און געפּרוווט שאַפן ביים ערדלאָזן פּוילישן פּויער דעם איינדרוק, אַז פון דער דעראָבערונג פונעם יידישן סטראַגאַן איז אָפּהענגיק זיין ישועה.

פאַרוואָס דער אַנטי־יידישער לאַגער אין פּוילן לענקט די אויפמערקזאַמקייט פונעם פּויער ספּעציעל אויפן סטראַגאַן, איז פאַרשטענדלעך. דער סטראַגאַן איז די פּרימיטיווסטע פאָרם פון האַנדל, פאָדערט ווייניק קאַפּיטאַלן (פאַרשונגען האָבן באַוויזן, אַז דער דורכשניטלעכער ווערט פון אַ סטראַגאַן שטייגט נישט אַריבער 500 גילדן), דערצו איז דער סטראַגאַן די פאָרם פון האַנדל מיט וועלכער דער פּויער קומט אַממייִנסטן און אַמאָפטסטן אין באַריר. ער קען די דאָזיקע פאָרם פון האַנדל בעסער און זי איז אים נעענטער. אָבער אפילו דאָ זענען נייטיק געוויסע קענטעניש, קוואַליפיקאַציעס און אַ באַשטימטע דערפאַרונג, וועלכע דער פּויער באַזיצט נישט. אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז די אַלע שוועריקייטן ווערן באַזייטיקט, צי קען דערמיט געלייזט ווערן, אין דער מינדעסטער מאָס אפילו, דאָס פּראָבלעם פון איבערבאַפעלקערונג פון דאָרף? צי קען מען מיט די 30—25

טויזנט מאַרק־ביידלעך באַפרידיקן די פיל־מיליאָניקע ערדלאָזע פויערישע מאַסע? ס׳איז דאָך ריינער אומזין!

ס׳איז אָבער אויך אילוזאָריש צו מיינען, אַז מ׳קען לייזן די פויערן־פּראָגע אין פוילן נישט נאָר דורכן סטראַגאַן אַליין, נאָר אפילו דורכן גאַנצן יידישן האַנדל בכלל. ווי מיר האָבן אָנגעוויזן, ווערט די צאָל „איבעריקע" דאָרפּי־שע באַפעלקערונג געשאַצט פון 5 ביז 9 מיליאָן מענטשן: לאָמיר־זשע באַטראַכטן וואָס וואָלט דער דאָזיקער מאַסע געקענט ברענגען די אָפּענסיווע אויף די יידישע פּאָזיציעס אינעם האַנדל.

האָיעוואָדזטשעס	יידישע	האַנדלס־אונטערנעמונגען ניש־יידישע	בסך הכל
צענטראַלע	106.725	76.555	183.280
מזרחדיקע	35.073	13.409	48.482
מערבדיקע	5.344	65.202	70.546
דרומדיקע	60.393	32.634	93.027
אין פוילן צוזאַמען	207.535	187.800	395.335

די דאָזיקע רשימה נעמט אַרום אַלע האַנדלס־אונטערנעמונגען, אומאָפּהענ־גיק פון זייער גרייס. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז פאַרן פויער קענען, ביי די גינס־טיקסטע באַדינגונגען און ביי דער וויטגייענדיקסטער שטיצע, נישט קומען באין אופן אין באַטראַכט די גרעסערע האַנדלס־אונטערנעמונגען, וועלכע פאָדערן גרע־סערע קאַפּיטאַלן און אַ וויט־גייענדיקע ספּעציאַליזירונג, וואָס קען געוווּנען ווערן נאָר ביי געהעריקע פאַך־קענטעניש און ביי אַ לענגערער דערפאַרונג. די גרעסטע אונטערנעמונגען קענען, בכן נישט זיין צוטריטלעך פאַרן פויער. אין דער לעצטער צייט האָט זיך אָנגעמערקט, ווי געוויסע שטאָטישע עלעמנטן, וואָס זענען צוגעצויגן געוואָרן צום האַנדל אין רעזולטאַט פון דער אַנטי־יידישער אַגי־טאַציע פאַר „פאַרפוילישן" דעם האַנדל, האָבן אין פיל פאַלן געבראָכן דעם קאָפּ, נישט געקוקט דערויף, וואָס זייערע קאַפּיטאַל־רעסורסן זענען געווען באַדייטנדע, וואָס זיי האָבן גענאָסן פון ביליקע און לאַנג־טערמיניקע מלוכהשע און געזעל־שאַפטלעכע קרעדיטן, און וואָס סוף־כל־סוף איז דער שטאָטישער עלעמענט מער צוגעפּאַסט צום האַנדל, ווייל ער קומט מער אין באַריר מיט די האַנדל־ספערן און זיין מענטאַליטעט איז אויך מערער צוגעפּאַסט צו אַזאַ אַרט באַשעפטיקונג. קלאָר איז דעריבער, אַז ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן פויערישן עלעמענט קען אין בעסטן און אין סאַמע גינסטיקסטן פאַל זיין אַ רייד אויסשליסלעך וועגן די נידע־ריקסטע שטופן פון האַנדל.

ווי־זשע האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט די האַנדלס־אונטערנעמונגען אין פוילן לויט זייער גרייס? מיר באַזיצן פאַר דעם אַנטשפּרעכנדיקע מאַטעריאַלן פון יאָר 1933, אָבער פון דעמאָלט אָן האָבן זיך די פאַרהעלטענישן נישט אַ סך געענדערט און מ׳קאָן זיי נעמען פאַר אַן אויסגאַנגס־פּונקט פון אונדזערע באַטראַכטונגען אויך איצט. ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, האָבן זיך געפונען אין פוילן אין 1933 בכלל 395.335 האַנדלס־אונטערנעמונגען, דערפון האָבן געהערט צו יידן — 207.535, צו נישט־יידן — 187.800. פון די 395.335 האַנדלס־אונטערנעמונגען זענען געווען גרעסערע (1־טע, 2־טע און 3־טע קאַטעגאָריע) 164.696, ד. ה. 41,7 פּראָצענט, קלענערע (4־טע און 5־טע קאַטעגאָריע) 230.639, ד. ה. 58,3 פּראָצענט. דערפון האָבן געהערט צו יידן — גרעסערע אונטערנעמונגען — 76.852, ד. ה. 37 פּראָצענט, קלענערע — 130,683, ד. ה. 63 פּראָצענט פון אַלע אונטערנעמונגען. אין בעסטן פאַל קענען דעריבער דינען אַלס אָנגריף־אָביעקט 130 טויזנט האַנדלס־אונטערנעמונגען וועמענס אייגנטימער זענען יידן.

דערביי דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז ס׳עקזיסטירט אויך אַ יידישער קאָנסומענט. אויב ס׳זאָל אפילו געלינגען דער פאַשיסטיש־נאַציסטישער מחנה צו באַוועגן דעם פוילישן קאָנסומענט, דורך אַ ווילדער אַגיטאַציע און טעראָר, דורכצופירן אַ הונדערט־פּראָצענטיקן באָיקאָט פון יידישן האַנדל, איז דאָס כלל נישט דענקבאַר לגבי דעם יידישן קאָנסומענט. מיר האָבן שוין געברענגט די מיינונג פון אויטאָריטעטע קענער פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פוילישע פאַרהעלטענישן, וועלכע שטעלן פעסט, אַז דער אַנטייל פונעם דאָרף אינעם פאַרברויך פון אינדוסטריעלע אַרטיקלען באַטרעפט קוים 15 — 10 פּראָצענט. דערפון איז געדרונגען, אַז דער אַנטייל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אינעם געברויך פון אינדוסטריעלע אַרטיקלען באַטרעפט 90 — 85 פּראָצענט. היות אָבער די יידישע באַפעלקערונג מאַכט אויס 30 פּראָצענט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין פוילן בכלל, דאַרף מען דעם פאַרברויך פון דער יידישער באַפעלקערונג אויסרעכענען אויף אַן ערך 27 פּראָצענט פון דעם אַלגעמיינעם פאַרברויך. פון די 130.683 קלענערע יידישע אונטערנעמונגען זענען אַזוי אַרום אויסשליסלעך אָנגעוויזן אויפן יידישן קאָנסומענט אַן ערך 35 טויזנט. אַלס אָביעקט פאַר דער פויערישער עקספּאַנסיע קענען ביי די סאַמע גינסטיקע באַדינגונגען אָנערקענט ווערן מאַקסימום 95 טויזנט קלענערע האַנדלס־אונטערנעמונגען, וועלכע געהערן צו יידישע אייגנטימער. איז עס נישט קיין ביטערער חוזק לגבי דער שווידערלעכער בויט, אין וועלכער ס׳לעבן מיליאָנען פויערן, ווען מ׳פּרוווט זיי איינרעדן, אַז זיי וועלן געהאָלפן ווערן, ווען ס׳וועט זיי געלינגען צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די 95 טויזנט סטראַגאַן־אייגנטימער און קרעמער, וואָס פיל פון זיי מוזן אַפילו איצט אָנקומען צו עפנטלעכער שטיצע, צוליב זייערע קליינע פאַרדינסטן?

דאָס איז אַ פּשוטער שווינדל באַגאַנגען אין די אינטערעסן פון די פּריצים,

וועלכע ווילן אויף אַזאַ אופן אויסמיידן די אַגראַר־רעפאָרם, און פון פּוילישע סוחרים, וועלכע האָפן אַזוי אַרום פּטור צו ווערן פון דער קאָנקורענץ פון יידישן סוחר און קרעמער. צו דער לייזונג פון דער פראַגע פון „איבערבאַפעלקערונג" פון פּוילישן דאָרף האָט עס נישט און קען נישט האָבן קיין שום שייכות.

2

דאָס, וואָס מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן האָט גאָרנישט צו טון מיט דער שטרעבונג צו פאַרסירן דעם אורבאַניזירונג־(פאַרשטאָטישונג) פּראָצעס אינעם פּוילישן לעבן. אַזאַ פּראָצעס איז אַ נאָרמאַלער. ער קומט צום אויסדרוק אי־בעראַל און האָט אַנטוויקלונג־מעגלעכקייטן אויך אין אונדזערע פּוילישע פאַרהעל־טענישן. נאָכמער, אַזאַ פּראָצעס איז פאָרגעקומען און קומט ווייטער פאָר אויך ביי אונדז: — לויט דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1921 האָט די באַפעלקערונג אין די שטעט אויסגעמאַכט — 25 פּראָצענט, אין דאָרף — 75 פּראָצענט; לויט דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1931 האָט דאָס פאַרהעלטעניש פון דער שטאָטישער באַ־פעלקערונג צו דער דאָרפישער שוין אויסגעמאַכט 27 פּראָצענט צו 73 פּראָצענט. דאָס איז אַ נאַטירלעכער פּראָצעס, וועלכער פליסט אומאָפּהענגיק פון דער אַנטי־יידישער אַקציע, הגם דעם לאָזונג פון אורבאַניזירונג זוכט דער רעאַקציאָנער־אַנטיסעמיטישער פליגל צו פאַרבינדן דווקא מיטן קאַמף קעגן דער יידישער באַפעלקערונג.

פּוילן געהערט צו די לענדער פון אַן איבערוועגנדיקן אַגראַרן כאַראַקטער. עס זענען ווייט נישט אויסגענוצט געוואָרן אַלע מעגלעכקייטן פאַר אינדוסטריאַלי־זירן דאָס לאַנד. גענוג אָנצווייזן, אַז אינעם פאַרברויך פון קוילן (אויף אַ קאָפּ) שטייט פּוילן אויף איינעם פון די לעצטע ערטער אין אייראָפּע (אַ זעקסטל לגבי ענגלאַנד און בעלגיע, אַ דריטל לגבי דייטשלאַנד און פראַנקרייך, אַ העלפט לגבי טשעכאָסלאָוואַקיי), הגם זי פאַרמאָגט גענוג קוילן און וואָלט אַן שוועריקייטן גע־קאָנט זייער פּראָדוקציע אויסברייטערן; אינעם פאַרברויך פון עלעקטרישן שטראָם איז פּוילן הינטערשטעליק כמעט לגבי אַלע אייראָפּעאישע לענדער, דערונטער אויך לגבי דעם ראַטנפאַרבאַנד. דאָס באַווייזט די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער פּוילישער ווירטשאַפט.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס פּוילן אימפּאָרטירט אַרטיקלען, וועמענס רוי־שטאָפן זי פאַרמאָגט אין אַ גענוגנדער מאָס און וועלכע זי עקספּאָרטירט אַליין. דער אימפּאָרט פון צעלולאָזע, למשל, שטייגט איבער דעם עקספּאָרט מיט 20 טויזנט טאָן יערלעך, הגם פּוילן פאַרמאָגט האָלץ לרוב און הגם ס'ווערט אַרויסגעפירט פיל רוי־געהילץ קיין אויסלאַנד. אין אַ ריי לענדער (דייטשלאַנד, פאַראייניקטע שטאַטן א.א.) האָבן זיך אויפן באָדן פון דער האָלץ־אינדוסטריע אַנטוויקלט נייע צווייגן, ווי למשל, דאָס פּראָדוצירן איזאָלאַציע־פּלאַטן פון דע־

פּיבּרירטע בּרעטער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַן אויסגעצייכנטן איזאָלאַציע־מאַטעריאַל, אָדער דאָס אויסאַרבּעטן האָלץ־צוקער, וואָס דינט שטאַרק אין דער כעמישער אינדוסטריע. דאָס איז נאָר איין בּיישפּיל, וועלכער בּאַוויזט, אַז פּוילן איז אימשטאַנד, אויפן יסוד פון די רוי־שטאָפן, וועלכע זי פאַרמאָגט, בּאַדייטנד אויסצובּרייטערן איר אינדוסטריע און שאַפן דערמיט נייע בּאַשעפטיקונגס־מעגלעכקייטן פאַר אַ גרעסערן טייל פון אירע איינוואוינער, דערונטער אויך פון דער דאָרפישער בּאַפעלקערונג.

דאָס הויפּט־פּראָבּלעם אָבּער, פאַר דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון לאַנד און פאַר זיין אורבּאַניזירונג ליגט אויף דער ליניע פון אַנטוויקלען און אויסבּרייטערן דעם איגערלעכן מאַרק. היינט־צו־טאָג איז דער פּויער גאָר אַ קנאַפּער פאַרבּרויכער פון אינדוסטריעלע אַרטיקלען, דאָס הייסט, אַז 22 מיליאָן, 60 פּראָצענט פון דער בּאַפעלקערונג עקזיסטירן כמעט נישט פאַר דער אינדוסטריע. פאַרוואַנדלען די 60 פּראָצענט פון דער בּאַפעלקערונג אין אָפּנעמער פון דער אינדוסטריע, הייסט פאַרגרעסערן אירע אָפּזאַץ־מעגלעכקייטן און דערמיט אויך איר פּראָדוקציע אויף טאָפּלט. אין אַזאַ פאַל וואָלט די אינדוסטריע געקענט אַבּסאָרבּירן אַ נייע ריזיקע אַרבּעטס־אַרמיי. ס'איז בּכן קלאָר, אַז די אינדוסטריאַליזירונג און אורבּאַניזירונג פון פּוילן אין אַ בּרייטן פאַרנעם און אין אַ ראַשן טעמפּאָ קאָן פאָרקומען ערשט אַ דאַנק דער לייזונג פונעם פּראָבּלעם פון „איבּער־בּאַפעלקערונג" פון דאָרף, פון נאָרמאַליזירן די אַגראַר־סטרוקטור אין פּוילן, וואָס וועט הייבּן דעם לעבּנס־שטייגער פון פּויער און אַריינפירן אים אַלס אַ פולוווער־טיקן פאַקטאָר אינעם ווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם פון לאַנד.

אַז אונדזער מיינונג איז אַ ריכטיקע, בּאַווייזט די דערפאַרונג פון די לענדער, וועלכע האָבּן בּיי זיך דורכגעפירט אַ מער ראַדיקאַלע אַגראַר־רעפאָרם — פינלאַנד, עסטלאַנד און לעטלאַנד. אַ דאַנק דער דורכגעפירטער אַגראַר־רעפאָרם האָט זיך אין די לענדער אויסגעבּילדעט אַן עקאָנאָמיש־פעסטער פּויערים־קלאַס און דער רעזולטאַט איז, אַז דער יערלעכער וווּקס פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע בּאַטרעפט דורכשניטלעך: אין פינלאַנד — 7,1 פּראָצענט, אין עסטלאַנד — 4,3 פּראָצענט, אין לעטלאַנד — 5,2 פּראָצענט. אַזוי ווייזט זיך אַרויס די ווירקונג פון דער אַגראַר־רעפאָרם אויף דער אינדוסטריע!

בּרייטע מעגלעכקייטן פאַר איינשלינגען גרויסע מאַסן פון דער דאָרפישער בּאַפעלקערונג דורך דער אינדוסטריע, ווי בּכלל דורך דער שטאָט — קאָנען אויפקומען ערשט אַלס פּועל־יוצא פון אַ דורכגעפירטער ראַדיקאַלער אַגראַר־רעפאָרם, וואָס זאָל שאַפן עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן פאַר די מיליאָניקע ערדלאָזע און קנאַפּ־ערדיקע פּויערישע מאַסן און דערמעגלעכן זיי אַריינצוציען אין געטריבּ פון דער ווירטשאַפטלעכער מאַשין אין לאַנד. איצט פאַרמאָגט נישט די שטאָט קיין גרעסערע אַבּסאָרבּירונגס־מעגלעכקייטן פאַר אַ דאָרפישער איבּערוואַנדע־

רונג און וועט זיי אויך נישט פאַרמאָגן אַזוי לאַנג, ווי ס׳וועלן זיך נישט בייטן ראַדיקאַל די פארהעלטענישן אין דאָרף אין רעזולטאַט פון איבערבויען די פּוילי־שע אַגראַר־סטרוקטור דורך אַן אַגראַר־רעפאָרם. די לייזונג פון דעם פּראָבלעם פון איבערבאַפעלקערונג פון דאָרף מוז איצט געזוכט ווערן אויפן באָדן פון דער לאַנדווירטשאַפט גופא. אַז אַזאַ לייזונג איז אַ רעאַלע, וועלן מיר באַווייזן אין קומענדיקן אַרטיקל.

פון יידישן לעבן אין ראטנפארבאנד

א. צען יאָר „יידאַרבעט“ (1927)

ב. „געזערד“ — דער אבן נגף פון דער יעווסעקציע (1931)

ג. אויפן בירא־בידזשאַנער פראָנט (1937)

צען יאָר „יידאַרבעט"

1

צען יאָר זענען אַוועק זינט דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ריזיקע ענדערונגען זענען אין משך פון דער צייט פאָרגעקומען אינעם לעבן פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג. דער ראַטן־רעזשים האָט איבערגעאַקערט דאָס גאַנצע לעבן אין רוסלאַנד און אויך געשאַפן נייע באַדינגונגען אין דער עקזיסטענץ און אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון די יידישע מאַסן. ס'זענען דאָרט דורכגעפירט געוואָרן אַ גאַנצע ריי פּרוּוון וועגן וועלכע ס'האָט זיך יאָרן לאַנג געפירט אַ קאַמף אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. איז טאַקע נייטיק אונטערצופירן דעם סך־הכל פון די ענדערונגען און עקספּערימענטן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין יידישן מאַסן־לעבן אין דער ראַטן־מלוכה פאַר די לעצטע צען יאָר, און אין ליכט פון די דאָזיקע דערפאַרונגען נאָכזען, וועלכע אידעען, וואָס אַרום זיי איז פאָרגעקומען און קומט נאָך איצט פאַר אַ קאַמף אין דער יידישער אַרבעטערשאַפט, האָבן אין איר זיך אַרויסגעוויזן פאַר באַנקראָט.

„בונד" און די רויטע אַסימילאַטאָרן פלעגן טענהן: די גאַנצע יידנפראַגע אין רוסלאַנד איז נאָר אַ רעזולטאַט פון די שוואַרצע פּאָליטישע פאַרהעלטענישן. די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז שווער צוליב דער רעאַקציע. זאָל נאָר פאַלן דער צאַריזם, זאָלן יידן באַקומען פולע בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג, וועט אויפהערן די יידנפראַגע. די אומנאָרמאַלע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, אין וועלכע עס לעבן די יידישע מאַסן, זענען אַ פּועל־יוצא פון דעם, וואָס יידן זענען קינסטלעך אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין אַן ענגן שטח. יוען דער תחום־המושב וועט אונטערגיין, וועלן זיך די יידישע בעלי־מלאכות און קרעמער פונאַנדערשפּרייטן איבערן ריזיקן שטח פון דער רוסישער אימפּעריע און די יידן וועלן זיך עקאָנאָמיש אַסימילירן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג. דער צאַריזם איז די איינציקע סיבה פון דער שווערער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דער „בונד" פלעגט חוץ דעם נאָך צוגעבן, אַז דאָס איינציקע וואָס טיילט אָפּ די יידישע מאַסן פון דער איבעריקער סביבה, זענען די באַזונדערע קולטור־באַדערפענישן, און וואָלטן געשאַפן געוואָרן אַזעלכע פּאָליטישע פאַרהעלטענישן, ביי וועלכע ס'וואָלטן באַפרידיקט געוואָרן די באַזונדערע קולטור־באַדערפענישן

פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז די יידנפראַגע אין רוסלאַנד פולשטענדיק געלייזט. סיי דער „בונד", סיי די רויטע אַסימילאַטאָרן, פלעגן אויפן שאַרפסטן אופן באַקעמפן און פאַרשרייען אַלס רעאַקציע און קאָנטררעוואָלוציע דעם שטאַנד־פונקט פון פועלי־ציון, אַז די יידישע מאַסן לעבן אין אייגנאַרטיקע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, אַז אין יידישן לעבן קומען פאָר פּראָצעסן פון איבערשיכטונג און פּראָדוקטיוויזירונג, וואָס פירן צו דער נאָרמאַליזירונג פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די יידישע מאַסן — צו זייער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע און, אַז די יידישע אַרבעטער דאַרפן מיטהעלפן דער שנעלער אַנטוויקלונג און פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע פּראָצעסן.

וואָס־זשע זעען מיר איצט? וואָס־זשע קאָנען מיר אין דעם פּרט לערנען פון די דערפאַרונגען פון יידישן מאַסן־לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד?

דער צאַריזם איז געפאַלן. האָט דאָך לאָגיש, אויב דער אויסגאַנג־פונקט פון די אַמאָליקע יעווסעקעס און בונדיסטן וואָלט ריכטיק געווען, די לאַגע פון די יידישע מאַסן זיך געדאַרפט עקאָנאָמיש גרינטלעך ענדערן. דער תחום־המושב עקזיסטירט דאָך שוין נישט, די יידישע באַפעלקערונג האָט דאָך באַוועגונגס־פרייהייט. פון מלוכה־אַנטיסעמיטיזם איז קיין שפור נישט פאַרבליבן. די יידישע מאַסן געניסן פון דער פולער בירגערלעכער און פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג, זיי האָבן דעם צוטריט אין אַלע אַמטן, פאַבריקן, שולן א.א.וו. און פונדעסטוועגן האָבן זיך דיווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג נישט געביטן, פאַרקערט, די רעוואָלוציע האָט נאָך בולטער געמאַכט די אַלע ווונדן פון דער אומנאָרמאַלער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור פון די יידישע מאַסן. ס'איז געוואָרן קלאָר פאַר אַלעמען, אַז דורך דער דערגרייכונג פון פּאָליטישער פרייהייט ענדערן זיך נאָך נישט די אַנגעווייטיקטע ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטע־נישן פון יידישן לעבן. דער בונדיש־יעווסעקישער שטאַנדפונקט האָט זיך אַרויס־געוויזן פאַר פולשטענדיק באַנקראָט.

פונקט אַזוי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר באַנקראָט דער קולטוריסטישער שטאַנדפונקט פונעם „בונד". די ראַטן־מאַכט זאָרגט זייער פיל אויף צו באַפרי־דיקן די קולטור־באַדערפענישן פון די יידישע מאַסן. גלייך פון די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברייטע קולטור־אַרבעט אויף דער יידישער גאַס. אין משך פון דער קורצער צייט זענען אויסגעוואַקסן פיל ביל־דונגס־ און הערציונגס־אַנשטאַלטן מיט דער יידישער אונטעררריכט־שפּראַך, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה. אין ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע און רוסלאַנד זענען געשאַפן געוואָרן 700 יידישע פאָלקס־שולן מיט אַן ערך 120 טויזנט שילער. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ נעץ פון מיטעלע און העכערע בילדונג־אַנשטאַלטן אין דער יידישער שפּראַך, פאַראַן יידישע מלוכה־טעאַטערס. די מלוכה זאָרגט פאַרן יידישן בוך — מיט איין וואָרט דאָס בונדישע קולטור־פּראָגראַם איז פאַרווירק־

לעכט, און פונדעסטוועגן — נישט געקוקט אויף די אַלע גרויסע אויפטוען, גייט אין ראַטנפאַרבאַנד די יידנפראגע נישט אַראָפּ פון סדר־היום, נישט מער, ס׳האָט זיך בולט אַנטפּלעקט איר אייגנטלעכער כאַראַקטער — דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער.

2

די צען יאָר ראַטן־רעוואָלוציע האָבן פולשטענדיק באַשטעטיקט די גרונט־פּרינציפּן פון פּועלי־ציוניזם, אויף שערבלעך איז צעבראָכן געוואָרן די אַסי־מילאַציע־תורה פון די יעווסעקעס און די קולטור־אידעאָלאָגיע פון בונד.

די יידסעקציע און די בונדיסטן, וואָס האָבן זיך אהין אַריינגעגאָסן, האָבן נאָך ערשט נישט לאַנג באַקעמפט די לאָזונגען פון פּועלי־ציון וועגן פּראָדוקטיווי־זירן און איבערשיכטן די יידישע מאַסן. די יעווסעקציע, שוין נאָכדעם, ווי זי איז צוזאַמענגעשמאָלצן געוואָרן מיטן „בונד״, האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון וועלכן נישט איז באַזונדערן פּראָגראַם אין דער אַרבעט צווישן יידישע מאַסן. זי האָט זיך געהאַלטן נישט מער, ווי אַלס אַן אָפּטיילונג ביים אַגיט־פּראָפּ פונעם צ.ק. פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי. אַלס איר אויפגאַבע האָט זי באַטראַכט נאָר פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע מאַסן.

די יעווסעקציע האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט צו פאַרטרייבן דעם שד פון דער יידנפראַגע. זי האָט אפילו נישט גערן געפירט די קולטור־אַרבעט, מחמת אַ צייטלאַנג איז אַסימילאַציע געווען איר אָפיציעלע אידעאָלאָגיע. אויב זי האָט אָבער נאָך געקאָנט פועלן ביי זיך צו אַרבעטן אויפן קולטור־געביט, ווייל די מערעזשינס, ראַפּעסעס, אסתרס, וויינשטיינס האָבן זיך נישט געקענט מיט אַמאָל אויסטאָן אינגאַנצן פון בונדיזם, האָט זיך אָבער די יעווסעקציע יאָרן־לאַנג געווערט מיט הענט און פיס קעגן אָנערקענען די ספּעציפישע יידישע עקאָנאָמישע אינטערעסן און ממילא אויך קעגן ספּעציפישער עקאָנאָמישער אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן.

די אַמאָליקע יעווסעקעס און זייערע פריש־צוגעקומענע חברים פון „בונד״ האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט, כדי צו דערשטיקן די פּועלי־ציוניסטי־שע אפּיקורסות. מ׳האָט אונטערדריקט און שיקאַנירט די פּועלי־ציון, מ׳האָט געזוכט זיי צו דערווייטערן פון יעטוועדער יידישער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט־לעכקייט. מ׳האָט אַרויפגעלייגט די שווערע יעווסעקישע לאַפּע אויף די אומפּאַר־טייאישע יידישע אַרבעטער־קאָנפערענצן און געזאָרגט, אַז עס זאָל דאָרט חס־וחלילה נישט קומען צום אויסדרוק קיין פּועלי־ציוניסטישע קראַמאָלע. די יעווסע־קישע לאַפּע איז אָבער געווען צו שוואַך, צו דערשטיקן דאָס לעבן און די טעמפּע יעווסעקעס זענען דורכן לעבן געצוווּנגען געוואָרן צו קאַפּיטולאַציע.

שריט ביי שריט קומט פאַר די קאַפּיטולאַציע. פריער האָט מען געזען די איינציקע אויפגאַבע אויסשליסלעך אין פירן אַ קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע

צווישן די יידישע מאַסן. אָבער נאָכדעם ווי דער טראַגישער מצב פֿון יידישן שטעטל, וווּ ס'איז קאָנצענטרירט דער רוב מנין ובנין פֿון דער יידישער באַפּעלקערונג אין ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט שוין געריסן די אויגן פֿון דער גאַנצער ראַטן־געזעלשאַפֿטלעכקייט, איז די יעווסעקציע געווען געצוווּנגען צו אָנערקענען די נויטווענדיקייט פֿון אַ ספּעציפֿישער עקאָנאָמישער אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן, אָבער באַשמעלצנדיק די דאָזיקע אַרבעט מיט אידעענלאָזיקייט און פּרינציפּלאָזיקייט און צוגעבנדיק איר דעם כאַראַקטער פֿון צופֿעליקער הילפֿס־אַרבעט.

דאַן די פֿראַגע פֿון אַגראַריזאַציע. די אַמאָליקע יעווסעקעס, ווי די בונדיסטן, האָבן פּשוט אויסגעחוזקט דעם דאָזיקן לאָזונג פֿון פּועלי־ציון. זיי האָבן עס שאַרף באַקעמפֿט אפֿילו נאָך אין די ערשטע צייטן ראַטן־מאַכט, ווען פּועלי־ציון פֿלעגט ביי יעדער געלעגנהייט אָנווייזן אויף דער נויטווענדיקייט מיטצוהעלפֿן די יידישע מאַסן אַריבערצוגיין צו ערד־אַרבעט. האָט דאָך מערעזשין, דער איצטיקער קאָפּ פֿון דער יעווסעקציע און אַמאָליקער פֿירער פֿון „בונד", שוין נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע, אין זיין בראָשור „בונד" און ציוניזם", געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט דעם לאָזונג פֿון אַגראַריזאַציע, וואָס איז לויט זיין מיינונג רעאַקציאָנער, ווייל די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿירט גאָר פֿאַרקערט פֿון דאָרף אין דער שטאָט. און ווען האָט זיך די יעווסעקציע צוגעשאַרט צו דער אַגראַריזאַציע־אַרבעט? דאַן, ווען ביי די יידישע מאַסן אין ראַטנפֿאַרבאַנד זענען שוין זייט עטלעכע יאָר אָנגעגאַנגען סטיכישע פּרווון אַריבערצוגיין צו לאַנדווירטשאַפֿט, דאַן ווען אין משך פֿון אַ פּאָר יאָר איז שוין געגאַנגען דאָס סטיכישע איבערוואַנדערן פֿון איינצלנע משפּחות און אפֿילו גאַנצע קאָלעקטיוון פֿון ווייסרוסלאַנד אויף פֿרייע ערד־שטחים פֿון דרום־אוקראַינע, דאַן, ווען דורך די חלוצים און אַנדערע עלעמענטן זענען שוין געהאַט געשאַפֿן געוואָרן ביי יידישע ערד־אַרבעטער־קאָלאָניעס, דאַן ווען דאָס איבערפֿירן יידישע מאַסן צו ערד־אַרבעט איז שוין געווען קלאָר און פֿאַרשטענדלעך אפֿילו ביי די נישט־יידישע קאָמוניסטן. ערשט דאַן האָבן זיך די יעווסעקעס דעצידירט צו נעמען פֿאַר אַזאַ „קאָנטררעוואָלוציאָנערער" אַרבעט.

און דאַן די אויטאָנאָמע פֿאָרמען פֿון יידישן מאַסן־לעבן. פּועלי־ציון אין ראַטנפֿאַרבאַנד האָבן באַלד נאָך דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פֿון נאַציאָנאַל־פּראָלעטאַרישער אויטאָנאָמיע און פֿון יידישע אַרבעטער־ראַטן אויף די ערטער: אויך דער דאָזיקער לאָזונג איז שאַרף און פֿאַרביטערט באַקעמפֿט געוואָרן פֿון די יעווסעקעס און פֿון „בונד" אַלס נאַציאָנאַליסטישער און אַנטי־מאַרקסיסטישער. אָבער אויך אויף דעם געביט מוז די יעווסעקציע קאַפּיטולירן. זי באַקעמפֿט נאָך, אמת, אויך איצט די נאַציאָנאַל־פּראָלעטאַרישע אויטאָנאָמיע, אָבער זי האָט נישט געקענט שטערן, ווען ס'זענען געשאַפֿן געוואָרן אַ ריי יידישע אַרבעטער־ראַטן אין שטעטלעך מיט אַן איבערוויגנדיקער יידישער

מערהייט, ווען ס׳איז אפילו שוין אויסגעבילדעט געוואָרן אַ יידישער ראַטן־ראַיאָן. געוויס באַפרידיקט דאָס נאָך ווייט נישט די באַדערפענישן און פאָדערונגען פון יידישע מאַסן — דאָס איז אָבער בלי ספק אַ דורכברוך אין דער יעווסעקי־שער אידעאָלאָגיע. און ווער רעדט דען נאָך פון אַזאַ אפיקורסות, ווי דאָס שאַפן פון אַ באַזונדערער יידישער רעפּובליק — שטימען, וואָס האָבן זיך געהערט אויפן לעצטן צוזאַמענפאָר פון „געזערד״, נישט נאָר מצד אומפּאַרטייאישע, נאָר אפילו מצד אַלטע באָלשעוויקעס, הגם טאַקע נישט קיין יעווסעקעס?

3

די דערפאָרונגען פון יידישן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד באַווייזן קלאָר און אומצווייטייטיק, אַז דער יעווסעקיזם און בונדיזם האָבן אַלס אידעאָלאָגיעס פול־שטענדיק באַנקראָטירט. אין צוזאַמענשטויס מיט דער רעוואָלוציאָנערער ווירק־לעכקייט האָבן זיי געפּלאַצט ווי זייפן־בלאָזן.

די יעווסעקציע האָט קאַפּיטולירט. זי האָט עס אָבער געטאָן נישט פריי־וויליק, נאָר געצוווּנגען, אונטערן דרוק פון לעבן. און דערפאַר איז איר אַרבעט אָן חשק. דערפאַר פילט זיך אין איר אַרבעט דער אָפּאָרטוניזם. די יעווסעקציע ווערט זיך מיט הענט און מיט פיס קעגן יעטווועדער ווייטערער אויסזיכט, קעגן יעדער פּערספּעקטיוו פון באַזונדערער אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן. זי שטעלט אַוועק די היאָזיקע פראַגן נישט אין זייער דינאַמיק, נאָר אין זייער סטאַ־טיק, און דערפאַר איז זי אין איר טעטיקייט אַזוי האַלב, נישט דעצידירט, זיגזאַ־גיש, דערפאַר פעלט איר דער ווייטערער פלאַן און דער שוווּנג.

דאָס מערקט זיך אין דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט, אין דער מורא פאַרן גע־דאַנק פון אַ יידישער ראַטן־רעפּובליק, וואָס איז אַזוי בולט געקומען צום אויס־דרוק אויפן לעצטן צוזאַמענפאָר פון „געזערד״; דאָס מערקט זיך אין דער ראַטן־בויאונג אויף דער יידישער גאַס, ווען מ׳שאַפט אַביסל יידישע ראַטן און אין יידישן ראַטן־ראַיאָן, וואָס נעמט אַרום בלויז 16 טויזנט יידישע נפשות, און מען האָט דערביי מורא צו ציען די קאָנסעקווענצן און דורכפירן די אויטאָנאָמע ראַטן־פאָרמען בנוגע דער גאַנצער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג; און אַמ־בולטסטן האָט זיך די היאָזיקע אומאַנטשידנקייט און פחדנות אַרויסגעוויזן אויף דער לעצטער באַראַטונג פון די יידסעקציעס, ווען מ׳האָט פעסטגעשטעלט די „צוויי וועגן, מיט וועלכע די יידישע מאַסן גייען צום סאָציאַליזם״, לויט וועלכע ס׳קומט אויס, אַז די נישט גרויסע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס וועלן איבערגיין צו אַגראַריזאַציע, וועלן נאַציאָנאַל קאָנסאָלידירט ווערן, דאַקעגן וועט פאָרקומען די פולשטענדיקע אַסימילאַציע ביי די יידישע אַרבעטער, וואָס וועלן זיך אינדוסטריאַליזירן.

אַיין שריט פאָרויס, צוויי צוריק — דאָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישע

פאַר דער אידעאָלאָגיע פון דער יעווסעקציע. זי פאַסט זיך צו צום לעבן. זי איז אפילו גרייט צו אָנערקענען געוויסע באַראַכאָוויסטישע געדאַנקען. די דאָזיקע צופּאַסונג איז אָבער אַ געצוווּנגענע, זי קערט זיך גערן אום ביי דער ערשטער געלעגנהייט צו איר אַסימילאַטאָרישער אידעאָלאָגיע און אין דעם פּרט איז די יעווסעקציע געבליבן דיזעלבע אָפּאָרטוניסטישע ריכטונג ווי פריער.

4

די ענדערונגען אין ראַטנפאַרבאַנד זענען אַ גלענצנדע באַשטעטיקונג פאַר דער ריכטיקייט פון פּועלי־ציוניזם. די פּרינציפּן וועלכע דער פּועלי־ציוניזם האָט יאָרן־לאַנג געפּרעדיקט, קאָנען איצט מער נישט באַקעמפט ווערן, זיי זענען דערוויזן געוואָרן דורכן לעבן, ביים שיין פון דער רעוואָלוציע זענען זיי געוואָרן בולט. דאָס איז שייך נישט בלויז צום גרונט־פּרינציפּ פון פּועלי־ציוניזם, אַז די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די יידישע מאַסן איז אַן אייגנאַרטיקע, אַ באַזונדערע, נאָר אויך צו די וועגן און פּראָצעסן פון יידישן לעבן, ווי זיי זענען פאָרמולירט געוואָרן דורכן באָראָכאָוויזם. נישט בלויז די לאָזונגען פון איבערשיכטונג און פּראָדוקטיוויזירונג, פון אַגראַריזאַציע און קאָלאָניזאַציע, נאָר אפילו פון טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע — דרינגען אַלץ מער אַריין אין דער יידישער אַרבעטערשאַפט. אפילו דער פּרינציפּ פון אַלוועלטלעכקייט ווערט אין דער פּראַקטיק אָנערקענט, מעג ער אַפילו אין דער טעאָריע ווייטער באַקעמפט ווערן. ווענדן זיך דאָך די יעווסעקס נאָך הילף פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד צו די יידן אין דער גאַנצער וועלט, האַלטן זיי דאָך, אַז דאָס וואָס ס׳געשעט מיט די יידן אין דער ראַטן־מלוכה, האָט אויך אַ שייכות צו די יידן אין גאָר דער וועלט.

מ׳האָט אַ צייט־לאַנג געפּרוּווט צו באַקעמפן דעם ציוניזם דורך דער קרימער קאָלאָניזאַציע, מ׳האָט אָנגעשטעלט קרים אַנטקעגן פּאַלעסטינע, מ׳האָט געשאַפן אַ קרימיזם וואָס זאָל אומברענגען דעם פּאַלעסטיניזם. מ׳האָט אַרום דער קרימער קאָלאָניזאַציע אַנטוויקלט אַן אומגעהויערע רעקלאַמע, אַ געוואַלדיקן טומל. מ׳האָט שיער נישט גערופן די יידן פון דער גאַנצער וועלט, זיי זאָלן זיך קומען קאָלאָניזירן קיין קרים. איצט אָבער איז קלאָר געוואָרן, אַז אפילו אין ראַטנפאַרבאַנד זענען פאַראַן באַגרענעצטע מעגלעכקייטן פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע, אַז צוליב דער גרויסער פּויערישער איבערבאַפעלקערונג און ערד־מאַנגל ביי די פּויערים אין אייראָפּעאישן טייל פון ראַטנפאַרבאַנד, קען מען פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אָפּגעבן בלויז באַגרענעצטע ערד־שטחים. דערווייל זענען קאָלאָניזירט געוואָרן 10 טויזנט משפּחות — אַ קליינע צאָל אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער יידישער, עקאָנאָמיש־באַדנלאָזער, באַפעלקערונג אין דער ראַטן־מלוכה. ס׳איז שווער צו רעדן מכוח אַריבערפירן צו דער ערד די־

אַלע יידן אין ראַטן־רוסלאַנד, וואָס נייטיקן זיך דעריך, און אוודאי און אוודאי קען נישט זיין קיין רייד וועגן דער לייזונג פון דער יידנפראַגע אין גאָר דער וועלט דורך דער קרימער קאָלאָניזאַציע. די קעגנער פון ציוניזם האָבן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד געוואָלט שמידן אַ געווער קעגן אים. דערווייל אָבער האָט קרים גאָר באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון פּאַלעסטיניזם. פאַר די יידישע מאַסן איז פאַרשטענדלעך געוואָרן דער וועג פון לייזן די יידנפראַגע, און אין דער זעלבער צייט איז קלאָר געוואָרן, אַז קרים קאָן בלויז פאַרלייכטערן די לאַגע פון די יידישע מאַסן אין ראַטנפאַרבאַנד אָבער בשום אופן נישט לייזן די יידנפראַגע בכלל.

ביים איצטיקן צען־יאָריקן יובל פון דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע ווערט נאָך אַמאָל באַשטעטיקט אונדזער אַלטער אמת, אַז דער פּראָלעטאַריאַט, ווען ער קומט צו דער מאַכט און וויל ערנסט לייזן דאָס יידישע אַרבעטער־פּראָבלעם, מוז ער אַרויפטרעטן אויף די וועגן, וועלכע זענען מיט צענדליקער יאָרן פריער אָנגעצייכנט געוואָרן דורכן באָראָכאָוויזם. זאָל עס אונדז באַגייסטערן צו פאַר־שטאַרקטער אַרבעט און קאַמף, כדי די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג זאָל קלאָר מאַכן אויך פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער און גאַנצער יידישער אַרבעטערשאַפט, אַז די ראַדיקאַלע לייזונג פון דער יידנפראַגע וועט קומען נאָר דורך דער פאַרווירקלע־כונג פון טעריטאָריאַלן יידישן אַרבעטס־צענטער אין פּאַלעסטינע.

„געזערד" — דער אבן-נגף פון דער יעווסעקציע

1

געזערד איז די אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אָן מיט דער קאָלאָניזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד, און לעצטנס אויך מיטן אַריינ־קומען פון יידישע אַרבעטער אין די פאַבריקן. געזערד דאַרף לויט איר פאָרם זיין די מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג און אין איר דאַרפן אויך אַריינגעצויגן ווערן נישט־יידישע אַרבעטער־מאַסן. געזערד דאַרף זיין דער אויסדרוק פון דער פאַראינטערעסירונג פון די אַרבעטער־מאַסן אין ראַטנפאַרבאַנד מיט דער סאָציאַלער רעקאָנסטרוקציע פון דער יידישער האָרעפאַשנער באַפעלקערונג אין דער ראַטן־מלוכה און פון זייער זעלבסטעטיקייט אויף דעם געביט. ווי־זשע זעט דאָס אויס אין דער ווירקלעכקייט ?

אין שייכות מיטן ערשט פֿאַרגעקומענעם צוזאַמענפֿאָר פֿון אַלפֿאַרבאַנדישן געזערד און פֿון די געזערדן אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד קומען קאַפּויער אַ ריי ידיעות, וועלכע באַווייזן קלאָר און בולט, אַז געזערד אַלס מאַסן־אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט פּאַקטיש נישט. לויטן באַריכט, וועלכן עס האָט אָפּגעגעבן דימאַנטשטיין אויפֿן געזערד־צוזאַמענפֿאָר, קומט אויס, אַז דער געזערד פֿאַרמאָגט זיכער דריי הונדערט טויזנט מיטגלידער. דערפֿון איז די סאַמע גרעסטע, שטאַרקסטע און מעכטיקסטע געזערד־אָרגאַניזאַציע אין אוקראַינע („עמעס" פֿון 11־טן ה. ח.). לויט דימאַנטשטיינען האָט דער אוקראַינער געזערד געהאַט פֿאַרבינדונגען מיט 306 ראַיאָנען און געציילט 160 טויזנט מיטגלידער. נעמען מיר אָבער דעם „באַריכט וועגן דער אַרבעט פֿון אוקרגעזערד", וואָס איז געווען געדרוקט אין „שטערן" פֿון 10 ה. ח., לייענען מיר דאָרט: „פֿון 280 שטאָטישע און ראַיאָן־אָרגאַניזאַציעס איז פֿאַראַן אַ פֿאַרבינדונג נאָר מיט 105". פֿון 306 ווערט, הייסט עס, 105 — פּונקט אַ דריטל.

אַזוי איז די טבע פֿון אַ ליגנער — ער האָט אַ קורצן זכרון. אין דימאַנטשטיינס באַריכט ווערט אָנגעגעבן: „קרימגעזערד האָט אָפּטיילונגען אין אַלע 8 ראַיאָנען פֿון קרים און ער פֿאַרייניקט 7 טויזנט מיטגלידער". דימאַנטשטיינס באַריכט איז געדרוקט אין „עמעס" פֿון ה. ח. אָבער גראָד אין דעם זעלבן נומער „עמעס" איז אָפּגעדרוקט אַ באַריכט וועגן דער „קרימער געזערד־קאָנפֿערענץ", זאָגט זיך דאָרטן: „שוין 2 יאָר, אַז קרימער געזערד ציילט אַ קיילעכדיקן ציפֿער 6000 מיטגלידער, און מאָדנע — ביזן היינטיקן טאָג איז דער ציפֿער נישט געענדערט. אין דער אמתן איז דער ציפֿער אין דער לעצטער צייט פֿאַרקלענערט געוואָרן. אין גאַנץ קרים איז דאָ 134 געזערד־קעמערלעך. ווען מיר וועלן אַרויסוואַרפֿן די „טויטע נפֿשות", ווען מיר וועלן אָראָפּרעכענען 80 פּראָצענט מיטגלידער, וועלכע רעכענען זיך נאָר אויפֿן פּאַפּיר, וועלכע האָבן פּאַקטיש פֿאַר 2 יאָר נישט געצאָלט קיין מיטגליד־אָפּצאָל, ווערט פֿון די קיילעכדיקע 6 טויזנט אַ זייפֿן־בלאָז". אַזוי דעמאַסקירט אומברחמנותדיק דער יעווסעקישער „עמעס" די ליגנס פֿון דעם יעווסעקישן באַריכט־אָפּגעבער אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון געזערד.

לייענט מען, וואָס עס זאָגן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר נישט די אָפֿיציעלע פֿירער, נאָר די דעלעגאַטן, דאַן ווייזט זיך אַרויס, אַז דער געזערד אַלס מאַסן־אָרגאַניזאַציע איז אַ פֿיקציע, אַז פּאַקטיש איז ער בלויז אַ ביוראָקראַטישער אַפּאַראַט. אָט זאָגט איינער פֿון די דעלעגאַטן אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון אוקרגעזערד: „די אָרגאַניזאַציעס לעבן איבער אַ שווערן קריזיס. דאָס קאָנסטאַטירן סיי די ערטער, סיי די פֿאַרוואַלטונג פֿון אוקרגעזערד. אַ גרויסער טייל אָרגאַניזאַציעס זענען נאָר אויפֿן פּאַפּיר... דער געזערד אַלס אָרגאַניזאַציע לעבט מיטן נעכטיקן טאָג". דער באַריכט־אָפּגעבער אויף דער ווייסרוסישער געזערד־קאָנפֿערענץ, צענציפּער, זאָגט: „מיר האָבן דערזען, אַז הינטער די פּלייצעס פֿון אייערע קרייז־פֿאַרוואַל־

טונגען זענען אָפט נישט געווען קיין ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס... דאָס האָבן מיר זיך דערוווּסט ערשט נאָכדעם ווי עס זענען ליקווידירט געוואָרן אונדזערע פּאַרוואַל־טונגען. מען דאַרף זאָגן, אַז ווען דער געזערד איז אַנטשטאַנען, איז געווען אַרום אים אַ וועלכער נישט איז אַקטיוו. דער דאַזיקער אַקטיוו איז איצט אָפּגעפאַלן”.

דאַרף מען האָבן שטאַרקערע באַווייזן פאַר דעם, אַז דער געזערד איז פול־שטענדיק אָפּגעריסן פון די יידישע מאַסן, הגם זיין טעטיקייטס־געביט רירט אָן די בלוטיקסטע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן אין ראַטנפאַרבאַנד, נישט גע־קוקט דערויף וואָס ער פאַרמאָגט די אונטערשטיצונג פון דער מלוכה־מאַכט?

2

די פאַרוואַלטונג האָט געוואָלט דעמאָנסטרירן אויפן צוזאַמענפאַר דעם פּראָלעטאַרישן און אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון געזערד. מיט באַגריסונגען זענען אַרויסגעטרעטן אַ גאַנצע ריי נישט־יידישע אַרבעטער, רויט־אַרמייער א.א.וו. פאַראַן צווישן די דעלעגאַטן אַ געוויסע צאָל נישט־יידן. סיי אין דערעפענונגס־וואָרט סיי אין באַריכט פון דימאַנטשטיינען, סיי אין די אַרויסטרעטונגען פון די דעלעגאַטן, סיי אין די רעזאָלוציעס רעדט זיך כסדר וועגן דער נויטווענדיקייט צו אינטערנאַציאָנאַליזירן דעם געזערד, עס ווערט אָן אויפהער אונטערגעשטראָכן זיין פּראָלעטאַרישער כאַראַקטער. ווי איז אָבער אין דער אמתן?

אין די אוקראַינישע אָרגאַניזאַציעס פון געזערד זענען דאָ דורכשניטלעך 35 פּראָצענט אַרבעטער, אין ווייסרוסישן 37, אין ר.ס.פ.ס.ר. (ראַטן־רוסלאַנד) 23. די איבעריקע — בירגערלעכע עלעמענטן. אָט ווי עס זעט אויס דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון דעם געזערד.

די געזערד־אָרגאַניזאַציעס, דאָרט ווו זיי זענען פאַראַן, ווערן אָנגעפירט פון נישט־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן. צווישן 672 פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער אין די אוקראַינישע געזערד־אָרגאַניזאַציעס זענען פאַראַן בלויז 213 אַרבעטער, דאָס הייסט קוים 30 פּראָצענט. דאָס באַווייזט, אַז דאָ איז דאָס פאַרהעלטעניש נאָך ערגער ווי ביים מיטגלידער־באַשטאַנד. די פאַראַדעס בעת דער דערעפענונג פון צוזאַמענפאַר קענען נישט פאַרשטעלן דעם פאַקט, אַז דער אינטערעס פון די אַרבעטער־עלעמענטן צו דער אַרבעט פון געזערד איז אַ מינימאַלער.

איז דאָס אַ צופאַל? פאַרשטייט זיך, אַז נישט. שפּילן דאָ אַ ראָל בלויז צופעליקע אָדער אפשר גאָר אָרגאַניזאַטאָרישע עלעמענטן? נאָר נאַיווע אָדער אומבאַוווּסטזיניקע קענען אַזוי מיינען. ס׳איז אַ רעזולטאַט פון אַ סיסטעם. אויב בעתן אַנטשטיין פון געזערד איז נאָך געווען אַרום אים וועלכער נישט איז אַקטיוו, האָט ער געמוזט אָפּפאַלן. דאָס האָט געמוזט קומען אַלס רעזולטאַט פון דער יעווסעקישער פּרעמדקייט צו די פראַגן פון יידישן אַרבעטער־לעבן, פון ווייכן און באַקעמפן יעדן סימן פון זעלבסטעטיקייט פון די יידישע מאַסן. דאָס איז

אַ פּועל־יוצא פון דער יעווסעקישער רעקלאַמע און בלאָף־מאַכעריי מיט די בלוט־טיקסטע נויטן פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

3

אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַליין־רעקלאַמע, בלאָף און אָפּנאַרעריי — זענען שטענדיק געווען אייגנשאַפטן פון דער יעווסעקציע. ערנסטקייט און ערלעכקייט זענען פאַר איר געווען „קליינבירגערלעכע פאַראורטיילן". דערמיט האָט זי קיינמאָל נישט געזינדיקט. עס איז איר נישט אָנגעגאַנגען, וואָס דאָס איז אַ שפּיל מיטן לעבן, מיט דער עקזיסטענץ פון הונדערטער טויזנטער אַרבעטס־מענטשן. איר וויכטיקער אַרגומענט קעגן ציוניזם איז געווען, אַז ער פאַרשפּרייט פאַלשע אילוזיעס, אַז ער וועקט חלומות, וואָס וועלן נישט דערגרייכט ווערן, אַז ער נאַרט דערמיט די יידישע מאַסן. און אַליין איז די יעווסעקציע געגאַנגען אויף דעם דאָזיקן וועג מיט איר בלאָף און קוויטש.

דערמאָנען מיר זיך וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע רעקלאַמע די יעווסעקציע אין דער גאַנצער וועלט — אין ראַטנפאַרבאַנד, אין פּוילן, אין אַמעריקע און אין אַלע אַנדערע יידישע ישובים — האָט אויפגעהויבן אַרום דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין קרים. משה כץ, צו יענער צייט דער פירער פון דער אַמעריקאַנישער יעווסעקציע און רעדאַקטאָר פון דער ניו־יאָרקער יעווסעקישער „פרייהייט", און איצט איינער פון יעווסעקישע פירער אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט דאַן געשריבן אין „פרייהייט" אין שייכות מיט דער קרימער קאָלאָניזאַציע, אַז עס האַנדלט זיך „נישט מער און נישט ווייניקער ווי וועגן דער פולער מעגלעכקייט צו באַזעצן הונדערטער טויזנטער, אויב נישט מיליאָנען יידישע האַרעפּאַשניקעס אויף דער ערד און שאַפן פאַר זיי אונטערן שוץ פון דער רוסישער סאָציאַלער רעוואָלוציע אַ טעריטאָריע". אַ יעווסעקישער אָרגאַן אין פּוילן האָט נאָך מיט פיר יאָר צוריק געשריבן, אַז אַ מיליאָן יידן זענען שוין קאָלאָניזירט געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד. די אָפיציעלע סאָוויעטישע אָרגאַנען וועלכע פירן אָן מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע האָבן אין אָנהויב פון דער קאָלאָניזאַציע, מיט זעקס יאָר צוריק אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, לויט וועלכן אין קרים און די איבעריקע געביטן וועלן קאָלאָניזירט ווערן אין משך פון צען יאָר הונדערט טויזנט יידישע משפחות. מ'האָט געטומלט אַ וועלט מיט אַ „קאָנצענטרירטער יידישער קאָלאָניזאַציע אין גרויסן מאַסשטאַב". מ'האָט געשיקט קול־קוראס צו די יידן (נישט צו אַרבעטער, נאָר צו סתם־יידן, אָן אונטערשיד פון קלאַס און איבערציי׳גונג) אין דער גאַנצער וועלט — צו די „אַלע וואָס טרוימען וועגן אַ צייט ווען די יידישע מאַסן וועלן אויפהערן לעבן פון ווינט און וועלן שאַפן אַ גרויסן קאָנצענטרירטן יידישן ערד־ישוב" (יעווסעקישע „פרייהייט"), זיי זאָלן העלפן, זיי זאָלן שיקן געלט. מ'האָט זיך צוליב דעם אפילו אָפּגעזאָגט אָפיציעל פון קאַמף קעגן ציוניזם (רעזאָלוציע פון

צוזאַמענפּאַר פון געזערד מיט פיר יאָר צוריק, ווו עס זאָגט זיך, אַז עס איז נישט די אויפגאַבע פון געזערד צו פירן אַ קאַמף קעגן ציוניזם).

נאָך גרעסער איז געווען דער טומל אין שייכות מיט בירא־בידזשאַן. די יעווסעקישע טוער האָבן געררעדט און געשריבן, אַז אין משך פון 5 יאָר וועט מען אין בירא־בידזשאַן באַזעצן אַ גאַנצן מיליאָן יידן און דאָרט בילדן נישט אַנדערש, ווי אַ יידישע מלוכה.

זעקס יאָר זענען אַוועק זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין קרים, צוויי יאָר זייט דעם אָנהויב פון דער קאָלאָניזיר־אַרבעט אין בירא־בידזשאַן. איצט זעט מען שוין קלאָר, ווי אומערנסט, ווי בלאָפעריש די יעווסעקציע האָט זיך באַצויגן צו די יידישע מאַסן, וועלכע זי האָט געשפּייזט מיט אילוזיעס וועגן אַ „קאָנצענטרירטער יידישער קאָלאָניזאַציע אין גרויסן מאַסשטאַב, מיט הונדערטער טויזנטער יידישע איבערוואַנדערער”, וועגן אַ „יידישער מלוכה” מיט אַ מיליאָן יידישע איינוווינער. אין די באַריכטן אויפן איצטיקן צוזאַמענפּאַר פון געזערד גיבן די יעווסעקישע פירער אָן פּאָלגנדיקע ציפערן וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין קרים און אין בירא־בידזשאַן: אין קרים זענען פאַראַן 4000 יידישע איבערוואַנדערישע פאַמיליעס, אין בירא־בידזשאַן זענען דאָ 400 איבערוואַנדערישע משפּחות. פאַרגלייכט די דאָזיקע באַשיידענע ציפערן מיט די אָנהויב־פּלענער פון דער יעווסעקציע מכוח הונדערט טויזנט יידישע משפּחות אין קרים אין משך פון 10 יאָר, צי וועגן אַ מיליאָן יידן אין בירא־בידזשאַן אין פאַרלויף פון 5 יאָר, וועט קלאָר, ווי לייכטזיניק, ווי פאַרברעכעריש די יעווסעקציע שפּעקולירט מיט די באַדערפעגישן פון די יידישע מאַסן. און זאָל מען נישט מיינען, אַז אפילו דער רעזולטאַט איז דער אויסשליסלעכער פאַרדינסט פון דער יעווסעקציע. ניין! נישט קיין קנאַפּן חלק האָבן דערין יידישע בירגערלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער „דזשאָינט” און „אָרט”. און נישט סתם אַ חלק האָבן די דאָזיקע פילאַנטראָפּישע בורזשואַזע כלל ישראל־אָרגאַניזאַציעס, נאָר אפילו אַ דעה אויך, און אַ גאַנץ היפּשע דערצו. אָט זאָגט זיך אין „באַריכט וועגן דער אַרבעט פון אוקרגעזערד” (כאַרקאָווער „שטערן” פון 10 ה. ח. — באַריכט פון דער קאָנפערענץ פון אוקראַינישן געזערד): „עס טרעטן נאָך אַרויס אַ גאַנצע ריי דעלעגאַטן און דערציילן, אַז דער „אַגראָ־דזשאָינט” האָט זיך געפילט אויף די פאָנדן ווי אַ באַלעבאָס, דער איבערוואַנדערער האָט געקאָנט דעם „דזשאָינט” און נישט דעם געזערד און נישט דעם „קאָמערד”. דער דעלעגאַט טשערניכאָווסקי פון קיעוו זאָגט: „די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס (דאָס מיינט מען טאַקע דעם דזשאָינט), וואָס כאָטש זיי האָבן געגעבן אַ סך נוצן, פונדעסטוועגן האָט מען נישט געטאָרט לאָזן, זיי זאָלן זיך פירן ווי באַלעבאַטים”.

די מעטאָדן פון דער אַרבעט פון דער יעווסעקציע באַקומען אין ליכט פון די פאַקטן זייער געהעריקע באַלייכטונג. נאָר אומבאַוווסטזיניקע, פינצטערע

עלעמענטן קאָנען נאָך דעם אַלעם נעמען ערנסט די יעווסעקציע און גלייבן אין אירע לאָזונגען.

4

דער עצם פאַקט, וואָס די יעווסעקציע איז דורכן לעבן געצווונגען געוואָרן זיך צו פאַרנעמען מיט דער אַגראַריזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע פון די יידישע מאַסן, וואָס זי איז אפילו געצווונגען געוואָרן צו שטעלן די פראַגע וועגן אַ קאָנצענטרירטער יידישער קאָלאָניזאַציע, און ווער רעדט שוין פון אַ יידישער רעפּובליק — באַדייט שוין דעם פולשטענדיקן אידעאישן באַנקראָט פון דער יעווסעקציע און איר קאַפּיטולאַציע פאַר דער פועלי־ציוניסטישער אויפפאַסונג פון דער יידישער אַרבעטער־פראַגע. קלאָר, אַז דאָס האָבן נישט אַלע יעווסעקעס געקאָנט פאַרדייען. פיל פון זיי האָבן די דאָזיקע אַרבעט געטאָן בעל כרחם, קעגן זייער ווילן, כדי זי ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט צו פאַרלאָזן.

איצט איז פאַר זיי געקומען די דאָזיקע געלעגנהייט. אין ראַטנפאַרבאַנד גייט איצט אַ קורס אויף „קאַמף קעגן אַלערליי אָפּנויגן פון דער גענעראַלער פּאַרטיי־ליניע", דערונטער אויך „נאַציאָנאַליסטישע אָפּנויגן". מוז מען, פאַרשטייט זיך, פירן דעם דאָזיקן קאַמף אויך אין יידישן סעקטאָר, מוז מען אויך דאָ זוכן כלערליי „רעכטע" און „לינקע" און אויך „נאַציאָנאַליסטישע" אָפּנויגן. עס איז אַן אויסגעצייכנטע פּסיכאָלאָגישע געלעגנהייט פאַרן ווידעראויפלעבן פון כלערליי אַסימילאַטאָרישע און בונדיסטיש־קולטוריסטישע שטימונגען.

דערצו קומען נאָך צו אַנדערע מאָמענטן. פון איין זייט די שוין פריערדיקע אַנגעוויזענע אייגנשאַפטן צו בלאָפן און איבערטרייבן, פון דער צווייטער זייט די שטרעבונג צו באַווייזן אין דער איצטיקער צייט פון שלאָגלערייִ אויפן עקאָנאָמישן פראָנט, אַז מען האָט פיל אויפגעטאָן, אַז „מ'האָט איבערגעיאָגט דעם אָנגעצייכנטן פּלאַן". און אין געזערד גופא האָבן זיך שוין אָנגעהויבן הערן שטימען, אַז דער גאַנצער געזערד איז איבעריק, ווייל די „עקאָנאָמישע רעקאָנסטרוקציע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז שוין פאַרענדיקט", ווייל מען קאָן אָננעמען, אַז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס האָט איצט דער פּראָצעס פון רעקאָנסטרואירן דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג ביים פאַרענדיקט ווערן" („עמעס" פון 23 אָקטאָבער ה. י. אַרטיקל פון ז. מינדלין, „צושטאַנד און פּערספּעקטיוו").

די מעשה וואָלט געווען אַ שיינע, ווען... זי איז אמת. ליידער אָבער לייקנט די ווירקלעכקייט די שיינע פאַנטאַזיעס פון די יעווסעקישע בעלי־חלומות. הערן מיר וואָס עס זאָגן וועגן דעם אַזעלכע כשרע עדות, ווי די יעווסעקעס אַליין.

אויף דער קאָנפערענץ פון אוקראַינישן געזערד האָט איין דעלעגאַט איבערגעגעבן, אַז „ביי זיי אין טשערקאַס איז אַ גרויסער טייל פון דער דעקלאַסיר־

טער באַפעלקערונג נישט אַריינגעצויגן אין פּראָדוקטיווער אַרבעט". דער באַ־ריכט־אָפּגעבער סודארסקי אַליין גיט איבער: „עס טרעפט, אַז אַ בריגאדע אָדער אינסטרוקטאָר פאָרט אַראָפּ אין די ערטער פון וואַנען מען ענטפערט, אַז עס איז נישטאָ קיין קאָנטינגענטן, געפינט ער דאָרטן אויס צענדליקער און הונדערטער פרייע אַרבעטס־הענט. פון די זעלבע ערטער וואָס ענטפערן, אַז עס איז שוין ביי זיי אויסגעשעפּט דער גאַנצער מענטשן רעזערוו, קומען גלייכצייטיק אָן אַנפראַגעס פון מענטשן, וואָס ווילן איבערוואַנדערן אויף ערד, אָדער איינאָרדענען זיך אויף אונטערנעמונגען". („שטערן" 10 ה. ח.) י. קיפער דערציילט אין זיין רעפּעראַט אויפן אוקראַינישן געזערד־צוזאַמענפאָר: „מיר האָבן נאָך אין אוקראַינע (לויט נישט פולע ידיעות) גאַנץ באַדייטנדיקע גרופּעס קליינהענדלער און דעקלאַסירטע שיכטן, פון צווישן פרויען און יוגנט שוואַך־איינגעאָרדנטע" („שטערן" פון 11 ה. ח.). א. סודארסקי שרייבט אין אַרטיקל אין „עמעס" פון 2 ה. ח. „צו די צוזאַ־מענפאָרן פון געזערד": „מיר האָבן נאָך אין די שטעט און הויפּטזעכלעך אין די שטעטלעך אַ באַדייטנדיקן רעזערוו פרייע אַרבעטס־הענט, וועלכע נויטיקן זיך נאָך אין אַרבעט".

פרעגט זיך — פון וואַנען קומט עס וואָס באַזונדערע טוער פון דער יעווו־סעקציע קענען אַזוי דיאַמעטראַל־קעגנזעצלעך אָפּשאַצן די עקאָנאָמישע סיטואַציע פון די יידישע מאַסן אין ראַטנפאַרבאַנד?

דערויף זענען פאַראַן דריי ענטפערס. ערשטנס — ווי מאָדנע עס זאָל נישט זיין, פאַרמאָגט נישט די יעווסעקציע קיין שום מאַטעריאַלן וועגן דער עקאָנאָמי־שער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד. דער שוין דער־מאנטער סודארסקי, דער פירער פון אוקראַינישן געזערד, זאָגט אין זיין באַריכט: „די גרעסטע צרה איז דאָס וואָס מיר האָבן נישט קיין סיסטעמאַטישע אָנגאַבעס... מען קען איצט נישט זאָגן קלאָר וואָס איז די לאַגע פונעם שטעטל און דערפאַר פלאָנטערן מיר אַזוי אין דער פראַגע פון קאָנטינגענטן" (פרייער מענטשן־מאַטע־ריאַל). דער באַריכט־אָפּגעבער אויף דער געזערד־קאָנפערענץ אין ווייסרוסלאַנד, צענציפּער, באַשטעטיקט דאָס זעלבע — ער זאָגט: „די פראַגע איז נישט דער־לערנט געוואָרן... קיין פּינקטלעכע און גענויע פאָרשונגען האָבן מיר נישט דורכ־געפירט". יעדער איינער וועט זיך דערביי מוזן פרעגן: סטייטש, ווי קומט עס, וואָס אַזאַ וויכטיקע און שווערע אַרבעט ווערט דורכגעפירט אָן מאַטעריאַלן, אָן ידיעות; ווי קומט מען סתם, אויפן יסוד פון בויך־סברות, האַלטן, אַז „דער פּראָצעס פון רעקאָנסטרואירן דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער יידישער באַ־פעלקערונג איז כמעט פאַרענדיקט"? אָבער אַזוי איז שוין דער כאַראַקטער פון דער יעווסעקישער אַרבעט.

צווייטנס — דערויף ענטפערט דער יעווסעק סודארסקי אין זיין אַרטיקל:
„וועגן דעם, אַז מיר האָבן שוין אויסגעשעפּט אַלע קאָנטינגענטן און אַז עס איז

געקומען די צייט צו ליקווידירן דעם קאָמערד און דעם געזערד, שרייען גראָד די, וועלכע זענען אַמווייניקסטן באַקאַנט מיט דער יידישער אָרעמקייט און וועלכע האָבן נישט קיין אַנונג וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין שטעטל".

דריטנס — די יעווסעקישע טוער רעכענען אַריין צווישן די „עקאָנאָמיש־רעקאָנסטרואירטע" דעם טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז פאַראַן אין די קוסטאַרישע אַרטעלן אָדער אין די ביישטעטלדיקע קאָלעקטיוון. אַזעלכע זענען פאַראַן, דער עיקר אין די שטעטלעך, זייער אַ סך. אָבער דאָס זענען פאַקטיש מענטשן, וועלכע האָבן נישט קיין עקאָנאָמישן באָדן אונטער די פיס. די ביי־שטעטלדיקע קאָלעקטיוון זענען קאַרליקעוואַטע און קענען זיך נישט אויסברייטערן צוליבן מאַנגל פון ערד אַרום די שטעט און שטעטלעך, זיי קענען נישט דערנערן אפילו אין דער מינימאַלסטער מאָס זייערע מיטגלידער. אין בעסטן פאַל איז עס בלויז אַ זייער און זייער קנאַפּער צושפּרינג צו דער עיקר־פּרנסה. אויך די קוסטאַר־געווערבישע אַרטעלן, וועלכע קאָנען זיך עקאָנאָמיש נישט באַרעכטיקן, האָבן נישט קיין פּערספּעקטיוון אין דער צוקונפט און באַזאָרגן נישט מאַטעריעל זייערע מיטגלידער. אַזאַ אַרבעט דאַרף מען געוויס שאַרף פאַראורטיילן און נישט דערלאָזן". אין אַן ענלעכן זין האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אַ ריי דעלעגאַטן אויף די קאָנפערענצן פון געזערד און אויפן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר.

אין ליכט פון די דאָזיקע פאַקטן ווערט פולשטענדיק קלאָר, אַז „דער פּראָצעס פון סאָציאַלער רעקאָנסטרוקציע" איז נאָך ווייט נישט „פאַרענדיקט". עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין דער יעווסעקציע אַנטשטייען ווידער און פאַרשטאַרקן זיך בירגערלעך־אַסימילאַטאָרישע און קליינבירגערלעך־קולטור־ריסטישע טענדענצן, פאַרשטייט זיך, אַז אונטער דער מאַסקע פון פלאַם־רויטע, אולטראַ־לינקע פראַזן.

שוין פון דעם ביז־איצט געבראַכטן ווערט קלאָר, אַז אויפן צוזאַמענפאָר פון געזערד האָט נישט געהערשט קיין איינשטימיקייט מכוח דער אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן אין ראַטנפאַרבאַנד. אין דער „איינהייטלעכער" און „אומצע־טיילבאַרער" יעווסעקציע זענען געקומען צום אויסדרוק פאַרשידענע שטרעמונ־גען, פאַרשידענע „אָפּנויגן" און „קנייטשן". דאָס איז אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל פאַר זיך און מיט דעם איז געוויס נויטיק צו באַקענען אונדזערע לעזער. אָבער אויך דאָס דאָ געבראַכטע איז זייער און זייער כאַראַקטעריסטיש. עס אַנטפּלעקט די גאַנצע אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט און אומערנסטקייט פון דער יעווסעקציע, איר פאַרברעכערישע שפּעקולאַציע אויף דער נויט פון די יידישע מאַסן, איר גלייכגילטיקייט צו זייערע באַדערפענישן, איר פרעמדקייט צו די פראַגן פון יידישן אַרבעטער־לעבן.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 1, 2 יאַנואַר 1931.

אויפן בירא-בידזשאַנער פראָנט

ס׳וואָלט געווען אומנאַטירלעך, ווען די כוואַליע פון רעפּרעסיעס, די א. ג. „ריייניקונג״, וואָס האָט אין לעצטן יאָר אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן ראַטנפאַר־באַנד, זאָל זיך נישט אָפּרופן אויך אויף די אַנשטאַלטן וואָס זענען טעטיק פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. אויב מ׳האָט געפונען אומעטום „טראָצקיסטי־שע שעדיקער און סאַבאָטאַזשניקעס, פאַשיסטישע שפּיאָנען און געסטאַפּאָ־אַגענטן״ — האָט מען זיי אויך געמוזט „געפינען״ אויפן יידישן אָפּשניט, אַנדערש וואָלט עס געקענט אויסגעטייטשט ווערן לכל הפחות ווי אַ „מאַנגל פון וואַכזאַמקייט״ לגבי דער „גענעראַל־ליניע״. און אַזוי איז געשען. די ריייניקונג האָט אַרומגענומען אויך די יידישע גאַס, און אויך דאָ זענען „אַנטפּלעקט״ גע־וואָרן שפּיאָנען, דיווערסאַנטן, געסטאַפּאָ־אַגענטן, טראָצקיסטן און אפילו געלט־פאַרשווענדער. דער כבוד פון די יידישע טוער איז געראַטעוועט געוואָרן.

עס זענען געפאַלן קעפּ אין דער ליטעראַטור, אין דער פּרעסע, און ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז דער גורל האָט אויך נישט אויסגעמיטן די פירונג פון בירא־בידזשאַנער יידישן אויטאָנאָמען ראַיאָן. נאָך אין אָנהויב פון דער „ריייניקונג־אַקציע״, אין אויגוסט 1936, איז אויסגעפונען געוואָרן, אַז דער פירער פונעם ראַיאָן, פּראָפ׳ ליבערבערג, איז אַ „טראָצקיסט און אַ שעדיקער״. ער איז דערפאַר אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין אַמט. אָבער ווי ס׳פירט זיך לעצטנס אין ראַטנפאַר־באַנד, האָט אין אַ קורצער צייט אַרום געטיילט ליבערבערגס גורל דער יעניקער, וואָס האָט זיין באַזייטיקונג דורכגעפירט און פאַרנומען דערנאָך זיין פּלאַץ: אַפּריל היי־יאָר איז אונטער די זעלבע באַשולדיקונגען, אָבער נאָך מיט אַ צוגאָב מכוח געלט־פאַרשווענדונגען און אויסנוצן דעם אַמט פאַר זיך פּערזענלעך, באַזייטיקט געוואָרן ליבערבערגס פאַרטרעטער און באַשולדיקער — כאַוואָקין. אָט אַזוי האָט די אַלגעמיינע „ריייניקונגס־קאַמפּאַניע״ געפונען איר אויסדרוק אויפן בירא־בידזשאַנער אָפּשניט.

אָבער די „ריייניקונג״־אַקציע אין בירא־בידזשאַן טראָגט נאָך, חוץ די אַלגעמיינע סיבות, אַ גאַנץ ספּעציפישן כאַראַקטער — זי שפּיגלט אויך אָפּ פון איין זייט דעם דורכפאַל פון דער ביז־איצטיקער בירא־בידזשאַנער קאָלאָניזאַציע, פון דער צווייטער זייט דעם קאַמף, וואָס פירט זיך צווישן די יידישע טוער אין ראַטנפאַרבאַנד אַרום דעם פּלאַץ און באַדייטונג, וואָס די יידישע נאַציאָנאַלע טעריטאָריע דאַרף פאַרנעמען אינעם יידישן לעבן.

ס׳איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז די האָפענונגען וואָס די יידסעקציע האָט פאַרבונדן מיטן לאָזונג פון בירא־בידזשאַן, זענען ווייט־ווייט נישט מקוים גע־וואָרן און אַז די אויפגאַבן, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט אין שייכות מיט דער

ביראָ־בידזשאַנער קאָלאָניזאַציע, זענען אויסגעפירט געוואָרן אין דער סאַמע באַשיידנסטער מאָס.

מ׳איז געווען זיכער, אַז מיטן לאָזונג פון אַ „יידישער מלוכה״ וועט מען קענען געבן אַ טויט־קלאַפּ דעם ציוניזם און געווינען די סימפּאַטיעס פון די יידישע מאַסן אין גאַר דער וועלט. אָבער גראָד די לעצטע יאָרן זענען געווען יאָרן פון ריזיקן אויפשוווּנג פונעם ציוניזם. גראָד אין דער צייט פון ביראָ־בידזשאַן איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די באַדייטונג פון ארץ־ישראל אַלס איינוואַנדערונג־צענטער פאַר די יידישע מאַסן אין גאַר דער וועלט. ביראָ־בידזשאַן איז נישט געוואָרן דער דערוואַרטעטער קאָנקורענט פאַר ארץ־ישראל.

די יידישע מאַסן אין די לענדער מחוץ ראַטנפאַרבאַנד האָבן אויפגענומען ווי אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג די אידעאישע ענדערונג, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט, אַלס פּועל־יוצא פון דער אַנטוויקלונג פונעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם אין ראַטנפאַרבאַנד, אין שטעלן זיך פּרינציפּיעל אויפן באָדן פון טעריטאָריאַליזם און יידישער מלוכהשאַפט. די יידישע מאַסן האָבן דעריין געזען דעם נצחון פון די לאָזונגען, פאַר וועלכע זיי קעמפן זייט צענדליקער יאָרן און זיי זענען דורך דער יידסעקציע אין אַלע לענדער אויפן שענדלעכסטן אופן באַקעמפט געוואָרן. אין דער קאָלאָניזאַציע פון ביראָ־בידזשאַן האָבן זיי אויך געזען די מעגלעכקייט פאַר דער קאָלאָניזירונג פון אַ געוויסער צאָל, מעג זיין אַ שטאַרק באַגרענעצטע, וואַנדערער פון אויסערן ראַטנפאַרבאַנד. אויך די פירער פון דער יידסעקציע האָבן ביראָ־בידזשאַן לכתחילה באַטראַכט פאַר אַ קאָלאָניזאַציע־געביט, נישט נאָר פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון ראַטנפאַרבאַנד, נאָר אויך פון אַנדערע לענדער. דערפאַר האָבן די ייד־טוער אין ראַטנפאַרבאַנד געפונען נאָך מיט צען יאָר צוריק פאַר מעגלעך צו אַפּעלירן צום כלל־ישראל אין דער גאַנצער וועלט, באַנוצנדיק זיך, דרך אגב, אין זייער אַגיטאַציע פאַר ביראָ־בידזשאַן מיט אויסגעשפּראָכן בירגערלעכע און רעאַקציאָנערע דרכים. אָבער די רעזולטאַטן פון דער קאָלאָניזאַציע ־ אַרבעט אין ביראָ־בידזשאַן האָבן זיך אַרויסגעוויזן מער ווי קלאָגעדיקע. צו די אָביעקטיווע סיבות, וואָס האָבן פון אָנהויב קלאָר געמאַכט, אַז ביראָ־בידזשאַן איז נישט מסוגל צו ווערן דאָס לאַנד פון דער יידישער מאַסן־אימיגראַציע, זענען צוגעקומען דער ביוראָקראַטיזם פון דער יידסעקציע און דער מאַנגל פון וועלכער נישט איז זעלבסטשטענדיקייט און מעגלעכקייט פון קאָנטראָל מצד די ראַטנפאַרבאַנדישע יידישע מאַסן איבער די פּון אויבן באַשטימטע יידטוער. דער רעזולטאַט — קיינמאָל נישט אויסגעפירטע איינוואַנדערונגס־נאָרמע, באַגלייט פון אַ ריזיקער צוריקוואַנדערונג. געגנוג אָנצוווייזן, אַז, לגבי די אַמאָליקע ריזיקע פּלענער וועגן באַזעצן אַ מיליאָן יידן אין משך פון פינף אָדער צען יאָר, האָבן זיך איצט אָנגעזאַמלט אין ביראָ־בידזשאַן קוים אַ 20 טויזנט יידן, און אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר האָבן זיך באַזעצט אויפן לאַנד סך־הכל 2.500 נפשות. איצט רעדט מען שוין

נישט וועגן הונדערטער טויזנטער נייע קאָלאָניסטן אַ יאָר, נאָר דער נייער פּלאַן, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן שוין נאָכן אַראָפּזעצן די טראָצקיסטן, נאַציאָנאַ־ליסטן און שעדיקער, זעט פאָראויס די איינוואַנדערונג פון 10 טויזנט נפשות אין משך פון גאַנצן יאָר, און הלוואי זאָל אויך דער פּלאַן אויסגעפירט ווערן אויף אַ העלפט.

דער דורכפאַל פון דער ביז־איצטיקער טעטיקייט פון דער יידסעקציע אויפן געביט פון ביראָ־בידזשאַן האָט געפאָדערט אַן ענטפער. די יידטוער קענען און טאָרן דעם אמתן ענטפער נישט געבן, ווייל דאַן וואָלטן זיי געמוזט קומען צו אוממעגלעכע פאַר זיך אויספירונגען. האָט מען געמוזט געפינען אַ שעיר־לעזאזל פאַר דעם דורכפאַל. די „רייניקונגס־־אַקציע" אין גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד האָט אַזאַ געלעגנהייט געשאַפן. אַזוי אַרום איז צו די באַשולדיקונגען אין טראָצקיזם און קלאַסן־שנאה אויך צוגעקומען די באַשולדיקונג אין שעדיקעריי און אין אַ פאַלשער פּאָליטיק פון די קאָנקרעטע אָנפירער. דער שולדיקער איז געפונען געוואָרן, דער כבוד פון די יידטוער איז געראַטעוועט געוואָרן...

* *
*

אָבער חוץ די אויבן־אָנגעוויזענע באַשולדיקונגען איז לגבי די ביז־איצטי־קע פירער פון ביראָ־בידזשאַנער יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן געקומען אויך די באַ־שולדיקונג אין יידישן נאַציאָנאַליזם. דאָ קומט צום אויסדרוק דער קאַמף, וועל־כער פירט זיך אין דער יידסעקציע גופא בנוגע די וועגן פון אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן און באַזונדערס בנוגע דער ראָל און באַדייטונג פון ביראָ־בידזשאַן אין יידישן לעבן.

בנוגע דעם קעמפן צווישן זיך אין דער יידסעקציע צוויי שיטות, וועלכע שפּיגלען אין זיך אָפּ אַ באַזונדערן צוגאַנג צום נאַציאָנאַלן יידישן פּראָבלעם בכלל. איינע פון זיי שטייט דורכאויס אויפן שטאַנדפּונקט פון יידישער מלוכהשאַפט, וועלכע נעמט אין אַכט דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד און זעט אין ביראָ־בידזשאַן דעם איינ־ציקן געזונטן און נאַרמאַלן יידישן קערן אין ראַטנפאַרבאַנד. די דאָזיקע שטעלונג פאָדערט ממילא צו קאָנצענטרירן די גאַנצע יידאַרבעט — די קאָלאָניזאַטאָרישע, ווי די קולטורעלע — דער עיקר אין ביראָ־בידזשאַן; די צווייטע, פאַרטראָטן דורך ליטוואַקאָוון, שפּיגלט גיכער אָפּ דעם נייטראַליזם אין באַצוג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. זי טוט די אַרבעט, וואָס דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן רוקט אַרויס און באַציט זיך צו ביראָ־בידזשאַן פּונקט ווי צו אַנדערע געביטן פון דער יידאַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד. ממילא אָנערקענט זי נישט די באַזונדערע באַדייטונג פון ביראָ־בידזשאַן לגבי אַנדערע אָפּשניטן פון דער יידאַרבעט.

לאַרין, מערעזשין און טשעמערינסקי — דער דריילינג וואָס האָט אַמאָל אָנגעפירט מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד און האָט פּראָקלאַמירט דעם לאָזונג פון בירא־בידזשאַן, וואָס איז געווען גרייט צו מאַכן פון בירא־בידזשאַן אַן ענין פון כלל־ישראל אין דער גאַנצער וועלט — איז נאָך אַ שווערן קאַמף געהאַט באַזייטיקט געוואָרן פון דער אָנפירונג. אָבער איצט קומט צו גיין ליטוואַקאָוו און איז מגלה אַ סוד, אַז ליבערבערג און כאַוקין — די צוויי אָראָפּגעזעצטע פירער פון אויטאָנאָמען יידישן ראַיאָן אין בירא־בידזשאַן, זענען געווען נישט נאָר טראָצקיסטן און שעדיקער, נישט נאָר געלט־פאַרשווענדער, נאָר אויך יידישע נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. אמת, ליבערבערג איז באַזייטיקט געוואָרן נאָך אין אויגוסט 1936 און ליטוואַקאָווס אַרטיקל מיט דער באַשולדיקונג אין יידישן נאַציאָנאַליזם איז דערשינען אין „עמעס" ערשט דעם 18־טן אַפּריל 1937. ליטוואַקאָוו — דער געוועזענער ציוניסט, שפּעטער ס.ס.אָוויעץ און „פאַריניקטער" — האָט זיך דערמאַנט, אַז ליבערבערג איז אַמאָל געווען אַ סיימיסט און אַריינגעברענגט דעם סיימיסטישן נאַציאָנאַליזם סיי אין זיין פריערדיקער קולטור־טעטיקייט, סיי שפּעטער אין בירא־בידזשאַן, און אין דיזעלבע חטאים ווערט אויך באַשולדיקט כאַוקין, וואָס איז שפּעטער געפאַלן אַלס קרבן פון דעם זעלבן סיסטעם. דאָס צוגעבן צו די אַלגעמיינע באַשולדיקונגען אויך די באַשולדיקונג אין יידישן נאַציאָנאַליזם און באַקעמפן די סטאַלינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, איז אַ קלאָרער באַווייז, אַז דאָ איז מען אויסן צו קאָמפּראָמיטירן נישט נאָר באַזונדערע מענטשן, נאָר אויך אַ באַשטימטע שיטה בנוגע בירא־בידזשאַן.

ליטוואַקאָוו שרייבט, אַז „כאַוקין האָט זיך טאַקע אָפּגעגרענעצט פון ליבערבערגן, אָבער דערנאָך געפירט די זעלבע פּאָליטיק". אין וואָס איז באַשטאַנען די דאָזיקע פּאָליטיק? אין דעם, וואָס מען האָט באַטראַכט אַלס געזונטן עלעמענט וואָס ליבט דאָס לאַנד און ציטערט פאַר דער גאַנצקייט פון זיינע גרענעצן נאָר די בירא־בידזשאַנער יידן, פּונקט ווי די יידן אין איבעריקן ראַטנפאַרבאַנד וואָלטן עס נישט געווען; מ'האָט זיך געקוויקט מיט יידישקייט און הנאה געהאַט פון יידן; אַז די אָנפירערשאַפט פון בירא־בידזשאַן האָט זיך אוזורפּירט דאָס רעכט אַרויסצוטרעטן אין נאָמען פון גאַנצן יידישן פאָלק, געזען נאָר די באַדייטונג פון בירא־בידזשאַן און בעת מעשה געשטרעבט די עקזיסטירנדיקע יידישע אַנשטאַלטן אין ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע א.א. צו ליקווידירן; מ'האָט געקוקט מיט ביטול און פאַרלייקנט דעם ווערט פון אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין בירא־בידזשאַן פאַרן פּראָקלאַמירן פון יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן און פון אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויסער בירא־בידזשאַן; זיי האָבן פּרעטענדירט צו זיין די פאַרשטייער נישט נאָר פון בירא־בידזשאַן, נאָר פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד.

„נאָווי מיר״, כאַראַקטעריזירנדיק די שטימונגען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד אין רעזולטאַט פון אַט דער פּאָליטיק, שרייבט, אַז די יידן אין ביראָ־בידזשאַן גייען אין די דרכים פון די דאָרטיקע קאָזאַקן. ער גיט איבער אַ פאַל, אַז ווען ס׳איז באַרירט געוואָרן אַ פראַגע, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו די יידן מחוץ ביראָ־בידזשאַן, האָט איינער פון די יונגע זיך אָפּגערופן בזה הלשון: „זאָגט מיר, וואָס בין איך אייגנטלעך — אַ סאָוויעטישער מענטש, צי אַ זון פון אויסדערוויילטן פאָלק? אויב אַזוי, גלויב איך נישט אין אתה בחרתנו און לאָמיר עס לאָזן די ציוניסטן און רבנים!״

לעבן די אַלגעמיינע סקאַרבאָווע באַשולדיקונגען האָבן מיר, אַלזאָ, גאַנץ ספּעציפישע באַשולדיקונגען, וועלכע זענען אַרויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון קאַמף צווישן צוויי שיטות אין דער יידסעקציע בנוגע ביראָ־בידזשאַן. די אַלגעמיינע „רייניקונג״ האָט דאָ געדינט אַלס געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט דער צווייטער ריכטונג.

פאַר אונדז קען די לעצטע אַקציע און די באַגלייט־מוזיק צו איר דינען ווי אַן איבעריקע באַשטעטיקונג פאַר דער ריכטיקייט פון אונדזער אָפּשאַצונג און באַציאונג צו ביראָ־בידזשאַן. דער געדאַנק פון אַ יידישער טעריטאָריע שטעלט מיט זיך פאָר די אידעאישע קאַפּיטולאַציע פון דער יידסעקציע לגבי דעם באָראָכאָ־וויזם; פון דער צווייטער זייט אָבער קען ביראָ־בידזשאַן קיינמאָל נישט ווערן דער טעריטאָריאַלער צענטער פון יידישן פאָלק אין גאָר דער וועלט, ווייל די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון דער יידישער געשיכטע פירן צו דער טעריטאָריאַליזירונג דווקא אין ארץ־ישראל. אפילו די באַדייטונג פון ביראָ־בידזשאַן אַלס אַ מאַסן־איינוואַנדערונג־צענטער איז פּראָבלעמאַטיש, ווייל דאָס לאַנד ליגט מן הצד פון די שליאַכן פון דער יידישער וואַנדערונג. ביראָ־בידזשאַן האָט געקענט און קען נאָך איצט שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד, אָבער נאָר דאַן, ווען אין דער יידאַרבעט וואָלט איינגעפירט געוואָרן דער פּרינציפּ פון זעלבסטשטעטיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווען די דאָזיקע אַרבעט וואָלט אָנגעפירט געוואָרן דורך די יידישע מאַסן גופא, דורך זייערע אויטאָנאָמע אָרגאַנען. נאָר אין אַזאַ פאַל וואָלט מעגלעך געווען אַרויסצוברענגען די באַגייסטערונג און ענערגיע וואָס זענען נייטיק פאַר אַזאַ ווערק ווי אַ יידישע טעריטאָריע. אָבער דאָס איז פאַרבונדן נישט נאָר מיט דער ליקווידאַציע פון דער יידסעקציע און מיט איר אידעאָלאָגיע און סיסטעם, נאָר אויך מיט פּרינציפּיעלע ענדערונגען אין די אַלגעמיינע מעטאָדן אין ראַטנפאַרבאַנד.

„אַרבעטער־צייטונג״ נומ׳ 25, 18 יוני 1937.



פון רעכטס: דניאל לייבל, אינזש. א. רייס און לעוו
פרעזידירן אַ זיצונג פון דער ליגע פאַר פריינטשאַפט ישראל — פוילן.

אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פראָנט

א. די קלאַסן־קריסטאַליזירונג פון דער כינעזישער רעוואָלוציע (1927)

ב. עלף יאָר ראַטנפאַרבאַנד (1928)

ג. צום אַנטי־פאַשיסטישן קאָנגרעס (1929)

ד. פאַר דער קאָנפערענץ אין לאָזאַן (1932)

ה. הינדענבורג און היטלער (1932)

ו. פוילן אין דעצידירנדיקן מאָמענט (1939)

ז. די סיבות פון פוילנס צוזאַמענברוך (1940)

ח. ראַטנפאַרבאַנד און באַלקאַן (1940)

די קלאַסן-קריסטאַליזירונג פון דער כינעזישער רעוואָלוציע

ס'איז אויך ביז איצט נישט געווען קיין סוד, אַז די קאָ־מין־טאַן־פּאַרטיי, וואָס פירט אָן דעם קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון כינע און פאַר־טרייבונג פון די פרעמדע אימפּעריאַליסטן, באַזירט נישט אויף אַ באַשטימטן סאָציאַל־איינהייטלעכן עלעמענט. דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט האָט פאַרייניקט פאַרשידנאַרטיקע, אין תוך סאָציאַל־פיינטלעכע עלעמענטן, און צום קאַמף זענען צוגעשטאַנען נישט בלויז די אַרבעטער־מאַסן, די פּויערים, נאָר אויך טיילן פון דער כינעזישער בורזשואַזיע.

די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן אין כינע האָבן מעגלעך געמאַכט אַזאַ צייטווייליקן בונד צווישן די אַרבעטנדיקע עלעמענטן און דער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע. אין דער כינעזישער אינדוסטריע שפּילט דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל אַ דאָמינירנדיקע ראָל, בפרט אין דער גרויס־אינדוסטריע, ווי טעקסטיל, קוילן־ און אייזן־פּראָדוקציע. דערפון נעמט זיך וואָס ביי דער אַרבעטערשאַפט ווערט דער סאָציאַלער קאַמף פאַרבונדן מיטן נאַציאָנאַלן — מחמת דער אַרבעטער זעט אינעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל אי זיין נאַציאָנאַלן שונא אי זיין עקספּלאָאַטאַ־טאָר. דער אויסן־האַנדל איז פולשטענדיק באַהערשט פון די פרעמדע קאַפּיטאַ־ליסטן. אויך דאָס באַנקוועזן, וואָס שפּילט אין כינע אַ באַזונדערס אויסנוצערישע און וווכערישע ראָל, ליגט אין אַ גאַר גרויסער מאָס אין די הענט פון אויסלענדער. אָט־אָ די העגעמאָניע פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל האָט אויך געוועקט די נאַציאָ־נאַלע געפילן פון דער היימישער בורזשואַזיע, וואָס איז צוריקגעשטויסן געוואָרן פון וויכטיקערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, סיי אין דער אינדוסטריע און סיי אין האַנדל דורך דער אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט. דאָס איז דער עקאָנאָמישער הינטערגרונט פון דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג ביי דער כינעזישער בורזשו־אַזיע.

אַזוי האָבן די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן באַוויזן אויפצושטעלן קעגן זיך צוויי אין גרונט גענומען סאָציאַל־קעגנזעצלעכע כוחות ווי דער פּראָלעטאַריאַט און די בורזשואַזיע. דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער איינהייטלעכער פראָנט האָט אָבער נישט געקאָנט דויערן אָן אַ סוף. ער האָט זיך געמוזט ענדיקן מיטן מאָמענט, ווען די רעוואָלוציע האָט אָפּגעהאַלטן נצחונות אין אַזאַ מאָס, אַז זי קאָן צווינגען די אימפּעריאַליסטישע כוחות אויף ווייטגייענדיקע הנחות.

די כינעזישע בורזשואַזיע פאַרשטייט אויסגעצייכנט, אַז צוליב דער גאַר גרויסער ראָל, וואָס די כינעזישע אַרבעטערשאַפט שפּילט אין איצטיקן קאַמף מוז די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע צולעצט אָננעמען דעם כאַראַקטער פון אַ סאָציאַלער. שטייען פאַר איר צוויי ברירות: אָדער פאַרראַטן דעם נאַציאָנאַלן קאַמף, אָנהייבן פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, באַקומען פון זיי הנחות און טיילן זיך מיט זיי אין דער הערשאַפט איבער די כינעזישע מאַסן, אָדער פאַרזעצן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, דערפירן די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע ביזן נצחון, אָבער מיט דער אויסזיכט, אַז די הערשאַפט זאָל אַריבער אין די הענט פון די אַרבעטנדיקע עלעמענטן. קלאָר, אַז די כינעזישע בורזשואַזיע האָט אויס־געקליבן דעם וועג פון נאַציאָנאַלן פאַרראַט, אַבי צו דערהאַלטן איר הערשאַפט.

די שפּאַלטונג אינעם נאַציאָנאַלן לאַגער, דאָס אויפקומען פון אַ צווייטער, אָפּאָרטוניסטישער און כלומרשט־נאַציאָנאַלער רעגירונג, געשאַפן דורך טשאַן־קאַי־שעק — דעם ביז־איצטיקן אָנפירער פון דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנע־רער אַרמיי — שטייט אין אַ נאָענטער שייכות סיי מיט די לעצטע נצחונות פון דער דאָזיקער אַרמיי, סיי מיט דער אַלץ וואַקסנדיקער רעוואָלוציאָניזירונג פון די כינעזישע אַרבעטער און פּויערים. די נצחונות האָבן אויף אַזויפיל געשטאַרקט די כינעזישע בורזשואַזיע, אַז זי האָט זיך דערפילט רייף אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען מיט די פרעמדע מלוכות; ווידער די וואַקסנדיקע רעוואָלוציאָנערע שטימונג פון די מאַסן האָט זי געצוווּנגען צו ברעכן דעם ביז־איצטיקן איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן פראָנט און אָנצוקניפּן באַציאונגען מיטן ווייסן רעאַקציאָנערן גענעראַל טשאַנ־טסו־לין, קעגן וועמען זי האָט ביז־איצט געקעמפט, כדי בשותפות צו קעמפן קעגן דער אַרבעטערשאַפט. די נייע איבערגרופּירונג פון די כוחות שטעלט אויף איין זייט אַלע באַזיצנדיקע עלעמענטן, אפילו די וואָס האָבן זיך ביז־איצט קעגנזייטיק באַקעמפט, און אויף דער צווייטער זייט די אַרבעטנדיקע עלעמענטן — די כינע־זישע אַרבעטער און פּויערים.

„אַרבעטער־צייטונג“ נומ׳ 16, 22 אַפּריל 1927.

עלף יאָר ראַטנפאַרבאַנד

1

עלף יאָר זענען אַריבער פון זינט דער רוסלענדישער פּראָלעטאַריאַט איז אויפגעשטאַנען קעגן דער מאַכט פון קאַפּיטאַל און צום ערשטן מאָל אין דער

מענטשלעכער געשיכטע איינגעפונדעוועט די מאַכט פון די אַרבעטער און פויערים איבער אַזאַ ריזיקן שטח ווי די גרויסע רוסלענדישע אימפּעריע. אַראָפּגעשווענקט איז געוואָרן די ממשלה פון קאַפּיטאַל אויף דער ריזיקער טעריטאָריע, וואָס פאַרנעמט אַ זעקסט־חלק פונעם גאַנצן ערד־קוגל.

אומגעהויער גרויס זענען געווען די שוועריקייטן, מיט וועלכע די ראַטן־מלוכה האָט געמוזט קעמפן פאַר איינהאַלטן איר מאַכט. די וועלט־בורזשואַזיע האָט ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז די עקזיסטענץ פון דער ראַטן־מאַכט, אפילו בלויז אין רוסלאַנד, איז אַן ערנסטע סכנה פאַרן קיום פון קאַפּיטאַליזם אין דער גאַנצער וועלט. און דער וועלט־קאַפּיטאַל האָט טאַקע אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כוחות, כדי די פּראָלעטאַרישע מלוכה צו דערטרינקען אין בלוט און דערשטיקן אין הונגער. די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות האָבן געשטיצט דעם קאַמף פון די קאָנטררעוואָלוציאָנערע חילות קעגן דער אַרבעטער־מלוכה. זיי האָבן אויפגעשטעלט, פינאַנסירט און באַוואָפנט די ווייס־גוואַרדייאישע מחנות פון די געוועזענע צאַרישע גענעראַלן, געשיקט זייערע פלאָטן און אַרמייען, כדי ווידער אויפצושטעלן די צאַרישע הערשאַפט אין רוסלאַנד, אונטערגעהעצט די שכנישע מלוכות צום קאַמף קעגן דעם סאָוויעט־פאַרבאַנד. און ווען דער מיליטערישער אָנגריף איז דורכגעפאַלן, האָבן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות אָרגאַניזירט די בלאָקאַדע, כדי אויסצוהונגערן דאָס רעוואָלוציאָנערע לאַנד און ברעכן דעם ווידערשטאַנד.

אַלע פּרוון פון דעם וועלט־קאַפּיטאַל זענען דורכגעפאַלן. די אַרבעטער־מאַכט איז פון די דאָזיקע קאַמפן אַרויס געשטאַרקט און געפעסטיקט. די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות זענען געווען געצוווּנגען זיך צו רעכענען מיט דעם פאַקט. אַ טייל פון זיי האָבן געמוזט אָנקניפּן דיפּלאָמאַטישע אוןווירטשאַפטלעכע באַציִונגען מיט דער ראַטן־מלוכה. דאָס איז אָבער נאָר אַן אָטעם־פּויזע. די קאַפּיטאַליסטן וועלן קיינמאָל נישט שלום מאַכן מיטן קיום פון דער ראַטן־מלוכה, וואָס באַדראָט זייער הערשאַפט און שטערט דורך איר באַזונדערן ווירטשאַפטס־סיסטעם די סטאַביליזאַציע־באַגערן פונעם וועלט־קאַפּיטאַליזם. און דערפון נעמען זיך די נייע פּרוון פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, צו מאָנטירן דעם אַנטי־סאָוויעטישן פראָנט, וועמענס ציל עס איז צו אָרגאַניזירן אַ נייע מיליטערישע קאַמפּאַניע קעגן דער אַרבעטער־מלוכה.

דער ראַטנפאַרבאַנד שטייט פאַר דער סכנה פון אַ נייער אינטערווענץ פון וועלט־קאַפּיטאַליזם און די אַרבעטערשאַפט מוז פאַרשטאַרקן איר אויפמערקזאַמקייט לגבי די דאָזיקע מאַכינאַציעס. פעסט און אַנטשידן מוז זי אַרויסטרעטן קעגן די קאַפּיטאַליסטישע אינטערווענץ־פּלענער. זי טאָר נישט דערלאָזן צו אַן אָנגריף קעגן דער ראַטן־מלוכה.

2

די וועלט־מלחמה, דער בירגער־קריג און דערנאָך די ווייטערדיקע מלחמות האָבן פולשטענדיק רואינירט דיווירטשאַפט אין ראַטן־רוסלאַנד. די לאַנדווירט־ש־אַפט און די אינדוסטריע זענען חרוב געווען. די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען קאַטאַסטראָפאַל. דער ראַטן־מאַכט קומט אויס אויפצובויען די ווירטשאַפט ביי אומגעהויער שווערע באַדינגונגען, ביים מאַנגל פון קאַפּיטאַלן און אַ פּאַסיקן ווירטשאַפט־אַפּאַראַט. און דערביי מוז די ראַטן־מאַכט זיך שטעלן אַזעלכע צילן, וואָס קיין שום מלוכה האָט זיך ביז איצט נישט געשטעלט. אויפצובויען די ווירט־שאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות איז באַזונדערס שווער און קאָמפּליצירט אין דער ראַטן־מלוכה צוליבן איבערוועגנדיק־פּויערישן כאַראַקטער פון איר באַפעל־קערונג. האָט די ראַטן־מאַכט נישט געקאָנט גיין אין די אויסגעטרעטענע קאַפּיטאַ־ליסטישע דרכים, זי איז אָבער אויך נישט געווען אימשטאַנד דורכצופירן תיכף און אָן שטערונגען דעם סאָציאַליסטישן פּרינציפּ אין אַלע ווינקעלעך פון ווירט־שאַפטלעכן לעבן. אויפן אָרט פון מיליטערישן קאָמוניזם, וואָס איז געווען נויטווענדיק בעת דער מלחמה און בירגער־קריג כדי צו פאַרזיכערן דער באַפעל־קערונג די מינימאַלע פאַרזאָרגונג און אַרויסצורייסן ביי די באַזיצנדיקע קלאַסן די אָנגעזאַמלטע דורך זיי רייכטימער, איז געקומען דער נעפּ (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק), וואָס האָט דערלאָזן די עקזיסטענץ פון פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען אין דער לאַנדווירטשאַפט, פון פרייען אינערלעכן האַנדל אין דער פּריוואַטער קלענערער פּראָדוקציע.

פּאָליטיש איז די מאַכט ווייטער געלעגן אומדערשיטערט אין די הענט פון די אַרבעטנדיקע, אין דער ווירטשאַפט אָבער איז פאַרגעקומען אַ שטענדיקער צוזאַמענשטויס צווישן די סאָציאַליסטישע און פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע עלע־מענטן. די ראַטן־מאַכט האָט געטאָן אַלץ וואָס זי האָט געקענט כדי צו שטאַרקן די סאָציאַליסטישע עלעמענטן, און דאָס זענען — די אַנטשיידנדע צווייגן פון דער אינדוסטריע, די גרובן, דער טראַנספּאָרט, די בענק, די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלעקטיוון, די אַרבעטער־ און פּויערים־קאָאָפּעראַציע. ריזיקע סומען פון מלוכה־בודזשעט זענען פאַרנוצט געוואָרן אויף צו אַנטוויקלען די אינדוסטריע און דעם טראַנספּאָרט. בלויז אין משך פון די פיר יאָר פון 1924 ביז 1927 זענען אויף דעם צוועק אויסגעגעבן געוואָרן קרוב צו 4 מיליאַרד רובל, בעת אויף דער לאַנדווירט־שאַפט איז אַסיגנירט געוואָרן 623 מיליאָן. אין דער זעלבער צייט איז אָבער אויך פאַרגעקומען אַ באַדייטנדער וווּקס פון די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן: אויפן דאָרף האָט זיך פאַרשטאַרקט דער רייכער פּויער, אין די שטעט איז אויס־געוואַקסן אַ היפּשער שיכט נעפּ־לייט. אויף דעם באָדן איז אויפגעקומען די לינקע אָפּאָזיציע פון טראָצקין און זיינע חברים, וואָס האָבן דערין געזען אַ סכנה פאַר

דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד. די לינקע אָפּאָזיציע פֿאָדערט נאָך אַ גרעסערע פּריווילעגירונג פֿון דער אינדוסטריע אויפֿן חשבון פֿון פּויערטום. דערפֿאַר פֿאַרלאַנגט זי צו פֿאַרשטאַרקן דעם שטייער־דרוק אויף די פּויערים, וואָרפֿן אַלע מלוכה־מיטלען אויף דער אינדוסטריאַליזירונג פֿון דער ווירטשאַפֿט, העכערן די פּרייזן פֿון די אינדוסטריעלע פּראָדוקטן, וואָס די לאַסט דערפֿון וועט, נאַטירלעך, פֿאַלן אויפֿן פּויערטום — דעם הויפּט־קאָנסומענט. די אָפּיציעלע פּירונג פֿון דער ראַטן־מלוכה שטרעבט אָבער אײַנצוהאַלטן דעם בונד מיט די פּויערים (סמיטשקאַ), וואָס איז פֿון די יסודות פֿון נעפּ, און זי גייט ווייטער אויף דער ביז־איצטיקער ליניע.

אין משך פֿון די לעצטע אַכט יאָר, זינט זי איז פּטור געוואָרן פֿון מלחמות און בירגער־קריג, האָט די ראַטן־מלוכה באַוויזן אָפּצוטאָן אַ קאָלאָסאַלע אויפֿבוי־אַרבעט. אין די שווערסטע באַדינגונגען האָט זי באַוויזן צוריק אויפֿצושטעלן די אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפֿט. אין אַ גאַנצער ריי אינדוסטריע־צווייגן האָט די פּראָדוקציע איבערגעשטיגן די פֿאַרמלחמהדיקע הייך. דאָסזעלבע אויך אין דער לאַנדווירטשאַפֿט. אָבער עס זענען נישט אָפּגעשאַפֿט געוואָרן די ווירטשאַפֿטלעכע שוועריקייטן. די שטייגנדיקע ווירטשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג פֿאָדערט אַלץ גרעסערע קאַפּיטאַלן, וואָס די ראַטן־ווירטשאַפֿט איז נישט אימשטאַנד אַליין צו ליפֿערן. דער וואַקסנדיקער וווילשטאַנד פֿון דער פּויערישער באַפֿעלקערונג פֿאַרגרעסערט די ברייט־קאָנסומציע פֿון דאָרף און עס אַנטשטייען שוועריקייטן ביי דער פּראָוויאַנטירונג פֿון די שטעט, בפרט אין צייטן פֿון שלעכטן שניט. די סיטואַציע אויפֿן דאָרף איז אויך גורם צו דער פֿאַרברייטערונג פֿון אינערלעכן מאַרק אויף אינדוסטריעלע אַרטיקלען, און אַזוי ווי די אַנטוויקלונג פֿון דער ראַטן־פֿאַרבאַנדישער אינדוסטריע גייט לאַנגזאַמער, ווי די אויסברייטערונג פֿונעם מאַרק, אַנטשטייט אַ הונגער אויף אינדוסטריעלע אַרטיקלען. מערקט זיך אַן אומצופֿרידנקייט ביי דער דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג אויפֿן באָדן פֿון נישט גענוגנדיקער פֿאַרזאָרגונג און אויף דעם באָדן איז ווידער לעצטנס אַנטשטאַנען די רעכטע אָפּאָזיציע, אָנגעשפּאַרט אויף די ווירטשאַפֿטלעכע פּירער, וואָס פֿאַרלאַנגען דאָס אָפּשטעלן די ביז־איצטיקע פּריווילעגירונג פֿון דער אינדוסטריע און לייגן מער אַכט אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט. די רעכטע אָפּאָזיציע פֿאָדערט גרעסערע הנחות פֿאַר די פּויערים, אין דער ערשטער ריי אין העכערן די מלוכה־פּרייזן אויף תבואה און געבן אַ גרעסערע באַוועגונגס־פֿרייהייט דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל, בפרט אויפֿן געביט פֿון קאָנצעסיעס פֿאַר אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן. טיילוויז האָט זיך דער דאָזיקער קורס אויסגעדריקט אין לעצטן דעקרעט וועגן אויסלענדישע קאָנצעסיעס, וואָס פּירט איין אַ ריי באַדייטנדע פֿאַרלייכטערונגען פֿאַרן אויסלענדישן קאַפּיטאַל.

3

די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט ממש איבערגעקערט די לעבנס־באַדינ־גונגען פון די 150 מיליאָן איינוווינער, וואָס באַוווינען די ראַטן־מלוכה. אויך אויפן געביט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע זענען פאָרגעקומען ווייטגייענדיקע און עיקרדיקע ענדערונגען.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט געפירט אַן אויסראָטונג־פּאָליטיק לגבי די פיל פעלקער, וואָס האָבן באַוווינט די ריזיקע רוסלענדישע אימפּעריע. דורך טעראָר האָט מען געפּרוווט אויסצווואָרצלען די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט פון די נישט־רוסישע נאַציעס און זיי מיט גוואַלט רוסיציפירן. די נאָוועמבער־איבערקע־רעניש האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם דאָזיקן רעזשים, פּראָקלאַמירט די פולע פרייהייט און זעלבסטבאַשטימונג פון אַלע פעלקער. די ראַטן־קאָנסטיטוציע שטייט אויפן באָדן פון נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג אפילו פאַר די קלענסטע און אָמוויי־ניקסטן אַנטוויקלטע פעלקער. זי איז געבויט אויפן פּרינציפּ פון פעדעראַציע און נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג.

בלויז ביי די יידישע מאַסן זענען פאַקטיש צוגענומען געוואָרן די דאָזיקע מעגלעכקייטן. פאַר זיי איז דער כלל פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע נישט גילטיק. אַזוי ווי דער פעדעראַטיווער פּרינציפּ ווערט דורכגעפירט אויפן טעריטאָריאַלן באָדן און די יידישע מאַסן זענען צעזייט און צעשפּרייט איבערן גאַנצן שטח פון דער ראַטן־מלוכה און בילדן אין ערגעץ נישט קיין מערהייט, זענען די כללים פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג אויף זיי נישט חל. די ראַטן־מאַכט הערט זיך אויך נישט צו צו דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, וועלכע האָלט אונטער דעם לאָזונג פון די פּועלי־ציון וועגן פּראָלעטאַרישער נאַציאָנאַל־פּערסאָ־נאַלער אויטאָנאָמיע, קעגן וועלכן עס טרעט אַרויס די אַסימילאַטאָרישע, פּרינ־ציפּלאָזע יעווסעקציע וואָס האָט מורא צו פאַרלירן די שליטה איבער די יידישע מאַסן, האַלטנדיק זיך נאָר מיטן כוח פון מלוכה־אַפּאַראַט, און נישט האָבנדיק אין דער יידישער מאַסע מער ווי אַ מינימאַלן אָנשפּאַר. אין יידישן לעבן אין ראַטנ־פאַרבאַנד פעלן דערפאַר די עלעמענטאַרסטע פאָרמען פון פּראָלעטאַרישער דע־מאָקראַטיע.

די באַציאונג פון דער ראַטן־מאַכט צו דער יידישער מאַסע איז געוויס אַ גוטע. די ראַטן־מאַכט באַקעמפט אויפן שטרענגסטן אופן דעם אַנטיסעמיטיזם. זי האָט אָפּגעשאַפן די אַמאָליקע יידישע רעכטלאָזיקייט, זי האָט געגעבן גלייכבאַרעכ־טיקונג דער שפּראַך פון די יידישע מאַסן — יידיש, וואָס איז אָנערקענט אין דער אַדמיניסטראַציע און געריכט. די ראַטן־מלוכה האָט געשאַפן און האַלט־אויס פיל שולן און קולטור־אַנשטאַלטן, — פון דער פאָלקס־שול ביז הויכשול — אין דער יידישער שפּראַך. זי באַמיט זיך צו פאַרלייכטערן די שווערע לאַגע פון די יידישע מאַסן, פון וועלכער אַ גרויסער טייל איז אין שייכות מיט די געענדערטע סאָציאַלע

פאַרהעלטענישן פּויפּעריזירט געוואָרן. די ראַטן־מאַכט האָט פון אירע ערד־פאָנדן אָפּגעגעבן גרעסערע שטחים באָדן פאַר די יידישע איבערוואַנדערער און געהאָלפן זיי מיט קרעדיטן, טראַנספּאָרט און שטייער־פאַרלייכטערונגען. אונטערן דרוק פון דער אומגעהויער שווערער לאַגע פון די יידישע מאַסן, איז די ראַטן־מאַכט געווען געצוווּנגען אָנצונעמען דעם לאָזונג פון אַגראַריזאַציע און בכלל פּראָדוקטיוויזאַציע פאַר דער יידישער מאַסע, וואָס די פּועלי־ציון האָבן אַרויסגערוקט פון אָנהייב אָן און ער איז העפטיק באַקעמפט געוואָרן פון דער יעווסעקציע, אַלס נאַציאָנאַליס־טיש און קאָנטררעוואָלוציאָנער.

די באַמיונגען פון דער ראַטן־מאַכט זענען אָבער נישט געווען אימשטאַנד צו לייזן דאָס עקאָנאָמישע פּראָבלעם פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער ראַטן־מלוכה. בלויז קליינע טיילן פון דער יידישער מאַסע האָבן געקאָנט אַריבער־געפירט ווערן צו לאַנדווירטשאַפט אָדער אַריינבאַקומען זיך אין פאַבריקן. פאַרן גרעסטן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג שטייט ווייטער שאַרף דאָס פּראָבלעם פון פּראָדוקטיוויזירונג. די יעווסעקציע, וואָס האָט בכלל ווייניק פאַרשטענדעניש פאַרן גורל פון די יידישע מאַסן, און איר עיקר־ציל איז באַקעמפן דעם פּאַלעסטי־ניזם, נוצט אויס די נויט פון די יידישע מאַסן פאַר איר שעדלעכער פּאָליטיק, און וויקלט פונאַנדער אַוואַנטוריסטישע פּלענער, וואָס זענען אויסן צו וועקן אומבאַ־גרינדעטע אילוזיעס און קענען אונטערגראָבן דאָס ווערק פון אַגראַריזאַציע. צו דער העכסטער מדרגה פון אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט איז די יעווסעקציע דערגאַנ־גען ביים בלאָף מיטן „יידישן לאַנד" אין בירא־בידזשאַן, וועלכער האָט טאַקע אין משך פון אַ קורצער צייט געפּלאַצט. די ראַטן־מאַכט באַגייט אַ גרויסן פעלער, דעקנדיק די דאָזיקע שעדלעכע און לייכטזיניקע פּאָליטיק פון דער יעווסעקציע צום שאָדן פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג.

פּועלי־ציון אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן אין משך פון דער גאַנצער צייט שאַרף געקעמפט קעגן דער דאָזיקער פּאָליטיק פון דער יעווסעקציע. פון אָנהייב אָן האָבן זיי געפירט אַ קאַמף פאַר פּראָדוקטיוויזירן און אַגראַריזירן די יידישע מאַסן, פאַר נאַציאָנאַל־פּראָלעטאַרישער אויטאָנאָמיע, פאַרן פּאַלעסטיניזם. די פּועלי־ציון זענען אין ראַטנפאַרבאַנד געווען דער איינציקער כוח, וואָס האָט זיך כסדר אַנטקעגנגע־שטעלט דער יעווסעקישער, דאָ אסימילאַטאָרישער, דאָרט נאַציאָנאַליסטישער און שטענדיק פּרינציפּלאָזער פּאָליטיק. דערפאַר זענען די פּועלי־ציון אַ דאָרן אין אויג פון דער יעווסעקציע, וואָס האָט זיך שוין זינט יאָרן באַמיט ביי דער ראַטן־מאַכט צו פאַרווערן די פּועלי־ציון אַרבעט. די רוסלענדישע אַרבעטער ווייסן אַז די ראַטן־פאַרבאַנדישע פּועלי־ציון זענען די איינציקע יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס איז פון אָנהייב אָן געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען פון דעם אַרבעטער־קאַמף און האָט מיט בלוט פון אירע חברים דאָקומענטירט איר איבערגע־געבנקייט פאַר דער אַרבעטער־זאַך. אויך די פירער פון דער ראַטן־מלוכה

ווייסן אויסגעצייכנט, אַז דאַן, ווען די הייניקע פירער פון דער יעווסעקציע האָבן צוזאַמען מיט דער ווייסער גוואַרדיע געקעמפט קעגן דער ראַטן־מאַכט, זענען די פּועלי־ציון אין ראַטנפאַרבאַנד געשטאַנען דרייסט אין די שורות פון דער רעוואָלו־ציע. דערפאַר האָבן געמוזט אַוועקגיין יאָרן, ביז וואַנען דער יעווסעקציע איז געלונ־גען אויסצופועלן ביי דער ראַטן־מאַכט דעם שאַנד־אַקט וועגן אויפלייזן און אומ־לעגאַל מאַכן די פּועלי־ציון־פאַרטיי אין ראַטנפאַרבאַנד. די ראַטן־אַנפירונג איז דורך דעם באַגאַנגען אַ פאַרברעכן לגבי די אינטערעסן נישט נאָר פון דער יידי־שער אַרבעטערשאַפט, נאָר אויך פון דער גאַנצער רוסלענדישער אַרבעטערשאַפט.

אין עלפטן יאָר־טאָג פון דעם רוסלענדישן אַרבעטער־זיג, ווען די יידישע אַרבעטערשאַפט, צוזאַמען מיטן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, פּראָטעסטירט קעגן די אָנגריפן פון וועלט־קאַפּיטאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד, הייבן מיר אויף אונ־דזער שטים אויך צום פּראָטעסט קעגן דעם גוואַלד־אַקט לגבי די פּועלי־ציון. מיר פאָדערן פון דער ראַטן־מאַכט און פון די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־אינס־טאַנצן צוריקצוציען דעם דאָזיקן שענדלעכן דעקרעט און צו זיכערן פולע פרייהייט פאַר דער פּועלי־ציון־אַרבעט אין דער ראַטן־מלוכה.

די ראַטן־פאַרבאַנדישע פּועלי־ציון שיקן מיר אונדזערע ברידערלעכע גרוסן און מיר פאָדערן זיי אויף ווייטער הויך צו האַלטן די פאָן פון פּראָלעטאַרישן קאַמף.

„אַרבעטער־צייטונג“ נומ׳ 45, 1928.

צום אַנטי־פאַשיסטישן קאָנגרעס

דעם 9־טן מערץ קומט זיך צונויף דער אַנטי־פאַשיסטישער קאָנגרעס צו באַהאַנדלען אַלע פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן אויפקום פון פאַשיזם און באַטראַכטן די קאַמף־מיטלען קעגן דער אַלץ־וואַקסנדיקער פאַשיסטישער סכנה.

היינט־צו־טאָג איז דער פאַשיזם געוואָרן איינע פון יענע דערשיינונגען, וואָס זענען די סאַמע געפערלעכע פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג; אין אים קומט אויפן ברוטאַלסטן אופן צום אויסדרוק די קאַפּיטאַליס־טישע געוואַלד־הערשאַפט און די ווילדסטע רעאַקציע. נישט נאָר אין די לענדער, ווו דער פאַשיזם איז ביי דער מאַכט, נאָר אין אַלע אַן אויסנאַם קאַפּיטאַליסטישע לענדער עקזיסטירן מער אָדער ווייניקער שטאַרקע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס,

פעסטע שטיץ־פונקטן פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אַפּענסיווע. דער פאַשיזם באַ־דראָט אַזוי אַרום די גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטערשאַפט און דער קאַמף קעגן אים מוז געפירט ווערן נישט נאָר אין די ראַמען פון די באַזונדערע מלוכות נאָר אויך אין אינטערנאַציאָנאַלן מאסשטאַב.

די אַנטשטייונג פון פאַשיזם איז ענג פאַרבונדן מיט דעם קריזיס, וואָס דער קאַפּיטאַליזם לעבט איצט איבער. פריער, אינעם אויפבוי־פעריאָד פון דער קאַפּי־טאַליסטישער ווירטשאַפט, ווען אין אַ ריי לענדער האָט דער קאַפּיטאַליזם געהאַט צו באַקעמפן איבערבלייבענישן פון פעאָדאַליזם, ווען די אַרבעטער־באַוועגונג האָט מיט זיך נאָך נישט פאַרגעשטעלט קיין ערנסטע אַקטועלע סכנה פאַרן קיום פון קאַפּיטאַליזם, האָט די בירגערלעכע דעמאָקראַטיע אַנטשפּראָכן די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. איצט אָבער, אין דער תקופה פון דעגענעראַציע פונעם קאַפּי־טאַליסטישן ווירטשאַפט־סיסטעם, ווען ס׳וואַקסן און ס׳מערן זיך די שוועריקייטן פאַר די קאַפּיטאַליסטן פון אַלע מלוכות ; ווען די פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן פון דער אינדוסטריע שטייגן ווייט איבער די אָפּזאַץ־מעגלעכקייטן ; ווען די אויפוואַכונג פון די קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע פעלקער באַדראָט אַלץ מער די הערשאַפט פון אימפּעריאַליזם ; ווען די אומגעהויער אויסגעוואַקסענע קאָנקורענץ צווישן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות איז פון איין זייט גורם צו אַ ביז גאָר געשטיגענער עקס־פּלאָאַטאַציע פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, און פון דער צווייטער זייט שאַפט זי אַ שטענדיקע און אַלץ מער וואַקסנדיקע מלחמה־סכנה — און בפרט ווען די דאָזיקע לאַגע פון קאַפּיטאַליזם פאַלט צונויף מיטן וווּקס פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און מיט דער עקזיסטענץ פון דער ראַטן־מלוכה, וואָס מוז ווירקן רעוואָלוציאָניזירנדיק אויף די מאַסן אין גאָר דער וועלט — איז דער קאַפּיטאַל אַלץ מער מוותר אויף דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע, וואָס קאָן אים שטערן זייַן באַוועגונגס־פרייהייט, און גייט אַריבער צו אָפענער און ברוטאַלער געוואַלט־הערשאַפט. דאָס אָרט פון דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע האָט דעריבער פאַרנומען די אַממיינסטן ריקזיכטלאָזע און גרויזאַמסטע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעאַקציע.

אמת, נישט אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער עקזיסטירט די נויטווענדי־קייט שוין איבערצוגיין צו דער אָפענער פאַשיסטישער דיקטאַטור. לענדער מיט אַ שטאַרקער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, אין וועלכע דער קאַפּיטאַליזם איז איינגעפונדעוועט, פאַר וועלכע די סכנה פון דער סאָציאַלער איבערקערעניש שטייט נאָך היינט־צו־טאָג נישט דירעקט, קאָנען זיך דערלויבן אייַנצוהאַלטן די דעמאָ־קראַטישע רעגירונג־פאָרמען. אָבער אויך אין די דאָזיקע לענדער ווערן הינטער דעם מאַנטל פון דעמאָקראַטיע אָנגעווענדט פאַשיסטישע מעטאָדן קעגן דער אַרבע־טערשאַפט. ווי, למשל, אין לאַנד פון דער קלאַסישער דעמאָקראַטיע — אין ענגלאַנד — ווו די רעגירונג שטייט אייזן־פעסט הינטער דעם אָנגריף פון קאַפּיטאַל,

ווו די הערשנדיקע בורזשואַזיע האָט דורכגעפירט דאָס באַקאַנטע געזעץ קעגן די טרייד־יוניאָנס, וואָס איז אַן אַטענטאַט אויף דער פּאָליטישער פרייהייט פון אַ טייל בירגער. די זעלבע דערשיינונג מערקן מיר אויך אין אַנדערע „דעמאָקראַטיש־רעגירטע״ לענדער, ווי פראַנקרייך, דייטשלאַנד, אין דער צפון־אַמעריקאַנישער רעפּובליק א. אנד.

דער אָפענער, אומפאַרהוילענער פאַשיזם קומט צום אויסדרוק אין די לענדער, ווו די פּאָזיציעס פון קאַפּיטאַליזם זענען נישט גענוג פעסט, אין לענדער מיט אַן אָפּגעשטאַנענערווירטשאַפט, אין לענדער פון פאַרשפּעטיקטער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, ווו דער קאַפּיטאַליזם מוז האָבן באַזונדערס גינסטיקע באַדינגונגען אין דער פאָרם פון גרענעצלאָזער עקספּלאָאַטאַציע פון דער אַרבעטס־קראַפט, כדי ער זאָל קאָנען ביישטיין דער קאָנקורענץ פון די אַלט־קאַפּיטאַליסטישע לענדער, כדי די פּראָדוקציע זאָל קאָנען ברענגען אַזעלכע ריזיקע פּראָפיטן, וואָס זאָלן צוציען אויסלענדישע קאַפּיטאַלן. די דאָזיקע פּאָליטיק מוז דערפירן צו דער פולשטענדיקער פאַראָרעמונג פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, צו דער מאַקסימאַלסטער פאַרערגערונג פון די לעבנס־פאַרהעלטענישן פון די מאַסן, ביי אַ גלייכצייטיקער ביז־גאָר געשטייגערטער עקספּלאָאַטאַציע פון דער אַרבעטס־קראַפט. די אומצופרידנקייט פון די מאַסן, וואָס וואַקסט אין שייכות דערמיט, ביי דער גלייכצייטיק פאַרהעלטענישמעסיקער שוואַכקייט פון מלוכה־אַפּאַראַט, בילדעט אַן ערנסטע סכנה פאַרן קיום פון די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען. קלאָר, אַז די הערשנדיקע קלאַסן גרייפן אין אַזאַ פאַל צו די עקסטרעמסטע און ברוטאַלסטע מיטלען, אַבי איינצוהאַלטן זייער באַדראָטע ווירטשאַפט. זיי רייסן איבער מיט דער כלומרשטער פאָלקס־הערשאַפט און גייען איבער צו אָפענער, נישט מאַסקירטער און אומברחמנותדיקער קלאַסן־הערשאַפט.

העכער הונדערט מיליאָן מענטשן אין איראָפּע קרעכצן היינט־צו־טאָג אונטערן יאָך פון אָפענעם פאַשיזם. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער־טוער שמאַכטן אין די פאַשיסטישע תפיסות. אַרבעטער־קעמפער ווערן צום טויט פאַרמאַטערט און דערמאָרדעט. נישטאָ אַזאַ פאַרברעך, נישטאָ אַזאַ נידערטרעכטיקייט, וואָס די פאַשיסטישע סאַטראַפּן זאָלן נישט אָנווענדן קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, קעגן יעדן פרייהייטס־געדאַנק. אָבער אויך די לענדער אין וועלכע ס'הערשט די „פאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע״ באַנוצן זיך אַלץ מער מיט פאַשיסטישע מעטאָדן, וואָס ווערן פאַרשטאַרקט אין דער מאָס, ווי ס'פאַרשאַרפט זיך דער קלאַסן־קאַמף, ווי ס'וואַקסן די שוועריקייטן פון קאַפּיטאַליזם.

דער פאַשיזם איז היינט־צו־טאָג די פאַרקערפּערונג פון דער ווילדסטער רעאַקציע, דער אויסדרוק פון דעם אַלץ־וואַקסנדיקן אָנגריף פון קאַפּיטאַל קעגן דער אַרבעטערשאַפט, קעגן דער ראַטן־מלוכה; דער פאַשיזם שטעלט מיט זיך פאָר די געפערלעכסטע פאָרם פון נאַציאָנאַלן שאָוויניזם. אין די פאַשיסטישע לענדער

ווערט געפירט אַ גרויזאַמער אויסראָטונגס־קאַמף קעגן די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן; דער פאַשיזם אָטעמט מיט מיליטאַריזם און דערפאַר איז ער איינע פון די שטאַרקסטע סכנות פאַרן וועלט־שלום. מוז דעריבער אָרגאַניזירט ווערן אַן אומ־אויפהערלעכער, פערמאַנענטער קאַמף פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט קעגן קאַפּיטאַליזם בכלל, ווייל פאַשיזם איז דאָס געזעצלעכע קינד פון קאַפּיטאַליזם אין זיין איצטיקער בין־השמשות־תקופה.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 9, 1929.

פאַר דער קאָנפערענץ אין לאָזאַן

1

זינט דעם סוף פון דער וועלט־מלחמה איז דאָס פּראָבלעם „דייטשע אַנטשע־דיקונגען" קיינמאָל נישט אַראָפּ פון סדר־היום פון דער וועלט־פּאָליטיק, הגם די אימפּעריאַליסטישע מלוכות האָבן עס שוין נישט איינמאָל „ענדגילטיק" געלייזט. די פּרוּוון צו לייזן דאָס אַנטשעדיקונגס־פּראָבלעם — צי לויטן דאַוס־פּלאַן, צי לויטן יאַנג־פּלאַן, אָדער גאָר אויף פּואַנקאַרעס אופן, דורך אָקופּירן דייטשע טערי־טאָריעס — האָבן זיך כסדר אַרויסגעוויזן נישט דורכפירבאַר. איז נישט קיין וווּנדער וואָס סוף יאַנואַר האָט ווידער געזאָלט פאָרקומען אַ קאָנפערענץ אין לאָזאַן כדי צום וויפלסטן מאָל שוין צו באַטראַכטן די פראַגע פון די דייטשע אַנטשעדי־קונגען און מלחמה־קאָנטריבוציעס.

לויטן ווערסאַלער טראַקטאַט לאַסטעט אויף דייטשלאַנד אַ ריזיקער הויקער פון אַנטשעדיקונגס־צאָלונגען. לויטן דאַוס־פּלאַן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן מיט 7 יאָר צוריק און האָט רעגולירט די דייטשע אַנטשעדיקונגס־צאָלונגען, האָט דייטשלאַנד געדאַרפט צאָלן די זיגער־מלוכות אַ ריזיקע סומע פון 2 און אַ האַלבן מיליאַרד גאָלד־מאַרק יערלעך. אפילו לויטן יאַנג־פּלאַן, וואָס האָט באַטייט אַ הנחה לגבי דייטשלאַנד, האָט די יערלעכע אַנטשעדיקונגס־ראַטע באַטראָפן אין מיליאַרד 700 מיליאָן מאַרק. און ווירקלעך איז דייטשלאַנד געווען געצוווּנ־גען איינצוצאָלן אַנטשעדיקונגען (אַריינגערעכנט צינזן) אין משך פון 6 יאָר — פון 1925 ביז 1930 — די ריזיקע סומע פון 13 מיליאַרד מאַרק, ד. ה. 3 מיליאַרד דאָלאַר.

אָבער דאָס דייטשע אַנטשעדיקונגס־פּראָבלעם אַנטהאַלט אין זיך אַ ריי

ווידערשפּרוכן, וואָס רוקן אַרויס נאָכאַנאַנד דאָס דאָזיקע פּראָבלעם און מאַכן עס שטענדיק אַקטועל. די עיקרדיקע סתירה אין דער אַנטשעדיקונגס־פּראַגע איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם, וואָס דייטשלאַנד האָט מיט איר פאַראַנענעם גאָלד־רעזערוו נישט געקאָנט אָפּצאָלן די אַנטשעדיקונגס־סומען אפילו אין דער מיני־מאַלסטער מאָס. די נייטיקע סומען האָט זי זיך געקאָנט שאַפן נאָר דורך אַ קאָלאָ־סאַל־געשטייגערטן סחורות־עקספּאָרט אויפן וועלט־מאַרק. דאָס האָט געקאָנט געשען נאָר דורך אַ שטאַרקער קאָנקורענץ מיט דער אינדוסטריע פון אַנדערע אימפּעריאַליסטישע מלוכות, ווי ענגלאַנד, פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, פראַנקרייך, בעלגיע א.א.וו. אָבער ביים כראָנישן קריזיס אויפן וועלט-מאַרק זינט דעם סוף פון דער וועלט־מלחמה, ביי דער כסדרדיקער איינשרומפּונג פונעם וועלט־מאַרק, ביי דער אַלץ שאַרפער ווערנדיקער דיספּראָפּאָרץ צווישן דער פּראָ־דוציר־פעיקייט און אָפּזאַץ־מעגלעכקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אין דער איצטיקער תקופה און דעם פאַרשאַרפטן קאַמף צוליב דער קאָנקורענץ צווישן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות — קאָנען די איבעריקע אימפּעריאַליסטישע מלוכות נישט פאַרטראָגן, און מוזן באַקעמפן די דייטשע קאָנקורענץ אויפן וועלט־מאַרק. דערפון אַנטשטייט די נישט־לייזבאַרע סתירה און פאַר די זיגער־מלוכות שאַפט זיך די דילעמע: אָדער באַקומען אַנטשעדיקונגען פון דייטשלאַנד און דולדן די קאָנקורענץ פון דער דייטשער אינדוסטריע אויפן וועלט־מאַרק, אָדער מוותר זיין פאַקטיש אויף די אַנטשעדיקונגען אַבי צו באַזייטיקן די דייטשע קאָנ־קורענץ אויפן וועלט־מאַרק.

פּאָליטיש איז די לייזונג פונעם דייטשן אַנטשעדיקונגס־פּראָבלעם פאַר־געקומען אויפן ערשטן וועג — דייטשלאַנד האָט כסדר אָפּגעצאָלט אירע אַנט־שעדיקונגען אין זין פון די אָפּמאַכן. עקאָנאָמיש אָבער איז דאָס פאָרגעקומען אויפן צווייטן וועג — דייטשלאַנד האָט פאַקטיש געצאָלט אירע אַנטשעדיקונגס־ראַטעס פון די קרעדיטן, וואָס זי פלעגט אַריינבאַקומען פון אויסלאַנד. דייטש־לאַנדס אויסלענדישע חובות זענען צום סוף פון יאָר 1930 געשאַצט געוואָרן אויף אַן ערך 26 מיליאַרד מאַרק, דערפון האָט דייטשלאַנד לאַקירט אין אויסלאַנד אַן ערך 10 מיליאַרד — זענען פון די אויסלענדישע קרעדיטן געבליבן אין דייטש־לאַנד אַן ערך 16 מיליאַרד מאַרק. די אָפּגעצאָלטע אַנטשעדיקונג־ראַטעס האָבן, אָבער, מער נישט באַטראָפן, ווי 13 מיליאַרד מאַרק.

2

די יאָרן 1925 — 1929 — זענען דער פעריאָד פון קאָלאָסאַלן אויפבוי פון דער דייטשער אינדוסטריע. מיט דער הילף פון אויסלענדישע קרעדיטן האָט די דייטשע אינדוסטריע שטאַרק פאַרפולקאָמט איר טעכנישע באַזע און זיך געגרייט צוריק צו ווערן אַ דעצידירנדיקער אימפּעריאַליסטישער פאַקטאָר. דאָס קומט

צום אויסדרוק אינעם פאַקט, וואָס דער האַנדלס־בילאַנס פון דייטשלאַנד פאַר די 5 יאָר 1925 — 1929 ווייזט אַרויס אַ דעפיציט פון קנאַפּע 6 מיליארד, ד. ה. אַז דער דייטשער סחורות־אריינפיר איז מיט אַזוי פיל איבערגעשטיגן דעם אַרויס־פיר. הגם די אימפּעריאַליסטישע מלוכות האָבן אויף אַ ריי מערק, דער עיקר אויפן ראַטנפאַרבאַנדישן, גוט געפילט די קאָנקורענץ פון דער דייטשער אינדוס־טריע, איז אָבער דייטשלאַנד געווען פאַר זיי אַ נאָך בעסערער אָפּנעמער.

אָט־אָ דער סיסטעם האָט פונקציאָנירט ביזן אויסברוך פונעם עקאָנאָמישן וועלט־קריזיס, וואָס האָט זיך לסוף — אינמיטן 1931 — אַנטוויקלט צו אַן אומ־געהייערן פינאַנץ־ און קרעדיט־קריזיס. דאָס האָט גורם געווען צו דער פולשטענ־דיקער דערשיטערונג פון אָט דעם סיסטעם, געצוווּנגען צו אַ צייטווייליקער לייזונג פון דער אַנטשעדיקונגס־פראַגע אין דער פאָרם פון דעם הוווער־מאָראַ־טאָריום און אַוועקגעשטעלט אויפסניי דאָס אַנטשעדיקונגס־פּראָבלעם, ווי איינעם פון די צענטראַלסטע פּראָבלעמען פון נאָך־מלחמהדיקן פּעריאָד.

די ריזיקע אויסלענדישע חובות, דער עיקר די קורצטערמיניקע קרעדיטן, וואָס באַטרעפן אַן ערך 10 מיליארד מאַרק, זענען געווען אַן אויסערגעוויינטלעך שוואַכער פונקט פונעם קאַפּיטאַליסטישן אָרגאַניזם פון דייטשלאַנד — זיי האָבן אים געמוזט ברענגען צו אַ שטאַרקער דערשיטערונג אין אַ צייט, ווען דער וועלט־ווירטשאַפטלעכער קריזיס און דער קריזיס אין דייטשלאַנד גופא פאַר־שמעלערן די אָפּזאַץ־מעגלעכקייטן פון דער דייטשער אינדוסטריע און פאַרקלע־נערן די רענטאַבלקייט פון איר פּראָדוקציע; ווען פון דער צווייטער זייט אַנט־שטייט, ווידעראַמאָל אַלס פועל־יוצא פונעם עקאָנאָמישן וועלט־קריזיס, דער קרעדיט־קריזיס — מוז אויפהערן דער צופלוס פון קאַפּיטאַל קיין דייטשלאַנד. עס הייבט זיך אָן, פאַרקערט, דאָס אַרויסציען פון די פעליקע קרעדיטן, דער דייטשער קאַפּיטאַליזם פאַלט אַריין אין צאָלונגס־שוועריקייטן און קאָן נישט אויספירן זיינע התחייבותן. דער דייטשער קאַפּיטאַליזם הערט אויף צו האָבן די מעגלעכקייט צו צאָלן אויך די אַנטשעדיקונגען. נאָכן הוווער־מאָראַטאָריום מוז קומען דער אָפּמאַך מיט די אויסלענדישע קרעדיט־געבער מכוח אַ פּראָלאָנגאַציע פאַר די דייטשע קורצטערמיניקע אויסלאַנד־קרעדיטן. דאָס אַנטשעדיקונגס־פּראָבלעם ווערט אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט דער פראַגע פון דייטשלאַנדס אויסלענדישע קרעדיטן. דערמיט ווערט אויך פאַרבונדן די פראַגע וועגן די מלחמה־חובות פון אַ ריי אייראָפּעאישע מלוכות לגבי צפון־אַמעריקע, וואָס עס איז טאַקע געקומען צום אויסדרוק אינעם פּאַראַיאָריקן הוווער־מאָראַטאָריום.

3

קלאָר איז, אַז ביי דער אומגעהייער קריטישער סיטואַציע, אין וועלכער עס געפינט זיך די דייטשע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, איז אויסגעשלאָסן, זי

זאָל איצט אָפּצאָלן אי די אַנטשעדיקונגס־ראַטע, אי אירע אויסלאַנד־קרעדיטן. דאָס איז נישט געמאָלט אפילו אין בעסערע צייטן. דערפאַר אַנטשטייט אַ קאָנ־פליקט צווישן די אַנטשעדיקונגס־צאָלונגען און דער אויספירונג פון די פאַר־פליכטונגען לגבי די אויסלענדישע קרעדיטן.

דער אַנטייל אין דייטשע אַנטשעדיקונגען, די באַטייליקונג אין דייטשלאַנדס־אויסלאַנד־קרעדיטן, די פאַראינטערעסירונג אין איינהאַלטן די נאָך־מלחמה־טראַקטאַטן, די מדרגה פון באַדראָונג דורך דער קאָנקורענץ פון דער דייטשער אינדוסטריע אויפן וועלט־מאַרק — דאָס זענען די מאָמענטן, וואָס באַשטימען די באַציאונג פון די פאַרשידענע אימפּעריאַליסטישע מלוכות צום דייטשן אַנטשע־דיקונגס־פּראָבלעם און צייכענען אָן זייער פּאָזיציע אין דער פראַגע.

אָט איז דער יערלעכער אַנטייל אין די דייטשע אַנטשעדיקונגען: פראַנק־רייך באַקומט אַן ערך 200 מיליאָן דאָלאַר, ענגלאַנד 90 מיליאָן, איטאַליע 45 מיליאָן, בעלגיע 25 מיליאָן דאָלאַר. די יערלעכע ראַטע אויפן חשבון פון די מלחמה־חובות, וועלכע דיזעלבע מלוכות צאָלן אָפּ די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, באַטרעפט: ביי פראַנקרייך אַן ערך 100 מיליאָן דאָלאַר (עודף 100 מיליאָן). ביי ענגלאַנד 75 מיליאָן (עודף 15 מיליאָן), ביי איטאַליע 35 מיליאָן (עודף 10 מיליאָן), ביי בעלגיע 8 מיליאָן (עודף 17 מיליאָן דאָלאַר).

פון דעם צוזאַמענשטעל ווערט קלאָר, אַז פון די דייטשע אַנטשעדיקונגען געניסט אַממיינסטן פראַנקרייך, נאָך איר בעלגיע, פיל ווייניקער ענגלאַנד און איטאַליע. דאָס אַליין וואָלט גענוג געווען, כדי צו באַרעכטיקן פאַרוואָס דאָס אימפּעריאַליסטישע פראַנקרייך קעמפט אַזוי אַנטשידן איינצוהאַלטן די דייטשע אַנטשעדיקונגען. די דייטשע אַנטשעדיקונגען זענען אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פונעם ווערסיילער טראַקטאַט, וואָס האָט געשאַפן די באַזע פאַר דער מיליטע־רישער העגעמאָניע פון פראַנקרייך אין אייראָפּע און פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון איר עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פּאָזיציע. דאָס איז דער צווייטער מאָטיוו, וועלכער באַשטימט פראַנקרייכס שטעלונג צום אַנטשעדיקונגס־פּראָבלעם.

חוץ דעם איז פראַנקרייך אין דייטשלאַנדס אויסלאַנד־קרעדיטן זייער ווייניק אַנגאַזשירט. איר אינדוסטריע איז אויך ווייניקער באַדראָט דורך דער קאָנ־קורענץ פון דער דייטשער. די אַלע מאָמענטן באַשטימען, אַז פראַנקרייך זאָל פאַרנעמען די פּאָזיציע פון אַ שיילאָק לגבי די דייטשע אַנטשעדיקונגען. די פּאָזיציע פון בעלגיע איז נאָענט צו דער פראַנצויזישער, הגם נישט אַזוי אַנטשידן.

אַנדערש פאָרמירט זיך דער אינטערעס פון ענגלאַנד און איטאַליע.

ענגלאַנדס אַנטייל אין די דייטשע אַנטשעדיקונגען, נאָכן אַראָפּרעכענען די ראַטעס פון די מלחמה־חובות לגבי צפון־אַמעריקע, איז אַ מינימאַלער. ענגלאַנד איז נישט פאַראינטערעסירט איינצוהאַלטן דעם ווערסאַלער טראַקטאַט, ווייל ער העלפט מיט צו דער פאַרפעסטיקונג פון דער העגעמאָניע פון פראַנקרייך — איר

קאָנקורענט אין אייראָפּע. ענגלאַנדס אינדוסטריע איז פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער אַממייסטן באַדראָט דורך דער קאָנקורענץ פון דער דייטשער אינדוסטריע אויפן וועלט־מאַרק. און לסוף, דאָס וויכטיקסטע — ענגלאַנד איז זייער שטאַרק באַטייליקט אין דער קרעדיטירונג פון דייטשלאַנד; צום 31 אָקטאָבער פ. י. האָבן בלויז די דייטשע גרויסע בענק געהאַט קורצטערמיניקע פאַרפליכטונגען: לגבי די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע 430 מיליאָן דאָלאַר, לגבי ענגלאַנד 220 מיליאָן און לגבי פראַנקרייך — נאָר 50 מיליאָן דאָלאַר. דערפאַר איז ענגלאַנד גרייט צו גיין נישט נאָר אויף די ווייטגייענדיקסטע הנחות אינעם אָנטשעדיקונגס־פּראָבלעם, נאָר אַפילו איינגאַנצן צו ליקווידירן די דייטשע אָנטשעדיקונגען מיטן תנאי, אַז צפון־אַמעריקע זאָל מסכים זיין אָפּצומעקן אירע מלחמה־חובות.

איטאַליע אַלס קאַפּיטאַל־אָרעם לאַנד — האָט טאַקע נישט קיין אַנטייל אין די דייטשע אויסלאַנד־קרעדיטן, דערפאַר אָבער געניסט זי וויניק פון די דייטשע אָנטשעדיקונגען און גראָבט אויך קעגן דעם ווערסאַלער טראַקטאַט, ווייל זי האַלט, אַז דער חלק רויב וואָס איז אויסגעפאַלן אויף איר נאָך דער וועלט־מלחמה, איז צו קליין. גרויס איז אָבער איר אַנטאַגאָניזם צום פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם און דאָס שטרייכט נאָך מער אונטער איר קעגנערשאַפט צום פראַנצויזישן שטאַנדפּונקט אין דער אָנטשעדיקונגס־פראַגע.

די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע זענען פאַראינטערעסירט צו ליקווידירן די דייטשע אָנטשעדיקונגען, כדי זיי זאָלן זיין זיכערער מיט די ריזיקע סומען, וואָס זיי האָבן קרעדיטירט דייטשלאַנד זינט דעם יאָר 1925. פון דער צווייטער זייט, אָבער, וואָלט דאָס אָפּמעקן די מלחמה־חובות, וואָס אַפילו ענגלאַנד און איטאַליע שטעלן אַלס באַדינג פאַרן אָפּזאָג פון די דייטשע אָנטשעדיקונגען, געקאָסט יערלעך דעם צפון־אַמעריקאַנישן מלוכה־בודזשעט די סומע פון 250 מיליאָן דאָלאַר. אַזוי אַרום אַנטשטייען אינערלעכע קעגנזאַצן אין דער פּאָליטיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן גופא, קעגנזאַצן, וואָס ווערן נאָך מער צוגעשפּיצט צוליב די וואַלן פון אַ פרעזידענט, וועלכע קומען פאַר הײַ־יאָר.

אַזוי אַרום קומען אויף אַרום דעם אָנטשעדיקונגס־פּראָבלעם אַ ריי אינטערעסן־קעגנזאַצן צווישן די אימפּעריאַליסטישע מלוכות. פון איין זייט אַנטשטייען דריי פראָנטן אינערהאַלב די אייראָפּעאישע אימפּעריאַליסטישע מלוכות: דייטשלאַנד, וואָס דערקלערט אָפן און קלאָר דורך ברינינגס לעצטער דעקלאַראַציע, אַז זי קאָן נישט און וועט נישט צאָלן די אָנטשעדיקונגען, און זי איז אומצופרידן אַפילו מיט אַ צייטווייליקער לייזונג דורך אַ מאָראַטאָריום; פראַנקרייך, וואָס פאָדערט שטאָל און אייזן די אומבאַרירלעכקייט פון דעם יאָנג־פּלאַן און איז העכסטנס גרייט צו אַ קורצן מאָראַטאָריום דראָענדיק מיט פינאַנציעלע און מיליטערישע סאַנקציעס קעגן דייטשלאַנדס אָפּזאָג פון יאָנג־פּלאַן; ענגלאַנד —

איטאַליע, וואָס זענען גרייט צו ליקווידירן די אַנטשעדיקונגען, אויב די פאַריי־ניקטע שטאַטן וועלן מסכים זיין זיך אָפּצוזאָגן פון די מלחמה־חובות.

ענגלאַנד האַלט, אַז בילכער איז דייטשלאַנד זאָל אָפּצאָלן אירע פּריוואַטע קרעדיטן אין אויסלאַנד; פראַנקרייך, אַז דעם פאָרצוג מוזן האָבן די אַנטשעדי־קונגען. פון דער צווייטער זייט שאָפט זיך דער פראָנט פון אַלע אימפּעריאַליסטי־שע מלוכות קעגן די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע בנוגע די מלחמה־חובות, וואָס זיי אַלע זענען פאַראינטערעסירט אין זייער אָפּמעקן. ס׳איז אַ פראָנט פון אַלע קעגן אַלע.

נישטאָ קיין אויסזיכט צו לייזן די אַלע קעגנזאַצן, וואָס ווערן באַזונדערס צוגעשפּיצט צוליבן אַלץ שאַרפער־ווערנדיקן וועלט־ווירטשאַפטלעכן קריזיס, ווען יעדע קאַפּיטאַליסטישע מלוכה איז געצוווּנגען האַרטנעקיקער צו פאַרטיידיקן אירע אינטערעסן. פראַנקרייך איז אומבויגזאַם; ענגלאַנד איז געצוווּנגען זיך צו רעכענען מיט דער דאָזיקער שטעלונג צוליב איר פינאַנציעלער אָפּהענגיקייט פון פראַנקרייך; הוווערס ענטפער אויף לאַוואַלס לעצטער ווענדונג באַווייזט, אַז די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע ווילן נישט הערן מכוח אַן אַלגעמיינעם אָפּזאָג פון די מלחמה־חובות. זיי ווילן שפּאַלטן דעם אייראָפּעאישן אימפּעריאַ־ליסטישן פראָנט, צוזאָגנדיק ענגלאַנד הנחות אין דער פראַגע. זיי זענען אפילו נישט מסכים צו פאַרלענגערן דעם מאָראַטאָריום. אַזוי אַרום שאַפט זיך אַ סיטו־אַציע אָן אַן אויסוועג בנוגע דער אַנטשעדיקונגס־פראַגע — וואָס איז איינע פון די צענטראַלסטע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין נאָך־מלחמה־פּעריאָד.

דאָס באַשטימט דעם גורל פון דער לאָזאַנער קאָנפערענץ. נאָך פאַר איר צונויפקומען זיך רעדט מען שוין וועגן אָפּלייגן זי. אָבער אפילו ווען זי וועט זיך צוזאַמענקומען, וועט זי נישט זיין אימשטאַנד צו ברענגען וועלכע נישט איז ערנסטע לייזונג פונעם אַנטשעדיקונגס־פּראָבלעם. אין בעסטן פאַל וועט די לייזונג אָפּגעדוקט ווערן דורך אַ קורצטערמיניקן מאָראַטאָריום פאַר דייטשלאַנד.

פונקט ווי אַלע ווונדן פון קאַפּיטאַליסטישן אָרגאַניזם, בלייבט אייטערן אויך די שווערע אַנטשעדיקונגס־ווונד.

„אַרבעטער־צייטונג“ נומ׳ 3, 22 יאַנואַר 1932.

הינדענבורג און היטלער

היטלער האָט געפּאָדערט פאַר זיך די גאַנצע מאַכט אין דייטשלאַנד, אין דעם פאַרנעם ווי מוסאָליני האָט באַקומען נאָכן מאַרש אויף רוים, און הינדענבורג האָט עס אים אָפּגעזאָגט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אויסברוך פון שמחה צווישן די דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטן. עס האָט זיך שוין געדאַכט, אַז די אָפּאָרטוניסטן וועלן מער נישט געפינען קיין געלעגנהייט, צו פאַרשפּרייטן דעמאָקראַטישע אילוזיעס צווישן די אַרבעטער־מאַסן; אַז דער היטלעריסטישער טעראָר און די ברוטאַלע ליקווידאַציע פון די מאַגערע רעשטלעך פון דעמאָקראַטישן רעזשים אין דייטשלאַנד דורך פאָן פּאַפּענען, וועלן זיי אַרויסשלאָגן פון האַנט די דעמאָקראַטישע קאָרט. זיי האָבן אָבער „גליק" — די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן! איצט זענען זיי ווידער שטאָלץ אויף „זייער פּרעזידענט" — דעם קייזערלעכן פעלד־מאַרשאַל פאָן הינדענבורג. ער האָט געהאַנדלט, ווי זיי שרייבן, „מענלעך" און „אַנטשלאָסן", ער האָט געהאַנדלט אין הסכם מיט דער קאָנסטיטוציע. און ווידער איז הינדענבורג אין זייערע אויגן געוואָרן אַ העלד פון אַנטי־היטלערישן קאַמף!

די געשיכטע פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג אין די לעצטע יאָרן איז, ווייזט אויס, נאָך צו אָרעם געווען אין טראַגישע געשעענישן. דער ביטערער חוזק, וואָס דער זעלבער הינדענבורג האָט געטריבן מיט דער אייגענער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט אים אַרויפגעבראַכט אויפן פּרעזידענט־שטול, איז אפנים נאָך צו קנאַפּ געווען, אויב נאָך דעם אַלעם איז נאָך מעגלעך: אַז אַזאַ גרויסער טייל אַרבעטער זאָל נעמען ערנסט די באַבסקע רפואות פון דער ביר־גערלעכער דעמאָקראַטיע און הינדענבורגס קעגנערשאַפט צום פאַשיזם.

וואָס איז פאָרגעקומען צווישן היטלערן און הינדענבורגן? צי האָט הינ־דענבורג מיט זיין רעגירונג פּאַפּען־שלייכערווירקלעך געהאַנדלט לגבי היטלערן ווי קעגנער? דורכאויס נישט! מען האָט געוואָלט אָוועקגעבן היטלערן נישט נאָר דעם אַמט פון וויצע־קאַנצלער אין דער דייטשער מלוכה, נישט נאָר דעם אַמט פון דייטשן אינערן־מיניסטער — דעם וויכטיקסטן אַמט אין דער רעגירונג — וואָס איז דער פאַרוואַלטער איבער די פּאָליציייאישע קרעפטן, איבער דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, נאָר אויך די קאַנצלערשאַפט אין פּרייסן, חוץ אַנדערע מיניסטאָרן־פּאָסטנס. זיין קאַנצלער אין פּרייסן הייסט אָנפירן מיט צוויי דריטל פון דער גאַנצער מלוכה. אָבער היטלער האָט אויך דאָס אָפּגעוואָרפן — ער האָט געוואָלט נישט אַנדערש, נאָר די פולע, אומבאַגרעניצטע מאַכט!

נישט אָפּשטויסן היטלערן האָט געוואָלט הינדענבורג, נישט פירן אַ קאַמף קעגן אים, נאָר פאַרקערט, דורכקומען מיט אים, געבן אים די דעצידירנדיקע,

הגם נישט די אויסשליסלעכע השפעה אין דער רעגירונג. עס זענען געווען מאָטיוון — וויכטיקע און ערנסטע — פאַרוואָס הינדענבורג און פאָן פּאַפּען־שלייכער, די אינטערעסן־פאַרטרעטער פון דער שווערער אינדוסטריע און פון דעם פּריציש־יונקערישן שיכט, האָבן געהאַלטן פאַר אוממעגלעך אין געגעבענעם מאָמענט איבערצוגעבן אָפן די פולע מאַכט אין היטלערס הענט.

די בירגערלעכע דעמאָקראַטיע איז טאַקע די באַקוועמסטע פאָרם פאַר דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַליזם — אָבער נאָר אין „נאָרמאַלע צייטן”. די איצטי־קע „נישט נאָרמאַלע צייטן”, מיטן קאַטאַסטראָפאַלן קריזיס פון דער קאַפּיטאַליס־טישער ווירטשאַפט, צווינגען די בורזשואַזיע אָנצוווענדן דעם סיסטעם פון אָפענער, ברוטאַלער דיקטאַטור.

די פאַשיסטישע היטלער־באַוועגונג אין דייטשלאַנד איז אויסגעוואַקסן צו אַ ריזיקער מאַכט ביי דער אַקטיווער מיטהילף און וואָרעמסטער אונטערשטיצונג פונעם קאַפּיטאַל, פון דער שווערער אינדוסטריע אין דער ערשטער ריי. זי וואָלט געוויס גערן געזען, ווען די גאַנצע מאַכט ליגט אין די הענט פון די פאַשיסטישע מאָרד־באַנדעס, וואָס האָבן שוין געגעבן אַ פאָרשפּיל פון זייער שפּעטערדיקער הערשאַפט דורך מאַסנהאַפטע טעראָר־אַקטן און בלוטיקע מאָרדן לגבי דער אַרבעטערשאַפט און דער יידישער באַפעלקערונג. נאָר אַ זייער וויכ־טיקער אומשטאַנד הייסט די קאַפּיטאַליסטן האַנדלען פאָרזיכטיק — און דאָס איז דער אויפגעוואַכטער ענערגישער ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער־מאַסן, דער סטיכיש זיך־שאַפנדיקער איינהייטלעכער אַרבעטער־פראָנט קעגן פאַשיזם. די בורזשואַזיע פאַרשטייט אויסגעצייכנט, אַז אַן אָפענע, נישט־געשלייערטע דיקטאַ־טור מיט דער הערשאַפט פון היטלערס מאָרד־באַנדעס וואָלט אַרויסגערופן אַ קאָלאָסאַלע פאַרביטערונג ביי די אַרבעטער־מאַסן, און אויפגעהויבן קעגן איר אַפילו די מאַסן, וואָס שטייען אונטער דער השפעה פון אָפּאָרטוניזם און געקענט ברענגען צו פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע דערשיטערונגען, וואָס וואָלטן געמוזט זיין קאַטאַסטראָפאַל פאַר דער דייטשער בורזשואַזיע.

די שווערע אינדוסטריע און די יונקעריש־פּריצישע קליקע ווילן די דאָזיקע ריזיקע אויסמיידן. זיי רעכענען אויס, אַז דער קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן קעגן דער געמיינזאַמער הינדענבורג־היטלער־רעגירונג, אָדער איצטיקער מאָנאַרכיסטיש־יונקערישער רעגירונג פּאַפּען־שלייכער, וועט אָפּגעשוואַכט ווערן, אויב פאַר זיי וועט זיך אַוועקשטעלן ממשותדיק די סכנה, אַז היטלער זאָל באַקומען די אויסשליסלעכע מאַכט. זיי האָבן די אויסרעכענונג, אַז עס וועט זיין לייכטער איינצופירן דעם היטלערישן פאַשיזם אויף ראַטעס, בהדרגה, איידער מיט אַ מאָל — דאַן וועט די פּראָוואָקאַציע לגבי די אַרבעטער־מאַסן, און ממילא אויך זייער ווידערשטאַנד, נישט זיין אַזוי שאַרף.

דאָס איז די טאַקטיק נישט נאָר פון דער איצטיקער רעגירונג אין דייטש־

לאַנד, נאָר אויך פֿון די בירגערלעכע „דעמאָקראַטישע” קרייזן, וואָס שטייען אין אָפּאָזיציע צו איר. דאָס קאַטוילישע צענטרום, די פּאַרטיי פֿונעם פֿריערדיקן דייטשן קאַנצלער ברינינג, די איינציקע פּאַרטיי, וואָס האַלט זיך נאָך ביי בירגערלעכער דעמאָקראַטיע, האָט זיך געווענדט צו די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן מיט אַ פֿאָרשלאַג אויסצובילדן אַ געמיינזאַמען קאָאַליציע־קאַבינעט אין גאַנץ דייטשלאַנד און אין פּרייסן, געשטיצט אויף אַ מערהייט סיי אין דייטשן, סיי אין פּרייסישן פּאַרלאַמענט. אויך דאָס מיטעלע בירגערטום און דער האַנדל, וואָס גרופּירן זיך אַרום דעם צענטרום, זענען פֿאַראינטערעסירט איינצושפּאַרן דייטשלאַנד די ווירטשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע דערשיטערונגען, וואָס וואָלטן געמוזט קומען מיטן איינפֿירן די אָפֿענע היטלער־דיקטאַטור.

ווי מיר זעען — זענען נישטאָ קיין עיקרדיקע אונטערשידן צווישן היטלערן און הינדענבורגן. דער חילוק איז מער אין טעמפּאָ — היטלער איז אומגעדולדיק, ער וויל נישט וואַרטן, הינדענבורג־שלייכער, אַנטקעגן, זענען פּאָרזיכטיקער — זיי איילן זיך נישט.

די בירגערלעך־דעמאָקראַטישע און סאָציאַל־אָפּאָרטוניסטישע פּרעסע האָט נאָכן שבתדיקן טאָג געיובלט — זי האָט געדרעשט וועגן אַן אָפֿענעם און שאַרפֿן ברוך צווישן היטלערן און דער איצטיקער דייטשער רעגירונג. ווידער האָט מען אָנגעהויבן רעדן, ווי אין ברינינגס צייטן, אַז די רעגירונג פּאַפּעןשלייכער איז אַ קלענער בייז, ווי אַ רעגירונג היטלער. אָבער די פֿאַקטן ווייזן קלאָר און דייטלעך, ווי אומבאַגרינדעט די שׂמחה איז געווען — שוין די ערשטע טעג נאָכן פֿאַרגעקומענעם „ברוך” באַווייזן, אַז די איצטיקע רעגירונג האָט נישט בדעה אַרויסצוטרעטן שאַרף אָדער אפֿילו איבעררייסן מיט אירע היטלערישע שותּפֿים און העלפֿער.

דער היטלערישער טעראָר איז נישט נאָר נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ער האָט זיך פֿילפֿאַך געשטאַרקט: באָמבעס־אַטענטאַטן, מאָרד־אָנפֿאַלן, טעראָר־אַקטן מערן זיך פֿון טאָג צו טאָג; קאַפּיטאַן רעם, דער שטאַב־שעף פֿון היטלערס ברוינער מאָרד־אַרמיי רימט אָפֿן אין אַ „שטאַב־באַפֿעל” די דאָזיקע מאָרד־טאַטן — און פֿינדעסטוועגן ווערן לגבי די דאָזיקע באַנדיטן נישט אָנגעווענדט די „אַנטיטעראָר־דעקרעטן”, וואָס זענען אַרויסגעלאָזן געוואָרן. זיי ווערן אָבער יאָ אויסגענוצט קעגן רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, אין וועמען די פּאָליציי שיסט ביי יעדער געלעגנהייט, וועמענס לאָקאַלן ווערן באַזעצט. אויף דער פֿאַרשידנאַרטיקער באַציאונג פֿון דער מאַכט צו די אָנגרייפֿנדיקע פֿאַשיסטישע באַנדיטן און צו די אַרבעטער, וואָס פֿאַרטיידיקן זיך, באַווייזט דער אורטייל פֿון קעניגסבערגער געריכט, וואָס פֿאַרמשפּט 11 אַרבעטער צו שווערע שטראָפֿן.

אפֿילו נאָכן שבתדיקן „ברוך” צווישן הינדענבורגן און היטלערן זענען די פֿעדים פֿון דער איצטיקער רעגירונג צו היטלערן נישט איבערגעריסן געוואָרן

— די פּרעסע מעלדעט וועגן ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען צווישן היטלערן און דעם גענעראַל שלייכער. קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ נישט צו טאָן מיט צוויי פֿיינטלעכע כוחות. ביידע — סיי היטלער, סיי שלייכער־הינדענבורג האָבן איצט פֿאַר זיך איין אויפֿגאַבע — צו צעברעכן און אַ תל צו מאַכן פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

די אַרבעטערשאַפֿט אין דייטשלאַנד מוז אויפֿן אַנטשיידנסטן אופֿן אָפּוואַרפֿן די נייע אילוזיעס, וואָס ווערן פֿאַרשפּרייט מצד דער ס.ד. אין שייכות מיט הינ־דענבורגס אָפּזאָג איבערצוגעבן די גאַנצע מאַכט היטלערן. דער אַרבעטערשאַפֿט בלייבט נאָר איין וועג קעגן דער דיקטאַטור פֿון פֿאַשיזם, קעגן דעם אַנגריף־כּוחעם קאַפּיטאַל — דאָס איז דער וועג פֿון קאָמפּראָמיסלאָזן, רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 29, 1932.

פּוילן אין דעצידירנדיקן מאָמענט

בליץ־שנעל ענדערט זיך דאָס אויסזען פֿון דער אייראָפּעאישער מאַפּע. נעכטן איז דאָס דייטשע מיליטער אַריין אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי און אַ סוף געמאַכט צו איר אומאָפּהענגיקער עקזיסטענץ, מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועלן דייטשע חיילות אַריינמאַרשירן אין מעמל (קליפּעדע) און דער ליטווישער פּראָ־טעקטאָראַט איבער דעם דאָזיקן געביט וועט געהערן צו דער פֿאַרגאַנגענהייט. נעכטן האָט זיך געווענדט וועגן „שוץ און פּראָטעקטאָראַט" דער טשעכאָסלאָ־וואַקישער פּרעזידענט האַכאַ; היינט האָט דעם מעמל־געביט אָפּגעטרעטן דורך אַ „פּריוויליקן באַשלוס" דער ליטווישער סיים. די געשעענישן לויפֿן ווי אין אַ פֿילם און האַלטן אין געשפּאַנטער אויפֿמערקזאַמקייט די גאַנצע וועלט. פֿאַר קיינעם איז קיין ספֿק נישט, אַז די איצטיקע פּאָליטישע געשעענישן און זייערע פֿאָלגן קאָנען דעצידירן וועגן דעם גורל פֿון אייראָפּע און אירע איינצלנע לענדער.

די מאַכט פֿון דייטשלאַנד איז געוואַלדיק אויסגעוואַקסן. סיי אין שטח סיי אין באַוואָפֿענונגס־מיטלען און אין פֿאַרנעם פֿון דער באַוואָפֿענונגס־אינדוסטריע האָט זיך דייטשלאַנד זייער באַדייטנד געשטאַרקט. אָבער דער וווּקס פֿון דייטש־לאַנדס מאַכט און די געפֿאַר, וואָס עס באַטייט פֿאַר אַנדערע מלוכות, האָט גע־שטעלט אויף די פֿיס די מערבֿ־אייראָפּעאישע דעמאָקראַטישע מלוכות. פֿון די־

רעדעס פון טשעמבערלענען און האַליפאַקס, די נאָטעס פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע אָנערקענען נישט די אַנעקסיע פון טשעכיע און דערקלערן זי פאַר אומלעגאַל און אַ ברוך פון דייטשלאַנדס פאַרפּליכטונגען; פון די ברייטע פולמאַכטן וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג האָט באַקומען פונעם פּאַרלאַמענט און דער כסדרדיקער קאָנטאַקט צווישן די דיפּלאָמאַטן פון די אויבנדערמאַנטע מלוכות — זעט מען קלאָר, אַז ווי אַ תשובה אויף דייטשלאַנדס לעצטע טריט, מאָנטירט זיך אַ קאָאַליציע פון די נישט־פאַשיסטישע מלוכות, וואָס איר שאַרף וועט זיין בולט געווענדט קעגן דייטשלאַנד און קעגן די „אַקס“־מלוכות בכלל.

די אַלע געשעענישן האָבן אַוועקגעשטעלט די אויסלענדישע פּאָליטיק אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט אין אַלע לענדער, און פּוילן בתוכם. פּוילן איז אַ שכן פון דייטשלאַנד און די פּאָליטיק פון דעם „דריטן רייך“ און איר ווייטערדיקע ריכטונג קאָנען פאַר איר נישט גלייכגילטיק זיין. פּוילנס אָריענטאַציע און דעציזיע אין אַלע יענע פראַגן, וואָס רודערן איצט אויף די עפנטלעכקייט אין דער גאָרער וועלט, וועלן בלי־ספק האָבן גאָר אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן ווייטערדיקן גאַנג פון דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק. איז נישט קיין ווונדער, אַז די פּאָליטישע פּאַרטייען אין פּוילן רופן דרינגענד צונויף זייערע אָנפירער־אינסטאַנצן און נעמען שטעלונג אין דער ערשטער ריי צו די פראַגן פון פּוילנס אויסערן־פּאָליטיק.

ביז איצט זענען באַקאַנט די באַשלוסן פון דער פּויערים־פּאַרטיי, פּ.פּ.ס. און ענדעקעס, וואָס זענען ביז נישט לאַנג געווען דורכגעדרונגען פון סימפּאַטיעס פאַרן היטלעריזם. זיי זענען, ווייזט אויס, דורך די לעצטע געשעענישן אויסגעניכטערט געוואָרן און פאָדערן „אַן ענדערונג פון דער פּוילישער אויסערן־פּאָליטיק, ווייל די ביז־איצטיקע פּאָליטיק האָט נישט באַוויזן צו פאַרשטעלן דעם וועג פאַר די אונדז אומגינסטיקע ענדערונגען אין מיטל־ און מזרח־אייראָפּע“. די ענדעקישע רעזאָלוציע פאַרבינדט די געפאָדערטע ענדערונג אין דער אויסערן־פּאָליטיק מיט אַ פאָדערונג צו ענדערן די אינערן־פּאָליטיק אַזוי, אַז „די פאַרבאַהאַלטענע ענערגיע פונעם פאָלק זאָל באַפרייט ווערן און מ׳זאָל אים דערלויבן צו נעמען די פולע אחריות פאַרן גורל פון דער מלוכה“. אויף וואָס פאַר אַן אופן דאָס זאָל געשען, וועגן דעם רעדט נישט די רעזאָלוציע. מען קאָן פון איר העכסטנס אַרויסדרינגען, אַז די ענדעציע שטעלט זיך נישט איין פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער אינערלעכער פּאָליטיק, זי וואָלט נאָר וועלן קריגן אויף איר אַ דעצידירנדיקע ווירקונג.

פיל קלאָרער זענען, פאַרשטייט זיך, די באַשלוסן פון דער דעמאָקראַטישער־סאָציאַליסטישער אָפּאָזיציע, ד. ה. פון דער פּויערים־פּאַרטיי און פּ.פּ.ס. ביידע פּאַרטייען פאָדערן עס זאָל געענדערט ווערן די ריכטונג פון דער פּוילישער

אויסערן־פּאָליטיק און די אינערלעכע פּאָליטיק זאָל שטיין אין איינקלאַנג מיט דער דאָזיקער ענדערונג. ביידע רוקן אַרויס אַלס ציל פון דער ענדערונג די דעמאָקראַטיזירונג פונעם פּאָליטישן סיסטעם. ביידע פּאַרטייען פּאָדערן, עס זאָל געשאַפן ווערן אַ „רעגירונג פון נאַציאָנאַלן צוטרוי", געשטיצט אויף מאַסן־פּאַרטייען פונעם פּוילישן פּאָלק. און ביידע האָבן באַשלאָסן מכוח דער פראַגע זיך צו ווענדן צום מלוכה־פּרעזידענט, אַלס דעם העכסטן און דעצידירנדיקן פאַקטאָר אין לאַנד. מיט דער שטעלונג פון דער פויערים־פּאַרטיי און פּ.פּ.ס. סאָלידאַריזירט זיך אויך די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אַזוי אַז מען קאָן רעדן וועגן אַן איינהייטלעכער שטעלונג פון דער גאַנצער פּוילישער דעמאָקראַטיע אין די עיקר־פראַגן פון דער אויסערלעכער און אינערלעכער פּאָליטיק.

דאָס וואָרט פון דער פּוילישער דעמאָקראַטיע אין דער גורל־שעה איז קלאָר און אומצווייטייטיק. די פּוילישע פּאָלקס־מאַסן זענען מיט אַלע פעדים פון זייער נשמה איבערגעגעבן דער זאַך פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט און זענען גרייט צו שטעלן זיך אין איר שוץ, ווען עמעצער זאָל פּרוּוון זי אָנגרייפן. דעריבער האָט די פּוילישע דעמאָקראַטישע פּרעסע מיט אַ באַזונדערער באַפרידיקונג אונטערגעשטראָכן יענעם אָרט אין דער רעדע פונעם מלוכה־פּרעזידענט, פּראָפ' מאָשציצקי, פונעם 19 מערץ, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז פּוילן וועט זיך קיינעם נישט איבערגעבן אין שוץ. די ווערטער וואָס זייער זין איז, אַז פּוילן איז דעצידירט צו באַשיצן איר פולע אומאָפּהענגיקייט מיט אַלע כוחות, זענען דורך די דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע אָרגאַנען באַזונדערס אונטערגעשטראָכן געוואָרן.

וואָס טראַכטן וועגן די אַלע פראַגן די מאַסן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און בתוכם די יידישע מאַסן? דער ענטפער אויף דעם קאָן נישט זיין גלייכגילטיק אַלע יענע, וועמען עס ליגט באמת אויפן האַרצן די פרייע אַנטוויקלונג און געזיכערטע צוקונפט פון פּוילן. בילדן דאָך די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אַ דריטל פון פּוילנס באַפעלקערונג און די יידן פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם טייל פון דער שטאָטישער פּאָלקס־מאַסע.

אין „דזשיענניק לודאָווי" שרייבט דער פּ.פּ.ס.ישער פירער, זאַרעמבאַ, וועגן דעם, ווי ווייט די איצטיקע פּאָליטישע קאָניונקטור גיט פּוילן אַ מעגלעכקייט צוצובינדן צו זיך די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דאָס איז ריכטיק. די פּאָדערונגען פון דער פּוילישער דעמאָקראַטיע, וועלכע ליגן אויף דעם וועג פון פּוילנס געזונטער אַנטוויקלונג, זענען מסוגל צו באַהעפטן וואָס ענגער נישט נאָר די פּוילישע מאַסן נאָר אויך די מאַסן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פּוילן מיט די לעבנס־וויכטיקע אינטערעסן און אויפגאַבן פון לאַנד. דאָס דאַרף באַזונדער אונטערגעשטראָכן ווערן.

די באַוווסטזיניקע יידישע אַרבעטערשאַפט סאָלידאַריזירט זיך מיט דער

שטעלונג און מיט די עיקרדיקע אויספֿירן פֿון דער פּוילישער דעמאָקראַטיע. אין דעם איצטיקן היסטאָרישן מאָמענט, וואָס ברענגט אַריין אַזעלכע טיפֿע ענדערונגען אינעם פּאָליטישן לעבן פֿון דער גאָרער וועלט, דאַרף די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון פּוילן וואָס מערער צונויפֿגעבונדן ווערן מיטן גורל פֿון לאַנד און די פּאָליטיק דאַרף זיך אָנשפּאַרן אויפֿן צוטרוי פֿון די ברייטסטע מאַסן. די פֿאָדערונג צו שאַפֿן אַזאַ רעגירונג, וואָס זאָל געניסן פֿונעם צוטרוי פֿונעם גאַנצן פֿאָלק, באַטייט דעמאָקראַטיזירונג פֿון די פּאָליטישע פֿאַרהעלטענישן אין לאַנד און מוז אונטערגעהאַלטן ווערן אויך דורך דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט, ביי וועלכער עס איז קיין ספֿק נישטאָ, אַז די דעמאָקראַטיזירונג פֿונעם פּאָליטישן לעבן מוז זיך בינדן מיט דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער פֿולער און פּאַקטישער גלייכבאַרעכטיקונג פֿון אַלע בירגער אָן חילוק פֿון נאַציע, און דאָס מיינט אויך פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג.

אין דער איצטיקער גורל־שעה פֿון אייראָפּע, ווען אַלע פּאָליטישע פֿראַגן ווערן געשטעלט מיט באַזונדערער שאַרפֿקייט און פֿאָדערן אַ בולטן ענטפֿער, דערקלערן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין פּוילן זייער פֿולע סאָלידאַריטעט מיט די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן פֿון שטאָט און פֿון דאָרף, מיט דער פּוילישער דעמאָקראַטיע צום שוץ פֿון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט און פֿרייער אַנטוויקלונג.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 9, 24 מערץ 1939.

די סיבות פֿון פּוילנס צוזאַמענבראָך

די לאַגע פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שווערע. שוין די ערשטע שריט פֿון אויפֿגעשטאַנענעם פּוילן זענען פֿאַרצייכנט געוואָרן מיט פּאָגראָמען אין לעמבערג און קעלץ און מיט דער באַקאַנטער הריגה אין פּינסק. בעת דער מלחמה אין יאָר 1920 זענען אַנטי־יידישע עקסצעסן געווען אַן אָפּטע דערשיינונג. פֿאַר יידישע מיליטער־לייט איז שוין דאַן געשאַפֿן געוואָרן דער לאַגער אין יאַבלאָנע — לויטן באַפֿעל פֿון גענעראַל סאָסנקאָווסקי, פּילסודסקיס דעמאָלטיקע רעכטע האַנט. די פּוילישע בירגערלעכע פּאַרטייען, בפֿרט די שטאַרקסטע און אײַנפֿלוסרייכע פֿון זיי — די ענדעציע — זענען געווען דורכגעדרונגען מיט אַנטיסעמיטיזם. אפֿילו די פּויערים־פּאַרטייען זענען נישט געווען פֿריי פֿון יידן־האַס. נאָך אין די צייטן פֿון

פּאַרלאַמענטאַרישער הערשאַפט זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו באַגרענעצן די פּאָליטישע רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג — געגנוג צו דערמאָנען די געוואַלדיקע אַנטי־יידישע העצע, נאָכדעם ווי גאַבריעל נאַרוטאָוויטש איז אויסגע־ווײלט געוואָרן אַלס מלוכה־פּרעזידענט מיט דער הילף פון יידישע שטימען. אויב מ׳האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט געוואָגט דורכצופירן די פאָרמעלע באַ־גרענעצונג פון יידישע רעכט, ווייל מ׳האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט, האָט אָבער קיינמאָל — אין משך פון דער גאַנצער פאַרמלחמהדיקער עקזיסטענץ פון פּוילן — נישט אויפגעהערט דער עקאָנאָמישער קאַמף קעגן דער יידישער באַפעלקערונג מצד דער מלוכה.

דאָס סאַנאַטאָרישע פּוילן מיט זיין אויטאָריטאַרישן רעזשים איז אויך אויף דעם געביט געווען אַנטשלאָסענער ביי דורכפירן די רעאַקציאָנערע פּאָלי־טיק, איידער דאָס בירגערלעכע פּוילן פון דעם פאַר־סאַנאַציע־פּעריאָד. דער אַנטי־יידישער קורס איז געוואָרן דאָס אָפיציעלע פּראָגראַם פון דער רעגירונג און פון רעגירנדיקן לאַגער. די סאַנאַציע האָט איבערגענומען די היטלעריסטישע יידן־פרעסערישע אידעאָלאָגיע און זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון אַנטיסע־מיטישן לאַגער אין פּוילן. די לאָזונגען וועגן צוואַנגס־עוואַקואַציע פון יידן זענען באַגלייט געוואָרן דורך עקאָנאָמישער אויסראָטונג, אַרויסטרייבן יידן פון שול־ווזן און אַנטי־יידישע עקסצעסן. די היטלעריסטישע ראַסן־טעאָריע האָט געפונען דעם וואַרעמסטן אָפּקלאַנג אויף די שפּאַלטן פון דער אָפיציעלער און האַלב־אָפיציעלער פּוילישער פּרעסע און אַפילו שוין אין דער גאָר לעצטער צייט, ווען דאָס לאַנד איז שוין געשטאַנען האַרט פאַרן אָנגריף פון די ברוינע חיילות און כ׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די הלוואה פאַר לופט־פאַרטיידיקונג, אין וועלכער די יידישע באַפעלקערונג האָט אָנטייל גענומען פּראָפּאָרציאָנעל פיל מערער ווי די איבעריקע, האָט זיך געפירט אַ ווילדע אַנטי־יידישע קאַמפּאַניע מצד די העכסטע מלוכה־פאַקטאָרן גראַד אין שייכות מיט דער דאָזיקער הלוואה.

די ברוטאַלע אַנטי־יידישע פּאָליטיק האָט ארויסגערופן ביי די יידישע מאַסן אַ געפיל פון טיפער שנאה צו דער דעמאָלטיקער פּוילישער מלוכה־פירונג, אָבער די דאָזיקע שנאה צום אָזאָנישן פּוילן האָט נישט געקאָנט קומען צום אויסדרוק, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קאַמף קעגן היטלערן. די יידישע מאַסן האָבן ריכטיק אָפּגעשאַצט, אַז די היטלער־סכנה איז פאַר זיי פיל געפערלעכער ווי די אָזאָנישע, אַז קאַמף קעגן היטלעריזם מיינט פאַרטיידיקן זייער עצם קיום. דערפאַר טאַקע זענען זיי געווען די איינציקע נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין פּוילן, וואָס האָט זיך געשטעלט צוזאַמען מיט די ברייטע מאַסן פּוילישע אַרבעטער און פּויערים אין די פאָדערשטע רייען פון קאַמף קעגן ברוינעם פאַשיזם. דערפאַר האָט אין דער גאַנצער, אָן אויסנאַם, יידישער באַפעלקערונג געהערשט אַ טיפע פאַרבי־טערונג קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד פאַר זיין פאַקט מיט היטלער־דייטשלאַנד,

וואָס האָט אפשר גאָר דערמעגלעכט דעם איבערפאַל אויף פוילן און צוזאַמען דערמיט געעפנט דאָס שוידערלעכסטע מאַרטירער־קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע.

דער באַקאַנטער מאַרקסיסטישער עקאָנאָמיסט ע. וואַרגאַ באַהאַנדלט אין אַ סאָוויעטישן זשורנאַל די סיבות פון פוילנס פאַרניכטונג און קומט צום אויס־פיר, אַז „די אומצופרידנקייט פון די פוילישע אַרבעטנדיקע מאַסן האָט אַרונ־טערגעריסן די מלחמה־כוחות פון פוילן און שנעל געבראַכט צו איר פאַרניכטונג".

ריכטיק איז, אַז ביי די פוילישע אַרבעטער־מאַסן האָט געהערשט אַ טיפע אומצופרידנקייט מיט זייער מצב און אַ גרענעצלאָזע פאַרביטערונג קעגן דעם הערשנדיקן רעזשים. די פויערים־באַפעלקערונג אין פוילן, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ מערהייט פון קרוב צוויי דריטל, האָט געלעבט אין אויסערגעוויינלעכער אָרעמקייט. אין פיל דערפער איז קיינמאָל קיין צוקער נישט אַריינגעקומען און די קינדער האָבן אפילו נישט געוווּסט דעם טעם פון דעם דאָזיקן עלעמענטאַרן דערנערונגס־פּראָדוקט; אַ שוועבעלע פלעגט דאָרט צוליב שפּאָרזאַמקייט גע־שפּאָלטן ווערן אין פירן; די באַפעלקערונג פלעג נוצן פאַר זיך אַליין דאָס טונקעלע זאַלץ, וואָס ווערט געגעבן בהמות — צוליב זיין ביליקערן פּרייז. דער אַגראַרער־רעזשים אין פוילן האָט אין זיך געהאַט פיל פעאָדאַלע עלעמענטן — 71 פּראָצענט פון אַלע פויערישע ווירטשאַפטן זענען געווען ליליפּוטיש קליין און האָבן נישט געקאָנט דערנערן זייערע אייגנטימער, בעת 19 טויזנט פּריצים, וואָס האָבן געהאַט קוים 6,0 פּראָצענט פון דער צאָל ווירטשאַפטן, האָבן באַהערשט 43 פּראָצענט פונעם גאַנצן ערד־שטח. דער וועלט־קריזיס, וואָס האָט זיך אָפּגע־רופן שווערער אויף דער לאַנדווירטשאַפט, ווי אויף דער אינדוסטריע, האָט באַ־זונדער שווער געטראָפן אָט־אָ די פאַראָרעמטע מאַסע צוליב דער שער, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן די פּרייזן פון דער אינדוסטריעלער און פון דער אַגראַר־פּראָדוקציע. — אַלס אילוסטראַציע פאַר דעם קען דינען דער פאַקט, וואָס אין יאָר 1928 האָט מען פאַר אַן אַקעראייזן געדאַרפט געבן 100 קילאָ קאָרן, און אין 1936 שוין גאַנצע 276 קילאָ!

שווער איז אויך געווען די לאַגע פון דער אַרבעטערשאַפט און פון קליינ־בירגערטום. דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט דאָ אָנגענומען פיל שאַרפערע פאָרמען, ווי ערגעץ אַנדערש, צוליב דער שוואַכער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד: אין יאָר 1930, דאָס ערשטע יאָר פונעם וועלט־קריזיס, איז די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט געפאַלן לגבי 1929 מיט 13,5 פּראָצענט — אין פוילן מיט 18 פּראָצענט; אין יאָר 1931 — אין דער וועלט מיט 25 פּראָצענט, אין פוילן מיט העכער 30 פּראָצענט, און אַזוי אויך אין די וייטערדיקע יאָרן. אָבער אַוועקגעגאַנגען איז דער קריזיס אין פוילן שפּעטער און לאַנגזאַמער ווי בדרך כלל אין דער איבעריקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט:

אין יאָר 1936 האָט די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט כמעט דערגרייכט דעם מצב פון יאָר 1929 (96,4 פּראָצענט), אין פּוילן אָבער איז זי אין יענעם יאָר געווען אַ פּיל נידעריקערע און גאָר ווייט פון דער־גרייכן איר ניוואָ פון פאַרן קריזיס־ניוואָ (72,2 פּראָצענט). קלאָר, אַז אַזאַ סיטו־אַציע האָט זיך שווער געלייגט אויף די פּלייצעס פון דער אַרבעטערשאַפט, גע־שאַפן אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט, בפרט, וואָס די שטייערן־פּאָליטיק איז געפירט געוואָרן אין די אינטערעסן פון די באַזיצנדיקע שיכטן און נאָך מער באַשווערט די לאַגע פון די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן.

האָט אָן ספק געהערשט אַן אומצופרידנקייט ביי די פּוילישע אַרבעטנדיקע מאַסן, נישט נאָר מחמת דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע זייערער, נאָר אויך איבער די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין לאַנד. די אומצופרידנקייט איז געקומען צום אויסדרוק ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן — צי אין די פּויערישע אַרויס־טרעטונגען, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער פּויערים־פּאַרטיי און טיילמאָל געהאַט אַ בלוטיקן פאַרלויף; צי אין די אַרויסטרעטונגען פון די אַרבע־טער, וועלכע נישט איינמאָל פלעגן אויך זיי זיך ענדיקן מיט אַקטיוון ווידער־שטאַנד צו די מאַכט־אָרגאַנען, ווי בשעתו אין קראָקע, אין לעמבערג און אין וואַרשע. נעבן סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאָדערונגען פלעג מען דאָ שטענדיק הערן פּאָליטישע — נאָך פּאָליטישער פרייהייט. און אָפטמאָל, בפרט די לעצטע יאָרן, פלעגן דאָמינירן גראָד די פּאָליטישע פאָדערונגען.

אָבער גראָד די אַרבעטער־פּאַרטייען אָן אַ חילוק פון מיינונגען, און די פּויערים־פּאַרטיי, די מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון דעם פּוילישן פּויער, האָבן באַ־קעמפט די פּראָ־היטלעריסטישע פּאָליטיק פון דעם הערשנדיקן רעזשים און זיך געמיט צו שטויסן פּוילן אין אַנטי־היטלעריסטישן לאַגער און געקעמפט פאַר פאַרבינדן די פּוילישע פּאָליטיק מיט דער פּאָליטיק פון די מערב־מלוכות. גראָד די פּוילישע אַרבעטער און פּויערים זענען געווען פאַרביטערט קעגן דער פּאָלי־טיק פון דער דעמאָלטיקער פּוילישער רעגירונג לגבי דעם אָנפאַל פון היטלערס אַרמייען אויף טשעכאָסלאָוואַקיע און געשטויסן שפּעטער די רעגירונג צו שטעלן אַן אַנטשידענעם ווידערשטאַנד היטלערס אָנגריף־פּלענער לגבי פּוילן. ווען נישט דער דאָזיקער דרוק, וואָלט די „אָזאָן"־הערשאַפט זיך אפשר נישט דעצי־דירט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם אָנפאַל מצדן דריטן רייך. צום שבח פון די פּוילישע אַרבעטער און פּויערים דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אין דער קורץ־דויערנדיקער מלחמה צווישן פריערדיקן פּוילן און דעם נאַצישן אָנגרייפער האָבן זיי דווקא פאַרנומען אַן אַקטיוון פּלאַץ.

די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון די באַזיצנדיקע קלאַסן האָט כסדר געשטערט פּוילנס עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, זי ווירטשאַפטלעך אָפּגעשוואַכט. די נאַטירלע־

כע רייכטימער פון לאַנד זענען נישט אויסגענוצט געוואָרן, דער אינדוסטריעלער וווקס איז געהאַמעוועט געוואָרן.

אין אַ ריי דעצידירנדיקע ווירטשאַפט־צווייגן איז די פּראָדוקציע אין די לעצטע יאָרן געווען אָפּגעשטאַנען אפילו לגבי דעם יאָר 1913. אין יאָר 1913 האָט די פּראָדוקציע פון קוילן אויסגעמאַכט קנאַפּע 41 מיליאָן טאָן, אין יאָר 1938 — 38 מיליאָן; נאַפט אין יאָר 1913 — אַ מיליאָן און 114 טויזנט טאָן, אין 1938 — 506 טויזנט טאָן; אייזן איז אין יאָר 1913 געגאָסן געוואָרן אַ מיליאָן און 66 טויזנט טאָן, אין יאָר 1938 — 846 טויזנט טאָן. דאָס זעלבע אויך בנוגע שטאָל און אַ ריי אַנדערע וויכטיקע אינדוסטריע־צווייגן.

זינט היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט דייטשלאַנד זיך אינטענסיוו געגרייט צו מלחמה און צוגעפּאַסט די גאַנצע ווירטשאַפט צו די מלחמה־באַדער־פעניש. דאָס דריטע רייך האָט קאָלאָסאַל אויסגעבויט זיין קריגס־פּאָטענציאַל; עס זענען געשאַפן געוואָרן אַ ריי ריזיקע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, אָפּט־מאָל אפילו שטאַרק דעפיציטיקע; עס איז אינטענסיוו אַנטוויקלט געוואָרן די פּראָדוקציע פון סינטעטישע שטאָפן. די פּוילישע אינדוסטריע, אָבער, איז גע־בליבן הינטערשטעליק און אָפּגעשטאַנען. אין דער פּוילישער אינדוסטריע איז באַזונדער שטאַרק געווען דער אַנטייל פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל, וועלכער איז אין א גרויסער מאָס געווען אַ פּאַראַזיטישער; און אויך די פּוילישע באַזיצנדיקע קלאַסן, פון זייער זייט, האָבן געפירט אַ רויב־ווירטשאַפט, אַזוי אַז די אינדוסטריע איז נישט געוואַקסן, נאָר איינגעשרומפּן געוואָרן. די מלוכה ווידער פון איר זייט האָט דעם דאָזיקן פּראָצעס געפעדערט דורך איר עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון פּוילן געשפּילט אַן ערשטקלאַסיקע ראָל. די לעצטע יאָרן איז זי צילבאַוווסט־זיניק אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער אינדוסטריע, אפילו צו איר אייגענעם באַשיינפּערלעכן שאָדן.

די סאָציאַלע פּאָליטיק פון די הערשנדיקע קלאַסן אין פּוילן, די גרויסע פּאַראַרעמונג פון די מאַסן אַרבעטער און פּויערים האָבן באַדייטנד פאַרשמעלערט די אויפנעם־פעיקייט פון אינערלעכן פּוילישן מאַרק און געשטערט דעם וווקס פון דער פּראָדוקציע. דער פאַרברויך פון קוילן אויף אַ קאָפּ פון דער באַפעלקע־רונג האָט אויסגעמאַכט אין פּוילן אין יאָר 1938 601 קילאָ, אין דייטשלאַנד 2.393, אין ענגלאַנד 4.210 קילאָ. דאָסזעלבע ביי אַנדערע וויכטיקע אַרטיקלען. קוילן־שאַכטן זענען פאַרלאָזן געוואָרן, אויוונס זענען געשטאַנען יאָרן־לאַנג אויס־געלאָשענע, קיין נייע גראָבונגען זענען כמעט נישט געמאַכט געוואָרן.

דער רעגירונגס־לאַגער האָט געמאַכט אַ גרויסן טומל אַרום דעם אויפבוי פונעם נייעם אינדוסטריעלן ראַיאָן, דעם אַזוי גערופענעם „צאָפּ״ (צענטראַלער אינדוסטריעלער ראַיאָן). פאַקטיש איז דאָ געווען פיל מער רעקלאַמע, איידער

ווירקלעכער אויפטו. איבעריקנס זענען נעבן די ווייניקע נײַ־אויסגעבויטע אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונגען געבליבן אומטעטיק אַ ריי אַלטע. דער אַוועקגייענ־דיקער עקאָנאָמישער קריזיס איז אין פוילן כאַראַקטעריזירט געוואָרן דורך דער פאַרמערונג פון דער צאָל קליינע אונטערנעמונגען, די צאָל גרויסע אונטערנע־מונגען (פון ערשטער און צווייטער קאַטעגאָריע) איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען צום מצב פון יאָר 1929.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין קריטישן מאָמענט איז די קאָלאָסאַלע דיספּראָפּאָרץ צווישן דעם אינדוסטריעלן פּאָטענציאַל פון פוילן און פון דייטש־לאַנד געווען נאָך גרעסער ווי צווישן די מיליטערישע כוחות פון ביידע צדדים.

„נייוועלט", נומ' 11, 3 מאַי 1940.

ראטנפארבאנד און באלקאן

הגם מ'האָט זיך כסדר געריכט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד וועט ביי דער ערשטער געלעגנהייט צוריקנעמען בעסאַראַביע, האָט דער דאָזיקער שריט, ווען ער איז צושטאַנד געקומען, אַרויסגערופן איבעראַשונג און אַן אָנגעשטרענגטע אַטמאָספער. פאַרוואָס אַזוי? — ווייל דאָס געשעט אויפן באַלקאַן, אויף אַ געביט וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט פּולווער, ווו אַ ליאדע פונק קען אַרויסרופן אַן אַלגעמיינע שריפה.

דער באַלקאַנישער האַלב־אינדזל און די שטחים אין זיין שכנות שטעלן מיט זיך פאָר פון לאַנגע יאָרן דעם פּולווער־פאַס פון אייראָפּע. דאָ איז קאָנ־צענטרירט אַ קנויל פון שווערע סכסוכים צווישן די פעלקער וואָס באַוווינען די דאָזיקע געביטן און די מלוכות וואָס עקזיסטירן דאָ. עס איז אַ קעסל, וואָס דראָט שטענדיק אויפגעריסן צו ווערן. די טעריטאָריאַלע גרענעצן בייטן זיך דאָ עפטער, ווי אין וועלכן נישט איז אַנדערן געביט אין אייראָפּע.

די קאָנפליקטן וואָס עקזיסטירן היינט אויפן באַלקאַנישן האַלב־אינדזל זענען: 1) צווישן רומעניע און אונגאַרן וועגן טראַנסילוואַניע; 2) דאָברודזשא; 3) צווישן יוגאָסלאַוויע און איטאַליע וועגן דאַלמאַציע; 4) צווישן יוגאָסלאַוויע און בולגאַריע וועגן מאַקעדאָניע; 5) צווישן בולגאַריע און גריכנלאַנד וועגן סאַלאָניקי, אויף וועלכער ס'האָט געוואָרפן אַן אויג איטאַליע. חוץ דעם זענען פאַראַן סכסוכים צווישן טערקיי און איטאַליע וועגן דאָדעקאַנעז־אינדזלען, און

אַ ריי אַנדערע. צו דעם אַלעם קומט צו, וואָס פֿאַר דער השפּעה אויפֿן באַלקאַן קעמפֿן פֿון לאַנג־אָן צווישן זיך ענגלאַנד, איטאַליע און דייטשלאַנד. און אויך רוסלאַנד איז בלוטיק פֿאַראינטערעסירט אין דער געשטאַלטונג פֿון די פֿאַרהעל־טענישן דאָ, נעמענדיק אין באַטראַכט, וואָס אירע זייער וויכטיקע דרום־געביטן קאָנען קומען אין פֿאַרבינדונג מיט דער וועלט נאָר דורך די דאַרדאַנעלן. פֿון דער צווייטער זייט — פֿירט דער אַלטער עקספּאַנסיע־וועג פֿונעם דייטשן אימפּעריאַ־ליזם — די ליניע ב.ב.ב. (בערלין — באַגדאַד — בצרה) דווקא דורך דעם באַל־קאַן. אַזוי אַרום מישן זיך צונויף די קאָנפֿליקטן צווישן די אַרטיקע פֿעלקער און לענדער מיט די אימפּעריאַליסטישע פּלענער פֿון די גרויסע מלוכות און פֿון דעם שטעלט זיך צונויף דער קנויל שאַרפֿע קעגנזאַצן, וואָס נעמט אַרום דעם באַלקאַן, וואָס דראָט יעדן מאָמענט מיט אַ געפֿערלעכן אויפֿרייס.

דער שריט פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד האָט די דאָזיקע קאָנפֿליקטן אַקטואַלי־זירט. אונגאַרן וויל אויסנוצן די שעת הכושר און מאָביליזירט אירע כוחות, צוריק צו דעראָבערן טראַנסילוואַניע. אויך בולגאַריע האָט זיכער חשק אויסצונוצן די סיטואַציע כדי צו באַקומען דאָברודזשאַ.

דייטשלאַנד איז נישט פֿאַראינטערעסירט אינעם אויסברוך פֿון אַ קאָנ־פֿליקט אויפֿן באַלקאַן אין איצטיקן מאָמענט. פֿון דאָרט שעפּט דייטשלאַנד דער־נערונגס־אַרטיקלען און אַ ריי רוי־שטאָפֿן, ספּעציעל פֿון רומעניע — נאַפֿט, ווייץ און בהמות. דער באַלקאַן איז זינט דעם אָנהייב פֿון דער מלחמה געוועזן אַ וויכ־טיקער דורכברוך־פּונקט אין דער ים־בלאָקאַדע קעגן דייטשלאַנד און די דאָזיקע באַדייטונג האָט ער ביז איצט נישט פֿאַרלוירן. דייטשלאַנד איז, בכן, פֿאַראינטע־רעסירט צו האַלטן דעם שלום אויף די דאָזיקע געביטן, כדי זי זאָל זיי קענען עקספּלאָאַטירן. בפֿרט, אַז רומעניע, וואָס האָט ביז נישט לאַנג געפֿירט אַ פּאָלי־טיק פֿון פּענדלען צווישן די אַליאירטע און דייטשלאַנד און געליפֿערט איר נאַפֿט פֿאַר ביידע צדדים, האָט ביי דער קאָנקרעטער מיליטערישער סיטואַציע אין אייראָפּע, ביי דער נייטראַליטעטס־פּאָליטיק פֿון טערקיי, זיך אַנטשלאָסן צו קאָרי־גירן איר פּאָליטיק און שטיצן זיך אויסשליסלעך אויף דייטשלאַנד.

עס וואָלט אויך געווען אַ טעות צו מיינען, אַז די סאָוועטישע פּאָליטיק לגבי רומעניע באַצוועקט צו ברענגען צו אַן אויפֿרייס אויפֿן באַלקאַן. די איצטיקע האַנדלונג פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד לגבי רומעניע איז אין הסכם מיט דער גאַנצער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק זינט אויגוסט 1939 ביז איצט.

וועלכע זענען איצט די יסודות פֿון דער רוסישער אויסערן־פּאָליטיק ? 1) זוכן מיט אַלע מעגלעכקייטן צו דערווייטערן די מלחמה פֿון די גרענעצן פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד ; 2) שטאַרקן די מיליטערישע און סטראַטעגישע שוואַכע פּונקטן פֿון דער ראַטן־מלוכה, באַזונדערס אירע פֿלאַנקען (באַלטישער און שוואַרצער ים) קעגן אַן עווענטועלן אָנפֿאַל.

כאַראַקטעריסטיש, וואָס נישט געקוקט אויפֿן פריינטשאַפֿטס־פּאַקט צווישן דער ראַטן־מלוכה מיט היטלער־דייטשלאַנד, זוכט זי אין משך פֿונעם גאַנצן לעצטן צייט־אָפּשניט זיך צו זיכערן דווקא קעגן היטלער־דייטשלאַנד און נישט קעגן ענגלאַנד, קעגן וועלכער זי האָט געפֿירט בשעתו, צוזאַמען מיט היטלער־דייטשלאַנד, אַ געמיינזאַמע דיפּלאָמאַטישע קאַמפּאַניע און קעגן איר איז די גאַנצע צייט פֿון דער מלחמה געווענדט געווען די שאַרף פֿון איר פּראָפּאַגאַנדע. די אויסברייטערונג פֿון דער רוסישער עקספּאַנסיע אויף די וואַסערן פֿונעם באַלטישן ים, דאָס אויסבויען דאָרט נייע מיליטעריש־סטראַטעגישע באַזעס, קאָן נישט זיין געווענדט קעגן עמיצן אַנדערש, ווי קעגן דייטשלאַנד, פּונקט ווי דאָס פֿאַרנעמען בעסאַראַביע און אַוועקשטעלן די גרענעץ מיטן פֿאַשיזירטן רומעניע אויפֿן פּרוט.

דער דרוק פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד אויף טערקיי, אָפּצוהיטן דווקא די נייטראַליטעט נאָכדעם ווי דאָס פֿאַשיסטישע איטאַליע איז אַריין אין דער מלחמה, דאָס אויפֿשטעלן פּאָליטישע פֿאַרבינדונגען מיט יוגאָסלאַוויע, די אַקטיוויזירונג פֿון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק אין בולגאַריע — דאָס אַלץ באַווייזט — אַז רוסלאַנד זוכט, פֿון איין זייט, אויסצובויען אירע פּאָזיציעס אויפֿן שוואַרצן ים, און פֿון דער צווייטער זייט — אויפֿשטעלן, אונטער איר פֿירונג, אַ מלוכה בלאָק, וואָס זאָל איר קענען שפּעטער דינען אַלס אָנשפּאַר אין פֿאַל, ווען זי זאָל אַריינגעצויגן ווערן אין אַ באַוואָפֿנטן קאָנפֿליקט. אין דעם זין איז דאָס פֿאַרנעמען בעסאַראַביע אַ המשך פֿון דער פּאָליטיק לגבי ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד. די פּאָליטיק אויפֿן שוואַרצן ים שטייט אין פֿולן הסכם מיט דער פּאָליטיק אויפֿן באַלטישן ים.

אַזוי אַרום איז קלאָר, אַז ס׳האָט נישט קיין דעצידירנדיקע באַדייטונג צי איז דער שריט פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד לגבי רומעניע געקומען אין רעזולטאַט פֿונעם סאָוויעטיש־היטלערישן פּאַקט, אָדער בלויז מיטן וויסן פֿון היטלער־דייטשלאַנד. אָביעקטיוו איז ער אָבער געווענדט קעגן דייטשלאַנד, קעגן אירע אינטערעסן, פּונקט, ווי ס׳איז געווען די אויסברייטערונג פֿון דער רוסישער השפּעה אויפֿן באַלטישן ים. היטלער איז גרייט צו רעזיגנירן צייטווייליק לטובת ד׳י סאָוויעטן פֿון געביטן, וועלכע ער רעכנט צום דייטשן לעבנסרוים, אבי איינצוהאַלטן פֿאַר זיך איין און איינציקן פֿראָנט — קעגן ענגלאַנד, וואָס גאַראַנטירט אים די מעגלעכקייט אויסצונוצן אַלע זיינע רעזערוון אויף דעם איינעם פֿראָנט. דעם זעלבן סיסטעם האָט ער שוין איינמאָל אָנגעווענדט, בעת ער האָט פֿאַרנומען טשעכאָסלאָוואַקיע און צייטווייליק מסכים געווען, אַז קליינע טיילן פֿון דער טשעכאָסלאָוואַקישער טעריטאָריע זאָלן אריבערגיין צו פּוילן. אָביעקטיוו אַנטהאַלט אין זיך דער איצטיקער שריט פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד עלעמענטן פֿון סאָוויעטיש־היטלערישן קאַמף אין דער צוקונפֿט; פֿאַר דער קעגנוואַרט באַדייט ער דעם המשך פֿון דער סאָוויעטיש־היטלערישער פּאָליטיק פֿונעם פּאַקט.

„נייוועלט״ נומ׳ 20, 5 יולי 1940.

אויפן וועג צו דער יידישער מדינה

(ארץ־ישראל פּראָבלעמען)

א. די יידישע איינוואנדערונג אין ארץ־ישראל (1931)

ב. אויפן וועג צו רעאַליזירונג (1931)

ג. רעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד אָדער רעאַקציאָנערער אַרויסטריט (1929)

ד. דער „בונד" בלייבט זיך געטריי... (1936)

ה. די קאָנטררעוואָלוציאָנערע ראָל פון דער קאָמפּאַרטיי אין פּאַלעסטינע (1932)

ו. די קוליסן פון דער בריטישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל (1936)

ז. די נייע קעניגלעכע קאָמיסיע (1936)

ח. „בונד" אין קאַמף קעגן אַ יידישער מדינה (1937)

ט. דאָס ארץ־ישראל־פּראָבלעם פאַר דער פעלקער־ליגע (1937)

י. צו דער פראַגע וועגן איינהייטלעכן ארץ־ישראל פראָנט (1923)

יא. וועגן אונדזער באַציונג צום „החלוץ" (1929)

יב. 25 יאָר וועלט־פאַרבאַנד פועלי־ציון (1932)

יג. פּראָבלעמען פון דער יידישערווירקלעכקייט אין דער איבערגאַנגס־תקופה (1934)

די יידישע איינוואנדערונג אין ארץ־ישראל

נישט געקוקט דערויף, וואָס ארץ־ישראל בילדעט היינט־צו־טאָג אַזאַ וויכטיקן פּאַראַינטערעסיר־פּונקט פאַר די יידישע מאַסן אין גאַר דער וועלט, וואָס אַרום ארץ־ישראל פירט זיך אַ פאַרביטערטע דיסקוסיע צווישן די פאַרשידענע ריכטונגען, סיי אין פּראָלעטאַרישן סיי אין בירגערלעכן לאַגער, וואָס אַרום און וועגן ארץ־ישראל איז דערשינען אַ זייער צאָלרייכע ליטעראַטור, וואָס האָלט כסדר אין איין וואַקסן, זענען די ברייטע יידישע מאַסן פונדעסטוועגן נישט גענוג באַקענט מיט די ווירקלעכע פאַרהעלטענישן פון ארץ־ישראלדיקן לעבן. די קעגנער פון פּאַלעסטיניזם האַלטן אין איין פעסטשטעלן, אַז דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל אַנטוויקלט זיך נישט, נאָר פאַרקערט, ער שרומפּט איין כסדר, ער גייט צוריק. זיי שרייבן שטענדיק וועגן מאסן צוריק־פאָרער, אַז קיינער וויל קיין ארץ־ישראל נישט פאָרן, אַז בכלל קען דאָס לאַנד נישט אַריינגעמען אפילו די מינימאַלסטע יידישע איינוואַנדערונג. וואָלט מען געמאַכט אַ פשוט אַריטמעטישן חשבון אויפן יסוד פון די ציפערן, וועלכע ווערן געוויינלעך געברענגט, פון בונדיסטן, רויטע, אָדער קעגנער פון פּאַלעסטיניזם פון בורזשואַזן לאַגער, וואָלט אויסגעקומען, אַז אין ארץ־ישראל דאַרף זיך שוין לאַנג נישט געפינען קיין איין יידישער אַרבעטער, בכלל קיין איין ייד. ווי־זשע איז די לאַגע אין דער אמתן?

פאַקטיש האָלט זיך דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל אין איין אַנטוויקלען. עס וואַקסט אָן אויפהער די יידישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל, סיי אין צאָל, סיי פּראָפּאָרציאָנעל. דאָס זעען מיר פון דעם, וואָס יידן זענען געווען אין ארץ־ישראל:

צום סוף	1919	57.000
" "	1921	77.600
" "	1924	91.100
" "	1925	138.000
" "	1926	147.000
" "	1930	180.000

צוגלייך מיטן אומאויפהערלעכן וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואַקסט אויך איר פאַרהעלטעניש צו דער אַלגעמיינער צאָל באַפעלקערונג אין

לאַנד. אַזוי האָט אויסגעמאַכט דער פּראָצענט יידן אין לאַנד אין יאָר 1919 — 9 פּראָצענט, צום סוף 1922 — 11, צום סוף 1924 — 13, צום סוף 1926 — 16 און איצט אַן ערך 20 פּראָצענט. מיר אָבסערווירן אַלזאָ אַ כסדרדיקן וווּקס, סיי אַן אַבסאָלוטן סיי אַ פּאַרהעלטענישמעסיקן. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע אַנט־וויקלונג פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל קומט נישט פונעם נאַטירלעכן וווּקס פון דער באַפעלקערונג, נאָר איז דער עיקר אַ פּועל־יוצא פון דער איינוואַנדערונג פון אַנדערע לענדער.

עס האָבן איינגעוואַנדערט יידן:

אין יאָר:	1919 — 7129		אין יאָר:	1925 — 36.933	
	1920 — 8517			1926 — 14.190	
	1921 — 9481			1927 — 2.829	
	1922 — 9478			1928 — 2.188	
	1923 — 2618			1929 — 5.239	
	1924 — 16.317			1930 — 4.944	

צוזאַמען האָבן איינגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל אין משך פון די דאָזיקע 12 יאָר 119.863 יידן.

אין דער יידישער וואַנדערונג פון די לעצטע 10 יאָר פאַרנעמט ארץ־ישראל דאָס ערשטע אָרט. אפילו אַרגענטינע, ווו די איינוואַנדערונג איז ביז איצט געווען אַ פולשטענדיק פרייע, האָט אַריינגענומען אין משך פון די לעצטע צען יאָר בלויז 73 טויזנט יידישע איינוואַנדערער.

די קעגנער פון פּאַלעסטיניזם פילדערן זייער פיל וועגן דער גרויסער צוריקוואַנדערונג פון ארץ־ישראל. אמת איז, אַז פאַר די לעצטע 12 יאָר האָבן צוריקגעוואַנדערט פון ארץ־ישראל 29.744 יידן, דאָס הייסט קנאַפּע 25 פּראָצענט, אָבער דיזעלבע דערשיינונג באַמערקן מיר אויך אין אַנדערע איינוואַנדערונגס־לענדער: אַמעריקע האָט פאַר די יאָרן 1920 — 1927 געגעבן 28 פּראָצענט צוריק־וואַנדערער, אַרגענטינע אין די יאָרן 1920—24 36 פּראָצענט, אויסטראַליע אין די זעלבע יאָרן 68 פּראָצענט צוריקוואַנדערער. דער דורכשניטלעכער פּראָצענט צוריקוואַנדערער פון ארץ־ישראל איז ווי מיר זעען אַ קלענערער ווי פון אַנדערע איינוואַנדערונגס־לענדער. דערביי דאַרף מען נאָך נעמען אין אַכט, וואָס אין ארץ־ישראל גייען די איינוואַנדערער אין אַ גרויסער מאָס איבער צו אין תוך געענ־דערטע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן און אַז בלויז אַ קליינע צאָל איינוואַנדערער בלייבן ביי זייערע פריערדיקע באַשעפטיקונגען.

רעדן מיר וועגן דער וואַנדערונג קיין ארץ־ישראל, טאָרן מיר נישט אַרויסלאָזן פון אויג דעם פאַקט, וואָס די וואַנדערונג איז זייער און זייער שטאַרק

באַגרענעצט, וואָס איר פאַרנעם ווערט באַשטימט נישט דורך עקאָנאָמישע מאָ־טיוון, נאָר דורך פּאָליטישע. נישט איינמאָל האָט די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַ־ציע אין ארץ־ישראל געפאָדערט, עס זאָל דערלויבט ווערן די איינוואַנדערונג פון אַ גרעסערער צאָל אַרבעטנדיקע עלעמענטן, און דערביי איז די דאָזיקע פאָדערונג געהעריק באַגרינדעט געוואָרן מיטן אָנווייז אויף די פאַראַנענע אַרבעטס־מעגלעכ־קייטן פאַר די נייע איינוואַנדערער. שטענדיק אָבער פלעגן די ענגלישע אימפּע־ריאַליסטישע מאַכט אָפּוואַרפן איינגאַנצן אָדער טיילווייז די דאָזיקע ווענדונג, ווייל דער וווּקס פון דער יידישער אַרבעטער־באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל ליגט נישט אין די אינטערעסן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם. וואָלט די איינוואַנדערונג רעגולירט געוואָרן לויט די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן אין לאַנד, וואָלט די יידישע איינוואַנדערונג געווען פיל גרעסער.

פון די געברענגטע ציפערן זעט זיך קלאָר אַרויס, אַז אַ דאַנק דער איינ־וואַנדערונג איז די יידישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל שטאַרק אויסגעוואַקסן — מער ווי דריימאָל אַזוי פיל. מיט אַ נאָך גרעסערן טעמפּ איז געוואַקסן די צאָל יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל: מיט 12 יאָר צוריק האָט די צאָל יידישע אַרבעטער אין לאַנד באַטראָפן קוים צוויי טויזנט, איצט דערגרייכט זייער צאָל אַן ערך 35 טויזנט. אין משך פון די 12 יאָר האָבן אַריינגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל אַן ערך 30 טויזנט אַרבעטער. די יידישע אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל האָט זיך פאַרגרעסערט אויף 17—18 מאָל אַזוי פיל — אַזאַ ריזיקן וווּקס ווייזט נישט אַרויס קיין שום אַנדער איינוואַנדערונגס־לאַנד.

אַנטשפּרעכנד דערצו איז אויך געוואַקסן די צאָל אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער. צו דער הסתדרות — דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציע אין ארץ־ישראל — האָבן געהערט: אין יאָר 1920 — 4433 מיטגלידער, 5 יאָר שפּעטער, דאָס הייסט אין יאָר 1925 — 10.085 מיטגלידער, צום ערשטן יאַנואַר 1930 האָט די צאָל מיטגלידער פון דער הסתדרות באַטראָפן שוין 25.378, איצט איז די צאָל נאָך גרעסער.

ווי מיר זעען פון די אויבנגעברענגטע ציפערן אַנטוויקלט זיך דער יידי־שער ישוב אין ארץ־ישראל, בפרט די יידישע אַרבעטערשאַפט דאָרט, אָן אויפהער. ארץ־ישראל ווי אַ לאַנד איז אונטערגעוואָרפן אַלע געזעצן פון דער קאַפּיטאַליס־טישער געזעלשאַפטס־אָרדנונג, ממילא קען זי אויך נישט אויסמיידן קיין עקאָנאָ־מישע קריזיסן, וועלכע וואַקסן אָרגאַניש אַרויס פון די קאַפּיטאַליסטישע פאַר־העלטענישן. ארץ־ישראל געפינט זיך אונטער דער ממשלה פון ענגלישן אימ־פּעריאַליזם, וועלכער איז פאַראינטערעסירט צו לייגן וואָס מער שטיינער אויפן וועג פון דער יידישער אַרבעטער־איינוואַנדערונג, ווייל זי איז עקאָנאָמיש און סאָציאַל אַ רעוואָלוציאָנירנדיקער פאַקטאָר און גראָבט אונטער די מיטלאַלטער־

יצחק לעוו

לעכע פּעאָדאַלע פאַרהעלטענישן און דורכדעם אויך די הערשאַפט פון אימפּעריאַליזם. פונדעסטוועגן קענען די אַלע מניעות און שוועריקייטן נישט אָפּהאַלטן דעם וווּקס פון נייעם ישוב אין ארץ־ישראל. ארץ־ישראל באַקומט אַן אַלץ־גרעסערע באַדייטונג אַלס אַרבעטער־צענטער פאַר די יידישע מאַסן.

„דאָס אַרבעטער־פּאַלעסטינע" נומ׳ 1, סעפּטעמבער 1931.

אויפן וועג צו רעאַליזירונג

דער פאַקט וואָס אין משך פון די לעצטע יאָרן פאַרנעמט ארץ־ישראל אַ באַדייטנדן פּלאַץ אַלס איינוואַנדערונגס־לאַנד פאַר די יידישע מאַסן, וואָס אין ארץ־ישראל וואַקסט סיי אַבסאָלוט, סיי פאַרהעלטענישמעסיק די גרויס פון דער יידישער באַפעלקערונג און באַזונדערס פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, וואָס די אָביעקטיווע פאַרהעלטענישן מאַכן פעיק דאָס לאַנד אויפצונעמען אַ גרעסערע יידישע מאַסן־איינוואַנדערונג — וואָלט נאָך אַלץ וויניק געווען כדי דעם דאָזיקן לאַנד צוצוגעבן דעם פּלאַץ, וועלכן עס פאַרנעמט אין לעבן פון די יידישע מאַסן. אַרגענטינע, למשל, האָט נאָך דער (ערשטער) וועלט־מלחמה אויך אַריינגענומען אַ געוויסע גרויסע יידישע איינוואַנדערונג, דאָסזעלבע אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, ווי פראַנקרייך און בעלגיע. דער חילוק באַשטייט אָבער דערין, וואָס אין אַלע איינוואַנדערונגס־לענדער ווערן איינגעהאַלטן די באַזונדערע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן ביי דער יידישער באַפעלקערונג, דערין וואָס בנוגע דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די יידישע מאַסן בילדן אַלע איינוואַנדערונגס־לענדער — סיי אין אייראָפּע, סיי מעבר לים דעם המשך פון די אויסוואַנדערונגס־לענדער. אַן אויסנאַם בילדעט אין דעם זין נאָר איין איינוואַנדערונגס־לאַנד — דאָס איז ארץ־ישראל. די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל אונטערשיידט זיך סיי פון די אַלטע יידישע מאַסן־ישובים סיי פון די נייע איינוואַנדערונגס־צענטערן.

די מזרח־ און מיטל־אייראָפּעאישע לענדער, ווו ס׳געפינען זיך די באַדייטנדסטע יידישע מאַסן־ישובים, זענען דער עיקר די לענדער מיט אַן איבערוועגנדיקן אַגראַרן כאַראַקטער, ווי פּוילן, ליטע, די באַלטישע לענדער וכדומה. אָבער אין די דאָזיקע לענדער איז דער אָנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער לאַנדווירטשאַפט גלייך נול. אין פּוילן, למשל, האָט די יידישע באַפעל־

קערונג לויט דער לעצטער פֿאָלקס־ציילונג (30־טן נאָוועמבער 1921) אויסגע־מאַכט 11 פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, אָבער צווישן די פּראָ־פעסיאָנעל־טעטיקע אין דער לאַנדווירטשאַפט האָבן די יידן נישט אויסגעמאַכט אפילו איין פּראָצענט. נישט פיל אַנדערש איז עס אויך אין די נייע איינוואַנדע־רונגס־לענדער, אפילו אין די ווו עס זענען אויף קאָלאָניזירן יידישע מאַסן אויס־געגעבן געוואָרן ריזיקע סומען, אַ שטייגער אין אַרגענטינע. דערצו האָט זיך דאָרט די קאָלאָניזאַציע נאָך דער מלחמה־צייט כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט און די איינוואַנדערונג קאָנצענטרירט זיך בעיקר אין די שטעט.

1931, פּועלי־ציון־דעלעגאַציע אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל
י. לעוו — ערשטע רייע, דריטער פון רעכטס.

אין דער זעלבער צייט איז דער אָנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אינעם האַנדל גאָר גרויס. אויב פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון פּוילן, וואָס האָט צו דער לעצטער פֿאָלקס־ציילונג אויסגעמאַכט 25.694.700 איינוווינער, האָבן געלעבט פון האַנדל און אַסעקוראַציע 1.611.582, ד. ה. קוים 6 פּראָצענט — האָבן פון דער אַלגעמיינער צאָל יידישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט דאַן אויסגעמאַכט 2.771.949 פּערזאָן, געלעבט פון האַנדל גאַנצע 1.136.931, ד. ה. העכער 40 פּראָצענט — פאַרהעלטענישמעסיק 7 מאָל אַזוי פיל ווי ביי דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. ענלעך איז די לאַגע אין אַנדערע יידישע מאַסן־ישובים.

דאָס האָט אַרויפגעלייגט דעם חותם אויף דער עקאָנאָמישער סיטואַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג און נישט־ווייניק מיטגעווירקט צו דער געוואַלדיקער פאַרעלנטונג פון די יידישע מאַסן. פון איין זייט אַ דאַנק דער נאַציאָנאַלער קאָנ־קורענץ, וועלכע ווירקט דער עיקר אויף די שיכטן פון דער קליינער און מיטעלער בורזשואַזיע און פון איר וואַקסט אַרויס די אויסראָטונגס־פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג אין האַנדל און מלאכה מצד דער מלוכה און די שטאָטישע זעלבסט־פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען, און פון דער צווייטער זייט אַ דאַנק די שינויים, וואָס האָבן דערפירט צו אַ שטאַרקער קאָנצענטראַציע אויך אין האַנדל — זענען גרויסע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

נאָך פאַר דער מלחמה איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון די יידישע מאַסן אין די מזרח־ און מיטל־אייראָפּעאישע לענדער אַ פיל־קלענערע פּראָדוקטיוויזירונגס־מדרגה ווי ביי דער נישט־יידישער, אָבער נאָך דער מלחמה איז די דאָזיקע טענדענץ נאָך בולטער געוואָרן — די צאָל פּראָדוקטיווע עלעמענטן איז צוריקגעגאַנגען. די דאָזיקע טענדענץ מערקט זיך נישט נאָר אין פּוילן און אין די אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, נאָר אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע. קיין גענויע סטאַטיסטיק בנוגע אַמעריקע איז טאַקע וועגן דעם נישטאָ, אָבער דער פאַקט גופא, וואָס אַ ריי נאָדל־פאַריינען, ווו די יידישע אַרבעטער האָבן פאַר דער מלחמה געבילדעט אַ ריזיקע מערהייט, זענען איצט אין זייער מערהייט נישט־יידישע, כאָטש אין דער זעלבער צייט זענען די יידישע אַרבעטער ווייטער באַשעפטיקט אין די זעלבע פאַכן, באַווייזט די ריכטיקייט פון דער דאָזיקער פעסטשטעלונג.

אויב שוין פאַר דער מלחמה איז דאָס פּראָבלעם פון פּראָדוקטיווירונג, דאָס הייסט אַריבערגיין צו פּראָדוקציע, האָרב געשטאַנען פאַר די יידישע מאַסן, שטייט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם באַזונדער שאַרף איצט, ווען דער אַרויסשטויסונגס־פּראָצעס פון די יידישע צווישן־שיכטן, און אפילו פון אַ באַדייטנדן טייל פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, האָט זיך אומגעהייער פאַרשטאַרקט. דערפאַר האָט אַ גאַנץ באַזונדערע באַדייטונג דער פאַקט וואָס אינעם נייעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל איז לגבי אַלע אַנדערע יידישע מאַסן־ישובים פאַראַן אַ גרויס איבערגע־וויכט פון פּראָדוקטיווע עלעמענטן, וואָס אין ארץ־ישראל דערנעענטערט זיך די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג צו דער סטרוקטור פון אַנדערע טעריטאָריאַלע פעלקער.

אין ארץ־ישראל איז פאַרנומען אין דער לאַנדווירטשאַפט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַן ערך 25 פּראָצענט פון דער יידישער באַ־פעלקערונג לעבן פון ערד־ און פלאַנצונגס־אַרבעט. אין דער הינזיכט איז ארץ־

ישראל אַן אויסנאַם לגבי אַלע אַנדערע לענדער ווו עס לעבן יידישע מאַסן, נישט נאָר לגבי די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, נאָר אפילו אויך לגבי דעם ראַטנפאַר־באַנד, ווו ס'ווערט אין די לעצטע יאָרן געפירט אַן אינטענסיווע קאָלאָניזאַציע־אַר־בעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג — לויט דער פאָלקס־ציילונג אין ראַטנ־פאַרבאַנד פון יאָר 1926 האָט די יידישע באַפעלקערונג, וואָס איז געווען באַשעפ־טיקט אין דער לאַנדווירטשאַפט, אויסגעמאַכט קנאַפּע 9 פּראָצענט. לויט דער



1946 אין ישראל ; עס זיצן פון רעכטס : ש. טייכמאַן, שניאורזאָן, אבראַמאָוויטש, זרבבל, ג. ניר, מוליע, ד. לייבל ; עס שטייען : י. פּעטערזייל, קובלאַנאָוו, אילון, יצחקי, לעוו, גרשוני, ברוך, טאַרנאָפּאָלער, קושניר, בן־אפרים.

נישט־אָפיציעלער סטאַטיסטיק, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין „געזערד”, איז דאָס דאָזיקע פאַרהעלטעניש אין יאָר 1930 געווען 11 פּראָצענט — נאָך אַלץ פיל ווייניקער, ווי אין ארץ־ישראל.

מאכן מיר ווייטער אַ כאַראַקטעריסטישן פאַרגלייך צווישן פּוילן, למשל, און ארץ־ישראל. אויף דער צאָל 2.771.949, וואָס די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן האָט באַטראָפן בעת דער לעצטער פאָלקס־ציילונג, זענען געווען : אָנגע־שטעלטע 48.054, אַרבעטער, כאַלופּניקעס 219.796 — צוזאַמען די, וואָס לעבן

פון אייגענער אַרבעט — 267.850, דאָס הייסט ווייניקער פון 10 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין ארץ־ישראל דערגרייכט די צאָל יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע העכער 35 טויזנט, וואָס מאַכט אויס לגבי די 180 טויזנט יידן, וואָס געפינען זיך דאָרט — 20 פּראָצענט. הייסט דאָס — די צאָל פון די וועלכע לעבן פון זייער אייגענער אַרבעט איז ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל פיל גרעסער, איידער אין פוילן און אין אַנדערע לענדער.

עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ גאַר גרויסער חילוק צווישן דער ווירטשאַפטלעכער פּאָזיציע פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל און פון אַנדערע לענדער. עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז די יידישע אַרבעטער — סיי אין די אַלטע ישובים, סיי אין די נייע אימיגראַנטן־לענדער — זענען קאָנצענטרירט נישט אין אַלע צווייגן פון דער פּראָדוקציע נאָר אין אירע לעצטע סטאַדיעס. אין די פונדאַמענטאַלע צווייגן פון דער פּראָדוקציע זענען יידישע אַרבעטער נישט בנמצא, זיי זענען אָבער פאַרנומען אין די אַזוי גערופענע יידישע פאַכן. די דאָזיקע דערשיינונג ברענגט דערצו, אַז די עקאָנאָמישע פּאָזיציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, און ממילא אויך זיין פּאָליטישע און סאָציאַלע ווירקונג, זאָל זיין שוואַכער איידער ביים אַרומיקן פּראָלעטאַריאַט. אין ארץ־ישראל אָבער זענען די יידישע אַרבעטער באַשעפטיקט אין אַלע צווייגן פון דער פּראָדוקציע — סיי אין דער לאַנדווירטשאַפט, סיי אין דער גרעסערער, סיי אין דער קלענערער אינדוסטריע.

אין די אַזוי גערופענע יידישע טראַדיציאָנעלע פאַכן — נאָדל־פאַך, לעדער־פאַך, דרוק, שפּייז־אינדוסטריע — זענען יידישע אַרבעטער פאַרנומען: אין פוילן 65 פּראָצענט, אין רומעניע 86 פּראָצענט, אין אוקראַינע 54 פּראָצענט, אין ווייסרוסלאַנד 60 פּראָצענט, אין ארץ־ישראל נאָר 26 פּראָצענט! אין דער מעטאַל־אינדוסטריע — אין ארץ־ישראל 17 פּראָצענט, אין אוקראַינע אויך 17 פּראָצענט, אין פוילן 6, אין רומעניע 9 פּראָצענט; אין דער עלעקטרישער אינדוסטריע אין ארץ־ישראל 3 פּראָצענט, אין אוקראַינע אַנדערהאַלבן פּראָצענט, אין פוילן איין צענטל פּראָצענט. אַנטקעגן דעם איז גרעסער אין ארץ־ישראל דאָס פאַרהעלטעניש פון די יידישע בוי־אַרבעטער לגבי אַנדערע לענדער, אויך לגבי דעם ראַטנפאַרבאַנד. דערביי דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז דער אונטערשיד צווישן דער פּאָזיציע, וואָס עס פאַרנעמט אין דער פּראָדוקציע דער יידישער אַרבעטער אין ארץ־ישראל און אין אַנדערע לענדער, קומט צום אויסדרוק נישט נאָר אין דער פּראָפעסיאָנעלער פאַנאַנדערטיילונג נאָר אויך אינעם פאַרנעם פון די אונטערנעמונגען — מ׳קען, למשל, נישט פאַרגלייכן די בעקערייען, אין וועלכע עס זענען פאַרנומען די יידישע אַרבעטער אין פוילן, מיט די ראָטשילד־מילן אין חיפה אָדער די ווייַנקעלערס אין ראשון־לציון: יענע זענען קליינע האַנטווערקער־וואַרשטאַטן, די זענען גרעסערע מאָדערנע אונטערנעמונגען, הגם זיי געהערן צו אײנעם און דעם זעלבן אינדוסטריע־צווייג.

דאָס אויבנגעברענגטע באַווייזט אומצווייַדייטיק, אַז אין ארץ־ישראל קומט פאָר דער פּראָצעס פון איבערשיכטונג, ד. ה. אַז די יידישע אַרבעטער הערן אויף צו זיין באַשעפטיקט בלויז אין די לעצטע סטאַדיעס פון דער פּראָדוקציע, נאָר גייען איבער אין אַלע אירע צווייגן. כדי אָבער דאָס נאָכמער אונטערצושטרייכן, ווילן מיר דאָ נאָך דערמאָנען, אַז העכער 30 פּראָצענט יידישע אַרבעטער זענען פאַרנומען אין דער לאַנד־ווירטשאַפט — אַ דערשיינונג וועלכע איז ביי די יידישע אַרבעטער אין קיין שום אַנדער לאַנד נישטאָ.

פון מיין פריערדיקן אַרטיקל „זאָלן פאַקטן רעדן", זעט זיך קלאָר, אַז אין משך פון די לעצטע יאָרן האָט ארץ־ישראל געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָל אַלס איינוואַנדערונג־לאַנד פאַר די יידישע מאַסן און אַז די יידישע באַפעלקערונג דאָרט וואַקסט כסדר אין צאָל און אין פאַרהעלטעניש צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין לאַנד. די פאַקטן געבּרענגטע אין איצטיקן אַרטיקל באַווייזן, אַז ארץ־ישראל צייכנט זיך חוץ דעם אויס אויס פון אַלע אויס־ און איינוואַנדערונג־לענדער דערמיט, וואָס דאָ ווערט די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די יידישע מאַסן נאָרמאַליזירט. אין קיין שום לאַנד ווערט דער פּראָדוקטיוויזירונגס־ און איבערשיכטונגס־פּראָצעס נישט פאַרווירקלעכט אין אַזאַ מאָס. ארץ־ישראל איז דאָס לאַנד, ווו עס איז צוליב דעם געשטאַרקט געוואָרן די קאַמף־באַזע פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט — די „סטראַטעגישע באַזע", ווי באָראָכאָוו האָט זי אָנגערופן, ווו דער יידישער פּראָ־לעטאַריאַט שפּילט נישט די ראָל פון אַ מיטווירקנדיקן, נאָר פון אַ זעלבשטענדיקן כוח, ווו ער האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אין דער פולער מאָס די קראַפט פון זיין קלאַסן־קאַמף. ארץ־ישראל איז דאָס לאַנד, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן און עס קומט פאָר דער רעאַליזירונגס־פּראָצעס פונעם טעריטאָריאַלן יידישן אַרבעטער־צענטער.

„דאָס אַרבעטער־פּאַלעסטינע" נומ' 2, אָקטאָבער 1931.

רעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד אָדער רעאַקציאָנערער

אַרויסטריט

קאָמוניסטן, פּ.פּ.ס. און „בונד", צוזאַמען מיט פאַשיסטן פון פאַרשידענע לענדער מיטן הייליקן וואַטיקאַן אַלס צולאָג, אין איין קאָמפּאַניע. די בערלינער „ראָטע פאָנע" און די „דייטשע טאָגעס־צייטונג", די וואַרשעווער „פאָלקס־צייי־

טונג״, דער „ראַבאַטניק״ און די וואַטיקאַנישע „אָבסערוואַטאָרע ראָמאַנאָ״ — אַלע באַגריסן זיי וואַרעם און האַרציק די אויפגעשטאַנענע „אַראַבישע איינגע־בוירענע באַפעלקערונג״. די דאָזיקע פאַרשידנפאַרביקע קאָמפּאַניע איז איינשטימיק אין דער אָפּשאַצונג פון דעם זין און פונעם אינהאַלט פון די לעצטע געשעענישן אין ארץ־ישראל. ס׳איז אַ רעוואָלוציע, ס׳איז אַן אַראַבישער אויפשטאַנד קעגן דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם — אַזוי טענהן זיי אין איין קול. און אויב אַזוי, איז דאָך שוין קלאָר, אַז מ׳דאַרף די „רעוואָלוציע״, דעם „אויפשטאַנד״, שטיצן, און אַז די, וועלכע שטעלן זיך אַנטקעגן דעם דאָזיקן אויפשטאַנד, זענען קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן.

ס׳איז אפילו אַ שפּאַר ביסל פאַרדעכטיק, וואָס די אויסגעשפּראָכענע „רעוואָלוציאָנערן״ פון „בונד״ און פּ.פּ.ס., וואָס די פאַשיסטן פון דער „דייטשער טאַגעס־צייטונג״ צוזאַמען מיטן פּויפּסט זענען געוואָרן אַזעלכע הייסע אָנהענגער פון רעוואָלוציעס. זייט ווען איז דאָס געשען? זייט ווען האָבן זיי אָנגעהויבן גיין אין די דרכים פון קאָמאינטערן? זייט ווען האָבן זיי צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן געשאַפן דעם איינהייטלעכן פראָנט צום קאַמף קעגן וועלט־אימפּעריאַליזם, אין איצטיקן קאָנקרעטן פאַל — קעגן דעם בריטישן אימפּעריאַליזם, וועמענס פאַרטרעטער ס׳איז דאָך דער „סאָציאַליסט״ חבר מאַקדאָנאַלד? ניין, עפּעס שטימט דאָ נישט.

האָבן מיר דאָ טאַקע צו טאָן מיט אַ רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד, וואָס איז מיט זיין שפּיץ געווענדט קעגן דער ענגלישער אָקופּאַציע־מאַכט? די לאָזונגען, דורך וועלכע מען האָט דעם אַראַבישן המון געבראַכט אין באַוועגונג, דער כאַראַקטער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון די אַרויסטרעטונגען, דער פאַרלויף פון די געשעענישן — דאָס אַלץ באַווייזט קלאָר און אומצווייפלדייטיק, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אויסגעשפּראָכן רעאַקציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיטן קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם.

די לאָזונגען, מיט וועלכע דער אַראַבישער המון איז אַרויס, האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיטן באַפרייונגס־קאַמף פון די אַראַבישע מאַסן. זיי זענען געווען געווענדט נישט קעגן דער ענגלישער אָקופּאַציע, נישט קעגן די אַראַבישע עקספּלאָאַטאָרן. די לאָזונגען זענען דורך און דורך רעאַקציאָנערע, ווייל אויסגעשפּראָכן קלעריקאַלע. מ׳איז געגאַנגען שלאָגן יידן, ווייל „זיי ווילן אומברענגען און שענדן די הייליקע רעליגיע פון מחמדן״, ווייל זיי באַגייען אַן אַטענטאַט אויפן הייליקן מעטשעט. און דערפאַר איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש, וואָס די קריסטלעכע אַראַבער, וועלכע נעמען אַזאַ אַקטיוון אָנטייל אין דער בירגערלעך־נאַציאָנאַלער אַראַבישער באַוועגונג, זענען דאָסמאָל געשטאַנען פון דערווייטנס.

די גאַנצע באַוועגונג האָט געמוזט זיין דורך און דורך רעאַקציאָנער, ווייל זי איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די פּינצטערסטע, רעאַקציאָנערסטע עלעמענטן

פון לאַנד — דורך די אַראַבישע פּריצים, אַריסטאָקראַטיע און קלער. צוליב זייערע קלאַסן־צילן האָבן זיי אויפגעהעצט די אַראַבישע פינצטערע מאַסן און אויסגענוצט זייער רעליגיעזן פאַנאַטיזם. די אַראַבישע פּריצים — די שונאים פון די אַראַבישע מאַסן, די פאַרבינדעטע פון ענגלישן אימפּעריאַליזם — זענען עס געווען די, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די געשעענישן און פאָרמולירט די לאָזונגען, מיט וועלכע דער אַראַבישער המון איז אַרויס שלאָגן יידן. און די דאָזיקע לאָזונגען זענען נישט געווען געווענדט קעגן דער הערשאַפט פון בריטישן אימפּעריאַליזם אין ארץ־ישראל, נאָר קעגן דער יידישער איינוואַנדערונג. און אפילו די בונדישע „פאָלקסצייטונג”, וועלכע פאַרטיידיקט אַזוי הייס די אַראַבישע פּאָגראָמטשיקעס, און האַלט די דאָזיקע פּאָגראָמען פאַר באַרעכטיקטע, מוז אַליין מודה זיין, אַז „דאָ ווערט נישט פאַרלאַנגט, אַז די אָקופּאַציע־הערשאַפט זאָל אינגאַנצן אויפהערן, נאָר זי זאָל לכל־הפחות אַריינגעפירט ווערן אין באַשטימטע ראַמען”.

אַנדערש האָט אויך נישט געקאָנט זיין. ארויסטרעטונגען, אָרגאַניזירטע פון די עפענדים, האָבן נישט געקאָנט זיין געצילט קעגן דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. די אַראַבישע באַזיצנדיקע עלעמענטן זענען אין זייערע אינטערעסן פאַרבונדן מיט דער הערשאַפט פון בריטישן אימפּעריאַליזם אין לאַנד, ווייל נאָר דאַן זענען זיי בכוח איינצוהאַלטן זייער ממשלה איבער די אַראַבישע מאַסן. סיי אין ארץ־ישראל, וועלכע ווערט אָפן רעגירט דורכן ענגלישן אימפּעריאַליזם, סיי אין די כלומרשט אומאָפּהענגיקע עבר־הירדן און מעסאָפּאָטאַמיע האָט דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם שלום געמאַכט מיט דער הערשאַפט פון די ענגלישע אימפּעריאַליסטן, אין וועלכע זיי (די אַראַבישע בירגערלעכע נאַציאָנאַליסטן) זעען דעם זיכערסטן שוץ קעגן דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג.

דערפאַר אָבער גיבן זיך די אַראַבישע פּריצים אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז די נייע יידישע אַרבעטער־איינוואַנדערונג אין לאַנד גראָבט אונטער זייערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּאָזיציעס. די וואַקסנדיקע ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון לאַנד, אין רעזולטאַט פונעם וווּקס פון נייעם ישוב, גראָבט אונטער די יסודות פון די פעאָדאַלע פאַרהעלטענישן, וואָס הערשן אין דער אַראַבישער סביבה; דער ביישפּיל פון דער אָרגאַניזירונג און פון די קאַמפן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט ווירקט רעוואָלוציאָניזירנדיק אויף די אַראַבישע אַרבעטער־מאַסן. איז טאַקע נישט קיין וווּנדער, וואָס די אַראַבישע פּריצים זענען אַזוי אש להבה אויף דעם נייעם יידישן ישוב, בפרט אויף דער יידישער אַרבעטער־איינוואַנדערונג. די איצטיקע אַרויסטרעטונגען באַצוועקן דאָס זעלבע וואָס אַלע ביז־איצטיקע מעמאָריאַלן פון די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן צו דער מאַנדאַט־מאַכט — צו פאַרמאַכן די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר דער יידישער אַרבעטער־איינוואַנדערונג. און אויב אין די דערמאָנטע מעמאָריאַלן איז דער עיקרדיקער אַרגומענט

געווען, אַז די יידישע אַרבעטער ברענגען אַריין דעם באַלשעוויזם, זעען מיר, אַז אויך נאָך די געשעענישן דערקלערט דער מופטי חוסייני, אַז צווישן אַראַבער זענען קיין קאָמוניסטן נישטאָ, אַז געברענגט די דאָזיקע מכה אין לאַנד אַריין האָבן נאָר די יידן. און דאָס זענען פאַרבינדעטע פון די קאָמוניסטן!

אַז מיט די אַרויסטרעטונגען האָבן די עפענדיס נישט געוואָלט טרעפן דעם ענגלישן אימפעריאַליזם, איז קלאָר. זיי האָבן אויף אים געוואָלט ווירקן, ער זאָל פולשטענדיק פאַרשליסן ארץ־ישראל פאַר דער „באַלשעוויסטישער" יידישער אַרבעטער־איינוואַנדערונג. און דערפאַר טאַקע האָט די ענגלישע אַדמיניסטראַציע דערלאָזן, אַז איר אין די אויגן זאָלן אָרגאַניזירט ווערן די אָנפאַלן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג; דערפאַר איז נישט אַזוי קשה וואָס אַ גרויסער טייל פון די אַראַבישע אָנפאַלער איז געווען פאַרזאָרגט מיט ענגלישע ביקסן; וואָס דער יידישער באַפעלקערונג האָט מען פאַרשווערט אפילו די פאַרטיידיקונג מיט די אייגענע כוחות, צונעמענדיק ביי דער זעלבשוץ דאָס געווער. וואָלטן די איצטיקע געשעענישן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַן אויפשטאַנד פון די אַראַבער קעגן דעם ענגלישן אימפעריאַליזם, וואָלטן די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל אַלע געווען „אַגענטן פון ענגלישן אימפעריאַליזם", — ווי ס׳רופן זיי די קאָמוניסטן, בונדיסטן און פ.פ.ס.אָוצעס, — וואָלט דאָך די האַנדלונג פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע געווען אַן אַנדערע, און געליטן וואָלט נישט אויסשליסלעך די יידישע באַפעלקערונג.

די איצטיקע געשעענישן אין פאַלעסטינע האָבן קלאָר געברענגט צום אויסדרוק, אַז קעגן דער יידישער אַרבעטער־איינוואַנדערונג אַלס רעוואָלוציאָני־זירנדיקן פאַקטאָר זענען פאַראינטערעסירט סיי די אַראַבישע באַזיצנדיקע עלע־מענטן, סיי די ענגלישע אָקופּאַציע־מאַכט. טריט ביי טריט איז געגאַנגען די קלאַסן־אויפוואַכונג פון די אַראַבישע מאַסן. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַטיי־ליקן אין אַרבעטער־קאַמפן צוגלייך מיט די יידישע אַרבעטער. פאַר די רעאַקציאָ־נערע כוחות האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאָס געשפּענסט פון דער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פוןביידע פעלקער. זענען דערפאַר אָרגאַניזירט געוואָרן די איצטיקע געשעענישן, וואָס האָבן געזאָלט אויסגראָבן אַ תהום פון רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער שנאה צווישן די אַראַבישע און יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און אָפּהאַלטן די דערנענטערונג צווישן די מאַסן פון ביידע פעלקער. דאָס איז געווען דער זין און אינהאַלט פון די געשעענישן, אַזוי ווי זיי זענען אַראַנזשירט געוואָרן דורך די אַראַבישע פריצים ביי דער מיטהילף פון די ענגלישע אימפּעריאַליסטן.

האָבן מיר דאָ צו טאָן נישט מיט אַ רעוואָלוציאָנערער אָדער פרייהייטלע־כער באַוועגונג, מיט וועלכן נישט איז קאַמף קעגן ענגלישן אימפעריאַליזם, ווי ס׳טרומייטערט דאָס רויט־בונדיש־פ.פ.ס.יש־פּויפּסטלעכע געזינדל. די געשעענישן

זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין די אינטערעסן פֿון די רעאַקציאָנערסטע עלעמענטן אין לאַנד און טראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. זייער צוועק איז איינצוהאַלטן אין לאַנד די ממשלה פֿון די אימפּעריאַליסטן און פֿון די אַראַבישע עפֿענדיס. און ווער ס׳שטיצט אונטער די דאָזיקע שטרעבונגען, ווער ס׳באַרעכטיקט די אַרויסטרעטונגען פֿון די אַראַבישע באַנדעס קעגן דער ייִדישער אַרבעטער־באַפֿעלקערונג אין ארץ־ישראל דער טוט אַ שעדלעכע, אַ רעאַקציאָנערע, קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. אַזאַ כאַראַקטער טראָגט די איצטיקע אַרבעט פֿון „בונד״, רויטע, פּ.פּ.ס., און אַנדערע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן לגבי די געשעענישן אין ארץ־ישראל.

„אַרבעטער־צייטונג״ נומ׳ 38, 1929.

דער „בונד״ בלייבט זיך געטריי...

די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ־ישראל זענען גלענצנד אויסגענוצט געוואָרן דורך די אַנטי־פּאַלעסטינישע גרופּירונגען אויף דער ייִדישער אַרבעטער־גאַס. זיי האָבן פּאַראַזיטירט אויף די בלוטיקע טעראָר־אַקטן פֿון די אַראַבישע פֿאַשיסטישע באַנדעס און געפּרוּווט דיסקרעדיטירן די מאָרד־אָנפֿאַלן איבער דער אומבאַוואָפֿנטער און רויקער ייִדישער באַפֿעלקערונג מיט די באַרבאַרישע אַקטן פֿון פֿאַרניכטונג פֿון דער פּראַצע און האָרעוואַניע פֿון ייִדישע אַרבעטס־מענטשן. זיי האָבן געפֿונען דעם שעת־הכושר אויסצולאָדן זייער פֿאַרביסענע שנאת־ציון גראָד אין דער דאָזיקער טראַגישער צייט.

„בונד״ און „רויטע״ — די צוויי אַנטי־פּאַלעסטינישע ריכטונגען אויף דער ייִדישער אַרבעטער־גאַס, האָבן זיך ביידע געשטעלט פּאָליטיש אויף דער זייט פֿון דער פֿאַשיסטיש־רעאַקציאָנערער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. די „רויטע״ האָבן עס געטאָן ציניש, אומפֿאַרשעמט — זיי האָבן באַרעכטיקט די פּאָגראָם־אָנפֿאַלן אויף דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. זיי זענען געוואָרן די הייסע פֿאַרטיידיקער פֿון די פּאָגראָם־באַנדעס און פֿון דער פֿאַשיסטישער אַראַבישער באַוועגונג. זיי האָבן זיך אָפֿן געשטעלט אויף דער זייט פֿון די אַראַבישע אַגענטן פֿון מוסאָליני און היטלער. דער „בונד״ האָט פֿאַרנומען די זעלבע שטעלונג, ס׳האָט אים אָבער פֿאַרפֿעלט דער מוט דערמיט אַרויסצוטרעטן אַזוי אָפֿן ווי דאָס האָבן געטאָן די „רויטע״, ווייל ער האָט נאָך געדענקט די אויפֿרעגונג, וואָס האָט

אויפגעברויזט ביי די יידישע מאַסן פאַר זיין באַרעכטיקן די געשעענישן אין יאָר 1929. ביידע אָבער — סיי די „רויטע", סיי דער „בונד" — האָבן אָפּגעשאַצט און פאַרגעשטעלט די פּאָגראָם־אַרויסטרעטונגען פון די אַראַבישע פעאָדאַלן און פאַשיסטן, זייער פאָדערונג אָפּצושטעלן דווקא די יידישע איינוואַנדערונג און פאַרווערן די יידן צו קויפן באָדן — ווי אַן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן אויפשטאַנד, אַלס אַן אויסדרוק פון נאַציאָנאַלן באַפרייונגס־קאַמף פון גאַנצן אַראַבישן פאָלק.

איצט, ווען דער שטרייק איז איבערגעריסן געוואָרן, ווען די אַראַבישע אַרבעטער נעמען מיט פריידן צוריק אויף די אַרבעט, ווען דורך דער נאַרמאַליזי־רונג פון די פאַרהעלטענישן ווערט צוגענומען ביי די אַנטי־ציוניסטישע עלע־מענטן די מעגלעכקייט צו פּאַראַזיטירן אויף דער שווערער סיטואַציע אין ארץ־ישראל און צו שלאָגן דערפון פּאָליטישן קאַפּיטאַל, קאָן מען זיך פונדעסטוועגן נישט איינהאַלטן, כדי אין דער לעצטער מינוט אַ בריקע צו טאָן מיטן פוס. און נאָך מער ווי כאַראַקטעריסטיש איז די טרייסט פון דער „פאָלקסצייטונג", אַז „די אַראַבישע טעראָריסטן זאָגן זיך נאָך נישט אָפּ פון טעראָר און סאַבאָטאַזש־אַקטן". דער ווילן איז דער פאָטער פונעם געדאַנק!

און זאָל דאָ פעסטגעשטעלט ווערן: דער בונדישער אָרגאַן פאַרהערלעכט נאָך איצט, נאָך זיין ליקווידאַציע, דעם שטרייק און די בלוטיקע אַרויסטרעטונגען קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל.

די בונדישע „פאָלקסצייטונג" („די אָטעם־פויזע אין פּאַלעסטינע") שרייבט אַ טאָג נאָכן סוף פונעם שטרייק: „די גאַנצע פרידלעכע אַראַבישע באַפעלקערונג האָט זיך באַטייליקט אין דער שטרייק־אַקציע", הגם אַלע ווייסן, אַז דאָס איז דורכאויס פאַלש, אַז געשטרייקט האָט בלויז אַ מינדערהייט, אַז די פּויערישע אַראַבישע באַפעלקערונג האָט אין משך פון דער גאַנצער צייט געשמאַק געאַר־בעט; אַז אַ באַדייטנדער טייל אַראַבישע אַרבעטער, באַשעפטיקטע אין פּאָסט, באַן און חיפהער פּאָרט, און טיילווייז אויך אין יידישע אונטערנעמונגען, האָבן בכלל די ארבעט נישט איבערגעריסן. דער „בונד" האַלט אונטער די לעגענדע, וואָס ווערט פאַרשפּרייט פון די אָנפירער פון די אַראַבישע פּאָגראָם־אָנפאַלן. ער איז, זעט אויס, פאַראינטערעסירט אונטערצוהאַלטן דעם פּרעסטיזש פון די אַראַבישע פאַשיסטן.

„דער דאָזיקער מאַסן־פּראָטעסט האָט אונטערגעשטראָכן דעם פאָלקס־כאַראַקטער פון דער אַראַבישער באַוועגונג". — ווי אומפאַרשעמט דאַרף מען זיין, ווי פאַרבלענדט מוז מען זיין אין דער זאָאָלאָגישער שנאה צום פּאַלעסטיניזם, מען זאָל אָזעלכעס קאָנען אָפּדרוקן אין אַ יידישן אַרבעטער־אָרגאַן! ס'איז אַלע־מען גוט באַקאַנט, אַז די געשעענישן זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך די רעאַק־ציאָנערסטע שיכטן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג — פון די גרויסע פריצים,

די עפענדיס; אַז די דאָזיקע באַוועגונג איז אַקטיוו געשטיצט געוואָרן מיט ריזיקע געלט־מיטלען און געווער דורך היטלער־דייטשלאַנד און מוסאָלינישן פאַשיזם; אַז דער שטרייק איז איבערגעריסן געוואָרן אין גאָר אַ גרויסער מאָס, ווייל דאָס פאָדערן איצט די אינטערעסן פון די אַראַבישע פריצים אין שייכות מיטן באַראַנצן־קטיף. און פונדעסטוועגן גילט די דאָזיקע אויסגעשפּראָכן־רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע באַוועגונג אין די אויגן פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אין די אויגן פון „בונד“, אַלס אַ פאָלקס־באַוועגונג.

„פינף חדשים ווי די פּאַלעסטינער אַראַבער פירן אַ פאַרביסענעם קאַמף פאַר זייערע פאָדערונגען“ — שרייבט מיט בפירושער סימפּאַטיע די „פאָלקס־צייטונג“. וועלכע זענען דאָס די פאָדערונגען, פאַר וועלכע די „פּאַלעסטינער אַראַבער פירן אַ פאַרביסענעם קאַמף“? די ערשטע און וויכטיקסטע איז: פאַר־באָט פון יידישער (ספּעציעל יידישער) איינוואַנדערונג. די צווייטע איז: פאַרווערן יידן (און ווידער אַמאָל נאָר יידן) צו קויפן ערד אין ארץ־ישראל, און פאַראַן נאָך אַזעלכע, וועלכע פאָדערן, אַז מ׳זאָל קאָנפיסקירן ביי יידן די ערד־שטחים, וואָס זיי האָבן געקויפט אין די לעצטע 5 יאָר (ענלעך צו היטלערס פּראָיעקט פאַר זיין קומען צו דער מאַכט וועגן קאָנפיסקירן דאָס פאַרמעגן פון די איינגעוואַנדערטע יידן). דער „פאַרביסענער קאַמף“ ווערט, הייסט עס, געפירט, כדי צו באַגרענעצן די רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג. און דאָס הייסט ביים „בונד“ אַנטי־אימפּעריאַליסטישער אויפשטאַנד, צו אַזאַ קאַמף באַציט זיך דער „בונד“ מיט סימפּאַטיע! ער שטעלט זיך אייך פאַר באַגרענעצן די רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג. פאַרנעמט ער דען זיך נישט די זעלבע שטעלונג אין דער פראַגע, ווי די ענדעקעס צו דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן? „פינף חדשים ווי זיי שטורעמען די באַסטיאָנען פון ענגלישן אימפּעריאַליזם“ — דאָס שרייבט מען איצט, ווען די גאַנצע אַקציע איז איבערגעריסן געוואָרן גראָד אויפן באַפעל פון די ענגלישע אימפּעריאַליסטן. שרייבט דאָך דער בונדישער אָרגאַן אין דעם זעלבן ארטיקל וועגן די אַראַבישע מלכים, אַ דאַנק וועמענס אינטערווענץ דער שטרייק איז ליקווידירט געוואָרן, אַז זיי ווערן גאָר געצוויגן אויפן שטריקל פון די ענגלישע דיפּלאָמאַטן פון קאָלאָניאַל־אַמט, אַז זיי דערפילן נאָר דעם באַפעל פון ענגלישן אימפּעריאַליזם. האָט דאָך די זעלבע „פאָלקסצייטונג“ געמוזט מודה־זיין, אַז אין די בלוטיקע געשעענישן שטעקט די האַנט פון בריטישן אימ־פּעריאַליזם. קומט אויס לויטן „בונד“, אַז די ענגלישע מאַנדאַט־מאַכט האָט אָרגאַ־ניזירט אַן אויפשטאַנד קעגן זיך אַליין, אַז זי אַליין אָרגאַניזירט דעם שטורעם אויף „די באַסטיאָנען פון ענגלישן אימפּעריאַליזם“. קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַ גרעסערן אומזין?

ס׳איז מער ווי אַן אומזין, ס׳איז פאַרברעך צו פאַרהערלעכן די וועלכע מאָרדן די שוצלאָזע יידישע באַפעלקערונג, די וועלכע שטעלן זיך נישט אָפּ פון

מאָרדן קליינע יידישע קינדער אין מיטן שלאָף, פון דערשיסן יונגע יידישע קראַנקן־שוועסטער, וועלכע היילן אַראַבישע חולאים, פון וואַרפן באָמבעס אויף מושב־זקנימס און קינדערשולן — אַלס העלדן פון אַנטי־אימפעריאַליסטישן אויפשטאַנד. עס איז פונקט אַזוי, ווי מ׳וואָלט די העלדן פון פשיטיק און אָדזשי־וואָל, די „נאַציאָנאַלע" אַקאַדעמיקער פון וואַרשע, קראָקע, ווילנע און לעמבערג (וועלכע טרעטן דאָך אויך אַמאָל אַרויס קעגן דער פּאָליציי און זענען אויך אָפּאָזי־ציאָנעל לגבי דעם היינטיקן רעזשים אין לאַנד) גערקרוינט אַלס רעוואָלוציאָנערן און פרייהייט־קעמפער.

דאָס אַוועקשטעלן דורכן „בונד" און „רויטע" די אַראַבישע פּאָגראָם־באַנדיטן אין דעם פּאַנטעאָן פון די פרייהייט־קעמפער, איז אַ שענדלעכע באַליי־דיקונג פאַר די דורות פון העלדישע קעמפער פאַר דער פרייהייט פון פעלקער, עס הייסט וואַרפן שמוץ אויף די וואָס האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט פאַר אַ דער־הויבענעם ציל.

ס׳איז אַ גרענעצלאָזער פּאָליטישער אומזין, וואָס דער „בונד" פּרעדיקט אין שייכות מיט די געשעענישן אין ארץ־ישראל. אָבער אָט דער פּאָליטישער אומזין ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טראַגישן פאַרברעך, ווען ער שטאַמט פון אַ יידישער און פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. און מען דאַרף גאָרנישט זיין קיין אָנהענגער פון פּאַלעסטיניזם, כדי אַזאַ האַלטונג צו שטעמפּלען אויפן שאַרפסטן אופן.

ס׳גייט דאָ נישט נאָר וועגן דער באַציאונג צו אַ באַדייטנדן, סוף כל סוף, יידישן קיבוץ — צו העכער 400.000 יידן. ס׳גייט אויך אין דעם, וואָס אויב מען שטעלט זיך אויפן שטאַנדפּונקט, אַז מען מעג באַגרענעצן די רעכט פון די יידן אין ארץ־ישראל אָדער אין שייכות צו ארץ־ישראל, עפּנט מען אַ וועג פאַר דעם זעלבן אויך אין אַנדערע יידישע ישובים. דערמיט גיט מען אַן אַרגומענט אין די הענט פון די ענדעקעס אין פּוילן, פּונקט ווי זשאַבאָטינסקי מיט זיין עוואַקואַציע־פּלאַן. עס איז זשאַבאָטינסקיס עוואַקואַציע־טעאָריע איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט. און מיר ווייסן דאָך, אַז די ענדעקישע און רעאַקציאָנערע פּרעסע אין פּוילן האָט אַרויסגעוויזן איר אָפענע סימפּאַטיע דער אַראַבישער „נאַציאָנאַ־לער" אַנטי־יידישער באַוועגונג און האָט אויך דיסקאָנטירט פאַר זיך דעם אַנטי־יידישן קאַמף פון דער אַראַבישער רעאַקציע.

געוויס איז פאַראַן אַ חילוק צווישן דער האַנדלונג פונעם „בונד" און פון די „רויטע". ס׳איז דער זעלבער חילוק, ווי צווישן אָרשעם־אַנטיסעמיטיזם און ענדעקישן פּאָגראָם־אַנטיסעמיטיזם. עס איז אַן אונטערשיד נאָר אין דער פאָרם, נישט אין תוך. די דאָזיקע, אויסערלעך מער־לייטישע פאָרם פון „בונד", וואָס שטעלט זיך, אָבער, פּונקט ווי די „רויטע" אויף דער זייט פון דער אַראַבישער־

פעאָדאַל־פאַשיסטישער אַנטי־יידישער באַוועגונג, מוז דערפאַר באַקעמפט ווערן נישט ווייניקער שאַרף, ווי דאָס אומפאַרשעמטע אָפענע שטעלן זיך פון די „רויטע" אויף דער זייט פון די אַראַבישע פּאָגראָם־באַנדעס.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 19, 23 אָקטאָבער 1936.

די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ראָל פון דער קאָמפּאַרטיי אין פּאַלעסטינע

די פּאָליטיק פון דער פּאַלעסטינער קאָמפּאַרטיי באַווייזט קלאָר און אומצוויידייטיק צו וואָס פאַר אַ שענדלעכער, אויסגעשפּראָכן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער מדרגה עס דערגייען די קעגנער פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם אין זייער בלינדער שנאה צו פּועלי־ציון, צו אַלץ וואָס עס שאַפן די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין ארץ־ישראל.

פּ.ק.פּ., אָדער ווי מ'רופט זי אין פּאַלעסטינע — די „פּראַקציע" — שענדעט אויפן העסלעכסטן אופן, טאָג־איין טאָג־אויס, דעם נאָמען פון קאָמוניזם. מאַסן אַרבעטער ווערן אָפּגעשטויסן פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם נאָר דערפאַר, וואָס דער אָפיציעלער קאָמוניזם ווערט רעפּרעזענטירט דורך דער פּראַקציע. פאַר די קעגנער פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף איז די פּאָליטיק פון דער פּ.ק.פּ. ממש אַ מציאה — זיי בינדן צונויף די פּראַקציע מיטן קאָמוניזם בכלל, די פּ.ק.פּ. ווערט ביי זיי נישט נאָר אָרגאַניזאַטאָריש, נאָר אויך אידעאיש אידענטיפיצירט מיטן קאָמאינטערן.

אין ארץ־ישראל איז דער אַנטי־ציוניזם אַ גרעסערער אומזין, ווי אומעטום. דאָ אויפן באָדן פון דעם אויסגעוואַקסענעם יידישן אַרבעטער־ישוב, מוז דאָך דער אַנטי־ציוניזם אָננעמען אַזאַ קראַנקהאַפטן, ממש פּאַטאָלאָגישן כאַראַקטער.

אין פּאַלעסטינע, ווו די יידישע אַרבעטער־איינוואַנדערונג האָט געשאַפן דעם יסוד פאַר דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־באַוועגונג אויפן גאַנצן נאָענטן מזרח, ווו די יידישע אַרבעטערשאַפט איז דער איינציקער טרעגער פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, מוז יעדע פּאָליטיק, וואָס איז געווענדט קעגן דער אויסברייטערונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, קעגן דעם וווקס און דער אַנטוויקלונג פון אָט דעם קלאַסן כוח, געצוווּנגענערהייט אָננעמען אַ קאָנטער־

רעוואָלוציאָנערן, אַנטי־פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער. און אויב דאָס איז בכלל דער כאַראַקטער פון דער פּאָליטיק פון קאָמאינטערן בנוגע דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם, מוז עס קאָנקרעט, אין ארץ־ישראל גופא, אָננעמען דעם אויסזען פון אַ קאַריקאַטור, פון אַ פּאַרזעניש.

פ.ק.פּ. איז אין פּאַלעסטינע דער פאַרבינדעטער פון די אראבישע פּריצים — די עפענדיס — און פון זייערע גלחים — די מופטיס. זי שטיצט זייער הער־שאַפט איבער די אַראַבישע מאַסן. לאָ די וואָס זי פירט נישט קיין קאַמף קעגן די דאָזיקע רעאַקציאָנערע מיטלאַלטערלעך־פּאַראַזיטישע עלעמענטן, באַמיט זי זיך נאָך צו שטויסן די אַראַבישע מאַסן אין זייערע אָרעמס. זי רופט די אַראַבישע באַן־אַרבעטער, וואָס זענען אָרגאַניזירט אין איינציקן אינטערנאַציאָנאַלן פאַריין צוזאַמען מיט די יידישע אַרבעטער, אַרויסצוטרעטן פון דאָרט און אַריינצוטרעטן אין אַ געלן פאַריין, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון די אַראַבישע עפענדיס און ווערט אָנגעפירט דורך די עפענדיס און זייערע דינערס. פ.ק.פּ. באַגריסט די קאָנגרעסן פון די עפענדיס און מופטיס. זי באַמיט זיך, צוגלייך מיט די עפענדיס און מופטיס, אונטערצוהאַלטן די פאַנאַטישע רעליגיעזע געפילן פון די אַראַבישע מאַסן: לעצטנס, ווען עס איז נישט דערלויבט געוואָרן געוויסע אַראַבישע גרופּן דורכצומאַרשירן יידישן קאָלאָניעס בעתן מחמדנישן רעליגיעזן יום־טוב פון נבי־מוסא, האָט פ.ק.פּ. אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן אויפרוף, אין וועלכן זי העצט קעגן די יידישע מאַסן און זי רופט צו אַ פּראָטעסט קעגן די „רעליגיעזע רדיפות" לגבי די מחמדאנער.

העלפן דער אידעע פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט איז איינע פון די עיקרדיקסטע אויפגאַבן פון אַ פּראָלעטאַרישער פאַרטיי. פ.ק.פּ. טוט אַלץ, כדי נישט צו דערלאָזן וועלכע נישט איז דערנענטערונג צווישן די יידישע און אַראַבישע מאַסן. צוגלייך מיט די עפענדיס און מופטיס, צוגלייך מיט דעם ענג־לישן אימפּעריאַליזם, האָנט אין האָנט מיט דער יידישער בורזשואַזיע און מיט די רעוויזיאָניסטן — ווענדט זי אָן אַלע מיטלען, אונטערצוהאַלטן דאָס פייער פון נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער שנאה צווישן די מאַסן פון ביידע פעלקער. זי נוצט אויס יעדע געלעגנהייט, צו העצן די פינצטערע אַראַבישע מאַסן קעגן די יידישע אַרבעטער. זי ווענדט זייער צאָרן נישט קעגן זייער קלאַסן־שונא, נישט קעגן זייערע אונטערדריקער, נאָר קעגן זייערע קלאַסן־ברידער — די יידישע אַרבעטער.

פ.ק.פּ. איז אין פּאַלעסטינע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפענער פּאָגראָם־באַנדע. די „פּראָקציע" העצט אָפן די אַראַבישע פעלאַכן איינצוואָרדענען שחיטות אויף דער יידישער באַפעלקערונג. אָט צו וואָס עס האָט איר דערפירט איר אַנטי־ציוניזם.

דאָס זענען נישט סתם קיין ווערטער. דערויף זאָגן עדות די אויפרופן, וואָס זענען אַרויסגעלאָזן געוואָרן דורך פ.ק.פּ. אין דער לעצטער צייט, ווען עס

האָט ווידער אָנגעהויבן שטראָמען אַ גרעסערע יידישע איינוואַנדערונג אין לאַנד.

פורים־צייט דערשיינט אַן אויפרוף אין אַראַביש, אונטערגעשריבן פון יפוער קאָמיטעט פון דער פּאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (סעקציע פון קאָמאינטערן) „געווענדט צו אַלע אַרבעטער און פעלאַכן פון יפו און אומגעגנט", ווו דער אַראַבישער אַרבעטער און פעלאַך ווערט גערופן צו מאַרשירן אויף תל־אביב און דעמאָנסטרירן דאָרט קעגן „דער ציוניסטישער רויב־עליה און קאַרנאַוואַלן, וואָס ווערן געמאַכט אויפן חשבון פון באַרויבן די אַראַבער".

בעת דעם פורים־קאַרנאַוואַל זענען די גאַסן פון תל־אביב געווען פול מיט צענדליקער טויזנטער מענטשן, דערונטער טויזנטער אַראַבער, וואָס האָבן גע־טאַנצט און געזונגען אין די גאַסן צוזאַמען מיט אַנדערע. איז גערעכט די אויס־גאַבע פון אונדזער ארץ־ישראלדיקער פּאַרטיי „1־טער מאַי", ווען זי שרייבט: „ווען מען זאָל זיך פאָרשטעלן אויף איין מינוט, אַז בלויז 10 אַראַבישע פעלאַכן אָדער אַרבעטער וואָלטן גענומען ערנסט דעם אויפרוף און פּרובירט פאָלגן די ברואים — וואָס וואָלט דאַן געווען? די שחיטה פון 1929 וואָלט נאַטירלעך געווען אַ שפּילעכל לגבי אָט דעם „רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד". איידער וואָס, ווען, וואָלטן זיך שוין אין פּאַניק, בלינד צעווילדעוועטע מענטשן, געשאָכטן איינער דעם צווייטן; קלאַסן־גרענעצן וואָלטן אין פייער פון פחד צעריבן געוואָרן, און נאַציאָנאַלע שנאה־גרענעצן וואָלטן ווי מאַוויימדיקע (שווידערהאַפטע) סלופּעס זיך געהויבן איבער קערפּער פון די געפאַלענע". וואָס איז דאָס? נישט קיין באַוווסטזיניקער רוף צו פּאָגראָמען, צו קעגנזייטיקע נאַציאָנאַלע שחיטות?

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ — פּ.ק.פּ. גייט ווייטער קאָנסעקווענט אין איר העסלעכער פּאָגראָם־אַרבעט, זי לאָזט נישט דורך קיין איין געלעגנהייט, זי זאָל נישט פּרווון העצן די אַראַבישע מאַסן צו פּאָגראָמען קעגן יידן. אין ירושלים איז געפונען געוואָרן טויט אַ יידישער טוריסט. באַלד נאָך דעם איז געפונען גע־וואָרן אַ דערהרגעטער אַראַבישער שאָפער. ביז איצט איז נאָך נישט פעסטגע־שטעלט, צי האָט זיך דער ייד גענומען דאָס לעבן אָדער ער איז דערמאָרדעט געוואָרן. ס'איז אויך נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן פון וועמענס האַנט דער אַראַבי־שער שאָפער איז געפאַלן. אָבער דער אויפרוף פונעם צ.ק. פון פּ.ק.פּ. (דערשינען אין אַפּריל ה. י.) ווייסט צו דערציילן די אַראַבישע מאַסן, אַז דער ייד איז געווען אַ משוגענער און איז אַליין באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און, אַז דעם אַראַבישן שאָפער האָבן אויס פּאָליטישער נקמה דערהרגעט יידן. און דער זעלבער אויפרוף זאָגט ווייטער: „בלוט האָבן זיי געוואָלט — בלוט זאָלן זיי באַקומען. נאָר דאָס בלוט דאַרף זיין זייער אייגנס". קאָמענטאַרן זענען איבעריק — קיין מער אָפענעם רוף צו פּאָגראָמען דאַרף מען נישט!

פּ.ק.פּ. רופט צו פּאָגראָמען לגבי אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו די יידישע מאַסן. נישט נאָר לגבי די יידן וואָס זענען שוין איצט פאַראַן אין פּאַלעסטינע,

נאָר אפילו די, וואָס רעכענען ערשט פון די שיפן אַראָפּצוגייען. אַן אויפרוף פון צ.ק. פון דער פּ.ק.פּ. פון 3־טן אפּריל ה. י., רופט די אַראַבישע אַרבעטער און פעלאַכן „צו דעמאָנסטרירן קעגן דער יידישער איינוואַנדערונג": „דעמאָנסטרירט אין די פּאַרטן קעגן ציוניסטישער איינוואַנדערונג און צווינגט זיי זיך אומקערן צוריק פון וואַנען זיי זענען געקומען". אָט צו וואָס עס דערפירט די פּאַלעסטינער יעווסעקעס זייער משוגענע שנאה צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט און אירע אידעאַלן!

די יידסעקציע אין פּאַלעסטינע, די וועלכע טרעט אַרויס אונטער דער פירמע פון פּ.ק.פּ., וועלכע רופט זיך שטאָלץ אַן „סעקציע פון קאָמאינטערן", האָט זיך איצט פּאַרוואַנדלט אין אַן אָפענער פּאָגראָם־באַנדע, אין אַ מיאוסער, העסלעכער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער כנופיה, אין אַ שטיץ־פּונקט פאַר אַלע שוואַרצע, רעאַקציאָנערע כוחות אין לאַנד. באַנוצנדיק זיך מיטן שם־המפורש פון קאָמאינטערן, שענדעט זי און באַשמוצט די רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישע באַוועגונג.

די פּאָליטיק פון דער פּ.ק.פּ. באַווייזט צו וואָס עס דערפירט דער אַקטיווער קאַמף קעגן דער יידישער אַרבעטער־איינוואַנדערונג, קעגן פּראָלעטאַרישן ציוניזם.

די יידישע אַרבעטערשאַפט מוז אויסרוימען פון אירע רייען אָט־אָ דעם מיאוסן און עקלהאַפטן שמוץ, באַפרייען זיך פון פּאָגראָמטשיקעס, וועלכע טוען זיך אָן קאָמוניסטישע מאַסקעס; אויסגעראָט מוזן זיי ווערן פון די אַרבעטער־רייען. דאָס פּאָדערט דער קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער, דער קאַמף פאַר דער רעוואָלוציאָנערער־מאַרקסיסטישער באַוועגונג, דער קאַמף פאַרן פּראָלעטאַרישן ציוניזם.

„פרייע יוגנט", נומ' 7, יוני 1932.

די קוליסן פון דער בריטישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל

1

די קאָמפּאַניע קעגן די פּלענער פון ענגלישן אימפּעריאַליזם אָפּצושטעלן די עליה קיין ארץ־ישראל האָט געפונען דעם הילכיקסטן אָפּקלאַנג צווישן די ברייטסטע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פאַרשידענע לענדער. זיי האָבן דערפילט, אַז דאָס אָפּשטעלן די איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל, דאָס

באַדייטנדסטע איינוואַנדערונגס־לאַנד פאַר די יידישע מאַסן אין די לעצטע יאָרן, איז געוועגדט נישט נאָר קעגן דער רעאַליזירונג פון ציוניזם, נאָר שטעלט מיט זיך אויך פאָר אַ שווערן קלאַפּ פאַר די געפּייניקטע יידישע מאַסן, וואָס זענען געצוווּנגען צו זוכן אַרבעט און עקזיסטענץ־מעגלעכקייט דורך אויסוואַנדערונג. אָבער גראָד אין מאָמענט, ווען די קאַמפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען צו אַ מעכטיקער פאָלקס־באַוועגונג, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן אַלץ־מער אויס־צוברייטערן און פאַנאַנדערצוּוואַקסן, איז זי מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט און איבערגע־ריסן געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מיט אירע אַרבעטער־עלעמענטן אינאיינעם, און איר פּלאַץ פאַרנעמט אַ נייע פינאַנציעלע אַקציע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — „מפעל הבצרון".

אויף דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט געווירקט דער באַשלוס פון דער לאָנדאָנער רעגירונג אָפּצושיקן אַ נייע דיוויזיע מיליטער קיין ארץ־ישראל מיט דער הבטחה צוצוטרעטן צו אַן ענערגישער אַקציע קעגן די אַראַבישע טעראָר־באַנדעס, און אויך דער פאַקט וואָס די זעלבע זיצונג פון ענגלישן מיניסטאָרן־קאַבינעט האָט דערוויילס נישט אָנגענומען קיין באַשלוס אָפּצושטעלן שוין איצט די איינוואַנדערונג, נאָר „בלויז אָפּגעלייגט דעם באַשלוס וועגן דער דאָזיקער פראַגע ביז צו דער נאָענטסטער זיצונג" (י. גרינבוים — אין „היינט" פון 14־טן ה. ח.). אויף דעם יסוד האָט דער פּאָליטישער לייטער פון דער יידישער אַגענץ — מ. שערטאָק פון מפא"י — אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז „דער ישוב איז צופרידן פון דער נייער ליניע און האַלטונג פון דער רעגירונג לגבי די גע־שעענישן אין ארץ־ישראל". און מ. דיזענגאָף, דער בירגערמייסטער פון תל־אביב, האָט מקבל־פּנים געווען דעם גענעראַל דילל, דעם נייעם מיליטערישן קאָמאַנדיר אין פּאַלעסטינע, ווי אַ דערלייזער. דאָס ציוניסטישע בירגערטום צוזאַמען מיט זיינע אַרבעטער־שותּפים האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין די דאָזיקע נייע מאַנעווערס פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, כדי ווייטער צו קאָנען מאַניפעסטירן זייער אָריענטאַציע אויף דער אימפּעריאַליסטישער מאַנדאַט־מאַכט.

2

צי האָט די מאַנדאַט־מאַכט געדאַרפט אַריינבערענגען אין ארץ־ישראל נייע 20.000 זעלנער? צי מוז זי איבערגעבן די פאַרוואַלטונג אין לאַנד אין די הענט פון דער מיליטער־מאַכט, כדי צו אונטערדריקן די טעראָר־באַנדעס? צי זענען נישט גענוג געווען די 15.000 זעלנער צוזאַמען מיט די טויזנט פּאָליציי־לייט, וואָס זענען איצט דאָ אין לאַנד, כדי צו מאַכן אַ סוף צו די ווילדע טעראָר־מעשים? צי איז די מאַנדאַט־מאַכט נישט געווען בכוח אָפּצושטעלן דעם טעראָר פיל פריער? צי האָבן געמוזט אַוועקגיין 5 חדשים מיט פיל הונדערטער קרבנות, מיט באַרבאַריש־דערמאָרדעטע קינדער און פרויען, מיט פאַרניכטעטער מענטש־

לעכער מי און אַרבעט? צי האָט מען זיך פריער דערמיט נישט געקאָנט געבן קיין עצה?

אויף דעם אַלעמען איז נישט שווער צו געבן קיין ענטפער. די אימ־פעריאַליסטישע מאַכט איז געווען ביכולת אָפּצושטעלן די גאַנצע באַוועגונג אין איר אָנהייב. זי האָט דערצו נישט געדאַרפט נישט נאָר קיין 15.000 זעלנער, עס זענען אפילו איבעריק געווען די עטלעכע טויזנט, וואָס זענען נאָרמאַל סטאַציאָ־נירט אין לאַנד. אויב דער ווילדער טעראָר איז ביז איצט נישט אונטערדריקט געוואָרן, איז דאָס געשען נישט צוליב דער קנאַפּקייט פון מיליטערישע קרעפטן, נאָר ווייל די אימפּעריאַליסטישע מאַכט האָט עס נישט געוואָלט.

די מאַנדאַט־מאַכט האָט געפירט אַ טייוולאָניש שפּיל מיט די לעבנס און אינטערעסן פון די יידישע און אַראַבישע מאַסן. אונטער איר שוץ האָט זיך אַנטוויקלט דער ווילדער טעראָר־אָנגריף אויפן יידישן ישוב. די רעגירונגס־באַאַמטע, וואָס האָבן אָפן אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע פאַר דעם דאָזיקן „אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאַמף", זענען באַלוינט געוואָרן מיט דאַנק־דערקלערונגען פונעם הויך־קאָמיסאַר. די פּאָליטישע פירער פון אָט דעם „אַנטי־אימפּעריאַ־ליסטישן קאַמף" — דער אַראַבישער אָנפיר־קאָמיטעט — איז דורך דעם אימ־פּעריאַליסטישן צד מיט אַלע כוחות געשטיצט געוואָרן. אָט אין וואָס עס האָט זיך אויסגעדריקט דער „גוטער ווילן" פון דער מאַכט אַ סוף צו מאַכן צו דעם ווילדן טעראָר־מצב אין לאַנד!

די פריער־אַריינגעפירטע טויזנט זעלנער, צוזאַמען מיט די איצטיקע נייע מיליטערישע פאַרשטאַרקונגען, זענען נייטיק נישט צו אונטערדריקן דעם „אַנטי־אימפּעריאַליסטישן אויפשטאַנד", נאָר צו פאַרוואַנדלען פּאַלעסטינע אין אַ מילי־טערישן לאַגער, כדי אָפּצוהיטן דאָרט די אינטערעסן פון בריטישן אימפּעריאַליזם, ווי עס פאָדערן די געענדערטע וועלט־פּאָליטישע פאַרהעלטענישן און בפרט די געענדערטע סיטואַציע אין נאָענטן מזרח.

די פּאָזיציע פון ענגלישן אימפּעריאַליזם אין מיטללענדישן ים איז לעצטנס דערשיטערט געוואָרן — דער מזרח־טייל דורך דער וואַקסנדיקער מאַכט־שטעלונג און עקספּאַנסיע פון פאַשיסטישן איטאַליע, דער מערב־טייל דורכן אויפשטאַנד פון די פאַשיסטן אין שפּאַניע, הינטער וועלכן עס שטייען אָן ספק די צוויי גרויסע פאַשיסטישע מלוכות אין אייראָפּע — איטאַליע און דייטש־לאַנד. די הערשאַפט איבערן מיטללענדישן ים, וואָס איז ביז איצט געלעגן אין די הענט פון ענגלאַנד, איז אָבער גלייכצייטיק דער שליסל צו די טויערן, וואָס פירן פון אייראָפּע קיין אַפריקע און אַזיע.

די איטאַליעניש־אַבעסינישע מלחמה האָט קלאָר באַוויזן ווי גרויס עס איז די סטראַטעגישע באַדייטונג פון פּאַלעסטינע אינעם קאַמף פאַר דער הערשאַפט איבערן מיטללענדישן ים. בפרט איז אויסגעוואַקסן די באַדייטונג פון פּאַלעסטינע

פאַרן בריטישן אימפּעריאַליזם נאָכן שליסן דעם אָפּמאַך מיט מצרים, וואָס שוואַכט אָפּ באַדייטנד די שטעלונג פון ענגלישן אימפּעריאַליזם דאָרט. אַזוי אַרום באַקומט פּאַלעסטינע אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג ביים אָפּהיטן און באַשיצן דעם סועץ־קאַנאַל — איינעם פון די וויכטיקסטע קאָמוניקאַציע־נערוון אין דער וועלט. אַ פּוילישע בירגערלעכע צייטונג האָט ריכטיק אָנגעוויזן אין איינעם פון אירע לעצטע נומערן, אַז אין „אימפּעריאַלן (ענגלישן) סיסטעם באַזיצט היינט פּאַלעסטינע אַ גרעסערע באַדייטונג, ווי מצרים, אַלס שוץ פאַרן סועץ־קאַנאַל, אַלס אָנשפּאַר פאַרן ענגלישן פלאָט אויף די מזרח־וואַסערן פון מיטללענדישן ים, אַלס קנופּ־סטאַציע פאַר די קאָמוניקציע־וועגן אין דער לופט קיין אינדיע, אַלס רעזערוואואַר פאַר די רייזיקע זאַפּאַסן פון רוי־נאַפט, וואָס גייען דורך רערן פון די נאַפט־פעלדער ביים פּערסישן אויסגאָס". און מען דאַרף וויסן, אַז דאָס שעפּט נאָך נישט אויס די גאַנצע באַדיי־טונג, וואָס פּאַלעסטינע האָט פאַרן בריטישן אימפּעריאַליזם.

אָט ווו ס׳ליגט דער סוד פון דער גרויסער מאָביליזאַציע פון די מיליטער־רישע בריטישע כוחות אין פּאַלעסטינע. עס איז נישט די זאָרג פאַר דער זיכער־קייט פון לעבן און קיום פון יידישן ישוב, נאָר פאַר די אינטערעסן פון בריטישן אימפּעריאַליזם.

ס׳איז גריילעך מעגלעך, אַז איצט וועט די מאַנדאַט־מאַכט זיך נעמען ווירקלעך שטרענג צו די טעראָר־באַנדעס. מען דאַרף וויסן, אַז דער „אַנטי־אימ־פּעריאַליסטישער אויפשטאַנד" איז נישט נאָר טאָלערירט געוואָרן דורך דער מאַנדאַט־מאַכט און אַזוי אַרום זיך געקאָנט האַלטן אַזוי לאַנג און אויסברייטערן זיינע ראַמען, נאָר איז אויך נאָך ברייט געשטיצט און געשטאַרקט געוואָרן — מיט געלט און אַמוניציע — דורך דעם פּאַשיסטישן איטאַליע און ברוינעם דייטשלאַנד. נישט פון היינט ערשט זענען באַקאַנט די ענגע פאַרבינדונגען צווישן באַדייטנדע קרייזן פון דער אַראַבישער נאַציאָנאַליסטיש־פּאַשיסטישער באַוועגונג מיטן איצ־טיקן איטאַליע; נאָך מיט אַ צייט צוריק פאַר די געשעענישן איז אַנטפּלעקט גע־וואָרן די פאַרבינדונג צווישן דעם עקסטרעמען פליגל פון דער אַראַביש־נאַציאָנאַ־ליסטישער באַוועגונג — „איסטיקלאַל" און פונעם מופטי מיטן איטאַליענישן פּאַשיזם, דורך דער פאַרמיטלונג פונעם באַקאַנטן שייך אַרסלאַן, וועלכער זיצט אין אייראָפּע; מ׳האָט אפילו אָנגעגעבן גאַנץ גענוי די רייזיקע סומען, וואָס די־דערמאָנטע גרופּן האָבן באַקומען פון פּאַשיסטישן איטאַליע. די אַראַביש־פּאַשיס־טישע באַוועגונג זעט מען, אַרבעט נישט נאָר פאַר אירע צילן, נאָר גלייכצייטיק אויך פאַר די אינטערעסן פון דער „גרויסער רוימישער אימפּעריע". פונקט אַזוי איז היטלער פאַראינטערעסירט צו פאַרשאַפן ענגלאַנד שוועריקייטן אין די אַממיינסטן פילבאַרע פונקטן, כדי זי צו באַוועגן אויף הנחות בנוגע קאָלאָניעס פאַר דייטשלאַנד — אַ פאָדערונג וואָס איז אַזוי קלאָר געקומען צום אויסדרוק אויפן לעצטן נירנבערגער קאָנגרעס. איז פאַרשטענדלעך, אַז די מאַנדאַט־מאַכט

זועט זיך איצט נעמען שטרענגער צו אונטערדריקן די טעראָר־באַנדעס. די מאַנדאַט־מאַכט האָט דערגרייכט, וואָס זי האָט געוואָלט. ס׳האָט זיך געשאַפן דער אויסרייד אַריינצופירן אין ארץ־ישראל גרויסע מאַסן מיליטער, צו פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ גרויסן באַוואָפנטן לאַגער. די ריזיקע קאָסטן, וואָס זענען פאַר־בונדן מיט אויסהאַלטן אַזאַ ריזיקן מיליטערישן אַפּאַראַט, וועט פאַרשטענדלעך, טראָגן די באַפעלקערונג פון לאַנד.

די מאַנדאַט־מאַכט קאָן איצט אָנווייזן, אַז דער באַפעלקערונג קאָן מען נישט אָנטרויען די פאַרוואַלטונג מיטן לאַנד, אַז די אימפּעריאַליסטישע מאַכט איז אומבאַדינגט נייטיק. און נישט ווייניקער וויכטיק — איז וואָס דער אימפּעריאַ־ליסטישער מאַכט האָט זיך איינגעגעבן צו לענקען די סאָציאַלע יוירונג ביי די אַראַבישע מאַסן אינעם קאַנאַל פון נאַציאָנאַלער שנאה, צו שאַפן אַן איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן פראָנט, וואָס שטאַרקט די פּאָזיציע פון די רעאַקציאָנערע אַראַבישע שיכטן. ס׳איז דעם אימפּעריאַליזם געלונגען צו שטאַרקן אין רעזולטאַט פון די געשעענישן, דעם שאָוויניזם אויך אין דער יידישער סביבה, צו פאַרגרעסערן די אָפּגעזונדערטקייט צווישן די יידישע און אַראַבישע מאַסן. דער בילאַנס איז נישט קיין קליינער! די צאָלרייכע קרבנות פון די געשעענישן, די קאָלאָסאַלע מאַטע־ריעלע שאָדנס, וואָס זענען אָנגעמאַכט געוואָרן, האָבן געלוינט — דעם אימ־פּעריאַליזם.

פאַלש איז אָבער, ווען מען מיינט, אַז די סכנה פון אָפּשטעלן די עליה איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, אָדער אפילו בלויז קלענער געוואָרן. אַ פאַרברעך איז, ווען מען שלעפּערט איין די אויפמערקזאַמקייט פון די יידישע מאַסן אין גאָר דער וועלט לגבי די פּלענער פון ענגלישן אימפּעריאַליזם בנוגע דער יידישער איינ־וואַנדערונג קיין ארץ־ישראל. ס׳איז אַ פאַרברעך מצד דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע און בפרט פון איר אַרבעטס־פליגל, ווען די קאַמפּאַניע קעגן פאַרמאַכן די טויערן פון ארץ־ישראל ווערט אָפּגעשטעלט. ווייל די דאָזיקע געפאַר איז אויף אַ האָר נישט געמינערט געוואָרן.

אָן שום ספק האָט די דעצידירטע האַלטונג פון די יידישע מאַסן אין גאָר דער וועלט געהאַט אַ ווירקונג אויף דער שטעלונג פון גרויסע טיילן פון דער פּראָגרעסיווער און ראַדיקאַלער עפנטלעכקייט סיי אין ענגלאַנד גופא, סיי אין אַנדערע לענדער. דער ענגלישער קאַבינעט האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דער קלאָרער שטעלונג פון דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי, ווי מיט דער דיסקרעטער אינטערוועניץ פון רוזוועלטן, וועלכע איז געשטיצט געוואָרן דורך אַ מעמאָריאַל פון אַ ריי איינפלוסרייכע אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס צום ענגלישן פּרעמיער באַלדווין. נעמענדיק אין באַטראַכט וואָס דער שעדיול איז שוין געווען כמעט אויסגענוצט, האָט זיך די ענגלישע רעגירונג געקאָנט דערלויבן אויף אַ זשעסט און אָפּלייגן דעם באַשלוס וועגן אָפּשטעלן די עליה אויף עטלעכע וואָכן.

דער ענגלישער אימפּעריאַליזם מוז זיך טיילווייז רעכענען מיטן דרוק פון דער אַרבעטער־ און פּראָגרעסיווער עפנטלעכקייט ביי זיך אין לאַנד און אין אַנדערע לענדער, סוף כל סוף ווערט אָבער זיין באַציאונג צו דער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל באַשטימט דורך זיינע אינטערעסן. און די אינטערעסן ווענדן זיך אָביעקטיוו קעגן אַ יידישער מאַסן־עליה, פּונקט ווי קעגן דער אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב — ווייל דער בריטישער אימפּעריאַליזם איז פאַראינטערעסירט אייַנצוהאַלטן די אָפּגעשטאַנענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין לאַנד, וואָס ווערן אַטאַקירט דורך דעם עקאָנאָמיש־פּראָגרעסיוון כאַראַקטער פון נייעם יידישן ישוב און דורך דער רעוואָלוציאָניזירנדיקער ווירקונג פון וואַקסנדיקן יידישן אַרבעטער־קאָלעקטיוו. דאָס איז די נאַטירלעכע באַזע פאַרן געאייניקטן פראָנט פון די רעאַקציאָנערע אַראַבישע שיכטן מיטן בריטישן אימפּעריאַליזם קעגן דער יידישער איינוואַנדערונג, בפרט דער אַרבעטנדיקער. אַט די שטעלונג פון דער מאַנדאַט־מאַכט צו דער אַרבעטנדיקער יידישער איינוואַנדערונג מוז באַזונדערס שאַרף קומען צום אויסדרוק אין מאָמענט פון אינטערנאַציאָנאַלער שפּאַנונג, ווען ס'דראָט די געפאַר פון מלחמה־אויסברוך און ווען די סטראַטעגישע באַדייטונג פון פּאַלעסטינע טרעט באַזונדערס אַרויס אין פאָדערגרונט.

צי וועט דער קייזער־שניט איבער דער יידישער עליה דורכגעפירט ווערן דורכן ענגלישן מיניסטאָרן־קאַבינעט, אָדער די אויפגאַבע וועט פאַלן אויף דער קעניגלעכער קאָמיסיע, וואָס איז שוין באַשטימט געוואָרן — דאָס ענדערט נישט די סיטואַציע אין תוך. די געפאַר פאַר דער איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל מצד דעם בריטישן אימפּעריאַליזם באַשטייט ווייטער און איז נישט קלענער געוואָרן.

די יידישע מאַסן, וואָס זענען בלוטיק פאַראינטערעסירט אין פרייער, אומגעשטערטער איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל, טאָרן נישט אָפּשטיין אין זייער קאַמף, קעגן די אַלע כוחות, וואָס שטערן דעם פּראָצעס פון טעריטאָריאַליזירונג און געזונטונג פון די יידישע מאַסן אין ארץ־ישראל, קעגן דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם און זיינע מיטהעלפער. זיי מוזן זיך פאַרבינדן אין אָט דעם קאַמף מיט די פּראָגרעסיווע, פרייהייטלעכע כוחות אין גאַר דער וועלט.

„אַרבעטער־צייטונג“ נומ׳ 14, 18 סעפּטעמבער 1936.

די נייע קעניגלעכע קאָמיסיע וועגן ארץ-ישראל

דער אַראַבישער שטרייק אין ארץ־ישראל איז געענדיקט. די רעאַקציאָנער־פאַשיסטישע אָנפירונג פון דער אַראַבישער באַוועגונג האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט, וואָס דער ענגלישער אימפּעריאַליזם האָט איר געגעבן און אויפן רוף פון דריי אַראַבישע קעניגן אָפּגעשטעלט דעם שטרייק. דאָ און דאָרט קומען נאָך פאָר פאַראיינצלטע טעראָר־אַקטן און באַנדיטישע איבערפאַלן, אָבער די גאַנצע אַראַבישע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג האָט מיט פרייד אויפגענומען די מעגלעכקייט צוצוטרעטן צו דער אַרבעט. די באַציאונגען אין לאַנד נאָרמאַליזירן זיך. אין דער זעלבער צייט אָבער באַמיט זיך דער נאַציאָנאַל־אַראַבישער הויפּט־קאָמיטעט ווייטער האַלטן אין שפּאַנונג די באַפעלקערונג, נישט דערלאָזן, אַז די שריפה וואָס האָט געפלאַקערט אין משך פון 6 חדשים זאָל גענצלעך איינגעלאָשן ווערן. נישט נאָר די פעאָדאַל־פאַשיסטישע אַראַבישע פירער, נאָר אויך די ענגלי־שע מאַנדאַט־מאַכט זאָרגט דערפאַר, אַז דער ברען־שטאָף צווישן ביידע פעלקער וואָס באַוווינען פאַלעסטינע, זאָל נישט פאַרשווינדן, און איינער פון די וועגן איז — די נייע קעניגלעכע קאָמיסיע.

די קעניגלעכע קאָמיסיע דאַרף אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל דעם 5־טן נאָוועמבער אין הסכם מיט דער דערקלערונג פונעם ענגלישן קאָלאָניע־מיניסטער, אַז זי וועט אַרויס אין וועג, ווען אין פאַלעסטינע וועט רויק ווערן. זי דאַרף דאָס זיין די אָביעקטיווע אינסטאַנץ, אויסצופאָרשן די פאַרהעלטענישן אויפן אָרט, הערן די טענות פון די אַראַבער און יידן און — אַרויסטראָגן איר פּסק־דין, נישט נאָר וועגן די פאַרלאָפענע בלוטיקע געשעענישן נאָר אויך וועגן דער געשטאַלטונג פון די קומענדיקע פאַרהעלטענישן אין לאַנד.

די קעניגלעכע קאָמיסיע איז אָנגעקינדיקט געוואָרן נאָך מיט חדשים צוריק, איר צוזאַמענשטעל איז שוין לאַנג באַשטימט. ווער געהערט צו איר? דער עיקר געוועזענע אָדער איצטיקע הויכע ענגלישע קאָלאָניאַלע באַאַמטע, מענטשן, וועלכע וועלן נישט רירן מיט קיין פינגער קעגן די פּלענער און כוונות פון ענגלישן קאָלאָניע־מיניסטעריום.

פון דער בירגערלעך־ציוניסטישער זייט פרוווט מען זיי קלאַסיפיצירן: וועלן זיי זיין פּראָ־ציוניסטיש, צי פּראָ־אַראַביש? נאָך די לעצטע בלוטיקע דערפאַ־רונגען פאַרשטייען זיי נאָך אַלץ נישט, אַז זיי, די מיטגלידער פון דער קעניגלע־כער קאָמיסיע, וועלן זיין נישט פּראָ־ציוניסטיש און נישט פּראָ־אַראַביש, נאָר אויסשליסלעך און אַליין — פּראָ־ענגליש.

די טראַדיציאָנעלע ענגלישע פּאָליטיק אין ארץ־ישראל — צו מאַנעווורירן צווישן יידישן ישוב און די אַראַבישע פעאָדאַלן, נישט צו דערלאָזן צו דער

העגעמאָניע פון איין צד — באַגעגנט איצט גרויסע שוועריקייטן אין רעזולטאַט פון די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמפּליקאַציעס, פון דער ניי־אַנטשטאַנענער סיטואַציע אויפן נאָענטן מזרח און פון די אינטריגעס פון מוסאָלינישן און היטלערישן פאַשיזם אין די דאָזיקע לענדער. די קעניגלעכע קאָמיסיע דאַרף פעסטשטעלן די וועגן פון דער פּאָליטיק פון ענגלישן אימפּעריאַליזם פאַר דער נאָענטסטער צייט אין פּאַלעסטינע אין אָנבליק פון דער ניי־געשאַפענער סיטואַציע. אירע מיטגלידער דאַרפן עס זיין די עקספּערטן, אָבער נישט קיין אַראַבישע אָדער ציוניסטישע, נאָר עקספּערטן פון זיין מאַיעסטעט דעם בריטישן אימפּעריאַליזם. די אינטערעסן פון בריטישן אימפּעריאַליזם וועלן איינציק און אַליין זיין דער אויסגאַנג־פּונקט אין דער אַרבעט פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע.

די פּאָליטיק פון דער מאַנדאַט־מאַכט האָט אַלעמאָל געצילט, זי זאָל בלייבן דער אַרביטער צווישן ביידע פעלקער; דאָס ליגט אויך אויף דער ליניע פון דער טראַדיציאָנעלער ענגלישער פּאָליטיק נישט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין אינדיע און אין אַנדערע באַהערשטע לענדער. פריער דאַרף מען שאַפן אַזאַ סיטואַציע, אַז ביידע פעלקער זאָלן זיך נעמען פאַר די קעפּ, כדי שפּעטער צו קאָנען קומען אַלס דער צד, אַן וועלכן עס איז נישט מעגלעך איינצוהאַלטן די עלעמענטאַרע יסודות פון רו און אָרדענונג און איז איינער אַליין באַרופן אויף אַן אָביעקטיוון און יושרדיקן אופן צו געפינען אַן אויסוועג פון דער סיטואַציע. אויך איצט דאַרף די קעניגלעכע קאָמיסיע דערשיינען אַלס דער דריטער צד, אַלס דער אַנערקענטער אַרביטער סיי ביי די יידן, סיי ביי די אַראַבער.

ביי דער קאָנקרעטער סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין רעזולטאַט פונעם אַבעסינישן רויב־צוג, פון די איצטיקע קאַמפן אין שפּאַניע — פון דער אַלץ־וואַקסנדיקער פּענעטראַציע פון איטאַליענישן אימפּעריאַליזם און זיינע פּרוּוון צו באַהערשן די געביטן פון מיטללענדישן ים און נאָענטן מזרח און אָפּשוואַכן דאָרט די ענגלישע פּאָזיציעס; ווען ס׳האָט זיך קלאָר אָנגעצייכנט דער געמיינזאַמער פראָנט פון איטאַליענישן פאַשיזם מיטן דייטשישן פאַר נייע קאָלאָניאַלע דעראָבערונגען — אַ פראָנט, וואָס מוז זיין געווענדט קעגן די אַלטע אימפּעריאַלע מלוכות, אין דער ערשטער ריי דער בריטישער — מוז דער ענגלישער אימפּעריאַליזם אָנשטרענגען אַלע כוחות צו פּאַראַליזירן די אַקציע פון מוסאָליניִן און היטלערן אין די לענדער פון נאָענטן מזרח. די ענגלישע מאַנדאַט־מאַכט מוז אַנטקעגנווירקן זייער אַקציע צווישן די אַראַבער, דיסקאָנטירן און מאָביליזירן אירע איינפלוסן צווישן די אַראַבער גופא. דאָס איז אויך דער זין פון דער אינטערווענץ פון די דריי ענגלישע וואַסאַלן צווישן די אַראַבישע קעניגן און פירשטן — פון איבן סעוד, פון עיראַקישן קעניג גאַזי און פונעם עמיר פון עבר־הירדן עבדאללאה. זיי האָבן, וואָס אַן אמת, צוליב די אינערלעכע רייסענישן און קעגנזייטיקער שנאה נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אַרויסצוטרעטן מיט אַ געמיינזאַמער אַקציע

ביים אַראַבישן אָנפיר־קאָמיטעט; זיי האָבן אָבער יעדער באַזונדער אונטערגע־שטראָכן אין זייער רוף, אַז זיי „גלויבן אין די גוטע אינטענצן פון גרויס־בריטאַניע און האָבן צוטרוי צו די כוונות וואָס זי האָט אויסגעדריקט מכוח אַ יושרדיקער באַציאונג".

די אַרויסטרעטונג פון די אַראַבישע מושלים דאַרף פאַרשטעלן ענגלאַנד אין די אויגן פון די אַראַבער אין דער געשטאַלט פון אַ רעטער און דערצו דאַרף דינען די קעניגלעכע קאָמיסיע. אָבער אויף וועמענס חשבון? אויפן חשבון פון דעם אָפּשטאַרבנדיקן פעאָדאַלן שיכט, וואָס פּאַראַזיטירט אויפן אָרגאַניזם פון לאַנד, הגם ער פירט שוין לאַנג נישט אויס קיין שום פּראָדוקטיווע פונקציע, נאָר זויגט־אויס דעם מאַרך און דאָס בלוט פון דער אַרבעטנדיקער אַראַבישער באַ־פעלקערונג? אַ רעטער, אָבער פון וועמען? פון דער ריזיקער מערהייט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, פון אירע אַרבעטנדיקע עלעמענטן, אָדער פונעם קליינעם הייפל פעאָדאַלע משפחות, וואָס זענען די וואָרט־פירער און אָרגאַניזאַ־טאָרן פון דער אַזוי־גערופענער נאַציאָנאַלער אַראַבישער באַוועגונג? ניין, דאָ קאָן קיין טעות נישט זיין: די קעניגלעכע קאָמיסיע וועט דערשיינען נישט ווי דער רעטער פון די ברייטע מאַסן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, נאָר פון דעם דינעם רעאַקציאָנערן שיכט פון פעאָדאַלע אויסנוצער. די אַראַבישע פריצים קאָנען רויק גלייבן דעם רוף פון די דריי אַראַבישע מושלים און ענגלישע וואַסאַלן — זיי מעגן „גלייבן אין די גוטע אינטענצן פון גרויס־בריטאַניע און האָבן צוטרוי צו איר יושר". ווייל דער רעאַקציאָנער־פעאָדאַלער „יושר" אַנט־שפּרעכט פולשטענדיק דעם יושר פון ענגלישן אימפּעריאַליזם.

די מאַנדאַט־מאַכט האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז די אָנפירונג פון דער אַראַ־בישער פעאָדאַל־פאַשיסטישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג זאָל אַרויס מיט כבוד פון די געשעענישן. די אימפּעריאַליסטישע מאַכט האָט געזאָרגט, עס זאָלן נישט קאָמפּראָמיטירט ווערן די וואָס האָבן קעגן איר אָרגאַניזירט דעם „אַנטי־אימ־פּעריאַליסטישן אויפשטאַנד". זי וועט אויך ווייטער זאָרגן דורך דער קעניגלעכער קאָמיסיע, ווי ווייט מעגלעך איינצוהאַלטן אויף ווייטער די פּאָזיציעס פון פעאָדאַ־ליזם און אָפּהאַלטן די אַנטוויקלונג פון לאַנד. ווייל סיי די אימפּעריאַליסטישע מאַכט, סיי די פעאָדאַלן זענען גלייך פאַראינטערעסירט צו קאָנסערווירן די אָפּגעשטאַנענע לעבנס־פאָרמען, כדי לייכטער צו האַלטן די אייגענע הערשאַפטס־פּאָזיציעס.

דערפאַר מוז די קעניגלעכע קאָמיסיע זיך פאַרוואַנדלען אין אַ בייטש קעגן די שיכטן פון דער באַפעלקערונג פון ביידע פעלקער אין לאַנד, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, אין דער ענדערונג פון די עקזיסטירנדיקע פאַרהעלטענישן.

מיר האָבן שוין אַ פּראַקטיק מיט קאָמיסיעס, וועלכע קומען געוויינלעך

נאָך ערנסטע געשעעגישן אין לאַנד. אַלע האָבן זיי געשווינט די אינטערעסן פון די אַראַבישע עפענדיס און געזען דאָס איינציקע בייז נאָר אין דער אַנטוויקלונג פונעם נייעם יידישן ישוב און אין דער יידישער איינוואַנדערונג. אַלע האָבן זיי זיך באַמיט צו לענקען די אויפוואַכנדיקע פאַרביטערונג פון די אַראַבישע עקספּלאָאַטירטע מאַסן אין דער ריכטונג פון יידישן ישוב, פאַרשטעלן די יידישע איינוואַנדערונג אַלס דער אויסשליסלעכער מקור פון שלעכטס פאַר די ברייטע מאַסן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. אַלע האָבן זיי זיך באַמיט צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז אין ארץ־ישראל איז נישטאָ מער קיין פרייער באָדן, אַז אַ גרע־סערע יידישע איינוואַנדערונג איז אומדענקבאַר. אמת טאַקע, אַז נאָך סימפּסאָנס „ווייסנשאַפטלעכער עקספּערטיזע" איז געקומען אַ פילפאַך־פאַרגרעסערטע יידי־שע איינוואַנדערונג און אין רעזולטאַט — אַן אומגעהויערער טעמפּאָ פון עקאָנאָ־מישן אויפבלי און קאָלאָסאַלע אויסזיכטן פאַר אַ ווייטערדיקער יידישער איינוואַנ־דערונג. דאָך וועט די איצטיקע קאָמיסיע געפינען דעם וועג, וואָס איז שוין אויסגעטרעטן געוואָרן דורך פריערדיקע קאָמיסיעס און עקספּערטיזעס, ווייל ער גייט אויף דער ליניע פון די אינטערעסן פון בריטישן אימפּעריאַליזם בנוגע ארץ־ישראל.

די ענגלישע אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק אין פּאַלעסטינע האָט זיך איר דרך־המלך, אָבער זי איז אויך נישט קיין גראָדליניקע, נאָר פול מיט זיגזאַגן. איר דרך־המלך באַשטייט:

1) אין העמען דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן פּראָגרעס פון לאַנד, וואָס דער־פאַר שטעלט זי זיך קעגן דער אַנטוויקלונג פון נייעם יידישן ישוב און קעגן דער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג.

2) אין פענדלען צווישן ביידע נאַציאָנאַלע גרופּן, כדי אויסצושפּילן איינע קעגן דער צווייטער. דערפאַר גייט זי טיילמאָל אויף הנחות אויך לגבי דעם יידישן ישוב און דער יידישער עליה. אויך ביי די קאָנקרעטע פּאָליטישע פאַרהעלטענישן ווירקן פאַרשידענע פאַקטאָרן — פון איין זייט דער אינטערעס זיך פאַרצושטעלן אַלס פריינט פון די אַראַבער, אַלס זייער רעטער קעגן יידישער עקספּאַנסיע; אָבער פון דער צווייטער זייט אויך — די באַדייטנד־אויסגעוואַקסענע פּאָזיציע פון יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע, און די פּאַראינטערעסירונג פון די יידישע מאַסן אין גאָר דער וועלט מיט דער לאַגע פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל און מיט די אויסזיכטן פון אַ מאַסן־איינוואַנדערונג אַהין, מיט וועלכע דער ענגלישער אימפּעריאַליזם מוז זיך דאָך ערנסט רעכענען.

דערמיט איז צו דערקלערן, וואָס די בריטישע רעגירונג האָט דעקלאַרירט, אַז די קעניגלעכע קאָמיסיע וועט זיך אין איר אַרבעט רעכענען מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע — אַ כלומרשטע „קאָנצעסיע" לגבי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַ־ציע, וואָס זאָל זי העלפן באַרויקן. אָבער די דאָזיקע דעקלאַראַציע האָט פּאַקטיש

אַ קנאַפּע באַדייטונג, ווייל אפילו די באַלפור־דעקלאראַציע איז אַזוי צווייִדייטיק רעדאַגירט, אַז זי גיט די מעגלעכקייט פאַר כלערליי אינטערפּרעטאַציעס, וואָס זאָלן מיט זייער שאַרף זיין געווענדט קעגן דער יידישער איינוואַנדערונג. די באַגרענעצונג פון דער יידישער איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל, וואָס איז באַגרינדעט געוואָרן אין באַקאַנטן ווייס־בוך פון דער ענגלישער רעגירונג פון יאָר 1922, האָט דאָך באַזירט גראָד אויף דער באַלפור־דעקלאַראַציע. דער אימפּעריאַליזם רעכנט זיך, איבעריקנס, ווייניק מיט זיינע פאַרפליכטונגען. ער רעכנט זיך אויסשליסלעך מיט זיינע אינטערעסן. דערפאַר מוז מען אין דער געגעבענער קאָנקרעטער סיטואַציע רעכענען מיט דער סכנה פון אָפּשטעלן אָדער שטאַרק באַגרענעצן די יידישע איינוואַנדערונג. די דאָזיקע סכנה ווערט אויף אַ האָר נישט געמינערט דורך דעם צוזאָג, אַז די קעניגלעכע קאָמיסיע וועט האָבן אין אויג די באַלפור־דעקלאַראַציע.

די בריטישע פּאָליטיק אין פּאַלעסטינע האָט צו קעמפן מיט אַ ריי אויסגעוואקסענע שוועריקייטן און קאָמפּליקאַציעס. די שוועריקייטן באַשטייען נישט נאָר אין די געענדערטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פארהעלטענישן אין פּאַלעסטינע גופא אַלס רעזולטאַט פון דער יידישער איינוואַנדערונג און דער ראשער אַנטוויקלונג פון לאַנד. עס ווערט אַלץ שווערער איינצוהאַלטן די אייגענע פּאָזיציע און די פּאָזיציע פון דעם פעאָדאַלן קלאַס, וואָס האָט געבילדעט די הויפּט־באַזע פאַר די סאָציאַל־פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין לאַנד. די געשעענישן זענען געווען אַ פּרווו נישט נאָר אָפּצוהאַלטן דעם לויף פון דער אַנטוויקלונג, נאָר אויך אים צוריקדרייען. אָבער דער פּרווו איז נישט געלונגען: דער נייער יידישער ישוב, דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון עקאָנאָמישן פּראָגרעס אין לאַנד, איז געבליבן אומדערשיטערט, די מערהייט פון דער אַראַבישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג האָט זיך נישט געלאָזט פאַנגען אין דער פעאָדאַל־פאַשיסטישער נעץ. קומט איצט די קעניגלעכע קאָמיסיע און זי דאַרף, אין די ראַמען פון דער געענדערטער סיטואַציע, געפינען נייע וועגן פאַר דער אַלטער אימפעריאַליסטישער פּאָליטיק, וועלכע שטיצט זיך אויפן בונד מיט די פעאָדאַל־רעאַקציאָנערע שיכטן, קעגן די אינטערעסן סיי פון די יידישע סיי פון די אַראַבישע אַרבעטנדיקע מאַסן און באַזירט אויף העצן צו קעגנזייטיקער נאַציאָנאַלער שנאה, אבי צו שטערן די אַנטוויקלונג פון לאַנד, און ממילא אויך דעם וויכטיקסטן פאַקטאָר וואָס פירט דערצו — די יידישע מאַסן־איינוואַנדערונג.

קעגן אַזאַ פּאָליטיק מוזן זיך די יידישע מאַסן מאָביליזירן, אריינציען אין געמיינזאַמען קאַמף די אַראַבישע מאַסן און צוזאַמען זיך ווענדן אויך קעגן נייעסטן אימפעריאַליסטישן שווינדל — דער קעניגלעכער קאָמיסיע.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 20, 30 אָקטאָבער 1936.

„בונד" אין קאמף קעגן א יידישער מדינה

דאָס אַקטועל און רעאַל געוואָרענע פּראָבלעם וועגן שאַפן אַ יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל האָט אויפגערודערט ביזן טיפסטן די ברייטסטע יידישע מאַסן. נאָך אַ געשיכטע פול מיט צרות און ליידן, רדיפות און אונטערדריקונג, האָט פאַר זיי אַ שיין געטאָן אַ שימער פון נאַציאָנאַלער פרייהייט. אָט־אָ דער פאַקט האָט אין אַ גרויסער מאָס פארשטעלט די טונקעלע זייטן פונעם פּראָיעקט פון דער קעניג־לעכער קאָמיסיע און פון אָנהייב אויך אָפּגעטעמפּט דעם קריטיציזם לגבי די קאָנקרעטע פאָרמען, וואָס די יידישע מלוכה דאַרף אָננעמען לויטן פאָרגעלייגטן פּלאַן.

מיר האָבן אָנגעוויזן אויף דער גרויסער באַדייטונג פון עצם פאַקט, וואָס דער עיקר אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל איז דאָס פּראָבלעם פון מלוכהשער לייזונג פון דער יידן־פּראַגע אין פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַלס אַ רייף און אַקטועל פּראָבלעם אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז אין דעם זין האָבן די יידישע מאַסן אַרויסגעוויזן אַ געהעריקע פּאָליטישע אינטואיציע, אַרויס־ברענגענדיק אַזוי פיל באַגייסטערונג פאַר דער אידעע פון אַ יידישער מלוכה. מיר האָבן אָבער אין דער זעלבער צייט גערופן די מאַסן צו פירן דעם שאַרפסטן קאַמף קעגן דעם פּלאַן פונאַנדערצוטיילן ארץ־ישראל, וואָס האָט אין זין נישט די אינטערעסן פון די יידישע און נישט פון די אַראַבישע מאַסן, נאָר אויסשליס־לעך פון ענגלישן אימפּעריאַליזם.

ווי קריטיש מ׳זאָל זיך נישט באַציען צום פּראָיעקט פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע, מוז מען אָנערקענען, אַז בלויז דער אויספיר מכוח אַ יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל באַדייט אַ באַדייטנדן זיג פונעם ציוניזם. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס אויך די בונדישע מאַסן, דערצויגן אויף דער איינשטעלונג, אַז ארץ־ישראל איז לחלוטין אומפּעיק אויפצונעמען וועלכע נישט איז יידישע איינוואַנדערונג, האָבן געמוזט שטאַרק אויפגעטרייסלט ווערן. די מאַסן יאָ, אָבער נישט די פירער פון „בונד". זיי האָבן גרייט אַ בינטל פאָרמולעס בנוגע דעם ציוניזם, וועלכע זיי חזרן איבער ביי יעטוועדער געלעגנהייט.

אַזוי אויך איצט. זיי האָבן פריער ביי יעדער געלעגנהייט געשריגן: „אָט איז געקומען דער באַנקראָט, דער אונטערגאַנג פון ציוניזם". אַזוי איז געווען נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, נאָכן ערשטן פּאָגראָם אין יאָר 1920, אין יאָר 1921, בעת די שפּעטערדיקע קריזיסן, נאָך די געשעענישן אין יאָר 1929; די בונדישע פירער האָבן אפילו אין דער שטורמישער איינוואַנדערונגס־צייט אין די יאָרן 35 — 1934 געזען דעם סוף פונעם ציוניזם. און אויך איצט, ווען דאָס

פראָבלעם פון אַ יידישער מלוכה איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרענע, טרומייטערן זיי וייטער — באַנקראָט און אונטערגאַנג פון ציוניזם!

אָבער, ווי ס׳זאָל נישט זיין, די בונדישע פירער פאַרמאָגן אַזוי פיל זין פאַרווירקלעכקייט, זיי זאָלן אַרויספילן די שטימונגען פון די מאַסן, און אויך די געהעריקע מאָס אָפּאָרטוניזם, זיי זאָלן זיך צו די שטימונגען צופּאַסן. דערפון נעמט זיך, וואָס, הגם דער געדאַנק מכוח דער יידישער מלוכה צילט אין די יסודות פון בונדיזם, איז נאָך ביז איצט קיין בונדישער שרייבער נישט אַרויסגע־טראָטן אָפן און מוטיק פאַר די בונדישע לעזער קעגן דער אידעע פון אַ יידישער מלוכה. דאָס האָבן נישט געטאָן נישט ערליך, נישט אריה און נישט וו. ק. אין זייערע אַרטיקלען, געווידמעט אָט דער פראַגע. אָבער דאָס, וואָס ס׳איז אומבאַ־קוועם אונטערצוטראָגן דעם יידישן לעזער, קען מען מיט אַ לייכטן געמיט סער־ווירן דעם פוילישן לעזער. האָט, דעריבער, דאָס וואָס די בונדיסטן האָבן ביז איצט נישט געוואָגט צו טאָן אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג״, יאָ געטאָן העניק ערליך אין פ.פ.ס.ישן „דזיענניק לודאָווי״.

דאָרט, אין פ.פ.ס.ישן אָרגאַן, פירט ערליך ברייט פונאַנדער די הענט. דאָרט פּרעדיקט ער וועגן די „ציוניסטישע משוגעתן״, וואָס „האָבן זייער קוואַל אין דער האָפענונגסלאָזער אוטאָפּיע איבערצוואַרפן פיל־מיליאָניקע מאַסן פון איין קאָנטינענט אינעם צווייטן און פון קינסטלעכן רופן צום לעבן נייע נאַציאָ־נאַלע מלוכות״. אַזוי איז דאָס אין דער צייט פון קאַפּיטאַליזם. און אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט? „דאַן וועט עס בכלל נישט זיין נייטיק״ — פסקנט אָפּ קאַטעגאָריש העניק ערליך.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָ פון איין זייט דאָס אומווירדיקע טאָפּלטע שפּיל, לגבי די יידישע לעזער און די פוילישע לעזער. פיל כבוד פאַרשאַפט נישט אַזאַ שפּיל די בונדישע פירער. כאַראַקטעריסטיש, פון דער צווייטער זייט, די באַגרע־נעצטקייט פון די בונדישע פירער און זייער בלינדקייט לגבי געענדערטע סיטואַ־ציעס: זיי רעדן נאָך אַלץ ווי פאַר 30 יאָר, מיט דער זעלבער שפּראַך, מיט די זעלבע אַרגומענטן. אַ וועלט האָט זיך איבערגעקערט, ס׳זענען פאָרגעקומען טיפע ענדע־רונגען אין אַלגעמיינעם און יידישן לעבן, אָבער די בונדישע פירער לעבן נאָך אַלץ מיט זייערע פאַרצייטיקע באַגריפן. די צייט איז געבליבן שטיין אין זייערע מוחות און זיי מיינען, אַז זי האָט זיך ווירקלעך אָפּגעשטעלט.

יאָרן־לאַנג האָט דער „בונד״ געטענהט, אַז ס׳איז נישט מעגלעך קיין שום וואַנדערונג אין ארץ־ישראל. ס׳איז אַ וויסט און אַ פוסט לאַנד, פול מיט זאַמד און שטיינער. אָבער די יידישע אַרבעטער האָבן פון די ארץ־ישראלדיקע זאַמד־מדבריות און בלאָטעס אַרויסגעכישופט פרעכטיקע גערטנער און פעלדער. זיי האָבן אויף די דאָזיקע שטיינער אויפגעבויט מאָדערנע קולטור־שאַפונגען. איצט

איז ערליך געצוווּנגען מודה צו זיין, אַז „די יידישע אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע האָט אָן שום ספק בייגעטראָגן צו באַרייכערן דאָס לאַנד און צו הייבן זיין קולטור־רעלן ניווא".

לויט די בונדיסטן איז פּאַלעסטינע געווען אומפעיק אויפצונעמען וועלכע נישט איז יידישע איינוואַנדערונג. דאָס לאַנד האָט, לויט זייער מיינונג, נישט געטויגט פאַר דעם צוועק. איצט אָבער געפינט אריה אין דער „פּאָלקסצייטונג" איין געביט, וואָס איז מסוגל אויפצונעמען אַ גרויסע יידישע איינוואַנדערונג און מאסן־קאָלאָניזאַציע — דאָס איז דער נגב. ערשט איצט האָט ער דערזען, אַז אין פּאַלעסטינע זענען פאַראַן גרויסע ליידיקע ערד־שטחים, בעת פריער האָט זיך די בונדישע תורה געשטיצט אויף דעם, אַז אַלץ איז שוין לאַנג פאַרנומען דורך אַראַבער. וואָלט אָבער דער נגב אַריין אין די גרענעצן פון דער יידישער מלוכה, וואָלטן דאַן אויך די בונדיסטן בלינד געוואָרן אויף זיינע אייגנשאַפטן, פונקט ווי זיי ווילן איצט נישט דערזען, אַז אפילו אין די ארומגעשניטענע גרענעצן קען די געפּלאַנטע יידישע מלוכה אַריינעמען נאָך אַ מיליאָן איינוואַנדערער און אפשר נאָך מערער.

אָט אַזוי דרייט מען מיט דער צונג אהין און אַהער, מ'וויל אָבער אַלץ נישט מודה זיין אין אייגענעם באַנקראָט, הגם ער איז אַזוי אָפּנבאַר. מ'רעדט וועגן אונטערגאַנג פון ציוניזם גראָד אין מאָמענט פון זיין פּאָליטישן נצחון; מען רעדט מכוח דער „האָפענונגסלאָזער אוטאָפּיע" אַריבערצופירן מיליאָניקע מאַסן, ווען גראָד די אַנטוויקלונג פונעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל איז דער בעסטער סימן פאַר דער רעאַלקייט פון דער דאָזיקער „האָפענונגסלאָזער אוטאָפּיע"; מ'רעדט וועגן דעם אומזין „צו רופן צום לעבן נייע נאַציאָנאַלע מלוכות", ווען אָט ווערט דאָס פּראָבלעם מכוח דער יידישער מלוכה איצט אָוועקגעשטעלט אַלס אַקטועל פּראָבלעם פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט; און מ'דאַרף שוין ווירקלעך זיין געשלאָגן מיט בלינדקייט צו רעדן מיט הפקרדיקער תקיפות, אַז אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט אַ יידישע מלוכה זיין אַן אומנייטיקע זאַך, ווען גראָד די פּראַקטיק פון ראַטנפאַרבאַנד האָט געלערנט, אז אפילו אין דער פּראָלעטאַרישער מלוכה קען די פולע מעגלעכקייט פאַר נאַציאָנאַלער אַנט־וויקלונג דערגרייכט ווערן נאַר אין די ראַמען פון אייגענעם מלוכהשן לעבן.

אָבער, ווי געזאָגט, ווערט פאַרן יידישן לעזער דער געדאַנק מכוח דער יידישער מלוכה באַקעמפט דורכן „בונד" נישט אידעאָלאָגיש, נאָר „פּראַקטיש". לכל הפחות ביז איצט האָט מען נאָך אין דער „פאָלקסצייטונג" נישט געטענהט, אַז אַ יידישע מלוכה בכלל איז נישט נייטיק. נישט מער, מ'פּרוּווט דיסקרעדיטירן די קאָנקרעטע דורך דער קעניגלעכער קאָמיסיע געפּלאַנטע יידישע מלוכה.

דעם „בונד" האָט דערביי געטראָפן אַ גליק, וואָס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך פונאַנדערגעפּלאַקערט אַ קאַמף צווישן די „יאָ־זאָגערס"

און „ניין־זאָגערס". און ווי אין יעדן קאַמף ווערט פיל שאַרזשירט. אַט די שאַר־זשירטע, צום פראַקציאָנעלן קאַמף אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ספּע־ציעל סערווירטע אַרגומענטן, ווערן עס אויפגעכאַפּט דורכן „בונד" ווי אַ כשרע מציאה. און אַזוי קומט אויס, אַז זשאַבאָטינסקי, שוואַרצבאַרד און אוסישקין — די פירער פון פאַשיסטישן און רעאַקציאָנערן ציוניזם — זענען עס געוואָרן באַרן „בונד" די בר־סמכא׳ס אין הלכות־ציוניזם.

מיר פירן דעם שאַרפסטן קאַמף קעגן די פּלענער צו שטעלן אַ קינסטלעכע וואַנט אויפן וועג פון דער אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל און פון פּאַלעסטינע בכלל, וועלכע דער צעטיילונגס־פּלאַן וויל דורכפירן. אָבער מיר האָבן אין זין די קאָנקרעטע, לעבעדיקע אינטערעסן און באַדערפענישן פון די יידישע מאַסן. דערפאַר זענען אונדז פרעמד די אַבסטראַקטע אַרגומענטן, וועלכע ווערן געברויכט דורך די רעוויזיאָניסטישע און מזרחיסטישע „ניין־זאָגערס". אונדז גייט פיל מער אין קאָלאָניזאַציע־געביטן פאַר דער געפּייניקטער יידישער מאַסע, ווי אין היסטאָרישן און פאַר פרומע יידן הייליקן כותל־מערבי.

דער „בונד", אָבער, נעמט איבער די גאַנצע קלעריקאַל־פאַשיסטישע אַרגומענטאַציע פון די מזרחיסטן און רעוויזיאָניסטן לגבי דעם פּראָיעקט פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע.

אַט שרייבט אריה אין דער „פאָלקסצייטונג" (פון 11־טן יולי), אַז „מען האָט פון דער „יידישער מלוכה" אָפּגעריסן די סאַמע וויכטיקסטע ערטער. אין דער יידישער מלוכה גייט נישט אַריין די היסטאָרישע יידישע רעזידענץ ירושלים". אַז עס ווערט אַרויסגענומען „דער העברעאישער אוניווערסיטעט אויפן הר־הצופים"; אַז „פאַר פרומע יידן וועט עס זיין אַ באַזונדערער קלאַפּ, וואָס אַלע „הייליקע ערטער" בלייבן אויסער די גרענעצן פון דער יידישער מלוכה". צי וואָלטן זיך די אַרגומענטן נישט אַריינגעפּאַסט אויסגעצייכנט אין אַ מזרחיסטישן, אָדער אפילו אגודיסטישן אָרגאַן?

עס געפעלט אויך נישט די בונדישע שרייבער, וואָס אַ ריי אַלטע היסטאָ־רישע פלעצער בלייבן מחוץ דער געפּלאַנטער „יידישער מלוכה", וואָס „אויף דעם דאָזיקן שטח זענען פאַראַן אַזוי ווייניק יידישע היסטאָרישע ערטער" און ממילא „דאָס וואָס ענגלאַנד וויל איצט געבן די ציוניסטן, איז נישט קיין ציון" (אריה אין דער „פאָלקסצייטונג"). דעם זעלבן „סאָציאַליסטישן" אַרגומענט געברויכט אויך ה. ערליך אין זיין אינטערוויו אין „דזשיענניק לודאָווי", ווו ער שרייבט, אַז „אַלץ וואָס טראָגט אויף זיך אַ היסטאָרישן חותם זאָל בלייבן אויסער די גרענעצן פון דער יידישער מלוכה".

דאָס זענען אַרגומענטן, מיט וועלכע מ׳וויל פּאַרמיאוסן די געפּלאַנטע יידישע מלוכה אין די אויגן פון דעם פרומען יידן און ציוניסטישע ראָמאַנטיקער. פאַרן רעוויזיאָניסטיש געשטימטן ווערט סערווירט דער מאָטיוו, אַז „דאָס

אַפּרייסן דעם עבר־הירדן איז געווען דער ערשטער קייזער־שניט, וואָס ענגלאַנד האָט אַדורכגעפירט איבער פּאַלעסטינע" („נייע פּאַלקסצייטונג") פון 11־טן ה. ח.) — הייסט עס נישט אַנדערש, ווי אַ יידישע מלוכה אויףביידע זייטן ירדן — ממש, ווי זשאַבאָטינסקי. און דעם פשוטן מאַסן־מענטש, וועלכער זוכט אין ארץ־ישראל אַ מקום־מקלט, פאַר וועלכן ארץ־ישראל האָט אַ באַדייטונג דער עיקר ווי אַן איינוואַנדערונגס־לאַנד, טראַגט מען אונטער דעם רעאַקציאָנער שוואַרצבאַרדס אויספירונג, אַז דער שטח פון דער יידישער מלוכה זאָל פאַרנעמען נישט מער, ווי 4.760 קוואַדראַט קילאָמעטער, ווען אַזאַ אָביעקטיוועך, לכל־הדעות, מענטש, ווי דער באַקאַנטער דייטשער עמיגראַציע־פּובליציסט לעאָפּאָלד שוואַרצשילד באַרעכנט אין „דאָס נייע טאָג־בוך" דעם שטח פון דער געפּלאַנטער יידישער מלוכה אויף 9.000 קוואַדראַט קילאָמעטער און ווען ערליך אַליין האָט אויף דער הייסער מינוט („פּאַלקסצייטונג" פון 9־טן ה. ח.) אויסגערעכנט, אַז „דער שטח פון דער יידישער מלוכה וועט אויסמאַכן אַ דריטל פון היינטיקן „פּאַלעסטינע" וועמענס גרייס ער אַליין שטעלט פעסט אויף 26.000 קוואַדראַט קילאָמעטער.

פונקט, ווי אין אַ גוט־געפירטער קראָם: פאַר יעדן זיין סחורה. פאַר אַ פרומען יידן איז באַשטימט דער אַרגומענט מכוח די „הייליקע ערטער" און די „היסטאָרישע יידישע רעזידענץ ירושלים"; פאַר אַ מער־מאָדערנעם באַלעבעסל — דער „העברעאישער אוניווערסיטעט אויפן הר הצופים"; פאַר רעוויזיאָניסטן דער עבר־הירדן; פאַרן ברויט און אַרבעט־זוכנדיקן מענטש — דער קליינער מאַרנעם פון דער יידישער מלוכה און אוממעגלעכקייט פון אַ יידישער איינוואַנדערונג. יעדן ווערט סערווירט לויט זיין געשמאַק. וויל מען אָבער צופרידנשטעלן אַלעמען, מוז מען ווערן אומאויפריכטיק. און דאָס איז דער „בונד" אין זיין אַרגומענטאַציע.

און איצט עטוואָס אויפמערקזאַמקייט די קאַרגע מאָטיוון פון דער היימי־שער, אייגענער בונדישער פּראָדוקציע. דאָ ווייסן מיר שוין נישט וואָס פריער צו באַוואונדערן — די צביעות צי די אומוויסנקייט. ווייל די אָריגינעל בונדישע אַרגומענטן, די, וועלכע זענען גענומען געוואָרן פון אייגענעם אַרסענאַל, קאָנען אַנדערש נישט באַצייכנט ווערן.

ה. ע. שרייבט אין זיין אַרטיקל „די ענגלישע מתנה", אַז „אַ טייל יידן וועט זיך אַריבערטראָגן אין דער יידישער מלוכה". אין „דזיענניק לודאָווי" באַ־רעכנט ה. ערליך די דאָזיקע צאָל אויף 100.000 און פירט דערביי אויס, אַז די דאָזיקע יידן וועלן פאַרנעמען דאָס אָרט פון די אַראַבער, וועלכע וועלן פרייוויליק אָדער געצוווּנגענערהייט פאַרלאָזן די גרענעצן פון דער יידישער מלוכה און אַז צוליב דעם ווערט פאַרשטאָפּט די מעגלעכקייט פאַר יידישער איינוואַנדערונג אין ארץ־ישראל. ה. ערליך ווייסט מסתמא נישט, אַז די צאָל יידן וועלכע פאַרבלייבן אין די ראַמען פון דער געפּלאַנטער אַראַבישער מלוכה און וועלן זיך אַריבער־

טראָגן אין דער יידישער, באַטרעפט נישט 100 טויזנט, נאָר עפּעס מער פון טויזנט. ערליך שרייבט אין זיין אינטערוויו אין „דזיענניק לודאָווי" מכוח אַ „באַדייטנדער צאָל יידישע קאָלאָניעס", וועלכע בלייבן אין די גרענעצן פון דער אַראַבישער מלוכה און אים איז זיכער נישט באַקאַנט, אַז דאָ האַנדלט זיך נאָר וועגן עטלעכע עלטערע קבוצות און עטלעכע ערשט אין די לעצטע חדשים געשאַפענע זידלונגען.

מיר זענען ה. ערליכן נישט חושד אין אומערלעכקייט, אָבער דאַן בלייבט איבער נאָר אין פאַרענטפערונג — אומוויסנקייט. דאָס איז אויך כאַראַקטעריס־טיש פאַר די פירער פון „בונד", וואָס אין משך פון צענדליקער יאָרן האָבן זיי באַקעמפט דעם פּאַלעסטיניזם און ארץ־ישראל, געשריבן וועגן דער אוּיפנאַם־מעגלעכקייט און די אייגנשאַפטן פון פּאַלעסטינע, אָבער אין דער אמתן נישט געהאַט די עלעמענטאַרסטע אַנונג נישט וועגן ארץ־ישראל גופא, נישט וועגן זיך אַנטוויקלענדיקן ישוב דאָרט.

קיין רום גיט עס דעם „בונד" זיכער נישט צו.

מיר רופן די יידישע מאַסן צום קאַמף קעגן די טיילונגס־פּלענער פון ארץ־ישראל טאַקע אין נאָמען פון ציוניזם. ווייל מיר וויסן, אַז דערמיט וויל ענגלאַנד ווייטער פירן איר אימפּעריאַליסטיש שפּיל אין פּאַלעסטינע, שאַפן אַ מצב פון שטענדיקער שנאה צווישן די יידישע און אַראַבישע מאַסן, אַז דאָס באַדייט דעם המשך פון איר פּאָליטיק צו שטערן און צו האַמעווען די אַנטוויקלונג פון נייעם ישוב, צו שטעלן אים קינסטלעכע גרענעצן און אָפּצוטיילן דאָס הויך־אַנטוויקלטע און סאָציאַל־יורנדיקע יידישע ארץ־ישראל פונעם סאָציאַל אָפּגע־שטאַנענעם, פעאָדאַלן אַראַבישן פּאַלעסטינע.

ס'וואָלט אָבער געווען פאַלש נישט צו אָנערקענען אין דער זעלבער צייט די גרויסע באַדייטונג פאַר דער יידישער מאַסן־אײַנוואַנדערונג אויף אַ ריי יאָרן אפילו אין די שמאָלע, באַגרענעצטע ראַמען פון דער געפּלאַנטער יידישער מלוכה. אפילו אין די באַשניטענע גרענעצן קען נאָך די יידישע מלוכה אויפנעמען לכל הפחות אַ מיליאָן נייע אײַנוואַנדערער און אַנטוויקלען אַ ברייטע קאָלאָניזאַ־ציע־טעטיקייט. דערפאַר איז פּונקט אַזוי פאַלש די איצטיקע טענה פון ה. ערליך, אַז די „יידישע מלוכה וועט נישט קאָנען באַטראַכט ווערן ווי אַ פּלאַץ פאַר אַ מער אָדער ווייניקער באַדייטנדער אימיגראַציע", פּונקט ווי פאַלש ס'איז שטענדיק געווען די פעסטשטעלונג פון „בונד", אַז פּאַלעסטינע איז בכלל נישט פעיק פאַר אַ גרעסערער יידישער אײַנוואַנדערונג. ס'איז אַ רעזולטאַט פון נישט קענען אָדער נישט וועלן זען די ריכטיקע פאַרהעלטענישן אין ארץ־ישראל. ווען ה. ע. שרייבט אין זיין אַרטיקל, „די ענגלישע מתנה", אַז מיר גייען צו פולשטענדיק ניכטער צו דעם נייעם פאַקט, וואָס דאַרף געבוירן ווערן און וואָס זיין נאָמען וועט זיין — יידישע מלוכה, — מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז דאָרט,

ווי ס׳הערשט בייזוויליקייט, בלינדע איינגעבאָקענע שנאה און אויך אומוויסנקייט — דאָרט קען נישט זיין קיין רייד וועגן אַ ניכטערן צוגאַנג.

דער „בונד" האָט באַרעכטיקט די פּאָליטיק פון ענגלישן אימפּעריאַליזם אין ארץ־ישראל קעגן דער יידישער איינוואַנדערונג, וואָס ווידערשפּרעכט, כלומרשט די אינטערעסן פון די אַראַבער; ער האָט געפונען אַ פּאַרענטפערונג פאַר די בלוטיקע מעשים פון די אַראַבישע פּאָגראָם־פירער אין יאָר 1929 און זיי דערהויבן צו דער מדרגה פון נאַציאָנאַלע קעמפער; איצט באַרעכטיקט ער פּאָליטיש דעם ענגלישן אָקופּאַנט, פאָרשטעלנדיק, אַז ער איז דורך די ציוניסטן געשטעלט געוואָרן אין אַ צוואַנגס־לאַגע און ממילא געמוזט קומען צום פּלאַן מכוח פונאַנדערטיילן פּאַלעסטינע. מ׳קען נישט זאָגן, אַז דאָס אַלץ זאָל דיקטירט ווערן דורך ליבע צו די יידישע מאַסן, אָדער דורך זאָרג פאַר זייערע אינטערעסן. מ׳קען אויך נישט זאָגן, אַז דאָס זאָל באַווייזן אַ ניכטערן צוגאַנג. אויך אין דעם פאַל קומט צום אויסדרוק די בלינדע שנאה צום ציוניזם און צו אַלעם, וואָס האָט אַ שייכות צו ארץ־ישראל.

וואָלט דער „בונד" נישט געווען איבערפול מיט פּאַטאָלאָגישער שנאה צום ציוניזם, וואָלטן זיך זיינע פירער געגעבן די מי צו לערנען די פּאַלעסטינער פאַרהעלטענישן און זיך באַציִען מיטן געהעריקן ערנסט צו די פּראָבלעמען פון יידישן מאַסן־לעבן — וואָלטן זיי געמוזט קומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער טעריטאָריאַלער צענטער אין ארץ־ישראל און אַלס פּועל־יוצא דערפון — אַ יידישע מלוכה — קאָן נישט מער באַטראַכט ווערן ווי אַן אוטאָפּיע. דאָס אַוועקשטעלן די פראַגע אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום איז דער אויסערלעכער אויסדרוק פון די אַלע כוחות, וועלכע האָבן דאָס שאַפן פון אַ יידישער מלוכה רייף געמאַכט. זיי וואָלטן דאַן געמוזט אָנערקענען, אַז דער היסטאָרישער ויכוח צווישן ציוניזם און בונדיזם ווערט פאַרענדיקט און עס דאַרפן זיך עפענען נייע פּערספּעקטיוון פאַר דער קאָנסאָלידאַציע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אויפֿן באָדן פון קאַמף פאַר דער פולער פאַרווירקלעכונג פון טעריטאָריאַלן יידישן אַרבעטס־צענטער אין ארץ־ישראל, צוגלייך מיט קאַמף פאַר פולע רעכט פאַר די יידישע מאַסן אין זייערע וווין־לענדער.

דער מאָמענט איז נאָך נישט געקומען, ער ווערט צוריקגעהאַלטן דורך דער פּאָליטיק פון די בונדישע פירער. אָבער ער וועט קומען. און די איצטיקע סיטואַציע שטעלט מיט זיך אָן שום ספק פאַר אַ באַדייטנדן שריט פאָרויס אויפֿן וועג פון זיין פאַרווירקלעכונג.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ׳ 30, 23 יולי 1937.

דאס ארץ־ישראל־פראבלעם פאר דער פעלקער־ליגע

פון אָנהייב אָן איז קלאָר געווען, אַז די פעלקער־ליגע וועט נישט קענען און אויך נישט וועלן שטערן דעם בריטישן מאַנדאַטאַר אין זיין פּאָליטיק בנוגע ארץ־ישראל. ווען די ענגלישע רעגירונג האָט געוואָלט, האָט זי גאַנץ לייכט און זייער שנעל דערגרייכט, אַז דער טיילונגס־פּלאַן פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע זאָל איבערגעוויזן ווערן דער מאַנדאַט־קאָמיסיע פון דער פעלקער־ליגע און באַטראַכט ווערן דורך איר בלויז אויפן יסוד פון אַ באַשלוס פונעם סעקרעטאַריאַט פון דער פעלקער־ליגע, הגם אַזאַ פּראָצעדור פּראַקטיצירט זיך נישט. און וואָלט דער ענגלישער רעגירונג געווען געלעגן, אַז דער ראַט פון דער פעלקער־ליגע זאָל דעם פּלאַן ענדגילטיק אָקצעפּטירן, וואָלט עס זיכער אויך געשען. ווען אָבער דער ראַט פון דער פעלקער־ליגע האָט באַשלאָסן בלויז צו דערלויבן ענגלאַנד ווייטער צו שטודירן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם און ערשט נאָך דעם קומען צו דער פעלקער־ליגע מיט אַ קאָנקרעטן פּלאַן — איז עס ווידער אַמאָל פּאָרגעקומען אויפן ווונטש פון ענגלאַנד.

וואָס־זשע האָט באַוויגן ענגלאַנד אָפּצושטעלן די דעציזיע, אָנשטאָט דעם, וואָס מיט אַ קורצער צייט פריער האָט זיך ביי איר געמערקט אַ שטרעבונג וואָס שנעלער דורכצופירן אין לעבן די רעקאָמענדאַציעס פון דער פּיל־קאָמיסיע?

דאָ האָבן, אָן שום ספק, געווירקט אַ ריי סיבות. קודם כל די פאַרשאַרפטע סיטואַציע אַרום דעם מיטללענדישן ים, וואָס האָט געדראָט מיט אַן אויפרייס, און זי איז נאָך איצט נישט באַזייטיקט געוואָרן. און דאַן — די אומצופרידנקייט פון יידישע און אַראַבישע מאַסן מיטן טיילונגס־פּלאַן, מיט וועלכן מ׳האָט זיי גע־וואָלט באַגליקן.

פאַרן ענגלישן אימפּעריאַליזם איז דער טיילונגס־פּלאַן אַ פאַרלעגנהייטס־פּלאַן. די ענגלישע פּאָליטיקער זענען צו דעם פּלאַן געקומען, ווייל רעגירן אין פּאַלעסטינע מיט די ביז־איצטיקע מעטאָדן ווערט פאַרן בריטישן אימפּעריאַליזם וואָס אַמאָל שווערער. דאָס שאַפן אַ יידישע און אַן אַראַבישע מלוכה אויפן שטח פון פּאַלעסטינע — מיטן שיין פון אייגענער סוווערעניטעט — שטעלט מיט זיך פאָר דעם המשך פון דער ענגלישער פּאָליטיק אויפן נאָענטן מזרח, וואָס באַ־שטייט אין גרינדן דאָרט פאַרמעל־„זעלבשטענדיקע" מלוכות, וואָס זאָלן אָבער בלייבן פאַקטיש אָפּהענגיק פון ענגלאַנד. נישט צוליב דער יידישער באַפעלקע־רונג און נישט צוליב דער אַראַבישער באַפעלקערונג האָט דאָס אימפּעריאַליסטי־שע ענגלאַנד געפונען פאַר נייטיק זיך אָפּצוזאָגן פונעם מאַנדאַט, נאָר צוליב די אייגענע אינטערעסן, כדי צו האַלטן די מעגלעכקייט, ביי די קאָנקרעטע באַדינ־גונגען ווייטער צו באַהערשן די וויכטיקע פאַר איר סטראַטעגישע פּאָזיציעס. אין

דער הינזיכט האָט זיך אין משך פֿון דער קורצער צייט פֿון זינט דער פֿאַרעפֿנטלע־כונג פֿונעם פּיל־באַריכט און דעקלאַראַציע פֿון דער ענגלישער רעגירונג ביזן באַטראַכטן די פּאַלעסטינע־פֿראַגע אויפֿן ראַט פֿון דער פֿעלקער־ליגע, גאָרנישט געביטן. ס'האָט זיך אָבער יאָ געביטן די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע.

אין משך פֿון דער צייט האָט יאַפּאַן אָנגעהויבן די דעראָבערונגס־ און פֿאַרניכטונג־מלחמה קעגן כינע. ביז איצט זענען די ענגלישע אינטערעסן שוין שטאַרק געשעדיקט געוואָרן און ס'ווערן ווייטער באַדראָט די אין משך פֿון לאַנגע



אויף אַ באַזוך אין ניו־יאָרק, 1952.

פֿון רעכטס די ח״ח: חייסבראָד, שפּיראָ, ציטרינאָוויטשקי, לעוו און קרייקערמאַן.

יאָרן דערוואָרבענע ענגלישע פּאָזיציעס אין כינע. ענגלאַנד האָט אָבער געבונדע־נע הענט לגבי יאַפּאַן צוליב דער סכנה, וואָס דראָט איר מצד איטאַליע אויפֿן מיטללענדישן ים, וואָס עס איז בולט געקומען צום אויסדרוק אין דער שפּאַנישער פֿראַגע און לעצטנס אין דער שטערונג פֿון דער נאָרמאַלער קאָמוניקאַציע דורך די אָנפֿאַלן מצד „אומבאַקאַנטע" אונטערוואַסער־שיפֿלעך.

ענגלאַנד זוכט צו קומען צו אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט איטאַליע — אָבער ביז וואַנען דאָס ווערט נישט פֿאַרווירקלעכט, וויל ענגלאַנד נישט געבן קיין

אַטוט דעם פֿאַשיסטישן איטאַליע, וואָס באַמיט זיך צו געווינען די אַראַבער אויף איר זייט און אויפֿשטעלן זיי קעגן ענגלאַנד. פּאַלעסטינע, אָבער, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן שוין בעת די געשעענישן פֿאַראַיאָרן, איז איינע פֿון די וויכטיקסטע טעטיקייטס־געביטן פֿון פֿאַשיסטישן איטאַליע אין דער קאַמפּאַניע קעגן ענגלאַנד.

ענגלאַנד זוכט צו דערגרייכן אַ פֿרידלעכע לייזונג מיט איטאַליע, אין דער זעלבער צייט אָבער גרייט זי זיך אויך צו אַ באַוואָפֿנטן קאַמף קעגן איר. אין דעם מעגלעכן צוזאַמענשטויס אינעם מיטללענדישן ים־בעקן מוז, פֿאַרשטענדלעך, גענומען ווערן אין אַכט אויך דער אַראַבישער פֿאַקטאָר, וועלכער איז אין דעם פֿאַל וויכטיקער ווי דער ייִדישער ישוב אין ארץ־ישראל. דאָס מוז ווירקן אויף דער פּאָליטיק פֿון ענגלישן אימפּעריאַליזם אויך אין ארץ־ישראל. וואָס אָנגע־שטרענגטער ס׳ווערט די סיטואַציע אויפֿן מיטללענדישן ים, אַלץ פֿאָרזיכטיקער און צוריקגעהאַלטענער ווערט ענגלאַנד בנוגע אירע פּלענער לגבי פּאַלעסטינע. דערפֿון — די פֿאַרשלעפּונגס־טאַקטיק אויפֿן באַדן פֿון דער פֿעלקער־ליגע, פֿאַר־שלאָגן וועגן נייע פֿאַרשונגען און אַ פֿרישע שטודיר־קאָמיסיע, און דאָס אָנהאַלטן דעם מאַנדאַט, הגם מ׳שטעלט אַליין פֿעסט, אַז ס׳איז אוממעגלעך צו רעגירן אויף זיין יסוד. די פֿאַרשלעפּונגס־טאַקטיק גיט דער מאַנדאַט־מאַכט צייט צו מאַנעוו־רירן לויט די אינטערעסן פֿון ענגלאַנד ביי דער קאָנקרעטער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע.

ווי מיר האָבן אָנגעוויזן, זענען די אינסטאַנצן פֿון דער פֿעלקער־ליגע איינ־געגאַנגען אויף אַלץ, וואָס די פֿאַרשטייער פֿון ענגלאַנד האָבן פֿון זיי פֿאַרלאַנגט. אָבער די דעבאַטע אַרום דעם באַריכט פֿון דער מאַנדאַט־קאָמיסיע האָט געבראַנגט צום אויסדרוק די פֿאַרשידנאַרטיקע באַציאונגען פֿון באַזונדערע מלוכות סיי צום ציוניזם און צו דער ייִדן־פֿראַגע, סיי צום קאָנקרעטן טיילונגס־פּלאַן.

אין דער הינזיכט קאָן מען טיילן די מלוכות אויף דריי גרופּן:

1) איראַן, עיראַק און עגיפּטן — די דריי מלוכות, וועלכע זענען אַרויס־געטרעטן קעגן ציוניזם. זייער מאָטיוו איז געווען, אַז פּאַלעסטינע איז דורכאויס אַן אַראַביש לאַנד און דאַרף בלייבן אויסשליסלעך אין די הענט פֿון די פּאַלעסטי־נער אַראַבער. דערביי האָבן איראַן און עיראַק, וועלכע אונטערדריקן ביי זיך די ייִדישע באַפֿעלקערונג אויפֿן ברוטאַלסטן אופֿן און פּאָגראָמען קעגן ייִדן זענען ביי זיי אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, גערעדט אין נאָמען פֿון יושר און פֿעלקער־פֿרייהייט און פֿאַרלאַנגט פֿאַר די ייִדן אין אַנדערע לענדער גלייכע רעכט מיט אַנדערע בירגער.

2) די מזרח־ און מיטל־אייראָפּעאישע מלוכות, ווי פּוילן, ליטע, לעטלאַנד אד״גל., וועלכע זעען אין ארץ־ישראל אַן אויפֿנעם־געביט פֿאַר דער „עוואַקואַציע״ פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון זייערע לענדער, און האָבן זיך אַרויסגעזאָגט

פּאַר שאַפן אין פּאַלעסטינע באַדינגונגען פּאַר אַ וואָס גרעסערער אויפנעם־פעיקייט פּאַר דער יידישער וואַנדערונג.

3) אַלע איבעריקע מלוכות, צווישן זיי כמעט אַלע דעמאָקראַטישע מלוכות, וועלכע האָבן אָפן דעקלאַרירט זייער סימפּאַטיע פּאַר די פּאַלעסטינער שטרעבונגען פון יידישן פּאָלק. באַזונדערס קלאָר און אומצוויידייטיק האָט געקלונגען די

אין סעמינאַר „אפעל״, אַפּריל 1954.
פון רעכטס: ב. רעפּעטור, לעוו, בראַגינסקי.

אַרויסטרעטונג פונעם פּאַרטרעטער פון דער אַרבעטער־רעגירונג אין נאָרוועגן, וועלכער האָט אין שייכות מיטן צעטיילונג־פּלאַן, געפאָדערט, אַז אין די גרענעצן פון דער פּראָיעקטירטער יידישער מלוכה זאָלן אַריינגענומען ווערן אויך ניי־ירושלים און דער נגב.

ס׳וואַרפט זיך אין די אויגן דער פאַקט, וואָס טערקיי, די גרעסטע מוסול־מענישע און ווירקלעך אומאָפּהענגיקע מלוכה, האָט זיך אָפּגעהאַלטן אַרויסצו־

טרעטן קעגן ציוניזם, נישט געקוקט אויף דער גרויסער אַגיטאַציע, וואָס איז געפירט געוואָרן אין דער ריכטונג. דאָ באַשטעטיקט זיך די מיינונג, אַז טערקיי איז לחלוטין נישט פאַראינטערעסירט אין דער פאַרשטאַרקונג פון דער פאַן־אַראַבישער באַוועגונג, וועלכע קען אַמאָל אפילו ווערן פאַר איר אַ סכנה, ווי דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן בעתן סכסוך בנוגע אַלעקסאַנדרעטע. עס איז דעריבער אָן אומזין צו רעדן וועגן אַן איינהייטלעכן פראָנט פון אַלע מוסולמענישע מלוכות בנוגע פאַלעסטינע. ווען אַזעלכע מוסולמענישע לענדער, ווי עגיפּטן און עיראַק, אָפּהענגיקע פון ענגלאַנד, זענען יאָ אַרויסגעטרעטן קעגן מאַנדאַט און קעגן אַ יידישער מלוכה אין פאַלעסטינע, איז קלאָר, אַז דאָס האָט נישט געקענט געשען אָן דער הסכמה פון ענגלאַנד.

די דעבאַטע אין די אינסטאַנצן פון דער פעלקער־ליגע האָט אויך קלאָר געמאַכט, אַז כמעט די גאַנצע דעמאָקראַטישע וועלט זעט אין דער קאָנצענטרירונג פון וואָס גרעסערע יידישע מאַסן אין ארץ־ישראל און אין בויען דאָרט זייער מלוכהיש לעבן, די אידעאַלסטע לייזונג פון יידן־פּראָבלעם. אַ פאַקט איז, אַז ערשט דורך פאַלעסטינע איז די יידן־פראַגע אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרענע, געוואָרן דער אָביעקט פון באַטראַכטונגען פאַר דער פעלקער־ליגע. גראָד אין שייכות דערמיט האָט געקענט אויפקומען אויך די פראַגע וועגן דער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק לגבי די יידן אין אַ ריי לענדער און אַרויס־געבראַכט ווערן מצד דעם פאַרטרעטער פון אַ מלוכה דער געדאַנק מכוח אַן אינטערנאַציאָנאַלער גאַראַנטיע פאַר די רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַלע לענדער. דאָס ווייזט, ווי פאַלש עס איז די מיינונג, וואָס ווערט פאַר־שפּרייט דורך די אַנטי־ציוניסטישע ריכטונגען, אַז דער ציוניזם שטייט אין סתירה צום קאַמף פון די יידישע מאַסן פאַר זייער רעכט אין זייערע ווױן־ערטער און איז עלול דעם דאָזיקן קאַמף אָפּצושוואַכן. די דיסקוסיע אין דער פעלקער־ליגע ווייזט פּונקט דאָס פאַרקערטע.

דער פאַקט אַליין וואָס דאָס יידן־פּראָבלעם איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַרן פאָרום פון דער פעלקער־ליגע, האָט אַליין און פאַר זיך אַ גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג. אין דער זעלבער צייט דאַרפן מיר זיך אָבער אָפּגעבן אַ דין־וחשבון, אַז ביי איר איצטיקן כאַראַקטער און סטרוקטור וועט די פעלקער־ליגע נישט טון קיין שום שריט, כדי צו באַאיינפלוסן סיי די פּאָליטיק פון דער ענגלישער מאַנ־דאַט־מאַכט אין באַצוג צו ארץ־ישראל, סיי בנוגע דער שווערער, אָפּטמאָל טראַגי־שער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַ ריי לענדער, צווישן זיי אויך אַזעלכע וועלכע געהערן צו דער פעלקער־ליגע. דעם קאַמף פאַר זייער רעכט מוזן די יידישע מאַסן אויסטראָגן אויף זייערע אייגענע פּלייצעס, אָריענטירנדיק זיך דערביי אויף דעם פאָרויסמאַרש פון די פּראָלעטאַרישע און פרייהייט־כּוחות אין דער וועלט.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 40, 1 אָקטאָבער 1937.

איינדרוקן פון א רייזע אין ארץ-ישראל

א. חלום און וואָר

נעכטן האָט נאָך די שניי־זאַווערוכע אַטאַקירט די פענצטער פון אונדזערע וואַגאָנען, נעכטן האָבן מיר נאָך דורכגעשניטן אַ קאַלטע פּראַסטיקע מדינה. היינט, אויפן ים, בלאָזט אַ וואַרעם ווינטל, עס באַקט די זון — אין משך פון איין טאָג האָבן מיר געטוישט דעם קלימאַט, פון ווינטער זענען מיר אַריינגעפאַלן אין פרילינג.

בלוי איז דער ים, בלוי איז דער הימל, זייער ביידנס בלויקייט גיסט זיך העט־ווייט צונויף, עס איז אוממעגלעך אָפּצוטיילן דעם בלויען ים פון דעם בלויען הימל.

רויק, געלאַסן איז דער שוואַרצער ים — גאָרנישט לויט זיין שטייגער.

די געוויינלעך ווילדע, שטורמישע כוואַליעס האָבן זיך איינגעלייגט. דער ים רונצלט קוים זיין שטערן. די ביסלעכוויז מערקבאַרע כוואַליעס יאָגן זיך פאַרשלאָפענערהייט. דער ים אָטעמט קוים — ווי אַ רויק שלאָפנדיק קינד. די אויבערפלאַך זעט אויס כמעט, ווי אַ שפּיגל — אַזוי גלאַטיק איז זי.

פאַרשוווּנדן איז די מורא פאַר דער ים־קראַנקהייט. די בלויקייט פון הימל, דאָס וואַרעמע ווינטל, די לוסטיקע זון — טרייבן אַלעמען אַרויס אין דרויסן. מען פאַרלאָזט די בלאַנקעדיקע ווייך־געבעטע לוקסוס־רוימען פון ערשטן און צווייטן קלאַס, מ׳אַנטלויפט פון די ענגע, דושנע, פינצטערע גריבער פון דעם דריטן און פערטן קלאַס. אַלץ איז אויפן דעק. אַלעמען ציט צו דער זון, צום ים.

דער דעק איז אַ פאַרפלייצט פון מענטשן. די פּאַסאַזשירן מישן זיך אויס צווישן זיך. די „אַרעמעלייט" פון דריטן און פערטן קלאַס זעצן זיך באַקוועם פונאַנדער אין די רוימען אויפן דעק, וואָס זענען ספּעציעל באַשטימט און איינגעאָרדנט פאַר די יחסנים פון ערשטן און צווייטן קלאַס. פון אַלע זייטן הערט זיך געלעכטער און געזאַנגען. מונטערקייט און פריילעכקייט באַהערשט אונדזער שיף.

צומאָרגנס איז דאָס וועטער נאָך הערלעכער. מיר רוקן זיך כסדר אויף דרום, מיר דערווייטערן זיך אַלץ מער פון דעם אומהיימלעכן קאַלטן צפון. פון ביידע זייטן זעען זיך די גרינע ברעגעס פון אייראָפּעאישער און אַזיאַטישער טערקיי, און שפּעטער — די גריכישע אינדזלען. די לאַנדשאַפט איז באַצויבערנ־

דיק. פיל פון אונדזערע פּאַסאַזשירן זענען צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן אַזעלכע זוונדער. פּאַרטאָג שוין שטראָמט אַלץ אין דרויסן. ווידער הייבן אָן הילכן פריי־לעכע קולות און געלעכטערס. אָבער מיט אַמאָל ווערט אַלץ אָפּגעהאַקט. די פריי־לעכע קלאַנגען פאַרשווינדן, פון אַלע זייטן הערן זיך בייזע, צאָרנדיקע אויפגע־רעגטע שטימען.

וואָס איז געשען?

אויף די טירן פון די זאַלן פון ערשטן און צווייטן קלאַס, ביים אַריינגאַנג צו דעם טייל אויבערדעק, וואָס איז ספּעציעל רעזערווירט פאַר די רייכע פּאַסאַ־זשירן, און בכלל צו די רוימען פון ערשטן און צווייטן קלאַס, האָט זיך באַוויזן אַ קליינע מודעה אין פּויליש: „פּאַסאַזשעראָם טזשעציעי אי טשוואַרטעי קלאַסי וזסטעמפּ וזבראָניאָני״ (פּאַסאַזשירן פון דריטן און פערטן קלאַס איז דער אַריינ־גאַנג פאַרבאָטן). די שפּראַך (פּויליש) האָט באַוויזן, אַז די מודעה איז אָנגעשריבן געוואָרן נישט דורך דער אָנפירונג פון דער שיף (אַ רומעניש), נאָר דורך די פּאַסאַזשירן פון ערשטן און צווייטן קלאַס גופא, כמעט אַלע — ציוניסטישע פּני פון מזרח־גאַליציע און קרוין־פּוילן. עס איז זיי מיאוס געוואָרן די געזעלשאַפט פון דעם „המון״ פון דריטן און פערטן קלאַס.

פאַר דער גרופּע אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וואָס איז מיט דער שיף געפאָרן, איז דער פאַקט נישט געווען קיין איבעראַשונג — וועגן דער קלאַסן־צעטיילונג אין דער געזעלשאַפט בכלל און אויך אין יידישן לעבן, נישט אויסגעשלאָסן די ציוניסטישע באַוועגונג, האָבן זיי נישט געדאַרפט געוואָר ווערן ערשט אויפן שיף. אָבער פאַר די חלוצים, בית״רניקעס און סתם ציוניסטישער יוגנט פון דריטן און פערטן קלאַס, איז דאָס געווען ווי אַ זעץ מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ. — ס׳טייטש, האָבן זיי געטענהט, די זעלבע דאַמען און הערן, וואָס האָבן זיך איצט פאַרשלאָסן אין זייערע לוקסוס־רוימען און ווילן מיט אונדז נישט האָבן קיין מגע ומשא, פלעגן מיט אונדז כסדר קנעלן, אַז אינעם אויפבוי פון ארץ־ישראל באַטיי־ליקט זיך גלייך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק — סיי די רייכע, סיי די אָרעמע, אַז אינעם דאָזיקן פּראָצעס פאַרשווינדן אַלע סאָציאַלע אונטערשידן. ערשט מיט אַ 4 — 5 טעג צוריק, האָבן זיי ווייטער געטענהט, האָבן דאָך די זעלבע מענטשן אויף אַן אָפּשייד־באַנקעט געזונגען לכבוד אונדז תהילות ותשבחות, באַשאָטן מיט אַן אַ שיעור קאָמפּלימענטן אונדז די „בראַווע חלוצים, וועלכע גייען אויפבויען דאָס הייליקע לאַנד״, און צענדליקער מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז זיי זענען שטאָלץ מיט אונדז. איצט שעמען זיי זיך מיט אונדז „בראַווע חלוצים״ און איזאָ־לירן זיך פון אונדז״!

דער דאָזיקער, אין תוך אומבאַדייטנדיקער און נישט אומדערוואַרטער פאַקט, האָט ווי מיט אַ רעפלעקטאָר באַלויכטן די פּסיכאָלאָגיע פון די חלוצישע עלעמענטן און זייער דערציאונג, זייער פולשטענדיקע נישט דערפאַרנקייט און

נישט צוגעגרייטקייט אויפצופאסן אפילו די פרימיטיוווסטע סאָציאַלע דערשיינונ־גען. שוין אויף דער שיף, ביים ערשטן אַרויספאָר קיין ארץ־ישראל, האָט זיך אונטער די קלעפּ פון דער ווירקלעכקייט אָנגעהויבן ברעכן די כלל־ישראל־אידעאָלאָגיע, אין וועלכער זיי זענען דערצויגן געוואָרן. און וואָס וועט זיין נאָך שפּעטער, אין ארץ־ישראל גופא, ווו דער קלאַסן־קאַמף צווישן יידישע אונטערנע־מער און יידישן אַרבעטער רייסט זיך אַריין דורך טיר און פענצטער, ווו דאָס לעבן צערייסט ברוטאַל די קינסטלעך־קאָנסטרואירטע באַנד פון „איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן פראָנט״? אָט־אָ די דערציאונג, די אָפּגעריסנקייט פון האַרטן, גרויזאַ־מען לעבן — מוז אָביעקטיוו שאַפן דעם באָדן פאַר אידעאישן כאַאָס, פאַר אַנטוי־שונג, פאַר יאוש, פאַר ליקווידאַציע.

* *
*

דער לעצטער טאָג פון אונדזער נסיעה אויפן ים. נאָך האַלבער נאַכט דאַרף אונדזער שיף אָנקומען קיין חיפה.

דאָס וועטער אָן אַן ענדערונג, כסדר שיין. אונדזער שיף רוקט זיך פאָראויס. קיין יבשה זעען מיר נישט מער. אַרום און אַרום נאָר ים און הימל.

אַ שווערער אומרו כאַפּט מיך אַרום. אָנגעכאַפּט און וויל נישט נאָכלאָזן. איך שטרענג מיך אָן, כדי פון דעם געפיל פטור צו ווערן, אָבער עס גייט נישט.

מיינע פריינט, אַנטקעגן, זענען לעבעדיק און לוסטיק. מ׳האָט צונויפגעצ־נומען די איבערגעבליבענע זאַפּאַסן — די אָנגעבאַקענע קוכנס פון דער היים, זיסוואַרג, מ׳טרייסלט פון ערגעץ אויס רעשטלעך וויין, עס באַווייזט זיך אפילו אַ פלאַש קאָניאַק — ס׳איז געגאַנגען אַ לעבן. שנעל זענען מיאוס געוואָרן די פינצטערע רוימען פון דעם פערטן קלאַס און מיט אַ טאַנץ לאָזט מען זיך אַרויס אויפן דעק. דאָ צעלאָזט זיך דער עולם ערשט רעכט. די פריילעכקייט וואַקסט פון מינוט צו מינוט, דער בשותפותדיקער געזאַנג גייט אַלץ לעבעדיקער, העכער און ווילדער ביז וואַנען די פיס הייבן זיך פון זיך אַליין, עס קייטלען זיך די הענט, עס שליסן זיך די אַקסל און עס גייט אַ טאַנץ, אַ יונגער, אַ צעלאָזענער, אַ ברע־נענדיקער, אַ פאַרשייטער.

דעם אויבנאָן אין דער שמחה פאַרנעמט דער חבר יאַנקל פון פּינסק. אַ יונג — אַ ברען. מיט זיין הויכער, גראַדער, ברייטער געשטאַלט, אין אַ שניי־ווייסער רובאַשקע, טיילט ער זיך אויס פון אַלעמען. ער האַלט דעם פרים אין זינ־גען, ער איז דער ערשטער צום טאַנץ. אַ מאָדנע דערשיינונג — חבר יאַנקל איז אַ שטאַמלער, ווען ער רעדט — פאַרהאַקט ער זיך, אָבער ביים זינגען פאַרשווינדט עס אינגאַנצן.

אַרום אונדזער חברה זאַמלען זיך די איבעריקע פּאַסאַזשירן. פאַרשעמ־

טערהייט רוקן זיך צו אפילו די שווערע, יוסטע, זאַטע פּאַסאַזשירן פון ערשטן און צווייטן קלאַס, אויך אַ טייל מאַטראָסן שטייען אַרום און שעפּן נחת פון דער לעבעדיקער קאָמפּאַניע. אַלע ווערן פאַרכאַפּט פון דעם געזאַנג, פון דעם טאַנץ, פון דעם שפּרודלדיקן, נישט געצוימטן לעבן.

בלויז אונדז, דריי חברים — גייט די שמחה נישט איין. דער אומרו האַלט אונדז פעסט אין זיינע קלעשטשעס און לאָזט נישט אָפּ. מיר דערוויטערן זיך צום עק שיף און טיילן זיך מיט אונדזערע דאגות: „וואָס וועט זיין מאָרגן אין דער צייט? ווו וועלן מיר זיך דאַן געפינען? — אין לאַנד, אָדער אפשר גאָר דאָ אויף דער שיף — אויפן וועג צוריק? צי וועלן זיך געפינען קרבנות אויך צווישן אונדז?"

אומרויק און פאַראומערט שפּאַנען מיר פון איין עק שיף צום צווייטן. שווער איז, שווער אויפן האַרץ. מיר ווייסן גוט וויפל מי און מאַטעריעל, וויפל ממש איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען עס האָט געקאָסט דאָס פּאָרן. נישט איינער האָט אַלץ פאַרקויפט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, — די דירה, דאָס בעטגע־וואַנט, דעם צווייטן אָנצוג, פאַרחובט זיך צו די נאָענטע. נישט ביי איינעם איז דאָס פּאָרן קיין ארץ־ישראל געווען אַ חלום, וועלכן ער האָט געצערטלט יאָרן לאַנג. זאָל דאָס אַלץ צערונען ווערן?

האַלבע נאַכט. שוין זינט אַ שעה פינקלט אַהער פאַר אונדזערע אויגן דאָס קליינע פּייערל פון חיפהער לייכט־טורעם. איצט זעען זיך שוין מער ליכטלעך. אָט לעשן זיי זיך, אָט צינדן זיך אָן נייע. מיר האָבן פאַר זיך חיפה מיטן הדר הכרמל.

פאַר 6 לאָזט מען אונדזער שיף נישט אַריין אין פּאָרט. פרייע 5־6 שעה. מ׳פּרוווט אַריינכאַפּן אַ שלאָף, אָבער עס גייט נישט — עס ציט אינדרויסן ווי אַ מאַגנעט.

איך שטיי אָנגעלענט אויף דער באַלוסטראַדע פון שיף. מיין בליק איז געווענדט צו די פייערלעך, וואָס שעמערירן פון דערווייטנס. דער שווערער אומרו הייבט ווידער אָן צו נאָגן. אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט דרייען זיך אַרום שאָטנס — זעט אויס, נישט איך אַליין בין אויסגעטאָן פון שלאָף.

ביסלעכוויז הייבן זיך אָן אויסשיילן די קאָנטורן פון די הייזער, די פּאָרט־איינריכטונגען, עס ווייזן זיך די געקרויזטע קעפּ פון די פּאַלמען. מיר זענען ענדלעך אין פּאָרט. עס קומען אַרויף טרעגער, פּאָליציי־לייט, עס שטאַט אונדז אָפּ אַ וויזיט ה׳ פּאַרבשטיין און דער פּוילישער קאָנסול. סוף־כּל־סוף באַווייזן זיך אויך די ענגלישע באַאַמטע אין באַגלייטונג פונעם פאָרשטייער פון דער יידישער אַגענץ. זיי פאַרמאַכן זיך אין עס־צימער פון קלאַס. דאָרט ווערט אָנטשידן אונ־דזער גורל. פאַר אונדז הייבט זיך אָן דער פּיינלעכער פּראָצעס פון וואַרטן. אַלע

פאַסאַזשירן פאַרזאַמלען זיך אַרום דעם זאַל. נאָך אַ שעה וואַרטן הייבט מען אָן אויסרופן די נעמען פון איינצלנע פאַסאַזשירן און געבן זיי די פעסער. די גליקלעכע לויפן מיט שמחה אַוועק. אָבער די פּראָצעדור גייט־צו זייער לאַנגזאַם, די אומגע־דולד וואַקסט.

בערך דריי־פערטל פון די פעסער זענען שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן, און פון אונדזער גרופּע האָט נאָך כמעט קיינער זיין פּאַס נישט אַרויסבאַקומען. זאָל דאָס זיין אַ צופאַל?

אונדזער אָנשטרענגונג וואַקסט. סוף־כל־סוף הערן זיך צווישן די אַרויסגע־רופענע אַלץ עפטער די נעמען פון אונדזער קאָמפּאַניע. כמעט אַלע פּאַסאַזשירן האָבן שוין זייערע פּעסער. איך אָבער שטיי נאָך אַלץ און וואַרט. פאַרפאַלן, טראַכט איך זיך, מעגסט זיך שוין גרייטן אין וועג אויף צוריק. אָבער אָט דער־הער איך מיין נאָמען, איך כאַפּ שנעל מיין פּאַס, ווי איך וואָלט מורא געהאַט, מ׳זאָל מיר אים נישט צונעמען.

אַרום און אַרום איז שוין כמעט ליידיק, אַלע זענען אָפּגעפּאַרטיקט, האָבן גענומען זייער באַגאַזש און איילן זיך צום מאָטאָר־שיפל, וואָס דאַרף זיי איבער־פירן צום ברעג. בלויז מיר, עטלעכע חברים, שטייען ביים טיר. צווישן זיי חבר יאַנקל, וואָס האָט נעכטן אַזוי פיל געטאַנצט און געזונגען, דער, וואָס האָט אַלעמען אָנגעשטעקט מיט זיין פריילעכקייט און מונטערקייט. ער איז דער איינציקער, וואָס האָט נאָך זיין פּאַס נישט באַקומען.

מ׳רופט אים אַריין אין זאַל. די צייט ציט זיך, ווי פעך. איך ווער אומגע־דולדיק, שטעל זיך אויף אַ באַנק און קוק אַריין אין זאַל אַריין דורך די קליינע רונדע פענצטערלעך. איך זע ווי חבר יאַנקל שטייט פאַר עטלעכע באַאַמטע, וואָס ווייזן אים עפּעס אַ ליסטע און טענהן מיט אים איין. דער חבר גייט אַרויס אַ בלייכער, אַ צערודערטער. מיר ווערן געוואָר: ער ווערט נישט אַריינגעלאָזן, ווייל מיט עטלעכע יאָר צוריק, בעת ער איז געווען אין לאַנד, האָט ער אָנגעפירט מיט אַ שטרייק אין דער עכו׳ער שוועבל־פאַבריק און דערפאַר אפילו געזעסן אַרעסטירט אין דער עכו׳ער פעסטונג. איצט געפינט ער זיך אויף דער שוואַרצער ליסטע און קען נישט אַריין אין לאַנד.

ביסלעכווייז באַרויקט זיך חבר יאַנקל. ער איז נאָך אַלץ בלייך, אָבער שוין רויק און זיכער. „זאָרגט זיך נישט, חברים, וועגן מיר! גייט און דערפילט אייער חוב; איך וועל ס׳מייניקע דערגרייכן — נישט איצט, איז שפּעטער! גריסט אַלע חברים און גיט זיי איבער, אַז כ׳וועל מיך נאָך געפינען צווישן זיי, מעגן די שוועריקייטן זיין ווי גרויס!”

מיט געמישטע געפילן פאַרלאָז איך די שיף. איך נעם מיינע זאַכן און

באַלד בין איך אין חיפה — אויף דער יבשה. מ׳יאָגט אונדז אין באַן אַריין, באַלד גייט אונדזער צוג אַוועק קיין תל־אביב.

12 בייטאָג רירט דער צוג. מיר זעען פון די פענצטער די שמאַלע, ענגע אַראַבישע געסלעך פון חיפה. פון די באַן־סטאַציעס קוקן אַראָפּ באַקאַנטע נעמען: בנימינה, הדרה, א. אנד. 4 אַזייגער זענען מיר אין תל־אביב. אויפן וואָקזאַל באַ־געגענען אונדז הארציק אַלט־באַקאַנטע חברים און פריינט, מיט וועלכע מיר האָבן זיך שוין יאָרן־לאַנג נישט געזען. מיר זענען אין לאַנד!

„אַרבעטער־צייטונג" נומ׳ 16, 1932.

ב. תל־אביב

די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער איינוואַנדערונגס־פּאָליטיק פון דער ענגלישער מאַכט האָב איך געשלאָסן נאָך אויף דער שיף — דורכן פּאַל מיטן חבר יאַנקל. מיט דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון ענגלישן אימפּעריאַליזם לגבי דער יידישער באַפעלקערונג האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקענט פּנים אל פּנים ביים אַריינפאָר אין תל־אביב — ס׳איז דער תל־אביבער וואָקזאַל, וואָס האָט מיר אָט די געלעגנהייט געגעבן.

קליין און אָרעם איז דער וואָקזאַל אויף דער תל־אביבער באַן־סטאַציע, ווי עפּעס פון אַ פאַרוואָרפענעם, נישטיקן ישוב. געוווּסט האָב איך, אַז תל־אביב איז לכל הדעות איינער פון די וויכטיקסטע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע צענ־טערן פון לאַנד. האָט דאָס מיך שטאַרק פאַרוווּנדערט, און אַ געדאַנק איז מיר דורכגעפלויגן: ווי קומט עס?

שפּעטער, וואָס לענגער איך בין געווען אין לאַנד, האָב איך אַלץ עפּטער באַמערקט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, ווי די ענגלישע מאַכט שטערט אויף שריט און טריט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון לאַנד, באַזונדער ווען ס׳איז נוגע דעם נייעם יידישן ישוב. די מאָטיוון דערפון זענען מיר געווען גוט באַקאַנט — ס׳איז דער אינטערעס איינצוהאַלטן די אימפּעריאַליסטישע ממשלה אין לאַנד.

שפּעטער, וויפל מאָל ס׳איז מיר נישט אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיטן תל־אביבער וואָקזאַל, האָט מיך שוין זיין אויסזען מער נישט געוווּנדערט.

קיינער פון אונדזערע פריינט איז פריער וועגן אונדזער אָנקומען נישט געווען אינפאָרמירט — מיר האָבן געהאַלטן פאַר גלייכער נישט צו שרייבן קיי־

נעם אין ארץ־ישראל וועגן אונדזער עקסקורסיע, כדי זיך אויסהיטן פון אַ „מכשול״. דאָס איז געווען די סיבה, וואָס אין חיפה האָט אונדז קיינער נישט אָפּגעוואַרט. אויפן וועג קיין תל־אביב האָבן מיר זיך טאַקע געבראָכן דעם קאָפּ, וואָס צו טאָן מיט דער גאַנצער חברה איידער עס וועט געלינגען „אויפצושטעלן אַ פאַרבינדונג״ מיט אונדזערע פריינט. מיר זענען געווען איבערצייגט, אַז אויף דער סטאַציע וועט אונדז קיינער נישט באַגעגענען, מ׳וועט פּשוט נישט וויסן וועגן אונדז.

מיר האָבן אָבער אַ טעות געהאַט. אונדזער תל־אביבער חברה איז געוואָר געוואָרן, אַז אינדערפרי איז אָנגעקומען אַ שיף מיט פּוילישע טוריסטן קיין חיפה, זענען זיי געקומען אויף יעדן פאַל — טאָמער קומט פאַרט אַ באַקאַנטער. האָט מען אונדז טאַקע איינגעשפּאַרט היפּש זאָרג און קאָפּ־דרייעניש.

פון דעם גרויסן עולם, מיט וועלכן עס איז פול געווען די סטאַציע, לויפט אַרויס דער ערשטער דער חבר יאָסל. מיר האָבן זיך שוין אַ יאָר 8־9 נישט געזען. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס די באַגעגעניש איז אַזאַ האַרציקע. איינציק־וויַיז באַווייַזן זיך נאָך חברים: ערעס, דניאל און אַנדערע — אַלץ אַלטע באַקאַנטע, מיט וועלכע מ׳איז צוזאַמענגעבונדן דורך לאַנגע יאָרן פון געמיינזאַמען קאַמף און בשותּפותדיקע איבערלעבונגען. עס ווייַזן זיך אויך אומבאַקאַנטע. נישטאָ קיין צייַט זיך מיט זיי צו באַקענען; דער פאַקט, וואָס צווישן זיי זענען פאַראַן אויך עטלעכע חברים, וואָס זענען נישט לאַנג געקומען פון ראַטנפאַרבאַנד, איז אַ דער־פרייענדיקער סורפּריז.

אַ וואַרעמע האַרציקע באַגעגעניש. ס׳האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן פּוילן מיט ארץ־ישראל — די צוויי וויכטיקסטע טיילן פון אונדזער וועלט־באַוועגונג. ביידע צדדים זענען מלא שמחה — די ארץ־ישראלדיקע האָבן זיך נישט געריכט אויף אַזאַ צאַלרייכער „מתנה״, מיר — ווייל מיר זענען ענדלעך אין לאַנד. אָבער קיין צייַט איז נישאָ — עס איז „נישט געזונט״ זיך דאָ לאַנג צו פאַרהאַלטן, מיר זענען שוין אַזוי אויך געוואָרן דער אָביעקט פון אַ צו וואַרעמער אויפמערקזאַמקייט מצד געוויסע פאַרשוינען.

מיר זענען פון אָנהייב אָן אַרייַנגעפאַלן אין אַ וואַרעמער, חברישער אַטמאָספער. 95 פּראָצענט פון די געקומענע זענען געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט די תל־אביבער חברים, פונדעסטוועגן זענען מיר אַלע אויפגענומען געוואָרן ווי אַלטע, האַרציקע פריינט. אַלע, אָן אויסנאַם, זענען מיר דערפרייט געוואָרן פון דעם דאָזיקן קבלת־פּנים. איך אַליין בין דערפון טיף גערירט געוואָרן. איך האָב זיך אַליין געפרעגט, ווי וואָלט עס געווען אין וואַרשע, לאָדזש אָדער אין אַן אַנדערער פּוילישער שטאָט; און איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז קיינמאָל

זיאַלטן מיר, אין פּוילן, נישט פעיק געווען צו אַזאַ טיף־האַרציקער, אויפריכטיק־וואַרעמער באַציאונג.

ווייט און ברייט איז באַקאַנט די ארץ־ישראלדיקע גאַסטפריינטלעכקייט — מ׳האָט שוין פיל געשריבן און גערעדט וועגן דעם. מיר אַליין זענען נישט איינ־מאָל, בעת אונדזער ארומפאָרן איבער ארץ־ישראל, געווען טיף גערירט פון אָט דער דאָזיקער גאַסטפריינטלעכקייט. מיר האָבן זי געטראָפן אין כפר־סבא — פון אַ פרעמדער אַרבעטנדיקער פרוי, אין די קבוצות, אין די אַרבעטער־אינסטיטו־ציעס, שוין אָפגערעדט פון אייגענע חברים. אָט דאָ, אין תל־אביב, איז עס געווען דער אויסדרוק נישט אַזוי פון גאַסטפריינטלעכקייט, ווי פונעם געמיינזאַמען הבֿרישן פילן און טראַכטן. דאָס זענען די געמיינזאַמע קאַמף־אויפגאַבן, וואָס האָבן אָט די ביז איצט ווילד־פרעמדע מענטשן צונויפגעהאָפטן און צונויפגעשמידט צו איין מחנה — און דאָס האָט אויך געשאַפן דאָס ברידערלעכע געפיל צווישן זיי.

די ארץ־ישראלדיקע גאַסטפריינטלעכקייט. — אויך דאָ לאָזט זיך גאַנץ שטאַרק מערקן די קלאַסן־גרענעץ! די יידישע אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל ווייזט זי אַרויס לגבי יעדן איינציקן יידישן אַרבעטס־מענטש, וואָס קומט אין לאַנד; עס איז פאַר זיי אַ צער ווען עמיצער פאַרלאָזט דאָס לאַנד. זיי גאַרן נאָך אַ וואָס גרעסערער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג. אָבער די בעלי־גופים, די קאָלאָניסטן, דערונטער אויך בירגערלעכע ציוניסטן און „נאַציאָנאַלע״ טוער, זענען מיט לייב און לעבן קעגן אַ גרעסערער יידישער אַרבעטער־איינוואַנדערונג.*) זיי האַלטן דאָס פאַר אַן אומגליק פאַר זייערע אינטערעסן; זיי ווילן נישט, אַז דער יידישער אַרבעטער־קיבוץ אין לאַנד זאָל וואַקסן און זיך אַנטוויקלען.

אין אַ לאַנד, אין אַ שטאַט, ווו עס הערשט אַ מאַסן־אַרבעטסלאָזיקייט, זענען די אַרבעטער אָפטמאָל געשטימט קעגן אַריינקומען פון פרישע אַרבעטער־מחנות, כדי די ניי־אַריינגעקומענע זאָלן נישט פאַרנעמען זייערע אַרבעטס־פּאָזי־ציעס און ווערן פאַר זיי אַ געפערלעכע קאָנקורענץ. פאַרוואָס איז אין ארץ־ישראל די דערשיינונג נישטאָ? פאַרוואָס איז דאָ די אַרבעטערשאַפט אַזוי שטאַרק פאַר־אינטערעסירט אין אַ וואָס גרעסערער אַרבעטער־איינוואַנדערונג? פאַרוואָס קעמפט זי פאַר דעם? בלויז צוליב נאַציאָנאַלע מאָטיוון? דאָס איז דערפאַר, וואָס די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט ווייסט זייער גוט, אַז די יידישע איינ־וואַנדערונג שאַפט אין לאַנד נייע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, בויט נייע עקאָנאָ־

*) אין יענער צייט האָבן די רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין ישוב געהאַלטן, אַז מען דאַרף די אַרבעטער־איינוואַנדערונג האַלטן אין באַשטימטע גרענעצן.

(רעדאַקציע)

מישע פּאָזיציעס, וועלכע שאַפֿן אויפֿנאַם־מעגלעכקייטן נישט נאָר פֿאַר נייע אַרבעטער־מאַסן, נאָר שטאַרקן און פֿאַרפֿעסטיקן אויך די פּאָזיציעס פֿון די שוין פֿריער אין לאַנד וווינענדיקע אַרבעטער, פֿון די תושבים.

ג. דאָס פֿאַרשידנאַרטיקע תל־אביב

שבת אין דער פֿרי. מיר גייען איבער די גאַסן פֿון תל־אביב. די שטראַלן פֿון דער זון דרינגען אַריין אין יעדן ווינקעלע, פֿאַרשפּרייטן אַ בלענדנדיקע ליכ־טיקייט, וועלכע מען זעט גאָר ביי אונדז נישט. דער הימל איז דורכזיכטיק בלוי — ערשט איצט בין איך תופס וואָס הייסט הימל־בלוי. פֿון דערווייטנס זעט זיך דער ים. מיר גייען איבער דער ברייטער אַלענבי־גאַס, דערנאָך איבער די ציכ־טיקע גאַסן פֿון „לב תל־אביב״. די ברוקן — אַספּאַלט. די הייזער — איין און צוויי־שטאָקיקע, זעלטן ווו העכערע — זעען אויס ווי ווילעס. די אַרכיטעקטור — אַ פֿאַרשידנאַרטיקע, אָפּטמאָל אַ משונהדיקע: אָט האָסטו פֿאַר זיך אַ הויז, וואָס איז געבויט ווי אַ שיף, אַן אַנדערס ווי אַ כינעזישע פּאַגאָדע, אַ דריטס קוקט אויס, אַז עס האָלט ביים איינפֿאַלן — ספּעציעל געבויט, עס זאָל שאַפֿן די אילוזיע ביים אָנקוקן עס. פֿון די ווענט פֿון די הייזער קוקט אַראָפּ דער ווילטאָג, אין וועלכן עס לעבט זיך דער יידישער בורזשואַזיע אין תל־אביב.

מיר גייען ווייטער — אַראָפּ מיט דער באַלפֿור־גאַס. און פּלוצלינג דערזע איז פֿאַר זיך אַן אַנדער תל־אביב — אַ ריי הילצערנע, פּינצטערע הייזלעך. איך גיי אַריין אין איינעם פֿון די הייזלעך, ערשט דערזע איך אַ באַקאַנט פּנים — אַ חבר פֿון פּוילן. אינעווייניק ריין, אַ צימער מיט אַ קיך, פֿיל פֿון אונדזערע וואָלטן זיך אַזוינס געוווּנטשן. עס וווינען דאָ נישט דווקא אַרבעטער. בעת דעם מאַסן־שטראָם פֿון דער „פֿערטער עליה״ האָט מען געשטעלט ביידלעך, ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזן און קיין דירה־געלט האָט עס אויך נישט געקאָסט. איצט איז דאָס פֿאַרבליבן אין עטלעכע ערטער און ווערט ביסלעכווייז אָפּגעשאַפֿט.

מיר גייען ווייטער, דרייען זיך אַריין אין זייטיקע גאַסן און דערנענטערן זיך צו די גרענעצן פֿון יפֿו. מיר קומען אין אַ קוואַרטאַל, וואָס איז דער עיקר באַוווינט פֿון תימנער, ספֿרדים און יידן פֿון אַנדערע מזרח־עדות. ענגע, נישט־ברוקירטע געסלעך, אָפּגעדראַפּעטע הייזער, די וווינונגען אינעווייניק שמוציק און אָרעם. אַן אַנדער תל־אביב!

נעכטן, ביים אָנקומען, האָב איך באַמערקט, ווי די שטאָט שווימלט און

גריבלט מיט אויטאָס און אויטאָבוסן, פאַרהעלטענישמעסיק פיל מער, ווי ביי אונדז אין וואַרשע. היינט זוך איך אומזיסט אַן אויטאָ. איך וויל איינשטייגן אין אַ שטאָטישן אויטאָבוס — דערקלערט מען מיר, אַז שבת איז די אויטאָבוס־קאָמוניקאַציע נישט טעטיק. ס׳טייטש, ווי איז דאָס מעגלעך, וווּנדער איך זיך — אין דער גאַנצער וועלט ווערט אין די רו־טעג די שטאָטישע קאָמוניקאַציע נאָך פאַרשטאַרקט צוליב דער באַקוועמלעכקייט פון די איינוווינער. איז דען אין תל־אביב אַנדערש? יאָ, ענטפערן מיר די חברים: אונדזערע בורזשואַזע און אָפּאָרטוניסטישע פירער פון דער שטאָט האַלטן מער פון דער „הייליקייט פון שבת״, ווי פון די אינטערעסן פון דער באַפעלקערונג. ביי אונדז איז נישט נאָר געשלאָסן די שטאָטישע קאָמוניקאַציע, נאָר עס איז אויך נישט טעטיק בכלל די פּאָסט. פון תל־אביב קען מען פון פּריוואַט אין אָוונט ביז שבת ביינאַכט קיין טעלעגראַמעס נישט אָפּשיקן און נישט טעלעפאָנירן; האָסטו אַ דרינגענדן ענין צו דערליידיקן, ווילסט זיך פאַרשאַפן אַ דאָקטאָר, מוזטו שפּאַנען צו פוס, מוזטו טעלעגראַפירן ערגעץ־ווו — מוזטו גיין קיין יפו און פון דער דאָרטיקער פּאָסט עס דערליידיקן.

איך בלייב, פאַרשטייט זיך, געפּלעפט — מיין מוח איז נאָך נישט אומשטאַנד תופס צו זיין אַזעלכע פאַרהעלטענישן. איך טראַכט זיך: נאָך אַ גליק, וואָס דאָס יידישע תל־אביב האָט דאָס אַראַבישע יפו דערנעבן. ווען נישט, וואָלט זי דאָך אין משך פון שבתדיקן טאָג געווען אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. אַזוי העלפט כאָטש אַרויס דער יפו׳ער טעלעגראַף, דער יפו׳ער טעלעפאָן.

תל־אביב בויט זיך כסדר פונאַנדער. אויף שריט און טריט זעען זיך אָנגעהויבענע געביידעס, וואָס האַלטן זיך אין בויען, ביי אַנדערע די פונדאַמענטן געלייגט, אויף אַנדערע פּלעצער זענען ערשט בלויז אָנגעזאַמלט די בוי־מאַטעריאַלן. איך בין פון דעם שוין אָפּגעוווינט. ביי אונדז האָט מען דאָך לעצטנס בכלל אויפגעהערט צו בויען. איך דריק אויס מיין פאַרוווּנדערונג פאַרן חבר, וואָס באַגלייט מיך. ער, אַ מענטש, וואָס איז באַקאַנט מיט די שטאָטישע ענינים, דערקלערט מיר, אַז אין תל־אביב האָט מען בכלל נישט אויפגעהערט צו בויען, אָבער דער טעמפּ איז ספּעציעל אין לעצטן יאָר זייער שטאַרק אויסגעוואַקסן. ער ברענגט מיר עטלעכע ציפערן: אין יאָר 1927 האָט מען אין תל־אביב אינוועסטירט אין בנינים 51 טויזנט פונט, אין 1928 — 105 טויזנט, אין 1929 — 130.000, אין 1930 — 200.000, אין יאָר 1931 גאַנצע 300.000 פונט. ווי מיר זעען, האַלט די בוי־באַוועגונג אין איין וואַקסן, און איז אין לעצטן יאָר אפילו איבערגעשטיגן דאָס יאָר 1926, אַ יאָר פון דער „פערטער עליה״, ווען מען האָט אינוועסטירט בלויז 216.000 פונט. אין יאָר 1931 האָט מען אויסגעבויט נייע 262 הייזער, חוץ צוגאָב־בויען אין אַלטע הייזער.

תל־אביב וואַקסט זיך כסדר פונאַנדער. דער חבר, וואָס גייט מיט מיר, דערציילט: איך בין אַהערגעקומען מיט 9 יאָר צוריק. אַז איך דערמאָן זיך, ווי

תל־אביב האָט דאַן אויסגעזען, ווער איך אַליין פאַרוואונדערט. דו זעסט: איצט ציען זיך די בנינים הארט ביזן ים, דאַן איז קיין זכר פון קיין הייזער נישט געווען אויף דעם אָרט; איצט ציט זיך אַ גוטער שאָסיי ביזן ים, דאַן זענען געווען בערגלעך מיט זאַמדן. פון דעם מרכז־מסחרי (האַנדלס־צענטער) איז דאָך קיין זכר נישט געווען, דעסגלייכן פון דעם גאַנצן קוואַרטאַל, וואָס ציט זיך אין צפון פון שטאָט, און וועלכער גייט אין דער ריכטונג פון טייך ירקון. תל־אביב איז לכל־הפחות צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי דאַן. איך אַליין האָב געגאַסן פיל קילאָמע־טערס שאָסייען אין די נייע גאַסן. און פאַראַנען ביי אונדז, דערציילט דער חבר, אַזעלכע וואָס געדענקען נאָך, ווי מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק האָט תל־אביב בכלל נישט עקזיסטירט און דער פּלאַץ איז געווען באַדעקט מיט וויסטע זאַמדן. דאָס זעלבן האָב איך שפּעטער געהערט פון פיל, פיל חברים.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 18, 1932.

ד. איבערשיכטונג

אויפן קבלת־פנים, וואָס די תל־אביבער חברים האָבן איינגעאָרדנט פאַר אונדז עטלעכע טעג נאָך אונדזער אָנקומען, האָב איך אין מיין ענטפער אויף די באַגריסונגען זיך אויסגעדריקט, אַז איצט, האַלט איך, איז פיל לייכטער צו זיין אַ פועל־ציוניסט אין ארץ־ישראל, ווי אין אַנדערע לענדער. דאָס איז נישט געווען קיין סתם רעטאָרישע פראַזע, נאָר אַ דערקענטעניש אין רעזולטאַט פון אָבסערוואַ־ציע שוין אין משך פון די ערשטע טעג.

צי האָב איך דערמיט געמיינט, אַז אין ארץ־ישראל לעבט זיך די יידישע אַרבעטער לייכט און גרינג, — ווי אין אַ גן־עדן? ניין! די לאַגע פון די אַרבע־טער־מאַסן איז אומעטום, אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַ שווערע; אין די אַלע לענדער מוזן די אַרבעטער שווער און ביטער קעמפן קעגן זייערע קלאַסן־שונאים, קעגן עקספּלאָאַטאַציע און אונטערדריקונג, פאַר אַ פריי און מענטשלעך לעבן; און ארץ־ישראל איז דאָך אַ לאַנד, וואָס ווערט רעגירט קאַפּיטאַליסטיש; און די יידישע בורזשואַזיע איז אויך נישט בעסער, ווי יעדע אַנדערע בורזשואַ־זיע; זי פאַרשטייט אויך אויסגעצייכנט אויסצונוצן די אָפּגעשטאַנענע און פינצטע־רע אַראַבישע מאַסע אַלס בייטש קעגן דער מער־באַוווסטזיניקער יידישער אַרבע־טערשאַפט און זי מאַנעווורירט אויך זייער געשיקט מיט די כלל־ישראל־לאָזונגען,

כדי דורך דעם אָפּצושוואַכן דעם קלאַסן־קאַמף פון די יידישע מאַסן. אין ארץ־ישראל ווערט די יידישע אַרבעטערשאַפט גאַנץ געווגט עקספּלאָאַטירט.

צי האָב איך דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז אין ארץ־ישראל איז די אַרבעטער־שאַפט באַפרייט פון דער שווערער פּלאָג פון אַרבעטסלאָזיקייט, אַז אין די באַדינגונגען פון ארץ־ישראלדיקן לעבן איז אַרבעטסלאָזיקייט אַן אויסגעשלאָסענע זאַך? אויך דאָס נישט! אמת, שוין דאָן, עטלעכע טעג ערשט נאָכן אָנקומען אין ארץ־ישראל, האָבן פיל פון די, מיט וועלכע איך בין צוזאַמען אָנגעקומען אין ארץ־ישראל, געהאַט באַקומען אַרבעט; די אַלטע אַרבעטער האָבן אויך אַלע, אָדער כמעט אַלע, געאַרבעט. אָבער פונדעסטוועגן, נישט געקוקט אויף דער גינסטיקער סיטואַציע אויפן אַרבעטס־מאַרק, האָב איך זיך אויסגעצייכנט אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז דאָס לאַנד איז אונטערגעוואָרפן אַלע געזעצן פון אַ קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, און אַרבעטסלאָזיקייט איז איינע פון די באַגלייט־דערשיינונגען פון קאַפּיטאַליסטישן ווירטשאַפטס־סיסטעם. איך האָב דערפאַר געוווּסט, אַז — ערשטנס: ארץ־ישראל האָט שוין נישט איינמאָל איבערגעלעבט צייטן פון שווערער אַרבעטסלאָזיקייט, און — צווייטנס: די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאפט וועט נאָך נישט איינמאָל פילן די ביטערע צרה פון אַרבעטסלאָזיקייט.

געגאַנגען איז וועגן עפּעס אַנדערש. בעת מעשה, ווען איך האָב דעם געדאַנק אַרויסגעזאָגט, האָב איך געטראַכט, ווי אפילו שוין אין תל־אביב פילט זיך בפועל ממש, אַז אין ארץ־ישראל קומט פאָר אַ טיפער איבערבוי־פּראָצעס פון יידישן מאַסן־לעבן; ווי ביסלעכווייז ווערט פאַרווירקלעכט דער ציוניזם. איך האָב דאָן געטראַכט וועגן דער שטאָט תל־אביב, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין משך פון אַן ערך צוואַנציק יאָר, וואָס איז פאַר אונדז, ניי־געקומענע, דערשינען ווי אַ וווּנדער, וועגן די הונדערט לאַנדווירטשאַפטלעכע יידישע ישובים, אין וועלכע עס אַרבעטן טויזנטער יידישע אַרבעטער. אויף שריט און טריט, אָן דער נייטיקייט אָנצוקומען צו ביכער, צו סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, זעט איר, ווי אַנדערש עס איז די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די יידישע מאַסן דאָ, אין ארץ־ישראל, לגבי די לענדער פון די אַלטע יידישע מאַסן־ישובים.

תל־אביב איז אַ יונגע שטאָט — בסך הכל מיט 23 יאָר צוריק איז געלייגט געוואָרן דער גרונט־שטיין פון דער שטאָט. די יידישע אַרבעטערשאַפט דאָ איז נאָך יונגער, זי האָט זיך ערשט רעכט אָנגעהויבן אַנטוויקלען נאָך דער וועלט־מלחמה. אָבער אין משך פון דער קורצער צייט האָט זיך דאָ געשאַפן אַ גאַנץ היפּשער אַרבעטער־ישוב, וואָס באַשטייט פון אַן ערך 8 ביז 10 טויזנט יידישע אַרבעטער. אין תל־אביב מערקט זיך זייער בולט די זעלבע דערשיינונג, וואָס אין גאַנץ ארץ־ישראל — עס וואַקסט אומאויפהערלעך די צאָל יידישע אַרבעטער — פאַרקערט ווי ביי די יידישע מאַסן אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווו די

יידישע אַרבעטערשאַפט ווערט כסדר איינגעשרומפּן. אַנשטאָט דעם דעקלאַסי־רונגס־פּראָצעס, וואָס קומט איצט פאָר ביי די יידישע מאַסן אין די פאַרשיידנסטע לענדער, קומט פאָר אין ארץ־ישראל אַ זייער ראַשיקער פּראָדוקטיווירונגס־פּראָצעס. אָבער אפילו רייך צאָלמעסיק, נישט באַרירנדיק די פראַגע וועגן דער פאָר־קומענדיקער עקאָנאָמישער איבערשיכטונג, האָט תל־אביב באַקומען אַ באַדייטונג אַלס יידישער אַרבעטער־צענטער.

פאַראַן אין ארץ־ישראל גופא אַזעלכע, וואָס קוקן מיט ביטול אויף תל־אביב, וואָס האַלטן, אַז תל־אביב איז עפּעס אַ שטיק „גלות", ווי זיי טענהן. זיי הלומען נאָך אַלץ וועגן אַן „אַרבעטס־ציוניזם", וואָס זאָל פאַרווירקלעכט ווערן אַן רעוואָלוציאָנערע ווייען, אָן קלאַסן־קאַמף. אין דער ווירקלעכקייט איז טאַקע תל־אביב — סיי אין ווירטשאַפטלעכן זין, סיי אין אַנדערע הינזיכטן — אַ מין צווישן־שטופע צווישן די אַלטע ישובים און דעם נייעם זיך־שאַפנדיקן ישוב אין ארץ־ישראל. תל־אביב איז אַזוי צו זאָגן, די גרענעץ־סטאַציע פון ארץ־ישראל, דאָ פאַרהאַלט זיך על פי כלל, מעג זיין אויף אַ צייט, יעדער ניי־געקומענער, און דאָס לייגט, אָן שום ספק, אַרויף דעם חותם אויף דער שטאָט און איר לעבן.

איך האָב אַמאָל געהערט, ווי אַ קעגנער פון ציוניזם וואָס האָט מיט אַ יאָר זיבן צוריק, אין סאַמע ברען פון דער פערטער עליה, געווײלט אין תל־אביב, האָט געזאָגט, אַז תל־אביב איז אים אויסגעקומען, ווי צוויי טראַפּנס וואַסער ענלעך צו די נאַלעווקעס. איך האָב נישט געזען תל־אביב מיט זיבן יאָר צוריק, אָבער איך שטעל זיך פאָר, אַז אויך בנוגע יענער צייט איז עס געווען פאַלש. וואָס איז אָבער שייך דעם היינטיקן תל־אביב, איז עס זיכער נישט ריכטיק. פאַראַן געוויס אין תל־אביב אויך עלעמענטן פון אונדזערע נאַלעווקעס, אָבער דאָס איז אויך דאָ אין יעדער אַנדערער שטאָט אין דער וועלט, אפילו אין אַ יידן־ריינער.

דער אמת איז, אַז אין תל־אביב איז אויסגעוואַקסן אַ יידישער אַרבעטער־צענטער פון אַן אַנדערן כאַראַקטער, ווי אין אַלטע צענטערן. דאָ איז די יידישע אַרבעטערשאַפט אַריינגעדרונגען אין אַלע צווייגן פון דער פּראָדוקציע, סיי אין דער פּריוואַטער ווירטשאַפט, סיי אין דער נישט־פּריוואַטער.

נאָר בלינדע, אָדער די, וועלכע ווילן נישט זען, באַמערקן נישט דעם דאָזיקן פּראָצעס — ער שרייט אַראָפּ פון די בנינים. מ'זעט אים אין גאַס, אין די פאַבריקן. קוקט זיך צו צו די אַרבעטער, וועלכע שטייען אויף די רושטאָוואַניעס פון די געביידעס, וואָס מ'האַלט אין בויען, וועט איר זען, אַז דאָס זענען יידישע אַרבעטער: קוקט זיך איין אין די פּנימער פון די, וועלכע ליגן איינגעבויגן און ברוקירן די גאַסן מיט אַספאַלט, אָדער בעטאָן, וועלכע פאַרלייגן די קאַנאַליזאַציע־רערן, אָדער די טראַטואַרן — וועט איר באַמערקן, אַז דאָס זענען יידישע אַרבע־טער. און צי האָבן מיר אין פּוילן, למשל, עפּעס אַ סך יידישע מויערער אָדער ענלעכע שטאָטישע אַרבעטער?

איך האָב אַמאָל געלייענט, ווי איינער האָט געחוזקט פון תל־אביב, שרייבנ־דיק, אַז דאָרט איז אַנטוויקלט נאָר די פּראָדוקציע פון גאַזאָז. דאָ איז אָן שום ספק באַוווסטזיניק פאַלש פאַרדרייט די ווירקלעכקייט. אין תל־אביב איז פאַראַן אַ גאַנץ היפּשע צאָל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען — קלענערע, מיטעלע און אויך גרעסערע. איך האָב באַזוכט אַ ריי מאָדערנע פאַבריקן מיט אַ גרעסערער צאָל יידישע אַרבעטער פון אַזעלכע צווייגן, אין וועלכע יידישע אַרבעטער ביי אונדז און אין אַנדערע לענדער זענען נישט באַשעפטיקט.

עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין דער מאָדערן־איינגעריכטעטער טעקסטיל־פאַבריק „לודזיה", אין וועלכער עס זענען באַשעפטיקט 170 אַרבע־טער; די פאַבריק אַנטוויקלט זיך, די צאָל אַרבעטער וואַקסט כסדר. איך בין געווען אין רוטנבערגס עלעקטרישער סטאַציע אין תל־אביב; אויף אונדז, וועלכע זענען נישט געוווינט צו זען יידישע אַרבעטער ביי אַט דער אַרבעט, האָט עס געמוזט מאַכן אַן איינדרוק. איך האָב באַזוכט די פאַבריק „סיליקאַט", וועלכע אַרבעט אויס אַ ספּעציעלן סאָרט ציגל, וואָס ווערן פיל פאַרברויכט אין תל־אביב און אין די נאָענטע קאָלאָניעס; אויך דאָ איז די צאָל אַרבעטער לעצטנס געוואַקסן. איך האָב געזען אַ גרעסערע מעטאַל־פאַבריק מיט אַ גיסעריי, וועלכע אַרבעט אויס פאַרשידענע מעטאַל־מכשירים פאַר דער פלאַנצונגס־ווירטשאַפט, וואָס האָט אַ צאָלרייכע אַראַבישע קליענטעלע; אין דעם צווייג זענען פאַראַן נאָך ענלעכע אונטערנעמונגען. איך האָב געזען די שאָקאָלאַד־פאַבריק „ליבער" מיט 180 אַר־בעטער. פאַראַן אויך אַ ריי אונטערנעמונגען, וואָס איך האָב נישט באַוויזן, אָדער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַזוכן, ווי די טאַבאַק־פאַבריק פון מאַספּעראָ אָדער מאַזעס און וואַסקעוויטש, צי בלומס פאַבריק פון קינסטלעכע ציין, אין וועלכער עס אַרבעטן 80 אַרבעטער. דאָס איז בלויז אַ טייל פון די מער־באַדייטנדע אונטערנעמונגען. אומעטום אַרבעטן בלויז יידישע אַרבעטער. די דאָזיקע פאַבריקן זענען פאַר אונדז כאַראַקטעריסטיש נישט נאָר דערפאַר, וואָס דאָס זענען נישט קיין טיפּישע יידישע קליינע וואַרשטאַטן, נאָר אונטערנעמונגען מיט אַ גרעסע־רער צאָל אַרבעטער, נאָר אויך דערפאַר, וואָס ביי אונדז זענען יידישע אַרבעטער אין די צווייגן כמעט נישט באַשעפטיקט.

אפילו אין תל־אביב, וועלכע איז, אַזוי צו זאָגן, ערשט דער פּרוזדור פון ארץ־ישראל, קומט דער איבערשיכטונג־פּראָצעס פאַר אין אַ באַדייטנדן פאַרנעם.

אין תל־אביב האָב איך באַגעגנט פיל פריינט און באַקאַנטע. צווישן די פריינט זענען געווען אַזעלכע, מיט וועלכע איך בין אין משך פון לאַנגע יאָרן פאַרבונדן דורך פעדעם פון וואַרעמער, אינטימער פריינטשאַפט. איך האָב זיי שוין יאָרנלאַנג נישט געהאַט געזען, מיר האָבן טיילמאָל פאַרבראַכט לאַנגע שעהן און זיך קעגנזייטיק איבערגעגעבן, וואָס מ'האָט אין משך פון דער צייט דורכגעמאַכט. און הגם איך בין געווען אינפאָרמירט וועגן דעם גורל פון מיינע פריינט אין משך

פון דער צייט וואָס זיי פאַרברענגען אין לאַנד, בין איך אָבער אָפטמאָל נשתומם געוואָרן פון זייערע פשוטע, נישט געקינצלטע, נישט צוגעפּאַרבטע דערציילונגען. איך בין איבערראַשט געוואָרן פון דער עקשנות, פון דער האַרטקייט און פעסטקייט, וואָס האָט זיך ביי זיי אויסגעאַרבעט.

איך האָב באַגעגנט אַ פריינדין, וועלכע איך קען פון דער צייט, וואָס זי איז נאָך געווען כמעט אַ קינד. עטלעכע יאָר פאַרן אַוועקפאָרן האָט זי געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטע, געווען פיזיש שוואַך. קיין ארץ־ישראל איז זי אַוועק מיט אַ 7־8 יאָר צוריק מיט אַ חברטע, וואָס האָט צוזאַמען מיט איר געאַרבעט אין דער זעלבער אינסטיטוציע. צוויי יונגע, צאַרטע מיידלעך, קיינמאָל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון פיזישער אַרבעט, האָבן זיי זיך אין ארץ־ישראל גענומען צו דער שווער־סטער פיזישער אַרבעט — פריער געאַרבעט ביי האַקן שטיינער, דערנאָך געווען בוי־אַרבעטערינס און צוזאַמען מיט די חברים געשטאַנען און געאַרבעט אויף די רושטאָוואַניעס פון די געביידעס, געאַרבעט אויפן שאָסיי, זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום אַרבעט. דערצו האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן אַלס גוטע אַרבעטערינס, וועלכע שטייען נישט אָפּ פון די מענער־אַרבעטער; איך האָב געטראָפן אַ חבר, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען אַן אָנגעשטעלטער, איצט אַרבעט ער שווער אַלס גאַסן־ברוקירער אין תל־אביב; אַ דריטער חבר, וועלכער האָט מיט מיר געאַר־בעט אין איין אינסטיטוציע, אַן אויסגעצייכנטער ביוראַליסט, זיצט אין אַ קאָלאָ־ניע נעבן תל־אביב און איז אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער. מ׳האָט אים אָנגעשלאָגן פאַרשידענע אַרבעטן אין דער שטאָט, ער וויל זיך אָבער נישט רירן פון דער קאָלאָניע, ווייל, ווי ער זאָגט, ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל מיטן געדאַנק צו ווערן אַן ערד־אַרבעטער. און איך האָב זיך אַליין געפרעגט, וויפל כוח, וויפל אויסדויער האָט זיך געפאָדערט אין משך פון יאָרן, יעדן טאָג, יעדער מינוט, כדי דאָס אַלץ אויסצוהאַלטן, און איך בין זיך מודה — איך האָב באַקומען דרך־ארץ פאַר מיינע חברים און פריינט, וועלכע האָבן דאָס באַוויזן.

שווער איז געווען דאָס לעבן פון די דאָזיקע מענטשן. אין משך פון עטלע־כע יאָר האָבן זיי געליטן אָן אַ שיעור. זייער אָפט אַרבעטסלאָזע, הונגעריק, קראַנק — זענען זיי נישט געפאַלן אונטער דער שווערער לאַסט פון לעבן, נאָר געקעמפט קעגן דעם. נישט זיי זענען פון לעבן צעבויגן געוואָרן, נאָר זיי האָבן דאָס לעבן גופא געבויגן. זייערע לעבנס־דערציילונגען פון יענע יאָרן האָבן פאַר מיר געקלונגען ווי העלדישע עפּאָפּייעס!

איך האָב נישט איינעם פון זיי געפרעגט, וואָס האָט זיי געגעבן דעם מוט דאָס אַלץ איבערצוהאַלטן, פון וואַנען האָבן זיי אַזוי פיל כוחות געשעפּט צום קאַמף קעגן אַט די שוועריקייטן פון לעבן. און איך האָב באַקומען דעם ענטפער: זיי האָבן בפועל ממש געזען, ווי דורך זייער קאַמף, דורך זייער אַרבעט שאַפן זיי אַ ניי לעבן, אַ געזונט און נאָרמאַל יידיש מאַסן־לעבן, ווי עס ווערט רעאַליזירט

דער אידעאַל פון ציוניזם, ווי די יידישע אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל באַ־קומט פליגלען, מוט און באַדייטונג אינעם קאַמף פאַר דער וועלט־רעוואָלוציע, ווי זי ווערט אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין אַט דעם קאַמף. זיי האָבן געפילט, ווי דער געבונדענער פראָמעטעאוס — דער יידישער אַרבעטער — ווערט אויפגעבונדן, ווערט באַפרייט.

האָב איך דען נישט געהאַט רעכט זאָגנדיק, אַז היינט איז פיל לייכטער צו זיין אַ פועלי־ציוניסט אין די פאַרהעלטענישן פון ארץ־ישראלדיקן לעבן און קאַמף, ווי אונדז וועלכע קענען נאָר פון דערווייטנס זען דעם פראָצעס, וואָס קומט פאָר ביי די יידישע מאַסן אין ארץ־ישראל?

„אַרבעטער־צייטונג“ נומ' 19, 1932.

ה. חיפה

תל־אביב איז אַ שטאָט אָן אַ סטיל, אָבער דערפאַר פאַרמאָגט תל־אביב כאַראַקטער. חיפה איז אַ שטאָט אָן סטיל און אָן כאַראַקטער.

אָבער שיין איז חיפה, וווּנדער שיין — אַ דאַנק איר נאַטירלעכער לאַגע. ים און באַרג האָבן זיך דאָ באַהאַפטן — און וואָס קען דען זיין שענער?

די שטאָט ציט זיך באַרג־אַרויף. קוקסטו פון אונטן אַרויף, באַקומסטו דעם איינדרוק, ווי הייזער וואָלטן זיך צום שפּיץ כרמל געדראַפּעט. צופוסנס פון דער שטאָט שווימט און רוישט דער ים. און העט־העט פון דערווייטנס — זעען זיך די שפּיצן פון די לבנון־בערג, איבער וועלכע עס קיניגט שטאָלץ דער שטענדיק מיט שניי באַדעקטער חרמון.

תל־אביב בויט פיל. דאָ און דאָרט שטאַרן אַרויס, אפילו אין מיטן באַבוי־טע גאַסן, די סקעלעטן פון בנינים, וואָס האַלטן זיך אין בויען. אָבער דאָס רייסט נישט די אויגן, ווייל תל־אביב, יעדנפאַלס אירע שוין אויסגעבויטע קוואַרטאַלן, מאַכט אַ פאַרענדיקטן, פולן איינדרוק. חיפה, אַנטקעגן, און קודם כל דער טייל, וואָס איז באַוווינט פון דער יידישער באַפעלקערונג, מאַכט דעם איינדרוק פון איין גרויסער נישט־פאַרענדיקטער געביידע: בנינים אין בויען, גאַסן נישט געאָרדנטע, קופּעס שטיינער, אָנגעלייגט ביי די זייטן.

נאָך די בלוטיקע געשעענישן פון אויגוסט 1929 האָט זיך די שטאָט אָנגע־

הויבן שטאַרק פונאַנדערבויען. פריער איז כמעט די גאַנצע שטאָט געווען קאָנצענטרירט אונטן, צופוסנס פונעם באַרג. זינט דאַן האָט די יידישע באַפעלקערונג אָנגעהויבן זיך אַריבערטראָגן אויפן באַרג אַרויף, עס האָט זיך געשאַפן אַ שפּאָגלנייע שטאָט מיט נייע קוואַרטאַלן, מיט נייע גאַסן. דערפון נעמט זיך אויך דאָס רויע, נישט פאַרענדיקטע אויסזען פון דער נייער שטאָט.

אין תל־אביב גייכטו דיר לייכט איבער די מיט אַספאַלט־געגאָסענע גאַסן, איבער די גלאַטע, גלייכע טראָטואַרן — אין חיפה מוזטו קלעטערן איבער בערגלעך, אָנגעוואָרפענע מיט שטיינער. חיפה האָט ווייט ווייט נישט יענע לייכטקייט און זאָרגלאָזיקייט, וואָס עס האָט תל־אביב. איך האָב געטראָפן פיל חברים, פריינט און באַקאַנטע, וואָס מוזן פון צייט צו צייט זיך אַריבערכאַפּן קיין תל־אביב, כדי זיך אָנצוזאַפּן מיט איר לייכטקייט און זאָרגלאָזיקייט, זיך אַ ביסל אָפּצופרישן. אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי אַלע ליב חיפה, ווילן פון איר נישט אַוועק, הייבן אָן נאָך איר בענקען, ווי נאָר זיי פאָרן פון איר אַוועק. עס ציט זיי די שיינקייט פון חיפה — איר נאַטירלעכער צויבער.

איך האָב שוין געשריבן, אַז תל־אביב שטעלט מיט זיך פאָר — אויך אין עקאָנאָמישער הינזיכט — אַ מין איבערגאַנג־שטופע צווישן ארץ־ישראל און די לענדער פון די פריערדיקע יידישן מאַסן־ישובים. חיפה איז אין דעם זין מער ארץ־ישראלדיק, ווי תל־אביב. די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די יידישע אַרבעטער דאָ איז אַביסל אַנדערש, ווי אין תל־אביב.

אין חיפה האָט די נייע יידישע איינוואַנדערונג געשאַפן און אַנטוויקלט אָנהייבן פון שווערער אינדוסטריע אין לאַנד. די בנינים און די פאַבריקן זענען געשטעלט געוואָרן פון יידישע אַרבעטער. אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען אַרבעטן יידישע אַרבעטער. דאָ, אין חיפה, אין די גרעסטע אונטערנעמונגען, זעט מען קלאָרער, וואָס פאַר אַן אומוואַנדלונג די יידישע אַרבעטער האָבן דורכגעמאַכט.

מיר קומען אַריין אין „נשר", עס איז אַ צעמענט־פאַבריק. דער אָרטיקער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט אויסגעפועלט ביי דער דירעקציע די דערלויבעניש אויפן באַזוך. עס פירן אונדז אַרום און דערקלערן אַלץ געַנוי אונדזערע חברים, אַרבעטער פון דער פאַבריק. שוין פון דער ווייטנס זעט זיך אַ געדיכטער רויך, וועלכער שלאָגט פון די הויכע פאַבריק־קוימענס. וואָס נענטער מיר קומען צו דער פאַבריק, אַלץ הילכיקער ווערט דאָס גערויש וואָס קומט פון דאָרט. גייען מיר אַריין אין דער פאַבריק־געביידע, ווערן מיר פאַרהילכט פון אַ מעכטיקן רויש פון מאַשינען. אין די ערשטע סעקונדן זענען מיר, ווי פאַרטויבט. פאַר אונדזערע אויגן וויקלען זיך ווי שלאַנגען און לויפן ווי טייוולאָנים, אַ ים טראַנסמיסיע־פּאַסן. מיר זענען באַרוישט. אינסטינקטיוו שטעלן מיר זיך אָפּ אַלע

דריי, וואָס זענען געקומען באַקוקן די פֿאַבריק: — עס שווינדלט אין קאָפּ פֿונעם רויש פֿון די מאָטאָרן און פֿונעם משוגענעם לויף פֿון די טראַנסמיסיע־פּאַסן. מיר ווערן פֿאַרכאַפּט פֿון דעם מעכטיקן מעכאַניזם פֿון דער פֿאַבריק.

ביסלעכווייז ווערט אונדז היימישער. מיר ווערן צוגעוווינט צו דעם, וואָס דאָ קומט פֿאָר. מיר קוקן זיך אַרום און ערשט דאָ באַמערקן מיר מענטשלעכע געשטאַלטן, וואָס שטייען צעוואָרפֿן דאָ און דאָרט אין די זאַלן, אויף די שטאָקן, ברענגען דעם מעכאַניזם אין באַוועגונג און היטן אָפּ זיין נאָרמאַלן לויף. זענען עס ווירקלעך יידישע אַרבעטער, ווי מ'האָט אונדז פֿריער אינפֿאָרמירט, די וועלכע אַרבעטן אין אָט דער גרויסער מאָדערנער פֿאַבריק? יאָ, געוויס זענען עס יידישע אַרבעטער, אונדזערע אַרבעטער, איבערגעפּלאַנצטע אויפֿן ארץ־ישראלדיקן באָדן.

מיר גייען אַריין אין אַ געשפּרעך מיט די אַרבעטער. איינער פֿון אונדז פֿרעגט אויס אַ ריי אַרבעטער, וואָס שטייען און באַדינען די אויוונס און מאָטאָרן, וואָס איז געווען זייער באַשעפֿטיקונג, איידער זיי זענען געקומען אין לאַנד. די ענטפֿערס זענען כאַראַקטעריסטישע — זיי זענען געווען אָנגעשטעלטע, אַרבעטער אין נאָדל און לעדער און אין אַנדערע טיפּיש יידישע פֿאַכן. די קנאַפּע 300 יידישע אַרבעטער כאַראַקטעריזירן אין מיניאַטור דעם פּראָצעס פֿון איבערשיכטונג, וואָס קומט פֿאָר אין ארץ־ישראל.

די אַרבעטער דערציילן אונדז: מיט אַכט יאָר צוריק איז דאָס בויען און רייניקן די אויוונס — אַ ספּעציעל שווערע און געפֿערלעכע אַרבעט — געטון געוואָרן נישט דורך יידישע אַרבעטער. ווען מיר האָבן זיך געווענדט צו דער דירעקציע פֿון פֿאַבריק און געפֿרעגט, פֿאַרוואָס מ'מיידט אונדז אויס ביי די אַרבעטן, האָט אונדז דער לייטער פֿון דער פֿאַבריק געענטפֿערט, אַז לויט זיין מיינונג דאַרפֿן יידישע אַרבעטער נישט אַרבעטן אין געפֿערלעכע ערטער און אַז די אַרבעטן זענען פֿאַר יידישע אַרבעטער צו שווער. מיר האָבן זיך דערפֿון, פֿאַרשטייט זיך, אויסגעלאַכט. מיר האָבן אָנגעהויבן פֿירן אַ קאַמף קעגן דער דירעקציע פֿאַר באַשעפֿטיקן אונדז אויף די „געפֿערלעכע" ערטער און ביי די „שווערע" אַרבעטן, און מיר האָבן אויסגעפֿירט. איצט טוען מיר אַלע אַרבעטן, וועלכע זענען נייטיק אין דער פֿאַבריק. מיר האָבן אויך צוגעבויט אַ נייעם פֿליגל. אָט־אָ דער פֿאַקט, דערציילט פֿון די אַרבעטער פֿון „נשר", באַווייזט, אַז אויך אין ארץ־ישראל האָבן פֿריער געהערשט פֿאָראורטיילן לגבי יידישע אַרבעטער, וואָס עס איז ביי אונדז אַ פֿאַרשפּרייטע דערשיינונג; ערשט דער יידישער אַרבעטער האָט דורך זיין אַרבעט באַוויזן צו מאַכן אַ סוף דערצו.

די פֿאַבריק איז לכתחילה געבויט געוואָרן אויף דער מאַקסימאַלער פּראָדוקציע פֿון 13 טאָן אַ טאָג, איצט פּראָדוצירט זי 40 טאָן טעגלעך. מען אַרבעט טיילווייז אין דריי שיכטן, די פֿאַבריק ברענגט גרויסע רווחים. די יידישע אַרבע־

טער פֿאַרדינען דאָ פֿון 32 ביז 50 פּיאַסטער טעגלעך. אויסערהאַלב די פֿאַבריק־געביידעס, בסך הכל מיט עטלעכע הונדערט מעטער ווייטער, אַרבעטן אַ 110 אַראַבישע אַרבעטער ביים אַרויסהאַקן פֿון די בערג דעם שטיין, וועלכער איז נייטיק פֿאַר דער פּראָדוקציע פֿון צעמענט. דאָ איז די עקספּלאָאַטאַציע פֿיל, פֿיל גרעסער — די אַראַבישע אַרבעטער פֿאַרדינען קוים 25 פּיאַסטער טעגלעך. אָבער צו דער פֿראַגע וועגן די אַראַבישע אַרבעטער וועל איך זיך אומקערן שפּעטער.

פֿאַרשטענדלעך, אַז „נשר" האָט אויף אונדז געמוזט מאַכן אַן איינדרוק. שפּעטער מיט עטלעכע טעג האָבן מיר געזען רוטענבערגס צענטראַלע עלעקטרישע סטאַציע אין נהרים. דער איינדרוק דאָ האָט ווייט איבערגעשטיגן דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף אונדז געלאָזן „נשר". אין נהרים האָבן מיר געזען, ווי עס זענען דורך מענטשלעכער אַרבעט געצוימט געוואָרן די פּרימיטיווע נאַטור־קרעפטן. עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַ נייע אָפּצווייגונג פֿונעם ירדן, וועמענס וואַסער מ׳האָט פֿאַרייניקט מיט דעם טייך ירמוק, און געבילדעט פֿוןביידן איין גרויסן וואַסער־רעזערוואַר, וועמענס קראַפֿט קען לאָזן אין באַוועגונג 4 טורבינעס, הגם בלויז איינע פֿון די טורבינעס קען ליפֿערן מער עלעקטרישע קראַפֿט, ווי גאַנץ ארץ־ישראל דאַרף איצט האָבן. אָט אַזוי זענען די רויע נאַטור־כוחות געשטעלט געוואָרן אין דינסט פֿון די מענטשלעכע באַדערפֿענישן. עס איז פֿאַר־ענטפֿערט געוואָרן איינער פֿון די „שטאַרקסטע" אַרגומענטן פֿון די קעגנער פֿון ציוניזם, אַז אַן קוילן קען נישט געמאָלט זיין קיין אינדוסטריע. אָבער בעת מעשה, איידער מיר האָבן נאָך געהאַט די מעגלעכקייט צו זען רוטענבערגס קאָלאָסאַל ווערק, האָט „נשר" אויף אונדז געמוזט מאַכן אַ מעכטיקן איינדרוק.

נאָך „נשר" האָבן מיר באַזוכט די כעמישע פֿאַבריק „שמן", ראָטשילדס מעכאַנישע מילן, די אויסגעבויטע באַן־וואַרשטאַטן נעבן חיפה און די שטיין־האַקערייען, וועלכע געהערן בשותפות — צו דעם אונטערנעמער־אַמט פֿון דער הסתדרות (משרד קבלני) און דעם אַראַבישן אונטערנעמער קאַראַמאַן, אַ באַקאַנטן פּאָגראָמטשיק, וואָס האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אָרגאַניזירן די בלוטיקע געשעענישן אין אויגוסט 1929. אָבער געשעפֿט איז געשעפֿט — דער אַראַבישער פּאָגראָמטשיק פֿאַרייניקט זיך צוליב ביזנעס מיט דער יידישער הסתדרות און — אַ הסתדרותישער אַמט מיט אַ פּאָגראָמטשיק.

אויך „שמן" איז אַ פֿולשטענדיק מאָדערנע פֿאַבריק. מ׳אַרבעט דאָ אויס בוימל, זייף, וואַש־פּולווער, לעצטנס אויך פֿאַרבן. די צאָל אַרבעטער — 150, בלויז יידישע. איך האָב שפּעטער געזען אַ גרעסערע אַראַבישע זייף־פֿאַבריק אין יפֿו, וועלכע באַשעפֿטיקט אַן ערך 50 אַראַבישע אַרבעטער און האָב דורך דעם געהאַט אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אַ פֿאַרגלייך. „שמן" איז מאָדערן, די אַראַבישע פֿאַבריק אויסערגעוויינלעך פּרימיטיוו. אין „שמן" איז אַלץ מעכאַניזירט, אין דער

יפו׳ער פֿאַבריק איז נישט דאָ קיין סימן פֿון וועלכן נישט איז באַשיידנסטן אָנהויב פֿון מעכאַניזירונג. „שמן״ — דאָס איז צוואָנציקסטער יאָרהונדערט, די אַראַבישע פֿאַבריק — וואַרפֿט אונדז צוריק אויף הונדערטער יאָרן.

עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן גענוי אויף דעם, וואָס מיר האָבן געזען אין חיפה, הגם עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו דערציילן אויך וועגן ראָטשילדס מעכאַנישע מילן, וועגן די פּאַרט־אַרבעטן, ביי וועלכע עס אַרבעטן 150 יידישע אַרבעטער אויף 450 אַראַבישע, וועגן דער ריזיקער שטיינהאַקעריי „עטלית״, וועגן די זאַלץ־ווערק אין עטלית א.א.וו. אין חיפה זענען אויך פֿאַראַן אַ 200 יידישע באַן־אַרבעטער — וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן באַן־אַרבעטער־פֿאַריין וועל איך נאָך אפשר שפּעטער שרייבן, אָבער איך קען פּאַרט נישט פֿאַרבייגיין, נישט באַרירנדיק גאַנץ קורץ די נייע באַן־וואַרשטאַטן נעבן חיפה. די ריזיקע וואַרשטאַטן, אינעווייניק אינגאַנצן פֿון אייזערנער קאָנסטרוקציע, זענען אויפֿגעשטעלט געוואָרן אויסשליסלעך פֿון יידישע אַרבעטער. עס האָבן דאָרט געאַרבעט אויך אַראַבישע אַרבעטער, אָבער נאָר ביי שוואַרצער אַרבעט, ביי דערלאַנגען די מאַטעריאַלן וכדומה. און מיר האָבן זיך אַליין געפֿרעגט: ווי אַזוי־זשע האָט זיך אונדזער יידישער אַרבעטער, וועלכער האָט דאָך קיינמאָל די אַרבעט נישט געמאַכט, אַזוי שנעל זיך אויסגעלערנט, געוואָרן קוואַליפֿיצירט?
דער אומשיכטונגס־פּראָצעס קומט אין חיפה נאָך שאַרפֿער, נאָך בולטער צום אויסדרוק, ווי אין תל־אביב.

„אַרבעטער־צייטונג״ נומ׳ 19, 1932.

ו. אַרבעטער־ווירטשאַפֿט

1

אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער האָב איך מיר אָנגעזען גענוג פֿאַבריקן. דאָס נייע וואָס איך האָב געזען אין ארץ־ישראל, זענען געווען נישט אַזוי די פֿאַבריקן, ווי די יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט. אָבער וואָס שייך די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער־ווירטשאַפֿטן באַשטייט דאָס כאַראַקטעריסטישע נישט בלויז אין דעם, וואָס יידישע אַרבעטער זענען דאָרט פֿאַרנומען, נאָר אויך אין דעם, וואָס די עצם־עקזיסטענץ פֿון די ווירטשאַפֿטן איז אַ נייעס, וואָס האָט קיין ביישפּיל אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

די אַרבעטער־ווירטשאַפטן זענען פון צוויי טיפּן — קבוצות און מושבי־עובדים. קבוצות — דאָס זענען לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמונעס, אין וועלכע סיי די פּראָדוקציע, סיי די קאָנסומציע איז אַ בשותפותדיקע. מושבי־עובדים — דאָס זענען פּונקטן, וועלכע באַשטייען פון אינדיווידועלע קליין־פּויערישע ווירטשאַפטן; יעדע ווירטשאַפט איז אַ גליכע, קיינער טאָר נישט געברויכן קיין געדונגענע אַרבעט, דער איינקויף און פאַרקויף דאַרף זיין אַ בשותפותדיקער.

שוין אין אָנהויב פון מיין זיין אין ארץ־ישראל איז מיר אויסגעקומען צו זען אַ „מושב־עובדים", נחלת־יהודה, וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָך אין יאָר 1913, אַלס ערשטער פּרווו פון דער פאָרם פון אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע. דאָ איז פון דער גלייכקייט קיין סימן נישט געבליבן — פאַראַן אָרעמע און רייכערע קאָלאָניסטן. די גלייכקייט פון באַדן־באַזיץ, פון לעבעדיקן אינווענטאַר א.א.וו. עקזיסטירט נישט מער. אינערהאַלב דעם מושב קומט פאָר דער סאָציאַלער דיפערענציירונג־פּראָצעס. אינעם פּרינציפּ פון אַליין־אַרבעט, אָן געדונגענער אַרבעט, האָט מען כמעט ווי פאַרגעסן. און נאָך מער — צווישן די לוין־אַרבעטער און די קאָלאָניסטן קומען אויך פאָר סכסוכים אויפן באַדן פון קאַמף פאַר אויספירן די אַרבעט לויט לוין־פּרינציפּן פון דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. פאָרמעל געהערן נאָך די קאָלאָניסטן דאָ (אויך נישט אַלע), צו דער הסתדרות, אָבער זיי שטעלן זיך אין דער פּראַקטיק אָפטמאָל קעגן דער הסתדרות, און זייער אויסשלוס מוז ווערן בלויז אַ פראַגע פון דער צייט.

שפּעטער בין איך געווען אין נהלל — אין עמק. נהלל אַליין און פאַר זיך איז זייער שיין. דאָס אויג קען זיך נישט זאַט אָנקוקן די פּרעכטיקע באַאַרבעטע פעלדער, וואָס ליגן ווי איינגעצוימט אין אַ ראַם פון בערג. נהלל איז געווען דער ערשטער פּונקט אין עמק יזרעאל, וואָס מיר האָבן באַזוכט. איך האָב געוווּסט, אַז נהלל איז נאָך מיט עלף יאָר צוריק געווען איין גרויסער זומפּ, וואָס האָט אַרום און אַרום פאַרשפּרייט טויט און קראַנקהייטן. דאָס איצטיקע נהלל איז מיר דערייבער דערשינען ווי אַ וווּנדער. אָבער אויך אין נהלל, הגם פיל יונגער ווי נחלת־יהודה, מערקן זיך ענלעכע טענדענצן, ווי אין נחלת־יהודה. אַלע פאַרמאָגן גלייכע שטחים באַדן, אָבער דער לעבנס־שטייגער און די לעבנס־מעגלעכקייטן זענען שוין נישט די זעלבע ביי אַלע. באַלד אויפן ערשטן בליק מערקט זיך דער חילוק — פאַראַן אינ, דעם מושב הילצערנע הייזער, אָבער אויך אַ טייל געמויערטע. מיר פרעגן פאַרוואָס — ענטפערט מען אונדז, אַז פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן באַקומען געלט פון קרובים און האָבן זיך אויפגעשטעלט געמויערטע הייזער. הייסט עס, אַז ווער עס קען קריגן געלט פון דרויסן, נישט בלויז פון אייגענער פּראַצע, קען זיך צוקויפן נאָך אַ קו, פאַרגרעסערן די ווירטשאַפט? געוויס — ענטפערט מען אונדז — עס פּאַסירט טאַקע אַזוי. און עס קענען אויך פאָרקומען פאַרשידענע צופאַלן, ווי קראַנקהייטן א.א.וו., וואָס זאָלן איינעם שטעלן אין אַן

ערגערער לאַגע לגבי דעם צווייטן? יאָ, אַזוי איז עס! דער פּרינציפּ פון גלייכקייט ווערט אונטערגעריסן, עס קומט פאָר אַ דיפערענצירונג, עס קומען אויף אָרעמע־רע און רייכערע פויערים. מיט דער צייט קען אויך אומקומען דער יסוד פון אויסשליסלעכער אַליין־אַרבעט. און דערפאַר איז טאַקע גערעכט אונדזער ארץ־ישראלדיקע פּאַרטיי, ווען זי זעט אין די „מושבי־עובדים" נישט אַזאַ פאָרם פון אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, ווי די קבוצות.

קבוצות — דאָס איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע דערשיינונגען אין ארץ־ישראלדיקן לעבן. אין 24 לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמונעס זענען איצט פאַראַן העכער 2.500 מענטשן.

וואָס האָט געשטויסן צו שאַפן די דאָזיקע קאָמונעס? עס זענען דערביי געווען אידעאישע מאָטיוון און אויך ווירטשאַפטלעכע. די שטרעבונג צו סאָציאַליזם, וואָס האָט געלעבט ביי די ארץ־ישראלדיקע איינוווינער, הגם זיי האָבן זיך אין אַ גרוי־סער מאָס רעקרוטירט פון קליינבירגערלעכע זיך־פּראָלעטאַריזירנדיקע שיכטן, האָט אין דער קבוצה געפונען אַן אויסוועג אויף אַ „לעגאַלן" אופן, וואָס האָט צו־געזאָגט נישט אַרויסצורופן קעגנערשאַפט ביי דער ציוניסטישער בורזשואַזיע און זאָל נישט שטערן דעם איינהייטלעכן כלל־ישראל־פראָנט. דער נייער אופן פון קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן האָט געדאַרפט פאַרטווישן דעם קלאַסן־קאַמף. און דאַן — די קבוצה איז ביליקער, געמיינזאַם איז לייכטער אַריבערצוטראָגן די אומגע־הייערע שוועריקייטן, וואָס עס זענען אויסגעשטאַנען, בפרט אין די פריערדיקע יאָרן, די איינוואַנדערער.

דער קאָנסטרוקטיווער סאָציאַליזם, אַ סאָציאַליזם אָן קלאַסן־קאַמף, האָט טאַקע אין דער ערשטער צייט נישט אַרויסגערופן קיין קעגנערשאַפט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און האָט אויך געגעבן פרייע הענט איר קאָלאָניזיר־טעטיקייט. דערפאַר ווערט די קבוצה אין אַ געוויסן פעריאָד פּראָטעזשירט דורך דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. ווען עס הייבט זיך אָבער אָן די מאַסן־וואַנדערונג פון די מיטלשטאַנד־עלעמענטן, הייבט זיך אויך אָן אַ קאַמף קעגן דער קבוצה, ווייל סוף כל סוף פאַרבלייבט די קבוצה אַ וויכטיקע אַרבעטער־פּאָזיציע, וואָס שטאַרקט אָביעקטיוו דעם כוח פון דער אַרבעטערשאַפט אין איר קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע.

דער קאָנסטרוקטיוויזם איז אַמאָל געווען דער אָפיציעלער אני מאמין פון די רעכטע אַרבעטער־עלעמענטן אין ארץ־ישראל, און עס איז נאַטירלעך, וואָס ספּעציעל די קבוצה איז געווען זיין נעסט. מיר זענען אַרומגעפאָרן איבער אַ ריי קבוצות אין עמק יזרעאל, אין עמק הירדן, אין גליל און געפונען אין זיי בלויז שפּורן פון אַמאָליקן קאָנסטרוקטיוויזם. דאָ און דאָרט זענען נאָך פאַראַן פאַר־עקשנטע חברים, וואָס האַלטן זיך נאָך קראַמפּהאַפט אין דעם דאָזיקן גלויבן.

שווער איז דאָס לעבן אין די קבוצות. נישט נאָר דערפאַר, וואָס אָפּטמאָל איז די דערנערונג אַ שלעכטע, ווייל מ׳מוז זי צופּאַסן צו די ווירטשאַפטלעכע רעזולטאַטן, נאָר דאָ ווירקן אַ ריי פּסיכאָלאָגישע סיבות. שווער איז זיך אָפּצוּרייסן פון דער שטאָט, אַפּצוריכטן פּריוואַליק גלות אין אַ פאַרוואָרפּענעם ווינקל. נאָך שווערער איז צו באַקעמפן קליינבירגערלעכע געוווינהייטן און נייגונגען, וואָס מ׳האָט איינגעזאַפּט אין משך פון דורות, מוותר צו זיין אויפן פּרינציפּ פון פּריוואַט־אייגנטום, זיך צוצוגעוווינען צום קאָלעקטיוון אופן לעבן, צום בשותפות־דיקן פּראָדוצירן און קאָנסומירן. דערפאַר זעען מיר טאַקע, ווי גאַנץ אָפט פאַרלאָזן יחידים די קבוצות.

אין דער קבוצה אַרבעטן אַלע, אַן אויסנאַם, חוץ די קינדער און די קראַנקע. עס דאָמינירט דאָ דער גייסט פון אַרבעט. קומט צו פאָרן אַ גאַסט אפילו אויף עטלעכע טעג, צווינגט אים די אַרבעטס־אַטמאָספער זיך צו נעמען פרייוויליק צו אַן אַרבעט.

די גלייכקייט איז דורכגעפירט ביז גענוג־ווייטע גרענעצן. עס איז גלייכקייט אין אַרבעט און געברויך. נישט נאָר פאַר די מיטגלידער פון דער קבוצה, נאָר פאַר יעדן איינציקן, וואָס קומט אַהער. אין אמתן פאַרשווערט דער דאָזיקער פּרינציפּ גאַנץ ממשותדיק דעם בודזשעט פון דער קבוצה, ווייל ער ווערט אָפּטמאָל מיסברויכט דורך פרעמדע. אָבער קיין אַבסאָלוטע גלייכקייט איז פונדעסטוועגן אויך דאָ נישטאָ. די איינאָרדנונג אין דער וווינונג איז נישט ביי אַלעמען אין דער זעלבער קבוצה אַ גלייכע — עס איז אויך אָפּהענגיק פון דעם, וויפל אַכט איינער לייגט אויפן אינערלעכן אויסזען פון צימער.

2

מיר האָבן צו קנאַפּ צייט פאַרבראַכט אין די קבוצות, מיר זאָלן קענען האָבן אַ געניעם באַגריף וועגן אלץ וואָס טוט זיך דאָרט, און בפרט וועגן אינערלעכן לעבן אין זיי. וויל מען ווירקלעך דערקענען דאָס לעבן פון דער קבוצה, מוז מען דאָרט זיצן אַ לענגערע צייט, אַרויסגיין פון דער ראָל פון אַ גאַסט, נישט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר די אַרומיקע, ווערן איינער פון אַלע. בפרט, אַז אין דער קבוצה זענען די פאַרהעלטעניש פאר אונדז נייע, ביז איצט נישט געזעענע. עס אַנטשטייען אין איר אַ ריי פּראָבלעמען און פראַגן, וועגן וועלכע מיר האָבן אַ גאַנץ שוואַכע פאָרשטעלונג און אויך דער מענטשן־מאַטעריאַל אין דער קבוצה איז אַ פאַרשידנאַרטיקער און קאָמפּליצירטער.

מיר האָבן באַזוכט אַ ריי קבוצות, און דער עיקר — די כאַראַקטעריסטיש־

סטע און וויכטיקסטע פון זיי; מיר זענען געווען סיי אין גאַר אַלטע קבוצות, ווי למשל, אין דגניה א׳, וואָס איז שוין 20 יאָר אַלט, סיי אין די יונגערע, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן נאָך דער וועלט־מלחמה, ווי עין־חרוד, תל־יוסף, בית־אלפא, כפר־גלעדי א. אנד. מיר האָבן באַזוכט די קבוצות פון פאַרשידענע געגנטן — אין עמק־יזרעאל, אין עמק־הירדן, אין גליל. כמעט אומעטום האָבן מיר געטראָפן חברים און פערזענלעכע פריינט, וואָס זענען מיט אונדז פולשטענדיק אויפריכטיק געווען און באַמיט זיך צו געבן אונדז אַן אמתן באַגריף וועגן דעם לעבן אין זייער קבוצה. און אויפן יסוד פון די אָבסערוואַציעס, מעגן זיי זיין נישט קיין קאָמפּלעטע, וויל איך מאַכן עטלעכע באַמערקונגען.

די ערשטע זאַך, וואָס האָט מיך אינטערעסירט, איז געווען אויסצוגעפינען די סיבות, וועלכע באַוועגן צו גיין אין דער קבוצה. איך האָב שוין אָנגעוויזן, אַז די טרייב־קראַפט איז היינט־צו־טאָג אויף יעדן פאַל נישט די אידעע פון קאָנסטרוקטיוויזם. דאָס הייסט אָבער לחלוטין נישט, אַז ביי אַ גרויסן טייל, וועלכער גייט אין די קבוצות, זענען נישטאָ קיין באַשטימטע אידעאַלישע מאָטיוון. אַ סך ציט אין דער קבוצה דער קאָלעקטיווער אופן פון לעבן, דאָס איבעררייסן מיטן פריוואַט־אייגנטום; אַנדערע, דאָס וואָס אין דער קבוצה הערשט, מער ווי ערגעץ אַנדערש, די אַטמאָספער פון אַרבעט פאַר אַלעמען, און אין ארץ־ישראל, דאַרף מען וויסן, איז דער קולט פון אַרבעט אויסערגעוויינלעך שטאַרק אַנטוויקלט; פאַראַן אַנדערע, וואָס די קבוצה ציט זיי צו דורך פסיכאָלאָגישע מאָמענטן; זיי ווילן לעבן זיך אָנשפּאַרנדיק אויפן כלל, דאַן פילן זיי זיך זיכערער, פעסטער — דאָס מוזן נישט דווקא זיין שוואַכלינגען, ליידיקגייער אָדער שלימזלניקעס — ניין! איך האָב, למשל, געטראָפן אין אַ שטאָט אַ חבר און אַ חברטע, וועלכע עס לעבט זיך דאָרט גאַנץ גוט עקאָנאָמיש, וועלכע פאַרדינען און האָבן כמעט שטענדיק אַרבעט, אָבער פונדעסטוועגן קלויבן זיי זיך גיין אין קבוצה — די מאָטיוון זענען וואָס כ׳האָב לעצטנס אָנגעוויזן. פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס זיצן אין דער קבוצה צוליב ריין עקאָנאָמישע מאָטיוון, זיי פילן זיך צו שוואַך אָנצוהייבן אַ לעבן אויף אייגענער האַנט.

אָבער טאַקע צוליב דעם אַלעמען איז דער מענטשן־מאַטעריאַל אין דער קבוצה אַ רייכער און פילפאַרביקער. אין ערגיץ, דאַכט זיך, איז נישט אָנגעזאַמלט אויף אַזאַ קליינעם שטח אַזוי פיל קאָנצענטרירטער אידעאַליזם ווי אין דער קבוצה. פאַראַן מענטשן, פאַר וועלכע די קבוצה איז ווייט נישט דער געזעלשאַפט־לעכער אידעאַל, וועלכע פאַרמאָגן דעם באַוווסטזיין פון פּאָליטישן קאַמף, זיי זע־נען אָבער אַזוי צונויפגעוואַקסן מיט דער קבוצה, אַז איר וועט ביי זיי נישט פועלן, זיי זאָלן זי פאַרלאָזן. פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר געטראָפן אויך אַזעלכע, וואָס וואָלטן פאַרלאָזן גערן די קבוצה ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

איך האָב אין דער קבוצה געטראָפן אינטעלעקטועלע, מענטשן מיט ביל־

דונג וואָס האָבן ביזן היינטיקן טאָג באַהאַלטן אַ טיפן אינטערעס פאַר באַשטימטע געביטן פון מענטשלעכן וויסן. מענטשן פאַרהאָר־עוועטע, פיזיש אויסגעמאַטערטע נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, אָפטמאָל ביי אַ שוואַכער דערנערונג, — געפינען צייט זיך צו פאַרטיפן אין די פּראָבלעמען פון פילאָזאָפיע, עקאָנאָמישע וויסנ־שאַפטן, ליטעראַטור־פאָרשונג, און נישט זעלטן האָב איך אין אַ צימער פון אַ קבוצה־איינוווינער געפאַקט אַ קליינע, אָבער גלענצנדע ביבליאָטעק פון ערנס־טע, פונדאַמענטאַלע וויסנשאַפטלעכע ווערק. און האַרט נעבן די דאָזיקע אינטע־לעקטועלע לעבן פשוטע אַרבעטס־מענטשן, טיילמאָל מיטן מאַנגל פון עלעמענ־טאַרע ידיעות.

פונדעסטוועגן קומט פאַר אַ געמיינזאַם קולטורעל לעבן אין דער קבוצה. עס ווערן באַהאַנדלט בשותפות, נאָך דער אַרבעט, אין עס־צימער, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר גלייכצייטיק דעם קלוב פון דער קבוצה, די פאַרשידנסטע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות נישט נאָר צו דער ווירטשאַפט, נאָר בכלל צום צוזאַמענלעבן אין דער קבוצה, צו דער דערציאונג א.א.וו. עס ווערן באַטראַכט אויך אַנדערע פראַגן, מחוצן לעבן פון דער קבוצה. פון צייט צו צייט קומען פאַר רעפעראַטן. און עס איז פונדעסטוועגן כאַראַקטעריסטיש פאַרן גייסט פון טאָלעראַנץ, וואָס הערשט אין די קבוצות, אַז אומעטום, ווו מיר זענען געווען, האָט מען אונדז מאַרגעלייגט צו האַלטן רעפעראַטן און מיר האָבן גערעדט, גראָד אין יידיש. פאַרשטענדלעך, אַז כמעט איבעראַל איז פאַראַן אַ ביבליאָטעק.

די קבוצות זענען באַהערשט דורך די רעכטע עלעמענטן, און די קולטור־אַרבעט ווערט געפירט אויסשליסלעך אין העברעאיש. בכלל זענען די קבוצות, צוליב זייער געשלאָסענעם כאַראַקטער, גיכער מסוגל צו ווערן דאָמענעס פון העברעאיזם, איידער די שטאָט אָדער קאָלאָניע. פונדעסטוועגן, ווען מיר האָבן זיך צוגעקוקט נענטער, האָבן מיר באַמערקט, אַז אין עס־צימער, ווען דער עולם קומט צוריק פון דער אַרבעט מיד און אויסגעמאַטערט, רעדט מען צווישן זיך דווקא יידיש.

פרינציפיעל זענען די קבוצות נישט קיין געשלאָסענע ווירטשאַפטן, פּאַק־טיש אָבער איז נישט אַזוי לייכט אָנצוקומען אַלס אַ מיטגליד אין אַ קבוצה. דאָ דעצידירן ערשטנס פּאָליטישע מאָטיוון — פאַר אַ פּועל־ציוניסט איז פיל שווע־רער אָנצוקומען אין אַ קבוצה, ווי פאַר אַ רעכטן, אין די קבוצות פון השומר הצעיר איינגאַנצן אוממעגלעך. כמעט אין יעדער קבוצה, האָבן זיך אויסגעבילדעט גרופּן פון אַזוי גערופענע „משקיסטן" (ווירטשאַפטס־מענטשן), וועלכע באַהאַנדלען אַלע פראַגן אין דער קבוצה, און אויך די פראַגע פון אָננעמען מיטגלידער, פון שטאַנדפּונקט פון ווירטשאַפטלעכער צוועקמעסיקייט.

אַ ריי פּראָבלעמען, וואָס זענען זייער וויכטיק פאַר סאָציאַליסטן, באַקומען

זייער באַזונדערע שאַרפקייט אין די באַדינגונגען פון קבוצה־לעבן. די פראַגע פון קינדער־דערציאונג, למשל. דאָ מוז די קבוצה אַליין אַנטשיידן פאַרוויקלטע פראַגן. נישט אַלע קבוצות אַנטשיידן זיי אויף דעם זעלבן אופן — אַנדערש אין דגניה און אַנדערש, למשל, אין תל־יוסף. אַ פראַגע, וועלכע פלעכט זיך ענג צונויף מיט דער דערציאונג, איז די פראַגע פון לינה, וועגן נעכטיקן פון די קינדער — ביי די עלטערן, צי בשותפות, אין דערציאונג־היים פון דער קבוצה. אין דעם גרעסטן טייל קבוצות איז די פראַגע געלייזט געוואָרן אויף דעם אופן, אַז די קלענערע קינדער נעכטיקן אין דערציאונגס־היים פון דער קבוצה און די עלטערן באַקומען זיי נאָר אויף אַ שעה־צוויי, ווען זיי קומען פון דער אַרבעט, ביז דאָס קינד גייט שלאָפן; די עלטערע קינדער נעכטיקן ביי זייערע עלטערן.

פון דעם ווערט שוין קלאָר, אַז די לאַגע פון דער פרוי איז אין דער קבוצה אַ פיל פרייערע, אַז די פרוי געווינט די מעגלעכקייט פון מאַקסימאַלער גלייכבאַ־רעכטיקונג סיי אין דער אַרבעט, סיי אין דער אַנפירונג מיט דער קבוצה. עס לאַסטן נישט אויף איר, אין דעם געוויינלעכן פאַרנעם, די קייטן פון מוטערשאַפט. דאָס מוז אויך, פאַרשטענדלעך, משפיע זיין אין אַ געוויסער מאָס אופן פאַמיליע־לעבן: עס ווערט שוואַכער די ראָל פונעם קינד אַלס צעמענט אינעם משפחה־לעבן. די חסידים פון די אַלטע פאָרמען פון „ריינעם״ פאַמיליע־לעבן וועלן געוויס בלייבן אומצופרידן פון דעם דערציאונגס־סיסטעם אין די קבוצות.

אינטערעסאַנט איז, ווי אין יעדער קבוצה קאָנצענטרירן זיך מענטשן פון אַ באַשטימטן טיפ; עס קומט פאָר, אַזוי צו זאָגן, אַ נאַטירלעכער אָפּקלייב. נישט אין זין פון מענטשן־מאַטעריאַל, נישט אין הינזיכט פון אינערלעכן לעבן און אפילו נישט אין די ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען איז איין קבוצה ענלעך צו דער צווייטער. עין־חרוד, למשל, איז כולו אידעאישע ערנסטקייט — דאָ האָבן זיך צונויפגעקליבן די שארית הפליטה פון קאָנסטרוקטיוויזם; האַרט נעבן עין־חרוד, תל־יוסף, שטעלט מיט זיך שוין פאָר אַ גאָר אַנדערן טיפ — אַ לעבעדיקע אַרבעטס־חברה; בית־אלפא, וואָס גרעניצט מיט תל־יוסף, איז ווידער אַנדערש — דאָ האָט איר צו טון מיט אַ יונגער אינטעליגענטער גרופּע, וואָס פירט אַ גע־שלאָסן לעבן, ווי עפּעס אַן אָרדן, וועלכער היט שטאַרק, אַז פונעם אינערלעכן לעבן פון זיינע מיטגלידער זאָל זיך עפּעס נישט אַרויסקריגן אין דער עפנטלעכ־קייט; דגניה א׳ — איז סאָליד און סטאַטעטשנע, מאַסיוו; אַנדערש ווידער איז דגניה ב׳; און גאָר אַנדערש איז שוין כפר־גלעדי — דאָרט לייגט אַרויף דעם חותם אויפן כאַראַקטער פון דער קבוצה דער הפקרדיקער, דרייסטער עלעמענט פון אַמאָליקן „השומר״. וואָס אַ קבוצה — אַן אַנדער לעבן!

צי האָבן זיך די קבוצות אַרויסגעוויזן פאַר ווירטשאַפטלעך באַרעכטיקט? לויט מיין איינזען — יאָ. די קבוצה ברענגט צו אַ גרויסער שפּאָרזאַמקייט אין

דער ווירטשאַפֿט. די לייסטונגען זענען באַפֿרידיקנדיקע. אָפּטמאַל געניג גרויסע. די גרויסע ווירטשאַפֿט גיט די מעגלעכקייט אָנצוווענדן די מאָדערנסטע טעכנישע מכשירים, דעם טראַקטאָר און דעם קאָמביין, און צו ספּעציאַליזירן איינצלנע מענטשן אויף געוויסע געביטן פֿון דער ווירטשאַפֿט, ווי ביי מילך־ווירטשאַפֿט, בינען און הינער־צוכט. דערפֿאַר זעען מיר טאַקע, אַז די רעזולטאַטן אויף די געביטן פֿון דער ווירטשאַפֿט זענען אין די קבוצות בעסערע, ווי אין די קלענערע פּריוואַטע ווירטשאַפֿטן. פֿון דער צווייטער זייט אָבער ליידן די קבוצות פֿון דער נישט גענוגנדיקער פֿינאַנציעלער קאָנסאָלידירטקייט, חוץ דעם פֿונעם בייטן זיך פֿון מענטשן־מאַטעריאַל. אַ ריי זייטיקע מאָמענטן זענען משפּיע אויפֿן עקאָנאָמישן מצב פֿון דער קבוצה — למשל די צאָל קינדער און אַלטע לייט אין דער קבוצה. דער בודזשעט פֿון עין־חרוד איז, למשל, פֿיל מער פֿאַרשוועַרט דורך דער גרעסע־רער צאָל קינדער און אַלטע לייט, ווי דער בודזשעט פֿון שכנותדיקן תל־יוסף.

פּאָליטיש איז די באַדייטונג פֿון די קבוצות פֿאַר דער אַרבעטערשאַפֿט אין לאַנד גרעסער ווי עקאָנאָמיש. עקאָנאָמיש זענען די קבוצות זייער שטאַרק איבער־דיסטאַנסירט געוואָרן דורך דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָניע, וווּ די צאָל יידישע אַרבעטער איז פֿיל גרעסער און וווּ זייער צאָל וואַקסט פֿיל שנעלער, ווי אין די קבוצות. אָבער דאָס זענען פּאָזיציעס, גאַנץ ערנסטע, אינעם קאַמף פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט, זיי שטאַרקן איר באַדייטונג אין לאַנד.

גרויס איז אויך די באַדייטונג פֿון די קבוצות אַלס פּאָזיציעס פֿאַר דער דערנענטערונג מיט די אַראַבישע פֿעלאַכן, וואָס געפֿינען זיך אין די שכנותדיקע אַראַבישע דערפֿער. עס האָבן שוין פֿאַסירט פֿאַלן פֿון בשותּפֿותדיקע אַרויסטרע־טונגען פֿון אַראַבישע דערפֿער און קבוצות בעת דער היישעריקן און מייז־מגפֿה, אָדער בעת דער טרוקעניש. חוץ דעם, עקספּלאָאַטירן נישט די קבוצות, אין קעגנזאַץ צו די פּריוואַטע קאָלאָניסטן, דעם אַראַבישן פּויער. דער רעזולטאַט איז טאַקע, אַז די קבוצות לעבן אין גוטע באַציאונגען מיט די שכנישע אַראַבישע דערפֿער.

מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט אַליין זיך דערין איבערצוצייגן. געווען איז דאָס אין כּפֿר־גלעדי, וווּ מיר האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן דריי טעג. די חברים האָבן אונדז געפֿירט אין אַן אַראַביש דאָרף, וואָס געפֿינט זיך שוין אויף יענער זייט גרענעץ, אין סיריע, און אויך אין אַ בעדואינישן לאַגער. מען האָט אונדז אויפֿגענו־מען מיט אַזאַ האַרציקייט, אַז מיר זענען ממש געווען גערירט — געטון האָט מען דאָס, פֿאַרשטענדלעך, נישט צוליב אונדז, נאָר צוליב אונדזערע חברים פֿון כּפֿר־גלעדי, מיט וועלכע אי די איינגעזעסענע אַראַבער, אי די בעדואינער, לעבן זייער גוט. מיר האָבן געהערט אַ ריי געשיכטעס, וואָס האָבן אונדז דאָס זעלבע כאַראַקטעריזירט. חבר שניאורסאָן, אונדזערס אַן אַקטיווער חבר, וועלכער איז

שוין 25 יאָר אין ארץ־ישראל, איינער פון די גרינדער פון „השומר", וועלכער קען דאָס לאַנד ווי זיינע צען פינגער, האָט אונדז דערציילט, ווי אין יאָר 1920, בעתן אַנפאַל אויף תל־חי, מיט וועמענס פּאַרטיידיקונג ער האָט אָנגעפירט נאָכן פאַרווונדן טרומפּעלדאָרן, האָט דאָס אַראַבישע דאָרף, ווו מיר זענען אָקאָרשט געווען, געהאָלפן די איינוווינער פון כפר־גלעדי און די אָפּגעטרעטענע פון תל־חי. אין דעם ליכט איז אונדז נאָך אַמאָל קלאָר געוואָרן, ווי ריכטיק עס איז די שטעלונג פון אונדזער פּאַרטיי צום אַראַבישן פּראָבלעם.

פיל זייטן פונעם לעבן פון די קבוצות זענען, פאַרשטענדלעך, פאַר מיר אַליין נאָך געבליבן אומקלאָר — מיר האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט אַלץ גענוי אויסצופאָרשן; איינס איז אָבער קלאָר — די קבוצות זענען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע שאַפונגען פון דער ארץ־ישראלדיקער יידישער אַרבעטער־שאַפט, זיי בילדן אַ וויכטיקע פּאָזיציע אינעם קלאַסן־כוח פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 22־23, 1932.

ז. „ווי אויף אַ ווולקאַן"?

פון פאַרשידענע זייטן, נישט נאָר מצד פאַרביסענע קעגנער פון ציוניזם, נאָר אפילו פון זייטיקע אָדער סימפּאַטיקער, הערט מען כסדר טענהן: „די יידישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל לעבט ווי אויף אַ ווולקאַן", זי איז שטענדיק אויסגעשטעלט אויף דער סכנה פון אָנפאַלן מצד דער אַראַבישער באַפעלקערונג, און ווען נישט די ענגלישע רעגירונג, וואָלטן די אַראַבער זי אין בלוט דערטרונקען, פשוט אויסגעשאָכטן. מ'נעמט פאַר אַ ביישפּיל די אויגוסט־געשעענישן פון פאַר דריי יאָר און מ'ווייזט אָן, אַז ענלעכע געשעענישן מוזן זיך איבערחזרן אין אַ פיל גרעסערן פאַרנעם.

אַזעלכע מיינונגען ווערן פאַרשפּרייט דורך בונדישע און רויטע זשורנאַליסטן און רעדנער. איך האָב זיי אָבער געהערט פון מענטשן, וועלכע זענען צוריקגעפאָרן פון ארץ־ישראל. דאָס איז געווען דער לעצטער אַרגומענט פון אַ בונדיסטקע, וואָס האָט פונדעסטוועגן נישט געקענט איגנאָרירן די באַדייטונג פונעם נייעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. דעם זעלבן אַרגומענט האָב איך אויך געהערט פון ד"ר שאַבאַד, פון ווילנע, וועלכער האָט זיך אויפריכטיק באַמיט

אַריינצודרינגען אין די פֿאַרהעלטענישן פֿון ארץ־ישׂראלדיקן לעבן און האָט געביטן פֿיל פֿון זיינע פֿריערדיקע מיינונגען וועגן ארץ־ישׂראל.

איך מוז זאָגן, אַז דער אַרגומענט האָט אַ געוויסן יסוד אין די היינטיקע פֿאַרהעלטענישן אין ארץ־ישׂראל. עס איז לחלוטין נישט אויסגעשלאָסן, עס זאָלן זיך ווייטער איבערחזרן צוזאַמענשטויסן אָדער גאָר בלוטיקע קאָנפֿליקטן. די זעלביקע כּוחות, וועלכע זענען צו יענער צייט געווען פֿאַראינטערעסירט אין פּראָוואָצירן די געשעענישן און אין אָרגאַניזירן זיי, ווירקן נאָך היינט.

איך האָב וועגן דער פֿראַגע גערעדט מיט מענטשן פֿון פֿאַרשידענע געזעלשאַפֿטלעכע ספֿערן, פֿון פֿאַרשידענע פּאָליטישע גרופּירונגען און אַלע האָבן אָנערקענט, אַז כּל זמן עס זענען פֿאַראַן אין ארץ־ישׂראל פֿאַקטאָרן, וואָס זענען דערין פֿאַראינטערעסירט, איז פֿאַראַן דער באַדן, אַז אַזעלכע פּרווון זאָלן ווייטער פֿאָרקומען. נאָך מער, אין ארץ־ישׂראל איז מען יעדן טאָג גרייט דערצו. ווער עס האָט אַן אויג, וועט אין יעדער קבוצה, אין יעדער קאָלאָניע, אין יעדער שטאָט מיט אַ געמישטער יידיש־אַראַבישער באַפֿעלקערונג באַמערקן די דאָזיקע צוגע־גרייטקייט. די יידישע באַפֿעלקערונג איז גרייט אויף יעדן פֿאַל, אָבער איינס איז קלאָר, אַז אין ארץ־ישׂראל וועט קיין פּאָגראָם נישט פֿאָרקומען.

אַ טעות האָבן אָבער די אַלע, וועלכע האַלטן, אַז די אָביעקטיווע פֿאַרהעל־טענישן אין ארץ־ישׂראל, אַז די באַציאונגען צווישן די יידישע און אַראַבישע מאַסן מוזן קאָנסעקווענט אַרויסרופֿן בלוטיקע קאָנפֿליקטן צווישן די מאַסן פֿון ביידע פֿעלקער, וועלכע באַוווינען איצט דאָס לאַנד. דאָס כּסדר אונטערגעהאַלטע־נע פֿייער פֿון שׂנאה צווישן די יידישע און אַראַבישע מאַסן ליגט אין די אינטע־רעסן בלויז פֿון אַ טייל פֿון דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג, פֿון זיין אמאָליקסטן פֿאַראַזיטישן שיכט — פֿון די עפֿענדיס, און פֿון ענגלישן אימפּעריאַליזם. די דאָ־זיקע געזעלשאַפֿטלעכע כּוחות זענען עס, צוזאַמען מיט אַ טייל פֿון דער יידישער בורזשואַזיע, פֿאַראינטערעסירט אין פֿאַרטיפֿן דעם האַס צווישן די יידישע און אַראַבישע מאַסן.

אין ארץ־ישׂראל געדענקט מען נאָך איצט אויסגעצייכנט דעם פֿאַראַיאָריקן שטרייק פֿון די שאָפֿערן — פֿון די יידישע און אַראַבישע. מ'רעדט נאָך איצט וועגן דעם געוואַלדיקן רושם, וואָס די געמיינזאַמע אַרויסטרעטונג פֿון אַרבעטנדי־קע פֿון ביידע פֿעלקער, האָט געמאַכט, וועגן די שטערונגען און פּראָוואָקאַציעס מצד דעם מופֿטי און מצד אַ טייל פֿון דער יידישער בורזשואַזיע. דאָס לעבן שטויסט כּסדר טיילן פֿון דער יידישער און אַראַבישער באַפֿעלקערונג צו געמיינזאַמע אַקציעס. נישט לאַנג איז פֿאָרגעקומען אַ בשותּפֿותדיקע קאַמפּאַניע פֿון יידישע און אַראַבישע שוסטערס קעגן דער פֿאַרפֿלייצונג פֿון אויסלענדישע אויסאַרבעטונגען. כּמעט אין דער זעלבער צייט איז צושטאַנד געקומען אַן אַקציע

קעגן רעגירונג־שטייערן, וועלכע איז, אמת, געפירט געוואָרן באַזונדער פון יידן און אַראַבער, אָבער ביי אַ קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג. פאַרשידענע שיכטן פון דער אַראַבישער און יידישער באַפעלקערונג ווערן געצווונגען געמיינזם צו האַנדלען און אַרויסטרעטן, ווייל אַזוי פאָדערן זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן.

די ענגלישע מאַכט־האָבער אין ארץ־ישראל, צוזאַמען מיט די אַראַבישע פּריצים און דער פּאַלעסטינער קאָמפּאַרטיי — אָט־אָ דער חוט־המשולש באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז אין דער שווערער לאַגע פון אַראַבישן פעלאַך איז שולדיק די יידישע קאָלאָניזאַציע. ווייל, זאָגן זיי, ערד איז פאַראַן אין לאַנד ווייניק און די יידישע קאָלאָניזאַציע קען פאַרקומען נאָר דורך אַראָפּטרייבן דעם אָרעמען פעלאַך פון זיין באָדן. ווער עס פאָרט איבערן לאַנד, ווער עס קוקט זיך נאָר אַרום, דער דערזעט באַלד אויפן ערשטן בליק, ווי פאַלש די דאָזיקע מיינונג איז.

אין ארץ־ישראל זענען פאַראַן ריזיקע שטחים ערד, טויגבאַרע פאַר לאַנד־ווירטשאַפט, וועלכע ווערן אָבער נישט באַאַרבעט. פאַראַן גרויסע שטחים פון זומפּיקן באָדן, וועלכער איז איצט פוסט און וויסט, פאַרשפּרייט אַרום זיך קראַנק־הייטן; אָבער ענלעכן באָדן האָבן הענט פון יידישע אַרבעטער אויסגעטריקנט און געמאַכט קולטורפעיק — איצט זענען די דאָזיקע באָדנס די שענסטע און פּרוכטבאַרסטע, דער שטאָלץ פון דער נייער יידישער קאָלאָניזאַציע. פאַראַן ריזי־קע שטחים באַרגיקער באָדן, וועלכער איז נאָך אין די אַלטע צייטן באַאַרבעט געוואָרן — אויף די בערג־רוקנס מערקן זיך נאָך היינט די אַמאָליקע קינסטלעך־געשאַפענע טעראַסעס, וועלכע זענען אין די אַלטע צייטן געווען באַדעקט מיט פּרוכט־בוימער און תבואות. היינט זענען זיי וויסט, באַדעקט מיט שטיינער און עס וואַקסט דאָרט גאָרנישט. אַרום ירושלים זענען געמאַכט געוואָרן אין עטלעכע ערטער פּרוּוון אויסצונוצן דעם באַרגיקן באָדן און די פּרוּוון האָבן זיך איינגעגעבן — למשל אין קרית־ענבים, עטרות, א.א.וו. אין ארץ־ישראל איז פאַראַן נאָך זייער פיל ליידיקער, פוסטער באָדן, וועמענס אויסנוצן וואָלט געשאַפן ריזיקע מעגלעכ־קייטן פאַר דער אויסברייטערונג פון דער קאָלאָניזאַציע פון די יידישע מאַסן. דער אויבנדערמאַנטער דריי־בונד — דער ענגלישער אימפּעריאַליזם, די אַראַבישע עפענדיס און די פּאַלעסטינער קאָמפּאַרטיי — זענען אָבער דווקא פאַראינטערע־סירט פאַרצושטעלן די זאַך פונקט להיפוך, כדי צו העצן דעם אַראַבישן פעלאַך קעגן די יידישע מאַסן.

בעת איך בין געווען אין ארץ־ישראל איז גראָד דערשינען אין אַן אַראַ־בישן נאַציאָנאַליסטישן, יידן־העצערישן אָרגאַן — אין „פּאַלאַסטין" פון 31־טן מערץ ה. י. — אַן אַרטיקל וועגן דער לאַגע פון די אַראַבישע פעלאַכן. דאָרט זאָגט זיך: די יידן טענען, אַז „פּאַלעסטינע איז פּעאָדאַל און אַז די גרויסע אַראַ־

בישע גוט־באַזיצער האָבן איינגעשלונגען די קליינע ערד־אייגנטימער און אַז דערפאַר געפינען זיך די פעלאַכן אין אַזאַ טרויעריקן מצב. אונדזערע נאַציאָנאַלע (אַראַבישע — י. ל.) צייטונגען און אַנשטאַלטן האָבן אין גרויס היץ געאיילט אָפּ־צולייקענען די דאָזיקע באַשולדיקונג און געטענעט, אַז זי האָט נישט קיין יסוד. איצט אָבער, איז נישטאָ קיין אַנדער וועג, ווי מודה צו זיין אין דעם דאָזיקן ביטערן פאַקט, וואָס האָט תמיד שווער באַלאַסטעט דעם קליינעם פויער". ווייטער זאָגט זיך דאָרט: "פיל גאַנצע דערפער געהערן צו עפענדיס און שייכן, פאַראַן פיל אַנדערע דערפער, וועלכע געהערן אין זייער גרעסטן טייל צו דעם שיכט. מיר וועלן נישט מגזם זיין, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז זעלטן ווו וועט זיך געפינען אַ דאָרף, וואָס זאָל זיין פריי פון די דאָזיקע פריצים". דער זעלבער אַרטיקל רעכנט ווייטער אויס, אַז די עפענדיס קריגן אַרויס פון דעם פויער, וועמען זיי פאַרפאַכטן זייער ערד, פון 56 פראָצענט ביז 63 פון דער גאַנצער געראַטעניש. אָט וואָס עס איז געצווונגען צו שרייבן אַ נאַציאָנאַליסטישער, יידן־פרעסערישער אָרגאַן!

דאָס איז טאַקע די סיבה, וואָס די עפענדיס זענען פאַראינטערעסירט צו לענקען דעם צאָרן פון דער אויסגענוצטער, אויסגעהונגערטער פויערים־מאַסע קעגן די יידן. צוזאַמען מיט זיי — אויך די ענגלישע אימפּעריאַליסטן, וועלכע זענען פאַראינטערעסירט צו שטערן מיט אַלע כוחות די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון לאַנד און ווילן דערפאַר, אַז פּאַלעסטינע זאָל בלייבן פעאָדאַל. אָט ווו עס ליגט די אייגנטלעכע סיבה, פאַרוואָס "די יידישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל לעבט ווי אויף אַ ווולקאַן".

עס איז אַ טעות, אויב מ'מיינט, אַז אַלע פעלאַכן אָדער אפילו בעדואינער פאַרשטייען זיך נישט אויף דער פּאָליטיק פון זייערע עפענדיס און פון די ענגלי־שע מאַכטהאָבער. אין פּערזענלעכע געשפּרעכן, וואָס מיר האָבן געפירט מיט אַראַבער, איז דאָס געקומען צום אויסדרוק. אַזוי, למשל האָט אונדז אַ ראש פון אַ בעדואינישן שבט, ביי וועמען מיר זענען געווען צו גאַסט, געזאָגט: "אַמאָל, אין די צייטן פון טערקישער הערשאַפט, איז אין איין הינזיכט געווען פיל בע־סער, ווי איצט — די רעגירונג האָט דאַן נישט געהעצט איין טייל באַפעלקערונג קעגן צווייטן. היינט העצט מען קעגנזייטיק מוסולמענער קעגן יידן און קריסטן און פאַרקערט". עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ווען אַ צווייטער בעדואינער, וואָס איז דערביי געזעסן, האָט דעם ראש אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס איז אַ סכנה אַזוי צו רעדן, האָט אים יענער געענטפערט, אַז פאַר די מענטשן, ד. ה. פאַר אונדז, מעג מען פריי רעדן.

עס איז, פאַרשטייט זיך, נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך די, וואָס הייבן זיך אָן צו אָריענטירן אין די כוונות פון די עפענדיס און פון די ענגלישע אימפּעריא־

ליסטן, זאָלן אין אַ באַשטימטן מאָמענט נישט אַרונטערפאַלן אונטערן מאַסן־פּסיכאָז פון פאַנאַטיזם. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַ טייל פון זיי זאָל גע־לינגען אויפצוהעצן קעגן די יידישע מאַסן. אָבער דאָס ענדערט נישט די פאַקטי־שע זאַכלאַגע, אַז אפילו די פינצטערע, אומבאַוווסטזיניקע בעדואינער הייבן אָן פאַרשטיין, ווער עס איז פאַראינטערעסירט זיי צו העצן קעגן די יידישע מאַסן, אַז זיי הייבן זיך אָן צו אָריענטירן, אַז דער רוף צו אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען קומט מצד ענגלאַנד.

באַלד די ערשטע טעג פון אונדזער זיין אין ארץ־ישראל האָבן מיר זיך איבערציייגט, אַז אין לעבן איז ווייט נישטאָ דער אומצוטרוי און די שנאה צווישן די אַראַבישע און יידישע מאַסן, וועגן וועלכער ס׳רעדן און שרייבן — די אַראַ־בישע עפענדיס, די ענגלישע מאַכטהאָבער, די פּ.ק.פּ. און אונדזערע היימישע בונדיסטן און יעווסעקעס. ווען מען וואָלט ווירקלעך שטענדיק געטראָגן אַ מעסער גרייט איינער דעם צווייטן צו שעכטן, דאַן וואָלטן קיין טויזנטער און טויזנטער אַראַבער פון יפו און אומגעגנט נישט געקומען קיין תל־אביב אין די נעכט פון פורים־קאַרנאַוואַל זיך פרייען און טאַנצן צוזאַמען מיט די צענדליקער טויזנ־טער יידן. און מ׳דאַרף וויסן, אַז דאָס איז געשען נישט געקוקט אויף דער ענער־גישער קעגן־אַגיטאַציע מצד דער אַראַבישער נאַציאָנאַליסטישער פּרעסע.

זייענדיק אין ארץ־ישראל האָבן מיר בפועל־ממש געזען, ווי די פראַגע פון אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען איז אָפּהענגיק פון די ענגלישע מאַכט־האָבער. אין דער צייט פון אונדזער באַזוך אין לאַנד איז אויסגעפאַלן דער הייליקער מוסולמענישער יום־טוב פון נעבי־מוסא. מ׳האָט גערעכנט, אַז דער מופטי און זיינע מקורבים וועלן גראָד די צייט אויסנוצן צו אַן אַנטי־יידישער העצע, נעמענדיק אין באַטראַכט די גרויסע טוריסטן־איינוואַנדערונג, דעם מזרח־יריד און די צייט ערב דעם צעטיילן סערטיפיקאַטן. אָבער פונדעסטוועגן איז דער יום־טוב דורך פולשטענדיק רויק. עס זענען געווען נאָך אַנדערע געלעגנ־הייטן פאַר פּאָגראָם־העצעס, וועלכע זענען טאַקע אויסגענוצט געוואָרן דורך דער פּ.ק.פּ. אין דער ריכטונג, ווי למשל, דאָס דערמאָרדן אין ירושלים אַן אַראַבישן שאָפער נאָכן טויט פון אַ יידישן טוריסט פון אַמעריקע. די צייט איז דורך רויק, ווייל אַזוי האָט געוואָלט די ענגלישע מאַכט, און דערפאַר איז אויך דער מופטי און זיין קליקע געזעסן רויק.

די אָביעקטיווע פאַרהעלטענישן אין ארץ־ישראל, די באַציאונגען און אינ־טערעסן־פאַרהעלטענישן צווישן די יידישע און אַראַבישע מאַסן שאַפן נישט דעם באָדן פאַר דער קעגנזייטיקער שנאה, וואָס זאָל ברענגען צו בלוטיקע צוזאַמענ־שטויסן. אויב „די יידישע באַפעלקערונג לעבט, ווי אויף אַ ווולקאַן״, איז עס דער רעזולטאַט פון דער פּאָליטיק פון ענגלישן אימפּעריאַליזם און זייערע פאַר־

בינדעטע, די אַראַבישע עפענדיס. די פאַרברידערונג פון די יידישע און אַראַבישע מאַסן, זייער געמיינזאַמער קאַמף־פראָנט לגבי זייערע אונטערדריקער — דאָס איז אויך דער בעסטער וועג פאַר אָפּרוימען דעם „וווּלקאַן".

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 24, 1932.

ח. ווי האַלט עס מיט די אַראַבער?

1

אין גאַנצן לאַנד, ווו מיר זענען נאָר געווען, האָבן די אַנשטאַלטן פון הסתדרות אונדז זייער גערן געגעבן כלערליי אינפאָרמאַציעס וועגן די פאַרשידנסטע פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד. די אָרטיקע טוער האָבן באַרירט די פאַרשידנסטע פראַגן, וואָס האָבן אונדז געקענט אינטערעסירן. אָבער איין פראַגע — און גראָד אַן אויסערסט וויכטיקע — פלעגן זיי שטענדיק פאַרשווייגן — דאָס איז די פראַגע וועגן די באַציאונגען פון דער הסתדרות צו די אַראַבישע ארבעטער. קיינמאָל פלעג די איניציאַטיוו אין אויפהייבן די פראַגע נישט קומען פון די אָרטיקע רעכטע הסתדרות־טוער. שטענדיק פלעגן מיר די ערשטע זי באַרירן, און אפילו נאָכדעם פלעגן אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן זייער נישט גערן וועגן דער פראגע רעדן.

דאָס אויסמיידן צו באַרירן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם האָב איך באַמערקט אויף שריט און טריט פאַר די זיבן וואָכן, וועלכע איך בין געווען אין ארץ־ישראל, און אויך אַ ריי חדשים שפעטער, שוין דאָ אין פוילן, האָב איך נישט אין דער טאָגצייטונג פון דער הסתדרות, „דבר", נישט אין די אָרגאַנען פון מפא"י (די רעכטע אַרבעטער־פאַרטיי אין ארץ־ישראל) נישט געזען קיין איין אַרטיקל, וואָס זאָל ערנסט טראַקטירן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם. אויב עס באַוויזט זיך יאָ אַמאָל אַן אַרטיקל, וואָס רירט אָן די פראַגע וועגן די אַראַבישע אַרבעטער, שטייט עס אויסשליסלעך אין שייכות מיט דער פראַגע פון דעראָבערן אַרבעטס־פּאָזיציעס אין די ניי־אַנטשטייענדיקע אַרבעטס־פלעצער, אָדער אין די וועלכע זענען פאַרנומען פון אַראַבישע אַרבעטער — מיט איין וואָרט נאָר אין שייכות מיטן „כיבוש־עבודה", מיט דער פראַגע פון יידישער אַרבעט.

און כאַראַקטעריסטיש — אפילו ביים באַהאַנדלען די פראַגע וועגן יידי־

שער אַרבעט טראַכטן זיי אַמווייניקסטן וועגן די אַראַבישע אַרבעטער, וועלכע זענען אין מאַסן באַשעפטיקט ביי יידישע אונטערנעמער. דער אַראַבישער אַרבע־טער קומט ביי זיי בכלל נישט אין חשבון. עס שטייט פאַר זיי דאָס פּראָבלעם בלויז פון אויסאיבן אַ דרוק אויף די יידישע אונטערנעמער דורך אַפּעלירן צו זייערע נאַציאָנאַלע געפילן, און זיי רעכענען, אַז דערמיט קען די פראַגע געליזט ווערן. די אַראַבישע אַרבעטער זאָלן זיך גיין אַרבעטן ביי זייערע אַראַבער און די יידישע ביי יידן — אָט־אָ דאָס איז די אָפּיציעלע ליניע פון מפא״י. דאָ איז דער שאָוויניזם נישט נאָר דערפירט געוואָרן ביז אַבסורד, נאָר אין אָנבליק פונעם לעבן ווערט דער לאָזונג פשוט קאָמיש.

אין דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָניע האָט זיך יידישע אַרבעט מיט אַראַבישער ענג פאַרפלאָכטן. מיטן אויסנאַם פון שרון, וואָס איז אויפגעקו־מען ערשט אין די לעצטע יאָרן, איז נישטאָ קיין קאָלאָניע אָן אַראַבישע אַרבע־טער. די דערשיינונג איז משפיע אויף שריט און טריט אויף די אַרבעטס־פאַר־העלטענישן סיי פון די יידישע, סיי פון די אַראַבישע אַרבעטער; און — צי עס געפעלט עמיצן צי נישט — מוז זיך די פראַגע וועגן רעגולירן די קעגנזייטיקע באַציאונגען אַוועקשטעלן אין דער גאַנצער שאַרף. מ׳קען די פראַגע אָפּשטויסן, אָבער נישט אַוועקשטויסן, מ׳קען זי אָפּרוקן אויף אַ קירצערער אָדער לענגערער צייט, אָבער עס וועט באַין אופן נישט געלונגען זי צו באַזייטיקן בכלל.

מיר האָבן באַזוכט די וויכטיקסטע קאָלאָניעס אין יהודה, אין וועלכע ס׳איז קאָנצענטרירט דער גרעסטער טייל פון די יידישע אַרבעטער, וואָס בילדן היינט־צו־טאָג דעם צענטער פון דער יידישער פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפט. מיר האָבן זיך, למשל, געגעבן באַקענט מיט דער לאַגע אין פתח־תקוה, דער גרעסטער יידישער קאָלאָניע, אין וועלכער עס געפינען זיך העכער צוויי טויזנט יידישע אַרבעטער. אין דער קאָלאָניע איז די צאָל יידישע אַרבעטער גרעסער פון דער אַראַבישער; אַלע פאַכן, חוץ דער לאַנדווירטשאַפט, זענען באַהערשט אויסשליסלעך פון יידישע אַרבעטער; אין דער לאַנדווירטשאַפט, אָבער, שטייגט די צאָל אַראַבי־שע אַרבעטער איבער די יידישע. די יידישע אַרבעטער זענען כמעט אַלע אָרגאַ־ניזירט — 1.000 זענען מיטגלידער פון דער הסתדרות, אַ 200 מיטגלידער ציילן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון הפועל־המזרחי און פון די רעוויזיאָניסטן; אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס 80 פּראָצענט אַרבעטער זענען אָרגאַניזירט אין דער הסתדרות, האָט די אַרבעטס־בירזשע פון דער הסתדרות אַ קנאַפּע השפעה אויפן אַרבעטס־מאַרק. אָנשטאָט דורך דער אַרבעטס־בירזשע ווערן די אַרבעטער גענו־מען פון די גאַסן־בירזשעס אָדער דורך מעקלערס. אַז מיר האָבן געפרעגט דעם סעקרעטאַר פון אָרטיקן אַרבעטער־ראַט און דעם פירער פון דער אַרבעטס־בירזשע, האָבן זיי געענטפערט: „ווי קענען מיר דען אויסאיבן אַ דרוק אויף די פּריוואַטע אונטערנעמער, זיי זאָלן אָנערקענען אונדזער אַרבעטס־בירזשע און

בכלל די אַרבעטס־באַדינגונגען, וועלכע ווערן פעסטגעשטעלט דורך דער הסתדרות און אירע אָרגאַנען, אַז הינטער אונדז שטייען אַזוי פיל נישט אָרגאַניזירטע אַראַבישע אַרבעטער, מיט וועלכע דער אונטערנעמער קען זיך באַנוצן אין קאַמף קעגן אונדז. דערפאַר טאָרן מיר נישט אָנווענדן קיין שאַרפערן קאַמף קעגן די אונטערנעמער".

אַן ענלעכע סיטואַציע האָבן מיר געטראָפן איבעראַל — אין נס־ציונה און רחובות, אין ראשון־לציון א. אנד. עס איז נישט קיין איינלצנע דערשיינונג, נאָר אַן אַלגעמיינע. עס איז אַן אומזין צו טראַכטן וועגן באַזייטיקן די אַראַבישע אַר־בעטער פון די יידישע קאָלאָניעס. פאַרקערט, זייער צאָל וואַקסט אַן אויפהער, הגם אין דער זעלבער צייט וואַקסט נאָך שנעלער די צאָל יידישע אַרבעטער — מיט דעם פאַקט מוז מען זיך רעכענען. מעגן די יידישע אַרבעטער זיין אַלע אָר־גאַניזירט, מוז זיך פאַרט אָפּרופן אויף זייערע אַרבעט־באַדינגונגען דער פאַקט, וואָס נעבן זיי, צוזאַמען מיט זיי געפינט זיך אַ גאָר גרויסע צאָל נישט־אָרגאַני־זירטע אַרבעטער — אַלץ איינס, וואָס דאָס זענען אַראַבישע אַרבעטער. דער דאָזיקער אומשטאַנד, הגם ער ווערט איגנאָרירט פון די אָפּאָרטוניסטישע פירער, איז גאַנץ ממשותדיק משפיע די לאַגע פון די יידישע אַרבעטער.

אָבער נישט בלויז אין דער קאָלאָניע טרעפן זיך די יידישע און אַראַבישע אַרבעטער צוזאַמען אויף די אַרבעטס־פּלעצער. דאָס זעלבע קומט אויך פאָר אין די שטעט. יידישע און אַראַבישע אַרבעטער זענען פאַרנומען נישט נאָר אין די זעלבע פאַכן; איר וועט, למשל, אין חיפה אָדער אין ירושלים טרעפן יידישע און אַראַבישע סטאָליאַרעס, שוסטערס און בוי־אַרבעטער, אָבער יידישע און אַראַבישע אַרבעטער זענען אויך טיילמאָל פאַרנומען אין די זעלבע אונטערנעמונגען. אין דער צעמענט־פאַבריק „נשר" נעבן חיפה אַרבעטן דורכאויס יידישע אַרבעטער, אָבער האַרט נעבן דער פאַבריק אַרבעטן אַראַבישע אַרבעטער, וועלכע האַקן פון נאָענטן באַרג דעם שטיין, וועלכער איז נייטיק פאַר דער פּראָדוקציע פון דעם צעמענט; ביים אויפשטעלן די באַן־וואַרשטאַטן נעבן חיפה האָבן געאַרבעט צו־זאַמען יידישע און אַראַבישע אַרבעטער — די יידישע ביי קוואַליפיצירטע אַרבעטן, די אַראַבישע ביי שוואַרצע; אויף דער קאָנצעסיע ביים ים־המלח אַר־בעטן, חוץ די יידישע אויך אַראַבישע אַרבעטער; אין די שטיינער־האַקערייען אין עטלית אַרבעטן ביי די זעלבע אַרבעטן יידישע און אַראַבישע אַרבעטער, אויך אין די שטיינער־האַקערייען, וואָס געהערן צום אונטערנעמער־אַמט פון דער הסתדרות און דעם אַראַבישן פּאָגראַמטשיק קאַראַמאַן אין חיפה, אַרבעטן העלפט יידישע און העלפט אַראַבישע אַרבעטער. אויף דער אייזנבאַן און אויף דער פּאָסט אַרבעטן געמיינזאַם יידישע און אַראַבישע אַרבעטער; ווער שמועסט שוין ביי גע־זעלשאַפטלעכע און עפנטלעכע אַרבעטן, — דאָ קעמפט מען ערשט פאַרן רעכט פון די יידישע אַרבעטער צו אַרבעטן גלייך מיט די אַראַבישע אַרבעטער. מיט איין

וואָרט, — נישט נאָר אין דער לאַנדווירטשאַפט, נאָר אויך אין דער אינדוסטריע האָט זיך יידישע אַרבעט פאַרפלאָכטן מיט אַראַבישער.

אמת איז, אַז איבעראַל איז דער לוין פון די יידישע אַרבעטער העכער פון די אַראַבישע. אין דער לאַנדווירטשאַפט גילט פאַר יידישע אַרבעטער אַלס מיני־מאַל־לוין 20 פּיאַסטער, פאַר אַראַבישע 10 פּיאַסטער. אין „נשר" — פאַרדינען יידישע אַרבעטער פון 32 ביז 50 פּיאַסטער טעגלעך, די אַראַבישע — 15 פּ.. ענלעכע פאַרהעלטענישן הערשן כמעט אין אַלע געמישטע אונטערנעמונגען, אפילו אין די שטיינהאַקערייען, אין וועלכע עס איז באַטייליקט דער אַראַבישער „נאַציאָנאַליסט" קאַראַמאַן.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווייל די אַראַבישע אַרבעטער זענען פינצטער, זענען נישט אָרגאַניזירט. די אונטערנעמער, — די יידישע און נישט־יידישע — גיבן שוין אַכטונג דערויף. מ׳זעט צו איזאָלירן וואָס מער די אַראַבישע אַרבעטער פון די יידישע, נישט צו דערלאָזן צו וועלכע נישט איז באַציאונגען צווישן איינעם צום צווייטן, אָפּהיטן און פלעגן די קעגנזייטיקע שנאה צווישן זיי. די זעלבע אונטערנעמונגען, וועלכע היטן אָפּ ביי יידישע אַרבעטער דעם פּרינציפּ פון אָרגאַניזירטער אַרבעט, וועלכע אָנערקענען דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די יידישע אַרבעטער, גיבן גוט אַכטונג אַז קיין שפּור פון אָרגאַניזאַציע זאָל זיך נישט אריינקריגן ביי די אַראַבישע אַרבעטער. מיר האָבן געפרעגט ביי אונדזערע חברים אין „נשר" — פאַרוואָס ווירקן זיי נישט צווישן די אַראַבישע אַרבעטער, וועלכע זענען באַשעפטיקט צוזאַמען מיט זיי, אַז זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן? דערויף האָבן זיי געענטפערט: מיר האָבן שוין נישט איינמאָל געפּרוּווט דאָס טאָן, יעדעס מאָל אָבער, ווען מ׳באַמערקט, אַז די אַגיטאַציע הייבט אָן צו ווירקן, באַזייטיקט מען די אַראַבישע אַרבעטער און מ׳ברענגט פון זייער ווייט אַנדערע אויף זייער אָרט; בכלל — זאָגן זיי, טוישט מען אַלע פאַר חדשים די אַראַבישע אַרבעטער, כדי זיי זאָלן זיך נישט דערנענטערן מיט די יידישע אַרבעטער, און ווייטער — נישט די פאַבריק אַנגאַזשירט די אַראַבישע ארבעטער, נישט זיי אַרבעטן פאָרמעל ביי דער פאַבריק; די אַראַבישע ארבעטער ווערן אַראָפּגעבראַנגט פון די ווייטסטע געגנטן דורך ספּעציעלע אַראַבישע אונטערנעמער, וועלכע נעמען איבער די אַרבעט ביי דער פאַבריק און די אַראַבער אַרבעטן ביי זיי. אין דער צייט, ווען מיר זענען געווען אין „נשר" איז דער אונטערנעמער גראָד געווען אַ באַקאַנטער אַראַבישער קאָמוניסט, וועמענס נאָמען איך האָב זיך פאַרצייכנט. אָבער אויך דער אונטערנעמער עקספּלאָאַטירט פונקט אויף אַזאַ שווידערלעכן אופן די אַראַבישע אַרבעטער, ווי אַלע אַנדערע. מיט איין וואָרט — די יידישע אונטערנעמער טוען אַלץ, כדי נישט צו דערלאָזן צו וועלכער נישט איז דערנענטערונג צווישן די יידישע און אַראַבישע אַרבעטער, צו וועלכער נישט איז ווירקונג מצד די מער־באַוווסטזיניקע און אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער אויף די אַראַבישע.

2

ווער עס קומט קיין ארץ־ישראל און קוקט זיך צו מיט אָפענע אויגן צו דעם דאָרטיקן לעבן, מוז דערזען, ווי ווייט מעגלעך און נויטווענדיק עס איז די געמיינזאַמע אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער פון די ביידע פעלקער, וועלכע באַוווינען דאָס לאַנד. ווער עס איז אויפריכטיק, וועט מוזן מודה זיין, אַז אויף שריט און טריט טרעט דאָס לעבן אַרויס קעגן די דורכאויס־פאַלשע מיינונגען, וואָס ווערן פאַרשפּרייט דורך די קעגנער פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם, אַז די יידישע איינוואַנדערונג באַעוולט די אַראַבישע אַרבעטס־מאַסן און שטויסט זיי אַרויס פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. די יידישע איינוואַנדערונג האָט געשאַפן נייע גרויסער אַרבעטס־מעגלעכקייטן אויך פאַר אַראַבישע אַרבעטער און פויערים; אין רעזולטאַט פון דער נייער יידישער איינוואַנדערונג האָט זיך די לאַגע פון די אַראַבישע מאַסן, וועלכע קומען אין באַרירונג מיטן נייעם יידישן ישוב, באַדייטנד פאַרבעסערט, אין פאַרגלייך מיט פריער.

ווען עמיצער קומט קיין ארץ־ישראל און וויל שטודירן דאָס לאַנד, וויל דערקענען אויך דאָס לעבן פון די אַראַבישע מאַסן, וויל געוואָר ווערן וועגן דער ווירקונג, וואָס דער נייער יידישער ישוב האָט געהאַט אויפן לעבן פון די אַראַבישע מאַסן, דער טאָר זיך נישט באַגנוגענען מיט באַזוכן בלויז דעם טייל לאַנד, וואָס איז באַוווינט פון דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר וואָלט באַדאַרפט ווידמען אַ ביסל צייט די ערטער, וואָס זענען ווייט פון אַ יידישן ישוב און אונטערליגן ממילא פיל וויניקער זיין ווירקונג. אזא איינער וואָלט געמוזט דערזען דעם חילוק אינעם לעבנס־שטייגער צווישן די אַראַבישע פויערים און אַרבעטער פון די דאָזיקע געביטן, אין פאַרגלייך מיט די וועלכע וווינען אין שכנות פון יידישע ישובים.

פשוטע טאַטזאַכן באַשטעטיקן עס: — אין די יידישע קאָלאָניעס באַטרעפט דער דורכשניטלעכער לוין פון אַן אַראַבישן אַרבעטער פון 2 ביז 2 און אַ האַלבן שילינג אַ טאָג; אין דער געגנט פון חברון, ווייט פונעם איינפלוס פון דער יידישער איינוואַנדערונג; באַטרעפט דער לוין נאָך איצט וויניקער פון אַ שילינג אַ טאָג. אפילו די אַראַבישע ווירטשאַפטן, וואָס ליגן אין שכנות פון גרעסערע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, ווי אין יפוער קאַנט, זענען געצוווּנגען צו צאָלן העכערע פרייזן זייערע אַרבעטער — דאָ באַטרעפט שוין דער לוין פון אנדערטהאַלבן ביז 2 שילינג אַ טאָג — דאָס איז די דירעקטע ווירקונג פון די באַדייטנד העכערע אַרבעטס־באַדינגונגען פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע קומען אין לאַנד נישט אַלס לוין־דריקער, נאָר מיט פיל העכערע לעבנס־באַדערפענישן, ווי די איינגעבוירענע באַפעלקערונג.

פון פאַרשידענע זייטן אַרבעט מען מיט אַלע כוחות צו פאַרשטאַרקן דעם אומצופרידנקייט און די שנאה פון די אַראַבישע אַרבעטער לגבי די יידישע. עס אַר־

בעטן אין דער ריכטונג מיט התמדה די פאַרשטייער פון בריטישן אימפּעריאַליזם, די אַראַבישע עפענדיס, עס פלייסט זיך דערין די פּאַלעסטינער קאָם־פּאַרטיי און אויך, פאַרשטענדלעך, דאָס יידישע בירגערטום. און פונדעסטוועגן, קעגן אַלע באַמיאונגען וואַקסט דער צוטרוי פון די אַראַבישע אַרבעטער צו די יידישע, דער גייסט פון אָרגאַניזאַציע דרינגט אַלץ מער אַריין צווישן די אַראַבישע אַרבעטער, זיי זענען גובר אין זיך, אמת לאַנגזאַם, די איינגעוואָרצלטע פאָראורטיילן און ווענדן זיך אַלץ עפטער, אין אַן עת צרה, צו די יידישע אַרבעטער.

עס איז באַקאַנט די געשיכטע אין בנימינה, ווען אַראַבישע אַרבעטער, בעת די יידישע קאָלאָניסטן האָבן זיי געריסן דעם לוין, האָבן פאַרשטרייקט און זיך געווענדט צו די יידישע אַרבעטער נאָך הילף; אין טייל פאַלן, ווען יידישע אַרבעטער האָבן פאַרשטרייקט און זיך געווענדט צו אַראַבישע אַרבעטער, וועלכע זענען דורכן אונטערנעמער אַראָפּגעבראַנגט געוואָרן אַלס שטרייק־ברעכער, זיי זאָלן נישט פאַרנעמען זייער פּלאַץ, זענען די אַראַבישע אַרבעטער אַוועקגעגאַנגען. בעת אונדזער זיין אין חיפה איז גראָד פאָרגעקומען אַ שטרייק פון די אַראַבישע שיפער און טרעגער אין פּאָרט און די שטרייקנדע אַראַבישע אַרבעטער האָבן זיך געווענדט צום אָרטיקן אַרבעטער־ראַט (פון די יידישע אַרבעטער), ער זאָל פירן זייער אַקציע; אין לאָקאַל פון דער הסתדרות אין חיפה זענען טאָקע פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען פון די שטרייקנדיקע אַראַבישע אַרבעטער. מיר האָבן באַזוכט דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די אייזנבאַן־אַרבעטער אין חיפה, אין וועלכן עס זענען אָרגאַניזירט אַ טויזנט אַרבעטער, דערונטער די מערהייט אַראַבישע. נישט געקוקט דערויף, וואָס קעגן אים ווערט געפירט אַ העפטיקע און העסלעכע קאַמפּאַניע מצד דער אַראַבישער נאַציאָנאַליסטישער פּרעסע איז פונדעסטוועגן דער דאָזיקער פאַריין כמעט דער איינציקער, וועלכער עקזיסטירט ביי די אייזנבאַן־אַרבעטער, ווייל דער ריין־אַראַבישער פאַריין, וואָס שטייט אונטער דער השפעה פון דער נאַציאָנאַליסטישער אַראַבישער אָרגאַניזאַציע אין חיפה און פאַר וועלכער עס פירט אויך אַן אַגיטאַציע די פּאַלעסטינער קאָמפּאַרטיי, האָט כמעט נישט קיין השפעה. נאָך ערנסטער און באַדייטונגספולער איז דער פאַקט, וואָס אין אונדזער פּאַרטיי זענען פאַראַן אויך אַראַבישע חברים, הגם אין אַ קליינער צאָל, וועלכע האָבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אַרויסגעוויזן זייער איבערגעגעבנקייט דער פּאַרטיי, און עס זענען פאַראַן אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שטייען אין פאַרבינדונג מיט אַראַבישע אַרבעטער. וועגן אַ מאַסן־דערשיינונג אין דער ריכטונג קען מען נאָך דערווייל נישט רעדן, אָבער סימפּטאָמען און גאַנץ ערנסטע, זענען עס יעדנפאַלס.

די דאָזיקע אָנהייבן פון פאַרשטענדעניש פאַר אָרגאַניזאַציע און קלאַסן־אחדות צווישן די אַראַבישע אַרבעטער ווערן געוועקט און געפלעגט נאָר דורך אונדזער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל. וועגן דער פּראַקטיק (די פּאַלעסטינער

קאָמפּאַרטיי) וועט מיר נאָך אויסקומען, מסתמא, צו שרייבן, אָבער יעדנפאַלס איז קלאָר, אַז די פּראַקציע העלפט נישט וועקן און שטאַרקן די געפילן פון קלאַסן־סאָלידאַריטעט ביי די אַראַבישע אַרבעטער לגבי די יידישע, נאָר אַז — פאַרקערט, זי העצט גאָר די אַראַבישע מאַסן קעגן די יידישע אויף אַ שענדלעכן אופן. די רעכטע אַרבעטער־פּאַרטיי (מפּא״י), וועלכע פירט אָן מיט דער הסתדרות, איז לויט איר מהות דורך און דורך שאָוויניסטיש, זי באַמיט זיך צו אַנטוויקלען די נאַציאָנאַליסטישע געפילן ביי די יידישע מאַסן. איר פּאָליטיק איז „אַל־נאַציאָ־נאַל״ — דערפאַר איז זי נישט אימשטאַנד אויסצונוצן אָט די שטרעבונגען צווישן די אַראַבישע מאַסן. זי מוז זיי, פאַרקערט, דערשטיקן. עס איז אינטערעסאַנט, אַז די רעכטע פירער פון דער הסתדרות האָבן זיך געהאַט קעגנגעשטעלט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער אייזנבאַן־אַרבעטער־פאַרבאַנד זאָל געהערן צו דער הסתדרות; זיי זענען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז די אַראַבישע אַרבעטער דאַרפן זיך שאַפן אַן אַראַבישע, נאַציאָנאַלע הסתדרות. — קלאָר פאַרוואָס: ווייל זיי האַלטן, אַז די עקזיסטירנדיקע הסתדרות איז אַ ריין־יידישע, נישט קיין אינטערנאַציאָנאַלע, דערפאַר זענען זיי קעגן אַריינגעמען אַראַבישע אַרבעטער אין דער הסתדרות.

ווען איך האָב וועגן דער פראַגע גערעדט מיט פירער פון מפּא״י, האָט מען מיך געפּרוווט איבערצייגן, אַז איך בין נישט גערעכט. אַלס באַווייז, אַז די פּירער פון דער הסתדרות אינטערעסירן זיך יאָ מיט אָרגאַניזירן אַראַבישע אַר־בעטער, האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די הסתדרות האָט געהאָלפן שאַפן אין חיפה אַן אַראַבישן קלוב און שטיצט דעם קלוב סיסטעמאַטיש, אָבער גראָד דער באַזוך אין דעם דאָזיקן אַראַבישן קלוב, דער אָלזייטיקער און לאַנגער גע־שפּרעך מיט זיינע פירער, האָט מיך און די איבעריקע חברים, וועלכע זענען דערביי געווען, נאָך מער איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון אונדזער מיינונג אין דער פראַגע.

מיר זענען פון דעם באַזוך אין אַראַבישן קלוב אין חיפה אַרויס מיט דער פעסטער איבערצייגונג, אַז די פירער פון הסתדרות האָבן נייטיק דעם קלוב בלויז אויף דעקאָראַציע, אַז זיי טוען גאָרנישט, כדי ער זאָל זיך אַנטוויקלען, אַז זיי דאַרפן דעם קלוב כדי זיין פירער, פיליפּ חאסון, זאָל איינמאָל יערלעך — אין טאָג פון ערשטן מאַי אַרויסטרעטן אויף אַראַביש אויף אַ מיטינג פון דער הסתדרות, אַז מ׳זאָל די נישט־יידישע באַזוכער אין ארץ־ישראל — פירער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און סתם פון די חסידי אומות העולם — קענען ווייזן, אַז מ׳טוט אויך עפּעס צווישן די אַראַבישע מאַסן. דערפאַר האַלט די הסתדרות אונטער בלויז אַ שילד, ווייל דער אַראַבישער קלוב וועגעטירט, פירט כמעט נישט קיין טעטיקייט.

דער פירער פון אַראַבישן קלוב האָט זיך פאַר אונדז געקלאָגט: די הסתד־רות טוט גאָרנישט, כדי מיטצוהעלפן דער אַרבעט צווישן אַראַבישע אַרבעטער.

ער האָט דערציילט אַ פאַקט, אַז ווען דער קלוב האָט אָרגאַניזירט אַ ספּאָרט־גרופּע און זיך געווענדט צום הסתדרותישן ספּאָרט־קלוב „הפּועל", אַז יענער זאָל זיי דערלויבן צו איבן אויף זיין ספּאָרט־פּלאַץ, האָט מען זיי געהייסן דערפאַר באַצאָלן און סוף־כּל־סוף געגעבן דעם פּלאַץ נישט זיי, דער ספּאָרט־גרופּע פון אַראַבישן הסתדרותישן קלוב, נאָר אַ ספּאָרט־גרופּע פון „יונגע מוסולמענער" — אַ נאַציאָנאַליסטישע, רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע אַראַבישע אָרגאַניזאַציע. אַלס רעזולטאַט דערפון, דערציילט ער אונדז, איז זיך נישט נאָר צעפאַלן די ספּאָרט־גרופּע, נאָר עס זענען אויך אָפּגעפאַלן אַנדערע מיטגלידער, ווייל זיי האָבן זיך אַנטוישט אין דער אויפריכטיקייט פון דער הסתדרות.

דער זעלבער פירער פון אַראַבישן קלוב האָט אונדז געזאָגט: די ערשטע, וואָס האָבן מיך געוועקט צו אַרבעטן צווישן אַראַבישע אַרבעטער פאַרן געדאַנק פון קלאַסן־סאָלידאַריטעט און קלאַסן־קאַמף פון אַלע אַרבעטער, וואָס באַוווינען דאָס לאַנד, זענען געווען די פּועלי־ציון. ליידער האָבן זיי נישט געהאַט קיין פינאַנציעלע מעגלעכקייטן דעריין מיטצוהעלפן, בין איך אַוועק אין הסתדרות. אָבער איך גיב זיך אַלץ מער אָפּ אַ דין וחשבון, אַז די פירער פון דער הסתדרות מיינען נישט ערנסט מיט זייער אַרבעט צווישן אַראַבישע אַרבעטער, ווייל: ווי קענען זיי זיין פאַר אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, ווען זיי פירן אַן אויסגע־שפּראָכן־נאַציאָנאַלע און נישט קלאַסן־פּאָליטיק? אין יענעם מאָמענט האָבן מיר אַלע, פיר חברים, וועלכע זענען דאָרט געווען, זיך אינסטינקטיוו איבערגעקוקט — דער אַראַבער האָט געטראָפן אין פּינטל!

יאָ, פון דער איצטיקער פירונג פון דער הסתדרות קען מען נישט דער־וואַרטן, אַז זי זאָל וואָס נישט איז טון ממשותדיקס פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די אַראַבישע אַרבעטער, פאַר זייער צוזאַמענשליסן אין איין פראָנט צוזאַמען מיט די יידישע אַרבעטער.

איך וויל נישט זאָגן, אַז די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די אַראַבישע אַרבע־טער איז אַ לייכטע. אַז מ'איז אין ארץ־ישראל קען מען זיך ערשט רעכט איבער־צייגן, ווי שווער דאָס דאַרף און וועט אָנקומען.

דער חילוק אין לעבנס־שטייגער, אין דער פּסיכיק, צווישן די יידישע און אַראַבישע מאַסן איז קאָלאָסאַל גרויס, עס איז שווער צו וואַרפן די בריק איבער דעם תהום, וואָס ווערט דורך די דאָזיקע טיפע אונטערשידן געשאַפן.

עס זענען געווען פאַלן, ווען בעת אַן אַקציע האָבן זיך אַראַבישע אַרבעטער געווענדט צו די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון די יידישע אַרבעטער, זיי זאָלן מיטהעלפן אין זייער קאַמף, אָבער תיכף נאָכדעם, ווי די אַקציע איז אַזוי אָדער אַנדערש געענדיקט געוואָרן, האָבן זיי זיך מער נישט געוויזן. זייער פּסיכאָלאָגיע איז געוואַלדיק פּרימיטיוו — זיי פאַרשטייען נאָך אַמאָל דעם נוצן פון תיכפּדיקער הילף. דער אַראַבישער אַרבעטער פאַסט אָבער זייער שווער אויף דעם ווערט פון

אָרגאַניזאַציע אַלס אַזעלכע, עס איז אים שווער תופס צו זיין די נויטווענדיקייט פון טאָג־טעגלעכער אָרגאַניזירונג, פון צוגרייטן זיך אויפן פאַל פון עווענטועלן קאַמף.

נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער פאַקט, וועלכער וואַרפט אַ שייַן אויף דער פּסיכאָלאָגיע אפילו פון די בעסערע, מער באַוווסטזיניקע אַראַבישע אַרבעטער. בעת אונדזער באַזוך אינעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די אייזנבאַן־אַרבעטער אין היפה, האָט אונדז דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד דערציילט: אין משך פון עטלעכע יאָר האָבן די אַראַבישע מיטגלידער אינגאַנצן נישט געצאָלט קיין מיטגליד־אָפּצאָל. דער פאַרבאַנד האָט זיך אויסגעהאַלטן בלויז אַ דאַנק די אָפּצאָלן פון די יידישע אייזנבאַן־אַרבעטער און די סובסידיעס פון דער הסתדרות. נאָך אַ לאַנגער און ענערגישער אגיטאַציע איז אונדז געלונגען צו באַוועגן די אַראַבישע מיטגלידער, זיי זאָלן צאָלן אַ געוויסן אָפּצאָל — אָבער אַ קלענערן, ווי די יידישע אַרבעטער. זיי האָבן אָבער אויסגענומען אַ תנאי, אַז זייערע אָפּצאָלן זאָלן גיין נישט אויף די לויפנדע הוצאות פונעם פאַריין, נאָר זאָלן אַוועקגעלייגט ווערן אויף אַ קאָנטאָ אין אַ באַנק. דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז אויף דער באַן, פּאָסט און טעלעגראַף זענען די לוינען פון די אַראַבישע אַרבעטער די זעלבע, ווי פון די יידישע.

עס זענען פאַראַן אַזעלכע, אפילו צווישן די אומבאַוווסטזיניקע יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, וועלכע נוצן אויס אַזעלכע דערשיינונגען, כדי אָנצוּווייזן, אַז בכלל איז אוממעגלעך צו פירן וועלכע נישט איז אַרבעט צווישן די אַראַבישע אַרבעטער, ווייל זיי געהערן צו אַ „נידעריקערן מענטשלעכן טיפּ". פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז שאָוויניסטישע שטות. די געלט־גיריקייט, וועלכע איז אָן שום ספק זייער שטאַרק אַנטוויקלט ביי די אַראַבישע מאַסן, איז אַ פּועל יוצא פון דעם אומגעהייער שווערן, אומבאַשרייבלעך אָרעמען לעבן, וואָס זיי פירן. יעדנפאַלס ווייזן די פאַקטן, אַז דאָס זענען נישט אומפאַרענדערלעכע זאַכן — אַלס באַווייז קען אפילו דינען דער פאַקט, וועלכן איך ברענג מיט די אַראַבישע מיטגלידער פון אייזנבאַנער־פאַריין; סוף־סוף האָט מען זיי געקענט, נאָך אַ געוויסער צייט באַוועגן צו געוויסע מאַטעריעלע קרבנות פאַר זייער אָרגאַניזאַציע.

אומגעהייער שווער איז די אָרגאַניזיר־ און אויפקלער־אַרבעט צווישן די אַראַבישע מאַסן. אָבער די דאָזיקע אַרבעט מוז געטאָן ווערן, עס איז איינע פון די עיקרדיקסטע אויפגאַבן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. די אַרבעט וועט געטון ווערן נישט דורך עמיצן אַנדערש, ווי דורך אונדזערע חברים.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 26־25, 1932.

יצחק לעוו

ט. די הסתדרות

די פּאָליטישע באַדייטונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל איז גאָר אַ גרויסע, — באַדייטנד גרעסער, ווי אין אנדערע לענדער. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער העכערער פּראָדוקטיווירונגס־מדרגה פונעם יידישן לעבן אין לאַנד און נישט אין א קלענערער מאָס פון דעם, וואָס די ארבעטער־שאַפט האָט באַוויזן אריינצודרינגען אין די וויכטיקסטע צווייגן פון דער פּראָדוקציע. חוץ דעם איז די אָרגאַניזירונגס־שטופּע פון דער יידישער ארבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל זייער אַ הויכע — די אָרגאַניזאַציע פון די יידישע ארבעטער אין ארץ־ישראל (הסתדרות) ציילט היינט־צו־טאָג העכער 30 טויזנט מיטגלידער, דאָס מיינט אַן ערך 80 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער ארבעטערשאַפט אין לאַנד.

די הסתדרות איז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אויסדרוק פון אָט דער באַדייטונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד. די פאַרשידענע שיכטן באַציען זיך צו איר פאַרשידנאַרטיק — אַ גרויסער טייל אַרבעטער איז פון איר איצטיקער פּאָליטיק ווייט־ווייט נישט צופרידן; א גרויסער טייל פונעם בירגערטום, דער עיקר די קאָלאָניסטן — קולאַקעס, באַקעמפן זי שטאַרק, הגם זי פירט אַן אויסגעשפּראָכן־אָפּאָרטוניסטישע און אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק. דערפאַר ווייזן אנדערע טיילן פון דער בורזשואַזיע ארויס פאַר דער הסתדרות סימפּאַטיעס — צוליב דער אַלגעמיינער ריכטונג פון איר פּאָליטיק. איינס איז אָבער קלאָר פאַר יעדן איינציקן, וואָס קוקט זיך צו צו די פאַרהעלטענישן אין ארץ־ישראל — די הסתדרות איז אַ כוח, מיט וועלכן מ׳מוז זיך גאַנץ שטאַרק רעכענען. אַן ענערגישן און ווירקלעך־געמיינטן ווידערשטאַנד אירן וואָלט דאָס בירגערטום, יעדנפאַלס אין יידישן לעבן, זיך נישט געקענט אנטקעגנשטעלן.

די הסתדרות איז אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע אָרגאַניזאַציע, נישט ענלעך צו די אָנגענומענע ביי אונדז טיפּן פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. עס איז נישט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי און נישט קיין צענטראַלע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע. זי איז די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע ארבעטער, וואָס נעמט ארום די פארשידנסטע געביטן פון אַרבעטער־לעבן און ארבעטער־טעטיקייט. זי קאָנטראָלירט און צייכנט אָן די ריכט־ליניען פאַר דער ארבעט פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען טעטיק אין פאַרשידענע געביטן — עס איז, אזוי צו זאָגן, א מוטער־געזעלשאַפט מיט אַ גאַנצער ריי טאָכטער־געזעלשאַפטן, וואָס זענען איר אונטער־געוואָרפן.

צי אַנטשפּרעכט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע־פאָרם די אינטערעסן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל? אין אַלגעמיין יאָ — לויט מיין מיינונג,

הגם פון דער צווייטער זייט, האָב איך באַמערקט, העמט דאָס די טעטיקייט און קאַמף פון די אַרבעטער אין באַזונדערע געביטן, בפרט אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

די באַזונדערע אויפגאַבן, וואָס שטעלן זיך פאַר דער ארץ־ישׂראלדיקער יידישער אַרבעטערשאַפט, די ספּעציעלע פאַרהעלטענישן פון פּאַלעסטינער לעבן, האָבן גורם געווען, אַז די יידישע אַרבעטערשאַפט דאָרט זאָל באַדייטנד אויסברייטערן איר טעטיקייטס־געביט, פיל מער, ווי אין אנדערע לענדער פון יידישע מאַסן־ישובים. די יידישע אַרבעטערשאפט אין פּאַלעסטינע פאַרמאָגט אַ ריי אָרגאַניזאציעס פאַר פאַרשידענע טעטיקייטס־געביטן און איבער זיי אַלע שפּרייט אויס אירע פליגל די הסתדרות. דאָס איז אויך איינער פון די וויכטיקסטע מאָמענטן, וואָס שאַפן דעם יסוד פאַר דער ווירקונג פון דער הסתדרות אינערהאַלב דער אַרבעטערשאפט.

די אַרבעטער־קראַנקן־קאַסע

פון די פּאָפּולערסטע אינסטיטוציעס ביי דער אַרבעטערשאַפט, איז אַ פּריוויליקער אַנשטאַלט. ביז איצט עקזיסטירט נאָך נישט אין לאַנד קיין געזעץ וועגן סאָציאַלער פאַרזיכערונג, אויך נישט קיין פאַרזיכערונג אויפן פאַל פון קראַנקהייט. די אַרבעטער־קראַנקן־קאַסע איז איינע פון די וויכטיקסטע אַרבעטער־אינסטיטוציעס. זי פאַרמאָגט איצט קנאַפּע 20 טויזנט מיטגלידער. זי באַזאָרגט די מיטגלידער און זייערע משפּחות מיט מעדיצינישער הילף, גיט זיי אונטערשטיצונגען אין פאַל פון אַ קראַנקהייט. צוזאַמען געניסן פון דער קראַנקן־קאַסע אַן ערך 40 טויזנט מענטשן. פאַראַן ערטער, בפרט אין לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, ווו די מעדיצינישע פונקטן פון דער קראַנקן־קאַסע זענען די איינציקע בכלל.

די קראַנקן־קאַסע אין די שטעט פאַרמאָגט אַמבולאַטאָריעס, וועלכע באַדינען אירע מיטגלידער און גלייכצייטיק זענען זיי הייל־צענטערן פאַר דער נאָענטער געגנט; חוץ דעם האָט זי 60 אמבולאַטאָריעס און הייל־סטאַציעס מיט אַפּטייקן אין די דערפער, אַ צענטראַלן רפואות־לאַגער אין תל־אביב, דריי אינסטיטוטן פאַר עלעקטראָ־טעראַפּיע און אַן אינסטיטוט פאַר ציין און מויל־היילונג אין תל־אביב. די קראַנקן־קאַסע פאַרמאָגט צוויי אייגענע סאַנאַטאָריעס — איינע אין מוצא נעבן ירושלים, וועלכע באַדינט אַן ערך טויזנט אַרבעטער און אַ צווייטע, אַ ספּעציעלע זומער־סאַנאַטאָריע אויפן כרמל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון בער באָראָכאָוו. די קראַנקן־קאַסע פירט אויך אַ געוויסע סאַניטאַר־היגיענישע טעטיקייט, זי באַטייליקט זיך אין קאַמף קעגן אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, זי האַלט אויס סטאַציעס פאַר מוטער־הילף.

מיט גרויס מי און קאָסטן האָט די קראַנקן־קאַסע אויפגעבויט איר אייגן שפּיטאָל אין עמק יזרעאל נעבן עפולה, וואָס האָט 60 בעטן, אָבער צוליב מאַנגל אין געלט־מיטלען, אין רעזולטאַט פון דער שלעכטער באַציאונג סיי פון דער רעגירונג, סיי פון דער יידישער אַגענץ, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אונטער־שטיצן די קראַנקן־קאַסע, האָט זיך דאָס שפּיטאָל, דאָס איינציקע אין גאַנצן עמק, געמוזט ערשט נישט לאַנג שליסן.

אירע מיטלען באַקומט די קראַנקן־קאַסע דער עיקר פון די אָפּצאָלן פון די אַרבעטער. דער בודזשעט פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר (1931־32) האָט פאַרויסגעזען, אַז 79 פּראָצענט וועלן געדעקט ווערן פון די אַרבעטער, 13 פּראָצענט פון די אַרבעטס־געבער, 6 פּראָצענט פון דער אַגענץ, 2 פּראָצענט פון אַנדערע קוועלן.

די רעכטע פירער פון דער הסתדרות פירן נישט ווי געהעריק דעם קאַמף פאַר עפנטלעכע סאָציאַלע פאַרזיכערונגען. אויך זייער קאַמף פאַר אַרויפוואַרפן אויף די אונטערנעמער די לאַסט פון קראַנקן־פאַרזיכערונג איז אַ שוואַכער. דער רעזולטאַט איז, אַז די שווערע לאַסט פון אויסהאַלטן די קראַנקן־קאַסע ליגט אויף די ארבעטער־מאסן.

די באַציאונג צו די אַראַבישע אַרבעטער און פעלאַכן איז אין די קראַנקן־קאַסעס כמעט די זעלבע, ווי אין אַנדערע הסתדרותישע אַנשטאַלטן. עס איז אמת פאַראַן אַ גאַנץ קליינע צאָל אַראַבישע אַרבעטער, דער עיקר באַן־אַרבעטער, וועל־כע געניסן פון דער קראַנקן־קאַסע, אָבער עס ווערט נישט געפירט קיין שום ברייטערע אגיטאַציע אַריינצוציען אין איר די אַראַבישע מאַסן, וואָס עס וואָלט געקענט זיין איינער פון די ווירקזאַמסטע מיטלען פאַר יידיש־אַראַבישער אַרבע־טער־דערנענטערונג.

פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען

דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, איבער וועלכן מ׳דאַרף באַזונדער און גע־נויער שרייבן. דאָ וויל איך נאָר בקיצור אָנווייזן, אַז די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג איז דאָס שטיף־קינד פון דער הסתדרות. איך האָב באַקומען דעם פעסטן איינדרוק, אַז די איצטיקע פירער פון דער הסתדרות קוקן זייער נישט גערן אויפן וווקס און דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך — זיי האָבן מורא, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זאָלן נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין קאַמף־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלן קרייצן זייער פּאָ־ליטיק פון בורג־פרידן מיט דער יידישער בורזשואַזיע. דערפאַר ווערן די פאַריינען געהאַלטן אונטער אַ שטרענגער קוראַטעל. זיי זענען נישט זעלבשטענדיק אין זייער פירונג, נאָר ווערן שטרענג איבערוואַכט פון די סעקרעטאַריאַטן פון די אָרטיקע ראַטן — די לאָקאַלע קעמערלעך פון דער הסתדרות. די פּאָליטיק פון

די פאַריינען ווערט פּאַקטיש באַשטימט נישט דורך די פאַריינס־אינסטאַנצן, נאָר דורך דער רעכטער אָנפירונג פון די אָרטיקע ראַטן.

די רעכטע אָנפירונג פון די ראַטן וואַרפט אָן איר פּאָליטיק פון בורגפרידן מיט די אונטערנעמער, איר סיסטעם פון אַרביטראַזש, די פאַריינען און פאַריינס־מיטגלידער. זייער אָפט פּאַסירט, אַז אין קאָנקרעטע פאַלן צווינגט די ראַט־אָנפירונג די פאַריינס־אינסטאַנצן און די אַרבעטער צו האַנדלען קעגן זייערע אייגענע באַשלוסן.

פאַר דער באַציאונג פון דער איצטיקער רעכטער הסתדרות־אָנפירונג לגבי דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס ביז איצט איז נאָך אין ארץ־ישראל נישטאָ קיין איין פאַריין, חוץ דעם פאַריין פון די באַן־אַרבעטער, וואָס זאָל זיין אָרגאַניזירט אין לאַנד־מאַסשטאַב, הגם די אינטערעסן פון די אַרבעטער פאָדערן דורכאויס, עס זאָלן פאַראייניהייטלעכט ווערן די אַרבעטס־באַדינגונגען איך פאַרשידענע ערטער. מ'האָט מורא פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, פאַר איר זעלבשטענדיקייט, אַז די השפעה איבער דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג זאָל זיך נישט אַרויסגליטשן פון די הענט פון די רעכטע הסתדרות־פירער.

חוץ די באַן־אַרבעטער זענען אָרגאַניזירט אין לאַנד־מאַסשטאַב בלויז די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין דער אַזוי גערופענער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער־צענטראַלע (המרכז החקלאי).

די אָרגאַניזירונג אין לאַנד־מאַסשטאַב איז אין דעם פאַל נישט דער פאַרדינסט פון דער הסתדרות, ווייל די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער האָבן שוין אַ לאַנגע טראַדיציע פון אָרגאַניזאַציע, נאָך פון פאַר דער מלחמה. איבעריקנס, איז די לאַנדווירטשאַפטלעכע צענטראַלע נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער פאַריין אין פשוטן, ענגן זין פון וואָרט — איר טעטיקייטס־געביט גייט ווייט אַרויס פון די ראַמען פון אַ נאָרמאַלן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין.

דאָס קומט צום אויסדרוק אין דער אַרבעט פון לאַנדווירטשאַפטלעכן צענטער, וואָס ווערט אויסגעקליבן אויף אַ לאַנד־קאָנפערענץ. ביים צענטער עקזיסטירן 5 אָפּטיילונגען: 1. פאַר קאָלאָניזאַציע, וועלכע באַשעפטיקט זיך מיט די פראַגן פון דער פאַראַנענער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע און מיט די ענינים פון די אַרבעטערינס, 2. די אָנפירונג פון „ניר" — אַ קאָאָפּעראַטיוו פאַר קאָלאָניזירן אַרבעטנדיקע, 3. דער סעקרעטאַריאַט, 4. די אָפּטיילונג פאַר קאָלאָניעס, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער אין די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניעס, 5. די אָנפירונג פון „יכין" — אַ קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט פאַר אונטערנעמונגען, אויסצופירן פאַרשידענע אַרבעטן אויפן געביט פון דער

לאַנדווירטשאַפט. פון דעם זעט זיך אַרויס קלאָר, אַז דער אַרבעטס־פאַרנעם שטייגט ווייט איבער די גרענעצן פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין.

קרעדיט־אינסטיטוציעס

אונטער דער השפעה פון דער הסתדרות שטייען צוויי טיפּן פון קרעדיט־אַנשטאַלטן. איינע — איז די „אַרבעטער באַנק", אַ סאָלידע און ערנסטע אינסטי־טוציע. די צווייטע — דאָס זענען די אַרבעטער ליי־און שפּאָר־קאַסעס, וועלכע עקזיסטירן אין די שטעט און גרעסערע קאָלאָניעס און גיבן אַרויס זייערע מיט־גלידער קלענערע הלוואות. די דאָזיקע קאַסעס ברייטערן זיך כסדר אויס, עס וואַקסט זייער מיטגלידערשאַפט, זיי גרינדן זיך אין אַלץ נייע ערטער; אַ גרויסן טייל פון זייערע קרעדיטן באַקומען זיי פון דער „אַרבעטער באַנק".

קאָנסום און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע

דער אַלגעמיינער אַרבעטער־פאַרברויך־קאָאָפּעראַטיוו „המשביר" איז אונטערגעגאַנגען צוליב דער שלעכטער באַלעבאַטישקייט פון זיינע רעכטע אָנפי־רער, פּונקט ווי דער גרויסער אונטערנעמער־קאָאָפּעראַטיוו „סולל בונה". איצט עקזיסטירן אין עטלעכע ערטער אָרטיקע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון. זייער באַדיי־טונג איז אָבער אַ גאַנץ באַשיידענע, נישט צו פאַרגלייכן מיט דער ראָלע פון אמאָליקן „המשביר". דער נאָמען „המשביר" דינט היינט פאַר דער צענטראַלער איינקויף־שטעלע פון די אָרטיקע פאַרברויך־קאָאָפּעראַטיוון און אַרבעטער־ווירט־שאַפטן. דער עקאָנאָמישער נוצן פונעם איצטיקן „המשביר" איז אָבער אַ גאַנץ פּראָבלעמאַטישער, ווייל, ווי מען האָט מיר דערקלערט אין אַ ריי קבוצות, וועלכע נעמען אָפּ העכער 40 פּראָצענט פון דעם פאַרקויף פון „המשביר", זענען דאָרט די פּרייזן זייער אָפט העכערע, ווי אויפן מאַרק. אין יאָר 1931 האָט דער פּדיון פון „המשביר", באַטראָפן 68 טויזנט פונט.

די גאַנצע פּראָדוקציע פון מילך־פּראָדוקטן פון די קבוצות און אינדיווידוע־לע פויערים־ווירטשאַפטן (מושבי עובדים) ווערט אָפּגענומען דורך דעם קאָאָפּע־ראַטיוו „תנובה", וועלכער באַזיצט דריי צענטראַלעס — אין תל־אביב, חיפה און ירושלים. „תנובה" פאַרמאָגט אַ ריי געוועלבער אין די שטעט און קאָלאָניעס, וווּ די פּראָדוקטן ווערן דער עיקר פאַרקויפט. „תנובה" האָט באַוויזן צו דעראָבערן דעם מאַרק פאַר אירע פּראָדוקטן, וועלכע זענען פון אַ גוטער קוואַליטעט און האָבן זיך דעריבער דערוואָרבן אַ גוטן שם. דער חסרון באַשטייט אָבער דעריך, וואָס די אַרבעטער־ווירטשאַפטן באַקומען פון דער „תנובה" ווייניקער פון

אַ העלפט פון דעם פּרייז, לויט וועלכן זי פּאַרקויפט די פּראָדוקטן אויפן מאַרק — דאָס איז ווייט נישט אין אָרדענונג.

אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר זיך זענען די שטאָטישע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציון. אמאָל זענען זיי זייער שטאַרק פּראָטעזשירט געוואָרן דורך די אָנהענגער פון קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם — צוגלייך מיט די קבוצות האָבן זיי געבילדעט אַ נייטיקן עלעמענט אינעם קאָנסטרוקטיוויזם. די ווירקלעכקייט האָט אָבער פון די אילוזיעס בנוגע דער שטאָטישער קאָאָפּעראַציע גאַר שנעל און גרינטלעך אַ תל געמאַכט. אין דער צייט וואָס די קבוצות זענען נישט נאָר געבליבן עקזיסטירן, נאָר האָבן זיך לאַנגזאַם אַנטוויקלט, הגם מיט גאָר גרויסע שוועריקייטן און ביי אַ כסדר שטייגנדיקן איבערגעוויכט מצד דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָניזאַציע; איז אָבער די שטאָטישע קאָאָפּעראַציע געבליבן אומבאַדייטנד, אָן שום השפּעה אויף דעם אַרבעטס־מאַרק. אַ ווירקלעכע באַדייטונג האָבן בלויז די קאָאָפּעראַטיוון פון די שאָפערן — דאָ זענען באַשעפטיקט קרוב צו 500 מאַן, זיי האָבן כמעט ווי מאָנאָפּאָליזירט די צווישן־שטאָטישע קאָמוניקאַציע. אין אַלע איבעריקע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון זענען באַשעפטיקט אין גאַנצן לאַנד קוים 450 מענטשן. חוץ דעם זענען אַ ריי קאָאָפּעראַטיוון נאָר פאָרמעל קאָאָפּעראַטיוון, פּאַקטיש זענען זיי אין משך פון דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּריוואַטע אונטער'נעמונגען.

די קולטור־אַרבעט

די קולטור־טעטיקייט פון דער הסתדרות ווערט אָנגעפירט דורך דער צענטראַלער קולטור־קאָמיסיע. אויף די ערטער פונקציאָנירן לאָקאַלע קולטור־קאָמיסיעס.

די קולטור־טעטיקייט איז אַ געוויס אַלזייטיקע, זי נעמט אַרום פאַרשידענע צווייגן פון קולטור און דערציאונג און ווערט געפירט צווישן קינדער, יוגנטלעכע און דערוואַקסענע אַרבעטער.

די דערציאונגס־אַרבעט צווישן קינדער איז אַ זייער באַגרענעצטע. די הסתדרות פאַרמאָגט: איין שול אין תל־אביב, איינע אין יגור, ווו עס געפינט זיך די צעמענט־פאַבריק „נשר", און איינע אין פּתח־תקוה. חוץ דעם עקזיסטירן: היימען פאַר קינדער פון אַרבעטנדיקע מוטערס אין תל־אביב און חיפה, ווו די קינדער פאַרברענגען פון 7 פרי ביז 5 אָוונט, און אויך נאָרמאַלע קינדער־היימען אין יגור און עפולה. עס איז פונדעסטוועגן כאַראַקטעריסטיש, וואָס די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט, וועלכע שטייט אָרגאַניזאַטאָריש אויף אַ געוויס הויכער מדרגה און האָט באַוויזן אויסצובויען אַ ריי אינסטיטוציעס אויף פאַרשי־

דענע געביטן, פירט אויף דעם געביט אַזאַ באַגרענעצטע טעטיקייט. מיר איך פוילן האָבן ביי פיל וויניקער גינסטיקע באַדינגונגען באַוויזן אויפצושטעלן אַ נעץ פון שולן אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך.

אויך די בילדונגס־אַרבעט ביי די יוגנטלעכע אַרבעטער איז אַ זייער שוואַכע. דערביי דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז אַ גרויסער טייל יוגנטלעכע פון די מזרח־עדות (אין דער גרעסטער צאָל תימנער) האָבן נישט באַזוכט קיין פאָלקס־שול און זענען גאַנצע אָדער כמעט אַנאַלפאַבעטן. דאָ איז פאַראַן אַ גאָר גרויס פעלד פאַר אַרבעט. אָבער, ווי געזאָגט, איז די אַרבעט זייער אַ שוואַכע. אָוונט־שולן פאַר יוגנטלעכע זענען פאַראַן בלויז אין תל־אביב, חיפה און ירושלים, עס לערנען דאָרט, לויט די אָנגאָבן פון דער הסתדרות, אַ 250 יוגנטלעכע.

די קולטור־אַרבעט צווישן דערוואַקסענע ווערט געפירט אויף פאַרשידנ־אַרטיקע אופנים, דורך: אָוונט־קורסן, וועלכע עקזיסטירן אין תל־אביב, חיפה און ירושלים און זענען אין פאַרגאַנגענעם יאָר באַזוכט געוואָרן דורך קנאַפּע טויזנט מאַן; וויסנשאַפטלעכע קורסן אין תל־אביב מיט אַן אַלגעמיינער צאָל פון אַן ערך 200 צוהערער; אַרבעטער־סעמינאַר אין ירושלים מיט אַ הונדערט צוהערער; שמועסן און רעפעראַטן; אַרטיקע לייען־זאַלן און ביבליאָטעקן; אַ צענטראַלע וואַנדער־ביבליאָטעק, וועלכע פאַרמאָגט אַן ערך 80 טויזנט ביכער.

פאַרשטענדלעך, אַז די קולטור־אַרבעט איז דורך און דורך העברעאיסטיש. דער גייסט פון דער קולטור און דערציאונגס־אַרבעט איז אַן אויסגעשפּראָכן נאַ־ציאָנאַליסטישער.

יידיש איז טריף. אין די שול און דערציאונגס־אַנשטאַלטן פון דער הסתדרות ווערט יידיש באָיקאָטירט און גערודפט. קיין יידישע שפּראַך און יידי־שע ליטעראַטור עקזיסטירט דאָ נישט. פאַראַן לערער, וועלכע פלאַנצן איין אין די קינדער שנאה און גרינגשעצונג צו יידיש. איך האָב בייגעוווינט פאַלן, ווען אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַגיטאַציע האָבן קינהער זיך אָפּגעזאָגט צו רעדן מיט זייערע עלטערן יידיש, ווייל, ווי זיי האָבן דערציילט, זאָגט דער לערער, אַז עס איז אַ חרפה צו רעדן „זשאַרגאָן". טאָמער איז אַמאָל אויפגעשווו־מען אויף אַ הסתדרותישער קאָנפערענץ מצד אַ כשרן רעכטן אַ פאַרשלאָג איינ־צופירן אין די שולן יידיש אַלס קעגנשטאַנד (נישט חלילה אַלס אונטערריכטס־שפּראַך), האָט ער באַקומען אַזאַ פסק, אַז איצט וואָגט שוין קיין נישט קיין איין רעכטער אַרויסצוטרעטן מיט אַזאַ אפיקורסות. אַ וויטערדיקער פאַקט — די קולטור־קאָמי־סיע אין תל־אביב פאַרמאָגט אַן אייגענעם זאַל; ווערט דער דאָזיקער זאַל אָוועק־געגעבן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אויף פאַראַנשטאַלטונגען נאָר דאַן, ווען מ׳טרעט אויף זיי נישט אַרויס עפנטלעך אין יידיש. אין די ביבליאָטעקן זעט מען כמעט נישט קיין יידיש בוך, קיין נייע קויפט מען נישט איין, קיין יידישע צייטונג אין די לייען־זאַלן טרעפט מען נישט. וואָלט איר געוואָלט משפטן וועגן די־

שפּראַכן־פאַרהעלטענישן אין ארץ־ישראל לויט דער טעטיקייט פון דער הסתדרות, וואָלט איר געמוזט קומען צום אויספיר, אַז יידיש איז שוין אונטערגעגאַנגען אין ארץ־ישראל. צום גליק וואָלט אַזאַ איינדרוק געווען אַ פאַלשער.

ווי געזאָגט, איז דער גייסט פון דער אַרבעט אַ דורכאויס נאַציאָנאַליסטישער. איר וועט, דאַכט זיך, נישט טרעפן קיין איין לערן־אנשטאַלט פון דער הסתדרות, וווּ מ׳זאָל נישט לערנען קיין תנ״ך. פאַר יוגנטלעכע אַרבעטער אַנאַלפאַבעטן זענען איינגעפירט די לימודים — פון העברעאיש, תנ״ך, רעכענען, יידישע געשיכטע. נישטאָ אָבער, קיין זכר פון סאָציאַלע לימודים; תנ״ך ווערט געלערנט אויך אויף די אָוונט־קורסן פאַר עלטערע אַרבעטער; אויף די וויסנשאַפטלעכע קורסן ווערט שוין געלערנט חוץ תנ״ך אויך משנה. אַן אַלט־יידישקייט רירט מען זיך נישט.

צווישן אַרבעטערינס

אַ ספּעציעלע אָנפירונג איז פאַראַן פאַר דער אַרבעט צווישן אַרבעטער־פרויען. עס קומען פאַר קאָנפערענצן פון אַרבעטער־פרויען, וווּ עס ווערן באַהאַנדלט פראַגן, וועלכע האָבן אַ ספּעציעלע שייכות צו דער אַרבעטער־פרוי.

אונטער דער קאָנטראָל פונעם צענטער געפינען זיך אַלע צען אַרבעטערינס־ווירטשאַפטן (משקי הפועלות), וואָס זענען פאַראַן אין לאַנד. דאָס זענען קבוצות פון אַרבעטערינס, גלייכצייטיק שולן, וווּ אַרבעטער־פרויען קוואַליפיצירן זיך אין פאַרשידענע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט — גערטנעריי, אַקערבוי, בהמות אָדער הינער־צוכט א.א.וו. די צייט פון פאַרבלייבן אין דער אַרבעטערינס־קבוצה איז געווינלעך אויסגערעכנט אויף צוויי יאָר.

אין דער לעצטער צייט האָט מען אָנגעהויבן שאַפן אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטנדיקע מוטערס. איינס פון די עיקרדיקסטע געביטן פון זייער טעטיקייט דאַרף זיין דאָס שאַפן קינדער־שוץ אנשטאַלטן.

די יוגנט־אָרגאַניזאַציע

כדי צו מאָנאָפּאָליזירן די השפעה איבער די יוגנטלעכע אַרבעטער, האָבן די רעכטע פירער פון דער הסתדרות געשאַפן די אָרגאַניזאַציע, וועלכע רופט זיך „הנוער העובד״ (די אַרבעטנדיקע יוגנט), וועלכע עקזיסטירט אין אַן ערך 25 פונקטן און ציילט צוזאַמען אַן ערך טויזנט מיטגלידער. חוץ דעם עקזיסטירן אין עטלעכע ערטער סקויטן־אָרגאַניזאַציעס מיט אַ 250 מיטגלידער. צו דער אַרבעט אין „הנוער העובד״ ווערן צוגעלאָזן אויסשליסלעך די רעכטע עלעמענטן.

כדי זיך לחלוטין צו פֿאַרזיכערן די השפּעה, ווערט פֿאַרוווּרט יוגנטלעכע צו געהערן צו אַנדערע פּאָליטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ווי למשל, צו דער יוגנט א. נ. פֿון בער באָראָכאָוו. באַמערקט מען, אַז עמיצער פֿון די יוגנטלעכע סימפּאַטיזירט מיט פּועלי־ציון, ווערט ער תיכף באַזייטיקט.

די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „הפּועל"

די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „הפּועל" האָט זיך אין משך פֿון די לעצטע יאָרן שטאַרק אַנטוויקלט, האָט אָפּטיילונגען אין די שטעט און קאָלאָניעס, פֿירט אַ טעטיקייט אויפֿן געביט פֿון גימנאַסטיק, פֿוטבאָל, שווימען, שיפֿן א.א.וו. ספּעציעל פּאָפּולער זענען די פֿוטבאָל־מאַנשאַפֿטן, וועלכע שטייגן איבער די בירגערלעכע.

אין „הפּועל" הערשט דער זעלבער אָפּאָרטוניסטישער כּלל־ישׂראל־גייסט, ווי אין דער הסתּדרות בכלל. דאָס איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק אין דער שטרעבונג פֿון „הפּועל" אָנטייל צו נעמען פֿאַר יעדן פּרייז אין דער הייַיאָריקער מכּביאַדע. ווען דער „הפּועל" האָט אין דער מכּביאַדע נישט גענומען קיין אָנטייל, איז עס געווען מחמת די בירגערלעכע ספּאָרט־קלובן האָבן אים נישט געוואָלט דערלאָזן.

חוץ די אָנגעוויזענע אינסטיטוציעס פֿאַרמאָגט די הסתּדרות נאָך אַ ריי אַנשטאַלטן, דורך וועלכע זי שפּרייט אויס איר השפּעה איבער דער אַרבעטערשאַפֿט. איינע פֿון זיי איז דאָס חברים־געריכט. אַ דאַנק דער אַלטער געזעצגעבונג אין לאַנד, פֿאַרמאָגן שידס־געריכטן ברייטע קאָמפּעטענצן — זייערע אורטיילן ווערן אָנערקענט דורכן מלוכהשן געריכט אַלס פֿאַרפּליכטנד. דורך דעם וואָס יעדער מיטגליד פֿון דער הסתּדרות אָנערקענט דאָס חברים־געריכט פֿון דער הסתּדרות, ווערט צוליב דעם פֿאַר אים פֿאַרפּליכטנד יעדער פּסק פֿונעם געריכט. דאָס איז זייער אַ וויכטיק מיטל אין די הענט פֿון דער הסתּדרות.

ביי דער הסתּדרות עקזיסטירט אַ סטאַטיסטישע אָפּטיילונג, וועלכע זאַמלט סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן פֿאַרן געברויך פֿון דער הסתּדרות און אירע אַנשטאַלטן, פֿאַר די פֿאַריינען, גיט אַרויס סטאַטיסטישע פּובליקאַציעס אונטערן נאָמען „סיכומים", אינפֿאָרמאַציע־בלעטער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, שטעלט צונויף די באַריכטן פֿון דער הסתּדרות א.א.וו.

* *
*

איך האָב נאָך געוויס נישט אויסגערעכנט אַלע געביטן, אויף וועלכע עס איז טעטיק די הסתּדרות. אָבער פֿון דעם אַליין, וואָס איך האָב דערמאָנט, איז

צו זען, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַן אַלזייטיקער, ברייט־פּאַרצווייגטער אַרבעט, וועלכע רירט אָן די סאַמע וויכטיקסטע געביטן פון אַרבעטער־לעבן.

די הסתדרות האָט פאַרשטאַנען צו מאַכן אָפּהענגיק פון זיך אַ גרויסע צאָל אַרבעטער און אַרבעטער־ווירטשאַפטן. אויף צו קריגן אַרבעט איז מען אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון די אַרבעטער־בערזעס פון דער הסתדרות; דער פאַקט ווערט גאַנץ שטאַרק אויסגענוצט דורך דער הערשנדיקער רעכטער ריכ־טונג לטובת אייגענע מענטשן — דאָס האָבן מיר באַמערקט אויף שריט און טריט. נישט נאָר אונדזערע חברים האָבן עס אונדז דערציילט, נאָר אויך אומ־פּאַרטייאישע אַרבעטער. מיר האָבן, למשל, אין בני־ברק געהאַט אַן אינטערע־סאַנטע באַגעגעניש מיט אַן עלטערן יידן, אַ געוועזענעם לאָדזשער הויז־באַזיצער, וועלכער איז געהאַט אַראָפּגעקומען אין דער צייט פון דער פערטער עליה, פאַר־אָרעמט געוואָרן און אַרבעט איצט אַלס טעקסטיל־אַרבעטער. ער האָט אונדז געזאָגט: פון דעם וואָס איך בין געוואָרן אַן אַרבעטער בין איך גראָד צופרידן, איך בין געוואָרן אַ נוצלעכער מענטש. אָבער וואָס מיך אַרט, איז, וואָס אויך ביי די אַרבעטער איז נישטאָ קיין יושר, ווי איך האָב אַמאָל גערעכנט. ווער עס ווייסט, ווי אַזוי זיך אונטערצוחנפענען דעם סעקרעטאַר פון אָרטיקן אַרבעטער־ראַט, דער ווערט גאָר אַנדערש באַהאַנדלט. און אָפּהענגיק ווערט מען נישט נאָר אַ דאַנק די אַרבעטער־בערזעס, נאָר אויך אויף פאַרשידענע אַנדערע אופנים — דורך דער קראַנקן־קאַסע; דורך שאַנסן, ווען מען איז אַן אייגענער, גיכער צו ווערן קאָלאָניזירט, קריגן אַ הלוואה א.א.וו. איך האָב געטראָפן פיל געוועזענע סימפּאַטיקער פון פוילן, וועלכע האָבן מיר געזאָגט: מיר זענען ווייטער אָנהענגער פון פּועלי־ציון, מיר האָבן פיינט די מפא״י, מיר קענען עס אָבער נישט אַרויסזאָגן, מיר מוזן עס באַהאַלטן אין זיך, ווייל — מיר זענען בעלי־משפחה און מיר ווילן נישט פאַרלירן דעם אַרבעטס־פּלאַץ. די אַרבעטער, וואָס האָבן די הסתדרות געשאַפן, זענען לסוף געוואָרן אָפּהענגיק פון איר אין אַ היפּשער מאָס.

די הסתדרות איז אין לאַנד אַ באַדייטנדער כוח, דער שטאַרקסטער אָרגאַ־ניזירטער כוח אין לאַנד. ביי אַ געהעריקער, ביי אַן אַנטשלאָסענער קלאַסן־פּאָלי־טיק, וואָלט די יידישע אַרבעטערשאַפט געקענט זייער פיל דערגרייכן סיי פּאָלי־טיש, סיי עקאָנאָמיש. אָבער די פּאָליטיק פון דער איצטיקער הסתדרות־פירונג מאַכט צו נישט די דאָזיקע אָביעקטיווע קראַפט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און ברענגט זי צום אויסדרוק אין אַ פיל קלענערער מאָס, ווי דאָס וואָלט געקאָנט זיין.

די רעכטע פירער פון דער הסתדרות גייען ביי זייערע האַנדלונגען נישט אַרויס פון די קלאַסן־אינטערעסן פון דער אַרבעטערשאַפט, נאָר אויפן מזבח פון

כלל־ישראל ווערן געבערענגט פאַר אַ קרבן די קלאַסן־אינטערעסן פון דער אַרבע־טערשאַפט.

די אַזוי געראָפענע אַרבעטער־פּאַרטרעטער זענען פאַראַן אין אַ גרויסער צאָל אין אַלע ציוניסטישע אַמטן, זיי שטייען אָפטמאָל אין דער שפּיץ פון דער ציוניסטישער אַרבעט. מיינט איר, אַז זיי פירן אַן אַנדערע פּאָליטיק, ווי, זאָלן מיר זאָגן, די פאָרשטייער פון מזרחי, אָדער סתם ציוניסטן? ניין. גענוי די זעלבע פּאָליטיק, למשל, און אפשר נאָך אַ ווייכערע, פירט דער מפא״יניק ארלאָזאָראָוו לגבי דער ענגלישער מאַכט, ווי די, וועלכע האָבן פריער פאַרנומען דעם אמט פון אַנפירן מיטן פּאָליטישן רעסאָרט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. דאָס זעלבע איז שייך צו אַלע אנדערע געביטן. און דאָס איז, אייגנטלעך, די פּאָליטיק פון די רעכטע, וועלכע פירן איצט אָן מיט דער הסתדרות.

דאָס איז אַ פּאָליטיק פון קאַפּיטולאַציע לגבי דעם בירגערטום, אפילו דאָרט ווו די אַרבעטערשאַפט באַהערשט די סיטואַציע. עטלעכע פאַקטן, וועלכע באַשטעטיקן דאָס: דער אָפּמאַך מיט הפועל־המזרחי און רעוויזיאָניסטן, וועלכע באַזיצן ביידע צוזאַמען אַ מינימאַלע השפּעה ביי דער אַרבעטערשאַפט, וועגן פונאַנדערטיילן די אַרבעט; דער הסכם מיט די קאָלאָניסטן פון מגדיאל און אַנדערע מכוח שאַפן אַ בשותפותדיקע אַרבעטס־בערזע פון פאָרשטייער פון אַרבעטער און קאָלאָניסטן, הגם אין די ערטער האָט די הסתדרות ביז דאַן פולשטענדיק באַהערשט דעם אַרבעטס־מאַרק: די אָפּמאַכן מיט דער פאַריייניקונג פון די אונטערנעמער און אַ רייע אַנדערע. אָן וועלכן נישט איז דרוק איז די הסתדרות־פירונג מוותר אויף די אויסגעקעמפטע רעכט פון די אַרבעטער לטובת די „נאַציאָנאַלע״ אונטערנעמער און קאָלאָניסטן.

ווו עס לאָזט זיך נאָר ווערט אויסגעמיטן דער קאַמף מיט די באַלעבאַטים. צו שטרייקן דערלאָזט מען נישט מיט אַלע מיטלען. אַרביטראַזש — דאָס איז דער סיסטעם, וואָס ווערט אָנגעוואָרפן דער אַרבעטערשאַפט.

אַז די איצטיקע הסתדרות־פּאָליטיק איז נאַציאָנאַליסטיש איז איבעריק צו דערווייזן — דאָס קומט צום אויסדרוק אויף אַלע געביטן פון איר טעטיקייט. באַזונדערס בולט איז דאָס אין באַצוג צו די אַראַבישע אַרבעטער.

אָט־אָ די פּאָליטיק ברענגט דערצו, אַז עס וואַקסט די חוצפה פון דער בורזשואַזיע, אַז די אַרבעטערשאַפט איז אין דעפענסיווע, הגם, לויט די אָביעק־טיווע פאַרהעלטענישן, וואָלט זי געדאַרפט זיין אין אַנגריף.

די הסתדרות איז אַ מאַכט, ווייל שטאַרק איז די יידישע אַרבעטערשאַפט אין לאַנד, אָבער די מאַכט, ווערט לײדער, נישט אויסגענוצט ווי געהעריק אין די אינטערעסן פון דער אַרבעטער־זאַך.

„אַרבעטער־צייטונג״ נומ׳ 27־26, 1932.

צו דער פראגע וועגן איינהייטלעכן פאלעסטינע פראנט

1

די ליניע פון איינהייטלעכן פראָנט בילדעט היינט דעם רוקן־ביין פון דער מאַרקסיסטישער טאַקטיק אין אַלע לענדער. די דאָזיקע נייע ליניע איז אַ רעזול־טאַט פון דער געגענדערטער קלאַסן־קאָניונקטור, ווען דאָס אָרט פון דער פּראָלע־טאַרישער אָפענסיווע האָט פאַרנומען דער אָנגריף פונעם אַלוועלטלעכן פאַר־אייניקטן קאַפּיטאַל אויף די דערגרייכטע פּאָזיציעס פון דער אַרבעטערשאַפט.

דער איינהייטלעכער פראָנט גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז אַלע פּראָלע־טאַרישע כוחות דאַרפן זיך צונויפרעדן אויפן יסוד פון אַ מינימאַלער, פאַר אַלע אָננעמבאַרער פּלאַטפאָרם, כדי מיט בשותפותדיקע כוחות אָפּצושלאָגן די אַטאַ־קעס פון דער בורזשואַזיע אויף די דערגרייכונגען פונעם אַרבעטער־קלאַס. דער מאַרקסיזם האָט דערביי נאָך איין כוונה: דאָס איז די פאַרשטאַרקונג פון זיינע אייגענע פּאָזיציעס צווישן די אַרבעטער־מאַסן, ערשטנס שוין דורכן אַרויסרוקן פון איינהייטלעכן פראָנט גופא, צווייטנס דורך אַ קלוגער מאַנעווּרירונג, וואָס זאָל אים דערלויבן אויפצוווייזן באַשיינפערלעך די באַציאונג פון די סאָציאַל־אָפּאָרטוניסטן צו די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס. די טאַקטיק פון איינהייט־לעכן פראָנט פאַרפליכטעט אַזוי אַרום יעדע מאַרקסיסטישע גרופּירונג צו נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו, אָדער לפּחות מיטצוהעלפן, צו שאַפן דעם איינהייטלעכן פּראָלעטאַרישן פראָנט דאָרט, ווו די בורזשואַזיע שאַפט איר קאַמף־פראָנט, וואָס באַדראָט די אַרבעטער־פּאָזיציעס.

דער נייער קורס אין ציוניזם איז אַ טיפּישער און בולטערביישפּיל פאַר אַזאַ איינהייטלעכן קאַפּיטאַליסטישן פראָנט, וואָס איז געווענדט קעגן די אַרבע־טער־אינטערעסן — און איז אונדז מחייב אָנצונעמען יענע שריט, וואָס זאָלן דערמעגלעכן אַנטקעגנצושטעלן די פּראָלעטאַרישע קאַמפּס־מחנה אויף דעם זעלבן פראָנט, ווו ס׳האָט זיך פאַרמירט די קאַפּיטאַליסטישע.

שוין לאַנג איז אַזאַ פּרווו פון קאָאָרדינאַציע געמאַכט געוואָרן. די צענטראַ־לע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן איז אויפן שול־געביט נישט עפּעס אַנ־דערש ווי דאָס וואָס ווערט פּראָיעקטירט איצט דורכצופירן אויפן פּאַלעסטינע־געביט. האָבן זיך דאָך אין דער ציש״א באַטייליקט און באַטייליקן זיך נאָך איצט אויך נישט־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, ווי פּאָלקיסטן. פונדעסטוועגן האָבן אונדזערע הימישע, פּוילישע, יעווסעקעס זיך באַמיט אַריינצוגיין אין דער פאַרוואַלטונג און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו טענהן, אַז די באַטייליקונג דאָרט שטייט נישט אין הסכם מיט די קלאָרע פּרינציפּן פון קלאַסן־קאַמף און מאַרקסיזם.

זאָל דאָס זיין נאָר דערפאַר, ווייל ס׳האַנדלט זיך וועגן פּאַלעסטינע־אַרבעט?

2

מיר דאַרפֿן אָנטייל נעמען אין קאָמיטעט פֿון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל מיט צווייערליי אויסזיכטן: ערשטנס מיטן צוועק צו פֿאַרשטאַרקן דורך אונדזער מיטאַרבעט מאַטעריעל און פּאָליטיש די שוין פֿאַראַנענע אַרבעטער־פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע און העלפֿן בויען נייע; צווייטנס, כדי דורך אונדזערע קלאָרע פּאָליטישע לאָזונגען און פֿאָדערונגען צו געווינען די מעגלעכקייט צו באַאײַנפֿלוסן די אַרבעטער־מאַסן, וואָס געפֿינען זיך נאָך אונטער דער השפּעה פֿון די סאָציאַל־אָפּאָרטוניסטישע פּאַרטייען.

כדי דאָס צו דערגרייכן דאַרפֿן מיר אַרויסרוקן אויך פּאָליטישע לאָזונגען, וואָס זאָלן זיין דער פּרוביר־שטיין פֿאַר דער אויפֿריכטיקייט פֿון די אַלע עלע־מענטן, וואָס נעמען אָנטייל אין דער דאָזיקער אַקציע. געוויס מוזן די דאָזיקע לאָזונגען זיין אַזעלכע וואָס זאָלן זיין אָננעמבאַר פֿאַר די באַטייליקטע — דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער יסוד פֿון יעדן איינהייטלעכן פֿראָנט. דער לאָזונג, למשל, פֿון קאַמף פֿאַר פֿרייער אײַנוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע וואָלט געמוזט אויפֿגע־נומען ווערן פֿון אַלעמען. אין דער זעלבער צייט וואָלט עס פֿאַרפֿליכטעט צו אַ קאַמף קעגן דער ענגלישער אָקופּאַציע און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס שטערן דער פֿרייער אײַנוואַנדערונג און באַגרענעצן זי. דער נייער קורס אין ציוניזם מאַכט אונדז באַדייטנד לייכטער אונדזער אויפֿקלערונגס־אַרבעט. די לעצטע געשעענישן אין ציוניזם וועלן מוזן עפֿענען די אויגן פֿון די פֿאַרפֿירטע אַרבעטער־מאַסן אויפֿן אמתן קלאַסן־פּרצוף פֿון דער ציוניסטישער בורזשואַזיע. ס׳מוזן פּלאַצן די ביז־איצטיקע אילוזיעס, אַז מיט דער הילף פֿון דער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע וועט אויפֿגעבויט ווערן אַ יידישע פּאַלעסטינע און דווקא אַ „סאָציאַליסטישע".

דאָס צונויפֿרופֿן די קאָנפֿערענץ פֿאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל דורך דער הסתדרות איז אַן אויסדרוק, אמת אַ זייער שוואַכער, אַ קוים באַמערקבאַרער פֿון דעם אומצופֿרידנקייט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס הייבט אָן אַריינדרינ־גען אין די מוחות פֿון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפֿט.

3

דער אומצופֿרידנקייט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מוז דערוועקן דעם ווילן אָנצושפּאַרן זיך אויפֿן פּראָלעטאַריאַט אין דער גאַנצער וועלט. אָן דעם 13־טן ציוניסטן־קאָנגרעס מיט זיין קלאָרער, צינישער באַציאונג צו דער פּאַלעסטינער אַרבעט וואָלט נישט מעגלעך געווען די קאָנפֿערענץ פֿאַרן אַרבעטנ־דיקן ארץ־ישראל.

געוויס נאַרן מיר זיך נישט אין איצטיקן כאַראַקטער פֿון דער הסתדרות. מיר קענען גוט איר שאָוויניסטישן און פּשרותדיקן פּרצוף. געוויס ווייסן מיר, אַז

די שטימען פון אַ בן־גוריון אַרויסצוטרעטן פון ציוניסטן־קאָנגרעס זענען דער־ווייל פאַראיינצלטע און אפשר אויך נישט אין גאַנצן אויפריכטיקע. האָבן מיר דאָך געהאַט די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן אין די דערעפענונגס־רעדעס פון די פאָרשטייער פון דער הסתדרות אויף דער קאָנפערענץ, פון בערל כצנלסון און רמז, אויף ווי ווייט זיי שפּינען נאָך ווייטער דעם פאָדעם פון זייער ביז־איצטיקער אידעאָלאָגיע, פאַרלאַנגענדיק פון דער קאָנפערענץ נישט מער ווי חלוקה, בלויז מאַטעריעלע שטיצע.

פאַר זיי איז די יידישע אַרבעטערשאפט פון גאַר דער וועלט דערווייל בלויז נאָך אַ קוועלע אַ חוץ דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון וואַנען מען קאָן שעפּן געלט. דער פּראָצעס פון אויסניכטערונג מוז אָבער קומען. דערפאַר זאָרגט שוין איצט און וועט נאָך ווייטער אויך זאָרגן נישט עמיצער אַנדערש, ווי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַליין.

דעם דאָזיקן פּראָצעס קאָן און וועט פאַרטיפן אַ באַדייטנדע ממשותדיקע מיטהילף פאַר דער פּאַלעסטינער אַרבעטערשאַפט מצד דער יידישער אַרבעטער־שאַפט פון דער גאַנצער וועלט. ביז איצט האָט זיך די פאַלעסטינער אַרבעטער־שאַפט געפילט פאַרפרעמדט פון דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטערשאַפט, מחמת די לעצטע האָט ווייניק ממשותדיקן אינטערעס אַרויסגעוויזן פאַרן קאַמף פונעם פּאַלעסטינער יידישן פּראָלעטאַריאַט. דערין איז געוויס אין אַ גרויסער מאָס שולדיק די הסתדרות הכללית, וועלכע האָט מיט איר בורג־פרידן און שאָוויניסטיש־העברעאיסטישער פּאָליטיק געטאָן אַלץ, כדי אָפּצוטויטן דעם אינ־טערעס פון די יידישע מאַסן פאַר דער פּאַלעסטינע־אַרבעט. דאָס צושטאַנדקו־מען פון דעם פאַרייניקטן פּראָנט פאַר פּראָלעטאַרישער פּאַלעסטינע־אַרבעט קאָן באַדייטנד פאַרגרעסערן די פּאָקטישע מיטהילף פון דער חוץ־לארצדיקער יידישער אַרבעטערשאַפט פאַר איר אַוואַנגאַרד אין פּאַלעסטינע. דאָס וועט העלפן צו עמאַנציפירן גרויסע טיילן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט פון די איינפלוסן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער בעסטער מיטל קעגן דער בירגערלעך־ציוניסטישער השפעה אויף דער יידישער אַרבעטערשאַפט און קודם־כל אויף דער ארץ־ישראלדיקער — איז די פאַרשטאַרקונג פון דער זעלבשטענדיקער פּראָלע־טאַרישער פּאַלעסטינע־אַרבעט.

4

ערשט אונדזער אָנטייל אין דעם איינהייטלעכן פּראָנט פאַר דער פּראָלע־טאַרישער פּאַלעסטינע־אַרבעט וועט צוגעבן דער דאָזיקער אַקציע די געהעריקע וואָג און באַדייטונג.

לאָמיר זאָגן אָפן, אַז אָן אונדז איז דער איינהייטלעכער פּראָנט נישטאָ. מיר זענען איצט אין חוץ־לארץ דער שטאַרקסטער און וויכטיקסטער פאַקטאָר ביי דער פּראָ־פּאַלעסטינישער יידישער אַרבעטערשאַפט.

דערפאַר איז סיי אונדזער אחריות פאַרן אַנטיילנעמען גרעסער, דערפאַר מוז אויך אונדזער אָרגאַניזאַטאָרישע און אידעאישע השפעה באַקומען איר ריכ־טיקן אויסדרוק. מיר מעגן עס זיך זאָגן אָפן, אַז מיר האָבן דאָס רעכט נישט אין גאַנצן צו זיין צופרידן פון דער טעטיקייט פון אונדזער דעלעגאַציע אויף דער קאָנפערענץ פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.

געוויס איז אונדזער אידעאישע השפעה געווען דאָרטן גענוג גרויס. געוויס האָט די דיסקוסיע אַרום אונדזערע פּרינציפּיעלע פאָרשלאָגן פאַרנומען אַ זייער חשובן אָרט אויף דער קאָנפערענץ. אונדזער דעלעגאַציע האָט זיי אָבער נישט דערפירט ביז אַ פּרינציפּיעלער אַנטשיידונג און דערין באַשטייט איר פעלער.

פאַר אונדז שטייט אויסערהאַלב יעדן צווייפל דער פּרינציפּ פון אַלוועלט־לעכקייט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, פון זיין פאַראינטערעסירונג אין דעם אויפ־בוי פון טעריטאָריאַלן אַרבעטס־צענטער אין פּאַלעסטינע, וואָס מוז זיך אויסדריקן אין דער דירעקטער השפעה פון דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטערשאַפט אויף די פּראָלעטאַרישע אַרבעטן, וואָס ווערן אונטערגענומען אין פּאַלעסטינע. אונדזער דעלעגאַציע האָט געגעבן די מעגלעכקייט די פאַרשטייער פון דער הסתדרות נישט צו פאַרנעמען אַ שטעלונג וועגן דער פראַגע, און דאָס האָט נישט געטאָרט זיין.

פונקט אַזוי איז אומפאַרצייַלעך דאָס, וואָס אונדזערע פאַרטרעטער האָבן נישט שאַרף און קלאָר פּראָטעסטירט אַנטקעגן דער קעמפערישער העברעאיסטי־שער פּאָליטיק פון דער הסתדרות, וואָס שאַפט אַ תהום צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט פון פּאַלעסטינע און חוץ־לארץ.

ס'איז אויך וווּנדערלעך, ווי אַזוי אונדזער דעלעגאַציע דאָרט האָט געקאָנט מסכים זיין צו אַזאַ צוזאַמענשטעל פון דער עווענטועלער פאַרוואַלטונג פון פּ.א.פּ., וואָס גאַראַנטירט באַלד דער הסתדרות און דעם רעכטן וועלט־פאַרבאַנד צו 25% יעדן איינציקן, און האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט דערויף, אַז ס'זאָל באַלד פעסטגעשטעלט ווערן אונדזער אַנטייל דאָרט אין אַזאַ מאָס, וואָס אַנטשפּרעכט באמת דער השפעה וועלכע מיר האָבן צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

ס'איז זיכער, אַז דאָס שאַפן פון דעם קאָמיטעט פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל ליגט אויף דער ליניע פון אונדזער פּאָליטיק; דאָס איז בלי ספק אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג אין יידישן אַרבעטער־לעבן, וואָס וועט מיטהעלפן צו שטאַרקן די אַרבעטער־פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע — מיר זענען אָבער אַ באַוועגונג, וואָס גייט מיט אַנדערע וועגן ווי די איבעריקע צו דער לייזונג פונעם יידישן אַרבעטער־פּראָבלעם, וואָס טראָגט אַריין אונדזער באַזונדערן בליק אין דער פּאַלעסטינע־אַרבעט — מוזן מיר בכן האָבן געזיכערט, אין דער מאָס ווי דאָס קומט אונדז, די געהעריקע פּאָליטישע השפעה.

געוויס מוז מען ביי צוזאַמענאַרבעט ברענגען אויך קרבנות — ביי יעדן איינהייטלעכן פראָנט געשעט עס. דערצו זענען אָבער אויך פאַרפליכטעט די איבעריקע קאָנטראַהענטן. קומען קומט אָבער אויס, אַז די קרבנות פאַרלאַנגט מען פון אונדז אַליין; יענע פאַרלאַנגען נאָר פּריווילעגיעס.

אונדזער אָנטייל אינעם קאָמיטעט מוז אונדז זיכערן די געהעריקע השפּעה, ביי די אידעאישע סיי די אָרגאַניזאַטאָרישע.

אונדזער באַוועגונג האָט ביז איצט אָפּגעטאָן אַ גרויסע היסטאָרישע אַרבעט. דורך אַן אָנגעשטרענגטער טאָג־טעגלעכער אומאויפהערלעכער אויפקלער־רונגס־אַרבעט האָבן מיר דערוועקט ביי די יידישע אַרבעטער־מאַסן די אויפמערק־זאַמקייט צו די באַזונדערע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, געצוווּנגען אַלע יידישע אַרבעטער־גרופּירונגען צו פאַרנעמען אַ שטעלונג דערצו און אַרויסגערופן דעם אינטערעס צום פּאַלעסטיניזם מצד דער גאַנצער יידישער אַרבעטערשאַפט — געווינענדיק דערביי גרויסע טיילן פאַר אונדזער אידעאָלאָגיע.

אין דער דאָזיקער אַרבעט זענען מיר געווען די איינציקע. מיט די רעזול־טאַטן פון דער אַרבעט מעגן מיר שטאָלץ זיין, אין דעם פּרט איז טאַקע אָפּגעטאָן אַ ריזיקע אַרבעט פאַרן פּאַלעסטיניזם. אין דער זעלבער צייט איז אָבער דורך אונדז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן אַן אַנדערער טייל פון אונדזערע אויפגאַבן — די קאָנקרעטע טאָג־טעגלעכע מיטהילף פאַר דער שוין פאַראַנענער יידישער אַרבע־טערשאַפט אין פּאַלעסטינע.

ס'איז אַ פאַקט, אַז אין משך פון די לעצטע צייטן זענען אונדזערע אָנ־שטרענגונגען אויף דעם געביט געווען שוואַכע. דערפאַר איז אויך נאַטירלעך, וואָס די יידישע אַרבעטערשאַפט אין פּאַלעסטינע האָט זיך ווייניק גערעכנט מיט אונדזער באַוועגונג, הגם זי איז די שטאַרקסטע פּראָ־פּאַלעסטינישע אַרבעטער־גרופּירונג.

דאָס אָנטיילנעמען אינעם קאָמיטעט פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל באַ־זייטיקט דעם דאָזיקן פעלער אין אונדזער ביז־איצטיקער אַרבעט — דאָס וועט אונדז באַוועגן צו אַ כסדרדיקער מאַסן־אַרבעט, כדי צו שטיצן דעם קאַמף פון דער פּאַלעסטינער אַרבעטערשאַפט פאַר איינהאַלטן אירע פּאָזיציעס און פאַר אויפ־בויען נייע שטיץ־פּונקטן אין איר קאַמף. די דאָזיקע קאָנסאָלידירונג וועט געוויס פאַרשטאַרקן דעם אינטערעס פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט צו דער פּראָלעטאַרישער פּאַלעסטינע־אַרבעט. איינער פון די רעזולטאַטן פון יעדן איינהייטלעכן פראָנט, פון יעדער בשותּפותדיקער אַקציע איז שטענדיק דאָס אַריינציען פון מאַסן, ביז איצט אינדיפערענטע, אָדער אַזעלכע וועלכע האָבן זיך נישט געפונען קיין אָרט אין די עקזיסטירנדע גרופּירונגען. ביים באַשטימען די בשותּפותדיקע אַקציע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל וועט גיכער געלינגען צוצוציען צו דער פּאַלעסטינע־אַרבעט די אַמעריקאַנישע יידישע אַרבעטער־

שאַפט, וואָס ווייזט לעצטנס אַרויס אַן אינטערעס דערפאַר און זי קאָן שפּילן אַ גאָר באַדייטנדע ראָל אין דער פּראָלעטאַרישער פּאַלעסטינע־אַרבעט.

דער צווייטער רעזולטאַט פון דער קאָנסאָלידירונג איז בלי־ספק דער וווּקס פון די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט. פון איין זייט מוז די בשותּפותדיקע אַרבעט אַרויסרופן די פאַרשטאַרקונג פון דער ענערגיע פון יעדער גרופּירונג באַזונדער אינעם קאָמיטעט. פון דער צווייטער זייט זענען די רעזולטאַטן פון בשותּפותדי־קער אַרבעט שטענדיק גרעסער, ווי די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט פון פאַר־איינצלטע גרופּירונגען. פאַר אונדז, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין יעטוועדער אַרבעטער־פּאָזיציע אין פּאַלעסטינע, איז דער מאָמענט אויך נישט גלייכגילטיק.

מיר מוזן אָבער אין דער זעלבער צייט געדענקען, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט גרופּירונגען וואָס זענען אידעאָלאָגיש פון אונדז גאַנץ ווייט — דעריבער איז אויך קלאָר, אַז אונדזער צוזאַמענאַרבעט מיט זיי מוז טראָגן אַ באַגרענעצטן כאַראַקטער.

יעטוועדע פּאַלעסטינע־אַקציע איז פאַר אונדז גלייכצייטיק אַ פּאָליטישע אַקציע, — דאָרט אַנטוויקלען מיר אונדזער פּרינציפּיעלע אויפפאַסונג פון יידישן אַרבעטער־פּראָבלעם און ווייזן גלייכצייטיק אָן די וועגן פון דער לייזונג. דאַרף מען דען דערווייזן ווי ווייט גרויס ס'איז דער מהלך צווישן אונדז און אפילו נאָר די רעכטע פּוע״צ, שוין נישט רעדנדיק וועגן די איבעריקע? אָבער פּונקט ווי אויפן קאָאָפּעראַטיוון, פּראָפעסיאָנעלן און שול־געביט קאָנען מיר טאָן בשותּפות מיט אַנדערע, פון אונדז אידעאָלאָגיש ווייטע, גרופּירונגען די טאָג־טעגלעכע פּראַקטישע אַרבעט, אַזוי קענען מיר עס אויך טאָן דאָ, ביי דער פּאַ־לעסטינע אַרבעט. דער צעמענט וואָס פאַרייניקט אונדז, זענען די שוין פאַראַ־נענע און פּראָיעקטירטע אינסטיטוציעס פון דער פּאַלעסטינער יידישער אַרבע־טערשאַפט. פאַראַן פאַר זיי אַ בשותּפותדיקער אינטערעס ביי אַלע צדדים.

די אַקציע צו שטאַרקן די דאָזיקע אינסטיטוציעס, דאָס שאַפן די צענטראַ־לע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל מיט די דאָזיקע אַקציעס אָנפירן און רעגולירן זיי — דאָס איז דער מינימום וואָס מאַכט מעגלעך די צוזאַמענאַרבעט אין איין קאָמיטעט.

דאָ קאָן געוויס קיין רייד נישט זיין וועגן געמיינזאַמע אַרויסטרעטונגען אויף די ערטער. די פּאַלעסטינע אַקציע איז פאַר אונדז, ווי געזאָגט אַ פּאָליטישע און אויפקלערונגס־אַקציע, און דאָ גייען זיך אונדזערע וועגן לגבי די אַנדערע אַזוי פונאַנדער, אַז ס'איז נישט מעגלעך צו געפינען איין שפּראַך. חוץ מזה וועט עס אויך קיין גרויסן פּראַקטישן נוצן נישט ברענגען, מחמת מיר קומען בכלל נישט מיט די דאָזיקע עלעמענטן אין באַרירונג אויף די ערטער.

דער קאָמיטעט פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל וועט פאַרטרעטן פאַר דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט די עלעמענטן, וואָס אינטערעסירן זיך מיטן אויפבוי פון יידישן אַרבעטער־ישוב אין פּאַלעסטינע. אים דאַרפן ממילא

געהערן די קאָמפּעטענצן פון מיטפאַרוואַלטן מיט די ווירטשאַפטלעכע אינסטיטו־ציעס פון דער פּאַלעסטינער יידישער אַרבעטערשאַפט. פּונקט ווי די הסתדרות האָט זיך מיט רעכט פאַרזיכערט מיט אַ דעה אויף דער אַרבעטער־באַנק, אויפן אַמט פאַר עפנטלעכע אַרבעטן און אַנדערע אַנשטאַלטן, אַזוי מוז זיך אויך דער קאָמיטעט אין דעם פּרט פאַרזיכערן. דאָס איז נישט קיין גבירישע אַפּוטרופּסות. דאָס איז נאָר דער אויסדרוק פון דער פאַראינטערעסירונג פון די יידישע אַרבע־טער־מאַסן פון גאָר דער וועלט מיטן אויפבוי פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. דאָס וועט אויך פאַרשטאַרקן דעם אינטערעס פון דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבע־טערשאַפט צום לעבן און קאַמף פון דער פּאַלעסטינער יידישער אַרבעטערשאַפט. דאָס וועט פאַרשטאַרקן דעם קאָנטאַקט צווישן זיי און דאַן וועט פאַרשווינדן די פאַרפרעמדקייט, וועגן וועלכער ס'האָבן גערעדט אויף דער קאָנפערענץ די פאַר־שטייער פון הסתדרות און וועלכע מיר, די פאַרטרעטער פון דער יידישער אַרבע־טערשאַפט, האָבן לײדער אַזוי שטאַרק געפילט.

דערצו איז אָבער אויך נייטיק, אַז דער קאָמיטעט פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל זאָל אויפהערן צו זיין בלויז דער פאַרטרעטער פון די גרופּירונגען וואָס האָבן אים געשאַפן און זאָל ווערן דער אויסדרוק פון דער גאַנצער יידישער אַרבעטערשאַפט.

די לאָגישע קאָנסעקווענץ פון דער לויזער קאָנפערענץ פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל איז דער יידישער אַרבעטער־פּאַלעסטינע־קאָנגרעס. קומט ער זיך צונויף, ווערט ער די נאַטירלעכסטע און באַקוועמסטע באַזע פאַרן איינהייטלעכן פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטינע־פּראָגנט. די קערפּערשאַפט וואָס ווערט פון אים אויס־געטיילט, באַקומט דאָס אומבאַשטרייטבאַרע רעכט צו רעדן אין נאָמען פון דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטערשאַפט. גלייכצייטיק, אַלזאָ, מיט דער איינהייט־לעכער פּראָלעטאַרישער פּאַלעסטינע־אַקציע, דאַרף דער יידישער אַרבעטער־פּאַלעסטינע־קאָנגרעס ווערן דער לאָזונג, מיט וועלכן מיר קומען צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

„אַקטועלע אַרבעטער־פראַגן", 28 סעפּטעמבער 1923.

„וואַרשעווער אַרבעטער־פראַגן", 5 אָקטאָבער 1923.

ווענן אונדזער באַציאונג צום „החלוץ"

(דיסקוסיע־אַרטיקל)

דער חבר וועשער איז געדעכט מיט זיין כאַראַקטעריסטיק וועגן דעם סאָציאַלן אינהאַלט פון דעם „החלוץ". שוין מיט דריטהאַלבן יאָר צוריק האָט דאָס זעלבע מיט אנדערע ווערטער אויסגעדריקט אונדזער וועלט־באַוועגונג בזה הלשון: „דער „החלוץ" איז דער אויסדרוק פון דעם שטרעבן און דראַנג צו פּראָדוקטיוון לעבן און איבערוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל, וואָס כאַפּט אַרום אין אונדזער תקופה די קליינבירגערלעכע און זיך פּראָלעטאַריזירנדיקע מאַסן פונעם יידישן פאָלק".

איך רעכן, אַז ביי אונדז וועט זיך נישט געפינען קיינער, וואָס זאָל נישט האַלטן די אויפגאַבן פונעם „החלוץ" פאַר נוצלעכע. די פּאָזיטיווע באַציאונג פון אונדזער באַוועגונג צו דער עקאָנאָמישער אַרבעט פון דעם „החלוץ" איז נישט איינמאָל געקומען צום אויסדרוק. מיר ווען אַלס ביישפּיל אָנווייזן דערויף, אַז אונדזערע פאַרטרעטער אין די קהילות קעמפן פאַר אונטערשטיצן די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פערמעס און אַנדערע עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס פונעם „החלוץ". אַ טייל חברים ווערן אָבער פאַרפירט דורך דער דערציערישער אַרבעט פונעם „החלוץ", וועלכע טראָגט אַן אויסגעשפּראָכן בירגערלעכן און שאָוויניס־טיש־העברעאיסטישן כאַראַקטער, און דאָס פאַרשטעלט פאַר זיי דאָס אייגנטלעכע טעטיקייט־געביט פון דעם „החלוץ" און איז גורם דערצו, אַז זיי זאָלן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע באַטראַכטן, ווי אַ קעגנערישע און אין בעסטן פאַל אַלס אַזעלכע, וועלכע גייט אונדז נישט אָן.

דאָס איז אַ פעלער. די אַרבעט פון „החלוץ" פאַר צופּאַסן באַשטימטע עלע־מענטן פאַר די אַרבעט־באַדינגונגען אין ארץ־ישראל האָט אַ געוויסע באַדייטונג פאַרן פּאַלעסטיניזם. מ׳מוז אָבער מודה זיין, אַז די אויפטוען פונעם „החלוץ" האָבן חוץ פאַר א"י אויך אַ געוויסן פּאָזיטיוון ווערט פאַר די אַנדערע לענדער פון יידישע מאַסן־ישובים (אין ראַטנפאַרבאַנד למשל איז דער „החלוץ" געווען דער פּיאָנער פון דער נייער קאָלאָניזאַציע). אויך דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון די „החלוץ"־אָרגאַניזאַציעס באַרעכטיקט אונדז נישט צו אַ פּרינציפּיעל־פיינטלעכער באַציאונג צו זיי — זיי באַשטייען דער עיקר פון קליינבירגערלעכע, זיך פּראָלע־

טאַריזירנדיקע עלעמענטן און אפילו צו ביסלעך אויך פון אַרבעטער. דערפאַר וואָלט געווען שעדלעך, אַז מיר זאָלן דעם „החלוץ" באַקעמפן אין פּרינציפּ, אָדער מיר זאָלן פון אים וויכן, זיך באַציען צו אים נייטראַל.

ס'איז איצט שוין אַן אָנגענומענער כלל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, אַז די טאַקטיק פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג דאַרף זיין געווענדט צו געווינען די השפעה אויף די סאָציאַלע צווישן־שיכטן. די ערשטע האָבן פאַרשטאַנען די קאָמוניסטן, אַז פון געווינען די דאָזיקע עלעמענטן איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק דער נצחון פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אויף דעם לעצטן אַנטי־פאַשיסטישן קאָנגרעס, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון די קאָמוניסטן, האָט מען אַ גאַנץ חשובן פּלאַץ אָפּגעגעבן דעם אונגאַרישן אַריסטאָקראַט גראַף קאַראָלי און אויך דעם געוועזענעם אַלבאַנישן פּרעזידענט פאַן־נאלי, אָבער אפילו די קאָנסערוואַטיווע ס.ד. ־ באַוועגונג האָט עס שוין אויך תופס געווען, און אויך ס.ד. צוזאַמענפאַרן פאַרנעמט לעצטנס אַ גאַר אָנגעזעענעם פּלאַץ די פראַגע וועגן דער אַרבעט צווישן די פּויערים און דעם קליינבירגערטום. אויך אונדזער קאָנקרעטע טאָג־טעגלעכע אַרבעט אין די שטאָטראַטן און אין די קהילות גייט אויף דער ליניע פון געווינען די השפּעה אויך אויף דער שטאָטישער אָרעמקייט. פאַרוואָס זאָל בכן דער „החלוץ", וואָס בילדעט אויך אַן ענלעכע פאָרמאַציע, זיין אין דעם פּרט אַן אויסנאַם?

דאַרף אונדז נישט אָפּשרעקן, וואָס די איצטיקע אידעאָלאָגיע פון דעם „החלוץ" איז אַן אַנטי־פּראָלעטאַרישע, אַ נאַציאָנאַליסטישע. ס'דאַרף אונדז נישט אָפּשרעקן דער העברעאיזם פון דער אָרגאַניזאַציע. ס'איז נישט קיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, ווו די אידעאָלאָגיע, די פּאָליטישע ליניע זענען פאַרפליכטנד פאַר די אַריינטרעטנדיקע. אונדזער אויפגאַבע דאַרף זיין באַקעמפן נישט נאָר פון אויסנוויניק, ווי מיר טוען־עס איצט אויך, די בירגערלעכע און שאָוויניסטיש־העברעאיסטישע ליניע פונעם „החלוץ", נאָר אויך פון אינעווייניק. ס'איז געוויס צוועקמעסיקער. אויב ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז פונדעסטוועגן זענען געוויסע סימפּאַטיעס פאַר אונדזער אידעאָלאָגיע פאַראַן אין „החלוץ" שוין איצט, וועט זיך אונדזער השפּעה פיל מער שטאַרקן, ווען מיר וועלן האָבן די מעגלעכקייט פון אַן ענגערער באַרירונג מיט די דאָזיקע עלעמענטן.

איך האָב נישט די אילוזיעס, וועלכע ס'האָט דער חבר וועשער, אַז אונדז וועט זיך ביי די איצטיקע פאַרהעלטענישן איינגעבן צו באַהערשן דעם „החלוץ". דערצו וועלן נישט דערלאָזן די איצטיקע אָנפירער, וועלכע וועלן געוויס קענען אויסנוצן דעם אַפּאַראַט נישט ערגער, ווי דער „בונד" אין דער פּראָפ.־באַוועגונג, אָדער „אחדות־העבודה" און „הפּועל־הצעיר" אין דער הסתדרות. זאָל זיך ח' וועשער דערמאָנען, ווי מ'האָט געהאַנדלט קעגן א ריי אַקטיווע טוער פון „החלוץ" אין ליטע, ווען זיי זענען געוואָרן פאַר אונדז — מ'האָט זיי פּשוט באַזיי־

טיקט. מ׳טאָר אויך נישט פאַרגעסן, אַז דער „החלוץ״ איז איצט פינאַנציעל אָפּ־העגניק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט געוויס דאָס אויסנוצן, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז דער „החלוץ״ זאָל אַראָפּ פון זיין איצטיקער ליניע. און נאָך איין זאַך: נישט נאָר ביי דער איצטיקער סיטואַציע, ווען סערטיפיקאַטן זענען פאַראַן פיל ווייניקער. ווי אָרגאַניזירטע חלוצים, נאָר אפילו ווען די צאָל סערטיפיקאַטן זאָל באַדייטנד אויסוואַקסן, וועט מען גוט בודק זיין די פּאָליטישע כשרות פון די, וואָס ווילן פאָרן קיין ארץ־ישראל, און אפילו אונדזערע חברים, אויב זיי זאָלן זיך געפינען אין „החלוץ״, וועלן פון דער דאָזיקער בדיקה נישט פּטור ווערן. און פונדעסטוועגן בין איך פאַר פאַראינטערעסירן זיך מיט דער אַרבעט פונעם „החלוץ״, פאַר דערלויבן חברים צו אַרבעטן אין דער אָרגאַניזאַציע, ווייל ס׳איז נייטיק צו פאַרשטאַרקן אונדזער השפּעה אויף די סאָציאַל אונדז נאָענ־טע עלעמענטן, וועלכע זענען אָרגאַניזירט אין „החלוץ״.

„אַרבעטער־צייטונג״ נומ׳ 13, 1929.

25 יאָר וועלט-פאַרבאַנד פּועלי-ציון

מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק איז געלייגט געוואָרן דער גרונט־שטיין פאַרן וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון. די דאָזיקע דאַטע וועט בלייבן אַ געשיכטלעכע אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווייל דערמיט האָט באַקומען זיין אָרגאַ־ניזאַטאָרישן אויסדרוק דער פּרינציפּ פון אַלוועלטלעכקייט פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז באַלד ביים אויפקום פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג געוואָרן איינער פון די גרונט־יסודות פון איר טעאָריע און פּראַקטיק.

פּועלי־ציון איז צוגעפאַלן די ראָל צו זיין אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס די פּיאָנערן אויפן געביט פון וויסנשאַפטלעך־מאַרקסיסטישער באַנעמונג פון יידישן אַרבעטער־פּראָבלעם, און אין רעזולטאַט דערפון, אין פאָרמולירן די קאַמף־אויפגאַבן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, געבויט אויף זיינע ספּעציפישע אַנט־וויקלונגס־באַדערפענישן און מעגלעכקייטן. די באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פאַר די סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע פּראָצעסן אין דער יידישער סביבה, דאָס פעסטשטעלן די אייגנאַרטיקייט פון דער יידישער עקאָנאָמיק, און אין רעזולטאַט דערפון, די ספּעציפישע דערשיינונגען אין יידישן מאַסן־לעבן, האָבן געמוזט דערפירן צום אַלוועלטלעכן באַנעמען דאָס יידישע אַרבעטער־פּראָבלעם.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט מען געדאַרפֿט פֿאַרמאָגן מוט פֿון קעמפֿער און אומדערשראָקנקייט פֿון רעוואָלוציאָנערן, כּדי צו קומען צו דער ייִדישער אַרבעטער־עפֿנטלעכקייט מיטן לאָזונג פֿון אַלוועלטלעכקייט, פּונקט ווי מיט די לאָזונגען פֿון פּראָלעטאַרישן ציוניזם בכלל. צו יענער צייט האָבן זיך קוים־קוים אָנגעמערקט די טענדענצן, וואָס פֿירן צו דער רעאַליזירונג פֿון פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם בכלל. קוים־קוים האָבן זיך אָנגעצייכנט די טענדענצן, וואָס פֿירן צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ייִדישן טעריטאָריאַלן אַרבעטער־צענטער אין ארץ־ישׂראל. בלאָס און קוים־מערקבאַר זענען געווען די קאָנטורן פֿון אַלוועלטלעכן כאַראַקטער פֿון ייִדישן אַרבעטער־פּראָבלעם.

עס איז דעמאָלט געווען דער בלי־פּעריאָד פֿון דער ייִדישער מאַסן־וואַנדערונג אין צפֿון־אַמעריקע און אין אַנדערע אימיגראַציע־לענדער. דאָרט האָבן זיך געשאַפֿן ריזיקע ייִדישע מאַסן־צענטערן, און ס׳האָט זיך אויסגעבילדעט אַ מעכטיקע ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג. אַ קלייניקער שטראָם האָט אפֿילו אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין דער לאַנדווירטשאַפֿט. האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז די עקאָנאָמיק פֿון ייִדישן מאַסן־לעבן אין די נייע איינוואַנדערונגס־לענדער האָט פֿיל פֿעסטערע, מער זיכערע יסודות, ווי אין די אַלטע ייִדישע מאַסן־קיבוצים. דאַן איז נאָך שווער געווען צו באַנעמען דאָס געמיינזאַמע פֿון דער דעמאָלט פֿעסטערער עקאָנאָמישער באַזע פֿון ייִדישן מאַסן־לעבן אויף יענער זייט ים מיט די שוין קלאָרע סימנים פֿון פֿאַנאַנדערפֿאַל פֿון דער ייִדישער עקאָנאָמיק אין די אַלטע מאַסן־ישובֿים.

דער קאַמף פֿאַר די רעכט פֿון דער ייִדישער מאַסן־קולטור — איז דעמאָלט געווען קוים אין די וויקעלעך. פֿון אַ מאַסן־באַוועגונג פֿאַר אַ ייִדישער שול, פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך, פֿאַר דער קולטור פֿון די ייִדישע מאַסן אין ייִדיש — איז נישט געווען קיין זכר. אין ייִדישן פּראָלעטאַרישן לעבן האָבן דאָמינירט אולטראַ־אַסימילאַטאָרישע, אָדער אין בעסטן פֿאַל נייטראַליסטישע טענדענצן. בלויז אַ קליינער טייל איז געווען פֿעיִק אויפֿצופּאַסן שוין צו יענער צייט דעם אַלוועלטלעכן כאַראַקטער פֿון דער ייִדישער מאַסן־קולטור.

היינט זענען מיר עדות, ווי דאָס לעבן האָט אין דער פֿולער מאָס באַשטעטיקט דעם פּרינציפּ פֿון אַלוועלטלעכקייט, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פֿון פּועלי־ציון פֿון אָנהייב אָן. אַלוועלטלעכקייט איז היינט־צו־טאָג געוואָרן אַ ליניע אין דער טעטיקייט פֿון אַלע ריכטונגען אויף דער ייִדישער אַרבעטער־גאַס.

אַמאָל האָט מען פֿאַרשריגן דעם פּרינציפּ פֿון אַלוועלטלעכקייט אַלס שאָוויניזם, מ׳האָט אים געהאַלטן נאָר לעכערלעך. מ׳האָט פּשוט געחוזקט פֿון פּועלי־ציון איבערן אַלוועלטלעכן כאַראַקטער פֿון זייער אָרגאַניזאַציע און טעטיקייט. די „אַלוועלטלעכע״ — האָט געגאָלטן אַלס שפּאָט־וואָרט אויף פּועלי־ציון מצדן „בונד״ און ייִדסעקעס. אין דעם צוריקבליק פֿון פֿינף און צוואַנציק יאָר גע־

שיכטע ווייזט זיך ערשט אַרויס די פּאָליטישע און אידעאישע באַגרענעצטקייט פון אונדזערע קעגנער. היינט ווייסט און פילט יעדער יידישער אַרבעטער, אַז די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער גאַנצער וועלט שטעלן מיט זיך פאָר איין גרויסע יידישע אַרבעטער־משפּחה, זיי בילדן מיט זיך דעם גרויסן יידישן אַרבעטער־קאָלעקטיוו, וואָס שטייט פאַר בשותּפותדיקע אויפגאַבן און קעמפט אין די איבעראַל ענלעכע פאַרהעלטעענישן פון יידישן מאַסן־לעבן.

איבעראַל, אין דער גאַנצער וועלט, ווו עס וווינען מאַסן יידן, שטעלן זיך פאָר דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פּראָבלעמען פון עקאָנאָמישן איבערבוי, פון פאַרפעסטיקן די עקאָנאָמישע באַזע פון די יידישע מאַסן. אומעטום הערשט דער דראַנג זיך אַרויסצורייסן פון שמאָלן און אומגעזונטן עקאָנאָמישן געטאָ, אין וועלכן די טראַגישע געשיכטע פון יידישן פאָלק האָט אַוועקגעשטעלט די יידישע אַרבעטערשאַפט, צו באַהעפטן זיך מיט דער לאַנדווירטשאַפט און אַריינדרינגען אין דער גרויסער אינדוסטריע. אומעטום שטעלן זיך פאַר די יידישע מאַסן אַוועק די פּראָבלעמען פון פּראָדוקטיוויזירונג און אומשיכטונג. אין פאַרשידענע לענדער נעמט עס אָן פאַרשידענע פאָרמען — קאָלאָניזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד, קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט אין פּוילן, פּראָדוקטיווירונגס־פּרווון אין פאַרשידענע לענדער, און דער עיקר — די ראַדיקאַלע עקאָנאָמישע אומשיכטונג מיטן טעריטאָריאַליזירונגס־פּראָצעס אין ארץ־ישראל — דאָס זענען טייל־באַוועגונגען פון איין און דעם זעלבן פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין לעבן פון די יידישע מאַסן אין גאָר דער וועלט.

איבעראַל, אין אַלע לענדער, ווו עס וווינען, ליידן און קעמפן יידישע מאַסן — שטעלן זיך פאַר זיי די זעלבע אויפגאַבן אויפן געביט פון באַפרידיקן זייערע קולטור־באַדערפענישן. אויך די וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט אין יידיש, צי זי ווערט געפירט אין וואַרשע, ווילנע, מינסק צי אין ניו־יאָרק, איז געצוווּנגען אַרויסצוגיין פון די לאָקאַלע ראַמען און מוז זיך פונאַנדערוויקלען איבער די ברייטע שליאַכן פון יידישן מאַסן־לעבן אין דער גאַנצער וועלט.

פאָרמעל זענען די פּועלי־ציון נאָך היינט די איינציקע, וועלכע אָנערקענען פּרינציפּיעל דעם אַלוועלטלעכן כאַראַקטער פון יידישן אַרבעטער־פּראָבלעם, וועלכע האָבן דעם דאָזיקן פּרינציפּ פאַרקערפּערט אין דער דורך זיי־געשאַפענער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע — אינעם וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון. און פונדעסטוועגן, הגם דער פּרינציפּ פון אַלוועלטלעכקייט איז נאָך ביז איצט פאָרמעל נישט אָנערקענט נישט דורך דעם „בונד", נישט דורך די יידישע סעקציעס, ווערט היינט די פּאָליטיק פון אַלע ריכטונגען אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלגעמיינע שטריכן געפירט אין וועלט־מאַסשטאַב. בונד אין פּוילן און מערב־אייראָפּע, אין רומעניע און לעטלאַנד פירט די זעלבע פּאָליטיק — סיי אין אַלגעמיינע, סיי אין יידישע פראַגן. דאָס זעלבע איז נאָך מער

שייך צו די יידסעקעס, וועלכע באַמיען זיך צו שאַפן אין דער גאַנצער וועלט ספּעציעל־יידישע אָרגאַניזאַציעס פאַר דער עקאָנאָמישער אַרבעט אין ראַטנפאַר־באַנד, ספּעציעל צווישן די יידישע מאַסן. אויף זייער שטייגער ברענגען אויך זיי צום אויסדרוק דעם געמיינזאַמען אינטערעס און אויפגאַבן פון די יידישע מאַסן.

די אידעע פון אַלוועלטלעכקייט האָט געזיגט. מעגן פאַרמעל די יידסעקעס און בונדיסטן דאָס נישט אָנערקענען, בלייבט אַ פאַקט, אַז אין לעבן האָט זיך די אידעע פון אַלוועלטלעכקייט דורכגעשלאָגן אַ וועג — דורך דער קאָנקרעטער, טאָג־טעגלעכער אַרבעט, דורך דער אידענטישקייט פון די פּראָבלעמען, וועלכע ווערן געשטעלט פאַר דער יידישער אַרבעטער־ווירקלעכקייט. עס בלייבט פונ־דעסטוועגן אַ פאַקט, אַז אין זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט פּועלי־ציון איז דער קאָמאינטערן אַנומלטן געווען געצווונגען צו אָנערקענען אויך אָרגאַניזאַטאָריש דעם פּרינציפּ פון אַלוועלטלעכקייט — דורך אויסדריקן זיין גרייטקייט צו שאַפן ביי זיך אַן אַלוועלטלעך יידיש ביוראָ; אַן אַנדערע זאַך איז, אַז דערצו איז ער גע־קומען נישט צוליב פאַרטיפן זיך אין יידישן אַרבעטער־פּראָבלעם, צוליב מאַרק־סיסטישן באַנעמען די יידישע אַרבעטער־פראַגע, נאָר צוליב אָפּאָרטוניסטישע מאָטיוון. אָבער אַ פאַקט בלייבט עס!

יאָ! עס האָט געזיגט די אידעע, פאַר וועלכער פּועלי־ציון קעמפט צענדלי־קער יאָרן. אויב די אידעע פון אַלוועלטלעכקייט ווערט נאָך פּרינציפּיעל נישט אָנערקענט דורך דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע שאַ־טירונגען — איז עס נאָר אַ באַווייז פאַרן אידעאישן אָפּאָרטוניזם און פּאָליטישער כאַראַקטערלאָזיקייט פון די דאָזיקע ריכטונגען — „בונד" און יעווסעקציע.

דער פּועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד האָט דורכגעמאַכט אַן ענלעכע אַנטוויק־לונג, ווי די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פונעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט. מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, בעת ער איז געגרינדעט געוואָרן, האָט דער וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון קאָנצענטרירט אין זיך אַלע די עלעמענטן, וואָס האָבן זיך באַקענט צום פּועלי־ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען: ער האָט פאַראייניקט אין זיך סיי די רוסלענדישע פּועלי־ציון, — פאַר וועמען דער אויס־גאַנגס־פּונקט איז געווען דער קלאַסן־וועג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, געשטעלט דעם טראָפּ אויף די קלאַסן־נויטן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און געזען דעם קלאַסן־קאַמף אַלס דעם איינציקן וועג אויך צו נאַציאָנאַלער באַפרייאונג — סיי די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון, ביי וועלכע עס האָט דאָמינירט דער נאַציאָנאַ־לער מאָמענט, וועלכע האָבן זיך נאָר פאַרמעל באַקענט צום קלאַסן־קאַמף, אָנ־ווענדנדיק אין דער ווירקלעכקייט די פּאָליטיק פון קלאַסן־שלום. צווישן דיביידע קעגנזעצלעכע עלעמענטן האָבן געפענדלט אַהין און אַהער די מיטלע — די עסטרייכישע פּועלי־ציון, וואָס אויסוואַקסנדיק צו אַ מאַסן־פּאַרטיי און געפי־נענדיק זיך אונטער דער אידעאישער השפּעה פון די רוסלענדישע פּועלי־ציון,

האָבן זיי זיך קאָנסעקווענט אַנטוויקלט אין דער ריכטונג פון אַ קלאָרער, אויסגעשפּראָכענער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־פּאַרטיי. אויך אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט ביזן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה געהערשט דער זעלבער אידעאישער און פּאָליטישער כאַאָס.

אַ שווערער אינערלעכער קאַמף האָט זיך געפירט פון אָנהייב אָן אינעם אַמאָל איינהייטלעכן וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון, אַ קאַמף צווישן די רעוואָלוציאָנערע און אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן. אויף די וועלט־קאָנפערענצן, וואָס זענען פאַרגעקומען נאָך פאַר דער וועלט־מלחמה אין די יאָרן 1911 און 1913, האָט זיך געפירט אַ פאַרביטערטער קאַמף אַרום די פראַגן פון דער יידישער אַרבעטערפּאָליטיק — וועגן דער באַציאונג צום ציוניסטן־קאָנגרעס, וועגן די מעטאָדן פון דער פּאַלעסטינע־טעטיקייט פון די פּועלי־ציון־פּאַרטייען. וואָס לענגער עס האָט עקזיסטירט דער וועלט־פאַרבאַנד, אַלץ פאַרביטערטער איז געוואָרן דער קאַמף צווישן זיי.

די וועלט־מלחמה האָט דערשיטערט די יסודות פון דער אַלטער וועלט. פאַרן אַרבעטער־קלאַס אין דער גאַנצער וועלט האָבן זיך געשטעלט נייע קאַמף־אויפגאַבן. די חילוקי־דעות, וואָס האָבן פאַר דער וועלט־מלחמה נישט געשטערט צו זיצן אין איין אינטערנאַציאָנאַל די פאַרשידענע ריכטונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, זענען איצט געוואַלטיק אויסגעוואַקסן און האָבן געשאַפן אַ טיפן תהום, נישט איבערצושפּרייזן, צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן און אָפּאָרטוניסטישן טייל פון דער אַרבעטערשאַפט. אַ געמיינזאַמע פּאָליטיק איז געוואָרן אוממעגלעך צו פירן — נישט נאָר אין וועלט־מאַסשטאַב, נאָר אויך אין די לאַנד־פּאַרטייען. און דאָס וואָס עס איז געשען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט געמוזט פאָרקומען אויך ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט — עס האָט געמוזט קומען צו דער אויסבילדונג פון צוויי פּועלי־ציון־פאַרבאַנדן.

די אַנטוויקלונג פוןביידע פאַרבאַנדן האָט קלאָר און בולט באַוויזן, ווי באַרעכטיקט די שפּאַלטונג איז געווען. וואָס איז געוואָרן פון רעכטן וועלט־פאַרבאַנד? אַ שאָטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. וועלכע זענען די ריכטליניען פון זיין גייסט און פון דער פּאָליטיק, וועלכע ווערט דורך אים געפירט? דאָס איז אין בעסטן פאַל דעמאָקראַטישער ציוניזם. זיין וועג איז נישט דער וועג פון פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף, נאָר פון כלל־ישראל.

מוטיק און אַנטשלאָסן האָט דער געריניקטער און געלייטערטער וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון געפירט דעם קאַמף פאַר די רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, געפירט דעם קאַמף פאַר דער באַפרידיקונג פון די וויכטיגסטע באַדערפעענישן פון די יידישע מאַסן, קעגן עקאָנאָמישער איסראָטונג און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, פאַר די באַנייענדיקע עקאָנאָמישע און קולטור־פּראָצעסן אינעם יידישן לעבן, פאַר דער טעריטאָריאַליזירונג פון די

יידישע מאַסן אין ארץ־ישראל — אומעטום, אויף אַלע פראָנטן פון קאַמף, אין דער ערשטער ריי מארשירן די יידישע אַרבעטער־מחנות אונטער די רויטע קאַמף־פאָנען פון פועלי־ציון.

ענערגיש און קאָנסעקווענט האָט דער וועלט־פאַרבאַנד געפירט דעם קאַמף פאַר דער אָנערקענונג פון פועלי־ציוניזם דורך דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט געהאַנדלט אין גייסט פון דער קעמפנדיקער יידישער אַרבעטערשאַפט, אין זין פון די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, ווען ער האָט נישט געוואָלט קאַפּיטולירן, ווען איידער דורכפירן די ליקווידאַציע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און זיך אָפּזאָגן פון אירע עיקרדיקע פּאָסטולאַטן, האָט ער פאָרגעצויגן צו בלייבן אָרגאַניזאַטאָריש מחוץ דער אָרגאַניזירטער מאַרקסיסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

פינף און צוואַנציק יאָר זענען אַוועק פון יענער צייט, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער וועלט־פאַרבאַנד פועלי־ציון. דורך דעם האָט דער פּרינציפּ פון אַלוועלטלעכקייט באַקומען בלוט און פלייש. אַלוועלטלעכקייט האָט אויפגעהערט צו זיין אַ טעאָרעטישער פּונקט אין פּראָגראַם. אין טאָג־טעגלעכן קאַמף, אין טאָג־טעגלעכער אַרבעט איז כסדר פאַרווירקלעכט געוואָרן די אידעע פון אַלוועלטלעכקייט, זי איז געוואָרן אַן ערנסטער און וויכטיקער פאַקטאָר אין יידישן אַרבעטער־לעבן.

אַזוי האָט געזיגט אין לעבן די אידעע פון אַלוועלטלעכקייט — איינער פון די עיקרדיקע יסודות, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די טעאָריע און פּראַקטיק פון פועלי־ציון. עס מוז און וועט זיגן דער פועלי־ציוניזם אין זיין גאַנצן פאַרנעם, ווייל דאָס איז דער היסטאָרישער וועג פון יידישן אַרבעטער־לעבן, די געשיכטלעכע נויטווענדיקייט אין זיין אַנטוויקלונג.

„אַרבעטער־צייטונג“ נומ' 29, 1932.

פּראָבלעמען פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין דער איבערגאַנגס־תקופה

(דיסקוסיע־אַרטיקל)

דער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם האָט באַדייטנד פאַרשטאַרקט די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ אין אַלע בורזשואַזע מלוכות. די פּראָדוקציע ווערט איינגעשרומפּן.

די לאַגע פֿון די ברייטע מאַסן ווערט אַלץ שווערער, און זייער דרוק אויף דער מאַכט מיט דער פֿאָדערונג צו פֿאַרזיכערן זיי ברויט און אַרבעט ווערט אַלץ שטאַרקער. ביי דער סיטואַציע ווערט די עיקרדיקע ליניע פֿון דער פּאָליטיק פֿון די בירגערלעכע רעגירונגען — נאָכצוקומען דעם דרוק פֿון די מאַסן פֿון דער מערהייט־נאַציע פֿון זייער לאַנד, אויפֿן חשבון פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן: זיי מאַכן די מינדערהייטן פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער דאָזיקער לאַגע, ־ענהענדיק, אַז זיי נעמען צו אַרבעט און ברויט ביי דער „איינגעבוירענער באַפֿעלקערונג". זיי רעזערווירן די פֿאַראַנענע אַרבעט און די מלוכהשע הילפֿס־פֿאָנדן פֿאַר דער מערהייטס־באַפֿעלקערונג. די געזעצגעבונג קעגן „פֿרעמדע" איז איינער פֿון די אויסדרוקן פֿון דער דאָזיקער טענדענץ. וואָס שוואַכער עס איז די נאַציאָנאַלע מינדערהייט, וואָס מער זי איז צעשפּרייט און וואָס ווייטער זי שטייט פֿון זיי שליסל־פּאָזיציעס פֿון דערווירטשאַפֿט — אַלץ לייכטער ווערט אָנצווענדן קעגן איר די דאָזיקע פּאָליטיק. קלאָר, אַז אַמשאַרפֿסטן און אַמשווערסטן ליידן פֿון אָט דער פּאָליטיק די יידישע מאַסן.

אין אַלע לענדער פֿאַרברייטערט זיך אַלץ דער מלוכהשער ווירטשאַפֿט־סעקטאָר, ס'פֿאַרברייטערט זיך אויך דער סעקטאָר פֿון דער דורך רעגירונג און מוניציפּאַליטעטן געשטיצטער און קאָנטראָלירטער ווירטשאַפֿט. פֿון די דאָזיקע געביטן ווערן יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אַלץ מער אויסגעשלאָסן. אויך אינעם סעקטאָר פֿון פּריוואַט־ווירטשאַפֿט, ווו די מעגלעכקייטן פֿאַר פֿרייער קאָנקורענץ לאָזן נאָך איבער אַ באַשטימטן פּלאַץ פֿאַר יידן, ווערט די לאַגע שווערער, ווייל אויך דאָ ווערט די פֿרייע קאָנקורענץ אַלץ מער פֿאַרביטן מיט מאָנאָפּאָלן פֿון גרויסע טרעסטן און סינדיקאַטן. די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה אינטערווענירט אויך דאָ אַלץ מער — דורך איר קרעדיט און שטייערן־פּאָליטיק. די קאָנקורענץ גייט אַריבער אַלץ מערער פֿון ריין עקאָנאָמישע צו פּאָליטישע קאַמף־מיטלען. דערצו ווערט דער שטח פֿון דער פֿרייער פּריוואַטער ווירטשאַפֿט אַלץ מער איינגעשרומפּן מחמת דער וואַקסנדיקער מלוכהשער אַריינמישונג.

די דאָזיקע פּראָצעסן פֿאַרשווערן אומגעהייער דעם עקזיסטענץ־קאַמף פֿון די יידישע מאַסן, וועלכע ליידן אַזוי אויך פֿון דעם שווערן, דויערנדיקן קריזיס פֿון קאַפּיטאַליזם, טרעפֿן זיי באַזונדערס שווער צוליב זייערע שוואַכע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און רוקן אַרויס אַלץ בולטער אַלס אמתע סיבה פֿון דער ספּעציפֿיש שווערער לאַגע זייערער די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ, דעם דירעקטן קאַמף פֿון דער אָרגאַניזירטער פּאַרטרעטערשאַפֿט פֿון דער הערשנדער מערהייטס־בורזשואַזיע קעגן זיי אַלס נאַציאָנאַלע קאָנקורירנדיקע גרופּע. אפֿילו די יידישע מיטל־ און גרויס־בורזשואַזיע ווערט אין דער איצטיקער תקופֿה שטאַרק באַרירט פֿון די דאָזיקע פּראָצעסן.

אָבער די דאָזיקע פּראָצעסן רופֿן אַרויס פֿאַרשידנאַרטיקע אופֿנים פֿון

רעאַגירן. די יידישע מיטעלע, גרויסע און צום טייל קליינע בורזשואַזיע האָט זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן דער פּאָליטיק פון די הערשנדיקע רעגירונגס־סיסטעמען און געוואָרן זייער כלי־זיין, געהאָרכזאַמע מיטגייער און מיטהעלפער פון די פאַשיסטישע און רעאַקציאָנערע רעגירונגען, וועלכע הערשן אין די לענדער פון די אַלטע יידישע מאַסן־ישובים. זיי האָבן פאַרוואָרפן יעדן קאַמף קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, קעגן דער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי די יידישע מאַסן, פאַר נאַציאָנאַלע רעכט — פאַרן פּרייז פון קליינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע הנחות פאַר דער אָדער יענער קליינער גרופּע אינערהאַלב דעם יידישן בירגערטום.ביים יידישן בירגערטום האָבן זיך דערצו, אין אַנבליק פונעם שווערן קריזיס און זיין באַזונדערס קאַטאַסטראָפאַלער ווירקונג אויף די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, פאַרשטאַרקט די פאַשיסטישע און רעאַקציאָנער־קלעריקאַלע טענדענצן, ווי עס דערווייזט די באַדייטנד אויסגעוואַקסענע השפעה פון רעוויזיאָניזם און אגודה.

די זעלבע פּראָצעסן אין רעזולטאַט פונעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם און פון דער פאַרשטאַרקטער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ — רופן אַרויס אויך ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט אַ באַדייטנדע אָפּשוואַכונג פון איר סטראַטעגישער קאַמף־באַזע. עס קומט פאַר אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער דער פּראָצעס פון פּויפּעריזירונג און דעפּראָלעטאַריזאַציע. אָביעקטיוו ווערט אַזוי אַרום דער קאַמף — סיי קעגן די דירעקטע רעזולטאַטן פון קריזיס, סיי קעגן זיין אומדירעקטער ווירקונג אויף די יידישע מאַסן — די פאַרשטאַרקטע נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ און אונטערדריקונג — פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, קעגן בורזשואַזע רעגירונגען, קעגן דער אייגענער בורזשואַזיע. פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט שטעלט זיך איצט די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן דעם מאַסן־קאַמף פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פאַר עלעמענטאַרע בירגערלעכע רעכט און קעגן פּרווון פון פיזישער אויסראָטונג; אָרגאַניזירן די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס צום קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם; אָרגאַניזירן די יידישע מאַסן צום פּראָפ.־קאַמף, צום קאַמף קעגן דער עקאָנאָמישער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי די יידישע מאַסן, פאַר רעכט אויף אַרבעט; צום קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג, פאַר רעכט פון דער יידישער שפּראַך און קולטור; מיטהעלפן דער אַנטוויקלונג פון פאַך־אויסבילדונג און איבערשיכטונג פון די יידישע מאַסן; פירן אַ פאַרשטאַרקטן פּאָליטישן קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם, קעגן די בורזשואַזע רעגירונגען, קעגן דער יידישער בורזשואַזיע.

די יידישע בורזשואַזיע ווערט מיט כוח געשטויסן פון דעם ביז־איצטיקן אַסימילאַציע־וועג אויפן וועג פון נאַציאָנאַלער אָרגאַניזירונג און פון נאַציאָנאַלער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. זי מוז, ווילנדיק נישט־ווילנדיק, זוכן די וועגן צו שאַפן

אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן מאַרק דורך דער אויפשטעלונג פון אַ טעריטאָריאַלן צענטער. אַרויסרוקנדיק דעם אַרגומענט, אַז כלפּי דעם אַנטיסעמיטיזם מוזן אַלע יידן זיך קעגנזייטיק העלפן, כדי צו ראַטעווען די פּאָזיציעס. וועלכע בלייבן זיי נאָך איבער, פּרוווט זי צו צווינגען די אַרבעטער־מאַסן צו טראָגן אַלע הוצאות פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ. די „נאַציאָנאַליזירונג" פון דער יידישער בור־זשואַזיע און די וואַקסנדיקע איזאָלאַציע־פּראָצעסן אין יידישן לעבן ווערן דער־פאַר פאַרבונדן מיט דער פאַרשאַרפונג פון קלאַסן־קאַמף אויף דער יידישער גאַס.

די דאָזיקע פּראָצעסן רופן אַרויס אַלץ שטאַרקערע עמיגראַציע־טענדענצן. אָבער די פרייהייט פון מאַסן־וואַנדערונגען, וואָס איז געווען איינע פון די יסודות פון דער „פרייער" קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט פון 19 יאָרהונדערט, האָט אויך אויפגעהערט צו עקזיסטירן אין דער איצטיקער תקופה פון אונטערגייענ־דיקן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם. די איינוואַנדערונג ווערט אין אַלע לענדער שטאַרק באַגרענעצט, טיילמאָל אין גאַנצן פאַרווערט, קאָנטינגענטירט א.א.וו. פאַר די עמיגראַציע־פעלקער שטעלט זיך דעריבער אַלץ שאַרפער די אויפגאַבע צו געפינען לכל הפּחות אַ באַגרענעצטן שטח ווו זייער עמיגראַציע וואָלט זיך דעראָבערט די מעגלעכקייט אַריינצוקומען. אַזאַ שטח מוז און קאָן געפונען ווערן נאָר אין אַזאַ לאַנד, ווו מאָנאָפּאָליעס האָבן נאָך נישט געפעסטעט און דערשטיקט די פרייע ווירטשאַפט און לכתּחילה אויסגעשלאָסן דאָס אַריינדרינגען פון נייע עלעמענטן, אַ לאַנד ווו אַן אָרטיקער קאַפּיטאַליזם אָדער עקזיסטירט נאָך אינגאַנצן נישט, אָדער ער הייבט זיך ערשט אָן צו אַנטוויקלען טאַקע דורך דער איינוואַנ־דערונג פונעם געגעבענעם עמיגראַציע־פאָלק. דערצו אַ לאַנד ווו דאָס אַריינדרינ־גען פונעם עמיגראַציע־שטראָם שטויסט זיך אָן אויף אַ קלענערן ווידערשטאַנד, ווייל עס האָט שטיץ־פּונקטן אינעם לאַנד גופא. פאַר דער יידישער עמיגראַציע האָט די דאָזיקע לאַגע איבערגעלאָזט ארץ־ישראל כמעט אַלס איינציקן פּלאַץ.

די וואַקסנדיקע אַריינמישונג פון דער מלוכה אין דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן, דער וווקס פון מאָנאָפּאָליעס, דאָס באַגרענעצן די „פרייע" ווירטשאַפט — העלפן אויף צו זיין פאַקטאָרן פון דירעקטער אַרויסשטויסונג פון די יידישע מאַסן און פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בכלל נאָר דאַן, ווען דער אַרבעטער־קלאַס קומט צו דער מאַכט. אַ תּנאי פאַר דעם איז די מאַקסימאַלע עקאָנאָמישע אַנט־וויקלונג פון יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע. ספּעציעלע הילף ווערט דערביי געגעבן די שוואַכערע גרופּן, כדי צו דערמעגלעכן זיי זיך עקאָנאָמיש אויפהייבן און זיך פּראָלעטאַריזירן. דערפאַר איז דער קאַמף פאַר דער אַרבעטער־מאַכט אָביעקטיוו פאַרבונדן מיטן קאַמף פאַר דער געזונטונג פון דער עקאָנאָמישער באַזע פון די יידישע מאַסן און פון זייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. די דאָזיקע פּאָליטיק פון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט שטויסט זיך נאַטירלעך אָן אויף די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן.

ווען די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע פון דעם ראַטנפאַרבאַנד איז געווען אַ שווערע, איז אַמשווערסטן געווען די לאַגע פון די עקסטעריטאָריאַלע מינדער־הייטן. דער ראַשיקער טעמפּ פון עקאָנאָמישן וווקס, די אויסערגעוויינלעך שנעלע פּאַרגרעסערונג און אויסברייטערונג פון דער פּראָדוקציע זינט 1928, האָט אָבער דערמעגלעכט אַריינצוציען אויך זיי אין דעם פּראָגרעסיוון פּראָצעס. אויך פאַר די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד זענען די לעצטע יאָרן געווען יאָרן פון עקאָנאָמישן פּראָגרעס, פון פּראָדוקטיוויזירונג און געזונטונג פון זייער עקאָנאָמישער סטרוק־

יצחק לעוו אין זיין לעצטער שליחות אין דרום־אַמעריקע — 1952 ; פאָטאָגראַפירט מיט אַ גרופּע חברים אין בוענאָס־איירעס. פון רעכטס : אורבאַך, אייזנבערג, לעוו, הירש, בענעק.

טור. די דאָזיקע לאַגע האָט געשאַפן אין דער באַוועגונג מיינונגען, לויט וועלכע דער באַראָכאָוויסטישער אַנאַליז פון דער יידישערווירקלעכקייט, וועלכער איז ריכטיק פאַר די לענדער, ווו עס הערשט די בורזשואַזיע, הערט אויף צו זיין ריכטיק און פאַרוואַנדלט זיך אין זיין קעגנזאַץ באַלד ווי די מאַכט גייט אריבער אין די הענט פון אַרבעטער־קלאַס. דעמאָלט — זאָגן די דאָזיקע מיינונגען — ווערט דאָס יידישע לעבן נאָרמאַל, דער יידישער פּראָלעטאַריאַט באַקומט אַ נאָר־מאַלע באַזע און ווערט אַ גלייכווערטיקער בויער פון אַרומיקן לעבן. די יידן־

פּראַגע ווערט בכן דאָרט געלייזט. די דאָזיקע מיינונגען זענען פאַלש און דערזעען נישט די פּאַקטישע פאַרשידנאַרטיקע, טיילוויַיז זיך סותרדיקע טענדענצן פון דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. די יידישע מאַסן אין ראַטנ־פאַרבאַנד אַלס עקסטעריטאָריאַלע גרופּע, פעלט דער אָרגאַנישער צוזאַמענבונד פון שטאָט און דאָרף, פון לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע און זיי באַדינענדע צוויַיגן. די נאָרמאַלע אַגראַריזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע אויף די ערטער בילדעט נישט דעם דאָמינירנדן שטראָם אינעם פּראָצעס פון עקאָנאָמישער איבערבויאונג פונעם יידישן לעבן דאָרט און נעמט נישט אַרום דעם איבער־וועגנדן רוב פון דער יידישער יוגנט אין די אינטעליגענטע פּראָפעסיעס און באַאַמטנשאַפט — אַ פּראָצעס, וועלכער גיט עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן פאַר די אַנטשפּרעכנדע פּערזאָנען, בילדעט אָבער אויס אַ שיכט, וואָס איז נישט פעיק צו אַנטוויקלען זיין אייגן לעבן, צו בילדן די באַזע פאַרן סאָציאַלן פּראָצעס. דער צווייטער שטראָם אין דעם עקאָנאָמישן איבערבויאונגס־פּראָצעס אין יידישן לעבן איז די אינדוסטריאַליזאַציע — דורך אַריינדרינגען אין פאַבריקן און זאַוואָדן אין נייע פּלעצער, ווו די יידן־פּראָלעטאַריער ווערן אָפּגעריסן פון די יידישע מאַסן און אויפגעזויגן פון דער נישט־יידישער סביבה. דאָ אַנטוויקלט זיך די אַסימילאַציע, וועלכע פאַרשפּרייט זיך אָבער נישט אויפן גאַנצן שטח פון יידישן לעבן. דער גרונט־קערן פון דער יידישער מאַסע, וואָס בלייבט און בילדעט מאַסן־ישובים אין די פריערדיקע וווין־ערטער, ווערט אין אַ קלענערער מאָס אינדוסטריאַליזירט, מוז זיך צופּאַסן צו דער אַרומיקער קולטור און סביבה, נישט קענענדיק עס אָבער אינגאַנצן דערגרייכן. דורך דעם שטענדיקן פּראָצעס פון אַרויסציִען די אַקטיווערע און מער ענערגישע עלעמענטן אין די אינדוס־טריעלע צענטערן פון לאַנד, ווו זיי ווערן אָפּגעריסן אינגאַנצן און ווו די יידישע באַפעלקערונג פון יידישע ישובים פאַרלירט מיט זיי יעדן קאָנטאַקט און קעגנזיי־טיקע השפּעה, ווערט זי נאָכמער אָפּגעשוואַכט און קולטורעל און טיילוויַיז אויך סאָציאַל דעגראַדירט.

דער דאָזיקער טאָפּלטער פּראָצעס אין יידישן לעבן האָט געצוווּנגען די ראַטן־מאַכט אַליין צו קומען צום באַוווּסטזיין, אַז די אינדוסטריאַליזירונג פון איינצלנע יידישע אַרבעטער אויסער די מאַסן־ישובים און די פאַרמערונג פון יידישע באַאַמטע, ברענגט נישט צו אַ לייזונג פון דער יידן־פּראַגע און העלפט נישט נאָרמאַליזירן דאָס לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג; אַז דאָס פאָדערט די קאָנצענטרירטע קאָלאָניזאַציע פון די יידישע מאַסן אינעם געביט פון דער יידישער איינגעזעסנקייט, אַרום די שטאָטישע ישובים, אָדער די אויפשטעלונג פון אַ יידישער טעריטאָריע מיט איר לאַנדווירטשאַפטלעכער באַזע און איר אינדוסטריע אין שטאָטישן לעבן אין אַ באַזונדערן געגנט ברייטן ראַיאָן. די מאָס־מיטלען אין דער ריכטונג פון דער מאַסן־קאָלאָניזאַציע און טעריטאָריאַלער

לייזונג פון דער יידן־פראַגע האָבן אָבער נישט געבראַכט צו דעם דאָזיקן רעזול־טאַט און דערוויזן דורך דער דערפאַרונג, אַז דער דאָזיקער ציל קאָן נישט דער־גרייכט ווערן אין די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד, ווייל אין דעם ראַיאָן פון דער איצטיקער איינגעזעסנקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג פעלן די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר אַ קאָנצענטרירטער מאַסן־קאָלאָניזאַציע, און מעגלעך איז נאָר אַ צאָלמעסיק באַגרענעצטע און דערצו נישט־קאָנצענטרירטע קאָלאָניזאַציע מיט דער שאַפונג פון עטלעכע צעוואָרפענע קליינע יידישע דאָרפישע ראַיאָנען אויף דער פעריפעריע פון אַלטע יידישע מאַסן־ישובים; אַנטשפרעכנד־פאַסיקע נישט־

אַפּריל 1952; י. לעוו און י. זאק אויפן פלי־פלאַץ אין מאַדריד, אויפן וועג קיין בראַזיל.

באַזעצטע דורכאויסיקע טעריטאָריעס זענען אָדער איבערהויפּט נישטאָ, אָדער זיי ליגן אויפן וועג פונעם גרויסן איבערוואַנדערונגס־שטראָם פון דעם רוסישן און אוקראַאינישן פויערטום און זענען פאַר זיי נייטיק און דורך זיי אַלץ מער אָקופּירט.

ביי דער סיטואַציע ווערט קלאָר, אַז אויב אין ראַטנפאַרבאַנד ווערן אָפּגע־בראָכן די שפּיצן פון נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ און אַנטיסעמיטיזם און מען העלפט דעם עקאָנאָמישן פּראָגרעס פון אַלע נאַציאָנאַלע גרופּן, אויך פון די יידן — און דורך דעם ווערן געשאַפן ברייטע מעגלעכקייטן פאַר דער פּראָדוקטיוויזירונג פון די יידישע מאַסן, פאַר ערטערווייזע פּרוּוון פון אַגראַרער קאָלאָניזאַציע, פאַר

אַרויסציען אַ באַדייטנדן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין נייע ערטער און זייער איינאָרדענונג, ווערט אָבער די יידן־פראַגע נישט געליזט און עס בלייבט דאָס באַדערפעניש אין דער טעריטאָריאַלער ליזונג דורך מיטהעלפן שאַפן דעם טעריטאָריאַלן אַרבעטער־צענטער אויסער די גרענעצן פונעם ראַטנ־פאַרבאַנד און אַלס רעזולטאַט דערפון — אַקטיווע הילף די פּראָצעסן וואָס ברענ־גען צו דעם: אין דער טעטיקייט פון די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטרעבן צו פאַרשנעלערן די דאָזיקע פּראָצעסן.

אויב דאָס פּראָבלעם פון טעריטאָריאַליזירונג אויפן יסוד פון קאָנצענ־טרירטער וואַנדערונג בלייבט עקזיסטירן פאַר די יידישע מאַסן אויך אין ראַטנ־פאַרבאַנד, שטעלט עס זיך אָבער פאַר זיי מיט אַ פיל גרעסערער שאַרפקייט און דרינגלעכקייט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די פאַרשאַרפונג פון דעם דאָזיקן פּראָבלעם אין דער היינטיקער תקופה — צוזאַמען מיטן פאַרשנעלערטן טעמפּ פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון נייע קאָלאָניאַלע לענדער, בתוכם ארץ־ישראל, וועלכע אַנטוויקלט זיך פּאַראַלעל צו דער סטאַגנאַציע און צוריק־גאַנג אין די אַלטע לענדער פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם — האָבן גוואַלדיק פאַרשנעלערט דעם טעמפּ פון די טעריטאָריאַליזירונגס־פּראָצעסן אין יידישן לעבן. דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל האַלט אין שנעלן וואַקסן. זיין וווּקס דער־ווייזט די לעכערלעכקייט פון די „וויסנשאַפטלעכע" סברות, אַז אין דער תקופה פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע קאָן אין ערגעץ נישט אויפגעשטעלט ווערן קיין נייע ווירטשאַפט, קען קיין לאַנד נישט אינדוסטריאַליזירט און קאַפּיטאַליזירט ווערן. זיי דערווייזן די נאַיווקייט פון יענע ווולגאַריזירונגס־ און פאַראיינפאַכונגס־טעאָריעס, וואָס האָבן באַהויפּטעט, אַז אַ גרעסערע איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל איז אויסגעשלאָסן, כל זמן ס'וועט נישט געענדערט ווערן די גאַנצע כאַציאַלע אָרדענונג. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער אימפּעריאַליזם, צוליב זיינע אינטערעסן, טאָרמאַזירט די באַפרייאונגס־פּראָצעסן און שטערט די אַנטוויקלונג פון דער עליה, פאַרהאַלט דעם עקאָנאָמישן וווּקס פון ארץ־ישראל, שטיצנדיק זיך אויפן בונד מיט די אָרטיקע פעאָדאַל־נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן און אויף דער הכנעהדיקער שטעלונג פון דער בורזשואזיע. אָבער די אַלע שטערונגען קענען נישט דערשטיקן די מעכטיקע כוחות, וואָס רייסן דורך אַלע דאַמבעס, אַלץ ברייטער ווערן די פּאָזיציעס און די קאַמפּס־יסודות פונעם לעבן פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין ארץ־ישראל.

די פולע און ראַדיקאַלע באַזייטיקונג פון די מניעות פאָדערט איינצופירן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף צוזאַמען מיטן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט פאַר פאַרבייטן דעם רעזשים פון דער אימפּעריאַליסטישער אונטערדריקונג פון איין זייט און שאָוויניסטישע העצע און מאָנאָפּאָל־באַשטרעבונגען פון די בורזשו־אַזע קלאַסן פון דער אַנדערער זייט דורך אַ רעזשים פון פּלאַנמעסיקער, לטובת

דער אַרבעטנדער מענטשהייט געריכטעטער, אָרגאַניזירונג פון דעם עקאָנאָמישן לעבן און פון סאָציאַלע פּראָצעסן — דורך דעם סאָציאַליזם. אין קאַמף פאַר דעם דאָזיקן ציל — אין אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן און אין אַלוועלטלעכן מאַס־שטאַב — מוז אָבער דער אַרבעטער־קלאַס שטרעבן שוין היינט, אין דער איבער־גאַנגס־תקופה, וואָס מער פאַרשנעלערן דעם טעמפּ פון די פּראָצעסן וואָס קאָנ־צענטרירן, זאַמלען און פאַרגרעסערן זיין כוח.

פאַר דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס הייסט עס — דורך פאַרשטאַרקטן קאַמף, דורך אָנגעשטרענגטער אָרגאַניזיר־אַרבעט, היטנדיק די פולע קלאַסן־זעלבשטענדיקייט קעגן דער בורזשואַזיע און איר נאַציאָנאַליזם, שוין אָפּגערעדט פון רעאַקציאָנערע פעאָדאַלע נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונגען, פאַרטיידיקן די רעכט פון די יידישע מאַסן אין אַלע לענדער, הייבן זייער קולטורעלן און סאָציאַלן ניוואָ און גלייכצייטיק אויסברייטערן און פאַרשטאַרקן די יידישע מאַסן־עמיגראַ־ציע קיין ארץ־ישראל און באַקעמפן אַלע מניעות אויף איר וועג.

די הויפּט־מניעות אויף דעם דאָזיקן וועג זענען — די אילוזיעס וועגן דער מעגלעכקייט פון דער פולער באַפרידיקנדיקער לייזונג פון דער יידן־פּראַגע אויף די ערטער, וועלכע זענען נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעלעבט אין ברייטע קרייזן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט; די פּאָליטיק פונעם בירגערלעכן און רעכטן אַרבעטער־ציוניזם, וועלכע שטרעבן צו „אָרגאַניזירטער" עליה אונטער זייער קאָנטראָל און אין פאַרלאַנגזאַמטן טעמפּ, און זוכט דערצו אַ קאָנטאַקט מיט פיינטלעכע רעאַקציאָנערע קרעפטן ועל כולם — די אימפּעריאַליסטישע פּאָלי־טיק, וועלכע, אמת וואַקלדיק, זיגזאַגן־מעסיק, אָבער אין יסוד קעגנעריש צו דער יידישער אַרבעטער־איינוואַנדערונג, צום שנעלן וווקס פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. קעגן די אַלע פאַקטאָרן מוז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אַנטוויקלען דעם שאַרפסטן קאַמף.

אָבער דער ערשטער תנאי פאַר דער מעגלעכקייט פון אַזאַ קאַמף און פון זיינע דערפאָלגן איז, לויט מיין איבערצייגונג — וואָס אַ גרעסערער דירעקטער דרוק פון דעם עמיגראַציע־פּראָצעס, און ספּעציעל אַ וואָס גרעסערער אָנטייל פון דער אַרבעטערשאַפט אין דעם דאָזיקן פּראָצעס. צו פאַרגרעסערן די צאָל יידישע אַרבעטנדיקע עמיגראַנטן און צו פאַרהאַרטעווען זייער ווילן צו קומען קיין ארץ־ישראל און צו בלייבן אין איר נישט געקוקט אויף אַלע מניעות און אַלע באַגרע־ניצונגען — איז די אויפגאַבע, וואָס שטעלט זיך דרינגענד פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

עס מוז דעריבער פאַראורטיילט ווערן די שטעלונג פון די חברים, וואָס האָבן פון איין זייט געהאָלפן פאַרשפּרייטן די אילוזיעס וועגן דער לייזונג פון דער יידן־פּראַגע אויף די ערטער, און פון דער אַנדערער זייט ווייזן זיי נישט אַרויס קיין געהעריקע פאַראינטערעסירונג פאַר דער עמיגראַציע און דער אויסברייי־

טערונג פון דער דאָזיקער עמיגראַציע דורך דער פּאַרטיי, אָדער פון דער פּאַרטיי אָפּהענגיקע ספּעציעלע אינסטיטוציעס, אונטערן אויסרייד, אַז „די פּאַרטיי איז נישט קיין עמיגראַציע ביוראָ" און, אַז אויסער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע קען זי נישט האָבן קיין שום אויפגאַבן אויפן געביט פון דער רעאַליזירונג פון טעריטאָריאַלן אַרבעטער־צענטער אין ארץ־ישראל.

די אויפגאַבע פון דער באַוועגונג איז — קאַמף פאַר אַ וואָס שנעלערן און פרייען וווּקס פון דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל און זיין וואָס שנעלערער אַנטוויקלונג צו אַ יידישן טעריטאָריאַלן צענטער דורך דעם פּאָליטישן קאַמף פאַר פרייער איינוואַנדערונג, אַקציעס, וואָס זאָלן שאַפן אַן אומאויפהערלעכן דרוק אויף דער רעגירונג און דער ציוניסטישער בורזשואַזיע, דורך דירעקטער הילף פאַר דער יידישער אַרבעטער־וואַנדערונג אויף דורכצוברייכן אַלע מניעות און שטערונגען און איר אויסברייטערונג, דורך הילף פאַר שטאַרקן די אַרבעטער־פּאָזיציעס אין ארץ־ישראל, אָרגאַניזירן און אַריינציען די ברייטסטע יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין די קאָנקרעטע פּראָלעטאַרישע פּראָ־פּאַלעסטינע־אַקציעס און כסדרדיקע אַקטיווע הילף דער פועלי־ציון פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, ווענענס באַדייטונג אין דער וועלט־באַוועגונג וואַקסט צוזאַמען מיט דער וואַקסנדיקער באַדייטונג פון ארץ־ישראל אין יידישן לעבן און ווענענס באַדייטנדע פאַרשטאַרקונג איז בכוח צו באַזייטיקן דעם איזאָלאַציע־מצב, אין וועלכן די פועלי־ציון־באַוועגונג געפינט זיך.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 48, 26 אָקטאָבער 1934.

צווישן חורבן און אויפקום

א. אָפּענע אויגן פאַר דער יידישער ווירקלעכקייט (1939)

ב. דער אמת וועגן קאַמף פונעם געטאָ (1945)

ג. יידן־שנאה און יידישע היימלאָזיקייט (1944)

ד. יידיש־אַראַבישע דערנענטערונג (1947)

ה. השומר־הצעיר אין סתירה מיט זיך אַליין (1945)

ו. דער אַנגלאָסאַקסישער אַנטי־ציוניזם

ז. די רעטונג ליגט אין אונדזערע הענט! (1944)

ח. אַ קאַפּיטל פון פּיין און גבורה

ט. באַראַכאָו אין שטורעם פון צייטן

אפענע אויגן פאַר דער יידישערווירקלעכקייט

דעם באַריכט לייענט איבער אין היינטיקן נומער „אַרבעטער־צייטונג״ זיעגן דער לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד. דאָרט ווערן געברענגט טרוקענע פאַקטן און ציפערן. נישטאָ דאָרט קיין שפור פון דעקלאַראַציע, מליצה אָדער איבערטרייבונג. ס׳איז אוממעגלעך, מען זאָל נישט אויפציטערן, אויפשוידערן, לייענענדיק דאָס. מיר שיינט, אַז די געניאַלסטע פעדער וואָלט נישט געווען אימ־שטאַנד אויסצומאָלן מיט אַ גרעסערער עקספּרעסיע דאָס גרויליקע בילד פון פאַרניכטונג, מאָרד און אויסראָטונג, ווי די דאָזיקע ציפערן און פאַקטן, געגומען פון דער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט.

די יידן אין דייטשלאַנד ווערן פאַרניכטעט — דאָס איז דער אומברחמנות־דיקער אמת. פון די 700 טויזנט יידן, וואָס האָבן נאָך מיט זעקס יאָר צוריק באַוווינט די געביטן פון דייטשלאַנד און עסטרייך, זענען איצט געבליבן קוים 400 טויזנט, און אויך די זענען דורכן נאַצי־רעזשים פאַרמשפּט געוואָרן צום אונטערגאַנג. דעם זעלבן גורל זענען שוין איצט אונטערגעוואָרפן די 200 טויזנט יידן פון טשעכיע און סלאָוואַקיי. אין אונגאַרן דערנענטערט זיך די אַנטי־יידישע געזעצגעבונג אַלץ מערער צום מוסטער פון נירנבערג — קרוב 200 טויזנט יידן ווערן, אין רעזולטאַט פון די נייע יידן־געזעצן, אַרויסגעשטויסן פון ווירטשאַפט־לעכן לעבן. אין רומעניע האָט מען, אונטער דער מאַסקע פון רעוויזיע פון דער בירגערשאַפט, צוגענומען ביי אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג יעדע עקזיסטענץ־מעגלעכקייט. און אויך ביי אונדז אין לאַנד קומט פאַר אומ־אויפהערלעך דער פּראָצעס פון עקאָנאָמישער עקסטערמינאַציע, באַגלייט דורך פּרוּוון פון פּאָליטישער אַנטרעכטונג.

מיט דריי חדשים צוריק, דעם 30־טן יאַנואַר, צום טאָג, ווען די נאַציס זענען מיט 6 יאָר צוריק געקומען צו דער מאַכט, האָט היטלער געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אָפן דערקלערט, אַז אין פאַל פון אַ מלחמה וועט דאָס יידישע פאָלק דערטרונקען ווערן אין בלוט, פּשוט — פאַרניכטעט ווערן. אין דער הינזיכט קען מען אים — היטלערן — גלייבן, אַז ער פון זיין זייט וועט זיך באַמיען זיין וואָרט צו האַלטן. און די מלחמה קלאַפּט דאָך שוין אין די טויערן. לויטן רעזשים וואָס ווערט אָנגעווענדט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג אונ־טער דער נאַצי־הערשאַפט, איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן וואָס פאַר אַ גורל

ס׳דערוואַרט די יידישע באַפעלקערונג אין די געביטן, וווהין ס׳וועט גרייכן די מאַכט פון פאַשיזם. שוין איצט פירן די נאַציס אין דער גאַנצער וועלט אַן אומ־אויפהערלעכע אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע. כמעט אין יעדער אַנטי־יידישער אַרויסטרעטונג, ווו זי זאָל נישט פאָרקומען — אין אַן אייראָפּעאיש לאַנד, צי אין ווייטן אַמעריקע — שטעקט די האַנט פון היטלערס אַגענטן. און אין ארץ־ישראל? דאָ איז די ראָל פון די פאַשיסטישע מלוכות אַלס אָרגאַניזאַטאָרן פון די טעראָר־אַקטן, אַלס אינסטרוקטאָרן פון די באַנדעס, אַלס געלט־ און וואָפן־ליפע־ראַנטן, אַ פולשטענדיק אָפענע.

אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע פּאָליטישע אינס־טרומענטן פון פאַשיזם. דער נצחון פון פאַשיזם וואָלט באַדייט פאַרן יידישן פאָלק — פאַרניכטונג, פשוטער אונטערגאַנג.

ה. ערליך האָט אין זיינס אַן אַרטיקל אין דער „פאָלקסצייטונג״ (ד. 25־טן ה. ח.) פאַרגליכן די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג צו די קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערן אַן אַ שיעור, וואָס האָבן באַדעקט דעם שטח פון דייטשלאַנד, פון עסטרייך, פון טשעכאָסלאָוואַקיי, ווו יעדן טאָג און יעדע שעה ווערט אין טויזנטער געשטאַלטן דערנידעריקט, פאַרגוואַלטיקט, פאַרפייניקט דער „מענטש״. קלאָר, אַז אין אונדזער באַציאונג צו די קאָנצענטראַציע־לאַגערן וועלן מיר זיך אויף אַ האָר נישט אונטערשיידן פון ה. ערליך. אָבער מיר מיינען פאָרט, אַז ס׳איז נישט מעגלעך צו מאַכן אַן אַנאַלאָגיע צווישן דער לאַגע פון דער דייטשער, עסטרייכישער און טשעכאָסלאָוואַקישער נישט־יידישער באַפעלקערונג, וואָס לעבט טאַקע אין אַ רעזשים פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און דעם גורל פון דער יידישער מאַסע אין דייטשלאַנד אָדער פון די יידן וואָס וואָגלען איבער די ימען און זוכן פאַר זיך אַ מקום־מקלט. דער אונטערשיד באַשטייט נישט נאָר אין דער מאָס פון צרות און ליידן, וואָס איז ביי דער יידישער באַפעלקערונג אָן אַן ערך גרעסער, נאָר אויך אין דער עצם באַציאונג פונעם פאַשיזם צו יידן.

די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זענען באַשטימט פאַר קעגנער פונעם פאַשיס־טישן רעזשים, פאַר אומצופרידענע, פאַר געפערלעכע קעגנער. אָבער אין די ערב־עקזעקוציע־קאַמערן איז אַריינגעפירט געוואָרן די גאַנצע יידישע באַפעלקע־רונג. אין דער באַציאונג צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג קומט צום אויסדרוק דער חילוק אין טראַקטירן אַנהענגער און קעגנער פונעם רעזשים, אָרעמע און רייכע. צו די יידן, אַלע יידן, איז פאַראַן איינע און די זעלבע באַציאונג — די ראַסיסטישע. זי ווערט אַנגעווענדט נאָר קעגן יידן און נישט קעגן אַלע אַנדערע וואָס געהערן צו די „נידעריקע״ ראַסן, הגם דאָס שטייט אין סתירה צו דער ראַסן־לערע פון היטלעריזם.

מיר ווייסן, אַז אַלגעמיינע פרייהייט, פרייהייט פאַר אַלעמען, מוז ברענגען פרייהייט אויך דער יידישער מאַסע; אַז קאַמף קעגן יידישער רעכטלאָזיקייט און

אונטערדריקונג איז פאַרבונדן מיט קאַמף קעגן רעכטלאָזיקייט און אונטערדריקונג בכלל; אַז פאַרן יידישן פאָלק איז דער פאַשיזם דער געפערלעכסטער שונא, וואָס מוז באַקעמפט ווערן מיט דער גרעסטער פאַרביטערונג. פאַר די דאָזיקע אויפגאַבן מאָביליזירן מיר די יידישע מאַסן. מיר רופן זיי צום קאַמף פאַר פּאָליטישער און סאָציאַלער פרייהייט אין די רייען פון קעמפנדיקן לאַגער פון דער גאַנצער מענטשהייט. און ווייל מיר זוכן נישט צו פאַרהוילן, ווי דאָס טוט אַן אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטיי, די באַזונדערע באַציאונג צום יידישן פאָלק מצדן פאַשיזם, ווייל מיר קענען אָנווייזן, אַז דער פאַשיזם לויערט אויף דער עצם־עקזיסטענץ פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווערט דאָס מאָביליזירן די יידישע מאַסן צום קאַמף קעגן פאַשיזם ממילא לייכטער.

דאָך מוז זיך יעדער פּאָליטיש־באַוווסטזיניקער מענטש שטעלן די פראַגע: פון וואַנען נעמט זיך טאַקע די באַזונדערע באַציאונג פונעם פאַשיזם צו דער יידישער באַפעלקערונג? מיר זענען דאָך נישט קיין אתה־בחרתנו־פאָלק, וואָס איז נישט צעטיילט דורך פּאָליטישע אונטערשידן און קלאַסן־קעגנזאַצן. אויך אין דער באַציאונג צום פאַשיזם זענען מיר נישט געווען איינהייטלעך, פונקט אַזוי נישט איינהייטלעך ווי אַנדערע. האָבן זיך דאָך אפילו אין דייטשלאַנד געפונען נאַומאַנס און קאַרעסקיס און אין איטאַליע איז דער אַנטייל פון יידן אין דער פאַשיסטישער באַוועגונג געווען אפילו פּראָפּאָרציאָנעל גרעסער. אפילו מחוץ איטאַליע האָבן זיך צווישן יידן געפונען אָנהענגער און באַוווּנדערער פונעם פאַשיזם, און נאָך היינט מיינט אַ זשאַבאָטינסקי, אַז אינעם אַנטי־יידישן קורס אין איטאַליע איז שולדיק דאָס „וועלט־יידנטום". הייסט עס, נישט די שנאה פון יידן צום פאַשיזם האָט גורם געווען זיין באַזונדערע באַציאונג צו יידן, נאָר דאָ האָבן געמוזט ווירקן גאַנץ אַנדערע פאַקטאָרן.

איבעריקנס איז דער אַנטיסעמיטיזם נישט די המצאה פון פאַשיזם און ער וועט אויך נישט אונטערגיין צוזאַמען מיט אים. דער אַנטיסעמיטיזם איז פיל, פיל עלטער. אַלס אינסטרומענט אין סאָציאַלן און פּאָליטישן קאַמף איז דער אַנטיסעמיטיזם אָנגעווענדט געוואָרן שוין לאַנג פאַרן אַנטשטיין פון פאַשיזם. דער פאַשיזם האָט אָבער אויסגעבויט דעם אַנטיסעמיטיזם צו אַ מעכטיק געווער אין פּאָליטישן קאַמף און צו אַ סיסטעם פון מאָרד און פאַרניכטונג. פאַרוואָס־זשע איז דאָס מעגלעך געוואָרן? פאַרוואָס האָט דעם פאַשיזם געקאָנט געלינגען צו קאָנצענטרירן דעם האַס פון גרויסע מאַסן אין פאַרשידענע לענדער ספּעציעל קעגן דער יידישער באַפעלקערונג?

די סיבה ליגט אָן ספק אין דעם, וואָס דאָס יידישע פאָלק טיילט זיך אויס מיט זיין נאַציאָנאַלער סטרוקטור פון אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט לגבי אַלע אַנדערע פעלקער אַ גאַנץ באַזונדערן שטריך, און דאָס איז די עקסטעריטאָריאַלקייט, די צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט איבער דער

גאַנצער וועלט, דער מאַנגל פון אַן אייגן לאַנד. אָט־אָ די סיטואַציע, לאָ די וואָס זי רעדוצירט די מעגלעכקייטן פון אַ פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, שאַפט זי אויך די באַדינגונגען פאַר אַ באַזונדערער באַציאונג לגבי די יידישע מאַסן.

עס האַנדלט זיך דערביי וועגן דעם, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק זאָל קאָנצענטרירט ווערן אויף איין טעריטאָריע. אומזיסט פרווון די קעגנער פון פאַלעסטיניזם צו אַרגומענטירן, אַז אויב דאָס וועט נישט קענען פאַרווירקלעכט ווערן, באַדייט עס באַנקראָט פונעם ציוניזם. אַזאַ אויפפאַסונג פונעם ציוניזם איז — עם־הארציש. נישטאָ היינט כמעט קיין פאָלק, וועמענס גלידער זאָלן זיך נישט געפינען חוץ זיין טעריטאָריאַלן צענטער; פאַראַן אפילו אַזעלכע פעלקער, וועמענס מערהייט געפינט זיך אויסער אים — אירלענדער, גריכן א. אנד. דער ציוניזם שטעלט זיך פאַר אַ ציל צו נאָרמאַליזירן די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן פון די יידישע מאַסן דורך ליקווידירן די עקסטעריטאָריאַלקייט פונעם יידישן פאָלק, לייזנדיק דורך דעם דאָס סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראָבלעם פון יידישער וואַנדערונג און עטאַבלירנדיק גלייכצייטיק יענעם נאַציאָנאַל־מלוכהשן צענטער, אין וועמענס ראַמען די יידישע מאַסן געפינען די באַדינגונגען פאַר פולער און פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, וואָס זאָל קענען באַאיינפלוסן נאַציאָנאַל די יידישע קבוצים אין פאַרשידענע לענדער און אין דער זעלבער צייט שאַפן ביי די יידישע מאַסן דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלער גלייכוועריקייט. די טראַגישע פאַרהעלטענישן פון דער היינטיקער צייט רוקן אַרויס דאָס דאָזיקע פראָבלעם באַזונדערס קלאָר.

אַמאָל האָבן די בונדיסטן בכלל געהאַלטן דעם עצם־געדאַנק פאַר אַ שעדלעכן, איצט באַנט ער זיך שוין אַ וועג אויך אין זייערע רייען. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט וו. אַלטער דערציילט אין זיינעם אַן אַרטיקל אין בונדישן אָרגאַן, אַז אויף דער פראַגע פון אַן אויסלענדישן סאָציאַליסט פאַרוואָס דער „בונד" איז קעגן אַ יידישער מלוכה, זאָל ער האָבן געענטפערט, אַז דער „בונד" איז נישט קעגן דעם עצם־פרינציפּ פון אַ יידישער מלוכה, ער האַלט אים בלויז פאַר אוממעגלעך צו רעאַליזירן, פאַר אַן אוטאָפּיע און דערפאַר פאַר שעדלעך. דער דאָזיקער ענטפער איז כאַראַקטעריסטיש דערמיט, וואָס פאַר אַ נישט־יידישן סאָציאַליסט האָט וו. אַלטער נישט געקאָנט אַרויסטרעטן פרינציפּיעל קעגן דעם געדאַנק פון אַ יידישער טעריטאָריע און פון אַ יידישער מלוכה, פשוט דערפאַר, ווייל יענער וואָלט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ ווילדן.

וו. אַלטער האָט זיך פאַרן נישט־יידישן סאָציאַליסט אַרויסגעשטעלט אַלס פּרינציפּיעלער אָנהענגער פון אַ יידישער מלוכה. ער האָט אויף דעם אופן מודה געווען, אַז נאָר אין די ראַמען פון אַן אייגענער מלוכה באַקומט אַ פאָלק די מאַקסימאַלע מעגלעכקייטן פאַר נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. הגם די דאָזיקע פעסט־

שטעלונג שטייט אין פולער סתירה צו דער בונדישער אויפפאַסונג פון דער יידן־פּראַגע.

צו יענעם נישט־יידישן סאָציאַליסט האָט וו. אַלטער נישט געקענט קומען מיט דעם אַרגומענט, וועלכן ער ברענגט אין איינעם פון זיינע לעצטע אַרטיקלען, פּרעגנדיק די ציוניסטן: „ווו איז אייגנטלעך אונדזער פּאָטערלאַנד: אין פּוילן צי אין פּאַלעסטינע (אָדער אַן אַנדער אָרט פון „קאָנצענטרירטער־עמיגראַציע)", און דורכפירנדיק דעם געדאַנק, אַז נאָר נישט־ציוניסטן און די וואָס רוקן נישט אַרויס דאָס פּראָבלעם פון עמיגראַציע, קאָנען „פּאַרטיידיקן מיט דער גאַנצער ענערגיע די פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן".

פאַרן נישט־יידישן סאָציאַליסט האָט וו. אַלטער פאַרענטפערט זיין קעגנערשאַפט צום ציוניזם מיטן אַרגומענט פון זיין אוטאָפּישקייט. וואָלט דער אַרגומענט מכוח דער „אוטאָפּישקייט" נישט געווען בלויז אַ תירוץ אויף צו מאַסקירן די עצם־קעגנערשאַפט צום פּאַלעסטיניזם, וואָלט ער זיכער נישט באַנוצט געוואָרן, אַזוי לאַנג ווי דער „בונד" עקזיסטירט, מאַכן די בונדישע פּובליציסטן די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו באַווייזן, אַז ארץ־ישראל האָט נישט די מינדסטע מעגלעכקייטן פאַרווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, אַז נישטאָ דאָרט קיין פּלאַץ פאַר אַ מאָדערנער אינטענסיווער ווירטשאַפט, אַז דאָס לאַנד איז איבערבאַפעלקערט, אַז עס איז נישט פעיק אויפצונעמען קיין יידישע איינוואַנדערונג. מיט 15 יאָר צוריק האָט דער זעלבער וו. אַלטער באַזוכט ארץ־ישראל. דאַן האָט דער יידישער ישוב געציילט נישט פיל מער, ווי הונדערט טויזנט נפשות און אויך דאַן האָט אַלטער אויטאָריטאַטיוו פאַרזיכערט, אַז נישט נאָר פאַר אַ נייער איינוואַנדערונג איז דאָרט קיין פּלאַץ נישטאָ, נאָר אַז אויך אַ גרויסער טייל פון דעמאָלטיקן ישוב וועט געצוווּנגען זיין צו אַנטלויפן פון לאַנד. איז הייסט עס ווייטערע איינוואַנדערונג, וווּקס און אַנטוויקלונג פונעם ישוב, און ווער שמועסט מאַסן־איינוואַנדערונג — אַן אוטאָפּיע. אין ליכט פון דער שפּעטערדיקער ווירקלעכקייט זעען אויס די דעמאָלטיקע נביאות פון וו. אַלטער, פון פּראָפ׳ הערש און פון אַנדערע בונדישע פירער — פשוט לעכערלעך.

וואָלטן די יידישע מאַסן געווען אייניק אין זייערע פּראָ־פּאַלעסטינישע שטרעבונגען, וואָלט נישט עקזיסטירט די טראַגישע צעשפּאָלטנקייט אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, וואָלטן די כוחות אייניק געווען און שטאַרקער די אָנשטרענגונג פאַר ארץ־ישראל און וואָלטן נישט נייטיק געווען פיל כוחות אויף אָפּצווועדן די אָנגריפן פון אַנטי־פּאַלעסטינער לאַגער — וואָלט דאָך די אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל געגאַנגען פיל ראַשער. און אויב שוין איצט איז דער ישוב געווען בכוח צונישט צו מאַכן די אָנשטרענגונגען פון דעם פאַשיסטישן מלוכה־בלאָק און אַראַבישע מופטי־באַנדעס אים צו פאַרניכטן; אויב ער האָט געקאָנט פאָרזעצן זיין אַנטוויקלונג און אויפשטעלן גראָד אין די לעצטע

דריי יאָר וויכטיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, אויב ער איז אימשטאַנד אָנצוטאָן פיל צרות די ענגלישע מאַכטהאָבער ביי די פּרוּוון דורכצופירן זייער געפּלאַנטע פּאָליטיק בנוגע ארץ־ישראל, — איז דאָך קיין ספק נישטאָ, אַז ביי אַ פּאָזיטיווער באַציאונג מצד דער גאַנצער יידישער מאַסע וואָלט איצט דער ישוב געווען אַזוי אויסגעוואַקסן און שטאַרק, אַז די איצטיקע ענגלישע פּאָליטיק בנוגע פּאַלעסטינע וואָלט בכלל געווען אוממעגלעך און זיכער וואָלט שוין נישט געקענט זיין קיין רייד מכוח דער „אוטאָפּישקייט" פון דעם טעריטאָריאַלן צענטער אין ארץ־ישראל.

אין משך פון די לעצטע צענדליקער יאָרן האָבן מיר שוין נישט איינמאָל געהערט פון בונדיסטן אַ טויט־אורטייל איבערן ציוניזם. אויך איצט רעדט מען אין „בונד" וועגן דער „ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון ציוניזם". און זיי, די בונדיסטן, פילן נישט, אַז דערמיט גיבן זיי אַרויס דעם אומברחמנותדיקן פסק־דין פון „ענדגילטיקער ליקווידאַציע" אויך דער פאַרקנעכטעטער טשעכאָסלאָוואַקיי און דעם שפּאַנישן מאַרטירער־פאָלק, וואָרום סיי די דאָזיקע געוואַלד־אַקטן, סיי די איצטיקע ענגלישע פּאַלעסטינע־פּאָליטיק ציען זייער יניקה פון איין מקור — פון „מינכען". צי גיבן זיי זיך טאַקע נישט אָפּ קיין דין־וחשבון, אַז אויב זיי זענען זיכער אין דער ליקווידאַציע פון דער מינכענער פּאָליטיק און פון אירע פּאָלגן, מוזן זיי אויך גליבן אין דער ליקווידאַציע פון דער איצטיקער ענגלישער פּאַלעסטינע־פּאָליטיק ?

בונדיסטן זענען געשלאָגן מיט בלינדקייט, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן ארץ־ישראל. זיי זעען נישט די גוואַלדיקע לעבנס־כוחות, וואָס דער ישוב האָט אַרויסגעוויזן גראָד די לעצטע דריי יאָר, זיינע ריזיקע אויפטוען אין דער דאָזי־קער שווערער צייט (דעם פּאָרט, די 40 נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים), זיין העלדישקייט און אַנטשלאָסנקייט אין דער פאַרטיידיקונג פון זיינע פּאָזיציעס. זיי זעען אפילו נישט, ווי די טראַגישע לאַגע פון די יידישע מאַסן אין דער וועלט שטעלט אַוועק די יידן־פראַגע, ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלע, ווי אַלץ מערער און מערער דרינגט אַריין אין באַוווּסטזיין פון דעם קעמפנדיקן טייל פון דער מענטש־הייט (סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אינטעלעקטועלע, בירגערלעכע דעמאָקראַטן) דער געדאַנק מכוח אַ מלוכהשער לייזונג פון דער יידן־פראַגע און אַז אַ דאַנק ארץ־ישראל שטייט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם דורכאויס קאָנקרעט.

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז פאָרגעקומען אין וואַרשע אַ כינוס פאַר דער אַקציע „„הגלילה", וואָס ווערט איצט געפירט אין פוילן און צו איר איז אויך געקומען מ. שערטאָק. ה. ערליך האָט אין דער „פאָלקסצייטונג" געווידמעט אַן אַרטיקל דעם דאָזיקן כינוס. אין שייכות מיט דער טעמע, וועלכע מיר באַרירן איצט, איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם דאָזיקן אַרטיקל, ריכטיקער — אויף זיין וויעזנטלעכן טייל, ווייל דעם נישט וועזנטלעכן, דעם הורא־געשריי אין סטיל פון קוראָפּאַטקינס „שאַפּקאַמי זאַקידאַיעם", איז נישט כדאי צו ווידמען די מינדסטע

אויפמערקזאַמקייט, הגם לויטן פּלאַן האָט ער פאַרנומען אין דעם אַרטיקל דעם אויבן־אָן.

ה. ערליך רוקט אַרויס אין שייכות מיטן פאַרלויף פונעם כינוס איין עיקר־טענה צו די ציוניסטן: אין אַזאַ צייט, ווי איצט, ביי אַ געשפּאַנטער אינ־טערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, אין אַ צייט ווען די יידישע מאַסן קומט אויס זיך שווער צו ראַנגלען פאַר זייער עקזיסטענץ, ווען פאַר יידן אין פוילן שטעלן זיך אַ ריי לעבנס־וויכטיקע פּראָבלעמען, קומען זיך צונויף ציוניסטישע פאַרטרעטער פון פאַרשידענע עקן לאַנד און זאָגן גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט וועגן די אַלע פּראָבלעמען. זייער פאַראינטערעסירונג נעמט אַרום בלויז איין און איינציקע פראַגע — דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. ה. ערליך קומט צום אויספיר, אַז דאָס איז די שולד פונעם ציוניזם, וואָס אין זיין יסוד ליגט די גרינגשעצונג צום „גלות", וואָס שאַפט אַ באַציאונג פון פרעמדקייט און גלייכגילטיקייט צום לעבן פון אַלע אַנדערע יידישע ישובים מחוץ ארץ־ישראל.

געוויס, טיילן פון יידישן בירגערטום און אויך פון דער ציוניסטישער באַוועגונג זענען דורכגעדרונגען מיט „שלילת הגלות". זיי באַציען זיך מיט אומגלויבן אין דער עקזיסטענץ־מעגלעכקייט פון די יידישע מאַסן מחוץ ארץ־ישראל. ביי געוויסע טיילן פון יידישן בירגערטום, ווי ביי די רעוויזיאָניסטן, פירט אָט די איינשטעלונג צום שענדלעכן פּראָגראַם פון עוואַקואַציאָניזם, ביי אַנדערע שאַפט זי אַ גרינגשעצנדיקע באַציאונג צום קאַמף פון די יידישע מאַסן פאַר זייערע רעכט, פאַר איינהאַלטן זייער קיום אין די לענדער פון די יידישע מאסן־ישובים.

פונקט ווי די בונדיסטן זענען געשלאָגן מיט בלינדקייט לגבי ארץ־ישראל, אַזוי זענען יענע געשלאָגן מיט בלינדקייט לגבי דעם קאַמף און דער באַדייטונג פון די יידישע מאַסן מחוץ ארץ־ישראל; פונקט ווי די בונדיסטן באַמערקן נישט די גרויסע דערגרייכונגען פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל און די קאָלאָסאַלע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פאַר זייער אַנטוויקלונג, אַזוי דערזעען נישט יענע די העראָישע אָנשטרענגונגען פון די יידישע מאַסן אין גאָר דער וועלט פאַר זייער נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער אַנטוויקלונג און די באַדייטנדע לעבנס־כוחות, וואָס די יידישע מאַסן האָבן אַרויסגעוויזן גראָד אין די לעצטע יאָרן, וואָס פאַרלויפן אַזוי טראַגיש פאַרן יידישן פאָלק.

די ווירקלעכקייט שטעלט מיט זיך פאַר אַ פאַרוויקלטע נעץ פּראָבלעמען פון פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער — פּסיכאָלאָגישע, געשיכטלעכע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פּאָליטישע א. אנד. ווער ס'וויל געפינען אַן ענטפער אויף די פראַגן פון לעבן, מוז די אַלע פאַרוויקלטע פּראָבלעמען — איינס נאָך איינס פּרוּוון גע־דולדיק אויפפּלאָנטערן. דאָ איז נישט קיין פּלאַץ פאַר פאַראיינפאַכונג, בפרט ביי די קאָמפּליצירטע פאַרהעלטענישן פון יידישן לעבן. פאַראיינפאַכן ביי אַזעלכע

באַדינגונגען הייסט — פאַרפלאָנטערן, פאַרטונקלען דאָס בילד, אויסקרימען עס, נעגירן ארץ־ישראל, אָדער נעגירן דעם „גלות“, — דאָס פאַראייַנפאַכט בלי ספק דעם צוגאַנג צו דער יידן־פראַגע, אָבער אין דער זעלבער צייט שאַפט עס אַ פאַלש בילד פון דער יידישערווירקלעכקייט, איר קרומען שפּיגל. האָבן אָפענע אויגן אי אויף ארץ־ישראל אי אויפן גלות — אויפנעמען די באַדייטונג פון די ביידע פאַקטאָרן אין יידישן לעבן, הייסט האָבן אָפענע אויגן אויף דער יידי־שער ווירקלעכקייט, זי תופס זיין און געפינען דעם וועג צו איר לייזונג.

„אַרבעטער־צייטונג“ נומ׳ 14/15, 28 אַפּריל און 5־טער מאַי 1939.

דער אמת וועגן קאַמף פונעם געטאָ

געשעענישן אין וועלכע די אָנטיילנעמער זענען דערגאַנגען צו דער העכסטער הייך פון מענטשלעכער גבורה און גייסטיקער דערהויבנקייט, פאַר־פליכטן דעם ערנסטן פובליציסט צו דער מאַקסימאַלסטער פאַרזיכטיקייט. דער זשורנאַליסט אָדער פובליציסט רעאַגירט געוויינלעך אימפּולסיוו, פערזענלעך, אַקטועל, לאָקאַל; אָבער אַזעלכע געשעענישן צעברעכן טיילמאָל די ראַמען פון צייט און אָרט — זיי האָבן אַן אַלמענטשלעכן ווערט און אייביקן באַטייט. דער פובליציסט ברענגט אַריין זיין באַאַרבעטונג, זיינע כוונות, זיין אייגענעם קאָלאָריט און אייגענע אויסרעכענונגען אין די באַהאַנדלטע טעמעס. אָפטמאָל זוכט ער צו קאָרעגירן די ווירקלעכקייט. דאָס איז נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך ביי נאָר־מאַלע דערשיינונגען; ביי געשעענישן פון איבערנאַטירלעכער גרויס באַדייט עס פּראָפאַנאַציע.

דער אויפשטאַנד אינעם וואַרשעווער געטאָ — דער סיגנאַל און סימבאָל פונעם באַוואָפנטן קאַמף פון די פוילישע יידן קעגן דער מעכטיקער היטלעריס־טישער מיליטערישער מאַשין — איז אַ געשעעניש פון אַזאַ קאַליבער, וואָס פאָדערט פיעטעט מיט יראת־הכבוד. פּרוווט מען אָט־אָ די טעמע צופּוצן פאַר פּאָליטישע טאָג־חשבונות, וויל מען איר זין און כאַראַקטער צופּוצן און קאָרע־גירן — איז עס אי געשמאַקלאָז, אי פאַרשוועכונג.

אַזאַ מין איינדרוק רופן טאַקע אַרויס צוויי אַרטיקלען: איינער — פון י. פאַנסקי: „דאָס געטאָ אין דריי אַספּעקטן“ געדרוקט אין נומער 6 פונעם פּוילישן צווייוואָכן־זשורנאַל, וואָס דערשיינט אין מאָסקווע א״נ „נאָווע ווידנאַקרענגי“; אַ צווייטער — דער „אמת וועגן אויפשטאַנד אינעם וואַרשעווער געטאָ“ פון

ב. מאַרק, געדרוקט אין נומער 4 פונעם זשורנאַל „איינִיקייט", וואָס דערשיינט אין ניו־יאָרק.

פאַרדריסלעך ביז גאָר איז דאָס, וואָס גראָד זענען ביידע אַרטיקלען גע־שריבן מיט אַ סך האַרץ, דער אַרטיקל פון י. פאַנסקי — אפילו מיט בלוט פונעם האַרצן. באַזונדערס גיט י. פאַנסקי אַ דערשיטערנדיקע שילדערונג פון דעם מצב פון די יידן, פאַרשלאָסענע אין די געטאָס און אַ זייער טרעפלעכע כאַראַקטעריס־טיק פון דער פּאָליטישער אַטמאָספער אין פוילן גופא, וועלכע האָט פריער צוגע־גרייט דעם באָדן און שפּעטער דערמעגלעכט די נאַציס אויסצונוצן די פּאָליאַקן פאַרן פאַרניכטונגס־צוג קעגן די יידן און פאַרוואַנדלען פוילן אין אַ בית־הקברות פאַר דעם אייראָפּעאישן יידנטום. אָבער דאָס פּינטעלע ייד און דאָס פּינטעלע מענטש, וואָס האָט זיך דערוועקט אין די דערמאָנטע שרייבער, האָט באַלד אָפּגעטרעטן דעם פּלאַץ פאַר דעם פּראַקטישן זשורנאַליסט מיט זיין „צוגאַנג" און „ציל", וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר „קאָרעגירן" דיווירקלעכקייט.

אין פולער סתירה צו דער ווירקלעכקייט וויל ב. מאַרק שאַפן דעם איינ־דרוק, אַז געוויסע טיילן פון דער פוילישער געזעלשאַפט האָבן מאַסנווייז געהאָלפן יידן זיך צו ראַטעווען פון די היטלעריסטישע נעגל. אַלס באַווייז רופט ער אָן נעמען פון עטלעכע אַזעלכע פּאָליאַקן, און מיר גלייבן אויך אַז די אָנגערופענע האָבן טאַקע יידן געהאָלפן. ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז אַזעלכע פּאָליאַקן האָבן געבילדעט אַן אויסנאַם, אַ ליכטיקן אויסנאַם אין דער גרויסער פוילישער געזעל־שאַפט. איך וויל נישט אויסנוצן דעם פעלער פון ב. מאַרק, ווען ער פאַררעכנט צווישן זיי דעם „חבר קאַזיק" אַלס פוילישן סאָציאַליסט, בעת אין דער אמתן איז „חבר קאַזיק" — איינער פון די געטאָ־קעמפער, אַ יידישער אַרבעטער מיטן נאָמען שמחה ראטהויזער, וואָס האָט אָרגאַניזירט דאָס אַרויספירן די רעשטלעך געטאָ־קעמפער פון די קאַנאַלן אינעם אַרישן טייל פון וואַרשע און זייער אַנטלויפן אין די וועלדער. פאַר דער באַציאונג פון דער גרויסער פוילישער מאַסע צום צוגרייטן שחיטות, איז אָבער גענוג צו פאַרגלייכן די צאָל יידן, וואָס זענען געבליבן לעבן אין די פאַרשידענע לענדער, אונטער דער היטלעריסטישער הערשאַפט, מיט דער צאָל געבליבענע יידן אין פוילן; גענוג פעסטצושטעלן, אַז אין פוילן איז די היטלער־חיות געלונגען צו פאַרניכטן כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג (אין מאָמענט פון דער באַפרייאונג זענען אויפן גאַנצן שטח פון פוילן געבליבן קוים 30 טויזנט יידן פון העכער 3 מיליאָן); גענוג אָנצווייזן, אַז קיין פוילן האָט מען געפירט צו פאַרניכטן די יידן פון גאַנץ אייראָפּע און אַז בלויז אין דעם דאָזיקן איינציקן לאַנד האָט היטלער געוואַגט צו אינסטאַלירן זיינע פאַרברען־ און דערשטיקונגס־פאַבריקן, — כדי זיך קלאָר צו מאַכן די באַציאונג פון דער פוילישער באַפעלקערונג צו דער אַנטי־יידישער פאַרניכטונגס־אַקציע. גע־וויס האָבן זיך אויך געפונען פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געהאָלפן יידן זיך ראַטעווען,

ווען נישט וואָלטן אויך נישט אַלע פון די 30 טויזנט יידן געבליבן לעבן; געוויס איז ריכטיק, אַז אָט־אָ די דאָזיקע פּאָליאַקן האָבן זיך רעקרוטירט דער עיקר פון די לינקע קרייזן, אָבער פונקט אַזוי איז ריכטיק, אַז אַזעלכע פּאָליאַקן זענען געווען ווינציקע, גאָר ווינציקע, צווישן די צענדליקער מיליאָנען! קומט ב. מאַרק און וויל דעם אויסנאַם פאַרוואַנדלען אין אַ כלל!

אין קעגנזאַץ צו ב. מאַרק, שטרייכט אונטער י. פּאַנסקי, נישט נאָר די שטימונג פון גלייכגילטיקייט צו דעם וואָס ס׳טוט זיך „הינטער די מויערן פון געטאָ" מצד דער פּוילישער באַפעלקערונג, נאָר, „אַז עס האָבן זיך אויך געפונען עלעמענטן צו מער קאָנקרעטער רעאַלער צוזאַמענאַרבעט, צו יאָגן זיך נאָך יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס, צו העלפן רעאַליזירן זייער פאַרמעגן, צו אַלע הילפס־פונקציעס, וואָס עס פאָדערט די באַדינונג פון דער פאַבריק, וואָס פּראָדוצירט אייניקע טויזנט מתים טעגלעך". אָבער באַלד נאָך דעם מאַכט י. פּאַנסקי אַ שאַרפן ריקצוג און שרייבט אין זיין אַרטיקל: „היינט וויסן מיר אויסערהאַלב יעדן ספק, אַז די ליקווידאַציע פון די יידן אין פּוילן איז בלויז געווען אַן עטאַפּ פון אַ באַדייטנד ברייטערן היטלעריסטישן פּראָגראַם: אַז די פּוילישע יידן זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען פּוילישע יידן, נאָר ווייל זיי זענען געווען אַ טייל פון דער פּוילישער געזעלשאַפט" (אונטערגעשטראָכן דורך אונדז — י. ל.).

י. פּאַנסקי וויל דערמיט באַווייזן, אַז היטלער האָט נישט געהאַט בדעה צו פאַרניכטן יידן אַלס יידן, נאָר דאָס פּוילישע פאָלק, און אַז די פּוילישע יידן זענען געפאַלן אַלס קרבן פון היטלערס־אויסראָטונגס־פּאָליטיק קעגן פּוילן — אַלס אַ „טייל פון דער פּוילישער געזעלשאַפט". פּאַנסקי ברענגט פאַר דעם אַ באַווייז: „הונדערט און פופציק קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָבן פונקציאָנירט אויף דער טעריטאָריע פון דער (פּוילישער) רעפּובליק, פון זיי זענען נאָר עטלעכע געווען באַשטימט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג", אַקוראַט, ווי ער ווייסט נישט פון דעם אַלגעמיין־באַקאַנטן פאַקט, אַז היטלערס פאַרניכטונג־צוג איז געווען געווענדט נישט בלויז קעגן די פּוילישע יידן, נאָר אויך קעגן די דייטשע, טשעכישע, פראַנצויזישע, רומענישע, יוגאָסלאַווישע, רוסישע, אונגאַרישע, בעלגישע, האָלענדישע יידן — קעגן יידן פון אַלע לענדער, וועלכע ער האָט באַוויזן צו באַהערשן, אַז פּוילן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שעכט־הויז נישט בלויז פאַרן יידישן „טייל פון דער פּוילישער געזעלשאַפט" נאָר פאַר אַלע יידן, ווען דער נאַציזם האָט געקענט דערגרייכן. פּאַנסקי פאַרשטעלט דעם אמת, אַז אין אַלע „150 קאָנצענטראַציע לאַגערן, וואָס האָבן פונקציאָנירט אין פּוילן", זענען דערמאָרדעט געוואָרן נישט בלויז פאַרהעלטענישמעסיק נאָר אויך אבסאָלוט פיל ווייניקער פּאָליאַקן, ווי יידן. קיינער האָט דאָך נישט דערציילט ווען מיליאָנען אויסגעמאָרדעטע פּאָליאַקן!

צו וואָס־זשע, אַלזאָ, דאָס אַנטקעגנשטעלן די 150 לאַגערן, וואָס זענען געווען באַשטימט כאילו פאַר פּאָליאַקן, קעגן נאָר עטלעכע (!) וואָס „זענען געווען באַשטימט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג״? דער ענטפער בעט זיך אַליין: כדי פאַרצושטעלן דעם ים יידיש בלוט אין אַ קליין, שמאָל טייכל, וואָס ווערט פאַרשלונגען אינעם כלומרשטן ריזיקן ים פון אַלגעמיין פּוילישע פאַרלוסטן. וואָס איז דאָס: נאַיוויטעט, אומוויסנקייט, צי בכיוונדיקע פאַרטושונג? אָן ספק ווערט דאָס געמאַכט באַוווסטזיניק, מיט דער כוונה צו ניוועלירן דעם בולטן און קלאָרן אַנטי־יידישן כאַראַקטער פונעם פאַרניכטונגס־צוג. עס איז אפשר אומבאַוווסט־זיניק אַ פּרווו פון אַ יידישן אַפּשטאַמלינג צו פאַרדעקן די גרויזאַמע טראַגעדיע פונעם יידישן פאָלק, צורויבן אים זיין מאַרטירער־קרוין און אָנטאָן זי אויפן קאָפּ פון אַ פאָלק, וואָס זיין מערהייט האָט אָדער אַקטיוו זיך באַטייליקט אינעם פאַר־ניכטונגס־קאַמף קעגן יידן, אָדער איז געבליבן גלייכגילטיק דערצו.

אַט־אָ די זעלבע טענדענץ קומט צום אויסדרוק אין י. פאַנסקיס אָפּשאַצונג פונעם אינהאַלט און כאַראַקטער פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. דער קאָמוניסט ב. מאַרק, אין זיין „אמת וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ״ זעט דאָס כאַראַקטעריסטישע אינעם אויפשטאַנד אין „פּאַרייניקטן נאַציאָנאַלן פראָנט פון אַלע יידן, וואָס האָט גערופן צו פאַרטיידיקן דעם כבוד פון אונדזער פאָלק״. אַט־אָ די אָפּשאַצונג שטימט מיט אַלע באַריכטן, וועלכע זענען אָנגעקומען נאָכן אויפשטאַנד, מצד דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, פון די עדות פון די ביים לעבן־געבליבענע געטאָ־קעמפער און פון די לעצטע אַרויסטרעטונגען פון דער דעלעגאַציע פון פּוילישע יידן אויפן ציוניסטישן צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן. אָבער פאַר י. פאַנסקין עקזיסטירט אינגאַנצן נישט דער יידישער מאָמענט אינעם אויפ־שטאַנד. פאַר אים איז דאָס „נישט דער קאַמף פאַר דער פרייהייט פון יידן, נישט פאַר דער פרייהייט פון געטאָ, נאָר פאַר דער פרייהייט פון דער וועלט״ (אונטער־געשטראָכן דורך אונדז — י. ל.). געוויס איז ריכטיק, אַז „מרדכי אַניעלעוויטש, דער פירער פונעם אויפשטאַנד איז געפאַלן פאַר דער זעלבער זאַך, פאַר וועלכער עס איז געפאַלן מאַריאַן נאָוואָטקאָ אין וואַרשע, גבריאל פּערי אין פּאַריז, דער ענגלישער און אַמעריקאַנער סאָלדאַט אויף די פעלדער פון נאָרמאַנדיע, דער רוס, דער ווייסרוס און אוזבעק אין די סטאַלינגראַדער סטעפּעס, ביים דניעפּר און דער ווייסל״. אָבער פּונקט ווי יעדער איינציקער פון זיי איז געפאַלן נישט בלויז פאַר דער פרייהייט פון דער וועלט, נאָר אויך, און אפשר קודם כל פון זיין פאָלק, אַזוי זענען די געטאָ־אויפשטענדלער געפאַלן, מעג עס י. פאַנסקין נישט געפעלן — קודם כל טאַקע „פאַר דער פרייהייט פון געטאָ״. אַ סימבאָל פון אַט־דעם כאַראַקטער פונעם אויפשטאַנד איז געווען די ווייס־בלויע יידישע פאָן, וועל־כע האָט געפלאַטערט איבערן יידישן געטאָ אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ס׳איז געפאַלן אין אים די לעצטע געביידע, ביז וואַנען ס׳האָט זיך געפונען אין אים דער לעצ־

טער ביים לעבן געבליבענער קעמפער. דער געטאָ־קאַמף האָט זיך צונויפגעפלאָכטן אין זיינע רעזולטאַטן און צילן מיטן אַלגעמיינעם אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף אין דער וועלט, אָבער ער איז געבליבן אַ קאַמף פון יידן, ער האָט באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַ יידישער מלחמה. דאָס שטימט אפשר נישט מיט דער טעאָריע, אָבער עס איז אַ פאַקט.

ס'איז נאָר פיינלעך, וואָס דער סיסטעם פון פעלשונג און קריכערישקייט ווערט אָנגעווענדט לגבי אַזאַ לעגענדאַר געשעעניש, ווי דער געטאָ־אויפשטאַנד, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַלע עלעמענטן פאַרוואַנדלט צו ווערן אין דער געשיכטע אַלס דער סימבאָל פון העכסטער גבורה און פאַרקערפערונג פון זעלבסט־אָפּפערונג, נישט ווייניקער ווי דאָס איז געשען מיטן קאַמף מיט 2425 יאָר צוריק ביי די טערמאָפּילן. פאַרדריסלעך איז אויך, וואָס אַזעלכע אַרטיקלען דערשיינען אין אָרגאַנען פון אַ באַוועגונג, וואָס ווייזט אַרויס לעצטנס מער ווילן צו אויפריכטיקער אָפּשאַצונג פונעם יידישן פּראָבלעם אין ליכט פון די טראַגישע געשעענישן פון די לעצטע יאָרן.

„נייוועלט" נומ' 34, 17 אויגוסט 1945.

יידן-שנאה און יידישע היימלאָזיקייט

אויף אונדז האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שוידערלעכער קאַטאַקליזם, אָבער מיר ווייסן נאָך נישט זיין פאַרנעם. מיר ווייסן, אַז די גאַז־קאַמערן פון מאַידאַנעק און טרעבלינקע, פון אָשוויענטשים און סאָבי־באָר האָבן פאַרשלונגען מיליאָנען פון אונדזערע ברידער, אַז אין די געטאָס פון וואַרשע און לעמבערג, ווילנע און קאָוונע, מינסק און באָברויסק, קיעוו און אָדעס זענען זיי פאַרטיליקט געוואָרן אין הונדערטער טויזנטער. אָבער ווי גרויס איז די צאָל פון די קדושים, און ווי גרויס איז די צאָל געראַטעוועטע אין די באַפרייטע שטחים? וויפל יידן זענען געבליבן לעבן אין די סאָוויעטישע געביטן, וואָס זענען נישט געווען אָקופּירט? דאָס ווייסן מיר ביז היינט נישט!

די וועלט האָט זיך אירע אויסרעכענונגען און אין זיי גייט נישט אַריין די נויטיקייט צו פירן אַ חשבון פון די יידישע קרבנות.

די קאַטאַסטראָפע דויערט נאָך. די לאַווע פון פאַרניכטונג האָט זיך נאָך נישט אָפּגעשטעלט. וואָס וועט זיין דער גורל פון די הונדערטער טויזנטער יידן

אין אונגאַרן, פון די פאַרשפאַרטע אין טערעזיענשטאַט און אין לאָדזש? פון די, וואָס פייניקן זיך נאָך אין די אַרבעטס־לאַגערן אין פוילן? פון די רעשטלעך, וועלכע לעבן, ווי אַמאָל די טראָגלאָדיטן, אין היילן אָדער ווי די ווילדע חיות אין די וועלדער? פון דעם ענטפער וואָס דער מאָרגן וועט אונדז געבן אויף די פראַגן איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק די געשטאַלטונג פון דעם נאָך־מלחמהדיקן בילד פונעם יידישן לעבן.

אונדזער פאָלק איז צעזייט און צעשפרייט איבער דער גאַנצער וועלט; מיר זענען אַ פאָלק, אָן אַן אייגענעם מלוכהשן לעבן. מער ווי ביי יעדן אַנדערן פאָלק ווירקט אויף אונדזער גורל די פאַרמירונג פון די סאָציאַל־פּאָליטישע פאַר־העלטענישן אין דער וועלט. און די דאָזיקע פאַרהעלטענישן זענען נאָך איצט פליסיק. שוין איצט, ווען די מלחמה דויערט נאָך, קומט פאָר — אין פאַרשידענע פאָרמען און דערשיינונגען — אַ געראַנגל צווישן צוויי עיקר־שטרעמונגען: אַ רעסטאַווראַנדיקע און אַ רעוואָלוציאָנערע. דער דאָזיקער געראַנגל קען זיך מיט דער פאַרענדיקונג פון דער מלחמה אַנטוויקלען אין אַ שאַרפן בלוטיקן קריג. ווי וועט דער פאַקט פון בירגער־קריג זיך אָפּרופן אויפן שיקזאַל פון די רעשטלעך ביים לעבן געבליבענע יידן? און וועט שוין קומען צו אַ געוויסער סטאַביליזירונג פון די סאָציאַל־פּאָליטישע פאַרהעלטענישן, וואָס וועט זיין איר כאַראַקטער? קלאָר, אַז פאַר דער געשטאַלטונג פון אונדזער גורל און פאַר די באַדינגונגען, אין וועלכע אונדז וועט אויסקומען צו פירן אונדזער נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף, איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס דעצידירנדיק די תשובה אויף אָט די פראַגן.

אָבער ווי אָביעקטיוו שווער ס׳זאָל אונדז נישט זיין צו קאָנסטרואירן פאַר אונדזערע אויגן דאָס יידישע צוקונפט־בילד נאָך דער מלחמה, טיילן זיך שוין איצט אַרויס זיינע גרונט־שטריכן, און אויך אַ ריי אַזעלכע נעבן־דערשיינונגען, וואָס זענען באַשטימענדיק פאַר זיין אויסזען. איינע פון די דאָזיקע ביז גאָר וויכ־טיקע נעבן־דערשיינונגען איז דער אָן־ספקדיקער וווקס פונעם אַנטיסעמיטיזם, זיין פאַרשפרייטונג אויף שיכטן און פעלקער, וואָס האָבן אים פריער נישט גע־קענט, און זיין פאַרויסגעזעענע ווייטערדיקע עקזיסטענץ און ווירקונג אויך נאָך דער מלחמה.

ס׳איז אַ טרויעריקער אָבער אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז היטלערן איז דורך זיין פראָפּאַגאַנדע געלונגען צו פאַרשפרייטן דעם סם פון אַנטיסעמיטיזם אין אַ ביז איצט אומבאַקאַנטן פאַרנעם. די מלחמה מיט אירע פורעניות האָט דערצו געגעבן ווייטערן נער־שטאָף. דאָס אריינציען גרויסע מאַסן פון דער נישט־דייטשער באַפעלקערונג אין דעם אויסראָטונגס־ און רויב־צוג קעגן יידן האָט געשאַפן אַ באָדן פאַר דער פאַרטיפונג און אַנטוויקלונג פון דער יידן־שנאה.

ס׳וואָלט געווען נאַטירלעך, אַז אין די לענדער און שטחים, וואָס די דייטשן

האָבן פאַרשקלאַפט, זאָל זיך אויסשמידן בעת דער מלחמה דאָס געפּיל פון גורל־שותפות צווישן דער פאַרמשפּטער צו פאַרניכטונג יידישער באַפעלקערונג און די ליידנדיקע אָרטיקע מערהייטס־מאַסן. אַנשטאָט דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כמעט אין די אַלע געביטן האָט דער פון פריער פאַרוואָרצלטער אַנטיסעמיטיזם זיך באַדייטנדיק פאַרטיפט און איז אויסגעוואַקסן צו אַ בלינדער טעמפּער שנאה צו די געקרייציקטע יידן. בלויז אין געציילטע אויסנאַם־פאַלן האָט די באַפעל־קערונג אַרויסגעוויזן מיטגעפיל און הילף די געפּייניקטע יידן (דענעמאַרק, האָ־לאַנד, בעלגיע). אין אַנדערע שטחים האָבן עס געטאָן בלויז יחידים, בעת די ברייטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג האָבן זיך באַצויגן פּאַסיוו צו די יידן־שחיטות, אָדער אַליין זיך אין זיי באַטייליקט. אין דער הינזיכט האָבן די אוקראַי־נער און ווייסרוסן זיך נישט אונטערשיידט פון די פּאָליאַקן און ליטווינער און אין פיל פאַלן נאָך איבערגעשטיגן זיי.

ס׳וואָלט געהייסן זיך אַליין אָפּנאַרן, ווען מיר זאָלן גלייבן, אַז מיט דער באַפרייאונג פון אַ לאַנד, אָדער אפילו מיטן פאַרענדיקן די מלחמה, וועט די יידן־שנאה פאַרשווינדן ווי לויט אַ כישוף־שטעקעלע. דיווירקלעכקייט אין פראַנקרייך, בולגאַריע און אין די באַפרייטע סאָוויעטישע געביטן — ווייזן דעם היפוך דער־פון. אין די אַלע געביטן, ווו די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט זיך באַטייליקט אין די יידן־שחיטות אָדער געגנאַסן פון רויב, אַנטשטייט ביי איר די שטרעבונג צו פאַרווישן די שפּורן פונעם מאָרד דורך באַזייטיקן די לעבן־געבליבענע רעשטלעך, און אין בעסטן פאַל בלייבן ביים צוגערויבטן באַזיץ. אין פראַנקרייך האָט עס באַקומען אַן אָרגאַניזירטן כאַראַקטער דורך שאַפן דעם פאַריין פון די באַזיצער פון אַמאָליקע יידישע פאַרמעגנס. אינעם פאָלקס־פראָנט־בולגאַריע, דורך צווינגען די יידן וואָס ווילן עמיגרירן, אונטערצושרייבן אַ דעקלאַראַציע, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פון זייער באַוועגלעכן און אומבאַוועגלעכן פאַרמעגן. די יידישע שוצלאָזיקייט וואָס איז אַזוי ברוטאַל־ציניש געקומען צום אויסדרוק בעת היטלערס מאַסן־מאָרדן, האָט געבילדעט דעם פּסיכאָלאָגישן יסוד פאַר אַזאַ הפקר באַציאונג צו די לעבן־געבליבענע יידן.

ד. זאַסלאַווסקי, איינער פון די פירנדיקע סאָוויעטישע פּובליציסטן, אַמאָל איינער פון די פירער פונעם „בונד" אין רוסלאַנד, וואָס האָט שוין אוודאי אַ יאָר צוואַנציק נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס צו יידישע ענינים, איז באַאומרו־איקט פון דער דאָזיקער דערשיינונג און אַרויס אין אַ סאָוויעטישער אויסגאַבע מיט אַן אַרטיקל וועגן „די יידישע פאָדערונגען צום סוף פון דער מלחמה". אָבער זיינע יידישע שלום־פאָדערונגען רעדוצירן זיך צו איין און איינציקער זאַך — צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנווענץ צו באַקעמפן אַנטיסעמיטישע העצע און אַנטי־יידישע עקסצעסן. דאָס, וואָס די אַמעריקאַנער יאהודים ווילן דערגרייכן ביי זיך אינדערהיים מיט פּראָפּאַגאַנדע קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס דער בונדישער

פֿאַרשטייער אין לאַנדאַנער פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט, ע. שערער, ווײַל דערגרייכן מיט זײַן פּראָיעקט צו דערקלערן אין קומענדיקן פּוילן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אַלס קרימינעלן פֿאַרברעך, — ווײַל ד. זאַסלאַווסקי אויסברייטערן איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער דער צוגאַנג איז בײַ אַלע דרײַ אַ גלײַכער.

געוויס האָט די דאָזיקע פֿאָדערונג אַ זין. ווען זי ווערט רעאַליזירט און דורכגעפֿירט, וואָלט זי אָפּגעשוואַכט די הפקר־באַציאונג צו יידן. ס'איז אָבער אַ סימן פֿון פֿולשטענדיקער בלינדקייט צו מיינען, אַז אַזאַ טיף־פֿאַרוואָרצלטע און אַזוי לאַנג עקזיסטירנדיקע דערשיינונג ווי אַנטיסעמיטיזם, קען מען ליקווידירן מיט דער הילף פֿון אַדמיניסטראַטיווע מיטלען, נישט אָפּשאַפֿנדיק זײַנע גרונט־סיבות. די טראַגישע געשעענישן אין דער איצטיקער מלחמה האָבן באַוויזן, אַז די יידן־שנאה האָט געדרעמלט דאָרט ווו זי איז שוין שײַנבאַר געווען פֿאַרשוווּנדן, און אַז בײַ גינסטיקע באַדינגונגען האָט זי אָנגענומען אַזעלכע בעסטיאַלישע פֿאָרמען, וואָס דער גרעסטער שוואַרץ־זעער צווישן אונדז האָט נישט געקענט פֿאָרויסזען. דער אַנטיסעמיטיזם האָט אויפֿגעוואַכט אויך דאָרט, ווו ער איז אין משך פֿון צענדליקער יאָרן געזעצלעך גערודפֿט געוואָרן. מיט אונטערדריקונגס־מיטלען וואָלט מען געקענט דעם אַנטיסעמיטיזם פֿאַרטרײַבן פֿון דער אויבער־פֿלאַך, ער וואָלט זיך אָבער געפֿונען אַ נעסט אין די טיפֿעניש פֿון דער נשמה און וואָלט בײַ באַשטימטע געלעגנהייטן אויסגעבראָכן מיט סטיכישער קראַפֿט. אַנטיסעמיטיזם איז אַ דערשיינונג, געווענדט קעגן איין און איינציקן פֿאָלק אין דער וועלט, זײַנע וואָרצלען שטעקן אין דעם, וואָס דאָס דאָזיקע פֿאָלק טראָגט אַ באַשטימטע סטיגמע, וואָס קיין שום אַנדער פֿאָלק אין דער וועלט פֿאַרמאָגט עס נישט — עס איז אַ פֿאָלק אָן אַ לאַנד און אָן אַ היים. באַזייטיקן אָט די ספּע־ציפֿישע יידישע אייגנאַרט — מיינט דעריבער שאַפֿן דעם באָדן פֿאַר דער ליקווי־דירונג פֿון אָט דעם אינטערנאַציאָנאַלן נגע־רע, וואָס איז געווענדט דירעקט קעגן יידן, ווערט אָבער גלײַכצײַטיק אויסגענוצט פֿאַר סאָציאַל־פּאָליטישע צוועקן פֿון אַלגעמיינעם כאַראַקטער.

דער פֿונאַנדערגעבליטער אַנטיסעמיטיזם איז איינער פֿון די גורמים, מיט וועלכע די יידישע וועלט וועט זיך טרעפֿן אין אירע באַציאונגען צוריקאויפֿצו־שטעלן די חורבות פֿונעם יידישן לעבן נאָך דער מלחמה. די דאָזיקע דערשיינונג קען אָננעמען פֿאַרשידענע פֿאָרמען — נישט דווקא שטענדיק ברוטאַלע און אָפֿן־אַנטיסעמיטישע. אַמאָל קען זי זיך אויסדריקן אין לעגאַליזירן דאָס נישט אומ־קערן צוגעראַבעוועט יידיש פֿאַרמעגן, אַמאָל אין דער פֿאָרם פֿון געזעצן (לפֿנים אפֿילו פּראָגרעסיווע), וואָס זאָלן דערמעגלעכן דער מלוכה צו ירשענען די פֿאַר־מעגנס פֿון די אויסגעמאָרדעטע יידן, אָדער אומגעבראַכטע קהילות; אַמאָל אין פֿאָרמעל גלײַכער באַציאונג מצד דער מלוכה צו אַלע בירגער, דערונטער צו יידן, בײַ די אַקציעס פֿון הילף און ווידעראויפֿבוי, וואָס דאָס מיינט, נישט נעמען אין

אָבֿט, אַז יידן האָבן טויזנטפאַך מער געליטן ווי אַלע אַנדערע בירגער פון די פריער פאַרשקלאַפטע געביטן (אַזעלכע טענדענצן מערקן מיר שוין איצט). ס׳איז אָבער אויך לגמרי נישט אויסגעשלאָסן, אַז די יידן־שנאה זאָל אָננעמען אויך פיל ברוטאַלערע פאָרמען — אין פאַל פון אַפּראָוויזאַציע־שוועריקייטן, אָדער — וואָס איז נאָך ערגער און וואַרשיינלעכער, אין פאַל פון אַ ריזיקער אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס קען קומען נאָך דער פאַרענדיקונג פונעם קריג און דעמאָביליזאַציע פון דער קריגס־אינדוסטריע און פון צענדליקער מיליאָנען זעלנער. אָבער דאַן וועלן זיך אויך געפינען געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס וועלן דווקא זוכן צו לענקן די אָנגעזאַמלטע פאַרביטערונג אין דער ריכטונג פון יידנהאַס. צי קען אונדז ד. זאַסלאַווסקי גאַראַנטירן, אַז די מלוכות, וואָס וועלן אונטערשרייבן זיין איינ־איינציקע יידישע פאָדערונג צו דער שלום־קאָנפערענץ, וועלן זי טאַקע האָנאָרירן? צי וועט אָט די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנווענץ קעגן אַנטיסעמיטיזם האָבן אַ ממשות?

די איצטיקע קאַטאַסטראָפע האָט פאַר דער יידישער וועלט אַוועקגעשטעלט מיט דער פולער אַנטשידנקייט אַלס אַקטועלע אויפגאַבע איבערצובויען דאָס יידישע לעבן פון גרונט אויס און אין פולן אומפאַנג — קאָנקרעט געזונמען אָפּצושאַפן די יידישע אייגנאַרט — די היים־ און לאַנדלאָזיקייט. אין אָט דער צענטראַלער ריכטונג דאַרפן גיין די אָנשטרענגונגען פונעם יידישן פאָלק. די געשעענישן פון די לעצטע יאָרן האָבן אָט־אָ די טענדענץ אינעם יידישן לעבן באַדייטנד פאַרשטאַרקט. מ׳דאַרף אָבער נישט פאַרמאַכן די אויגן פאַר דעם פאַקט, וואָס אינעם יידישן לעבן ווירקן אויך פאַרקערטע פּראָצעסן, וואָס זענען אָפּטמאָל אַ רעזולטאַט פון אינערץ, פון וועלכער ס׳ווערן פאַרכאַפּט אפילו באַדייטנדיקע ציוניסטישע קרייזן. אָט די צענטריפוגאַלע טענדענצן אינעם יידישן לעבן טאָרן באַין אופן נישט אונטערגעשטיצט ווערן.

מיר ווייסן, אַז אונדזער גורל ליגט נישט אויסשליסלעך אין אונדזערע הענט, אַז די באַציאונג פון אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן האָט דערביי אַן אויסערגעוויינלעכע וויכטיקייט. אָבער קודם כל איז פון גרויסער באַדייטונג, אַז מיר אַליין זאָלן האָבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן אונדזער סיטואַציע און וועגן די ממשותדיקע פאָדערונגען אין דער איצטיקער תקופה; אַז ביי אונדז זאָל הערשן קלאָרקייט נישט נאָר בנוגע דער אויפפאַסונג פונעם יידישן פּראָבלעם, נאָר אויך בנוגע אונדזערע קאָנקרעטע אויפגאַבן, און אַנטשלאָסנקייט אין קאַמף פאַר זייער פאַרווירקלעכונג.

„נייוועלט״ נומ׳ 51, 1 דעצעמבער 1944.

יידיש-אראבישע דערנענטערונג

דאָס צענטראַלע פּראָבלעם, וואָס שטעלט זיך פאַר אונדז אין מאָמענט ווען מיר טרעטן צו צו פאַרלייגן די יסודות פאַר דער יידישער מדינה, איז דאָס פּראָבלעם פון די באַציאונגען מיט די אַראַבער, קודם כל מיט די אַראַבישע איינוווינער פון ארץ־ישראל — סיי די וואָס דאַרפן פאַרבלייבן אין די ראַמען פון דער יידישער מדינה, סיי די וואָס וועלן זיך געפינען אויסער איר. ס׳טאָר נישט איבערגעחזרט ווערן דער פעלער, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן יאָרנלאַנג דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג, און אין איר דורך אַ גרויסן טייל פון דער אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט נישט אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון דעם פּראָבלעם און באַגאַטעליזירט די אויסזיכטן פון יידיש־אַראַבישן צוזאַמענלעבן. פון אַ געהעריקן צוגאַנג צו דעם דאָזיקן פּראָבלעם און פון אַ ריכטיקער פּאָליטיק לגבי אים — איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק סיי דער אויפבוי־פּראָצעס פון דער מדינה, סיי איר אַנטוויקלונג און פאַרפעסטיקונג.

דער אונאָ־באַשלוס האָט אָן שום ספק אַ היסטאָרישע באַדייטונג. קאָנקרעט הייסט דאָס אָבער נאָך נישט, אַז די מדינה ווערט אונדז געגעבן גרייטערהייט. ס׳ווערט אונדז געגעבן אַ שאַנס — אַ היסטאָרישער שאַנס — אויפצושטעלן דעם בנין פון יידישער זעלבשטענדיקייט און אָנצופילן אים מיט קאָנקרעטן אינהאַלט. די פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן שאַנס איז עלול באַגלייט צו ווערן מיט אָן אַ שיעור שטרויכלונגען און סכנות, צווישן וועלכע דער אַראַבישער גורם פאַרנעמט אָן ספק דעם ערשטן פּלאַץ.

דער שטח פון ארץ־ישראל וואָס איז אָנערקענט געוואָרן פאַר דער יידישער מדינה, פאַרנעמט צווישן די אַראַבישע שטחים קוים אַ האַלבן פּראָצענט; די אַראַבישע איינוווינער אין דער יידישער מדינה מאַכן־אויס קוים איין פּראָצענט פונעם כלל אַראַבער. די אַראַבער נייטיקן זיך נישט אין „לעבנסרוים״, פאַרקערט, — זיי זענען נישט בכוח צו אַנטוויקלען זייערע לענדער, אין אַ גרויסער מאָס צוליב דער שיטערער באַפעלקערונג אין זיי. די ריכטיק־פאַרשטאַנענע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די אַראַבישע מאַסן וועלן לחלוטין נישט געטראָפן ווערן דורך דער שאַפונג פון דער יידישער מדינה, פאַרקערט — זיי קענען דערפון געווינען. ווייל דער שווערפּונקט פונעם אַראַבישן פּראָבלעם ליגט אין אויסקעמפן פאַקטישע זעלבשטענדיקייט און אייניקייט אָנשטאָט דער דינאַסטישער צעריסנקייט און אָפּהענגיקייט פון פרעמדע מלוכות. דער וועג דערצו איז — אינערלעכע דעמאָקראַטיזירונג און סאָציאַלע דערהייבונג. אין דעם דאָזיקן פּראָצעס קען אָבער די יידישע מדינה, געבויט אויף דעמאָקראַטישע יסודות און אָנגעפילט מיט פּראָגרעסיוון אינהאַלט, זיין אַ באַדייטנדיקער פּאָזיטיווער דערמונטערנדיקער פאַקטאָר. אָבער גראָד אָט־אָ דאָס באַאיינפלוסט אין אַ גרויסער

מאָס די קעגנערישע באַציאונג פון די שליטים אין די אַראַבישע לענדער צום ציוניזם און באַשטימט די פיינדשאַפט פון די רעאַקציאָנער־פּאַשיסטישע פירער פון די ארץ־ישראל־אַראַבער צו דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה.

דער אומשטאַנד, וואָס אין יסוד פונעם אין פלוג עקסקלוזיוו־נאַציאָנאַלן קאָנפליקט ליגן באַהאַלטן ערנסטע סאָציאַל־פּאָליטישע גורמים — קאָמפּליצירט און פאַרשווערט די פּאָליטיק פון פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער אין די געגנט־בענע פאַרהעלטענישן, אָבער גלייכצייטיק ווייזט ער אויך אָן די ריכטונג פון די אָנשטרענגונגען, וואָס דאַרפן געמאַכט ווערן. נישט געקוקט דערויף מוז, אָבער, די יידישע פּאָליטיק קאָנסעקווענט און ביי אַלע באַדינגונגען האָבן פאַר אַ ציל די פאַרשטענדיקונג צו דערגרייכן.

ווי געזאָגט, ליגט די פּאָליטיק פון פאַרשטענדיקונג אין די אינטערעסן פון ביידע פעלקער. די אַנטשטייענדיקע יידישע מדינה איז אַרומגערינגלט פון דריי זייטן מיט אַראַבישע לענדער. אַ טייל פון אירע שטחים — פון פיר זייטן אפילו. ס׳איז לייכט זי אָנצוגרייפן צוליב דער קנאַפּער טיף פון איר טעריטאָריע און דער אויסגעצויגנקייט פון אירע גרענעצן. איר פאַרטיידיקונג וועט פאָדערן גרויסע אָנשטרענגונגען — מענטשלעכע און מאַטעריעלע. פאַרשטייט זיך, אַז ווען דאָס זאָל נייטיק זיין, וועלן זיך פאַר דעם געפינען גענוג כוחות. אין דער זעלבער צייט אָבער גיט די יידישע מדינה דער אַראַבישער באַפעלקערונג פון ביידע טיילן ארץ־ישראל די זעלטענע געלעגנהייט פון סאָציאַלן אויפשטייג און פּאָליטישער אַנטוויקלונג. ביידע טיילן דערגאַנצן זיך ווירטשאַפטלעך און די אָקטיווע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן שאַפן אָן אידעאַלע באַזע פאַר ענגער ווירטשאַפטלעכער צוזאַמענאַרבעט פון יידישן ארץ־ישראל מיטן גאַנצן אַראַבישן מזרח. אַ פאַרצויגענער קאָנפליקט וועט באַשווערן די לאַגע פון ביידע פעלקער; ער וועט אָבער זיכער נישט אָפּשטעלן דעם ווידעראויפלעבונגס־פּראָצעס פון דער יידישער מדינה.

ס׳איז פאַראַן אַ חילוק אין דער מדרגה פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון די באַזונדערע אַראַבישע לענדער. מ׳קען נישט פאַרגלייכן לבנון צו סעודיה און מצרים צו תימן. עס זענען אָבער פאַראַן אַ ריי וויכטיקע געמיינזאַמע שטריכן אין דער פּאָליטישער סטרוקטור פון אַלע אַראַבישע לענדער — דהיינו, די שוואַכקייט פון די פּאָליטישע רעזשימען אין זיי, די שמאָלע סאָציאַלע באַזע, אויף וועלכער עס שטיצן זיך זייערע רעגירונגען, די סאָציאַלע יוירונג אין זיי, און אין אַ טייל פון זיי (עיראַק, לבנון) אויך ערנסטע נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן. און דערצו נאָך די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָפּהענגיקייט פון אויסערלעכע פאַקטאָרן און אויך דער קאַמף פאַר פּאָזיציעס און העגעמאָניע אין דער אַראַבישער וועלט מצד פאַרשידענע קליקעס. די דאָזיקע אינערלעכע שוועריקייטן און אויסערלעכע אָפּ־הענגיקייט פון די אַראַבישע לענדער — מוזן אָפּשוואַכן זייער דעצידירטקייט צו

קעמפן קעגן דעם באַשלוס פון אונ״אָ און זיין רעאַליזירונג, און דערמיט ווערט געעפנט פאַרן יידישן צד אַ וועג פאַרן פּאָליטישן מאַנעווירן מיט דער אויסזיכט צו דערגרייכן אַ מאָדוס־וויוועגדי, אַ פאָרם פון צוזאַמענווירקן דע פאַקטאָ מיט אַ טייל אַראַבישע לענדער. אָבער אויך אין די אַזוי־גערופענע זעלבשטענדיקע אַראַבישע לענדער מוז זיין די עיקר־אָריענטאַציע אויף די פּאָטענציעל־פּראָגרעסיווע כוחות אין זיי, אין דער ערשטער ריי אויף די אָרגאַניזירטע אַרבעטער און אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ווייל זיי דאַרפן זיין אונדזערע נאַטירלעכע פאַרבינדעטע.

פּשוטער, אָבער דערפאַר געפערלעכער, צייכנט זיך אָן די סיטואַציע אינעם לאַגער פון די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער. דאָ הערשט כמעט אומבאַגרעניצט די אויסגעשפּראָכן פאַשיסטישע און עקסטרעם־רעאַקציאָנערע פאַשיסטישע כנופיה פון די הוסייניס, אַלס פועל־יוצא פון דער טעראָר־הערשאַפט, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אויף דער אַראַבישער גאַס מיט דער פולער אונטערשטיצונג פון דער מאַנדאַט־מאַכט. פאַר דער חוסייני־קליקע באַדייט די רעאַליזירונג פונעם אונ״אָ־באַשלוס — ליקווידאַציע פון זייערע פּאָליטישע און סאָציאַלע פּאָזיציעס. דערפאַר איז פּאָרויסצוזען, אַז זייער קאַמף וועט זיין ריקזיכטלאָז און אומגעצוימט. נישט אומזיסט האָט דזשעמאַל חוסייני געדראָט, אַז דער קאַמף וועט אויסגעפאָכטן ווערן אין ארץ־ישראל גופא. מיר זענען עדות פון די ערשטע אָנהייבן פון אַזאַ קאַמף, וואָס ווערט געפירט ביי דער פולער אומטעטיקייט פון די באַוואָפנטע כוחות פון דער מאַנדאַט־מאַכט, בעת זי שטערט גלייכצייטיק די פאַרטיידיקונג פון די באַפאַלענע יידן און העלפט דערמיט די אַראַבישע טעראָרבאַנדעס, כדי צו דערמונטערן בלוטיקע געשעענישן אין לאַנד און באַרעכטיקן איר פאַרבלייבן דאָ און טאָרפּעדירן דעם באַשלוס פון אונ״אָ.

ביי דעם אַלעמען איז דער לאַגער פון די ארץ־ישראל־אַראַבער דורכאויס נישט קיין איינהייטלעכער: דער בלוטיקער טעראָר און די ווילדע שאָוויניסטישע העצע האָבן צעמענטירט די אַראַבישע סביבה, אָבער דאָס מוז נישט אַזוי בלייבן. אויך אין דער תקופה פון אומבאַגרענעצטער שליטה פון די חוסייניס, האָבן אַראַבישע אַרבעטער געוואַגט פון צייט־צו־צייט צו גיין אויף געמיינזאַמע אַקציעס מיט די יידישע אַרבעטער קעגן דעם ווילן פון די חוסייניסע העצער. דאָס באַווייזט, אַז עס איז פאַראַן דער באָדן פאַר אַ דיפערענצירונג אין לאַגער פון ארץ־ישראלדיקע אַראַבער. דערצו זענען בלויז נייטיק גינסטיקע באַדינגונגען. אַזעלכע באַדינגונגען וועלן געשאַפן ווערן — פון איין זייט ביים אומצווייפלהאַפטן דורכפאַל פון דער אַקציע פון די אַראַבישע פאַשיסטן און רעאַקציאָנערן קעגן דער שאַפונג פון דער יידישער מדינה, פון דער צווייטער זייט — דורך אַן אַנטשפּרעכנדיקער פּאָליטיק פון די יידישע פאַקטאָרן; אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל באַזירן נישט בלויז אויף הבטחות וועגן שטרעבונג צו שלום און פאַרשטענדיקונג, נאָר אויף

קאָנקרעטע מעשים, וואָס וועלן דעמאָנסטרירן די אַנטשלאָסנקייט דורכצופירן אין לעבן די פולע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע גלייכקייט פון די אַראַבישע מאַסן מיט די יידישע.

אַ דעצידירנדיקע באַדייטונג אויף דעם געביט קען האָבן די פּאָליטיק פון דער הסתדרות לגבי די אַראַבישע אַרבעטער. אויב זי וועט אויפהערן מיט דער נאַציאָנאַלער איזאָלאַציע אויפן געביט פון פראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג; אויב זי וועט אַנטשלאָסן קעמפן פאַר גלייכע אַרבעטס־באַדינגונגען פאַר אַלע אַרבעטער — סיי יידישע, סיי אַראַבישע; אויב זי וועט דעם פּרינציפּ פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט דורכפירן אין לעבן — מוז דאָס ברענגען אַ דעצידירנדיקע ווענדונג אין דער באַציאונג פון די אַראַבישע אַרבעטער־מאַסן צו דער יידישער מדינה. דאָס וועט האָבן אַן אַנטשיידנדיקע השפעה אויף דער פאָרמירונג פון די באַציאונגען צווישן ביידע מדינות און מיט די אַראַבישע מאַסן אין אַנדערע לענדער.

נאָך די דעקלאַראַציעס וועגן דער גרייטקייט צו שלום און פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער אין ארץ־ישראל און מיט די אַראַבישע לענדער, מוזן קומען מעשים, וועלכע זאָלן דעמאָנסטרירן די גרייטקייט צו פאַרווירקלעכן די דעקלאַראַציעס אין לעבן. אין דער נייער, פון גרונט־אויס געענדערטער סיטואַציע, פאָדערט זיך אַ נייער דרייסטער וועג אין אַלע וויכטיקע פּראָבלעמען, און אויך אין אַראַבישן.

„נייוועלט“ נומ׳ 49, 5 דעצעמבער 1947.

„השומר הצעיר“ אין סתירה מיט זיך אַליין

מיר ווייסן די כסדרדיקע וואַקלענישן אין דער מאָס טעמפּעראַמענט, מיט וועלכן השומר הצעיר קעמפט פאַר זיין אייגנאַרטיקער פאָרמולירונג פונעם ציוניסטישן ענד־ציל און די וועגן, אים צו פאַרווירקלעכן. נישט איינמאָל דאַכט זיך אונדז, אַז די אַנטשידנקייט און עקשנות, מיט וועלכע השומר הצעיר שטעלט זיך איין פאַר זיין קאָנצעפּציע — וואַקסט פּראָפּאָרציאָנעל מיט די ספקות אין זיינע אייגענע רייען. אָבער ווי־סנדיק, ווי טיילמאָל איז השומר הצעיר, צוליב וויכטיקע צילן, ווי אַ בלאָק מיט פועלי־ציון צו וואַלן אין הסתדרות און אסיפת־הנבחרים אָדער אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ לינקער מערהייט, גרייט אָפּצונייגן פון

זיין ליניע, האָבן מיר געמעגט רעכענען, אַז אין דער איצטיקער גורלדיקער סיטו־אַציע, ווען אונדזער קאַמף איז אַריינגעטרעטן אין אַן אויסערגעוויינלעכער קרי־טישער פאַזע, וועט דער השומר הצעיר זיך דערמאָנען גראָד אין די תקופות פון ציל־באַוווסטער איינגעהאַלטנקייט און זעלבסט־באַהערשונג און זיך באַמיען צו מילדערן די קעגנזאַצן.

אַנשטאָט דעם זעען מיר, אָבער, ווי גראָד אין דער לעצטער צייט קומען אינעם השומר הצעיר צום אויסדרוק דווקא די מיליטאַנטישע טענדענצן — פון איין זייט וואָס אַ גרעסערע שער לגבי אַנדערע אַרבעטער־ריכטונגען אין אָפּשאַצן פּאָליטישע דערשיינונגען, פון דער צווייטער זייט דאָס אָננעמען פאַר רעכט די ראָל פון אַ „קאָנסטרוקטיוון" פאַקטאָר, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן מצד דער ענגליש־אַמעריקאַנישער אויספאָרש־קאָמיסיע.

זאָלן די חברים פון השומר־הצעיר מוחל זיין: מען קען זיך נישט באַ־פרייען פונעם איינדרוק, אַז אינעם געיעג נאָך אַ פאַרשאַרפטער שטעלונג פאַר יעדן פרייז — פאַלן זיי אַמאָל אַריין אין אַ שאַרפער סתירה מיט זיך אַליין און מיט זייערע אייגענע פרינציפּן. מיר נעמען אַ קאָנקרעטן פאַל פון דער לעצטער צייט, דערצו אַ פּאָליטיש מאַרקאַנטן און וויכטיקן — די באַציאונג צום באַריכט פון דער אויספאָרשונג־קאָמיסיע און אירע מסקנות. אויך דאָ האָט זיך דער השומר הצעיר אָוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזיציע פון „ספּלענדיד איזאָליישן". נישט נאָר אינעם ישוב, נאָר אין דער גאַנצער נאַציאָנאַל־יידישער וועלט האָט זיך אויסגעאַרבעט, שיר נישט סטיכיש, אַ כמעט איינהייטלעכע עיקר־שטעלונג צו די רעזולטאַטן פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע: אַ פּאָזיטיווע צו אירע רעקאָמענ־דאַציעס אויף אַ קורצער שטרעקע (100 טויזנט עולים, באַדן־ געזעץ), און אַן אַבסאָלוט קעגנערישע צום פּרינציפּיעלן צוגאַנג פון דער קאָמיסיע צום יידישן פּראָבלעם און צו די דורכאויס נישט אָנגעמבאַרע רעקאָמענדאַציעס אויף אַ לאַנ־גער שטרעקע. עס זענען געווען וואַריאַנטן — און דערצו באַדייטנדיקע — בנוגע דער אָפּשאַצונג פון די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע דערגרייכונגען אין די אויספירן פון דער אויספאָרש־קאָמיסיע, ס'איז אָבער קיין חלוקי־דעות נישט געווען, אַז דער דאָקומענט איז אין תוך אַן אַנטי־ציוניסטישער און אַלס אַזעלכער מוז ער, מיטן אויסנאַם פון זיינע פּאָזיטיווע טיילן, אָפּגעוואָרפן ווערן. אַנדערש איז די שטעלונג פון השומר הצעיר.

דער פּאָליטישער תמצית פון דער אויספירלעכער רעזאָלוציע וואָס השומר הצעיר האָט אָנגענומען בנוגע דעם באַריכט פון דער אויספאָרש־קאָמי־סיע קומט צום אויסדרוק אין דעם ווייטערדיקן זאַץ פון דער רעזאָלוציע: „מיר וואָרענען די ציוניסטישע באַוועגונג פאַר יעדן פּרווו אָפּצופרעגן די מסקנות פון דער קאָמיסיע אין זייער יסוד (לערער על מסקנות הועדה מעיקרן). אַזאַ

פּאָליטיק קאָן נישט אויסן זיין עפּעס אַנדערש, ווי אַ פּאַרצווייפלטן פּרווו צו דערגרייכן פון דער בריטישער רעגירונג די צעטיילונג פונעם לאַנד״.

די קאָמיסיע האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם פּלאַן פון חלוקה. צי ענדערט דאָס אָבער דעם אַנטי־ציוניסטישן כאַראַקטער פון אירע פּרינציפּיעלע און אויך פון אירע פּראַקטישע אויספירן? אמת איז, אַז פאַראַן עלעמענטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס זעען אין דער חלוקה דאָס „קלענערע שלעכטס״ און דאָס מאַקסימאַל־דערגרייכבאַרע אין דער קאָנקרעטער קאָנסטעלאַציע. צי באַרעכטיקט אָבער אַזאַ סיטואַציע אָנצונעמען, אפילו מיט באַוואָרענישן, אַזאַ אַנטי־ציוניסטישן דאָקומענט?

די רעזאָלוציע פונעם השומר הצעיר שטרייכט אַליין אונטער, אַז „די קאָמיסיע מאַכט זיך נישט וויסן פונעם פולן פאַרנעם פון דעם פּראָבלעם פון פּאַטערלאַנדלאָזיקייט פון יידישן פאָלק און אפילו פונעם צוואַנג פון יידישער עליה אין דער פּראָפּאָרץ צו דער נויט אין דער איצטיקער צייט״. אויף אַ זייער איידעלן און פאַרזיכטיק־געשליפענעם אופן ווערט דאָ אייגנטלעך צוגעגעבן די פּרינציפּיעלע קעגנערשאַפט פון דער קאָמיסיע צו דער ציוניסטישער לייזונג פון דער יידן־פראַגע און צו דער ברענענדיקער אַקטועלער פראַגע פון מאַסן־עליה. דער אמת איז, אַז די קאָמיסיע מאַכט זיך בכלל נישט וויסן פונעם פּראָבלעם פון מאַנגל פונעם פּאַטערלאַנד פאַרן יידישן פאָלק, און ווייל זי רעדט אָבער יאָ וועגן עליה, טוט זי דאָס אויף אַ קלאָרער שפּראַך. בנוגע דער עליה פון אייראָפּע זאָגט זי: „לויט אונדזער מיינונג וועט אַ מאַסן־אויסוואַנדערונג פון די אייראָפּעאישע יידן נישט ברענגען קיין נוצן, נישט זיי אַליין און נישט אייראָפּע״. זי רעקאָמענדירט אײַפצובויען צוריק די יידישע קהילות אין אייראָפּע. צי הערט איר דאָ נישט די זעלבע שפּראַך ווי אין בעווינס אַנטי־ציוניסטישע רעדעס? און ווי איז נאָך דעם מעגלעך תּופס צו זיין מיט אַ נאָרמאַל מענטשלעכן שכל, אַז אַ ציוניסטישע און חלוצישע פּאַרטיי זאָל אויף זיך נעמען די אויפגאַבע צו „וואָרענען די ציוניסטישע באַוועגונג פאַר יעדן פּרווו אָפּצופרעגן די מסקנות פון דער קאָמיסיע״?

געוויס ווייסט די זעלבע רעזאָלוציע פון השומר הצעיר אָנצווייזן אויף אַ ריי אַנטי־ציוניסטישע קאָנקרעטע רעקאָמענדאַציעס מצד דער קאָמיסיע. די רעזאָלוציע מיידט אויס, וואָס אָן אמת, צו דערמאָנען אַ טייל פון זיי — אפשר די צום בולטסטן אַנטי־ציוניסטישע — ווי למשל דאָס לייקענען אינעם ספּעציעלן רעכט פון יידן צו עליה קיין ארץ־ישראל און די פאָדערונג גלייכצושטעלן נישט־יידן לגבי יידן אין דער עמיגראַציע־געזעצגעבונג. אַזאַ שטעלונג הייסט — לייקענען דעם עיקר־יסוד פון דער נאַציאָנאַלער היים. די רעזאָלוציע דערמאָנט נישט די שטעל: „מיר וואַרפן אויך אָפּ די יידישע פאָדערונג, אַז די עליה דאַרף אָנגיין אין אַ שנעלן טעמפּ, כדי צו שאַפן וואָס גיכער אַ יידישע מערהייט און אַ יידישע מדינה״. מילא, קעגן אַ יידישער מדינה איז השומר הצעיר, פאַר

אַ יידישער מערהייט איז ער דאָך אָבער יאָ; — פאַרוואָס־זשע טרעט ער נישט אַרויס מיט אַ רמז קעגן אָט דעם אָפּזאָג אינעם באַריכט?

די רעזאָלוציע דערמאנט טאַקע געוויסע נעגאַטיווע מסקנות פון דער קאָמיסיע, ווי למשל — דאָס נישט רעקאָמענדירן איבערצוגעבן דער יידישער אַגענץ די קאָמפּעטענץ אָנצופירן מיט דער עליה און אַנטוויקלונג פונעם לאַנד, דאָס איבערגעבן אויסצופירן די פּאָזיטיווע רעקאָמענדאַציעס דער אַנטי־ציוניס־טישער קאָלאָניאַלער אַדמיניסטראַציע, דאָס אַריינפירן די קריסטלעכע רעליגיע אַלס פּאָליטישער פאַקטאָר, און אַ ריי אַנדערע. אָבער נאָכדעם, ווי מען שטעלט זיך איין מיט אַזאַ אַנטשידנקייט פאַר די „מסקנות פון דער קאָמיסיע אין יסוד זייערן", קען מען דען דערוואַרטן, מ'זאָל אויך אויף די נעגאַטיווע אויספירן רעאַגירן שאַרפער, ווי דורך „דערקלערן קריטיק"?

יאָ, השומר הצעיר איז זייער איידל און צוריקגעהאַלטן אין אָפּשאַצן די אַנטי־ציוניסטישע מסקנות פון דער אויספאָרש־קאָמיסיע, ער איז אָבער זייער פאַרביסן און אָן צוריקגעהאַלטנקייט, ווען ער האָט צו טאָן מיט קעגנער אין דעם אייגענעם אַרבעטער־לאַגער. ווי באַקאַנט האָט די זאַך פון ציוניזם געליטן אַ מפּלה אויפן לעצטן קאָנגרעס פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. ווער איז דערין שול־דיק — די אימפּעריאַליסטיש־רעאַקציאָנערע אויסערן־פּאָליטיק פון דער לייבאָר־רעגירונג? די אומדערהערטע אַרויסטרעטונג פון בעווינען? ניין, לויטן „משמר", דעם אָרגאַן פון השומר הצעיר, איז גאָר שולדיק אינעם דורכפאַל דער פאַקט, וואָס אין דער רעזאָלוציע, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן דעם קאָנגרעס „איז געווען אַ פּאַסוס וועגן אַ יידישער מדינה". אָט שרייבט „משמר" דעם 3־טן ה. ח.: „ווען די רעזאָלוציע וואָלט זיך געווען קאָנצענטרירט אין דער פראַגע פון עליה, וואָלט זי זיך אָן ספק געלייגט אויפן שכל פון דער מערהייט דעלעגאַטן". פאַרוואָס האָט זיך פריער דער לאָזונג מדינה יאָ געלייגט אויפן שכל און איצטער נישט? אינעם לייט־אַרטיקל פונעם 14־טן ה. ח. שרייבט דער זעלבער „משמר": „וואָס איז די לערע פונעם ציוניסטישן דורכפאַל אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס? אין דעם ביטערן געראַנגל צווישן די אָנהענגער פון ציוניזם און די קעגנער, איז די פאָרמולע וועגן דער מדינה געווען די הויפּט־שטערונג, וואָס האָט אויך געבראַכט צום דורכפאַל פון דער פאָדערונג וועגן דער עליה פון די הונדערט טויזנט". הייסט עס, נישט די קעגנערשאַפט פון דער לייבאָר־רעגירונג צו די ציוניסטישע פאָדערונגען, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער גראָב־יונגערישער, אָפן־אַנטיסעמיטישער און אויסגעשפּראָכן אַנטי־ציוניסטישער רעדע פון בעווי־נען, נישט זיין דראָונג מיט דער נייטיקייט פון אַ נייער דיוויזיע, מיט קאָסטן פון 200 מיליאָן פונט און מיט אַן אַראַבישן אויפשטאַנד — נישט דאָס האָט דעצי־דירט אויפן לייבאָר־קאָנגרעס, נאָר די שטעל וועגן דער מדינה אין דער רעזאָ־לוציע... אפילו „הארץ", וואָס מ'קען אים נישט חושד זיין אין אַקטיוויזם און

אוודאי נישט אין האלטן זיך פאַנאַטיש אינעם לאָזונג פון מדינה — האָט אויסגע־חזקט אָט־אָ די בייזוויליקע בויך־סברות פונעם השומר־הצעירישן אָרגאַן און אים דערמאנט, אַז זיין רעדאַקטאָר האָט איבערגעגעבן אין דער צייטונג די ווייטער־דיקע ווערטער, וואָס ער האָט געהערט פון אַ פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַט: „אונדזער גאַנצע סימפּאַטיע איז אויף דער זייט פון די יידן, אָבער מיר האָבן אונדזערע אייגענע צרות, און אונדזער שוואַכקייט לאָזט אונדז נישט האַנדלען לויט דער מאָס פון אַלטרואיזם". מיט אַנדערע ווערטער: די לייבאָר־רעגירונג פילט זיך אַליין נישט גענוג שטאַרק איינצוהאַלטן די פּאָזיציעס פונעם בריטישן אימפּעריאַליזם, זי זוכט פאַרבינדעטע אין איר קאָנקורענץ קעגן אַמעריקע און אינעם קאַמף קעגן ראַטנפאַרבאַנד; זי מיינט, אַז יידן קאָנען גילטן אין דעם שפּיל אַלס שעיר־לעזאזל, ברענגט זי זיי פאַר אַ קרבן. אָט וואָס עס מיינט נישט קענען „האַנדלען לויט דער מאָס פון אַלטרואיזם". „משמר" אַליין האָט נישט איינמאָל געגעבן אַ טרעפלעכע אָפּ־שאַצונג פון די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט צו דער ענדערונג אין דער באַציאונג פון דער לייבאָר־רעגירונג צום ציוניזם. אָבער פּאָליטישע אָפּשאַצונג מוז, זעט אויס, נישט שטענדיק גיין האַנט־אין־האַנט מיט פּאָליטישער האַנדלונג. אין דעם פאַל אוודאי נישט.

מיר ווילן זיך נישט אָננעמען די עוולה פון די ענגלישע רעכטע פּועלי־ציון, וואָס האָבן אויף זייער געוויסן נישט איין פּאָליטישן פעלער און חטא. מיר האַלטן אָבער פאַר אַ פּאָליטישן פאַרברעך, אַז צוליב קליינלעכע אויסרעכענונגען זאָל אונדזער איצטיקע, אַזוי טראַגישע, פּאָליטישע ווירקלעכקייט אַוועקגעשטעלט ווערן אין אַ פאַלש ליכט. אַ גלויביקער לעזער פון „משמר" מוז קומען צום אויס־פיר, אַז אייגנטלעך איז דער עיקר־שולדיקער נישט בעווין און זיינע לייט, נאָר שערטאָק און זיינע חברים. אַזאַ טאַקטיק איז גורם צו דער אָפּשוואַכונג פונעם קאַמף קעגן די רעאַקציאָנער־אימפּעריאַליסטישע כוחות, וואָס זוכן צו דערשטיקן דעם ישוב, וואָס ס'אַרט זיי נישט צו לאָזן אויסגיין די שארית הפליטה אין די לאַ־גערן און זיי זענען גרייט צו ברענגען פאַר אַ קרבן דעם ציוניזם אין אַלע זיינע וואַריאַנטן (אויך דעם השומר הצעיר) צוליב זייערע אימפּעריאַליסטישע אינטע־רעסן. אַזאַ ליניע ברענגט אַריין שפּאַלטונג און צעשיידונג אפילו דאָרט, ווו זי איז אומבאַרעכטיקט און ממילא שעדלעך. זי שוואַכט אַזוי אַרום אָפּ די ווידער־שטאַנדס־קראַפט פונעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן לאַגער — דעם עיקרדיקן גורם אינעם קאַמף און אויפבוי־פּראָצעס פונעם ציוניזם.

די אָנפירונג פונעם השומר־הצעיר וואָלט געמעגט זיך פאַרטראַכטן וועגן דער סיטואַציע, אין וועלכער זי מאַנעווורירט אַריין זיך אַליין און דורכדעם אויך אַנדערע טיילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. זי וואָלט זיך געדאַרפט איבערלייגן, צי איז נישט כדאי צו זיין לכל הפחות אַזוי „אָפּאָרטוניסטיש" לגבי דער גרויסער מערהייט פון דער אַרבעטערשאַפט, ווי לגבי אַנדערע פאַקטאָרן.

„נייוועלט" נומ' 26, 28 יוני 1946.

דער אַנגלאָ-סאַקסישער אַנטי-ציוניזם

אין ליכט פון דער וועלט־פּאָליטיק

אין אַ טראָפּן וואַסער שפּיגלט זיך אָפּ די גאַנצע וועלט און אַן אומבאַ־דייטנדע, אין פלוג צופעליקע האַנדלונג אין דער פּאָליטיק, באַלייכט, ווי מיט אַ רעפלעקטאָר אַ גאַנצע שיטה, טוט־אויס נאַקעט אַ פּאָליטישן רעזשים און צוזאַ־מען דערמיט אויך די מענטשן, וואָס זענען מיט אים פאַרבונדן. אַזוי האָט די דערקלערונג פון פּרעזידענט טרומאַן בנוגע דעם פאָרשלאַג וועגן ארץ־ישראל, וואָס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס און סענאַט, אַנט־פּלעקט דעם ציניזם, די ברוטאַלקייט און צביעות פון דעם סיסטעם, וואָס הערשט איצט אין דער גרויסער צפון־אַמעריקאַנער רעפּובליק.

פּרעזידענט טרומאַן האָט דערקלערט, אַז אַלס וויצע־פּרעזידענט איז ער געווען פאַר דער רעזאָלוציע, וואָס האָט אַנטהאַלטן אי פרייע יידישע איינוואַנדע־רונג קיין ארץישראל, אי דעם פּרינציפּ פון אַ פרייער יידישער מדינה. איצט אָבער איז ער קעגן דעם, אַז דער אַמעריקאַנער פּאַרלאַמענט זאָל אַזאַ רעזאָלוציע אָננעמען, ווייל די פאַרהעלטענישן האָבן זיך געביטן. שטעלט זיך די פראַגע : צי האָבן זיך אַזוי ווייט געביטן די פאַרהעלטענישן אינעם יידישן לעבן, אַז די ציוניסטישע לייזונג, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן דורך טרומאַנען בעת ער איז געווען וויצע־פּרעזידענט, און צוזאַמען מיט אים דורך ביידע אַנטשיידנדע פּאַרטייען אין די פאַראייניקטע שטאַטן — איז איבעריק געוואָרן ?

ניין, נישט דאָס האָט געקענט מיינען דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. צו יענער צייט, ווען טרומאַן איז געווען וויצע־פּרעזידענט, האָבן נאָך געקענט הערשן וועלכע נישט איז אילוזיעס מכוח דער מעגלעכקייט פון דער רע־קאָנסטרוקציע פונעם יידישן לעבן אין די אַמאָליקע יידישע וווין־ערטער אין איראָפּע. נישט מ׳האָט געוווסט באַשטימט בנוגע דעם אומגלייבלעכן פאַרנעם פון דער יידישער אויסראָטונג אין איראָפּע, נישט מ׳האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ כוואַליע פון ווילדער יידן־שנאה ס׳וועט פאַרפלייצן די וועלט נאָכן נצחון איבער היטלער־דייטשלאַנד און אירע סאַטעליטן. ווער האָט עס געקענט טראַכטן, אַז די קליינינקע רעשטלעך יידן זאָלן נישט זיין זיכער מיטן לעבן אין אַ דעמאָקראַטיש פּוילן, און אַז נישט נאָר אין רעאַקציאָנער־פעאָדאַלן מצרים נאָר אַז אויך אין רומעניע, ווו ס׳הערשט אַ פאָלקס־פראָנט־רעגירונג, זאָלן קענען פּאַרקומען פּאָגראָמען ? אַז אין אַ לאַנד פון בריטישער מיליטער־אָקופּאַציע — אין טריפּאָלי — זאָלן פּאַרקומען טעג נאָכאַנאַנד אומגעצוימטע און אומגעשטערטע יידן־רציחות, וואָס דערמאָנען די שרעקלעכסטע מוסטערן פון די שחיטות אונטער

דער היטלער־הערשאַפט? פונעם באַריכט פון האַריסאָן, זיין פּערזענלעכן שליח, האָט טרומאַן באַקומען אַ גענוג קלאָר בילד וועגן דעם מצב פון די יידן אין די לאַגערן און וועגן דעם איינציק־מעגלעכן אויסוועג פאַר זיי — עליה קיין ארץ־ישראל. וואָלט טרומאַן אויסנגעוועזן נאָר די יידישע טובה, וואָלט ער ערשט רעכט געמוזט ווענדן זיין בליק צו ארץ־ישראל.

די רעפּובליקאַנישע פּרעסע באַשולדיקט טרומאַנען און דעם פאַרשטאָר־בענעם רוזוועלט, אַז זייערע פּראָ־ציוניסטישע דעקלאַראַציעס זענען געווען נישט מער ווי וואַל־מאַנעווערן פאַר די פּרעזידענט־וואַלן און די וואַלן אין ניו־יאָרק. דאָס זעט אויס צו זיין אמת. דער אַקטועלער וואַל־מאָטיוו האָט געטאָן זיינס, אָבער פאָרט הערן יידן נישט אויף צו זיין אַן איינפלוסרייכער פאַקטאָר בעת וואַל־פאַר־מעסטונגען. טרומאַנס געענדערטע שטעלונג מוז דאָך ווירקן אויף דער באַציאונג צו דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי מצד דער יידישער ווילער־מאַסע, וואָס איז אין איר איבערוועגנדיקער מערהייט פּראָ־ציוניסטיש געשטימט און זיך אָפּרופן אין די קומענדיקע וואַל־רעזולטאַטן.

אַנדערע מיינען, אַז די צפון־אַמעריקאַנישע פּאָליטיק אינעם נאָענטן מזרח ווערט געריכטעט אויסשליסלעך לויט די אינטערעסן פון די נאַפט־מאַגנאַטן. דער ווילן צו באַהערשן די נאַפט־קוואַלן אינעם מיטעלן מזרח, זאָל בכן פירן צו אַ פּראָ־אַראַבישער פּאָליטיק. אויך דאָס איז נאָר טיילוויז ריכטיק. ערשטנס, — די נאַפט־פאַרבינדונגען פון די פאַראייניקטע שטאַטן מיט די אַראַבישע לענדער זענען נישט ערשט איצט אַנטשטאַנען, דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַל האָט אַ דריסת רגל נאָך פון פריער אין סעודיה, באחריין, אין אַ קלענערער מאָס אפילו אין עיראַק; פונדעסטוועגן האָט דאָס נישט געווירקט אויף דער לכל הפחות דעקלאַראַטיווער, פּראָ־ציוניסטישער פּאָליטיק מצד די פאַראייניקטע שטאַטן. צווייטנס — די אַמעריקאַנער פּראָ־אַראַבישע נאַפט־פּאָליטיק ווערט רעפּרעזענטירט נישט דורכן גאַנצן אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַל, נאָר דורך דער איינ־פלוסרייכער טעקסאַסער גרופּע, דריטנס, — די מאָטיוון פאַר פאַרשטאַרקן דעם פּראָ־אַראַבישן קורס צוליב נאַפט־קאָנצעסיעס, ווערן איצט אָפּגעשוואַכט צוליב דער נאַפט־פאַרשטענדיקונג מיט בריטאַניע, ווייל — אַ דאַנק דעם דאָזיקן גע־איניקטן נאַפט־פּראָגנט פון די צוויי איינציקע ערנסטע פּאַרטנערן איצט, פאַלט די מעגלעכקייט אויסצונוצן די קאָנקורענץ פאַר אַ פּאָליטישן דרוק. נאַפט אַלס גורם קאָן שפּילן אַ וויכטיקע ראָל, אָבער ביי די קאָנקרעטע פאַרהעלטענישן — נישט קיין אַנטשיידנדיקע.

וואַל־חשבונות און נאַפט זענען סטאַבילע עלעמענטן אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק. ווען טרומאַן זאָגט, אַז דער מצב האָט זיך געביטן, מוז ער האָבן אין זין עפּעס אַנדערש, און דאָס איז קודם כל די וועלט־פּאָליטישע לאַגע. אויף דעם

געביט זענען פֿאַר דער צייט, ווען טרומאַן איז געווען וויצע־פּרעזידענט ביז איצט, ווירקלעך פֿאַרגעקומען וויטגייענדיקע ראַדיקאַלע שינויים.

ווען טרומאַן איז נאָך געווען וויצע־פּרעזידענט — האָט נאָך די מלחמה געדויערט און פֿאַר אַלע פֿאַרבינדעטע איז געשטאַנען איין אויפֿגאַבע — צו פֿאַר־ענדיקן זיגרייך דעם קריג. אָט־אָ די דאָזיקע אויפֿגאַבע האָט אַנטשיידנד משפּיע געווען אויף די באַציאונגען צווישן די פֿאַרבינדעטע מלוכות, זי האָט דיקטירט אויסצומיידן קאָנפֿליקטן. אין טעהעראַן, יאַלטאַ און פּאָטסדאַם האָט מען די לייזונג פֿון אַ ריי פּראָבלעמען אָפּגעלייגט, ווען מ׳האָט בנוגע זיי נישט געקענט דורכקומען; איצט קאָן מען דאָס מער נישט טאָן און ס׳קומט צו אַן אָפֿענעם צוזאַ־מענשטויס צווישן די אַנגלאָ־סאַקסישע מלוכות פֿון איין זייט און ראַטנפֿאַרבאַנד פֿון דער צווייטער.

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט אין אויגוסט. אָבער זינט דאַן האָט דער קליין־קריג קיין איין טאָג נישט אויפֿגעהערט. ער פֿירט זיך אין אַלע וועלט־טיילן. אין אייראָפּע נעמט ער אָן דער עיקר דעם כאַראַקטער פֿון אַ דיפּלאָמאַטיש־ווירטשאַפֿטלעכער מלחמה (פֿראַנקאָ־שפּאַניע, פּוילן, יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע, רומעניע, די פֿאַרשידנאַרטיקע פּאָליטיק אין דייטשלאַנד, די פֿראַגע זועגן מערב־בלאָק); אין אַזיע — פֿון באַוואָפֿנטע קריגס־אָפּעראַציעס, אין וועלכע ס׳באַטייליקן זיך געגנוג גרויסע מיליטערישע כוחות (כינע, פּערסיע, אינדאָנעזיע און לעצטנס אויך ארץ־ישראל). כמעט אין די אַלע אויסגערעכנטע לענדער טרעטן פּאַקטיש אַרויס די נעכטיקע פֿאַרבינדעטע, אַמאָל אָפֿן און אַמאָל פֿאַרשטעלט, ווי קריגס־קעגנער.

אָט־אָ די אַלע קליין־קריגן לייגן זיך נאָך אין סך־הכּל נישט צונויף אויף איין גרויסער מלחמה, אָבער מיט טראַגישער קלאָרקייט דעקן זיי אויף, ווי ס׳ווערט צוגעגרייט דער באָדן פֿאַר אַ דריטער וועלט־מלחמה. אויב זוכן אַנאַלאָ־גיעס, קען מען פֿאַרגלייכן די איצטיקע לאַגע צום מצב אין אייראָפּע אין יאָר 1936, ווען אַלס פֿאָרשפּיל צום וועלט־קריג האָט זיך אָנגעהויבן די פֿאַשיסטישע אינטערווענץ אין שפּאַניע. געוויס האָט מען די וועלט־מלחמה געקענט אויסמיידן אויך דאַן, — דורך אַן אַנטשלאָסענער און אומצווייידייטיקער אַקציע קעגן די אַגרעסאָרן. מ׳דאַרף אָננעמען, אַז קיין איינע פֿון די דריי גרויסע זיגער־מלוכות וויל איצט נישט דערפֿירן אין לעצטן רעזולטאַט צום אויסברוך פֿון אַ נייער וועלט־מלחמה, וואָס וואָלט אין דער תקופֿה פֿון אַטאָם־באָמבעס געמוזט ברענגען צו אַ שווידערלעכן אומגעזעענעם וועלט־חורבן. אָבער די געשעענישן האָבן זיך זייער לאָגיק — ווען מען שפּילט זיך מיט פֿייער, מוז עס דערפֿירן צו אַ שריפֿה. און נישט יעדע שריפֿה לאָזט זיך באַצייטנס איינלעשן.

שוין צוויי חדשים, זינט דעם דורכפֿאַל פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿון די אויסערן־מיניסטאָרן, מערקט זיך קלאָרער די נייע פֿאַזע אין דער וועלט־פּאָליטיק.

די דאָזיקע פּאָזע איז כאַראַקטעריסטיש דורך דער שטרעבונג צו באַזייטיקן די שטרייט־פּונקטן צווישן בריטאַניע און די פאַרייניקטע שטאַטן, כדי צו דערמעגלעכן די שאַפונג פון אַן איינהייטלעכן אַנגלאָ־סאַקסישן בלאָק, וואָס זאָל צילן אָפּצושוואַכן די סאָוויעטישע פּאָזיציע אין דער וועלט. אַלס רעזולטאַט פון ענגליש־אַמעריקאַנישע אונטערהאַנדלונגען, וועלכע האָבן זיך געפירט זינט סעפּטעמבער — פריער אין לאָנדאָן און שפּעטער אין וואַשינגטאָן — מערקט זיך שוין איצט אַן איינהייטלעכע האַנדלונג אויפן שטח פון שטילן אָקעאַן און אויך אינעם מיטעלן מזרח. מאָרגן קען די צוזאַמענאַרבעט צווישןביידע אַנגלאָ־סאַקסישע מלוכות נאָך מער פאַרפעסטיקט ווערן דורך אַ פינאַנץ־הסכם, און איבערמאָרגן דורך אַ פאַרשטענדיקונג אין אַלע אַנדערע דעצידירנדיקע וועלט־פּאָליטישע פּראָבלעמען. די טענדענץ איז אַ קלאָרע, קלאָר איז אויך קעגן וועמען זי איז געריכטעט.

טרומאַן איז גערעכט — די סיטואַציע האָט זיך ווירקלעך שטאַרק געענדערט; די נעכטיקע פריינט ווערן פאַרוואַנדלט אין היינטיקע קעגנער און מאָרגנדיקע שונאים, און קעגן זיי זוכט מען צו מאָביליזירן אַלע מעגלעכע כוחות. קלאָר, אַז געפינענדיק זיך אינעם לאַגער, וואָס איז לויט זיין סאָציאַלן מהות אַנטי־סאָוויעטיש, מיט דער — פון אַזאַ אַספּעקט געזען — געענדערטער סיטואַציע רעכנט זיך די אויסערן־פּאָליטיק פון ביידע אַנגלאָ־סאַקסישע מדינות בנוגע ארץ־ישראל — אין ענגלאַנד געפינט זי איר אויסדרוק אין דער בעווין־דעקלאַראַציע, אין אַמעריקע — אין דער אָפּווענדונג פון די פּראָ־ציוניסטישע דעקלאַראַציעס.

„נייוועלט“ נומ׳ 50, 7 דעצעמבער 1945.

די רעטונג ליגט אין אונדזערע הענט!

די לעצטע ידיעות וועגן דעם גורל פון אונדזערע ברידער, וואָס האָבן געהאַט דאָס אומגליק אַריינצופאַלן אין די נעגל פון די דייטשע תלינים, שטייגן איבער מיט זייער גרויל אונדזערע ביטערסטע פאַרשטעלונגען. פון די יידישע ישובים אין אַלע געביטן, וועלכע זענען דירעקט באַהערשט פון די היטלער־רוצחים, זענען צו אונדזער אומגליק געבליבן בלויז רעשטלעך, און אויך אָט־אָ די איבערגעבליבענע זענען אויסגעשטעלט אויף דער סכנה, אומגעבראַכט

צו ווערן — גענוג בלויז צו לייענען היטלערס רעדע פון לעצטן 30־טן יאַנואַר!

ביז איצט האָט דער ווייט גרעסטער טייל יידן אין דער וועלט זיך אַליין איינגעשלעפערט מיט אומבאַגרינדעטע אילוזיעס. דער איינגעבוירענער מענטש־לעכער אָפּטימיזם בײַנאַנד מיטן טיף איינגעוואָרצלטן אַליין־דערהאַלטונגס־טריב האָבן נישט געלאָזט גלויבן אין בעצם אומגלויבלעכע ידיעות וועגן דער מאַסן־פאַרניכטונג פון אונדזערע ברידער און שוועסטער. כדי זיך אַליין צו שוינען האָט מען אויפגעכאַפּט יעדן אָפּטימיסטישן קלאַנג, וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון דער פּראָפּאַגאַנדע־קוזשניע פון די רוצחים. און דערווייל איז מען נאָכגעגאַנגען דעם נאַרמאַלן לעבנס־שטייגער — נישט בלויז יעדער יחיד באַזונדער, נאָר אויך געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. און רעטונגס־מעגלעכקייטן, וואָס האָבן פאַרט עקזיסטירט, זענען פאַרזוימט געוואָרן.

אין אָנבליק פון דער שוידערלעכער ווירקלעכקייט איז עס אַ פּשוטער פאַר־ברעך זיך צו שוינען. ווי שווער דאָס זאָל נישט ווירקן, מוז יעדער איינער פון אונדז זיך דורכדרינגען דורך און דורך מיטן באַוווסטזיין וועגן דעם אומגלויבלעכן פאַרנעם פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן יעדן פון אונדז פערזענלעך און אונדז אַלע צוזאַמען — אַלס נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו. איצט מוזן סיי אונדזע־רע פערזענלעכע, סיי אונדזערע געזעלשאַפטלעכע אָנשטרענגונגען פריער ווי אַלץ צוגעפּאַסט ווערן צו די אויפגאַבן פון הילף און רעטונג.

אמת, אַז דער ישוב האָט ביז איצט אַרויסגעוויזן מער האַרץ און פילבאַר־קייט ווי אַנדערע יידישע קיבוצים לגבי דעם גורל פון די יידן אין נאַצישן אייראָ־פּע. עס איז אַ פאַקט אַז דער נישט גרויסער יידישער קיבוץ אין ארץ־ישראל שטעלט מיט זיך פאָר ביז איצט דעם וויכטיקסטן גורם און דעם שטאַרקסטן סטי־מולירנדיקן פאַקטאָר צו זוכן וועגן פאַר הילף און רעטונג, אַריבערשפּרייזנדיק די מניעות און מכשולים, וועלכע שפּילן אַ גענוג גרויסע ראָל ביי אַמעריקאַנער און אַנדערע יידן. אמת, אַז דער ישוב און בפרט די אַרבעטערשאַפט מאַכט באַ־דייטנדע פינאַנציעלע אָנשטרענגונגען לטובת דער רעטונגס־אַקציע. ריכטיק איז אויך, אַז דער ישוב האָט געשיקט זיין שענסטן און בעסטן טייל אין דער מלחמה קעגן די יידן־רוצחים. אמת איז אָבער אויך, אַז די אַלע אָנשטרענגונגען, אַלייך פאַר זיך אומגעהויערע, שטייען נישט אין קיין שום פאַרהעלטעניש צו דער גרייס פון קאַטאַסטראָפע און צום פאַרנעם פון די הילף־באַדערפענישן און רע־טונגס־אויפגאַבן.

עס מוז קלאָר ווערן, אַז די אויפגאַבע צו ראַטעווען ווי ווייט מעגלעך אונ־דזערע ברידער ליגט קודם כל אין אונדזערע הענט. מיר קענען זיך דערביי נישט פאַרלאָזן אויף פאַקטאָרן אין דער וועלט, הגם דווקא זיי פאַרמאָגן די מיטלען און מעגלעכקייטן דערצו. אויף די אויגן פון דער וועלט קומט פאָר די פאַרניכטונג פון אַ פאָלק, און זי איז ביז איצט יוצא מיט היפּאָקריטישע סימפּאַטיע־דערקלע־

רונגען פאַר די קרבנות. ווען קאָרדעל האָל האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק גע־שיקט זיין התראה צו היטלערס וואַסאַלן־מלוכות, האָט ער נישט געפונען פאַר נייטיק צו פאַרלירן קיין איינציק וואָרט וועגן יידן; אפילו דער ראַטנפאַרבאַנד האָט נישט דערמאָנט אין אָפיציעלע ענונציאַציעס דעם אויסראָטונגס־צוג קעגן יידן. בלויז געציילטע נייטראַלע מלוכות און איינצלנע יחידים ווייזן אַרויס אַ מענטשלעכע באַציאונג צו די געיאָגטע און געפּלאָגטע.

איצט, ווען היטלער האָט שוין אויסגעשאָכטן מיליאָנען יידן, האָט רוזוועלט געגרינדעט אַ רעטונגס־קאָמיסיע, וואָס דאַרף זאָרגן אויך פאַר יידן. צי וועט אָבער דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער קאָמיסיע נישט זיין דער זעלבער, ווי פון דער בערמודא־קאָנפערענץ? פונדעסטוועגן טאָרן מיר נישט לאָזן רוען די וועלט. מיר מוזן זי באַשולדיקן און שטראָפן, מאָנען און וועקן, אַרויסברענגען פון איר יענע פונקען פון געוויסן, וואָס דרעמלען אין איר און קומען צום אויסדרוק אין די האַנדלונגען פון איינצעלע לענדער, אין אַרויסטרעטונגען פון ווינציקע יחידים. מיר טאָרן נישט מיד ווערן צו פאָדערן רעטונג פאַר די לעבן־געבליבענע ברידער און שוועסטער. דורך מאַסן־אַקציעס, אָרגאַניזירטע פון דער גאַנצער יידישער וועלט, מוז געמאַכט ווערן אַן אומאויפהערלעכער דרוק אויף די כוחות, וואָס קענען העלפן און טוען עס נישט.

די פינאַנציעלע אָנשטרענגונג פונעם ישוב מוז פאַרפילפאַכט ווערן. זי מוז צוגעפאַסט ווערן נישט צו זיינע מעגלעכקייטן, נאָר צו די באַדערפענישן. אַלע אָן אויסנאַם אינעם ישוב מוזן געצוווּנגען ווערן צו געהעריקע קרבנות. ווער עס דערפילט נישט זיין עלעמענטאַרן מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן חוב — מוז אויס־געשפּיגן ווערן פון אונדזער געמיינשאַפט.

די גיבורים פון די געטאָס אין וואַרשע, בענדין, ביאַליסטאָק — זענען אַרויס אין אויסזיכטלאָזן קאַמף מיט איין געפיל — נעמען נקמה פון די תלינים. דאָס איז געבליבן זייער צוואה פאַר אונדז דאָ: — פאַרזעצן דעם וועג וואָס מיר האָבן באַטראָטן זינט דעם אויסברוך פונעם קריג — דירעקטע מאַסנהאַפטע באַ־טייליקונג אין דער מלחמה — קעגן היטלערן און די דייטשע רוצחים.

אייך צענטראַלער געדאַנק און געפיל — וועגן אונדזערע ברידער וואָס ווערן פאַרניכטעט, מוז אָנפירן מיט אַלע אונדזערע האַנדלונגען אין דער איצטי־קער צייט.

„נייוועלט" נומ' 5, 4 פעברואַר 1944.

אַ קאַפּיטל פון פּיין און גבורה

דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, פּונקט ווי די קאַמפן אין אַנדערע געטאָס און אין די טויטן־לאַגערן — וועלן אַריינגיין אין דער יידישער געשיכטע, ווי איינע פון אירע מערקווירדיקסטע דערשיינונגען. אויב די אַלגעמיינע געשיכטע וועט זיך וועלן באַציען צו אָט דער געשעעניש אָן פּניות — וועט זי דורך איר באַצייכנט ווערן אַלס איינע פון די הערלעכסטע אויסדרוקן פון מענטשלעכן העראָיזם אין קאַמף קעגן אונטערדריקונג און אין דער שטרעבונג נאָך פרייהייט. אומצייליקע דורות יידישע מענטשן וועלן מיט אַ געפיל פון הייליקן ציטער און מיט יראת הכבוד דערמאָנען די יידישע מלחמה קעגן דער נאַצישער בעסטיע און שעפּן פון איר לויטערן קוואַל מוט און באַגייסטערונג, צוגעבונדנקייט און דרך ארץ צום אייגענעם פאָלק, פּונקט ווי דער אויפשטאַנד פון די מכבים, די יידישע מלחמה קעגן רוים און דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא. אין דעם זין וועט די קאָנקרעטע אויס־ווירקונג פון אָט דעם אַקט איבערלאָזן טיפע שפּורן אויף דער געשטאַלטונג פון דער יידישער פאָלקס פּסיכיק.

די יידישע מלחמה אין פּוילן איז נישט געווען קיין סטיכישער אַקט, זי איז געווען אַ רעזולטאַט פונעם אָרגאַניזירטן ווילן פון די אַקטיווסטע און שפּרודלדיקע כוחות אינעם יידישן לעבן. זי איז געווען אַן אויסדרוק פון גרינטלעכע ענדערונגען אינעם יידישן לעבן און פון נייע אין אים אַנגערייפטע געשיכטלעכע פּראָצעסן. דערפאַר איז די יידישע גבורה, וועלכע איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם געטאָ־אויפשטאַנד, אַזוי נישט ענלעך צו יענער גבורה, וואָס יידן האָבן אַרויסגעוויזן פריערדיקע לאַנגע הונדערטער יאָרן.

אין דער לאַנגער דערנערפולער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק פלעכטן זיך דורכאַנאַנדער פּיין און גבורה. זיי טרעטן אַרויס אומעטום צוזאַמענגעגאָסן, נישט פאַנאַנדערצוטיילן. אָבער אָט די דערשיינונגען קומען צום אויסדרוק אין זייער אייגנאַרטיקער, באַזונדערער יידישער פאָרם. זינט יידן האָבן פאַרלוירן זייער נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט און געלעבט צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער, איז דער יידישער העראָיזם געקומען צום אויסדרוק דער עיקר אין זייַן פּאַסיווער פאָרם — די וווּנדערבאַרע דערשיינונג פון קידוש השם — די גרייטקייט מקריב צו זיין דאָס אייגענע לעבן און דאָס לעבן פון די אייגענע אויפן מזבח פון צוגעבונדנקייט צום אייגענעם גלויבן און געטריישאַפט צום אייגענעם פאָלק.

„קידוש השם" — דער אויסדרוק פון הויכער גייסטיקער אָבער גלייכצייטיק פּאַסי־ווער גבורה האָט סימבאָליזירט אומבויגזאַמע אַנטשלאָסנקייט נישט צו קאַפּיטולירן פּאַר אויסערלעכן צוואַנג, איינצוהאַלטן דעם אייגענעם יידישן איך און די אָנגע־הערִיקייט צום יידישן כלל. אָבער דאָס איז גלייכצייטיק אויך געווען רעזיגנאַציע פּאַרן אכזריותדיקן גורל און פאַרלאָזן זיך אויף איבערמענטשלעכע כוחות. „קידוש השם" האָט פיל מיטגעווירקט אויפצוהאַלטן דעם יידישן קיום, געווען אָבער אַן אויסדרוק פון מאַכטלאָזיקייט און אַ רעאַגירונג פון מאַכטלאָזיקייט.

„קידוש השם" און די יידישע מלחמה, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק, טשענסטאָכאָוו, זאַגלעמביע און אין די טויט לאַגערן, זויגן ביידע פון איינעם און דעם זעלבן לויטערן קוואַל — פון גרענעצלאָזער געטריישאַפט צום אייגענעם פאָלק און מסירת־נפשדיקער קרבנות־גרייטקייט פאַרן יידישן און מענטשלעכן כבוד, פאַר פרייהייט. אָבער אין זייער רעאַגירונג און אויס־ווירקונג שטייען זיי אין סתירה צו זיך. „קידוש השם" איז די פאַרקערפּערונג פונעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד, די געטאָ־אויפשטאַנדן זענען דער אויסדרוק פון אַקטיוון קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע רעכט, פון באַוואָפנטער זעלבסטשוץ, וועלן פאָרמען פון יידישן העראָיזם כאַראַקטעריזירן באַזונדערע היסטאָרישע תקופות אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק.

* *
*

די אויסראָטונג־מלחמה פון די נאַצישע בעסטיעס קעגן יידן איז פאַרגעקו־מען אין אַ צייט, ווען די יידישע באַפעלקערונג האָט געהאַט הינטער זיך אַ לאַנגע טראַדיציע פון ווידערשטאַנד קעגן אונטערדריקונג און דיסקרימינאַציע, פון אַקטיוון קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע רעכט, פון באַוואָפנטער זעלבסטשוץ, ווען די יידישע מאַסע איז געהאַט אַרויף אויפן וועג פון אַקטיוון איבערבויען דאָס יידישע לעבן. די איניציאַטאָרן פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן אמבולטסטן אויסגעדריקט אָט די קאַמף־טראַדיציע פון דער יידישער מאַסע.

אָבער די יידישע ווירקלעכקייט פון יענער תקופה האָט אויך געוווסט פון שטאַרק פאַרוואָרצלטע שטרעבונגען אויסצומיידן יעדן שאַרפן צוזאַמענשטויס מיט די מאַכטהאָבער. די „אוגאָדע" טענדענצן זענען געווען פאַראַנקערט נישט נאָר ביי דער יידישער אָרטאָדאָקסיע נאָר אויך אין היפשע טיילן פונעם יידישן נאַציאָנאַלן בירגערטום. די אַבסאָלוטע אויסזיכטלאָזיקייט פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד; די פולע אָפּגעשלאָסנקייט פון דער גרויסער וועלט און די פיינטלעכע באַציונג מצד דעם ווייט גרעסטן טייל פון דער אַרומיקער נישט־יידישער באַפעלקערונג; דאָס קונציק אָנגעווענדעטע סיסטעם פון די דייטשן אַריינצוברענגען אינערלעכע דעמאָ־

ראַליזאַציע, אומאויפהערלעכער ווילדער טעראָר און פּאַראַליזירן יעדן אויסדרוק פון פרייען ווילן — האָבן אָט די פּאַראַנענע קאַפּיטולאַציע טענדענצן פאַרשטאַרקט און געמאַכט זיי פאַר אַ צייט אפילו פאַר הערשנדיק אין געטאָ. אָבער די אַלע אָרגאַ־ניזירטע כוחות, פון וועלכע עס האָט זיך שפּעטער אויפגעבויט די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, האָבן פונעם ערשטן מאָמענט זיך קעגנגעשטעלט אַקטיוו אויף פאַרשידענע אופנים דער דאָזיקער טענדעץ פון די דייטשע מערדער. זיי האָבן באַקעמפט די ליניע פון דער אָפיציעלער געזעלשאַפטלעכער פירונג אינעם געטאָ, וועלכע האָט רעקאָמאַנדירט מאַקסימאַלע פאַרזיכטיקייט און נאָכגעביקייט אין די באַציונגען מיט דער בעסטיאַלישער מאַכט און וועמענס ערלעכער טייל, אפילו, איז בלית ברירה געווען גרייט צו ברענגען אַ קרבן אַ טייל יידן, אבי צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך. זיי די שפּעטערדיקע קעמפער, זיי האָבן די ערשטע דורכגע־בליקט די מערדערישע כוונות פון די דייטשע בעסטיעס. זיי האָבן סיסטעמאַטיש דעמאַסקירט די טייוולאָנישע שפּיל פון די נאַציס. פונעם ערשטן מאָמענט, ווען דאָס געטאָ איז געשאַפן געוואָרן, האָבן געזוכט צו אַקטיוויזירן די יידישע מאַסן, אויפהאַלטן אין זיי דעם ווילן צום לעבן אין דעם גייסט פון מוט, קאַמף און גלויבן. זיי האָבן באַקעמפט די דעמאָראַליזאַציע, וועלכע האָט זיך פאַרשפּרייט אין געטאָ. זיי האָבן די ערשטע דורכגעדרונגען די טראַגיק פון דער סיטואַציע און באַוזסן דעם אומגעהויערן מוט זיך אַליין צו באַפרייען פון אילוזיעס און אויך די וווּנדער־לעכע אכזריות צו קומען צום איבערגעבליבענעם יידישן עולם און אים אויפדעקן דעם תהום־טיפן טראַגישן אמת: נישטאָ מער קיין אויסזיכט צו בלייבן לעבן, געבליבן איז נאָר דער איינציקער וועג — שטאַרבן מיט כבוד, ראַטעווען דעם אָנדענק פאַר די קומענדיקע דורות, מיטן אייגענעם אונטערגאַנג דינען דעם ווייטערדיקן קיום פון פאָלק.

זיי האָבן געפירט אַ שווערן אינערלעכן קאַמף מיט זיך אַליין און מיט גרויסע טיילן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. זיי האָבן זיך געבראָכן און געבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון אַנדערע. זיי האָבן זיך געלייטערט און געלייטערט אַנדערע. זיי זענען געוואָרן די פירער און וועגווייזער נישט נאָר פאַר די 50 טויזנט יידן, וואָס האָבן צו יענער צייט געלעבט אין וואַרשע, נאָר זיי האָבן אויפגעשטורעמט אַ וועלט און געשאַפן פאַר זיך אַן אייביקן מאָנומענט אין דער יידישער געשיכטע.

* *
*

איך צווייפל, צי איז דערגאַנגען צו אונדז פון דער וועלט געשיכטע וועלכער נישט איז ביישפּיל פון הערויזם, וואָס זאָל זיין גלייך צו זייערן. ביזן היינטיקן טאָג ווערט באַזונגען אין דער וועלט דער העלדישער קאַמף פון די 300 גריכן, וואָס האָבן מיט 2500 יאָר צוריק פאַרשטעלט מיט זייערע קערפּערס ביי די טערמאָפּילן

דעם מאַרש פון דער פערסישער אַרמיי; צו די שטאַפּלען פון מעכטיקער גבורה איז דערגאַנגען דער סאָוויעטישער קאַמף אַרום סטאַלינגראַד, ער האָט אויך פאַרגעשטעלט אַן אַנטשיידענעם עטאַפּ אין דער מלחמה. און פאָרט מיין איך, אַז אַלץ שטייגט אַריבער די גוואַלדיקע דערהויבנקייט און דער איבערמענטשלעכער מוט פון די געטאָ־קעמפער, וואָס האָבן אָנגעהויבן די מערקווירדיקסטע מלחמה, וועלכע איז ווען נישט איז געפירט געוואָרן.

זיי זענען געווען איזאָלירט פון דער אַרומיקער וועלט און פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג אין דער אייגענער שטאָט. זיי זענען געווען פאַרשלאָסן הינטערן ריגל, אָן אַ הינטערלאַנד. פון דער גרויסער מיליאָניקער יידישער מאַסע זענען שוין געהאַט געבליבן רעשטלעך. זיי האָבן געהאַט קעגן זיך די מעכטיקסטע מיליטערישע מאַשין אין דער וועלט. אַליין זענען זיי געווען כמעט אומבאַוואָפנט. קיין פאַרבינדעטע זענען כמעט נישט געווען; די פּוילישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, אָנגעפירט פון דער דעמאָלטיקער לאָנדאָנער רעגירונג, האָט נישט געזשאַלעוועט קיין סימפּאַטיע דערקלערונגען, אָבער קיין ממשותדיקע הילף נישט געגעבן. די לינקע אונטערערדישע כוחות, וואָס האָבן געהאַט אַ ווילן צו העלפן, זענען צו יענער צייט געווען זייער שוואַך און געקאָנט נאָר ווייניק העלפן. די אָפיציעלע פּוילישע אונטערערד, וואָס האָט פאַרמאָגט מיטלען און מעגלעכקייטן, האָט דאַן דערקלערט די פאַרטרעטער פון דער יידישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, אַז אויב דער געטאָ־אויפשטאַנד וועט אויסברעכן, וועלן זיי אים נישט אונטערשטיצן מיט מיליטערישע אַקציעס פון זייער זייט, ווייל זיי האַלטן דעם מאָמענט פאַר זיך פאַר פריצייטיק. די פּאָליאַקן האָבן זיך אפשר געקאָנט דערלויבן אויסצוּוואַרטן אַ מער גינסטיקערן מאָמענט און בלייבן „מיט דער ביקס ביי די פיס" אין אַן אַפּוואַרטנדיקער פּאָזיציע, אָבער פאַר יידן האָט דאָס אָפּוואַרטן באַדייט — זיך לאָזן אויסשעכטן ביז איינעם. אַזוי זענען זיי, די געטאָ־קעמפער, געבליבן אָן הילף און אָן אויסזיכט אויף הילף, כמעט אָן געווער און אָן יעדער פּערספּעקטיוו אויף נצחון.

אין די קרייזן פון דער יידישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע האָט מען אַ צייט־לאַנג באַטראַכט, צי איז נישט גלייכער צו גיין אין די וועלדער און דאָרט פירן אַ פּאַרטיזאַנישע מלחמה. אין אַזאַ פאַל וואָלט די אויסזיכט צו בלייבן לעבן לכל הפחות פאַר אַ טייל געווען גרעסער. אָבער מען האָט עס אָפּגעוואָרפן און באַשלאָסן צו שטעלן דעם ווידערשטאַנד דוקא אינעם געטאָ. פאַרוואָס? כדי נישט צו פאַרלאָזן די איבערגעבליבענע יידן, טיילן מיט זיי זייער גורל. אפילו דערין האָט זיך אַרויסגעוויזן די נשמה גרויסקייט פון די קעמפער און זייערע פירער.

אַזוי האָבן זיי גענומען אויף זיך מיטן אייגענעם פרייען ווילן די דערנער־קרוין פונעם יידישן גורל און פאָרמירט די איבערמענטשלעכע גבורה. עס איז אוממעגלעך, אַז זיי זאָלן צו יענער צייט נישט האָבן געפילט, אַז זיי מאַכן און זיי

פאַרמירן יידישע געשיכטע. עס איז אוממעגלעך, אַז זיי זאָלן נישט האָבן געפילט, אַז זייער גייסט וועט מיט 5 יאָר שפּעטער געפינען אַ תיקון אין די לעגענדאַרע אויפטועך פון דער הגנה און פונעם פלמ״ח. ווען נישט, וואָלטן זיי נישט געגאַנגען צום טויט מיט אַזאַ מוט און פּריווילעקייט, ווי זיי האָבן עס געטאָן.

*

* *

עס איז געווען אַ יידישע מלחמה. יידיש — לויטן צוזאַמענשטעל פון די קעמפער, יידיש — לויט אירע באַוועג־סיבות, יידיש — לויטן געפיל, וואָס האָט באַהערשט אירע אָנטיילנעמער, יידיש לויטן אינהאַלט. עס וועלן דאָ גאָרנישט העלפן קיין שום פּרוּוון צו וועלן קאָרעגירן לאחר המעשה די געשיכטע און זי צו פעלשן.

ריכטיק איז, אַז פאַשיזם און היטלעריזם זענען אַ פּראָדוקט פון אַן אינטער־נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג און אַלגעמיינע פאַרהעלטענישן. דאָס איז אַ דערשיי־נונג פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, וואָס איז געווענדעט נישט בלויז קעגן יידן, נאָר צילט אויסצוראָטן יעדע שפּור פון פרייהייט אין דער וועלט. ריכטיק איז אָבער אויך, אַז דער היטלעריזם האָט זיך פאַרמאָסטן, לכל הפּחות אין יענעם פּעריאָד, צו פאַרניכטן פולשטענדיק בלויז די יידן און אומברענגען זיי פון דער וועלט, הגם אויך אַנדערע פעלקער האָבן פון אים שטאַרק געליטן. די פירער און זעלנער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן געוווּסט וועגן דער פאַרבונדנקייט פון דעם יידישן גורל מיטן אויסגאַנג פונעם קאַמף אין דער וועלט. אָבער זיי האָבן אויך געוווּסט, אַז זייער עלעמענטאַרער חוב איז צו קעמפן קודם כל פאַרן קיום און כבוד פון זייער פאָלק, דעם יידישן פאָלק, קעגן וועמען עס האָט געפירט אַ פאַרניכטונגס־מלחמה די גרעסטע מיליטערישע מאַכט צו יענער צייט.

די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז איניצירט געוואָרן פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די חלוצישע גרופּן האָבן געבילדעט דעם יסוד, אויף וועלכן זי האָט זיך געשטיצט אין איר אָרגאַניזירונג און אין איר אַקטיוויטעט. אין דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך באַטייליקט אַלע אַנטיפאַשיסטישע און סאָציאַליסטישע עלעמענטן אינעם געטאָ. די אַלע גרופּן, וואָס האָבן זיך אין נאָרמאַלע צייטן קעגנזייטיק באַקעמפט, האָבן אינעם גורלדיקן מאָמענט זיך דער־לאַנגט די הענט צום געמיינזאַמען קאַמף קעגן שונא, פאַר זייער נאַציאָנאַלן כבוד.

פון די 22 קאַמף־גרופּן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, האָבן 20 זיך רעקרוטירט פון סאָציאַליסטישע באַוועגונגען. דאָס איז געווען נאַטירלעך, ווייל נאָך אין די פאַרמלחמה־יאָרן האָבן די יידישע אַרבע־טער גרופּירונגען מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם אַוואַנגאַרד פון קאַמף פאַר יידישע רעכט און קעגן יידישער רעכטלאָזיקייט. אַט דער דאָזיקער איבערוועגנדיקער

אַנטייל פון עלעמענטן מיט אַ בונטאַרישן אומקאָמפּראָמיסלעכן אידעישן אינהאַלט — האָט אויך באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, איר ריקזיכטלאָזיקייט אין קאַמף מיטן אויסערלעכן שונא און איר קאָמפּראָמיסלאָזיקייט לגבי יידישע פאַרעטער און אינערלעכן דעפעטיזם.

פון די 22 קאַמף־גרופּן אין וואַרשעווער אויפשטאַנד, זענען 14 אָרגאַניזירט און צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון ציוניסטישע גרופּירונגען. די ציוניסטישע גרופּירונגען האָבן באַשטימט דעם כאַראַקטער און די אַטמאָספער אינעם געטאָ־אויפשטאַנד, נישט נאָר אין וואַרשע, נאָר אויך אין אַנדערע ערטער. איבעראַל האָבן די חלוצישע גרופּן אָרגאַניזירט די ווידערשטאַנד־מלחמה, אומעטום זענען זיי געשטאַנען אין איר שפּיץ. איבער די קעמפנדיקע הייזער אין געטאָ האָט נעבן דער אַלגעמיינער פאָן געפלאַטערט אויך די וויס־בלויע יידישע נאַציאָנאַלע פאָן. אַפילו די נישט־ציוניסטן פונעם „בונד" און די יעווסעקעס פון דער פּ.פּ.ר. האָבן נישט געקענט ביישטיין דעם פלאַטערנדיקן אָטעם פון אהבת־ישראל און בענקשאַפט נאָך ציון, וואָס ס'האָבן אַריינגעבראַכט אין דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע עלעמענטן און זיך אונטערגעגעבן נישט ווילנדיק אָט דער אַטמאָספער.

פון דעם באַרג דאָקומענטן פון יענער צייט וועל איך ברענגען בלויז עטלעכע ציטאַטן. אָט שרייבן נאָכן אויפשטאַנד אין אַ בריוו צו דער הסתדרות צביה (לובעטקין) און אנטעק (יצחק צוקערמאַן, דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמף־אָרג.) : „די געשיכטע פון החלוץ אין אָט דער תקופה איז אין אַ גרויסער מאָס די געשיכטע פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע". אין אַ שפּעטערדיקן, מער אויספירלעכן בריוו (פון 24־טן אַפּריל 1944) שרייבן זיי ווידער : „אומעטום זענען מיר געשטאַנען אין דער שפּיץ פונעם ווידערשטאַנדס־קאַמף". און אָט שרייבן זיי וועגן די זעלישע באַוועג־גרונדן און דעם זין פון זייער קאַמף : „עס איז אונדז לייכטער צו שטאַרבן וויסנדיק, אַז ס'וועט זיין אַ פרייע וועלט און גלויבנדיק, אַז ארץ־ישראל וועט ווערן דאָס היימלאַנד פון יידישן פאָלק". אַזוי האָבן געשריבן די קעמפער, ווען דער טויט האָט געלויערט אויף זיי פון יעדן ווינקל און יעדע סעקונדע, ווען זיי האָבן נישט געקענט זיין ערלעך מיט זיך אַליין און מיט דער וועלט. ..יעז די ווערטער, וואָס זיי האָבן אַרויפגעבראַכט אויפן פּאַפּיר, זענען געווען געשריבן נישט מיט טינט, נאָר מיטן בלוט פון זייער האַרצן און מיטן אמת פון זייער נשמה.

זיי זענען געווען קינדער פון דעם נייעם וווּנדערלעכן שבט ביי יידן, פון וועלכן ס'האָבן זיך רעקרוטירט די טרוימער וועגן יידישער און מענטשלעכער פרייהייט, פון די, וועלכע האָבן דעם חלום אליין גענומען פאַרווירקלעכן, געשאַפן דעם לעגענדאַרן „השומר" און די הגנה, מיט זייער שווייס און בלוט באַפרוכפּערט

די האַרטע ארץ־ישׂראלדיקע ערד און געהאָלפן צוגרייטן אַן אייגענע היים פאַרן היימלאָזן און גערודפטן יידישן פאָלק. די וויזיע וועגן „ארץ־ישׂראל אַלס היימלאַנד פאַרן יידישן פאָלק" און וועגן אַ „פרייע וועלט" האָט זיי באַגלייט אין זייער לעבן און געשוועבט פאַר זיי אין די מינוטן פון טויט.

* *
*

היסטאָרישע געשעענישן אַנטהאַלטן אין זיך אָפטמאָל אַ טיפן סימבאָלישן זין. אַזאַ סימבאָליק אַנטהאַלט אין זיך דער פאַקט, וואָס גראָד צו די 5 יאָר פונעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מדינה.

די אַנטשטייונג פון דער יידישער מדינה איז אַן אַקט פון אומגעהייערער געשיכטלעכער באַדייטונג פאַרן יידישן פאָלק, וועלכן ס'איז געגעבן געוואָרן אַן אינסטרומענט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זיין נאַציאָנאַלער באַפרייונג. צווישן ביידע דאַטעס — אין 1943 און אין 1948 איז פאַראַן אַן אָרגאַנישע שייכות.

דאָס איז דער גייסט פון די געטאָ־קעמפער, זייער איבערמענטשלעכע גבורה, זייער וויזיע, אַז „ארץ־ישׂראל וועט ווערן דאָס היימלאַנד פון יידישן פאָלק", וואָס האָט געדינט ווי דאָס שווע‍ָבעלע, וואָס האָט אָנגעצונדן אַ פלאַם אין די הערצער פון די הגנה־זעלנער און די פּלמ"ח־קעמפער, וועלכע זענען מיט כמעט ליידיקע הענט געגאַנגען קעגן די באַוואָפנטע מיט טאַנקען און האַרמאַטן אַראַבישע אַרמייען. דער העראָיזם פון די געטאָ־קעמפער האָט באַזעלט די הערצער פון די טויזנטער יידישע יונגעלייט פון אַלע עקן וועלט, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן קיין ארץ־ישׂראל זיך צו באַטייליקן אַלס זעלנער אין דער „יידישער באַפרייונגס־מלחמה". פּונקט ווי די קעמפער אין די געטאָס און טויט־לאַגערן אין פּוילן, האָבן אויך דאָ — אין די בערג פון ירושלים און אירע מויערן, אויף די בערג פון גליל און אין די פּלוינען און מדבריות פון דרום און נגב — יידישע יונגעלייט איינגעשטעלט זייער לעבן און געפאַלן אין קאַמף דורכגעדרונגען מיטן חלום פון אַ פרייער וועלט און אַ פרייער יידישער מדינה אין ארץ־ישׂראל. אָט אַזוי ציט זיך די גאָלדענע קייט פון יידישע וויזיאָנערן און יידישע קעמפער — פון רבי עקיבא און זיינע תּלמידים מיט בר־כוכבאָן, איבער שלמה מולכו און הראובני, איבער הירש לעקערט און פּנחס דאַשעווסקי, איבער די געפאַלענע שומרים און יוסף טרומפּעלדאָר, איבער די זעלנער פון דער הגנה און די העלדן פון אַרבעט און קאַמף — ביז צו די אָנטיילנעמער אין דער יידישער מלחמה אין פּוילן קעגן דער היטלעריסטישער מערדער־אַרמיי און די קעמפער אינעם יידישן באַפרייונגס־קריג — ס'איז איין לאַנגע קייט פון יידישע חלומות און האָפענונגען, אומאויפהערלעכע קאַמפן און ראַנגלענישן, אַ קייט וואָס איין רינג איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דעם צווייטן און אַלע צוזאַמען

יצחק לעוו

האָבן דערפירט צו דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער געשיכטלעכער געשעעניש אינעם לעבן פון יידישן פאָלק — צו דער אַנטשטייונג פון דער יידישער מדינה.

מיטן פלאַקער פון זייערע הערצער האָבן זיי אָנגעצונדן אַ פייער־זייל אין דער מאַרטירער און גלאָררייכער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק. די פייער־זייל וועט לייכטן דעם יידישן פאָלק אויף זיין ווייטערדיקן גאַנג און וועט אים דינען ווי אַ וועג־ווייזער, ווי אַזוי מען דאַרף לעבן און ווי אַזוי מען דאַרף קענען מוותר זיין אויפן לעבן פאַר די אינטערעסן פונעם פאָלק און זיין פרייהייט.

„נייוועלט״ נומ׳ 8, 16 אפריל 1954.

באָראָכאָוו אין שטורעם פון צייטן

(36 יאָר נאָך זיין טויט)

די מענטשלעכע געשיכטע איז אַן אומברחמנותדיקע, אָבער צוגלייך אויך אָביעקטיווע אָפּקלייבערין פון געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען און אידעען. עס גיט אַמאָל אַ בליץ אויף ווי אַ מעטעאָר אַ באַוועגונג, וועלכע באַזירט אויף אויבנאויפיקע, אַריבערגייענדיקע דערשיינונגען און אינטערעסן; קומט די געשיכטלעכעווירקלעכקייט און ברענגט זי גיך צום פאַרשווינדן, אַזוי שנעל ווי אַ מעטעאָר. נאָר געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וועלכע טראָגן אידעען און געדאַנקען, וואָס זענען פאַרוואָרצלט אין די טיפענישן פונעם לעבן, וואָס זענען די אויסדריקער פון געשיכטלעכע פּראָצעסן און געפינען דעם וועג צו מאַרשירן צוזאַמען מיט זיי — נאָר אַזעלכע אידעען־טרעגער ווערן געשווינט פון דער געשיכטע און געפלעגט דורך איר, און בלייבן עקזיסטירן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען עס ווערן געלייזט די פּראָבלעמען, צוליב וועלכע זיי זענען אַנטשטאַנען. באָראָכאָווס לערע איז דער בעסטער באַווייז פאַר אַזאַ באַציאונג מצד דער געשיכטלעכער ווירקלעכקייט פונעם יידישן פאָלק.

די 36 יאָר, וואָס זענען אַריבער זינט באָראָכאָווס טויט, זענען אין דער געשיכטע פונעם וודישן פאָלק געווען יאָרן פון קאַטאַסטראָפאַלע ענדערונגען און טיף גרייפנדיקע רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן: גענוג צו דערמאָנען די מיליאָנען־אויסראָטונג פון אונדזערע ברידער און די אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה — צוויי געשעענישן, וואָס וולן דורות־לאַנג באַאיינפלוסן און געשטאַלטיקן דעם גורל פונעם יידישן פאָלק.

אין דעם דאָזיקן געשיכטלעכן שטורעם זענען אומגעקומען אידעאָלאָגיעס און זייערע טרעגער אינעם יידישן לעבן. עס זענען אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל אַלטע, אונגעפונדעוועטע געזעלשאַפטלעכע דעמבעס. אינעם גרויסן טעאָרעטישן קאַמף־ווערק פון בער באָראָכאָוו „אונדזער פּלאַטפאָרם" זענען זייער פיל שטעלן געווידמעט דע מקאַמף קעגן ס.ס., סיימיסטן און בונד. היינט איז עס שוין מאַטעריאַל פאַרן פאָרשער און אַפילו דער „בונד" לעבט בלויז מיט די זאַפטן פון זיין אַמאָליקער גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט, אָן אַ פּערספּעקטיוו פאַר דער צוקונפט. דאָס זענען די אויסווירקונגען פונעם מעכטיקן געשיכטלעכן הוראַגאַן, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דער וועלט און איבער יידן, מיט זיינע טיפע ווי דער תהום טראַגישע פאָלגן און אויפבליצן פון מעכטיקע העראָישע אַנטפּלעקונגען פאַר אונדז. די יסודות פונעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם, וואָס באָראָכאָוו האָט אונדז געלערנט —

אַט־אָ דאָס, וואָס מיר רופן אָן באָראָכאָוויזם — זענען אַרויס פון דעם געשיכטלעכן שטורעם נישט נאָר גאַנץ, נאָר נאָך געשטאַרקט און באַפעסטיקט אין ליכט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פונעם יידישן פאָלק אין זיין לעצטער תקופה.

זעקס און דרייסיק יאָר נאָך זיין טויט איז באָראָכאָווס נאָמען אויף אַ האָר נישט פאַרבלאַסט געוואָרן. צו דער מחנה געטרייע תלמידים פּועלי־ציון זענען צוגעקומען אַנדערע, וואָס האָבן זיין נאָמען און לערע געמאַכט אַלס אַ פאָן פאַר זיך. פיל פון זיינע געדאַנקען, וואָס זענען אַמאָל געווען אומפּאָפּולער אָדער נישט פאַרשטענדלעך, זענען היינט געוואָרן זעלבסטפאַרשטענדלעך און אומאָפּפרעגלעך. אַט וואָס עס האָט געשריבן ש. קאַפּלאַנסקי, באָראָכאָווס אַמאָליקער גייסטרייכער אַנטאַגאָניסט אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, צען יאָר נאָך זיין טויט: „לייענענדיק וואָס באָראָכאָוו האָט געשריבן מיט צוואַנציק יאָר און נאָך מער צוריק, האָב איך זיך פון דאָס ניי איבערצייגט, אַז אַ סך פון באָראָכאָווס געדאַנקען, וועלכע האָבן אונדז דעמאָלט, און אפילו ערשט מיט צען יאָר צוריק, אויסגעזען זייער ווייט פון דער ווירקלעכקייט, ווי אַן איבערגייענדיקער טריבוט פון דעם דענקער און קעמפער צום גייסט פון זיין צייט און צו די באַדערפענישן פון פּאָלעמיק — האָבן שפּעטער באַקומען אַ נביאישן ווערט". די דאָזיקע ווערטער האָט קאַפּלאַנסקי געשריבן מיט 25 יאָר צוריק. היינט, אין דער תקופה פון דער יידישער מדינה, איז באָראָכאָווס לערע געוואָרן נאָך קלאָרער און פאַרשטענדלעכער.

* *
*

באָראָכאָוו איז געווען דער גרונטשטיין־לייגער און דער פאַרמירער פון דער אידעע פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם, ער איז געווען דער פאָרשער און דער דענקער פון דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג, ער האָט אין דער באַוועגונג אַריינגעטראָגן דעם העכסטן אידעאַלישן און אינטעלעקטועלן פּאַטאָס. ער האָט דער ערשטער אַוועקגעשטעלט דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אויף די פעסטע פונדאַמענטן פון וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז, דורכגעפירט מיט די מיטלען פון מאַרקסיס־טישע פאָרש־מעטאָדן. ער איז אין דעם שטח געווען דער ערשטער און איז ביז איצט געבליבן דער איינציקער.

באָראָכאָוו האָט דער ערשטער געגעבן אַ מאַרקסיסטיש־דיאַלעקטישע דעפי־ניציע פון אַ נאַציע אַלס אַ סאָציאַלע גרופּע אין אַנטוויקלונג, אויסגעבילדעט אויפן יסוד פון די באַזונדערע „פּראָדוקציע־באַדינגונגען". „די פּראָדוקציע בכלל און איר אַנטוויקלונג קומען פאָר אין פאַרשידענע באַדינגונגען — נאַטירלעכע און היסטאָרישע און דאָס ברענגט דערצו, אַז דער עקאָנאָמישער בנין פון פאַרשידענע גרופּן זאָל אויך זיין פאַרשידן און אייגנאַרטיק". „דער באַגריף פון פּראָדוקציע־

באַדינגונגען גיט אונדז אַ פעסטן פונדאַמענט פאַרן אויפבוי פון אַ מאַטעריאַליסטישער לערע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע" („קלאַסן־אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע").

אין קעגנזאַץ צו קאַוטסקין, באַווייזט באָראָכאָוו, אַז נאַציעס זענען נישט ערשט אַ פראָדוקט פון קאַפּיטאַליזם; אַז נאַציעס עקזיסטירן אויך אין פאַר־קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען. נישט מער, אין קאַפּיטאַליזם קומען ערשט די נאַציעס צום נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין און פון אַ „נאַציע אין זיך" פאַרוואַנדלען זיי זיך אין אַ „נאַציע פאַר זיך".

סטאַלין אין זיין „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע" שטעלט אַוועק די טעריטאָריע אַלס איינע פון די 4 אומבאַדינגטע פאָר־באַדינגונגען פאַרן קיום פון אַ נאַציע. פון דאַנען נעמט זיך זיין אויספיר, אַז יידן זענען נישט קיין נאַציע. באָראָכאָווס דעפיניציע פון אַ נאַציע דערלאָזט דעם קיום פון אַ נאַציע אָן אַ טעריטאָריע. די טעריטאָריע איז אָבער אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט ווי אַ באַזע פאַר דער פרייער און נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דער נאַציע. באָראָכאָוו איז געווען דער, וואָס האָט באַוויזן די קלאַסן־דיפערענצירונג אין דעם נאַציאָנאַלן קאַמף, די באַזונדערע אינטערעסן פון די פאַרשידענע קלאַסן אין דעם נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף און די אייגענע וועגן אין אים. די באַזונדערע פאַראינטערעסירונג פון יעדן קלאַס אין דער טעריטאָריע. פון דעם קומט באָראָכאָוו צום לאָגישן אויספיר וועגן דער אייגנאַרטיקער געשטאַלטונג און אינהאַלט פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג ביי יעדן קלאַס באַזונדער. טעריטאָריע איז וויכטיק פאַרן בירגערטום ווי אַן אָפּזאַץ־מאַרק, פאַר די זיך פראָלעטאַריזירנדיקע מאַסן ווי אַן אַרבעט־פלאַץ, פאַרן פראָלעטאַריאַט ווי אַ סטראַטעגישע באַזע פאַר זיין קלאַסן־קאַמף. דער פראָלעטאַריאַט פון אַ נישט־טעריטאָריאַלער נאַציע ווערט דערווייטערט פון דער נאַטור און געשטויסן אין די ענד־סטאַדיעס פון דער פראָדוקציע. פון דאַנען — די שוואַכקייט פון זיין באַזע, פאַרשווענדונג פון קאַמף־ענערגיע ביי קנאַפּע קאַמף־רעזולטאַטן.

באָראָכאָווס טעאָריע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל, פירט אומפאַרמיידלעך צו איר אָנווענדונג צום יידישן נאַציאָנאַלן פראָבלעם — צום באָראָכאָוויזם. דער פראָלעטאַרישער ציוניזם איז די מאַרקסיסטישע קאָנקרעטיזירונג פון מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דער סאָציאַליסטישער ציוניזם ווערט דורך דעם באָראָכאָוויזם אידעאיש אַריינגעפלאָכטן אַלס אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פון דער קעמפנדיקער סאָציאַליסטישער וועלט. נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייאונג, פראָלעטאַרישער קלאַסן־קאַמף און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג־קאַמף ווערן דאָ סינטעטיש פאַרפלאָכטן, נישט אָפּצוטיילן.

*   *
*

באַראָכאָוו איז געווען דער, וואָס האָט געשאַפֿן אַ פּולע, האַרמאָניש אויס־געבויטע וויסנשאַפֿטלעכע טעאָריע נישט נאָר פֿון פּראָלעטאַרישן ציוניזם, נאָר פֿון ציוניזם בכלל. ביז אים האָט די ציוניסטישע באַגרינדונג באַזירט דער עיקר אויף עמאָציאָנעלע מאָמענטן. עס זענען אויך ביז אים געווען פּריוון פֿון עקאָנאָ־מישער באַגרינדונג פֿון ציוניזם (ד"ר ה. ד. הורוויץ אויף דעם מינסקער צוזאַ־מענפֿאָר, די ערשטע סטאַטיסטישע אַרבעטן פֿון יעקב לעשצינסקי) — אָבער ערשט באַראָכאָוו האָט דעם אַנאַליז פֿון דער יידישערווירקלעכקייט דערהויבן צו דער מדרגה פֿון אַ שיטה, אַריינדרינגענדיק אין אירע פֿאַרבאָרגנסטע שטעלן און אויסגעפֿינענדיק די טענדענצן, וועלכע ווירקן אין איר.

די ציוניסטישע אַרגומענטאַציע איז ביז באַראָכאָוון געווען אויסשליסלעך אַ וואָלונטאַריסטישע. ז. רובאַשאָוו (זלמן שזר) אין זיין פֿאָרעדע צום ערשטן באַנד באַראָכאָווס שריפֿטן אין העברעיש זאָגט: „אָט אָ די גאַנצע אַרגומענטאַציע (די וואָלונטאַריסטישע), וואָס עס האָבן זי געבויט די פּאָעטערס פֿון דער באַוועגונג און עס האָבן זי געשטאַלטיקט דורות דענקער, מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון איר איבערצייגונג און גלאַנץ פֿון אירע אַרגומענטן — איז געווען מאַכטלאָז לגבי דער פֿאַרצוויגטער און אַלזייטיקער מאַרקסיסטישער שיטה, וואָס פֿאַרשט די פּראָצעסן פֿון עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג און בויט איר גלויבן אויף די אָביעקטיווע כוחות, וואָס זענען באַהאַלטן אינעם לעבן פֿון דער געזעל־שאַפֿט, וואָס בייט זיך נאָכאַנאַנד". באַראָכאָוו האָט באַוואָפֿנט דעם ציוניזם מיטן מאָדערנעם כלי־זין פֿון וויסנשאַפֿטלעכער מאַרקסיסטישער פֿאַרשונג, ער האָט אויסגעפֿונען די געשיכטלעכע פּראָצעסן, וועלכע ווירקן אין יידישן לעבן און פֿירן מיט אַן אייזערנער נויטווענדיקייט צו דער רעאַליזירונג פֿון ציוניזם. „ס'איז אַ פֿאַרדינסט פֿון באַראָכאָוון און פֿון זיין גרויסער גייסטיקער אַרבעט, אויב דאָס סאָציאַליסטישע ארץ־ישראל איז געוואָרן אין באַוווסטזיין פֿון טויזנטער יידישע אַרבעטער אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט" (ש. קאַפּלאַנסקי).

און ז. שזר שרייבט: „די עיקרדיקע היסטאָרישע און טעאָרעטישע באַ־דייטונג פֿון בער באַראָכאָוו באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז דער ערשטער אויפֿגעשטאַנען, אין זיין פּולער ציוניסטישער הויך זיך צו פֿאַרמעסטן מיט דער מאַרקסיסטישער געדאַנקען־שיטה... קיינער ביז אים האָט נישט געהאַט פֿאַר־איינִיקט די ציוניסטישע באַגרינדונג מיט דער מאַרקסיסטישער. אין אַ צייט פֿון אַ שאַרפֿן ווענדפּונקט פֿאַרן דור און פֿאַרן ציוניזם האָט ער אויפֿגעשטעלט דעם דאָזיקן קאָמפּליצירטן סינטעז און דורך דעם דערגרייכט אַ טאָפּלטן ציל: עד האָט געראַטעוועט אַ פּרוכטבאַרן און צעשטורעמטן דור פֿון אָפּגעריסן ווערן אינגאַנצן פֿון זיין ציוניסטישער באַשטימונג, און געראַטעוועט דעם ציוניזם גופא,

אין אַ צייט פון פאַרלוירנקייט און קריזיס, זיך אָפּצורייסן פון זיין יונגן, צעשטור־רעמטן און ברויזנדיקן דור". שזר פאַרענדיקט מיט דעם, אַז דורך דעם האָט זיך באָראָכאָווס נאָמען אַריינגעפלאָכטן אין דער קייט פון די גרויסע גייסטער ביים יידישן פאָלק, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין די צייטן פון גרויסע גייסטיקע סכנות און גרויסער גייסטיקער אויפלעבונג.

באָראָכאָוו האָט די ציוניסטישע טעאָריע געשטעלט אויף די פיס. זי איז געוואָרן אַן אויסגאַנג נישט פון חלומות אַליין, נאָר האָט באַזירט אויף דער קאָנקרעטער יידישערווירקלעכקייט, אויף אירע פּראָצעסן, אויף די ממשותדיקע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן. „ציוניזם איז פאַר אונדז נישט קיין ווייטער היסטאָרישער אידעאַל, נאָר אַ טאָג־טעגלעכע לעבנס־נויטווענדיקייט" — שרייבט בער באָראָכאָוו.

ווולגאַריזאַטאָרן פון באָראָכאָוויזם מיינען, אַז באָראָכאָוו האָט לגמרי נעגירט דעם עמאָציאָנעלן מאָמענט. דאָס איז פאַלש. שוין אין זיין גרויסער אַרבעט „צו דער פראַגע פון ציון און טעריטאָריע", האָט ער באַצייכנט די נאַציאָנאַלע בענקשאַפט צום פאָטערלאַנד, ווי אַ פּראָגרעסיוון פאַקטאָר, וואָס שטאַרקט דעם ווילן צו באַפרייאונג. אין „אונדזער פּלאַטפאָרם" באַגרינדעט ער ארץ־ישראל מיט דער „היסטאָרישן פיקסירטער אויפמערקזאַמקייט" פון יידישן פאָלק צום אַלטן פאָטערלאַנד. ווי אַ מאַרקסיסט ווייסט ער אָפּצושאַצן די ריזיקע באַדייטונג, וואָס עס האָבן אין דער געזעלשאַפט די געפיל־מאָמענטן. ער ווייסט, אַז זייענדיק דורכגעדרונגען מיט ליבע און בענקשאַפט צו ציון — באַהעפט ער זיך מיט לאַנגע דורות יידן און מיט מאַסן יידן פון זיין תקופה. ער איז איינער פון די זעלטענע דענקער און קעמפער, ביי וועמען געפיל און פאַרשטאַנד האָבן זיך אָרגאַניש צונויפגעגאָסן. סימבאָליש פאַר זיין וועזן זענען די ווערטער, וועלכע ער האָט געשריבן אין „ווירטואַליזם": „די פּראָלעטאַרישע עטיק באַשענקט אונדז מיט פּאָעזיע, וואָס איר גלייכן איז נאָך נישט געווען — די דיכטונג פון ניכטער־קייט". דיכטער און וויסנשאַפטמאַן — דאָס איז געווען באָראָכאָוו, באין אופן אָבער נישט — טרוקן, און נישט דאָגמאַטיש.

* *
*

שווער צו געבן אין אַ צייטונג־אַרטיקל אַ באַגריף וועגן באָראָכאָווס טיטאַנישער טעאָרעטישער אַרבעט. באָראָכאָוו האָט איבערגעשטעלט דעם טראַדיציאָנעלן ציוניסטישן אני־מאמין און אָנשטאָט גלות־פּעסימיזם און נעגירונג פונעם גלות אַריינגעפירט אינעם ציוניזם אָפּטימיזם לגבי ציון און אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום יידישן פאָלקס־לעבן און יידישער נאַציאָנאַלער אַקטיוויטעט; ער האָט איז דעם היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן בעכער אַריינגעגאָסן דעם אַלטן ווייַן פון

יידישער בענקשאַפטן און באַפרייאונג־שטרעבונגען. באָראָכאָוו האָט אויסגעפונען די געזעצמעסיקייט פון די קעגנזײַטיקע פּראָצעסן פון אַסימילאַציע און איזאָלאַציע, וועלכע ווירקן גלײַכצײַטיק אין יידישן לעבן; די באַזונדערע באַדײַטונג פון דער עמיגראַציע ביי יידן און די אייגנאַרטיקע פאָרמען, וואָס זי נעמט ביי אונדז אָן — די צעשפּרייטונג איבער דער גאָרער וועלט, ביי אַ גלײַכצײַטיקער קאָנצענטראַציע אין ארץ־ישראל. באָראָכאָוו האָט אָפּגעריניקט דאָס פעלד פון דער פאָרשונג פון יידישער עקאָנאָמיק פון דעם אָנגעוואַקסענעם ווילד־גראָז וועגן נישט־פּראָ־לעטאַריזאַציע און נישט־פּראָדוקטיוויזאַציע; אין דער זעלבער צײַט האָט ער אין אַלע זײַנע אַרבעטן, באַזונדערס אין זײַן קלײנער אין פאָרנעם אָבער גלענצנ־דער שריפט „די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פונעם יידישן פאָלק”, וואָס איז אַ מוסטער פון קאָנצענטרירטקייט און סיסטעמאַטישקייט, געגעבן אַ מייסטערהאַפטן אַנאַליז פון דער יידישער עקאָנאָמיק און קלאָר אַרויסגעפירט די געשיכטלעכע פּראָצעסן, וועלכע ווירקן אינעם יידישן לעבן און וועלכע פירן קאָנסעקווענט צו דער טעריטאָריאַלער לייזונג פון דער יידן־פראַגע. באָראָכאָוו האָט אָנגעצייכנט די וועגן פון רעאַליזירן דעם ציוניזם און די ראָל פון די באַזונדערע קלאַסן אין זיי; באַזונדערס אָבער „די ראָל פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין דער רעאַליזירונג פונעם טעריטאָריאַליזם” און געגעבן דערביי די קלאַסישע פאָרמולירונג: „די באַפרייאונג פונעם יידישן פאָלק וועט אָדער פאַרווירקלעכט ווערן דורך דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָדער בכלל נישט פאַרווירקלעכט ווערן. אָבער די אַרבע־טער־באַוועגונג האָט נאָר איין וועג — דעם קלאַסן־קאַמף”. באָראָכאָוו האָט שוין דאַן, אין דעם אַנהויב־פּעריאָד פונעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם, פאָרמולירט אַלס זײַן עיקר־אויפגאַבע — די העגעמאָניע פונעם אַרבעטער־קלאַס אינעם ציוניזם און דעם קלאַסן־קאַמף, אַלס זײַן וועג.

שווער אָנצוצייכענען באָראָכאָווס אַלע אויפטוען. ער איז געווען אַקטיוו אויף די פאַרשידנסטע געביטן פון מענטשלעכן געדאַנק און וויסן — אויפן געביט פון סאָציאָלאָגיע און פּובליציסטיק, פילאָזאָפיע און פילאָלאָגיע, און אומע־טום מחדש געווען. ער איז געווען נישט בלויז אַ וויסנשאַפט־מאַן, נאָר אויך אַן אַקטיווער קעמפער.

אָפּגעלעבט אַ קורץ, זייער קורץ לעבן — בסך־הכל 36 יאָר; געזעל־שאַפטלעך־אַקטיוו געווען בסך־הכל אַרום פופצן יאָר. און עס בלײַבט צו שטוינען — אין אַזאַ קורצן פּעריאָד אַזעלכע קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען: געשאַפן ווערטן וועלכע זענען געוואַקסן מיט דער צײַט און וועמענס גלאַנץ האָט נאָך מערער אויפגעשיינט נאָך זײַן פריצײַטיקן טויט.

„ניי־וועלט”, נומ׳ 1, 17 יאַנואַר 1954.

א בינטל זכרונות

א. אין אַן אויפגעשטורעמטער צייט

ב. שכנא זאַגאַן — אַ לעבנס־חעג פון אָפּטימיזם און פעסטקייט

ג. לאַזער סטאָליער

ד. ישראל ביין

ה. ישראל שורעק (הייסקינד)

אין אן אויפגעשטורעמטער צייט

פון מאַדלין בין איך באַפרייט געוואָרן די ערשטע טעג נאָוועמבער 1918, עטלעכע טעג פאַרן אַנטלויפן פון חבר ציטרינאָווסקי און אַ צען טעג פאַר דער ליקווידאַציע פון לאַגער.

געקומען פון מאַדלינער פעסטונג קיין וואַרשע, בין איך גלייך אַריינגעפאַלן אין אַ צעהיצטער פּאָליטישער אַטמאָספער. ס'האָבן זיך שוין געפילט די מאַרש־טריט פון דער אָנגעקומענער דייטשער רעוואָלוציע. אַלע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס האָבן העכער דריי יאָר אין געהיים געאַרבעט קעגן דער דייטשער אָקופּאַנטישער מאַכט און קעגן דעם רעגענטן־ראַט, וואָס זי האָט נאָמינירט, האָבן איצט כמעט אָפן מאָביליזירט זייערע מחנות. אויף דער אויבערפלאַך פון געזעלשאַפטלעכן לעבן זענען אַרויסגעשווומען די ראַדיקאַלע און פּראָלעטאַרישע גרופּירונגען — פּ.אָ.וו. און די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די רעאַקציאָנערע כוחות אַנטקעגן, אויף וועלכע ס'האָט זיך געשטיצט דער רעגענטן־ראַט, האָבן זיך אַלץ מערער אָנגעהויבן רוקן אין שאָטן.

די אַרבעטער־מאַסן האָבן געפילט ווי ס'דערנענטערט זיך דער סוף פון דער דייטשער הערשאַפט אין לאַנד. ס'איז קלאָר געוואָרן: פון דער מדרגה פון אָרגאַניזירטקייט און פּאָליטישער צוגעגרייטקייט צום מאָמענט, בעת דער קריזיס וועט אויסברעכן, וועט זיין אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק, וועלכן פון די סאָציאַלע כוחות וועט געלינגען איבערצונעמען די פּאָליטישע פירונג אין לאַנד. די אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז ביי אַזאַ סיטואַציע איז דרינגענד נייטיק די קאָנסאָלידאַציע פון אַלע פּראָלעטאַרישע כוחות אויפן יסוד פון אַ קאָנקרעטער פּאָליטישער פּלאַטפאָרם. די אַנדערהאַלב־יאָריקע דערפאַרונג אין רוסלאַנד האָט אָנגעוויזן, אַז די פּאַסיקסטע פאָרם פאַר אַזאַ קאָנסאָלידאַציע זענען די אַרבעטער־ראַטן.

פון אונדזער צ. ק. זענען אין יענעם מאָמענט אָנוועזנד געווען אין וואַרשע דריי חברים: מוליע, מאָטל יאַרבלום און איך. פון די איבעריקע — איז שורעק נאָך געזעסן אין מאָדלין און ישראל רייכמאַן (וועשער) איז צוליב פּריוואַטע ענינים געווען אין לוקאָוו. היות ח' יארבלום איז ביי אונדז געווען נישט עקספּאָנירט, האָט מען מוליען און מיך באַפולמעכטיקט דורכצופירן אונטערהאַנדלונגען מיט אנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען מכוח דער אויסבילדונג פון אַן אַרבעטער־ראַט.

פון די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען זענען מיר געשטאַנען אין נישט קיין שלעכטע באַציאונגען מיט ס.ד.ק.פּ.ל., צוליב דעם וואָס אונדזערע פּאָליטישע שטעלונגען צו דער פראַגע פון מלחמה, סיי צו אַ ריי קאָנקרעטע פראַגן (רעגענטן־ראַט, בירגער־מיליץ, בייזיצערס אין די געריכטן און בכלל די טאַקטיק

לגבי דער אָקופּאַציע־מאַכט) זענען זיך אָפּט צונויפגעפאַלן. די ערשטע עפנטלעכע אומלעגאַלע דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע קעגן דער אָקופּאַנטישער מאַכט, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 1־טן מאַי 1916 אויף מאַרשאַלקאָווסקע, האָבן אָרגאַניזירט געמיינזאַם ביידע פּאַרטייען — ס.ד.ק.פּ.ל. און פּועלי־ציון. דער „בונד" האָט צו די אַקטועלע פּאָליטישע פראַגן פאַרנומען אַן אָפּאָרטוניסטישע שטעלונג, באַקומען די דערלויבעניש פון דער אָקופּאַציע־מאַכט אַרויסצוגעבן די „לעבנס־פראַגן", זוען אונדז האָט מען כסדר אָפּגעזאָגט.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דעמאָלטיקער פּאָליטיק פון „בונד" זענען אויך די אַרטיקלען וועגן מלחמה אין בונדישן אָרגאַן „לעבנס־פראַגן". איז נישט געווען כאַר אונדז אומדערוואַרט, וואָס דער „בונד" האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין דער דעמאָנסטראַציע. און דערפאַר איז נאַטירלעך, וואָס אונדזערע ערשטע שריט מכוח אויסבילדן אַרבעטער־ראַטן זענען געווען געווענדט אין דער זייט פון ס.ד.ק.פּ.ל.

מיר האָבן זיך געטראָפן מיט די פאַרטרעטער פון ס.ד.ק.פּ.ל אין לאָקאַל פון זייער רעדאַקציע „טריבונאַ ראַבאָטניטשאַ", וואָס האָט זיך געפונען אויף מאַרשאַלקאָווסקע. מיר זענען געקומען צו אַ פּרינציפּיעלן הסכם מכוח דער נויטווענדיקייט אויסצובילדן אַרבעטער־ראַטן. דאַן איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז צו דער צווייטער באַראַטונג דאַרפן אויך צוגעצויגן ווערן די פאַרטרעטער פון אַנדערע פּאַרטייען. די אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען די ס.ד.ק.פּ.ל.

אויפן צווייטן אָדער דריטן טאָג זענען מיר זיך ווידער צונויפגעקומען אין דעם זעלבן לאָקאַל. ס'האָבן אויך געזאָלט קומען די פאַרטרעטער פון „בונד", זיי האָבן זיך אָבער פאַרשפּעטיקט. אינצווישן איז אָבער פאָרגעקומען אַן איבערפאַל פון פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע אויף דער ס.ד.־קישער רעדאַקציע, ביי וועלכן מ'האָט אונדז אַלעמען גוט מכבד געווען. איך אַליין בין אַרויס צעשלאָגן און צעהרגעט. שפּעטער איז אַ גרופּע (דערונטער מוליע און איך) איינגעזעצט געוואָרן אין דער מיליטערישער תפיסה אויף זאַמענהאָף־גאַס, ווו דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט אונדז געמאָלדן, אַז מיר ווערן איבערגעגעבן צום קריגס־געריכט. נאָך עטלעכע טעג זיצן, ווען פּילסודסקי האָט איבערגענומען די מאַכט, זענען מיר באַפרייט געוואָרן לויט פּילסודסקיס אַ פּערזענלעכן באַפעל, וועלכן ס'האָט געבראַנגט אין תפיסה אַריין זיין דעמאָלטיקער אַדיוטאַנט, סלאַוועק.

אַזוי האָט זיך געענדיקט אונדזער ערשטע איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן אַרבעטער־ראַטן.

*

* *

מיט דעם צווישנפאַל זענען, ווי איך האָב געקענט פעסטשטעלן נאָכן באַפרייען פון תפיסה, איבערגעריסן געוואָרן אויף אַ קורצער צייט די צווישנ־

פּאַרטייאישע אונטערהאַנדלונגען וועגן אויסבילדן אַרבעטער־ראַטן. היות, אָבער, עס איז געווען אַ שטאַרקער דרוק פון דער אַרבעטער־מאַסע אין דער ריכטונג, האָבן די צוויי דעצידירנדיקע פּוילישע אַרבעטער־גרופּירונגען (ס.ד.ק.פּ.ל. און פּ.פּ.ס.־פּראַקציע) אויסגעבילדעט באַזונדערע פּאַרטייאישע אַרבעטער־ראַטן וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען אומאָפּהענגיק איינער פון צווייטן.

אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך אין דער צייט געפירט אונטערהאַנדלונגען צווישן די דריי יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען: פּועלי־ציון, „בונד" און ס.ס. מכוח שאַפן אַן איינהייטלעכן אַרבעטער־ראַט, וואָס זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען און מיטהעלפן שאַפן אַן אַלגעמיינעם אַרבעטער־ראַט. אָבער די אונטערהאַנדלונגען זענען צעקלאַפּט געוואָרן צוליב דער שטעלונג פון „בונד", וועלכער האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט מערהייט־וואַלן. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אויך די דריי יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען זענען צוגעטרעטן צו אָרגאַניזירן וואַלן צו באַזונדערע אַרבעטער־ראַטן. נעבן די צוויי פּוילישע אַרבעטער־ראַטן זענען אַזוי אַרום אַנטשטאַנען דריי יידישע אַרבעטער־ראַטן, צוזאַמען — פינף.

אַזאַ סיטואַציע האָט, קלאָר, נישט געקענט לאַנג דויערן. זי האָט קאָמפּראָמיטירט די עצם־אידעע פון די אַרבעטער־ראַטן און אירע אָנהענגער האָבן געמוזט דערצו מאַכן אַ סוף. די צרה איז אָבער געווען, וואָס אין דעם אַרבעטער־לאַגער האָט זיך געפונען אַ ריכטונג, און אַן איינפלוסרייכע דערצו, וועלכע האָט זיך צו אַרבעטער־ראַטן באַצויגן נעגאַטיוו, וועלכע האָט בפירוש נישט געוואָלט קיין אַרבעטער־קאָנסאָלידאַציע, וואָס ליגט אין יסוד פון די אַרבעטער־ראַטן. דאָס איז געווען — פּ.פּ.ס.

ווען פּ.פּ.ס. האָט געשאַפן אירע אַרבעטער־ראַטן, איז עס געשען מיט דער בפירושער כוונה צו שטערן דער אַנטשטייאונג פון אַלגעמיינע אַרבעטער־ראַטן. לעת עתה איז זי אָבער געווען געצוווּנגען זיך צו רעכענען מיט דער שטימונג פון דער אַרבעטער־מאַסע, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דעם 23־טן נאָוועמבער איז זיך ענדלעך צונויפגעקומען אַ באַראַטונג פון אַלע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען (ס.ד. און לינקע פּ.פּ.ס., פּ.פּ.ס., „בונד", פּועלי־ציון און ס.ס.) וועגן שאַפן אַ געמיינזאַמען אַרבעטער־ראַט.

שווער זענען צוגעגאַנגען די אונטערהאַנדלונגען. ס'זענען געלייגט געוואָרן אין וועג כלערליי שטיינער. געווען אַ מאָמענט, ווען פּ.פּ.ס. האָט דערקלערט, אַז זי איז גרייט אויסצובילדן אַן אַרבעטער־ראַט מיט דער ס.ד.ק.פּ.ל., אָבער נישט מיט יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען. זעקס וואָכן צייט האָט געדאַרפט דויערן, ביז וואַנען ס'איז זיך צונויפגעקומען דער געמיינזאַמער אַרבעטער־ראַט. דעם 25־טן יאַנואַר 1919 האָבן זיך פאַרזאַמלט אין זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע אויף דער ערשטער זיצונג די 712 געוויילטע מיטגלידער פונעם אַרבעטער־ראַט אין וואַרשע.

יצחק לעוו

*

*　　*

ס׳איז נישט די אויפגאַבע פון דעם איצטיקן אַרטיקל צו באַשרייבן די געשיכטע פון וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט און דורך דעם פון די אַרבעטער־ראַטן אין פוילן. איך וויל דאָ בלויז שילדערן בקיצור די איינדרוקן, וואָס זענען פאַר־בליבן אין מיין זכרון פון דעם דאָזיקן אַזוי ערנסטן קאַפּיטל פון אַרבעטער־קאַמף אין פוילן. און אויך דעריין וויל איך מיך באַגרענעצן דער עיקר צו דער ראָל פון פּועלי־ציון.

ווי איך האָב דערמאָנט, זענען געווײלט געוואָרן אין אַרבעטער־ראַט 712 דעלעגאַטן. די וואַלן זענען געווען פּראָפּאָרציאָנעלע. אַן ערך 200 דעלעגאַטן האָבן פאַרטראָטן די יידישע אַרבעטער, פון זיי אַן ערך 120 בונדיסטן, אַ 40 פּועלי־ציון און אַ 40 ס.ס. די פאַרטרעטונג פון פּועלי־ציון איז קינסטלעך פאַר־קלענערט געוואָרן דורך דעם, וואָס עס זענען נישט צוגעלאָזט געוואָרן די פאַר־טרעטער פון קעלנער, רעסטאָראַן־אָנגעשטעלטע, האַנדלס־אָנגעשטעלטע און אַנ־דערע פאַכן, וואָס זענען געשטאַנען דער עיקר אונטער דער השפעה פון פּועלי־ציון. „בונד״, ס.ס. און ס.ד.ק.פּ.ל. האָבן עס געטאָן צוליב פּאַרטייאישע אויסרע־כענונגען, פּ.פּ.ס. ווידער האָט גערן געזען, אַז די יידישע פאַרטרעטונג ווערט פאַרקלענערט.

פון אָנהייב אָן האָט זיך אין די אַרבעטער־מאַסן געפירט אַ פאַרביסענער קאַמף צווישן פּ.פּ.ס. און דער קאָמפּאַרטיי (אַנטשטאַנען אין דעצעמבער 1918 דורך פאַראייניקונג פון ס.ד.ק.פּ.ל. און פּ.פּ.ס. לינקע). פאַר פּ.פּ.ס. זענען די אַרבע־טער־ראַטן געווען אַ שלעכטס, וואָס מוז צייטווייליק טאָלערירט ווערן, פון וועלכן מ׳דאַרף אָבער זען וואָס שנעלער פּטור צו ווערן. פּ.פּ.ס. איז געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר בירגערלעכער דעמאָקראַטיע, פאַר צוזאַמענאַרבעט מיט בירגערלעכע פּאַרטייען. זי האָט נאָך פּאָליטיש געלעבט אין דער אַטמאָספער פון נ.ק.נ. („נאַטשעלני קאָמיטעט נאַראָדאָווי״ — קאָאַליציע פון פּאַרטייען, וואָס זענען געשטאַנען אויפן באָדן פון אַ פוילישער אומאָפּהענגיקייט, אויסגעבילדעט בעת דער וועלט־מלחמה). אויף אַ קעגנזעצלעכן שטאַנדפּונקט איז געשטאַנען די קאָמ־פּאַרטיי. זי האָט די אַרבעטער־ראַטן געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ ווערקצייג צום קאַמף פאַר פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, קעגן דער זעלבער בירגערלעכער דעמאָ־קראַטיע, וועלכע איז פון דער פּ.פּ.ס. פאַרהערלעכט געוואָרן, און אויך קעגן פּ.פּ.ס. גופא. די אַרבעטער־ראַטן זענען אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרענע פון פאַרביסענעם קאַמף קודם כל צווישן די דאָזיקע צוויי פוילישע אַרבעטער־גרופּירונגען.

פּאָליטיש האָט דאָן אונדזער פּאַרטיי פאַרנומען אַ שטעלונג, וואָס פלעג צו יענער צייט באַצייכנט ווערן אַלס אינטערנאַציאָנאַליסטישע. מיר זענען טאַ־

קע געשטאַנען אויפן באַדן פון אַרבעטער־מאַכט, גלייכצייטיק אָבער געווען פאַר אויסנוצן די בירגערלעכע דעמאָקראַטישע אַנשטאַלטן. דערפאַר האָבן מיר אָנ־טייל גענומען אין די וואַלן צום סיים און צום וואַרשעווער שטאָט־ראַט אין אָנהייב 1919, ווען די קאָמפּאַרטיי האָט די דאָזיקע וואַלן באָיקאָטירט און אויך אין „בונד" האָט די דאַן לינק־געשטימטע וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע רעוואָל־טירט קעגן צ. ק. און די סיים־וואַלן באָיקאָטירט. מיר האָבן דאַן אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון אַ רעגירונג פון אַלע סאָציאַליסטישע ראַדיקאַלע פּויערישע פּאַרטייען, בעת די קאָמפּאַרטיי האָט פאַרטראַטן דעם שטאַנדפּונקט, אַז זי איז דער איינציקער פאָרשטייער פון אַרבעטער־קלאַס און אַז זי דאַרף שטרעבן איבערצונעמען די מאַכט. מיט אונדזער שטעלונג האָבן מיר זיך, אַזוי אַרום, אונטערשיידט סיי פון דער קאָמפּאַרטיי, סיי, נאָך אַנטשידענער, פון דער פּ.פּ.ס.

אין דעם גייסט זענען געווען אונדזערע אַרויסטרעטונגען אויף די זיצונ־גען פונעם אַרבעטער־ראַט. אין קאָנקרעטע פּאָליטישע פראַגן איז אונדז אויס־געקומען זייער אָפט צו גיין צוזאַמען מיטן לינקן פּוילישן פליגל אינעם אַרבע־טער־ראַט.

זייער פיל אָרט האָט פאַרנומען אין אונדזערע אַרויסטרעטונגען די לאַגע פון די יידישע מאַסן. די געשעענישן אין קעלץ און אין אַנדערע ערטער, די בלוטיקע טראַגעדיע אין פּינסק, ווי בכלל די פּאָליטיק לגבי די יידישע מאַסן זענען דורך אונדז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויף די פּלענומס פון אַרבעטער־ראַט. פּ.פּ.ס. פלעגט זיך געוויינלעך קעגנשטעלן, אַז די דאָזיקע פראַגן זאָלן געפינען אָן אָפּשפּיגלונג אין רעזאָלוציעס; אויך די קאָמוניסטן פלעגן זייער נישט גערן איינגיין דערויף. אָבער די צייט איז דאַן געווען אַן אַנדערע, ווי היינט, מ'האָט זיך נאָך גערעכנט מיט דער עפנטלעכער מיינונג און מיט די שטימונגען פון די אַרבעטער־מאַסן. אַזוי איז אונדז געלונגען דורכצופירן אַ רעזאָלוציע קעגן מעשה פּינסק.

פון אונדזער פראַקציע פלעגן געוויינלעך אַרויסטרעטן אויף די פּלענומס די ח"ח שורעק און לעוו. אינעם אויספיר־קאָמיטעט האָבן מיר געהאַט צוויי פאָרשטייער — איינער פון דער פראַקציע, דער צווייטער פון דער פּאַרטיי (איינער פון זיי מיט באַראַטונגס־רעכט). אונדזערע פאַרטרעטער זענען געווען די ח"ח ניר און לעוו.

* *
*

דער וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט האָט עקזיסטירט נישט קיין גאַנץ האַלב יאָר. ער איז געבוירן געוואָרן דאַן ווען די כוואַליעס פון דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג האָבן נאָך הויך געשלאָגן, ווען אין דייטשלאַנד איז נאָך אָנגעגאַנגען אַ ביטערער געראַנגל פונעם לינקן פליגל פון אַרבעטער־קלאַס

קעגן דער בירגערלעך־רעפאָרמיסטישער קאָנצענטראַציע; ווען אויך אין פּוילן זענען נאָך נישט געווען פאַרפעסטיקט די בירגערלעכע יסודות פון דער אויפ־געוואַכטער מלוכה. די ערשטע זיצונג פון אַרבעטער־ראַט איז צושטאַנד געקו־מען באַלד נאָך דעם אומגעלונגענעם פּרווו פון רעאַקציאָנער־בורזשואַזע עלעמענטן דורכצופירן אַ מלוכה־איבערקערעניש. מעגלעך, אַז ווען נישט דער דאָזיקער פּרווו, אין וועלכן די פּ.פּ.ס. האָט דערזען דאָס גֿעשפּענסט פון אַ רע־אַקציאָנערער קאָנטר־רעוואָלוציע, וואָס איז געווענדט אויך קעגן איר, וואָלט זיך בכלל דער אַרבעטער־ראַט נישט צונויפגעקומען. איז ער זיך אָבער צוזאַמענ־געקומען, איז ער שוין געוואָרן אַ פאַקט, מיט וועלכן מ׳האָט זיך געמוזט רעכענען.

אָבער וואָס שטאַרקער ס׳האָט זיך פאַרפעסטיקט דער נייער רעזשים אין לאַנד, ווען ס׳זענען דורכגעגאַנגען די וואַלן צום סיים און ווען אויך דער סיים איז זיך צונויפגעקומען, ווען דער מלוכה־אַפּאַראַט איז אָרגאַניזירט און קאָנצענ־טרירט געוואָרן אין די הענט פון דער נייער מאַכט; ווען גלייכצייטיק דערמיט איז אויך געלונגען די בירגערלעכע און רעכט־סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין דייטשלאַנד דורכצופירן זייער „באַרויקונג״־אַקציע קעגן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, — זענען די אַרבעטער־ראַטן אַלץ מערער געוואָרן אַ לאַסט פאַר דער פּ.פּ.ס. זיי זענען איר מער נישט נייטיק געווען, נאָכמער — זייער עקזיס־טענץ איז איר געווען ווי אַ דאָרן אין אויג, ווייל פּ.פּ.ס. האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז בלויז די עקזיסטענץ פון די אַרבעטער־ראַטן קען ביי אַ באַשטימ־טער קאָנסטעלאַציע ווערן אַ סכנה פאַרן איינגעשטעלטן פּאָליטישן סדר.

פּ.פּ.ס. פּרוּווט נאָך אויסצונוצן דעם אַרבעטער־ראַט אַלס פּאָליטישן כלי־זיין, ווען אויפן אָרט פון מאָראַטשעווסקיס ראַדיקאַלער רעגירונג קומט אַ רע־אַקציאָנערע רעגירונג מיט פּאַדערעווסקין אין דער שפּיץ. אָנהייב פעברואַר פּראָקלאַמירט דער אַרבעטער־ראַט איינשטימיק אַן איינטאָגיקן פּראָטעסט־שטרייק קעגן דער פּאַדערעווסקי־רעגירונג. נאָכדעם, אָבער, הייבט זיך אָן די סיסטעמאַטישע אונטערגראָבונגס־אַקציע פון דער פּ.פּ.ס. קעגן די אַרבעטער־ראַטן.

סוף פעברואַר קומט פאָר אין וואַרשע אַ באַראַטונג פון די אַרבעטער־ראַטן פון די גרעסערע שטעט. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער־ראַטן אין גאַנץ פּוילן. גלייכצייטיק איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו פּראָקלאַמירן אַ פּראָטעסט־שטרייק קעגן דער רעאַקציאָנערער און אַרבעטער־פיינטלעכער פּאָליטיק פון דער פּאַדערעווסקי־רעגירונג. אָבער דער צוזאַמענפאָר איז קיינמאָל נישט צושטאַנדגעקומען צוליבן סאַבאָטאַזש פון דער פּ.פּ.ס., און ערב דעם שטרייק האָט פּ.פּ.ס. געמאָלדן, אַז זי שטייט צו אים נישט צו. דער שטרייק איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, איז אָבער דורכגעפאַלן

צוליב דער שולד פון דער פּ.פּ.ס. דער פּרעסטיזש פון די אַרבעטער־ראַטן איז אונטערגעגראָבן געוואָרן.

דעם 1־טן מאַי 1919 איז פאָרגעקומען אַ פּרעכטיקע געמיינזאַמע מאַני־פעסטאַציע, אָרגאַניזירט פון וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט. צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן זיך געשטעלט אונטער די רויטע פּראָלעטאַרישע פענער. ס'האָבן דעמאָנסטרירט צוזאַמען פּוילישע און יידישע אַרבעטער, פּ.פּ.ס. קאָמוניסטן, „בונד" און פּועלי־ציון. אין פּרעכטיקן זאַל פון גרויסן טעאַטער טרעטן אַרויס פאָרשטייער פון אַלע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען מיט דעקלאַראַציעס, אין וועלכע מען שווערט טרייהייט דער אידעע פון סאָציאַליזם, פון אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט. אָבער דאָס איז געווען די לעצטע עפנטלעכע געמיינזאַמע פּראָלעטאַרישע אַרויסטרעטונג, אָרגאַניזירט פון אַרבעטער־ראַט.

אין חודש יוני קומט ווידער פאָר אַ באַראַטונג פון די אַרבעטער־ראַטן אין די גרעסערע שטעט. אויך דאַסמאָל מכוח דעם צוזאַמענפּאָר פון די אַרבעטער־ראַטן. אָבער אומגעריכט טרעט אַרויס פּ.פּ.ס. מיט אַ פאָרשלאָג: די געמיינזאַמע אַרבעטער־ראַטן זאָלן זיך אויפלעזן. אָנשטאָט דעם זאָלן געשאַפן ווערן באַזונ־דערע פּאַרטייאישע אַרבעטער־ראַטן, וואָס זאָלן זיין פעדערירט צווישן זיך. פּ.פּ.ס. מאָטיווירט עס דערמיט, וואָס די קאָמוניסטן זענען קעגן פּוילישער אומאָפּהענגיקייט. ס'איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז דערמיט רייסט פּ.פּ.ס. אויף די אַרבעטער־ראַטן. אַלע אַנדערע טרעטן אַרויס שאַרף קעגן פּ.פּ.ס., אָבער אירע פאַרטרעטער רעכענען זיך ווייניק דערמיט און פאַרלאָזן די באַראַטונג.

די איבעריקע פּאַרטייען באַשליסן ווייטער אָנצוהאַלטן די אַרבעט פון די אַרבעטער־ראַטן. דעם 26 יוני קומט פאָר אַ פּלענאַר־זיצונג פון אַרבעטער־ראַט. די פּ.פּ.ס.ישע דעלעגאַטן קומען נישט. דאָס איז גלייכצייטיק געווען די לעצטע זיצונג פון וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט און דערמיט אויך דער סוף פון די אַרבעטער־ראַטן אין פּוילן.

אַזוי איז געוואָרן אָפּגעשלאָסן דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער פּעריאָד אין באַנייטן פּוילן.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 7, 3 מערץ 1939.

א לעבנס-וועג פון אפטימיזם און פעסטקייט

(שכנא זאַגאַן)

אייגנטלעך האָט דער מוח — אָט דער קאַלטער גזלן און ניכטערער אכזר — שוין לאַנג אָפּגעזאָגט דאָס לעבן אָט די אַלע אונדזערע נאָענטע און

אייגענע, וואָס זענען פאַרבליבן אונטער דער נאַצישער הערשאַפט, אָבער דאָס האַרץ — דער אומפאַרבעסערלעכער אָפּטימיסט און שטענדיק לייכטגלויביקער — האָט קיינמאָל נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן אומברחמנותדיקן געדאַנק.

טויזנט מאָל שווערער לאָזט זיך גלייבן די ידיעה וועגן שכנאס אומקום. פאַראַן מענטשן, ביי וועלכע דער טויט איז די נאַטירלעכע פאַרענדיקונג פון זייער לעבן. שווער, אָנגעכמאַרעט מיט אַ שטענדיקן פינצטערן פנים — איז זייער לעבן, אַ מין הקדמה צו דער לעצטער סטאַציע — צום טויט. אָבער שכנא — דער שטענדיק פריילעכער און שמייכלדיקער, דער אייביק געזונ־טער און בליענדיקער, וואָס די זון איז שטענדיק געלעגן אויסגעגאָסן אויף זיין פנים — ווי פּאַרט זיך עס מיטן טויט?

*   *
*

איך געדענק שכנאן זינט דעם יאָר 1913, ווען איך בין געווען אין קראָקע צו דער 4־טער וועלט־קאָנפערענץ, אַלס דעלעגאַט פון אונדזער רוסלענדישער פּאַרטיי. פאַר אונדז, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אונטער דער רוסישער הערשאַפט, איז קראָקע דאַן געווען אויסלאַנד. צוזאַמען מיט משהל מענאַכאָוו־סקי (היינט אין קאַנאַדע) האָבן מיר דאַן געשוואַרצט די גרענעץ. נאָך אַ ריי צווישנפאַלן זענען מיר אָנגעקומען בשלום קיין קראָקע אָן אַן אַדרעס. מיר האָבן זיך דערפרעגט צום פּועלי־ציון־קלוב. ווען מיר זענען אַהינגעקומען, האָבן מיר געטראָפן אַ פאַרזאַמלונג און אויף דער טריבונע — אַ הויכן, העלן יונגנמאַן מיט אַ שמייכלדיק פנים און זוניקע אויגן. דאָס איז געווען שכנא. ער האָט גראָד געגעבן אינסטרוקציעס די פאַרזאַמלטע חברים אין שייכות מיט דער אָרגאַניזירונג פון דער וועלט־קאָנפערענץ. אָבער אויך די זאַכלעכע אינסטרוק־ציעס זענען געווען געווירצט מיט לייכטן און זאַפטיקן, גוטמוטיקן הומאָר.

זינט יענער צייט איז מיר אויסגעקומען אין משך פון לאַנגע יאָרן אינ־טים מיטצואַרבעטן מיט שכנאן אויף פאַרשידענע געביטן. איך האָב אים געזען ביי פאַרשידענע אומשטענדן. מיר האָבן לאַנגע יאָרן געקעמפט אַקסל ביי אַקסל, און געווען אויך אַ קורצע צייט ווען מיר האָבן געקרייצט די שווערדן איינער קעגן דעם אַנדערן. אָבער שטענדיק, אין די שווערסטע פאַרהעלטענישן, אין סאַמע ערנסטע סיטואַציעס, האָט אים נישט אָפּגעלאָזט דער אָפּטימיזם. ער האָט שטענדיק געשפּרודלט מיט שמייכל און הומאָר.

אַ געשטאַלט האָט ער געהאַט אַ הויכע און אַ ברייטע, אַ פעסטע ווי אַ דעמב. ער האָט מיט זיך פערזאָניפיצירט די געזונטקייט אַליין, ווען ער האָט

די לעצטע יאָרן פאַרן מלחמה־אויסברוך אָנגעהויבן אונטערקרענקען, האָט עס ביי אונדז אויסגעזען עפּעס מאָדנע און אומגלייבלעך. מיר פּלעגן צוביסלעך חוזק מאַכן פון זיינע מיחושן און ער — גוטמוטיק — צוזאַמען מיט אונדז. אָבער פּאָרט איז ער געבליבן ביי אונדז די פּערזאָניפיקאַציע פון געזונטקייט און פעסטקייט, אַ פאַרקערפּערונג פון פריילעכקייט און אָפּטימיזם.

און אַזוי איז ער געווען אויך אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. פעסט ווי אַ דעמב, האָט ער נישט געוווסט פון מידקייט; געלאָסן, נישט געאיילט, מיט לאַנגזאַמע שריט, אָבער שטענדיק אין באַוועגונג. שטענדיק אין גוטער שטימונג, מיטן גוטמוטיקן שמייכל אויף די ליפּן, האָט אים דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געמאַטערט דער וואָרעם פון צווייפל אין זיין פּאַרטייאיש־געזעלשאַפטלע־כער אַרבעט. און מען דאַרף נישט מיינען, אַז שכנא האָט געהערט צו די פרום־גלויביקע, צו די חסידים שוטים, צו די אומקריטישע קעפּ. ניין, ער האָט פאַר־מאָגט אַ פיינעם אַנאַליטישן מוח און גראָד קריטיש זיך באַצויגן צו אָנגענומענע דאָגמעס, אפילו קאַנאָניזירטע. נאָר ער איז לויטן כאַראַקטער נישט געווען שאַרף און קאַנטיק; פונקט ווי אין טאָגטעגלעכן לעבן, אַזוי אויך אין פּאַרטיי־איש־געזעלשאַפטלעכן — האָט ער שטענדיק געזוכט אויסצוגעפינען און בולט מאַכן דאָס פּאָזיטיווע. דער אָפּטימיסט אין אים האָט דאָמינירט איבערן צווייפלער. און אַזוי זענען אָפּטימיזם און פעסטקייט געוואָרן די צוויי ליניעס, וואָס האָבן באַצייכנט זיין געזעלשאַפטלעכן לעבנס־וועג.

שכנא איז נישט געווען קיין טוער מיט אויסערלעכן גלאַנץ. דערפאַר אָבער איז ער געווען אַ סאָלידער, ערנסטער, אומדערמידלעכער און אחריותדי־קער אַרבעטער. נישט אַ מעטעאָר, וואָס גלאַנצט אויף מיט בלענדיק ליכט און פאַרשווינדט באַלד. אויף אים האָט מען זיך דערקענט ערשט אין לויף פון דער אַרבעט, און דאַן האָט מען פאַר אים געמוזט קריגן דרך־ארץ; וואָס עס איז אָבער זעלטן ביי פּאָליטישע טוער, מען האָט אים אויך געמוזט ליב האָבן.

דערפאַר, ווען שכנא איז צו אונדז געקומען פון קראָקע קיין וואַרשע (אין יאָר 1922), האָבן מיר, פּוילישע, זיך אויף אים לכתחילה נישט דערקענט. ער האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אויף די פּעריפעריעס פון פּאַרטייאישער אַרבעט. ער איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פונעם גרויסן פאַריין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע. קורץ נאָך דעם איז ער צוזאַמען מיט אַ בונדיסט געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דער אָרטיקער (וואַרשעווער) אָפּטיילונג פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע. דאָס זענען, אמת, געווען אויסערסט וויכטיקע פּאָזיציעס; דער פאַריין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע האָט געציילט קרוב צו דריי טויזנט מיטגלידער, די אָרטיקע אָפּטיילונג פון דער שול־אָרגאַניזאַציע האָט קאָנצענטרירט אַרום 15 שול־אַנשטאַלטן מיט טויזנטער קינדער און האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איינע פון די אַמיינסטן אַרויסגערוקטע פּאָזיציעס אין קאַמף

פאַר דער מאָדערנער יידישער קולטור. אָבער דאָס זענען פּאָרט נישט קיין צענטראַלע פּאַרטייאישע פּאָזיציעס. זייער שנעל איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז הינטער דער איינגעהאַלטענער אויסערלעכקייט באַהאַלט זיך אַן ערשטקלאַסי־קע געזעלשאַפטלעכע קראַפט, און שכנא ווערט באַלד איינע פון די צענטראַלסטע פיגורן אין דער פועלי־ציוניסטישער מאַסן־באַוועגונג אין פּוילן.

פון יענער צייט אָן איז כמעט נישט דאָ קיין געביט פון פּאַרטיי־טעטי־קייט, ווו שכנא זאָל נישט פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט אָדער איינס פון די ערשטע ערטער. אין דער פאַרצווייגטער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, אין דער פאַנאַנדערגעוואַקסענער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט, אין די פּאָליטישע אַקציעס פון דער פּאַרטיי, אויפן קולטור־פראָנט, אין דער פּאַרטיי־פּרעסע — אומעטום געפינט מען שכנאן אין די פּאָדערשטע רייען. ער ווערט געוויינלעך קאָמאַנדירט אויף אַממיינסטן באַדראָטע און פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציעס. מען ווייס, אַז אויף שכנאן קען מען זיך פאַרלאָזן. און שכנא איז נישט פון די וועלכע זאָגן זיך אָפּ אָדער דרייען זיך אַרויס פון וועלכער נישט איז אַרבעט; ער פירט אויס יעדע אַרבעט רויק און באַשיידן, אומדערמידלעך און מיט התמדה, אָבער אויך מיט טאַלענט און אינטעליגענץ. ער איז ממש אַ מזל־ברכה פאַר דער פּאַרטיי.

אונדזער פּוילישע פּאַרטיי איז געווען אַ לעבעדיקע פּאַרטיי. זי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַווירקלעכע אָפּשפּיגלונג פונעם יידישן מאַסן־לעבן אין פּוילן, פון די שטימונגען פון די יידישע מאַסן. זי האָט אַרומגענומען פאַרשידנ־אַרטיקע עלעמענטן פונעם יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק. איר טעטיקייט האָט זי אויסגעשפּרייט אויף די פאַרשידנסטע שטחים פון סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן. הגם די פּאַרטיי איז געוואָרן קריסטאַליזירט און געשטאַלט אין די אומאויפהער־לעכע פּאָליטיש־אידעאישע קאַמפן, מיט וועלכע ס'האָט געפיבערט די אינטער־נאַציאָנאַלע און יידישע אַרבעטער־באַוועגונג בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און בפרט אין די ערשטע יאָרן נאָך איר, האָט דער פאַקט פון דער נאָענטער אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט די יידישע מאַסן און דאָס באַאיינפלוסט ווערן פון זייערע שטימונגען, זיך געפילט אויך אין אינערלעכן לעבן פון דער פּאַרטיי. דער אָפּפאַל פון דער נאָך־מלחמהדיקער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, די פּראָ־צעסן־ענדערונגען אינעם יידישן לעבן אין פּוילן גופא און אין יידישן ישוב אין ארץ־ישראל — האָבן געמוזט געפינען זייער אויסדרוק אין דער פּאַרטיי דורך אינערלעכער יוירונג און צוזאַמענשטויסן פון מיינונגען און שטימונגען.

אַזעלכע פּראָצעסן זענען אומפאַרמיידלעך אין יעדער לעבעדיקער און דעמאָקראַטיש געשטאַלטיקטער באַוועגונג. זיי עפענען אויף די טירן פאַר נייע, פרישע ווינטן און העלפן־מיט אויסצורוימען דעם שימל פון שאַבלאָן און גע־וויינהייט, זיי קאָנען אָבער אויך אָננעמען אומגעזונטע פאָרמען, וואָס ברענגען

שאַדן. איז דער היץ פון געפעכט האָבן אפילו אַנפירנדיקע, אויסגעפרוווטע חברים אַמאָל פאַרגעסן צו צוימען זייער טעמפעראַמענט און האַמעווען זייערע שטימונגען. שכנא איז אין דער אַנפירונג געווען פון די ווייניקע, געציילטע, וואָס האָבן אין די מינוטן פון פאַרביסנסטן, אָפטמאָל אומגעצוימטן קאַמף, נישט פאַרלוירן דעם קאָפּ און זיך נישט געלאָזט מיטרייסן. און אויב די פּוילישע פּאַרטיי איז, נאָך אַ גאַר קורצער הפסקה, פּאַרט געבליבן גאַנץ און געאייניקט, אויב זי האָט באַוויזן צו ברעכן אין זיך דעם יצר־הרע פון פאַרביטערונג און שפּאַלטונג, האָט מען עס געהאַט אין אַ גאַר גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דעם אחריות־געפיל און, כ׳וואָלט געזאָגט, דעם פּאַרטיי־פּאַציפיזם פון שכנאן, וואָס האָט געוווּסט צו דערהאַלטן אַ חברישע אַטמאָספער אין שווערסטע מינוטן פון קעגנזייטיקן ברודער־קאַמף. אָט־אָ די אייגנשאַפטן שכנאס, די פעיקייט צו באַרויקן, אָפּהיטנדיק דערביי זיינע אייגענע פּאָליטישע מיינונגען, האָט אויך געווירקט, אַז די ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער פּאַרטיי־פּאָליטיק, וואָס עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דער ווידעראַריינטריט אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, איז אין דער פּוילישער פּאַרטיי אַדורך אָן אויפטרייסלונגען.

די לעצטע זיצונג פונעם צ.ק. פון דער פּוילישער פּאַרטיי אין וואַרשע איז פאַרגעקומען דעם 6־טן סעפּטעמבער 1939. מיר האָבן שוין געוווּסט וועגן דער מיליטערישער קאַטאַסטראָפע פון פּוילן און אַז מיר דאַרפן זיך גרייטן צו דער היטלער־אָקופּאַציע. מיר האָבן באַשלאָסן צו לאָזן 3 חברים פון צ. ק. אין וואַרשע, זיי האָבן אָבער געזאָלט זיין פון די אַמווייניקסטן באַקאַנטע. שכנא, אַלס אַן עקספּאָנירטער, האָט צווישן זיי נישט געזאָלט זיין. ער אָבער האָט זיך פאַרעקשנט צו בלייבן, און איז געבליבן, כדי צו ליידן צוזאַמען מיט ד׳ער געפּלאָגטער יידישער מאַסע און צו שטאַרבן פאַר איר.

ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן שכנאן אַ טויטן, אַ פאַרגליווערטן. זיכער איז אָבער, אַז אפילו דער טויט האָט נישט געקאָנט אָפּווישן דעם אייביקן אייגנאַרטיקן גוטמוטיקן שמייכל פון זיינע ליפּן.

זיין גאַנץ באַוווסטזיניק לעבן האָט ער געהערט דער יידישער מאַסע, און זי וועט קיינמאָל זיין אָנדענק נישט פאַרגעסן.

„נייוועלט" נומ׳ 22, 28 מאַי 1943.

לאזער סטאַליער

שטריכן צו זיין געשטאַלט

אַלעמאָל, ווען כ׳האָב געטראַכט וועגן די חברים, וואָס פייניקן זיך און קעמפן אונטער דער הערשאַפט פון די היטלער־בעסטיעס, פלעג פאַר מיינע אויגן אויפשווימען אַלס ערשטע די געשטאַלט פון לאָזער סטאָליער. צי ווייל מיר זענען געווען אַזוי האַרציק פאַרבונדן אין משך פון 30 יאָר קאַמף און אַרבעט? ניין, נישט נאָר דערפאַר — געווען חברים, מיט וועלכע מיין פאַרבינדונג איז נישט שוואַכער געווען און נישט ווייניקער אינטים. מסתמא דערפאַר, ווייל אין מיין פאָרשטעלונג איז לאָזער פאַרבליבן די פאַרקערפערונג פון פעסטקייט און זיכערקייט, פון אומדערשראָקנקייט און אַקטיוזקייט, וואָס בלייבט נישט־דערשיטערט אין די שווערסטע מאָמענטן און פינצטערסטע צייטן.

לאָזער איז געווען באַשאַפן פון דעם האַרטסטן און גלייכצייטיק פון דעם איידלסטן מאַטעריאַל. די עלעמענטן פון זיין נשמה וואָלט איך אין זייער אייגנשאַפט פאַרגליכן צו אַ דימענט: אַזוי שטאַרק, אַז ער שניידט האַרטן שטיין און צוגלייך אַזוי איידל, אַז מען שלייפט פון אים בריליאַנטן. לאָזער אַאיז אויסערלעך געווען אַזוי נישט געשליפן, ווי ס׳איז דער בריליאַנט איידער ער גייט דורך דעם פראָצעס פון שלייפן; דערפאַר האָט ער אָבער אינערלעך געגלאַנצט און שימערירט מיט די שטראַלן פון דעם שענסטן איידלשטיין, ריין און לויטער, ווי דער פיינסטער קרישטאָל. נישט נאָר ערלעך ביז גאָר, נאָר אויך גראָדליניק ביז משוגעת. און אין דער זעלבער צייט פראַקטיש, דורכגעזאַפט מיט לעבנס־דערפאַרונג און מיט ביידע פיס אויפן באָדן פון דערווירקלעכקייט.

ער האָט נישט באַזוכט קיין שום שול — נישט נאָר נישט אַ הויך־אָדער מיטל־שול, נאָר אפילו קיין פאָלקס־שול נישט. אָבער ער האָט גלענצנד דורכגעמאַכט די ווערטפולסטע און לעררייכסטע שול: דאָס האַרטע, ביטערע אומברחמנותדיקע לעבן איז געווען זיין שול. פון דאָרט האָט ער אַרויסגעטראָגן זיין בילדונג, זיין לעבנס־דערפאַרונג, פון די קינדער־יאָרן אָן אין שווערן אומברחמנותדיקן קאַמף פאַרן קיום. פון די יונגסטע יאָרן — ביי דער אַרבעט, דערצויגן אין וואַרשע אין סטאַווקי־געסל — אין סאַמע געדיכטעניש פון דער גרעסטער יידישער אָרעמקייט. 1926 איז מיר אויסגעקומען דורכצופירן אין דעם ראַיאָן אַן אויספאָרשונג וועגן די וווינונגס־פאַרהעלטענישן דאָרט. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט בלויז אַ היפשער טייל אויף סטאַווקי האָט געוווינט אין די פינצטערע, נאַסע ליכטלאָזע קעלערס, נאָר משפחות האָבן זיך געוואַלגערט אויך אין גריבער, אויסגעגראָבענע הינטער די קעלערס. אין אַזאַ

אַטמאָספער איז געוואקסן לאָזער און איינגעזאַפּט בענקשאַפט נאָך ליכט און פרייהייט און שנאה צו די פארהעלטעמישן וואָס שאַפן אַזאַ פינצטערע וועלט. דערפאַר האָט אים פון די יונגסטע יאָרן געצויגן צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און עטלעכע יאָר פאַרן אַנטשטיין פון פועלי־ציון איז ער שוין געווען פאַרבונדן מיטן „בונד".

ער האָט פאַרמאָגט אַ הויך אַנטוויקלטע אינטואיציע און אויסערגעוויינ־לעך קלאָרן שכל, וואָס האָט אים געמאַכט פעיק אויפצונעמען די פאַרוויקלט־סטע גײַזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין זעלבשטענ־דיקן טראַכטן איז דער אופן ווי ער איז דערגאַנגען צו פועלי־ציון: אויף אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג האָט אַ בונדישער רעדנער גערעדט וועגן די קעגנער פון „בונד", צווישן זיי אויך די פּראָלעטאַרישע ציוניסטן. דערביי האָט ער אַרויסגערוקט דעם גאַנצן אַרסענאַל בונדישע אַרגומענטן קעגן פועלי־ציון. אָבער לאָזער האָט דערפון געצויגן גאָר פאַרקערטע מסקנות — דער בונדיסט האָט אים געמאַכט פאַר אַ פועלי־ציוניסט. פון דאַן אָן האָט ער געזוכט דעם וועג צו פועלי־ציון און געוואָרן איינער פון די דערפאָלגרייכסטע פיאָנערן פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק ביי די יידישע אַרבעטער אין פוילן.

פועלי־ציון איז צו יענער צייט נאָך ווייניק פאַראַנקערט געווען אין דער יידישער אַרבעטער־מאַסע. דער אידעאישער קריסטאַליזירונגס־פּראָצעס איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט. אינעווייניק איז די אויפמערקזאַמקייט געווען קאָנצענטרירט אויפן געדאַנק וועגן דער אויפפאַסונג פון פועלי־ציוניזם — וועגן פּרינציפּיעלן, פּראַקטישן און פּראָגראַמאַטישן פּאַלעסטיניזם, וועלכער איז דאַן אַנטוויקלט געוואָרן דורך ב. בּאָראָכאָוו. קאָנקרעטע טאָגטעגלעכע פּראָלעטאַרי־שע טעטיקייט איז געווען אויפן צווייטן פּלאַן. לאָזער איז באַלד צוגעשטאַנען צו דער אַרבעטער־אָפּאָזיציע, וואָס האָט געפאָדערט איבערצוּוועקסלען די רעלסן צו טאָגטעגלעכער אַרבעט, זיך אָפּגעבן דער פּראָפ.־באַוועגונג, און גלייכצייטיק האָט ער פאַרלאַנגט צו דעמאָקראַטיזירן די אָנפירונג. עס איז אים אָבער נישט לאַנג אויסגעקומען צו ווירקן אין דער אָרגאַניזאַציע — ער איז באַלד אַוועק דינען אויף 4 יאָר אין צאַרישן מיליטער.

ווען איך בין אַריין אין דער אָרגאַניזאַציע — אין יאָר 1911 — האָב איך געטראָפן לאָזערן אין די פאָדערשטע רייען פון דער אַרבעט. ער האָט פאַר־מאָגט די מעלה, וואָס ער האָט אינגאַנצן, ביז איבערן קאָפּ, געשטעקט אין דער מאַסע, געלעבט מיט איר צוזאַמען, געקענט און געפילט זי ווי קיינער נישט. ער איז געווען דער גלענצנדסטער און דערפאָלגרייכסטער אָרגאַניזאַטאָר, וואָס איך האָב ווען עס איז געקענט. מיר שיינט, אַז ער האָט דערוואָרבן מער אַרבעט־טער פאַרן פּראָלעטאַרישן ציוניזם, ווי דער שענסטער רעדנער אָדער גוטער טעאָרעטיקער. ער האָט פאַרמאָגט די פעיקייט אַרויסצוברענגען דעם תמצית

פון אַ פאַרוויקלט פּראָבלעם און פאַרשטעלן עס אויף אַ ביז גאָר פאַרשטענדלעכן אופן, אויף אַ פשוטער שפּראַך. פּרימיטיוו אין דער פאָרם, אָבער פיין אין דער אויספאַסונג און לאָגיש ביז גאָר אין מסביר זיין. ווען איך בין אַריין אין דער פאַרטיי, איז אַ העלפט חברים פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע געווען ביאַלער. פאַרוואָס? ווייל לאָזער איז געווען אַ ביאַלער און דאָרט געהאַט פיל באַקאַנטע. איך האָב זעלטן געטראָפן אַזאַ איינעם, וואָס זאָל וויסן אַזוי קלאָר ווי לאָזער — וואָס ער וויל און צו וואָס ער שטרעבט. זיצנדיק אין טורמע, האָט ער געפירט דיסקוסיעס מיט מעדעמען און אַלטערן — די בונדישע פירער. ביידע האָבן שפּעטער דערמאָנט מיט דרך־ארץ אָט דעם פּשוטן, אומגעבילדעטן אַרבעטער לאָזער סטאָליער.

די לעצטע יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן מיר אין וואַרשע קאָנצענטרירט אונדזערע עיקר־אָנשטרענגונגען אויפן פּראָפ.־געביט אויף צוויי פראָנטן — אויפן קאַמף אינעם קאָמי־פּאַריין און דעראָבערונג פון די סטאָליערס. דער קאָמי־פּאַריין איז צו יענער צייט געווען די איינציקע לעגאַלע מאַסן־טריבונע, ווו עס האָבן געקרייצט זייערע שווערדן די בעסטע קעפּ און רעדנער פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען, וועלכע האָבן געווירקט צווישן די אָנגעשטעלטע. פאַקטיש זענען עס געווען אַלע — נישט בלויז יידישע סאָציאָליסטן, נאָר אויך אַסימילאַטאָרן און אפילו בירגער. די דיסקוסיעס זענען געשטאַנען אויף אַ באַדייטנדיקער הייך און די יידישע פּרעסע האָט דעם גראַנגל אָפּגעגעבן פיל אויפמערקזאַמקייט. אין תוך אָבער איז דער קאַמף פאַר דעראָבערן די סטאָליערס געווען אי שווערער, אי וויכטיקער — עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן געווינען פאַרן פּראָלעטאַרישן ציוניזם איינעם פון די וויכטיקסטע פאַכן אין וואַרשע, וואָס איז יאָרנלאַנג געווען באַהערשט דורכן „בונד". אין דעם דאָזיקן קאַמף האָט דער יונגער לאָזער סטאָליער אַרויסגעוויזן זיינע לייבן־נעגל אַנטקעגן די אַלטע, אויסגעפּרוּווטע טוער פון „בונד". ס'האָבן זיך אַנטפּלעקט אַלע זיינע גלענצנדיקע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן אים שפּעטער אַזוי פּאָפּולער געמאַכט.

יאָרנלאַנג איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף פאַר השפּעה אין דעם דאָזיקן צווייג — פריער בלויז מיטן „בונד" שפּעטער מיטן „בונד" און מיט דער יעווסעקציע, וועלכע האָט דאָ געירשנט די בונדישע השפּעה. לאָזערס פּערזענלעכע ווירקונג האָט דאָ געשפּילט אַ באַדייטנדיקע, טיילמאָל דעצידירנדיקע ראָל. ווען לאָזער איז אין אַפּריל 1914 אַרעסטירט געוואָרן און אַרויסגעפירט אין דער אַריאָלער קאַטאָרזשנער טורמע, פון וואַנען עס האָט אים באַפרייט די רוסישע רעוואָלוציע, האָט עס זיך באַלד אָפּגערופן אויף אונדזער פּאָזיציע אינעם האָלץ־פאַריין. ווען לאָזער איז אין יאָר 1919 צוריקגעקומען, איז אונדזער השפּעה תיכף אויסגעוואַקסן. ווען לאָזער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל, האָבן

ווידער די קעגנער געהויבן די קעפּ, ביז די פּאַרטיי איז געווען געצוווּנגען צו פֿאַרלאַנגען פֿון לאַזערן ער זאָל צוריקקומען קיין פּוילן. פֿון יענער צייט אָן האָט לאַזער אויפֿגעשטעלט אַ דור תּלמידים, וואָס זענען געוואָרן די פֿירער פֿונעם פֿאַריין, אָבער אין קיין שום וויכטיקער פֿראַגע האָט מען אָן לאַזערן פֿאַרט נישט דעצידירט.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז לאַזערס טעטיקייט איז געווען פֿאַרבונדן נאָר מיטן האַלץ־פֿאַריין. ער האָט געהאַט אַן אויג אויף אַלע ווינקע־לעך אינעם פֿאַרצווייגטן וואַרשעווער יידישן אַרבעטער־לעבן און אומעטום געהאַט זיינע באַקאַנטשאַפֿטן. נישט געווען קיין שום פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַריין אונדזערער, ווו לאַזער זאָל נישט האָבן צוגעטאָן אַ האַנט. טאָמער איז מען נישט געווען צופֿרידן מיט אַ האַנדלונג פֿונעם סעקרעטאַר, פֿלעג מען גיין צו לאַזערן, זיך פֿאַרקלאָגן; דאָס זעלבע פֿלעגט פּאַסירן מיט בונדישע און רויטע אַרבע־טער. ער איז געווען דאָס געוויסן פֿון יידישן אַרבעטער־וואַרשע. אַרבעטער האָבן אים געקענט, ליב געהאַט און הויך געשעצט. זיין אמתער נאָמען איז געווען לייזער הערש ריכטער, אָט דעם נאָמען האָט קיינער נישט געקענט. אָבער דעם נאָמען לאָזער סטאָליער האָבן געקענט צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, געוווּסט וועגן אים האָט יעדער יידישער אַרבעטער, וואָס האָט גע־האַט די ווייטסטע שייכות צו אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, און אויך פֿיל פּוילישע אַרבעטער. כאַראַקטעריסטיש, אַז ווען אַ דעלעגאַט פֿון אונדזער פּראָפֿעסיאָנע־לער באַוועגונג אין פּוילן האָט אין יאָר 1921 געפֿירט אין מאָסקווע אונטער־האַנדלונגען וועגן אָנשלוס צום פּראָפֿאינטערן, האָט די פֿאַרשטייערשאַפֿט פֿונעם פּראָפֿאינטערן געוווּסט צו דערמאָנען איין נאָמען פֿון אונדזערע פּראָף־טוער — דעם נאָמען לאָזער!

לאָזער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פּראָפֿעסיאָנעלער טוער און גלענצנדיקער אינסטרוקטאָר. ער איז געווען דורך און דורך אַ פּאָליטישער טוער, געוווּסט צו פֿאַרבינדן דעם היינט מיטן מאָרגן, די קליין־אַרבעט אין פֿאַריין מיטן ווייטן פּאָליטישן ציל. דער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַריין האָט פֿאַר אים געהאַט אַ ווערט אַלס אינסטרומענט פֿון אַ גרויסער אַרמיי. פּונקט אַזוי איז ער געווען אַקטיוו אויף די פֿאַרשידנסטע געביטן פֿון פּראָלעטאַרישן קאַמף. עס איז געווען ממש אומפֿאַרשטענדלעך, ווי דער מענטש האָט פֿאַר אַלעם צייט. ווונ־דערלעך ווי אין דעם דאָזיקן מוח, וואָס האָט נישט געוווּסט פֿון סיסטעמאַטישער בילדונג, האָט זיך דאָס פּראָבלעם פֿון פֿאַרבינדן דעם היינט מיט דעם מאָרגן, דעם סאָציאַליזם מיטן ציוניזם, די סינכראָניזאַציע פֿון די פֿאַרשידנסטע געביטן צונויפֿגעגאָסן אין איין האַרמאָניש סיסטעם. אָפֿטמאָל האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז פֿון אונדזער גרויסן קאָמפּלעט טוער איז ער דער, וואָס ווייסט אָמבעסטן צו וואָס ער שטרעבט און ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכן.

דערפון האָט זיך אויך גענומען זיין באַזונדערע שטעלונג אין דער פּאַר־טיי. זינט איך געדענק אים איז ער שטענדיק געווען אומצופרידן, געהאַט טענות, געשטאַנען אין דער אָפּאָזיציע צו דער אָנפירונג און געווען פון די אַממייִנסטן קאָמפּראָמיסלאָזע אַנטיילנעמער אינעם פעריאָד פון פאַרשאַרפטסטן אינערלעכן קאַמף אין דער פוילישער פאַרטיי, וואָס האָט דערפירט צו דער קורצדויערנדיקער שפּאַלטונג. זיין עיקר־פאָדערונג איז געווען — מאַקסימאַלע אַקטיוויטעט אויפן ארץ־ישראל־געביט און פולע פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט פון דער באַוועגונג. אָבער אפילו בעת דעם פאַרביטערסטן קאַמף, האָט ער אויף אַ האָר נישט אָפּגעשוואַכט די אַרבעט, געווען אַקטיוו און געטריי ווי פריער און געדינט אַזוי ערלעך ווי אַלעמאָל. זיין אָפּאָזיציע — איז געווען אַ פּראָדוקט פון פלאַמיקער ליבע צו דער אידעע פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם און פון די הויכע פאָדערונגען, וואָס ער האָט געשטעלט דער פאַרטיי. אָט־אָ די סיבה האָט אויך צוגעטראָגן צו זיין שאַרפן קאַמף אינערהאַלב דער הסתדרות בעת זיין זיין אין ארץ־ישראל: ווייל ער האָט די הסתדרות הויך געשעצט, האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן אירע פעלערן און פלעקן.

ארץ ישראל איז געווען לאַזערס טיפסטע, איניקסטע ליבע. האָט ער דעם פועלי־ציוניזם אויפגעפאַסט נישט נאָר מיטן מוח, נאָר אויך מיטן האַרץ, מיט דער נשמה. פאַר אים איז עס געווען אַ טראַגעדיע, וואָס ער האָט געמוזט פאַרלאָזן ארץ־ישראל. ער האָט די גאַנצע צייט נישט גערוט און געזוכט מיט־לען און וועגן, ווי אַזוי זיך אומצוקערן אין דעם אויסגעבענקטן לאַנד. עס איז אים נישט באַשערט געווען. די וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן און געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן.

מיר זענען צוזאַמען אַרויס פון וואַרשע, לויט אַ באַשלוס פון צ. ק., דעם 3־טן סעפּטעמבער, כדי צו אָרגאַניזירן די אַרבעט אויף יענער זייט פון די דייטשע ליניעס. מיר האָבן געוואַנדערט צופוס 4 טעג. אויפן פינפטן טאָג, ביים אַריינגאַנג אין לוקאָוו, זענען מיר איבעראַשט געוואָרן פון דעם דייטשן דורכברוך און דעם אָפּקלאַנג פון נאָענטע קאַמפן. אינעם אַנטשטאַנענעם תוהו ובוהו, אינעם ווירוואַר פון פערד, וועגענער, פוסגייער, אויטאָס, האַרמאַטן, אינעם געברום פון די נאָענטע שאָסן — איז אונדזער גרופּע פאַנאַנדערגעריסן געוואָרן אויף צוויי און איינע האָט די צווייטע פאַרלוירן. פון יענער גרופּע האָב איך זיך שפּעטער ווידערגעטראָפן מיט צוויי — די ח״ח יאָסל וואָראַנסקי און ציטרינאָווסקי. לאַזער איז געבליבן ביי דער משפּחה, ביי די חברים, ביי די יידישע אַרבעטער: ביי דער אַרבעט און ביים קאַמף. געבליבן — צו פאַרענדיקן זיין קרישטאָל־ריין, צוגלייך בונט, ברויזנדיק קאַמף־לעבן, וואָס וואַרט אויף קינסטלער עס צו פאַראייביקן.

מיט אים איז אַוועק איינער פון די שענסטע און כאַראַקטעריסטישע טיפּן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

„נייוועלט" נומ' 10־9, 3־טער און 10־טער מערץ 1944.

ישראל ביין (בייניש)

עס שוועבן אין דער לופט די שענסטע קלאַנגען, עס בלאַנדזשען אין איר אַרום די הערלעכסטע טענער — זיי בלייבן אָבער פאַרשטומט און באַהאַלטן פאַרן מענטשלעכן אויער אַזוי לאַנג ביז וואַנען זיי ווערן נישט געפאַנגען דורכן קינסטלער מיט דער הילף פון אינסטרומענט. ביז יענעם מאָמענט זענען עס שטומע קלאַנגען, שטומע טענער.

אין ישראל ביינס לעבן איז דער פּועלי־ציוניזם געווען יענע דערשיינונג, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די דרימלדיקע, שטומע פאַרלאַנגען אין זיין נשמה, וואָס האָבן זיך געריסן העכער אַרויף. דער פּועלי־ציוניזם האָט אַרויסגעבראַכט אין אים די בענקשאַפט נאָכן שיינעם, די שנאה צו אַלדאָס מיאוסע און העסלע־כע וואָס פאַרפלייצט אונדזער וועלט. דער פּועלי־ציוניזם איז אויך געווען יענער כישוף־שטעקן, וואָס האָט געווענדט די שטראָמען שפּרודלדיקע ענערגיע, מיט וועלכע ער איז פול געווען, צום קאַמף פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן פאַר זייער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. פון דעם מאָמענט אָן, ווען ער, ישראל בייך, איז באַהערשט און באַצוווּנגען געוואָרן פון דעם פּועלי־ציון־אידעאַל, איז דער קאַמף פאַר זיין נצחון געוואָרן זיין עיקרדיקער לעבנס־ציל. דער פּועלי־ציוניזם איז געוואָרן דער הימן פון זיין לעבן.

ער איז געקומען צו אונדז אין די שווערע צייטן פון רעאַקציע, נאָך פאַר דער מלחמה, ווען די צאַרישע הענקערס האָבן אכזריותדיק געלויערט אויף זייערע קרבנות, ווען בלויז דער חשד וועגן אָנגעהעריקייט צו פּועלי־ציון האָט געדראָט מיט די שווערסטע ענויים. ער איז געקומען צו אונדז יונגערהייט — כמעט נאָך אַ קינד, אַלט־געוואָרן דעמאָלט אין גאַנצן אַ יאָר 15—16. ער האָט זיך נישט דערשראָקן פאַר די שווערעליידן, וואָס וואַרטן אים, דעם קעמפער. עס האָט אים נישט אָפּגעשטויסן די אויסזיכט, אַז זיין יונג שפּרודלדיק לעבן קאָן אין דעם אומגלייכן קאַמף לייכט צעבראָכן ווערן. ניין, דער צאָרן אין אים איז געוואַקסן, ס'האָט זיך אין אים געשטאַרקט די שנאה צו אונטערדריקונג, און

צוזאַמען דערמיט איז אין אים כסדר געשטיגן זיין ענערגיע. אַלץ מער און מער איז אויסגעשטאַלט געוואָרן זיין ווילן צו מאַכן אַ סוף מיט דער ממשלה פון גזלה און קנעכטשאַפט, צו קעמפן פאַר אַ פרייער מענטשלעכער געזעלשאַפט, פאַר דער רעוואָלוציע אין יידישן לעבן.

די רוסישע חיילות זענען אַוועק פון פוילן, דער שרעק־רעזשים פון די צאַרישע סאַטראַפּן איז פאַרטרישט געוואָרן אויף דער נישט־וויניקער שענדלעכער ממשלה פון די דייטשע אָקופּאַנטן. די הערשער האָבן זיך געביטן, אָבער דער קאַמף — אונדזער קאַמף פאַר רעכט און פרייהייט — איז געבליבן. און אין דעם פּועלי־ציוניסטישן שטורעם־באַטאַליאָן געפינט זיך ישראל אין דער פאָדערשטער, ערשטער ריי. חברים ווערן אַרעסטירט, פאַרשיקט אין די דייטשע לאַגערס, איינגעקערקערט אין די דייטשע תפיסות, חברים שטאַרבן מאַסנוויז פון הונגער און פון קראַנקהייטן, ביי אַ סך לאָזן זיך אַראָפּ די הענט — אָבער בעלזנפעסט שטייט בייניש אויף זיין קאַמף־פּאָסטן. אומעטום, ווו עס פירט זיך אַ קאַמף — צי אין וואַרשע, צי אויף דער פּראָווינץ, ווו מען דאַרף ערשט אויפאַקערן דעם פאַרשטיינערטן באָדן — ישראל איז דאָ. ער ווערט מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט, ער ווערט סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־ביוראָ פון די פּראָפ.־פאַריינען אין וואַרשע, ער ווערט שפּעטער פּאַרטיי־אינסטרוקטאָר און מעסט אויס אין דער לענג און אין דער ברייט גאַנץ פוילן. און אַזוי אויך שפּעטער. צי אין די נאָוועמבער־טעג, ווען דער דייטשער אָקופּאַנט איז פאַרטריבן געוואָרן, און דער פלאַם פון רעוואָלוציע האָט אַרויסגעבערנגט אויף דער אויבערפלאַך די אַרבעטער־ראַטן, צי אַ צייט שפּעטער, ווען די בורזשואַזיע מיט דער הילף פון פּ.פּ.ס. האָט דערשטיקט די רעוואָלוציע אין פוילן — און די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ — ישראל ביין איז אַלעמאָל דער דרייסטער צווישן די דרייסטע, דער מוטיקסטער צווישן די מוטיקע, דער אַקטיווסטער צווישן אַקטיווע.

ס׳האָט אין אים געברויזט מיט לעבן, מיט לעבנס־לוסט, מיט לעבנס־פייער. ער האָט קיינמאָל נישט גערוט, שטענדיק אין איין קאָכן, אין איין זידן. ער האָט פאַרמאָגט גליענדיקן גייסט און שטאָלענע איינגעשפּאַרטקייט. געווען אַ בעל חלומות ווי יעדער קעמפער, ווי יעדער, וועלכער בענקט און גאַרט נאָך שענערס און העכערס. אָבער דערביי האָט ער זיך פעסט געקלאַמערט אין דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט, געהאַט זין פאַרן קליינלעכן און גרויען פון טאָג־טעגלעכן לעבן. מיט דער זעלבער התפעלות, מיט וועלכער ער האָט גערעדט וועגן קאַמף פאַר פרייהייט, באַגייסטערט זיך פאַר דער רעוואָלוציע, האָט ער געטאָן אויך די טאָג־טעגלעכע, קליינלעכע, פּראַקטישע אַרבעט — ווייל ער האָט געוווּסט: דאָס איז אַרבעט פאַרן פּועלי־ציוניזם.

ער איז געווען אַ קינד פון דער יידישער אַרבעטנדיקער מאַסע. פון איר

איז ער אַרויסגעוואַקסן, מיט איר געלעבט. פון זיינע יונגסטע יאָרן איינגע־שפּאַנט אין דער שווערער האָרעוואַניע פאַרן שטיקל ברויט, פון די יונגסטע יאָרן אַן אַרבעטער. דער פּועלי־ציוניזם האָט אים אַרויסגעריסן פון מגושמדיקן לעבן און שטענדיקער דאגת פּרנסה, אַנטפּלעקט פאַר אים אַ וועלט מיט פּראָבלעמען און אַלמענטשלעכע אינטערעסן. און ישראל ביין האָט זיך ווי אַ דורשטיקער געוואָרפן, צו דערגרונטעוועז ביז דער טיף די פּראָבלעמען פונעם סאָציאַלן לעבן, פון יידישן אַרבעטער־לעבן. נאָך אַ שווערן טאָג האָרע־וואַניע האָט איר דעם יונגיטשקן ביינישׂ שטענדיק געטראָפן אַ פּאַרטיפּטן אין אַ בוך, וואָס באַהאַנדלט סאָציאַלע, צי פילאָזאָפישע פראַגן, אָדער אַריינגעטאָן אין אַ ליידשאַפטלעכער דיסקוסיע. ער איז געווען אַדורכגענומען פון כסדרדיקן דורשט נאָך וויסן. שטענדיק אַזוי, זינט מיר האָבן אים דערקענט, — פון זינט ער איז אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי ביזן סוף פון זיין לעבן, אפילו שוין דאַן, ווען די שווערע קראַנקהייט האָט ביסלעכוויז פאַרסמט זיין אָרגאַניזם.

דער ביטערער גורל האָט געוואָלט, אַז דאָס דאָזיקע בליענדיקע, שטאַרקע לעבן זאָל אין משך פון די לעצטע יאָרן ביסלעכוויז וועלקן, ביסלעכוויז אָפּ־שטאַרבן. אַריינגעפאַלן אין די נעגל פון דער שלאָף־קרענק, האָט ער זיך שוין פון איר קיינמאָל נישט געקענט אַרויסרייסן. די קרענק האָט אים ביסלעכוויז פאַרצערט, אויסגעזויגן פון אים די נשמה. דער אויסגעמאַטערטער, אויסגעפּיי־ניקטער, אַמאָל אַזוי קרעפּטיקער, אַזוי שיינער אָרגאַניזם, האָט שוין נישט גע־קענט ביישטיין דעם אָנגריף פון אַ לונגען־אָנצינדונג, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט, און ישראל ביין איז געשטאָרבן.

יונג איז ער געווען, יונג איז ער געשטאָרבן, ווייניק יאָרן איז אים באַשערט געווען צו קעמפן אין אונדזער מיט. ער האָט אָבער געלעבט מער, ווי הונדערטער טויזנטער אַנדערע, וואָס לעבן אויס זייערע יאָרן און שטאַרבן אין זקנה. ווייל ער האָט געלעבט דאָס לעבן פון אַ קעמפער.

„אַרבעטער־צייטונג" נומ' 9, 28 פעברואַר 1930.

ישראל שורעק (הייסקינד)

29 יאַנואַר 1892 — 9 אַפּריל 1919

מאָדנע זענען די וועגן פון לעבן, פול זענען זיי מיט סיורפּריזן און סתירות. אַלע אויסערלעכע סימנים האָבן גערעדט דערפאַר, אַז שורעק דאַרף אין אונדזער

מחנה — אין דער יידיש־פּראָלעטאַרישער — נישט אַריינפּאַלן. סיי זיין סביבה און סיי זיין דערציונג האָבן עס נישט באַרעכטיקט. געווען אָבער עפּעס העכערס און שטאַרקערס, וואָס האָט אים דערצו געשטויסן: דער טיפער באַגער פון זיין אידעלער נשמה, זיין איינגעבוירענער אידעאַליזם און דער נאַטירלעכער דראַנג צום אומגעפעלשטן אמת — זיי האָבן שורעק געצויגן דווקא אַהין, צו די סאַמע אונטערדריקטע, צו די אין פלוג אַזוי ווייטע און שפּעטער אַזוי נאָענטע און אייגענע יידישע אַרבעטער.

פון זיין פריסטער יוגנט אָן האָט ער שוין דערפילט, אַז זיין אָרט איז אין די רייען פון גערודפטן יידישן אַרבעטער־קלאַס. אַוודאי האָט ער, זייענדיק 14 יאָר אַלט, ווייניק וואָס געוווּסט פון דער פּועלי־ציוניסטישער טעאָריע. אַ זון פון אַ סוחריש־באַלעבאַטישער שטוב, ווו ס׳זענען קיינמאָל נישט באַהאַנדלט געוואָרן נישט קיין אַלגעמיינע און נישט קיין יידישע פּראָבלעמען, דערצויגן אין דער פרעמדער פּוילישער שפּראַך און אַ שילער פון דער קאָמערץ־שול, אין וועמען מ׳האָט זיך באַמיט איינצופלאַנצן די שטרעבונג צו תכלית, — האָט שורעק אינסטינקטיוו געצויגן צו דער פּועלי־ציוניסטישער מחנה. אינעם פּועלי־ציוניזם האָט ער, איידער ער האָט אים נאָך דערקענט, שוין דערפילט דעם ענטפער אויף דעם, וואָס אים אַליין האָט געמאַטערט — אויף דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג פון די יידישע מאַסן. אים, דעם אידעאַליסט און טרוימער, האָבן נישט געקענט באַפרידיקן די איינזייטיקייט פון די אַסימילאַטאָרישע סאָציאַליסטן פון איין זייט, און פון די ציוניסטן פון דער צווייטער זייט. און דער 14־יעריקער שורעק, וואָס קען נישט קיין צוויי ווערטער יידיש, ווערט, נישט געקוקט אויף די סטראַשונקעס פון פאָטער און דעם דרוק פון דער אַרומיקער סביבה, אַן אַפּטער באַזוכער פון דער פּועלי־ציוניסטישער בערזע אין לאָדזש. אים פאַרשלינגט די נייע סביבה, ס׳פאַרכאַפּט אים די קאַמף־אַטמאָספער פון פּועלי־ציוניזם. ער וויל נישט בלייבן בלויז אַ צושויער; ער וויל מיטהעלפן אין דעם קאַמף. אַט שאַפט מען אַ פּועלי־ציוניסטישן שילער־קרייז אין זיין שול, און שורעק איז שוין דאָרט דער אָנפירער. ס׳האָט אָנגעהויבן גליען די נשמה פון דעם קעמפער און צוקונפטיקן פירער.

די רעוואָלוציע איז באַזיגט. אומעטום אָנטוישונג. די אינטעליגענץ האָט מאַסנווייז פאַרלאָזן די רייען פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אָנשטאָט דער פריערדיקער באַגייסטערונג פאַרן סאָציאַליזם — חוזק און ביטול. אָנשטאָט סאָציאַלע פּראָבלעמען פאַרנעמט דעם אויבנאָן עראָטיק. אַרציבאַשעווס „סאַנין" באַהערשט די מוחות. דער יונגער 17־יעריקער שורעק קומט קיין ליעזש און איך אַזאַ צייט פאַלט ער אַריין אין דער ליעזשער סטודענטן־קאָלאָניע.

אַנדערע האָבן געקענט דעמאָראַליזירט ווערן, פאַרלירן גיין פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער נישט שורעק. צום קרישטאָל־ריינעם מענטש נעמט זיך נישט בלאָטע, זי פאַלט פון אים אָפּ.

ער איז נישט קיין מיזאַנטראָפּ, נישט קיין פרוש, וואָס זונדערט זיך אָפּ פון לעבן: דאָס גראָד נישט. אדרבא, שורעק איז לעבעדיק ביז גאָר, ער פאַרמאָגט אַ ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט, האָט ליב צו הוליען, און מ׳זעט אים טאָקע אויף אַלע בעלער, אויספלוגן, פּיקניקס, פאַרוויילונגען, ווו ער פאַרנעמט דעם אויבנאָן אַ דאַנק זיין אומגעצוימטער פריילעכקייט, און ער פאַרהילכט אַלץ און אַלעמען מיט זיין קלינגענדיקן געלעכטער. אָבער דאָס האָט נישט געמינערט אויף אַ האָר זיין אידעאַליזם, זיין איבערגעגעבנקייט פאַר דער יידישער אַרבעטער־זאַך. דער געזעלשאַפטלעכער נערוו רוט נישט אין אים. ער אָרגאַניזירט דעם פּועלי־ציוניס־טישן סטודענטן־פאַריין „חירות״ אין ליעזש. דורך דער פאַרמיטלונג פון רוסלענדישן צ.ק. פאַרבינדט ער זיך מיט די חברים־סטודענטן אין אַ ריי שטעט פון שווייץ, בעלגיע און פראַנקרייך און העלפט־מיט אָרגאַניזירן דאָס מערב־אייראָפּעישע ביוראָ פון דער פּועלי־ציוניסטישער סטודענטנשאַפט, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל מיטצוהעלפן דער אַרבעט פון צ.ק. פון אונדזער פאַרטיי און דערציען פאַרטיי־טוער פאַר דער אומלעגאַלער פאַרטייאישער אַרבעט אין רוסלאַנד. ער, צוזאַמען מיט מאיר רייז און לעוויטן, גייען אַריין אין ביוראָ. אַ דאַנק דעם דאָזיקן ביוראָ איז ח׳ ז. אַבראַמאָוויטש־חפץ אַריבער אין יאָר 1914 אַרבעטן אין דער פאַרטיי אין רוסלאַנד. שורעק ווערט פּאָפּולער נישט נאָר אין די קרייזן פון פאַרטיי־חברים, נאָר ביי דער יידישער סטודענטנשאַפט בכלל און ער ווערט געשיקט אַלס דעלעגאַט אויפן ציריכער יידישן סטודענטן־צוזאַמענפאָר.

חבר מאיר רייז האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז לכתחילה האָט ער און נאָך עטלעכע חברים נישט געהאַט קיין איבעריקן צוטרוי צו שורעקן. עפּעס האָבן זיי נישט געגלייבט, אַז אויף דעם דאָזיקן יונגן, פריילעכן, עלעגאַנטן בחור זאָל מען קענען בויען; זיי האָבן אים פון אָנהויב געהאַלטן פאַר אַ לייכטזיניקן. אין דער אַרבעט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן זיין באַדייטונג. און ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און שורעק איז געוואָרן די נשמה פון אונדזער סטודענטישער סביבה.

שורעק איז, ווי געזאָגט, לחלוטין נישט געווען קיין אַסקעט. ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, ליב געהאַט צו געניסן פון לעבן. אויף אַ חברישן צוזאַמענטרעף, אויף אַ פאַרטיי־ווינטשערינקע, אויף אַ באַנקעט, סתם אַזוי אין דער היימישער סביבה איז ער געווען דער לעבעדיקסטער און פריילעכסטער, ער האָט געשפּרודלט מיט לעבן. ער האָט אויך געהאַט זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן, סענטימענטן און טיפע, ערנסטע סימפּאַטיעס. איבער אַלעם אָבער האָט דאָמינירט איין גרויס

געפיל — דאָס געפיל צו דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי איז געווען זיין הייסטע, פלאַ־מענדיקסטע ליבע, אויף וועמענס מזבח ער פלעגט ברענגען פאַר אַ קרבן אַלע זיינע פּערזענלעכע נייגונגען, סימפּאַטיעס און סענטימענטן.

ס׳איז זיך ממש שווער פאָרצושטעלן זיין איבערגעגעבנקייט צו דער פּאַר־טייאישער אַרבעט. ס׳האָט נישט עקזיסטירט קיין טאָג און קיין נאַכט, קיין זומער און ווינטער, קיין נאָנטער און ווייטער וועג, ווו ס׳איז נייטיק געווען פאַר דער פּאַרטיי, דאָרט איז ער מיט חדווה געגאַנגען.

ער האָט זיך מאָדנע צוגעפּאַסן מיט דער צייט, ווען ער איז בײַ אונדז צומיינסטן טעטיק געווען — מיט די יאָרן 1916/17/18. ס׳איז געווען דער כּרילינג־פּעריאָד פון דער באַוועגונג. נאָך זענען נישט געווען פאַרגאַנגען די צייכנס, וועלכע ס׳האָבן אויף אונדז איבערגעלאָזט די צאַרישע קייטן. נאָך זענען מיר געווען געצוימט און געבונדן פון די אָקופּאַנטן, אָבער שוין האָבן אומעטום אָנגעהויבן שפּראָצן די פרילינג־געוויקסן פון פּראָלעטאַרישן לעבן אין פּוילן, אומעטום, אין יעדער שטאָט און שטעטל, האָבן זיך געוועקט די מאַסן, פון זיך האָבן אָנגעהויבן זיך שאַפן פּועלי־ציוניסטישע גרופּן און קרייזלעך, אומעטום האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען חברים און מיטקעמפער. צעזייט און צעשפּרייט, אָן אַ קלאָר פאָרמולירטן פּראָגראַם, אָן ליטעראַטור, אָן פרעסע זענען זיי אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד. און שורעקן איז אויסגעפאַלן דאָס גליק צו זיין אפשר דער ערשטער פון די זאַמלער, דער ערשטער פון די ווינציקע, וואָס האָבן פון די דאָזיקע צעשאָטענע ציגל אויפגעשטעלט דעם הערלעכן בנין פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין פּוילן.

שורעק האָט אויסגעמאָסטן דעם געביט פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין דער לענג און אין דער ברייט. נישט געווען כמעט קיין יידישער ישוב אין פּוילן, וועלכן ער זאָל נישט האָבן באַזוכט אין די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי, אומעטום געוועקט און גערופן צום קאַמף פאַר די אידעאַלן פון דער יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

מיט פיל שוועריקייטן איז עס דאָן געווען פאַרבונדן. אַ טייל באַן־ליניעס צעשטערט, האָט מען זייער פיל געמוזט פאָרן מיט אָקס און טרייסלען זיך איבער־די צעהאַקטע, גריבערדיקע פּוילישע וועגן. די וואַגאָנען נישט באַהייצט, די שויבן אויסגעהאַקט, אָפטע רעוויזיעס מצד די אָקופּאַנטן, די העסלעכע אַנטלויזונג־פּראָצעדור — איז מען שטענדיק געווען אויסגעשטעלט אויף קראַנקייטן, שיקאַנעס און אַרעסטן.

פאַר שורעקן איז אָבער קיין שום זאַך נישט שווער געווען, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי. איך דערמאָן זיך אַ פאַקט: אין אָנהויב 1917 זענען פאָרגעקומען די וואַלן צום ערשטן געוויילטן לאָדזשער שטאָט־ראָט. ס׳איז געווען די ערשטע גרויסע פּאָליטישע קאַמפּאַניע, וועלכע מיר

האָבן געפירט. דאָס ערשטע מאָל האָבן מיר זיך פאַרמאָסטן מיטן „בונד". אַ הער־לעכע קאַמפּאַניע, געווען באַגייסטערונג אָן אַ שיער. דער רעזולטאַט איז איבער־געשטיגן אַלע אונדזערע דערוואַרטונגען. דער נצחון אַ געוואַלטיקער, צום ערשטן מאָל האָבן מיר געשלאָגן דעם „בונד" באַ אַ גרויסער פּאָליטישער קאַמפּאַניע. די שטימונג באַ די חברים אַ גאַר, גאַר געהויבענע, אַן אמתער יום־טוב. אויף באַנאַכט איז באַשטימט אַ באַנקעט, מ'גרייט זיך געשמאַק צו דער שמחה. שורעק קומט ספּעציעל צום באַנקעט, קומט גלייך נאָך אַ לענגערער נסיעה איבערן דער פּראָ־ווינץ, קומט אָנטיילנעמען אין דער שמחה פון זיין לאָדזשער אָרגאַניזאַציע. אָבער אָט קומט־אָן אַ ווענדונג פון אַ שטאָט וועגן אַ רעפערענט. מ'טראַכט אפילו נישט וועגן באַפרידיקן, ווייל אויב יאָ, מוז מען תיכף נעמען און אַוועקפאָרן, און קיינער האָט קיין האַרץ נישט צו הייסן אַ חבר אַוועקפאָרן פון דער שמחה. אָבער אָט שטעלט זיך אויף שורעק און דערקלערט, אַז ער פאָרט. ס'איז זיך איצט שווער פאָרצושטעלן, וויפל זעלבסטאויפאָפּפערונג דאָס האָט אין יענעם מאָמענט פאַר־לאַנגט. שורעק האָט אָבער אַנדערש נישט געקענט; די פּאַרטיי־אַרבעט איז באַ אים שטענדיק געשטאַנען אויפן ערשטן פּלאַץ.

אַ צווייטער פאַל: אין מערץ 1918 זענען מיר צוויי (שורעק און איך) אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט געוואָרן אין מאָדלינער פעסטונג. ס'גייען אַוועק חדשים, דורך די וואַרשעווער חברים האַלטן מיר אונטער דעם קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי, מיר לייענען אַ סך, צוזאַמען שטודירן מיר גרינטלעך מאַרקס'ס „קאַפּיטאַל" און אַנדערע סאָציאַליסטישע ווערק. מיר זענען רויק. אָבער אָט רוקן זיך אונטער די געשעענישן אין דייטשלאַנד. מאַקס פּאָן באַדן ווערט קאַנצלער. ס'פילט זיך שוין דער אָטעם פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע. מיר ווערן אומ־געדולדיק, מיר ווערן אומרויק, מיר לעבן ווי אין פיבער. אייך געדאַנק באַהערשט אונדזער גאַנץ וועזן — פריי ווערן. אַלע רייסן מיר זיך אַרויס, אינדרויסן, צום פּולסירנדיקן לעבן. און אָט מאַכט זיך אַ געלעגנהייט — אַ גרופּע אַרעסטירטע האָט אויסגעגראָבן אַ לאַנגן אונטערערדישן גאַנג, וואָס פירט אַרויס אין דרויסן, מחוץ די צוימען און פּאַרקנס, און דאָס גיט אַ מעגלעכקייט אַ טייל פאַרשלאָסענע צו אַנטלויפן.

אויף אונדזער פּאַרטייאישער גרופּע פאַלט אויס איינער. און ס'שטעלט זיך די פראַגע, ווער וועט זיין יענער גליקלעכער, וואָס וועט אַנטלויפן אויף דער פריי. שורעק טראַכט קיין אויגנבליק נישט און דערקלערט אַנטשלאָסן: „פאָרן מוז ל'עוו, ער איז נייטיקער פאַר דער אַרבעט ,איידער איך". ס'העלפן נישט מיינע פּראָטעסטן, שורעק ווירקט אויך אויפן דריטן חבר און ס'ווערט באַשטימט, אַז איך אַנטלויף.

לאַנגע יאָרן שטיי איך אין דער אַרבעט, פיל חברים, אַקטיווע און איבער־

געגעבענע, האָב איך געקענט. שורעק געהערט צו די זעלטענע אויסנאַמען. גע־צײלטע קענען זיך בלויז מעסטן מיט אים אין איבערגעגעבנקייט צו דער פּאַרטיי.

איך האָב שורעקן אָפּטמאָל באַוואונדערט. באַוואונדערט די אומאויפהערלעכע קוואַל פון ענערגיע, וואָס שפּאַרט פון אים כסדר. דער מענטש האָט פון קיין מיד־קייט געוווּסט. ער פלעגט כמעט זיבן טעג אין דער וואָך זיין אין וועג און פון וואַנעט האָט ער גענומען צייט צו אַרבעטן אין סעקרעטאַריאַט פון צ.ק., אין פאַרוואַלטונג פון לעדער־פאַריין, אין דער אַקאַדעמישער היים, פון וואַנען האָט ער גענומען צייט אויף צו לייענען און לערנען, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט פאַרנאַכלעסיקט ?

אָנהויב נאָוועמבער האָט ער פאַרלאָזט מאָדלין, און שוין שטייט ער ווידער ביי דער אַרבעט, קיין האַלבע שעה אַפילו נישט אָפּגערוט. אין לאַנד ברויזט און קאָכט. אַלץ, וואָס האָט געדרעמלט, איז אויפגעוואַכט צום לעבן אונטערן הייסן הויך פון דער רעוואָלוציע. ח׳ פּנחס, דער פירער פון לאָדזשער אָרגאַניזאַציע, ווערט אַרעסטירט דורך דער פּוילישער ווערמאַכט צוזאַמען מיט מיר, בעת מיר זענען געגאַנגען אונטערהאַנדלען וועגן אָרגאַניזירן אַן אַרבעטער־ראַט. שורעק ווערט דעלעגירט קיין לאָדזש, אָרגאַניזירט דאָרט אונדזערע אַרויסטרעטונגען אין די וואַלן צום אַרבעטער־ראַט. אָבער באַלד איז ער ווידער אין וואַרשע און אָרגאַ־ניזירט דעם ערשטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון פּועלי־ציון אין פּוילן לעגאַל.

אַן אמתער טריומף איז דאָס געווען ! ס׳זענען זיך צונויפגעקומען הונדערטער דעלעגאַטן פון אַלע עקן פּוילן. מיר האָבן זיך אַליין געוווּנדערט, ווי פון די שמאָלינקע וואַסערלעך האָט געקאָנט אויסוואַקסן אַזאַ מעכטיקער טייך. פּול פריש־קייט און פאַרלאַנג נאָך עקספּאַנסיע, האָבן מיר דאַן צום ערשטן מאָל דעמאָנסטרירט עפנטלעך אונדזער כוח. עס האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן דער יונגער ריז, די פּועלי־ציוניסטישע קאַמפס־אַרמיי, וואָס גייט באַהערשן די יידישע אַרבעטער־גאַס. דער זשאַזיקער טריומף איז געווען אויך דער פערזענלעכער טריומף שורעקס. זיין אַרבעט, זיין באַגייסטערונג, זיין איבערגעגעבנקייט און זיין ענערגיע האָבן אַ סך מיטגעווירקט צום גלענצנדיקן רעזולטאַט פון אונדזער ערשטן לעגאַלן צוזאַמענפאָר.

באַשיידן איז שורעק געווען און ער האָט זיך באַמיט נישט צו וואַרפן זיך אין די אויגן צו־פּיל אויפן צוזאַמענפאָר. זאָלן עלטערע חברים רעדן. זאָלן זיי פאַרנעמען דעם אויבנאָן. די באַשיידנקייט האָט אָבער קיינעם נישט גענאַרט. די דעלעגאַטן האָבן געוווּסט שורעקס ווערט, געוווּסט אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון זיין אַרבעט און אויסגעדריקט אים פערזענלעך זייער אָנערקענונג.

ה י י ס ק י נ ד — אזא איז געווען זיין פּאַרטייאישער נאָמען. און מאָדנע האָט דער דאָזיקער נאָמען הארמאָנירט מיט שורעקס וועזן, מיט זיין כאַראַקטער. קרישטאָל־ריין, ערלעך און אויפריכטיק ביז גאָר, נישט נאָר צו חברים און נאָענטע, נאָר צו יעדן איינציקן מענטש, אויך צו פּאָליטישע קעגנער. ס׳האָט אויך אַנדערש נישט געקאָנט זיין. דאָס איז געלעגן אין זיין בלוט. שורעק איז געווען ריין ווי אַ קינד.

ער פלעגט ווערן אויפגעציטערט פון יעטוועדער נישט־ערלעכקייט. אין מאָדלין האָט מיר אַמאָל דערציילט אַ טשענסטאָכאָווער בונדיסט, אַז בעת אַ בונדישער אָפּאָנענט האָט אַמאָל אויף שורעקס אַ רעפעראַט זיך אויסגעדריקט, אַז פּועלי־ציון זענען אונטערגעקויפט פון דער יידישער בורזשואַזיע, איז שורעק געוואָרן אַזוי אויפגעקאָכט פון אויפרעגונג, אַז ער האָט ממש נישט געקאָנט רעדן. ער איז נאָך, ווייזט אויס, אַ נאַיווער — האָט צוגעגעבן דער טשענסטאָכאָווער בונדיסט, ער נעמט נאָך ערנסט פּאָלעמיק. יאָ שורעק האָט טאַקע נישט געקאָנט תופס זיין, ווי נעמט מען עס נישט ערנסט אָן עפנטלעכע אַרויסטרעטונג. ער האָט נישט געקאָנט משיג זיין, ווי אַזוי איז מען עס אַזוי נישט ערלעך לגבי פּאָליטישע קעגנער.

*

ער איז געשטאָרבן אויפן פּאָסטן, ווי אַ זעלנער.

נאָכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר נעמט שורעק דעם אַקטיוווסטן אַנטייל אין דער וואַל־קאַמפּאַניע צום סיים. טרעט אַרויס אויף צענדליקער מיטינגען אין וואַרשע, לאָדזש און אַנדערע שטעט, העלפט צונויפקלייבן אונדזערע 70 טויזנט שטימען. שפּעטער קומען ווידער וואַלן צום שטאָט־ראַט און ווידער איז שורעק צווישן די ערשטע ביי דער אַרבעט.

דערנאָך ווידער צוגאַב־וואַלן אין ביאַלא־מעזריטשער קאַנט. אַ שווערער שרעקלעכער ווינטער, עס שטייען באַנען, די וועגן זענען פאַרשיט. פאַר שורעקן איז אָבער נישטאָ קיין מניעה. אויב נישט באַן, איז דאָ אַ פור; אויב נישט מיט אַ פור, גייט ער צו־פוס. ער רוט נישט. נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד איז ער אויף די פיס. ער שלאָפט נישט, נאָר ער אַרבעט אָן אויפהער.

דאָס איז געווען זיין לעצטע פּאַרטיי־אַרבעט. ער ווערט אויסגעשעפּט און פיזיש איינגעבראָכן. ער פאַרקילט זיך און קריגט אַ טיפוס. שורעק מאַטערט זיך אַ פּאָר וואָכן און שטאַרבט אַוועק.

געלעבט פאַר דער פּאַרטיי און געשטאָרבן פאַר איר.

*

שורעק האָט זיך צו אונדז באַוויזן אין דער צייט פון פרילינג. ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט דעם פרילינג. ער אַליין איז געווען און געאָטעמט פרילינג.

שורעק האָט פערזאָניפיצירט מיט זיך דעם פרילינג פון אונדזער באַוועגונג אין פוילן.

„יידישער אַרבעטער־פנקס״, פאַרלאַג „נייע קולטור״, וואַרשע, 1926.



די מצבה פון יצחק לעוו. אויפגעשריבן: מראשוני פועלי ציון

ביבליאָגראַפיע

(נישט־פולע רשימה פון יצחק לעווס אַרטיקלען)

1. צוויי עקספּאָזעס — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ (85) 78, אָקטאָבער, 1919, מ. בעקער;

2. די פּוילישע וואַלוטע — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ (87) 80, אָקטאָבער, 1919, י. לעוו;

3. פּראָבלעמען פון דער שטאַטישער ווירטשאַפט — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ (94) 87, נאָוועמבער, 1919, י. לעוו;

8א׳ קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם — „אַרבעטער־בלאַט״, נומ׳ 4, אַפּריל, 1923.

4. די שפּעקולאַציע זיגט — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ (94) 87, נאָוועמבער, 1919, י. לעוו;

5. נאָכן קריזיס — „אַרבעטער לעבן״ (איינטאָגאויסגאַבע), דעצעמבער, 1919, י. לעוו;

6. פּראָבלעמען פון דער שטאַטישער ווירטשאַפט — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ (82) 75, דעצעמבער, 1919, י. לעוו;

7. דער באַשלוס וועגן צוואַנג־זונטיק־רו — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 4, אָקטאָבער, 1919, י. לעוו;

8. ערב דער נייער רעגירונג — „אַרבעטער־בלאַט״, נומ 4, אפּריל, 1923, ל. ע.

8א׳ קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם — „אַרבעטער־בלאַט״ נומ׳ 4, אַפּריל 1923. מ. ב.;

9. תחית המתים פון לאָזאַן — „ארבעטער־בלאַט״, נומ׳ 4, אַפּריל, 1923, מ. לייבמאַן;

9א׳ וועגן פאַשיזם — „נייע אַרבעטער־טריבונע״ (איינטאָג־אויסגאַבע), מאי, 1923, מ. ב.;

10. די נייע רעגירונג — „אַרבעטער־וועלט״ (איינטאָגאויסגאַבע), יוני, 1923 מ. ב.;

11. די אָפּענסיווע גייט — „אונדזערע אַקטועלע צייט־פראַגן״ (איינטאָגאוייס־גאַבע), פעברואַר, 1924, מ. ב.;

12. די פּ.פּ.ס־ישע קריגס־דערקלערונג „אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ 25, סעפּטעמבער, 1924, מ. ב.;

13. נאָך דער רעקאָנסטרוקציע — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ 1, נאָוועמבער, 1924, מ. ב.;

14. ווערטער און מעשים — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ 1, נאָוועמבער, 1924, י. ל.;

15. אָפּענער אימפּעריאַליזם — אָנשטאָט פּאַציפיזם — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ 1, נאָוועמבער, 1924, מ. לייבמאַן;

16. צו וואָס מען האָט דערפירט דעם פאַרלאַג קולטור־ליגע — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' 2, נאָוועמבער, 1924, ל. עסטרין;
17. ביים קבר פון די פאַציפיסטישע אילוזיעס — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' 5, דעצעמבער, 1924, מ. לייבמאַן;
18. די אויסראָטונגס־פאָליטיק קעגן די יידישע מאַסן — „נייע ארבעטער־וועלט", נומ' 6, דעצעמבער, 1924, מ. לייבמאַן;
19. רעאַקציאָנערע פלענער — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' (11) 6, פעברואַר, 1925, מ. ב.;
20. אין קאַמף פאַר דער העגעמאָניע אויפן שטילן אָקעאַן — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ'(11) 6, פעברואר, 1925, מ. לייבמאַן;
21. די אַמעריקאַנער הלוואה — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' (14), 8 פעברואַר, 1925, מ. ב.;
22. אויפן וועג צו דער איינהייט פון דער פראָפ.־באַוועגונג — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' (15) 9, פעברואַר, 1925, מ. לייבמאַן;
23. דער נייער אַרויסטריט פון דער רעאַקציע — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' (17) 11, מערץ, 1925, מ. לייבמאַן;
24. ס'בלייבט ביים אַלטן — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' (18) 12, מערץ, 1925, מ. ב.;
25. ערב פרעזידענט־וואַלן אין דייטשלאַנד — „נייע־אַרבעטער־וועלט", נומ' (21) 15, אַפּריל, 1925, מ. ב.;
26. די אַנטוואָפענונגס־קאָמעדיע — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' (24) 18, מאַי, 1925, מ. לייבמאַן;
27. רעדע געהאַלטן אויף דער שול־דעבאַטע אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' (24) 18, מאַי, 1925,
28. נאָך דער בודזשעט־דעבאַטע — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' (25) 19, מאַי, 1925, מ. ב.;
29. די מלחמה אין מאַראָקאָ — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' (26) 20, מאַי, 1925, מ. לייבמאַן;
30. ס'טאָר נישט בלייבן ביי ווערטער (וועגן דעם אויפרוף פון יי.צ.ק.א.) — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' (26) 20, מאַי, 1925, י. ל—ן;
31. באַנקראָט פון דער פשרה־פּאָליטיק — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' (27) 21, יוני, 1925, מ. ב.;
32. די קאַמפן אין כינע — „נייע אַרבעטער־וועלט", (29) 23, יולי, 1925, מ. לייבמאַן;
33. אַלץ נאָך אָן אויסזיכטן — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' (38) 32, סעפּטעמבער, 1925, מ. לייבמאַן;
34. פּויליש־רוסישע דערנענטערונג — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' (39) 33, סעפּטעמבער, 1925, מ. לייבמאַן;

35. פ.פ.ס׳ייִשע מעשים און רעזאָלוציעס — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (40) 34, אָקטאָבער, 1925, מ. ב.;
36. די קאָנפערענץ אין לאָקאַרנאָ — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (40) 34, אָקטאָבער, 1925, מ. לייבמאַן;
37. נאָכן קאָנגרעס פון די ענגלישע פּראָפ.־פאַריינען — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (40) 34, אָקטאָבער, 1925, מ. לייבמאַן;
38. גראַבסקיס „נעפּ״ — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (41) 35, אָקטאָבער, 1925, מ. ב.;
39. ווידער אָפּגערוקט דעם קריזיס — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (43) 37, אָקטאָבער, 1925, מ. ב.;
40. די אויסזיכטן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (43) 37, אָקטאָבער, 1925, י. ל.;
41. דער אויפטו פון לאָקאַרנאָ — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (43) 37, אָקטאָבער, 1925, מ. לייבמאַן;
42. די פאַרגרעסערטע אחריות — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (44) 38, אָקטאָבער, 1925, מ. ב.;
43. נאָך לאָקאַרנאָ — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (44) 38, אָקטאָבער, 1925, מ. לייבמאַן;
44. דער ערשטער דעביוט — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (48) 42, נאָוועמבער, 1925, מ. ב.;
45. איןווירטשאַפטלעכן כאַאָס — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (49) 43, דעצעמבער, 1925, מ. ב.;
46. אַלץ טיפער אין אָפּגרונט — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (51) 45, דעצעמבער, 1925, מ. לייבמאַן;
47. די נייע „סאַנאַציע״ — „יידישע אַרבעטער־וועלט״ (איינטאָג־אויסגאַבע), יאַנואַר, 1926, מ. ב.;
48. די ווירטשאַפטלעכע לאַגע — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (53) 1, יאַנואַר, 1926, מ. לייבמאַן;
49. זעקס וואָכן קאָאַליציע — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (54) 2, יאַנואַר, 1926, מ. ב.;
50. די ווירטשאַפטלעכע לאַגע (2) — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (54) 2, יאַנואַר, 1926, מ. לייבמאַן;
51. דייטשלאַנד און די פעלקער־ליגע — „אונדזער אַרבעטער־וועלט״ (איינטאָג־אויסגאַבע) פעברואַר, 1926, מ. לייבמאַן;
52. צום 20־יעריקן יובל — 1906 — 1926 — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (56) 4, פעברואַר, 1926, ל. עסטרין;
53. אומפּאַראַנטוואָרטלעכקייט — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (56) 4, פעברואַר, 1926, בנימין;

54. ערב דער מערץ־סעסיע פון דער פעלקער־ליגע — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (58) 6, מערץ, 1926, מ. לייבמאַן;

55. די אילוזיע פון פעלקער־ליגע צערינט — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (59 7, מערץ, 1926, מ. לייבמאַן;

56. צום קאָנגרעס פאַר רעכט אויף אַרבעט — „נייע אַרבעטער־וועלט„ נומ׳ (60) 8, מערץ, 1926, ל. עסטרין;

57. דער מאר האָט זיינס אָפגעטון — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (62) 10, אַפּריל, 1926, מ. ב.;

58. נאָך די בלוטיקע מאַי־געשעעניש — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (64) 12, מאַי, 1926, מ. ב.;

59. „דעמאָקראַטישע״ דיקטאַטור — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (67) 15, מאַי, 1926, מ. ב.;

60. די אַנטוויקלונג פון ענגלישן שטרייק — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (67) 15, מאַי, 1926, מ. ל.;

61. אין דינסט פון שטריימל — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (72) 20, יולי, 1926, י. ל.;

62. בריאַן־קאַיא קאַבינעט — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (71) 19, יולי, 1926, מ. לייבמאַן;

63. ענגלישע רעגירונג קעגן די קוילן־גרעבער — „נייע אַרבעטער־וועלט״. נומ׳ (72) 20, יולי, 1926, מ. לייבמאַן;

64. טריומף־צוג פון דער רעאַקציע — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (73) 21, יולי, 1926, מ. ב.;

65. סאָוו.־פראַנצויזישע אונטערהאַנדלונגען — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (73) 21, יולי, 1926, מ. לייבמאַן;

66. באַרטעלס עקספּאָזע — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (74) 22, יולי, 1926, מ. ב.;

67. מ׳האָלט ווייטער בסוד (ווידער וועגן די מיסברויכן אין פּאַלעסטינע־אַמט) — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (76) 24, יולי, 1926, י. ל.;

68. דער נייער אַטענטאַט — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (77) 25, אויגוסט, 1926, מ. ב.;

69. אַ וועג דער אינפלאַציע — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (78) 26, אויגוסט, 1926, מ. ב.;

70. ערב דער סעסיע פון דער פעלקער־ליגע — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (79) 27, אויגוסט, 1926, מ. לייבמאַן;

71. פוסטע פאַרזיכערונגען (צו אונדזער ווירטשאַפטלעכער לאַגע) — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (84) 32, סעפּטעמבער, 1926, מ. לייבמאַן;

72. די פּ.פּ.ס.ישע „רעוואָלוציע״ — „נייע אַרבעטער־וועלט״, נומ׳ (91) 39, נאָוועמבער, 1926, מ. ב.;

73. צי דאַרפן מיר אָרגאַניזירן אונדזער קלאַסן־קעגנער? (צו דער פראַגע פון אַ סאָציאַליסטישער האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע) — „נייע אַרבעטער־וועלט", נומ' (91) 39, נאָוועמבער, 1926, ל. עסטרין;
74. די פאַשיסטישע איבערקערעניש אין ליטע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 3, דעצעמבער, 1926, מ. ב.;
75. דער רעגירונגס־קריזיס אין דייטשלאַנד — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 3, דעצעמבער, 1926, מ. ב.;
76. וווהין גייען מיר? (צו דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 2, יאַנואַר, 1927, מ. לייבמאַן;
77. אין שייכות מיט אַ באַשולדיקונג — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 5, פעברואר, 1927, מ. ב.;
78. ענגלאַנדס פּאָליטיק אין כינע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 5, פעברואַר, 1927, מ. לייבמאַן;
79. די קאַפּיטולאַציע פון בירגערלעכן ציוניזם — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 6, פעברואר, 1927, ל. עסטרין;
80. נאָך צען יאָר — „אַרבעטער־צייטונג", — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 6 פעברואַר, 1927, י. ל.;
81. דער אימפּעריאַליסטישער שפּיל אין כינע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 6, פעברואַר, 1927, מ. לייבמאַן;
82. דער שוואַרצער בודזשעט (רעדע פון ח' לעוו בעת די בודזשעט־ויכוחים אין דער וואַרשעווער קהלה) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 7, פעברואַר, 1927;
83. די סעסיע פון דער פעלקער־ליגע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 11, מערץ, 1927, מ. לייבמאַן;
84. די מלחמה־סכנה אויפן באַלקאַן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 12, מערץ, 1927, מ. ב.;
85. דאָס פאַלן פון שאַנכיי — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 12, מערץ, 1927, מ. ב.;
86. דער סוף פון אַרביטראַזש — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 13, אַפּריל, 1927, מ. ב.;
87. די אַנטוואָפענונגס־קאָמעדיע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 14, אַפּריל, 1927, מ. לייבמאַן;
88. די קלאַסן־קריסטאַליזירונג פון דער כינעזישער רעוואָלוציע — „אַרבעטער־צייטונג, נומ' 16, אַפּריל, 1927, מ. ב.;
89. וועלט־ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען (צו דער וועלט־ווירטשאַפטלעכער קאָנפערענץ) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 16, אַפּריל, 1927, מ. לייבמאַן;
90. אַ יאָר וועלט ־ פּאָליטיק — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 17, אַפּריל, 1927, מ. ב.;

91. דער נייער שריט פון דער ענגלישער רעאַקציע — „אַרבעטער־צייטונג״ נומ׳ 20, מאַי, 1927, מ. ל.;

92. נאָך דעם וואַל־קאַמף אין וואַרשע — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 21, מאַי, 1927, מ. ב.;

93. די פ.פ.ס. אין אָפּאָזיציע — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 22, יוני, 1927, מ. ב.;

94. די נייע רעאַקציאָנערע פּלענער — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 23, יוני, 27, מ. ב.;

95. בונדיש־ציוניסטישער בלאָק אין דער וואַרשעווער קהלה — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 23, יוני, 1927, ל. עסטרין;

96. צום אַרטיסטן־צוזאַמענפאָר — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 25, יוני, 1927, י. ל.;

97. נאָך אַ קאָמפּראָמיטאַציע — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 25, יוני, 1927 מ. ב.;

98. די וואַלן צום יפוער שטאָט־ראָט (אַ בריוו פון פּאַלעסטינע) — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 26, יולי, 1927, מ. ב.;

99. די ווירטשאַפטלעכע לאַגע — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 26, יולי, מ. ב.;

100. די אַנטוואָפענונגס־קאָנפערענץ — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 26, יולי, 1927, מ. לייבמאַן;

101. נאָכן ציוניסטישן צוזאַמענפאָר — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 27, יולי, 1927, מ. לייבמאַן;

102. די רעאַקציע אַרבעט — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 27, יולי, 1927, מ. ב.;

103. אין בלאָק מיטן בירגערטום — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 28, יולי, 1927, מ. לייבמאַן;

104. וואָס זאָגן די פאַקטן? — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 28, יולי, 1927, מ. ב.;

105. וואָס זאָגן די פאַקטן? (2) — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 29, יולי, 1927, מ. ב.;

106. אין קאַמף פאַר ים־הערשאַפט — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 30, יולי, 1927, מ. לייבמאַן;

107. צום קאָנגרעס פון אַמסטערדאַמער פּראָפאינטערן — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 31, אויגוסט, 1927, מ. לייבמאַן;

108. נאָכן פאַריזער קאָנגרעס — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 32, אויגוסט, 1927, מ. לייבמאַן;

109. אויף אייגענע כוחות (נאָך דער ציריכער קאָנפערענץ) — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 34, אויגוסט, 1927, ל. עסטרין;

110. אַ פאַרדינטער קאָמפּלימענט — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 36, סעפּטעמבער, 1927, מ. ב.;

111. פאַר דער נייער סיים־סעסיע — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 37, סעפּטעמבער, 1927, מ. ב.;

112. אַן ענטפּער אויף רכילות — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 37, סעפּטעמבער, 1927, י. ל.;
113. שטיינער אויפן וועג — „אַרבעטער־צייטונג, נומ׳ 38, סעפּטעמבער, 1927, מ. לייבמאַן;
114. דער פופצנטער ציוניסטן־קאָנגרעס — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 38, סעפּטעמבער, 1927, ל. עסטרין;
115. דער פופצנטער ציוניסטן־קאָנגרעס (סוף) — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 39, סעפּטעמבער, 1927, ל. עסטרין;
116. קאָנצענטראַציע פון דער רעאַקציע — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 40, אָקטאָבער, 1927, ל.;
117. וואָס לערנען אונדז די צען יאָר יידאַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 44, אָקטאָבער, 1927, ל. עסטרין;
118. די מאַניפעסטאַציע פאַר אונדזער שול — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 46, נאָוועמבער, 1927, ל. עסטרין;
119. פאַשיזם און מלחמה — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 47, נאָוועמבער, 1927, מ. לייבמאַן;
120. נישט אין דער צייט — „אַרבעטער־צייטונג״, 6, פעברואַר, 1928, מ. ב.;
121. דער ערשטער סך־הכל — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 10, מערץ, 1928, מ. ב.;
122. די „רויטע״ אין דער וואַל־קאַמפּאַניע — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 11, מערץ, 1928, ל. עסטרין;
123. די אילוזיעס מוזן צערינען — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 13, מערץ, 1928, מ. ב.;
124. אין די דרכים פון אַלטן סיים — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 14, אַפּריל, 1928, מ. ב.;
125. צו די וואַלן אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 15, אַפּריל, 1928, מ. לייבמאַן;
126. פון מאַי 1927 ביז מאַי 1928 — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 17, אַפּריל, 1928, מ. ב.;
127. דער נייער שאָס (וואַיקאָוו) — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 19, מאַי, 1928, מ. ב.;
128. ישראל — דער קעמפער (צום 25־יעריקן יובילעום פון ח׳ ישראל רייכמאַן) — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 21, מאַי, 1928, י. לעוו;
129. דאָס אַנגעווייטיקטע פּראָבלעם — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 25, יוני, 1928, ל.;
130. „די נישט־פאַרפליכטנדיקע דעמאָנסטראַציע״ — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 29, יולי, 1928, מ. ב.;

131. אַזאַ איז דער 2־טער אינטערנאַציאָנאַל — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 30, יולי, 1928, מ. ב.;

132. דער פאַרשלייערטער מולך — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 30, יולי, 1928, מ. לייבמאַן;

133. פ.פ.ס. בלייבט אין „אָפּאָזיציע" — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 35, אָקטאָבער, 1928, מ. ב.;

134. דער אָפּטימיזם ווערט צערינען — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 41, אָקטאָבער, 1928, מ. ב.;

135. אַ באַזוך אויף דער פרעסע־אויסשטעלונג אין קעלן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 41, אָקטאָבער, 1928, י. ל.;

136. דער נייער אימפּעריאַליסטישער פראָנט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 42, אָקטאָבער, 1928, מ. לייבמאַן;

137. נישטאָ צווישן זיי קיין שום חילוק — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 43, אָקטאָבער, 1928, מ. ב.;

138. אין אָנהויב פון דער נייער סיים־סעסיע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 44, נאָוועמבער, 1928, מ. לייבמאַן;

139. דער עלפטער יאָר־טאָג — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 45, נאָוועמבער, 1928, מ. לייבמאַן;

140. דער „לינקער בלאָק" — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 46, נאָוועמבער, 1928, י. ל.;

141. ווירטשאַפטלעכע אילוזיעס און נאַציאָנאַליסטישער געפילדער — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 46, נאָוועמבער, 1928, מ. לייבמאַן;

142. בונדישע געמיינהייט אין ליכט פון פאַקטן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 46, נאָוועמבער, 1928, י. לעוו;

143. אויפן שוועל פון ווירטשאַפטלעכן קריזיס — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 47, נאָוועמבער, 1928, מ. לייבמאַן;

144. דער „לינקער" בלאָק אין קלעם — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 48, נאָוועמבער, 1928, מ. ב.;

145. בונדישע לעגענדע אין שיין פון דער געשיכטע — „אַרבעטער־צייטונג" נומ' 49, נאָוועמבער, 1928, ל. עסטרין;

146. ציוניסטן און אָרטאָדאָקסן — אין קלעריקאַלן פראָנט (רעדע פון ח' לעוו קעגן דעם שוואַרצן בודזשעט פון דער וואַרשעווער קהלה) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 50, דעצעמבער, 1928;

147. ווי אַזוי באַלעבאַטעוועט דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט (צו דער בודזשעט־דעבאַטע אינעם וואַרשעווער שטאָט־ראַט) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 50, דעצעמבער, 1928, י. ל.;

148. דער יריד אין לוגאַנע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 50, דעצעמבער, 1928, מ. לייבמאַן;

149. דער פריצייטיקער אָפּטימיזם — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 51, דעצעמבער, 1928, מ. ב.;

150. דער לעצטער עטאַפּ (1) (נאָך דער לעצטער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט) — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 52, דעצעמבער, 1928, ל. עסטרין;

151. דער לעצטער עטאַפּ (2) (נאָך דער לעצטער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט) — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 1, יאַנואַר, 1929, ל. עסטרין;

152. נאָך דער סאָוויעטישער נאָטע — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 1, יאַנואַר 1929, מ. ב.;

153. די יוגאָסלאַווישע איבערקערעניש — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 2, יאַנואַר, 1929, מ. לייבמאַן;

154. דער פרייז פאַר קאָאַליציע — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 3, יאַנואַר, 1929, מ. ב.;

155. די אַרבעטערשאַפט און די רעוויזיע פון דער קאָנסטיטוציע — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 4, יאַנואַר, 1929, מ. ב.;

156. אַ פּרינציפּלאָזע פּאַרטיי אין „פּרינציפּיעלער“ אָפּאָזיציע — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 5, פעברואַר, 1929, ל.;

157. אָנשטאָט קאַמף — קאָאַליציע — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 6, פעברואַר, 1929, מ. ב.;

158. פאַר דער רעוויזיע פון דער אַנטשעדיקונגס־פראַגע — „אַרבעטער־צייטונג, נומ׳ 6, פעברואַר, 1929, מ. לייבמאַן;

159. אונטער דער אייגענער קלאַסן־פאָן — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 7, פעברואַר, 1929, ל. עסטרין;

160. דורך אַנדערע כוחות — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 7, פעברואַר, 1929 מ. ב.;

161. דער באַרג האָט געבוירן אַ מויז — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 9, מערץ, 1929, מ. ב.;

162. די נייע מתנה — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 9, מערץ, 1929, י. ל.;

163. צום אַנטי־פאַשיסטן־קאָנגרעס — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 9, מערץ, 1929, מ. לייבמאַן;

164. ווער איז שולדיק? — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 10, מערץ, 1929, מ. ב.;

165. דער אייגנטלעכער ציל — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 10, מערץ, 1929, ל. ע.;

166. די געצוווּנגענע לאַגע — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 11, מערץ, 1929, ל. ע.;

167. „רעוואָלוציאָנערער“ אָנשטעל — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 11, מערץ, 1929, מ. ב.;

168. דער רעאַקציאָנערער פראָנט — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 12, מערץ, 1929, ל. ע.;

169. דער סך־הכל פון דער לעצטער סיים־סעסיע — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 13, מערץ, 1929, מ. ב.;
170. וועגן אונדזער באַציִונג צום „החלוץ" (דיסקוסיע־אַרטיקל) — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 13, מערץ, 1929, ל. עסטרין;
171. די נישט־פאַרענדיקטע רעוואָלוציע — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 13, מערץ, 1929, י. ל.;
172. נאָך איין באַווײַז — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 14, אַפּריל, 1929, מ. ב.;
173. „קאָזיאָנער" אָפּטימיזם אין ליכט פון פאַקטן — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 14, אַפּריל, 1929, ל. ע.;
174. „קאָזיאָנער" אָפּטימיזם אין ליכט פון פאַקטן (2) — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 15, אַפּריל, 1929, ל. ע.;
175. זיי האָבן צו דעם דערפירט — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 15, אַפּריל, 1929, מ. ב.;
176. „מיר דראָען נישט מיט קיין רעוואָלוציע" — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 16, אַפּריל, 1929, מ. ב.;
177. די יעוועסקישע אַסימילאַציע — אָן אַ מאַסקע — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 17, אַפּריל, 1929, ל. עסטרין;
180. אָן אָן אויסוועג — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 17, אַפּריל, 1929, מ. ב.;
179. די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע לאַגע — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 18, אַפּריל, 1929, ל. עסטרין;
180. אין צייכן פון נייע קאַמפן (צום 1־טן מאַי 1929) — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 18, אַפּריל, 1929, מ. ב.;
181. די בערלינער קאַמפן — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 19, מאַי, 1929, ל. ע.;
182. נאָך דריי יאָר — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 20, מאַי, 1929, מ. ב.;
183. פּ.פּ.ס. האָט ציַיט — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 21, אַפּריל, 1929, מ. ב.;
184. קעגן נייעם אָנגריף — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 22, מאַי, 1929, מ. ב.;
185. צום קאָנגרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען — אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 22, מאַי, 1929, ל. עסטרין;
186. פון די קאָנסערוואַטיון צו דער אַרבעטער־פּאַרטיי — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 23, יוני, 1929, מ. לייבמאַן;
187. נאָך די פּראָפעסיאָנעלע קאָנגרעסן — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 23, יוני, 1929, ל. עסטרין;
188. דער לעצטער עטאַפּ (צו דער פאַרייניקונג פון אחדות־העבודה און הפועל הצעיר) — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 24, יוני, 1929, ל. עסטרין;
189. מען זאָרגט פאַר די מינדערהייטן... — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 24, יוני, 1929, מ. ב.;
190. די קעניגלעכע דעקלאַראַציע פון דער לייבאָר־רעגירונג — „אַרבעטער־ציַיטונג", נומ' 27, יולי, 1929, מ. לייבמאַן;

191. ווירדע און מוט, צי פחדנות און געפאַלנקייט? — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 27, יולי, 1929, ל. עסטרין;
192. מיטן וואפן פון קלאַסן־קאַמף — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 27, יולי, 1929, בנימין;
193. פאַרווישט די גרענעצן — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 28, יולי, 1929, ל. עסטרין;
194. די נייעסטע „פאַציפיסטישע“ באָמבע — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 29, יולי, 1929, מ. לייבמאַן;
195. די „ליקווידאַציע“ ־ קאָנפערענץ — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 32, אויגוסט, 1929, מ. ב.;
196. די מלחמה און די יידישע אַרבעטערשאַפט — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 32, אויגוסט, 1929, ל. ע.;
197. דער סך־הכל — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 33, אויגוסט, 1929 ל. ע.;
198. רעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד אָדער רעאַקציאָנערער אַרויסטריט — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 38, סעפּטעמבער, 1929, ל. עסטרין;
199. אַראָפּגעווישט די אָפּאָזיציאָנעלע שמינקע — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 40, סעפטעמבער, 1929, מ. ב.;
200. צביעותדיקער אָנשטעל — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 41, אָקטאָבער, 1929, מ. ב.;
201. פּאַרלאַמענטאַרישער קרעטיניזם — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 42, אָקטאָ־בער, 1929, מ. ב.;
202. נאָך איין „קאַמפס“־רעזאָלוציע — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 43, אָקטאָבער, 1929, מ. ב.;
203. אויף די חורבות פון די בונדישע פּראָפ.־פאַריינען — „אַרבעטער־צייטונ“, נומ׳ 44, אָקטאָבער, 1929, מ. ב.;
204. צום אָנהויב פון דער סיים־סעסיע — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 45, נאָוועמבער, 1929, מ. ב.;
205. פאַלשע לאָזונגען, שעדלעכע טאַקטיק — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 46, נאָוועמבער, 1929, מ. ב.;
206. „דאָס לאַנד וויל רו“ — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 47, נאָוועמבער, 1929 מ. ב.;
207. דער פרעמיער האָט גערעדט — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 48, נאָוועמבער, 1929, מ. ב.;
208. דער אַלטער קורס אינעם נייעם שלייער — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 53, דעצעמבער, 1929, מ. ב.;
209. די אָפּאָזיציאָנעלע ליקווידאַציע — „אַרבעטער־צייטונג“, נומ׳ 2, יאַנואַר, 1930, מ. ב.;

210. ווער איז פּאַטריאָטיש? — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 8, פעברואַר, 1930, מ. ב.;
211. ישראל ביין (ביניש) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 9, פעברואַר, 1930, מ. ב.;
212. אין די נעגל פון קריזיס — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 9, פעברואַר, 1930, ל. עסטרין;
213. אין די נעגל פון קריזיס (2) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 10, מערץ, 1930, ל. עסטרין;
214. די יידישע מאַסן און די אַרבעטסלאָזיקייט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 11, מערץ, 1930, ל. עסטרין;
215. „אַ קאָמיסיע וואָס איז געוואָרן איבעריק" — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 10, מערץ, 1930, מ. ב.;
216. דער סוף פון דער לעגענדע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 11, מערץ, 1930, מ. ב.;
217. אין אָפענע קאָרטן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 13, מערץ, 1930, מ. ב.;
218. פאָרעם און אינהאַלט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 14, אַפּריל, 1930, מ. ב.;
219. עס איז צייט צו ענדיקן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 15, אַפּריל 1930 מ. ב.;
220. די אָנגעזאָגטע ישועות — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 16, אַפּריל, 1930, מ. ב.;
221. פון מאַי צו מאַי (אינטערנאַציאָנאַלער איבערזיכט) — „אַרבעטער־צייטונג, נומ׳ 17, אַפּריל, 1930, ל. עסטרין;
222. מאַקדאָנאַלדס איינוואַנדערונגס־פאַרבאָט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 21, מאַי, 1930, ל. עסטרין;
223. דאַשינסקיס רוגז — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 23, יוני, 1930, מ. ב.;
224. באַנקראָטירטע פּאָליטיק אונטער אַ נייער מאַסקע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 26, יוני, 1930, מ. ב.;
225. אומזיסט האָט מען צו די טענות — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 28, יולי, 1930, מ. ב.;
226. קעגן אימפּעריאַליסטישע מלחמות — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 31, אויגוסט, 1930, מ. ב.;
227. ערב דעם לעגיאָניסטן־צוזאַמענפאָר — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 32, אויגוסט, 1930, מ. ב.;
228. נאָך ראַדאָס — אָן ענדערונג — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 33, אויגוסט, 1930, מ. ב.;
229. ווי פּ.פּ.ס. האָט געקעמפט פאַר שלום... — „אַרבעטער־צייטונג", נומ׳ 33, אויגוסט, 1930, בנימין;

230. דאַשינסקי אַפּעלירט ווידער — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 34, אויגוסט, 1930, מ. ב.;

230א' ראַטן־פאַרבאַנדישע ווירקלעכקייט און יעווסעקישע אומבאַהאָלפנקייט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 34, אויגוסט, 1930, מ. ב.;

231. נאָכן פאַנאַנדערלאָזן דעם סיים — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 36, סעפּטעמבער, 1930, מ. ב.;

232. „צענטראַלעוו" אויף דער וואַל־אַרענע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 37, סעפּטעמבער, 1930, מ. ב.;

233. עס מערן זיך לעקציעס — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 38, סעפּטעמבער, 1930, מ. ב.;

234. אין אויסזיכטלאָזן געיעג נאָך מאַנדאַטן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 42, אָקטאָבער, 1930, ל. עסטרין;

235. דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס פאַרשטאַרקט זיך — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 44, אָקטאָבער, 1930, מ. ב.;

236. די דערפאַרונג דאַרף לערנען (נאָך די וואַלן צום סיים) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 47, נאָוועמבער, 1930, מ. ב.;

237. דער וואַל־דורכפאַל פון די „רויטע" — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 49, דעצעמבער, 1930, ל. עסטרין;

238. געזערד — דער אבן־נגף פון דער יעווסעקציע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 1, יאַנואַר, 1931, י. ל.;

239. די נייע פאַציפיסטישע פאַרשטעלונג — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 20 מאַי, 1931, מ. ב.;

240. אַ סימן פון דער צייט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 21, מאַי, 1931, ל. עסטרין;

241. מיטן אַלטן אויסגעטרעטענעם וועג... — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 23, יוני, 1931, מ. ב.;

242. דער נייער סטאַביליזאַציע־פּלאַן פון אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַל — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 26, יוני, 1931, מ. לייבמאַן;

243. פּרינציפּלאָזיקייט און דעמאַראַליזאַציע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 26, יוני, 1931, ל. ע.;

244. די נייע „אַקציע" קעגן אַרבעטסלאָזיקייט — „אַרבעטער־צייטונג", נומער 33, אויגוסט, 1931, מ. ב.;

245. די ענגלישע לעקציע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 34, סעפּטעמבער, 1931, מ. לייבמאַן;

246. דער באַרג־אַראָפּ פונעם קאַפּיטאַליזם — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 37, סעפּטעמבער, 1931, מ. לייבמאַן;

247. סאָנאַטאָרישע רעפאָרמען — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 40, אָקטאָבער, 1931, י. ל.;
248. צום מהות פון וועלט־ווירטשאַפטלעכן קריזיס — „אַרבעטער־צייטונג״ נומ׳ 41, אָקטאָבער, 1931, מ. לייבמאַן;
249. אַ בושה און אַ אילוזיעס — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 41, אָקטאָבער, 1931, מ. ב.;
250. דער בריסקער פראָצעס — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 42, אָקטאָבער, 1931, מ. ב.;
251. דייטשלאַנד פאַר דער אַנטשיידונג — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 46, נאָוועמבער, 1931, מ. לייבמאַן;
252. דער אימפּעריאַליסטישער בלוט־שפּיל אויפן ווייטן מזרח — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 1, יאַנואַר, 1932, מ. לייבמאַן;
353. פראָנט פון אַלע קעגן אַלע — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 3, יאַנואַר, 1932, מ. לייבמאַן;
254. נישט מער ווי אַ דעקאָראַציע — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 3, יאַנואַר, 1932, מ. ב.;
255. נאָכן בריסקער פראָצעס — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 3, יאַנואַר, 1932, ל. ע—ן;
256. מלחמה־פלאַמען און אינטערווענץ־פּלענער אויפן ווייטן מזרח — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 5, פעברואַר, 1932, מ. לייבמאַן;
257. קאָנסטאַנץ — תל־אביב — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 16, מאַי, 1932, י. לעוו;
258. די בלוטיקע קאַמפן אין באָמביי — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 16, מאַי 1932, מ. ב.;
259. תל־אביב (רייזע־איינדרוקן פון פּאַלעסטינע) — „אַרבעטער־צייטונג, נומ׳ 18, יוני, 1932, י. לעוו;
260. אין ליכט פון איבערשיכטונגס־פּראָצעס (רייזע־איינדרוקן פון פּאַלעסטינע) — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 19, יוני, 1932, י. לעוו;
261. איבער פאַבריקן (איינדרוקן פון אַ רייזע איבער ארץ־ישראל) — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 21, יוני, 1932, י. לעוו;
262. אין אַרבעטער־ווירטשאַפטן (1) (רייזע־איינדרוקן פון פּאַלעסטינע) — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 22, יולי, 1932, י. לעוו;
263. אין אַרבעטער־ווירטשאַפטן (2) (רייזע־איינדרוקן פון פּאַלעסטינע) — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 23, יולי, 1932, י. לעוו;
264. די נייע ענגלישע אינטריגע — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 23, יולי, 1932, מ. לייבמאַן;
265. צי טאַקע ווי אויף אַ ווולקאַן? (רייזע־איינדרוקן פון פּאַלעסטינע) — „אַרבעטער־צייטונג״, נומ׳ 24, יולי, 1932, י. לעוו;

266. אַ פראַגע וואָס מאָנט אָן ענטפער (1) (רייזע־איינדרוקן פון פּאַלעסטינע) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 25, יולי, 1932, י. לעוו;

267. אַ פראַגע וואָס מאָנט אָן ענטפער (2) (רייזע־איינדרוקן פון פּאַלעסטינע) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 26, יולי, 1932, י. לעוו;

268. דער פּויליש־סאָוויעטישער נישט אָנגריף־פּאַקט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 26, יולי, 1932, מ. ב.;

269. די הסתדרות (1) (פון אַ רייזע איבער פּאַלעסטינע) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 27, אויגוסט, 1932, י. לעוו;

270. די הסתדרות (2) (פון אַ רייזע איבער פּאַלעסטינע) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 28, אויגוסט, 1932, י. לעוו;

271. אין קלעם פון קריזיס — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 28, אויגוסט, 1932, מ. ב.;

272. פון פּאַן־פּאַפּען — צו היטלער — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 28, אויגוסט, 1932, מ. ל.;

273. אַ סיכסוך אין דער משפּחה — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 29, אויגוסט, 1932, מ. ב.;

274. די מגפה אין „בונד" און דער קאַמף קעגן איר — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 29, אויגוסט, 1932, בנימין;

275. עס איז בלויז אַ לעגענדע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 29, אויגוסט, 1932, ל. עסטרין;

276. 25 יאָר וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 29, אויגוסט, 1932, י. לעוו;

277. דער קריזיס פון דער יידישער עמיגראַציע אין פּוילן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 30, אויגוסט, 1932, י. לעוו;

278. פאַרענדיקט דעם וועג — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 30, אויגוסט, 1932, ל. עסטרין;

279. ביי אַלץ גרעסערער נויט — שווערערע לאַסטן — „אַרבעטער־צווטונג", נומ' 32, סעפּטעמבער, 1932, מ. ב.;

280. אין שפּיגל פון דערווירקלעכקייט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 33, סעפּטעמבער, 1932, מ. ב.;

281. איין קראַ וועט דער צווייטער קיין שלעכטס נישט טון — „אַרבעטער־צייטונג" נומ' 35, אָקטאָבער, 1932, מ. ב.;

282. די זשיראַרדאָווער טראַגעדיע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 38, אָקטאָבער, 1932, מ. ב.;

283. די דייטשע ס.ד. פאַראורטיילן איר אייגענע פּאָליטיק — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 1, יאַנואַר, 1934, י. ל.;

284. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויף „נייע" וועגן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 4, יאַנואַר, 1934, י. ל.:

.285 „דער קריזיס האָט זיך אָפּגעשטעלט" — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 4, יאַנואַר, 1934, מ. ב.;

.286 פאַשיסטישער אויפמאַרש אין פראַנקרייך — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 6, פעברואַר, 1934, י. ל.

.287 די וואַרשעווער קהלה־פאַרוואַלטונג וויל נישט קיין קאָנטראָל — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 9, מערץ, 1934, י. לעוו;

287א' דער ענטפער פון פועלי־ציון האָט זיך באַשטעטיקט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 43, מערץ, 1934, י. לעוו;

.288 צו די פּראָבלעמען פון פועלי־ציוניזם (פּראָבלעמען פון דער יידישערווירקלעכקייט אין דער איבערגאַנגס־תקופה) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 48, אָקטאָבער, 1934, י. לעוו;

.289 די קוליסן פון דער בריטישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 14, סעפּטעמבער, 1936, ל. עסטרין;

.290 צום שוץ פון די קעמפנדע שפּאַנישע פאָלקס־מאַסן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 18, אָקטאָבער, 1936, מ. לייבמאַן;

.291 די ראָל פון עמיגראַציע אין יידישן לעבן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 19, אָקטאָבער, 1936, י. לעוו;

.292 דער „בונד" בלייבט זיך טריי — „אַרבעטער־צייטונ", נומ' 19, אָקטאָבער, 1936, ל. עסטרין;

.293 פּאָליטישע אַריטמעטיק צי פּאָליטישער אויסוועג? — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 20, אָקטאָבער, 1936, י. ל.;

.294 די נייע קעניגלעך־בריטישע קאָמיסיע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 20, אָקטאָבער, 1936, ל. עסטרין;

.295 יאַפּאַנישער אימפּעריאַליזם אין אָנגריף — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 26, דעצעמבער, 1936, מ. לייבמאַן;

.296 מיר זענען נישט קיין אויסנאַם... — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 27, דעצעמבער, 1936, מ. ב.;

.297 צווישן פיקציע און ווירקלעכקייט (בונד און די יידן־פראַגע) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 27, דעצעמבער, 1936, י. לעוו;

297א' אַקטועלע פראַגן פון דער פּראָפ.־באַוועגונג — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 2, יאַנואַר, 1937, ל. ע.;

297ב' נאָכן קאָנגרעס פון פ.פ.ס. — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 6, פעברואַר, 1937, ע—ן

.298 צום פּראָבלעם: סטראַגאַן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 8, פעברואַר, 1937, י. ל.;

.299 באַלערנדיקע ציפערן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 9, פעברואַר, 1937, י. ל.;

299א' ציפערן וועגן „יידישער פאַרפּלייצונג" — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 10, מערץ, 1937, י. ל.;

299ב' אַרביטראַזש און שטרייק־רעכט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 12, מערץ, 1937, ט.;

299ג' „ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם" — נומ' 13, מערץ, 1937, י. לעוו;

300. דער אזיאַטישער בלאָק און די פּאַן־איסלאַמישע און פּאַן־אַראַבישע באַוועגונג — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 14, אַפּריל, 1937, מ. לייבמאַן;

301. בריסק! — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 21 מאַי, 1937, ב. מ.;

302. פּאַריזער וועלט־אויסשטעלונג און... פּאָליטיק — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 22, מאַי, 1937, מ. ב.;

302א' אוקראַינער קעגן אַנטיסעמיטיזם — ענדעקעס קעגן אוקראַינער — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 24, יוני, 1937, ב. מ.;

303. אויפן ביראָ־בידזשאַנער פראָנט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 25, יוני, 1937, ל. עסטרין;

304. נאָכן באַריכט פון דער קעניגלעכער־קאָמיסיע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 28, יולי, 1937, י. לעוו;

304א' צייט־נאָטיצן, פּויליש רומענישע וויזיטן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 28, יולי, 1937, ב. מ.;

305. אין קלעם פון אייגענער אומבאַהאָלפנקייט... — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 30, יולי, 1937, י. ל.;

306. דער יוגנט־סעקטאָר פון „אָזאָן" האָט גענומען אַ וואָרט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 32, אויגוסט, 1937, ב. מ.;

305א' בונדישע סטראַטעגיע אין ליכט פון... ציפערן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 33־32, אויגוסט, 1937, י. ל.;

306ב' די גרענעצן וועגן פּאַרווישט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 37, סעפּטעמבער, 1937, מ. ב.;

306ג' אַ פאַלשע און שעדלעכע טענה — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 37, סעפּטעמבער, 1937, ל. ע.;

307. דער פּאַלעסטינער פּראָבלעם פאַר דער פעלקער־ליגע — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 40, אָקטאָבער, 1937, ל. עסטרין;

307א' אויפן פראָנט פון שפּאַנישן בירגער־קריג — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 30, סעפּטעמבער 1937, ל. עסטרין;

307ב' דער ווירדיקער ענטפער — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 42, אָקטאָבער 1937, ב. מ.;

307ג' וואוהין פירט דער וועג? — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 43, אָקטאָבער, 1937, ב. מ.;

308. דאָס אַגראַר־פּראָבלעם אין פּוילן... און יידן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 11, מערץ, 1938, י. ל.;

309. דער וועג פון אויסנאַם־געזעצן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 13, אַפּריל, 1938, מ. ב.;

310. נאָך די סיים־וואַלן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 39, נאָוועמבער, 1939, מ. ב.;

311. פראַנקרייך אויפן שייד־וועג — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 40, נאָוועמבער, 1938, מ. ב.;

312. דער „אַזאַן" איז קאָנסעקווענט... — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 44, דעצעמבער, 1938, מ. ל.;

313. יידן אין דער פוילישערווירטשאַפט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 6, פעברואַר, 1939, ב. מ.;

314. אין אַן אויפגעשטורעמטער צייט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 7, מערץ, 1939, י. לעוו;

315. אין אַ דעצידירנדיקן מאָמענט! — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 9, מערץ, 1939, מ. ב.;

316. נאָכן באַנקראָט פון דער „מינכענער" פּאָליטיק — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 10, מערץ, 1939, ב. מ.;

317. אַנטקעגן דעם וועלט־פּאַרמעסט — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 11, אַפּריל, 1939, י. ל.;

318. רוזוועלטס אַפּעל אין שוץ פון שלום — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 13, אַפּריל, 1939, ל. ע.;

319. אויף אַן אַלט־נייער טעמע (1) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 14, אַפּריל, 1939, י. ל.;

320. אויף אַן אַלט־נייער טעמע (2) — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 15, מאַי, 1939, י. ל.;

321. קאַמף קעגן אַנטיסעמיטישער העצע — דער געבאָט פון דער שעה! — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 16, מאַי, 1939, ב מ.;

322. דער טומל אַרום וויטאָסן — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 20 אַפּריל, 1939, ב. מ.;

322א' אַלע טויערן פאַרמאַכט! די פּיין פון יידישע פּליטים — וואָס זאָגט דערצו דער „בונד"? — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 20, יוני, 1939, ב. מ.;

323. ווער איז דער זיגער? — „אַרבעטער־צייטונג", נומ' 24, יולי 1939, ב. מ.;

324. די יידישע פּליטים אין „גלות־ווילנע" — „נייוועלט", נומ' 8, אַפּריל 1940, ל. ע.

325. וואָס האָט דערפירט צו חורבן פוילן? — „נייוועלט", נומ' 9, אַפּריל, 1940, י. לעוו;

326. די סיבות פון פוילנס צוזאַמענברוך — „נייוועלט", נומ' 11, מאַי, 1940 י. לעוו;

327. פוילנס אויסערן־פּאָליטיק — „נייוועלט", נומ' 12, מאַי, 1940, י. לעוו;

328. די ענדערונג אין ענגלישן קאַבינעט — „נייוועלט", נומ' 13, מאַי, 1940, י. לעוו;

329. די היטלעריסטישע מעטאָדן אין דער קריגס־סטראַטעגיע — „נייוועלט״, נומ׳ 14, מאַי, 1940, י. לעוו;

330. דער פּאַראַט פונעם בעלגישן קעניג — „נייוועלט״, נומ׳ 15, „מאַי, 1940, י. לעוו;

331. היטלער שטופּט איטאַליע אין קריג — „נייוועלט״, נומ׳ 16, יוני, 1940, י. לעוו;

332. אַמעריקע און דער קריג אין אייראָפּע — „נייוועלט״, 17־טער יוני 1940. י. לעוו;

333. דער קאַמף אויפן מיטללענדישן ים — „נייוועלט״, נומ׳ 19, יוני, 1940, י. לעוו;

334. ראַטנפאַרבאַנד און דער באַלקאַן — „נייוועלט״, נומ׳ 20, יולי, 1940 י. לעוו;

335. צו וואָס צילט יאַפּאַן מיט איר אינוואַזיע אין אינדאָ־כינע? — „נייוועלט״, נומ׳ 32, סעפּטעמבער, 1940, י. לעוו;

336. דער נייער פאַשיסטישער בונד — אַ קריג פאַר אַ „נייער וועלט־אָרדנונג״ — „נייוועלט״, נומ׳ 33, אָקטאָבער, 1940, י. לעוו;

337. ראַטנפאַרבאַנד און די פאַשיסטישע אַקס — „נייוועלט״, נומ׳ 34, אָקטאָבער, 1940, י. לעוו;

338. די פאַשיסטישע אַקס זוכט אַנטשיידונג אויסער אייראָפּע — „נייוועלט״, נומ׳ 36, אָקטאָבער, 1940, י. לעוו;

339. מלחמה — די וויכטיקסטע שטרייטפראַגע ביי די וואַלן אין אַמעריקע — „נייוועלט״, נומ׳ 37, נאָוועמבער, 1940, י. לעוו;

340. דער וואַל־אויסגאַנג אין אַמעריקע און זיין ווירקונג אויפן גאַנג פון דער מלחמה — „נייוועלט״, נומ׳ 39, נאָוועמבער, 1940, י. לעוו;

341. מפא״י גייט ווייטער אין שפּאַן — „נייוועלט״, נומ׳ 40, נאָוועמבער, 1940, מ. לייבמאַן;

342. דער יקרות און דער קאַמף קעגן אים — „נייוועלט״, נומ. 41, נאָוועמבער, 1940, י. לעוו;

343. די פאַשיסטישע אַקס אין קלעם צוליב איטאַליענס מפּלות — „נייוועלט״, נומ׳ 43, דעצעמבער, 1940, י. לעוו;

344. אַ לעבנס־וועג פון אָפּטימיזם און פעסטקייט (שכנא זאגאַן אין דער פוילישער פועלי־ציון־פּאַרטיי) — „נייוועלט״, נומ׳ 22, מאַי, 1943, י. לעוו;

345. די אַפּראָוויזאַציע־שיטה אין לאַנד אויף פאַלשע וועגן — „נייוועלט״, נומ׳ 41, אָקטאָבער, 1943, מ. ב.;

346. שנאה פירט צו שקר — „נייוועלט״, נומ׳ 2, יאַנואַר, 1944, י. ל.;

347. די רעטונג ליגט אין אונדזערע הענט! — „נייוועלט״, נומ׳ 5, פעברואַר, 1944, י. ל.;

348. לאַזער סטאָלער (שטריכן צו זיין געשטאַלט (1) — „נייוועלט״, נומ׳ 9, מערץ, 1944, י. לעוו;

349. לאַזער סטאָלער (2) — „נייוועלט״, נומ׳ 11, מערץ, 1944, י. לעוו;

350. יידן־שנאה און יידישע היימלאָזיקייט — „נייוועלט״, נומ׳ 51, דעצעמבער, 1944, י. לעוו;

351. דער אמת וועגן קאַמף פון געטאָ — „נייוועלט״, נומ׳ 34, אויגוסט, 1945 י. לעוו;

352. נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון הסתדרות — „נייוועלט״, נומ׳ 40 סעפּטעמבער, 1945, י. לעוו;

353. יידיש־אַראַבישע דערנענטערונג אין מעשים, נישט נאָר אין ווערטער — „נייוועלט״, נומ׳ 49, דעצעמבער, 1945, י. לעוו;

354. דער אַנגלאָ־סאַקסישער אַנטי־ציוניזם אין ליכט פון דער וועלט־פּאָליטיק — „נייוועלט״, נומ׳ 50, דעצעמבער, 1945, י. לעוו;

355. די סכנה פון בעווינס פּאָליטיק (אַרום דער דיסקוסיע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, „נייוועלט״, נומ׳ 9, מערץ, 1946, ל. ע.;

356. דער באַריכט פון דער פּאַרש־קאָמיסיע און די כוונות פון ענגלאַנד — „נייוועלט״, נומ׳ 19, מאַי, 1946, י. לעוו;

357. די ענגליש־מצרישע אונטערהאַנדלונגען — „נייוועלט״, נומ׳ 22, מאַי, 1946, י. ל.;

358. אין אַ נייעם עטאַפּ — „נייוועלט״, נומ׳ 25, יוני 1946, ל. ע.;

359. אין סתירה מיט זיך אַליין — „נייוועלט״, נומ׳ 26, יוני, 1946, ל. ע.;

360. דער קאַמף פאַר די פּערסישע נאַפט־פעלדער — „נייוועלט״. נומ׳ 31, אויגוסט, 1946, ל. ע.;

361. די קאָנפערענץ פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן — „נייעוולט״, נומ׳ 37, סעפּטעמבער, 1946, י. ל.;

362. זאָלן רעדן די פאַקטן — „דאָס אַרבעטער־פּאַלעסטינע״ נומ׳ 1, סעפּטעמבער, 1931, י. לעוו;

363. אוין וועג צו רעאַליזירונג — „דאָס אַרבעטער־פּאַלעסטינע״ נומ׳ 2, אָקטאָבער, 1931, י. לעוו;

364. אין סימפּסאָנס דרכים — ״דאָס אַרבעטער־פּאַלעסטינע״ (5) 1, מערץ, 1932, ל. עסטרין;

365. דער רעוויזיאָניסטישער אַנגריף אויף דער אַרבעטערשאַפט — ״דאָס אַרבעטער־פּאַלעסטינע״ נומ׳ (6) 2, נאָוועמבער, 1932, ל. עסטרין;

366. עבר־הירדן אויפן סדר־היום — „דאָס אַרבעטער־פּאַלעסטינע״ נומ׳ 1 פעברואַר, 1933, י. לעוו;

367. די הסתדרות און די פרייע עליה — „דאָס אַרבעטער־פּאַלעסטינע, נומ׳ (8) 2. יוני, 1933, י. לעוו;

368. ווען הסתדרות איז געוואָרן בר־מצוה... — „דאָס אַרבעטער־פּאַלעסטינע״, נומ׳ 1, מערץ, 1934, י. ל.;

369. לחשבון עולמנו היהודי — „דרך הפועל" — נומ' (84) 3, אַפּריל, 1940, י. לב;

370. מכת החרם — למי? — „דרך הפועל", נומ' 5 דצמבר, 1945, י. לב;

371. בתי ספר של ציש"א, אנציקלופדיה של גלויות — כרך ראשון, ואַרשה, יצחק לב;

372. האיגוד המקצועי של פועלים, אנציקלופדיה של גלויות — כרך ראשון, ואַרשה, יצחק לב;

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

זייטן :

1. פון די אַרויסגעבער VII
2. אין געראַנגל — י. זרבבל . . . . IX—XIV
3. לעבן און קאַמף פון יצחק לעוו (ביאָגראַפישע שטריכן) . . . XV—XX
4. שטענדיק אַקטיוו — מ. ערעם . . . . XXI—XXIII
5. די טרייב־קראַפט פון דער פּאַרטיי — חיים בראַנד . . . . . XXIV—XXVIII
6. אַ חבר, פריינד און קעמפער — ש. ראָזענבערג . . . . . XXX—XXXII
7. אין ברען פון אונדזער געלויף — ל. שמעוני . . . . . . XXXIII—XXXVI
8. דער פריינד פון משמר הנגב — י. זשאַמסקי . . . . . . XXXVII—XXXVIII
9. יצחק לעוו — דער פּראַקטיק פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי אין פּוילן — ה. פינקעלשטיין XXXIX—XLIV
10. צוויי ערשטע באַגעגענישן — דניאל לייבל . . . . . . XLV—XLVIII

1. קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם . . . . 51—55
2. צום קאָנגרעס פאַר רעכט אויף אַרבעט . . . . 55—59
3. קאָנגרעס פון אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל . . . . . . 60—64
4. דיסקוסיע אינעם „בונד" . . . . 64—68
5. חאַל־דורכפאַל פון די „רויטע" . . . . 68—73
6. די יידישע מאַסן און די אַרבעטסלאָזיקייט . . . . . . 73—76
7. דער קריזיס פון דער יידישער עמיגראַציע אין פּוילן . . . . 76—83
8. די ראָל פון דער עמיגראַציע אין יידישן לעבן . . . . . 83—90
9. בונדישע סטאַטיסטיק . . . . 91—97
10. דאָס אַגראַר־פּראָבלעם אין פּוילן און... די יידן . . . . . 97—103
11. צען יאָר „יידאַרבעט" . . . . 107—113
12. „געזערד" — דער אבן־נגף פון דער יעווסעקציע . . . . . 113—120
13. אויפן ביראָבידזשאַנער פראָנט . . . . 121—125
14. די קלאַסן־קריסטאַליזירונג פון דער כינעזישער רעוואָלוציע . . . 129—130
15. עלף יאָר ראַטנפאַרבאַנד . . . . 130—136
16. צום אַנטיפאַשיסטישן קאָנגרעס . . . . 136—139
17. פאַר דער קאָנפערענץ אין לאָזאַן . . . . 139—144
18. הינדענבורג און היטלער . . . . 145—148
19. פּוילן אין דעצידירנדיקן מאָמענט . . . . 148—151

		זייטן
20.	די סיבות פון פוילנס צוזאַמענברוך	151—156
21.	ראַטנפאַרבאַנד און באַלקאַן	156—158
22.	די יידישע איינוואַנדערונג אין ארץ־ישראל	161—164
23.	אויפן וועג צו רעאַליזירונג	164—169
24.	רעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד אָדער רעאַקציאָנערער אַרויסטריט	169—173
25.	דער „בונד" בלייבט זיך טריי...	173—177
26.	די קאָנטררעוואָלוציאָנערע ראָל פון דער קאָמפּאַרטיי אין פּאַלעסטינע	177—180
27.	די קוליסן פון דער בריטישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל	180—185
28.	די נייע קעניגלעכע קאָמיסיע וועגן ארץ־ישראל	186—190
29.	„בונד" אין קאַמף קעגן אַ יידישער מדינה	191—197
30.	דאָס ארץ־ישראל־פּראָבלעם פאַר דער פעלקער־ליגע	198—202
31.	איינדרוקן פון אַ רייזע אין ארץ־ישראל	203—254
32.	צו דער פראַגע וועגן איינהייטלעכן ארץ־ישראל־פראָנט	255—261
33.	חעגן אונדזער באַציונג צום „החלוץ"	262—264
34.	25 יאָר חעלט־פאַרבאַנד פועלי־ציון	264—269
35.	פּראָבלעמען פון דער יידישער חירקלעכקייט אין דער איבערגאַנגס־תקופה	269—278
36.	אָפענע אויגן פאַר דער יידישער חירקלעכקייט	281—288
37.	דער אמת וועגן קאַמף פונעם געטאָ	288—292
38.	יידן־שנאה און יידישע היימלאָזיקייט	292—296
39.	יידיש־אַראַבישע דערנענטערונג	297—300
40.	„השומר הצעיר" אין סתירה מיט זיך אַליין	300—304
41.	דער אַנגלאָ־סאַקסישער אַנטי־ציוניזם	305—308
42.	די רעטונג ליגט אין אונדזערע הענט	308—310
43.	אַ קאַפּיטל פון פּיין און גבורה	311—318
44.	באַראַכאָוו אין שטורעם פון צייטן	319—324
45.	אין אַן אויפגעשטורעמטער צייט	327—333
46.	אַ לעבנס־חעג פון אָפּטימיזם און פעסטקייט (שכנא זאַגאַן)	333—337
47.	לאַזער סטאָלער	338—343
48.	ישראל ביין (ביניש)	343—345
49.	ישראל שורעק (הייסקינד)	345—352
50.	ביבליאָגראַפיע	353—373

די בילדער אינעם בוך:

זייטן:

1. יצחק לעוו 5
2. יצחק לעוו מיט אַן אייניקל XVI
3. לעוו מיט זיין משפחה XVIII
4. יצחק לעוו אין לאַגער האַפּעלבערג XXVI
5. לעוו מיט חברים אין ישראל XXVIII
6. חברים פון צ. ק. פועלי־ציון אין ישראל XXIX
7. י. לעוו, מ. פעדערמאַן (קאַנאַדע) מיט ח״ח פון צ. ק. אין ישראל . . . XXXVIII
8. די עלטערן פון יצחק לעוו XLI
9. דעלעגאַציע פון פוילן אויף דער צענטער וועלט־קאָנפערענץ אין ירושלים . . XLIV
10. לאַנד־צוזאַמענפלי פון „גוויאַזדאַ־שטערן" אין פוילן 53
11. צוזאַמענפאָר פון פועלי־ציון־ראַטמענער אין פוילן 58
12. לעוו, זרבבל, גרשוני — אין אָטוואָצק 86
13. קאָנפערענץ פון אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון אין פוילן 88
14. 2־טער צוזאַמענפאָר פון ציש״א אין פוילן 92
15. לעוו אויף אַ זיצונג פון דער ליגע פאַר פריינטשאַפט ישראל—פוילן . . . 126
16. פועלי־ציון־דעלעגאַציע אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל 165
17. צ. ק. פון פועלי־ציון אין ישראל 167
18. לעוו מיט חברים אין ניו־יאָרק 199
19. אין סעמינאַר „אפעל" — לעוו מיט חברים 201
20. יצחק לעוו מיט אַ גרופּע חברים אין אַרגענטינע 273
21. י. לעוו און י. זאַק אין מאַדריד 275
22. די מצבה פון יצחק לעוו 352

אינסטיטוט צו פאָרשן די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג א.נ. פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום

פון דער סעריע „ילקוטי פועלי־ציון״

רעדאַגירט דורך די ח״ח

ז. אַבראַמאָוויטש, זרבבל, | י. פּעטערזייל | און | י. ראָזען |

זענען ביז איצט דערשינען:

1. די ערשטע און צווייטע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד (המהפכה הראשונה והשניה ברוסיה 1917—1905).
העברעיש (אויספאַרקויפט)

2. פון באַלפור ביז בעווין — ענגלאַנד און דער ציוניזם (מבלפור עד בעווין)
העברעיש

3. דער געראַנגל אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער אַרענע — I טייל 1907—1927 (המאבק בזירה הפרולטרית הבין־לאומית)
העברעיש

4. דער געראַנגל אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער אַרענע II טייל 1928—1947 (המאבק בזירה הפרולטרית הבין־לאומית)
העברעיש

5. פון בריטישן מאַנדאַט ביז דער יידישער מדינה (אַרויסגעגעבן דורך „אונדזער וואָרט״, בועגאָס איירעס — ביי דער מיטהילף פון אחדות־העבודה—פועלי־ציון אין אַמעריקע)
יידיש

6. מוליע (שמואל עדעלמאַן) — זאַמלונג צו זיין אָנדענק
יידיש

7. יוסף ראָזען — געקליבענע שריפטן
העברעיש

באַשטעלונגען קאָנען געמאַכט ווערן ביי דער י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב, אַלנבי 31

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק
זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדע ביכער:

י. זרובבל:	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענדער)
מענדל מאַן:	נאַכט איבער גלושינאָ
אברהם סוצקעווער:	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן:	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי:	בילדער און דערציילונגען
י. פאַפּיערניקאָוו:	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן:	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק:	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין:	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ לעבן)
אפרים שרייער:	קונסט און טעאַטער (העברעיש)
יצחק פאַנער:	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
מלך נוי — ניישטאַדט:	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת־ישראל
מרדכי יפה:	צען ישראל־דיכטער

Publishing I. L. Peretz Library,
31 *Allenby Str. Tel-Aviv, Israel.*